STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06177

IN SHOYM FUN LEBEN

A. Bookstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בוקשטיין

אין שוים פון לעבען

[א זיטן-געשיכטע פון אידיש-אמעריקאנער לעבן אין דער נאָענטער פאַרגאַנגנהייט]

Copyright, 1931 by A. BOOKSTEIN, New York

Es ist eine alte Geschichte
Doch bleibt sie immer neu;
Und wem sie just passieret
Dem bricht das Herz entzwei.

—HEINE.

Printed by
JERSEY PRINTING COMPANY
BAYONNE, N. J.

געווידמעט מיין טאָכטער
מרים

דער „געאָרג וואַשינגטאָן"

ערשטער קאַפּיטל

דער "גערג וואשינגטאן"

וואסערשטראם-שפריצער

דער שווימענדער פאלאץ „געארג וואשינגטאן" איז שוין געווען גרייט פארן ווייטן וועג... זיינע צוויי ריזיגע קוימענס האבן, ווי ווולקאנען, געשליידערט הויך צום הימל רויך און דאמף.

דורך די צוויי אפענע זייטן-טירן האט די שיף, ווי מיט ריזן-מיילער, געשלונגען אין זיך פאסאזשירן, וועלכע האבן זיך געצויגן דורך די צונג-שטעלטע, טרעפ-ארטיגע בריקלעך, ווי צוויי שטראמען.

אינעווייניג, אין די קארידארן פון דער שיף, האט געהערשט א טומל און א געדראנג פון מענשן.

יעדערער האט זיך געשטופט און צעטראגן געזוכט זיין קאיוטע, אום זיך איינצוארדנען אין דער נייער וואוינונג. . .

צווישן די פאסאזשירן פון דער צווייטער קלאס זיינען אבער געווען א סך עמיגראנטן, וועלכע האבן זיך געפילט ווי פארבלאנדזשעט און אומ-באקוועם אינמיטן גלאנץ און רייכטום פונם שווימענדן פאלאץ. מיט זייערע קליידער און אומזיכערע, אזוי ווי צעשראקענע באוועגונגען, און מיט זייער גאנצער האלטונג, האבן זיי גיכער געפאסט צו דער דריטער קלאס, ווי צו די פריוויליגירטע מענשן פון דער צווייטער. זיי זיינען אבער געפארן מיט דער צווייטער קלאס אין דער האפנונג, אז דורכדעם וועלן זיי לייכטער צוגעלאזט ווערן אין דעם פארשפראכענעם לאנד.

צווישן דעם סארט פאסאזשירן איז געווען א אידישע פאמיליע, וועלכע איז באשטאנען פון א פאטער, — א קליין, דאר אידל, מיט א רויט ציגנ-בערדל; פון א מוטער, — א קרענקלעכע, שווארצע אידענע אין א געלן פארוק, וועלכער האט אויסגעזען פיל עלטער ווי איר מאן; און פון צוויי אינגע מיידעלעך, ביידע מיט גרויסע, שווארצע, נאיווע און צעשראקן קוקנדיגע אויגן. . .

די שטימונג און האלטונג פון דער פאמיליע איז געווען פארלעגן און נידערגעשלאגן.

זיי האבן זיך אין גרויסן און רייכן וועסטיבול באוועגט אומזיכער, זיך טוליענדיג איינער צום אנדערן, ווי ארעמעלייט, וועלכע זיינען פאר-בלאנדזשעט אין א קעניגלעכן פאלאץ און וואגן ניט צו טרעטן אויף די טייערע טעפיכער מיט זייערע פיס.

דער עולם האט געטראגן דעם אבער-סטיוארד די שיפס-קארטן און זיי אויסגעביטן אויף טיש-קארטן אין עס-צימער.

דאס רויטע אידל, וועלכער האט אין זיין שיפס-קארטע געטראגן דעם

נאמען „משה וואסערשטראם”, איז אויך צוגעגאנגען צום אבער־סטיוארד און האט זי אים דערלאנגט אומזיכער, מיט א ציטערנדער האנט.

דער אבער־סטיוארד, א הויכער, ברייט־פלייציגער דייטש מיט א גלאטן קאפ און צוויי גרויסע פארדרייטע וואנסעס, האט גענומען די שיפס־קארטע, האט אין איר א קוק געטאן און באמערקט מיט א לייכטער באוואונדערונג:

— א! דאס זענט איר. . . הער וואסערשטראם? — און האט אים מיט דער גרעסטער, מען קאן זאגן, איבערגעטריבענער העפלעכקייט דער־לאנגט טיש־קארטן פאר זיין גאנצער פאמיליע.

וואסערשטראם איז פארציטערט געווארן. . .

די אנגסט, וועלכע האט ביז איצט שטיל, ווי א בייזער ווארעם, גע־טאטשעט זיין הארץ, האט עס איצט פארקלעמט, ווי מיט א צוואנג. זיין פארמעט־געל געזיכט איז געווארן נאך געלער, ווי וואקס איז דאס געווארן... ער איז צוגעגאנגען א דערשלאגענער צו זיין פרוי און טעכטער, וועלכע האבן זיך צוזאמענגעטוליעט אין א ווינקעלע, ווי איבערגעשראקענע שאף, געדריקט און גענאגט פון דעמזעלבן פחד, ווי ער, און האט שטיל געזאגט:

— יא, ער ווייסט שוין אויך פון אונז. מ׳האט אים, ווייזט אויס, מודיע געווען פון דארט. . .

א כמארע האט באדעקט זייערע ביז אהער גענוג פארזארגטע פנימער...

— נו, האסטו עס באדארפט? א? זיך צעקריגן מיט א שיפס־קאמפאניע, מיט א דייטשישן קייזער? אזא טריפהנער איד, ווי דו ביסט... א איד, וואס האט אויף זיך אזן אומגליק. . . א „דיעלא” מיט טורמע. . . ווי האב איך זיך ביי אים געבעטן!... ווי ביי א גזלן... — האט זיך שוין געווענדט די מוטער צו אירע טעכטער און האט פארצווייפלט געבראכן די הענט.

אינצווישן האט דער ריזיגער דאמפער ארויסגעלאזט דעם דריטן, הימל־שפאלטנדיגן פייף פון זיין מעכטיגן שטאלענעם גארגל, זיין גרויסער, שטאלענער קערפער האט אנגעהויבן צו ציטערן און זיך פאמעלעך, ווי געגנבעט, אפרוקן פון ברעג, געשלעפט פון צוויי קליינע אבער לעבעדיג־פרעכע און פון די כוואליעס־געווארפענע, בוקסיר־שיפלעך. . .

א פיל־קעפיגער, נייגעריגער עולם אויפן ברעג האט אויסגעשאסן א מעכטיגן „הורא”! און האט אנגעהויבן צו פאכען מיט די היטן און די טאשנטיכלעך. . .

דערמוטיגט פון די הערצליכע גרוסן און ווינשונגען, האט דער ציטערנדער „געארג וואשינגטאן” פארגרעסערט זיינע שריט און האט אנגעהויבן מיטן פולן דאמף פארלאזן די ברעג־וואסערן, לאזנדיג הינטער זיך געדיכטע וואלקנס פון רויך און קאלמוטנע שוימענדיגע כוואליעס פון אויפ־געווערטן ים. . .

די פּאַסאַזשירן זיינען געגאַנגען צום טיש צום ערשטן מאָלצייט אין זייער נייער היים. . .

— —

— —

ווען דאָס ערשטע מאָלצייט אויפן „גענאַרג וואַשינגטאָן" איז געווען געענדיגט, האָט די גרויסע שיף זיך שוין געמיטלעך געגליטשט איבער די גלאַטע און בלויע וואַסערן פון קאַנאַל, האָט געפּליעסקעט און געשפּריצט אין אַלע זייטן מיט גרויסע, בריליאַנטענע וואַסער־טראָפּנס, און זיינע גרויסע מאַשינען האָבן זיך אונטערגעזונגען אַ שטיל, צופרידן לידעלע. . . די פּאַסאַזשירן פון דער צווייטער קלאַס זיינען שוין כמעט אַלע געווען אויף דער דעק, האָבן זיך אָנגעהויבן צוקוקן איינער צום אַנדערן און מאַכן באַקאַנטשאַפטן.

דאָס אַנגסטלעכע געפיל און דער אינעווייניגסטער ציטער פאַרן ים, וועלכעס כאַפּט אַרום יעדן, ווען ער באַטרעט די שיף, האָט אָנגעהויבן בּיס־לעכוויז פאַרלאָזן די נשמות, דער ים האָט ביסלעכוויז זיי איבערצייגט, אַז ער איז גאַרניט אַזאַ געפערלעכער גזלן, אַז ער איז גאַרניט אַזוי שרעק־לעך און בייז, ווי מ'האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי אַ ריז איז ער זיך געלעגן רואיג און געמיטלעך אויסגעצויגן אויף זיין ווייכן, אַטלאַסענעם געלעגער און האָט זיך געשפּילט ווי אַ זאָרגלאָז קינד מיט די זונען־שטראַלן.

דער גרויסער דאַמפער האָט אויך געגלויבט דעם ים, ווי אַ גוטן אַלטן קאַמעראַד, און האָט זיך רואיג און זאָרגלאָז געמאַכט זיין וועג צו דער נייער וועלט.

און די נייע וועלט האָט זיך שוין געוועבט און געשוועבט פאַר אַלע אויגן און האָט אָנגענומען אין די גייסטער פון עמיגראַנטן פאַרשידענע פאַנטאַסטישע געשטאַלטן. יעדער האָט זיך געמאָלט דאָס נייע ווייטע לאַנד נאָך זיין אייגענעם געשמאַק, לויט זיינע אייגענע לעבנס־וואונשן.

די אידן האָבן זיך, ווי דער סדר איז, באַלד גרופּירט אין רעדלעך, ווי אַלטע גוטע באַקאַנטע, און האָבן שוין גערעדט איבערן ריזן־ספינקס, וועלכער ליגט דאָרט, ווייט צעוואָרפן פון יענער זייט אָקעאַן און וואוהין פילע פון די פּאַסאַזשירן זיינען געפאָרן זוכן אַ נייע היים, אָנצוהייבן דאָס נישט־געלונגענע לעבן אויפסניי. . .

אַט האָט זיך געבילדעט אַ קליין רעדל פון אידישע פּאַסאַזשירן אַרום אַ קליין מענשעלע אין אַ העל־שרייענדיג רייזע־היטל אויפן קאָפּ, וועלכעס איז טיף אָנגערוקט אויפן קליינעם פּנים און לאָזט נאָר אַרויסקוקן אַ גרויסע, האָרבאַטע, אָריענטאַלישע נאָז. . .

פון דעם פולן מויל גאָלדענע ציין, מיט וועלכע ער בּליאַסקעט אויף זיינע אויפמערקזאַמע צוהערער, פון זיין גאַנצן אומאָפּהענגיג שטאָלצן באַנעמען, קאָן מען פאַרשטיין, אַז דאָס קליינע מענשעלע איז שוין געווען דאָרט, אין דעם פאַנטאַסטישן אַמעריקע. דערפאַר טאַקע הערט זיך צו אים

צו דאס רעדל אידן מיט אזא רעספעקטפולער אויפמערקזאמקייט.

מ'רעדט אידיש, אבער שטיל און פארזיכטיג, זיך אומקוקנדיג אויף די ניט־אידישע פאסאזשירן, וועלכע שפאצירן הין און צוריק איבערן דעק, אזוי ווי מ'וואלט זיך שוין געשעמט פאר יענער וועלט מיט דער אייגענער שפראך, מיט דעם אידישן „איך“. . .

— און ווי שטייט עס דארט ביי אייך אין אמעריקע מיט אידישקייט?

— פרעגט דעם אמעריקאנער דאס קליינע אידל מיט דעם נאמען וואסער־שטראם.

— וואס מיינט איר אידישקייט? — האט אים איבערגעפרעגט דער אמעריקאנער מיט אן אומפרייטלעכן טאן, בלאיסקענדיג מיט זיינע גאלדענע ציין; ער האט פון דארט ארויסגענומען זיין פייפ און אזוי ווי מיט פאר־אכטונג אויסגעשפיגן אין א זייט.

— איר ווייסט ניט, וואס הייסט אידישקייט? אידישקייט הייסט שולן, בתי־מדרשים, מקוואות.

— א, דאס מיינט איר! דאס האט איר דארט פלענטי. . .*) אזוי פיל, אז מיר קענען שוין עס אויך קיין רוסלאנד עקספארטירן. — האט זיך אנגערופן דער אמעריקאנער מיט א שפאטנדן שמייכל.

— אזוי? איר האט רבנים, חזנים, שמשים? אידן מיט בערד? כ'מיין אמתע, כשרע אידן, ווי ס'דארף צו זיין — האט אים געפרעגט וואסערשטראם און האט געוויזן מיט די הענט, ווי אידן דארפן זיין.

— ווי די הינט! — האט זיך אנגערופן דער אמעריקאנער, האט ווידער ארויסגענומען זיין פייפ און האט נאכאמאל אויסגעשפיגן ווי מיט פאראכטונג איבערן ראנד פון דער שיף.

— אזוי! און ווי שטייט עס ביי אייך, למשל כדומה, מיר וועלן זאגן טאקע אין ניו־יארק, מיט קהלשע זאכן, מיט צדקה, מיט חברות?. . . אזוי ווי ביי אונז, למשל? — האט געהאלטן אין איין אויספרעגן דאס קליינע, נייגעריגע אידל.

— וואס מיינט איר? — האט אים געפרעגט דער אמעריקאנער, שוין א ביסל בייז, און האט אויף אים געווארפן א פאראכטנדן בליק, ווי אויף א גרינעם. . .

— וואס־זשע, איר ווייסט ניט, וואס עס הייסט קהלשע זאכן? מ'דארף דאך צאלן רבנים, חזנים. . . נו, דארף מען צונויפנעמען געלט. . . נעמען, געבן. . . געבן, נעמען. . . ס'איז דאך עפעס א קהלה פון א מיליאן אידן!

— נעמער האבן מיר פלענטי... מ'קאן זיך פון זיי ניט אפטרייסלען.

— אזוי? — האט זיך אנטוישט אפגערופן דאס רויטע אידל.

— אפשר פארט איר אויך צו ווערן ביי אונז א נעמער? — האט אים סארקאסטיש געפרעגט דער אמעריקאנער, האט פארשארט זיין היטל אויפן

*) גענוג

שטערן, ער זאָל אים קענען גוט אָנקוקן מיט זיינע שפּאַטנדע אויגן, און האָט זיך צעלאַכט. . .

— וואָס איז שייך איך. . . איך פרעג עס אַזוי. . . ס'איז כדאי צו וויסן — האָט זיך אַזוי ווי פאַרענטפערט וואַסערשטראָם און האָט אַ רגע געטראַכט, זאָל ער זיך פאַרשטעלן ווער ער איז, אָדער ניין, און האָט זיך אַנטשלאָסן. . .

— פאַרשטייט איר מיך. . . אינדערהיים בין איך געווען אַ קהלישער מענש... ביי מיר אין שטעטל האָט זיך אָן מיר גאָר ניט געטאָן — האָט ער זיך פאַרגעשטעלט און האָט שטאָלץ פאַררויסן זיין קעפּל — און מיינט נאָר ניט, אַז נעמען איז ניט קיין מלאכה, — האָט ער זיך גענומען טייטלען מיטן פינגער — ס'איז אַ גרויסע קונץ צו נעמען! ניט יעדער קאָן עס!... יאָ! ווער פלעגט ביי אונז צאָלן דעם רב? איך! ווען ניט איך, וואָלט ער געווען לאַנג פון הונגער געשטאָרבן. . . יאָ! איר ווייסט דען, וואָס אידן זיינען? פרעגט מיך, מיין פריינד, און איך וועל אייך זאָגן ווער אידן זיינען! איך קאָן זיי גוט! . . . ווער האָט געטריבן משה רבינו פון דער וועלט, פאַר דער צייט? טאַקע אונזערע אידן אַליין! ווער האָט געמאַכט דעם דאָקטאָר הערצל אַ פעלער? אונזערע אידעלעך! אַזאַ דאָקטאָר הערצל! ס'איז דאָך געווען אַ מלכות, אַ שר־בישראל... אַ קליינינקייט, דאָקטאָר הערצל. . . ער און קייזער ווילהעלם זיינען דאָך געווען ווי צוויי פינגער. איר פרעגט, וואָס אידן זיינען? שוין איינמאָל אַ פאָלק! — האָט געענדיגט וואַסערשטראָם און האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן רעדל מיט אַ בייזן שטאָלץ. . .

גלעקעל־עפּענדי

איינער פון די פּאַסאַזשירן, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן ראַנד פון דער שיף און האָט געקוקט פאַר זיך אין אַ בינאָקל, אַהין, וואו די זונען־שטראַלן האָבן זיך געבאָדן, ווי גאָלדענע טויבן אין די בלויע וואַסערן, האָט ביי דאָקטאָר הערצלס נאָמען אויפגעציטערט און זיך אומגעדרייט.

דאָס איז געווען אַ גלאַט־געגאָלטער, ברייט־פּלייציגער מענש מיט אַ רייכן קאָפּ שוואַרצע און געקרייזלטע האָר, אַ מאַן פון אַן אומבאַשטימטער עלטער... מ'האָט אים געקענט געבן 30 און 40 יאָר. געטראָגן האָט ער אַ העלן, פלאַנעלענעם ספּאָרט־אַנצוג, ווייסע שיך און אַ בינאָקל אויף אַ געלן רימען איבער דער ברוסט. זיינע געזיכטס־צוגן זיינען ניט געווען שאַרף אָדער טיפּיש אידיש. זיין האַלטן זיך ביים טיש און איצט אויף דער דעק איז געווען אַ ביסל שטאָלץ, צוריקגעצויגן און אָפּגעזונדערט פון די איבעריגע אידן.

די אידישע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך באַלד באַקאַנט איינער מיט דעם צווייטן און האָבן שוין געשמועסט צווישן זיך פאַמיליאַר און אומ־

געצוואונגען, ווי לאנג־יעריגע באקאנטע, זיינען דערפאר ניט געווען זיכער אין זיין אפשטאמונג, האבן ניט געוואגט זיך צו באקענען מיט אים און האבן אים באאבאכטעט פונדערווייטנס מיט נייגעריקייט.

אין דער פאסאזשירן־ליסטע איז דער ברייט־פלייציגער, שטאלץ־פאר־קלערטער מאן געווען פארשריבן מיטן טערקישן טיטול גלעקעל־עפענדי, פון קאנסטאנטינאפאל.

— איר האט געקענט דעם דאקטאר הערצל? — האט דער טערקישער פאסאזשיר פונדערווייטנס נייגעריג געפרעגט משה וואסערשטראמען אויף דייטש.

דאס האט געהאט א מאגישע ווירקונג.

דאס רעדל האט אויפגעציטערט און האט באגעגנט דעם נייעם מאן מיט א ברייטן ווילקאמענעם שמייכל. . .

— אויב איך האב געקענט דעם דאקטאר הערצל! כע, כע, כע — האט זיך שטאלץ צעלאכט דאס אידל — איך האב מיט אים אויף דעם לאנדאנער קאנגרעס גערעדט, ווי איך רעד איצט מיט אייך. . . וויפיל בריף האב איך אים דערנאך געשריבן! מיר האבן זיך אויפן קאנגרעס זייער באפריינדעט.

— איר זענט א ציוניסט? — האט אים שוין פריינטלעכער געפרעגט גלעקעל־עפענדי און האט אראפגעלאזט דעם בינאקל, מיט וועלכן ער האט פארפאלגט א שיף אויף דעם ווייטן האריזאנט.

— אויב איך בין א ציוניסט? א שיינע פראגע דאס איז! כע, כע, כע! פארוואס פרעגט איר ניט, צי איך בין א איד? אויב איר ווילט וויסן, בין איך געווען דער ערשטער, וועלכער האט געצוואונגען מיין שטעטל... א שטעטל פון 10 טויזנט נפשות... איר פארשטייט, צי ניין? אז זיי זאלן חתמענען א בריף צו דאקטאר הערצל, אז מיר זיינען מסכים אויף אלע זיינע פלענער צו קויפן ארץ ישראל פאר אידן און צו טאן וואס ער וויל און געפינט פאר נייטיג. . . איר פארשטייט? דאס האב איך געקענט טאן נאך צוריק מיט 12 יאר. . . און מיינט איר, אפשר, אז ס'איז מיר גרינג אנגעקומען? ס'הויבט זיך גאר ניט אן! איר ווייסט דען ווער אונזערע אידן זיינען? . . . ס'איז שוין איינמאל א פאלק! אז משה רבינו האט געזאגט, א ס'איז אן עם קשי עורף, מעגט איר אים גלייבן... יא! אויב איך בין א ציוניסט! כא, כא, כא! — האט שטאלץ און כמעט בייז געלאכט דאס קליינע אידל.

— אויב איר זענט א ציוניסט, טא לאמיר זיך באקענען. . . מיין נאמען איז גלעקעל. . . משה גלעקעל! — האט זיך פארגעשטעלט דער ברייט־פלייציגער פאסאזשיר מיט דעם גרויסן קאפ שיינע געקרייזלטע האר.

דאס רעדל אידן האט דערויף געענטפערט מיט נאך א ברייטערן און פריינטלעכן שמייכל.

— גלעקעל? . . . משה גלעקעל? — האט איבערגעפרעגט וואסער־

שטראם פארהאלטנדיג זיין האנט און זוכנדיג דעם נאמען גלעקעל אין זיין זכרון.

— אויב איר זענט א ציוניסט, דארפט איר קענען מיין נאמען. . . איך בין געווען אויף אלע ציוניסטישע קאנגרעסן — האט זיך אנגערופן גלעקעל און דערביי נעווארפן א שטאלצן בליק אויפן רעדל אידן.

— גלעקעל. . . גלעקעל — האט וואסערשטראם געבלעטערט אין זיין זכרון.

זיין קליין פארמעט־נעל און געקנייטשט פנים האט באלד אויפ־געשטראלט.

— זאגט נאר מיר! זייט איר ניט דער גלעקעל, דער ווייסער חברה־ניק, אפשר, וואס האט געקאמאנדעוועט דארט אין סטאמבול. . . ביים פעטער ישמעאל מיט דער רויטער יארמולקע. . . און מיט וועלכן די צייטונגען האבן געהאט אזוי פיל צו טאן?

— דערזועלבער! — האט מיט א צעגאסענעם פארגעניגן אויפן פנים געענטפערט גלעקעל.

— וואס רעדט איר? — האט זיך געפרייט און געוואונדערט וואסער־שטראם, ניט ארויסלאזנדיג גלעקעלס האנט.

— דאס וואס איר הערט! — האט גלעקעל געענטפערט כלומרשט קאלטבלוטיג און האט ווידער צוגעלייגט זיין בינאקל צו די אויגן.

וואסערשטראם האט געקוקט אויף אים א ווײלע און האט אויסגעשפיגן פון איבערראשונג מיט אן עכט־אידישער פאמיליאריטעט.

— טפו, זאלט איר ווערן! וואס ס'האט זיך מיר און מיין באבען געחלומט זאל זיין אויף מיינע שונאימס קעפ! האט איר געהערט אזא מעשה? וואס־זשע, איר פארט אויך קיין אמעריקע?

— ווי איר זעט, פאר איך אויך קיין אמעריקע.

— נו, און די יונג־טערקן מיט די רויטע יארמולקעס?... איר האט זיי שוין אוועקגעווארפן?

— פארוואס זאל איך זיי אוועקווארפן? נאדיר גאר אוועקווארפן. . .
— האט געשמייכלט גלעקעל, ווידער אנשטעלנדיג דעם בינאקל אויפן ווייטן האריזאנט. . .

— ס'טייטש, די צייטונגען האבן דאך געשריבן, אז איר זענט דארט ביי זיי געווען א גאנצער קאך־לעפל?

— איך בין ניט נאר געווען, איך בין עס אויך געבליבן. . .

— אזוי... אזוי!... הערט א מעשה... וואס א איד קאן! אויב ס'איז יא אזוי, טא וואס־זשע פארט איר קיין אמעריקע?

— איר מוזט עס טאקע וויסן?

— וואָרום ניט? איר זענט דאך עפעס אן אחד משלנו. . . ווי מ'זאגט, פון אונזערע פירערס.

דער קאמפּלימענט האט שוין אינגאנצן צעשמאָלצן גלעקעלס אנגע־בלאָזענע גלייכגילטיקייט און דעם קאלטן שטאָלץ זיינעם.

— דאָס האָבן זיי טאקע, די יונג־טערקן, מיך געשיקט! — האָט געענטפערט גלעקעל מיט א ברייטן, גוטן שמייכל, האָט אריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס און האָט אָנגעהויבן זיך צו וויגן אויף זיינע קנאָפל.

דאָס רעדל האָט זיך איבערגעקוקט.

דער עפעקט איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער.

גלעקעל־עפענדי שטעלט זיך פאָר

דערהערנדיק פון משה גלעקעל, אַז ער איז אַ שליח פון די יונג־טערקן נאָך אַמעריקע, האָט זיך דאָס רעדל אידן צו אים צוגערוקט נענטער.

— אַזוי? די יונג־טערקן האָבן אייך געשיקט? — האָט נאָך מער געגאַפט וואַסערשטראָם. — וואָס־זשע... עפּעס וועגן פּאָליטיק מסתמא? אַ? צו דער אַמעריקאַנישער מלוכה מסתמא? און וואַסערשטראָם האָט כיטרע פאַרגלאָצט די אויגן, ווי אַ מענש, וואָס פאַרשטייט אַ געשעפט און מ'קאָן מיט אים ריידן מיט אַ וואונק.

אַ ביסל פּאָליטיק און אַביסל פינאַנסן — האָט געזאָגט גלעקעל־עפענדי און אָלץ מיט אַ קאָלטבלוטיגן שמייכל, זיך שאָקלענדיג אויף די קנאָפל.

— אַזוי? פינאַנסן אויך? — האָט אויסגערופן וואַסערשטראָם מיט גרויס התפעלות — דהיינו, וואָס הייסט פינאַנס־זאַכן? מסתמא געלט? אַ? אַ הלוואהלע מסתמא? אַ? געוויס... געוויס! איר דאַרפט מיר שוין ניט זאָגן... איך דערקען שוין, אין אייער נאָז דערקען איך. כע, כע, כע!... זיי זיינען כסדר, רחנא לצלן, נצטרכים... די יונג־טערקן, מיין איך, און האַלטן אין איין לייען... איך גלויב, אַז אונזער פעטער ישמעאל פאַרמאָגט שוין ניט דאָס העמד אויפן לייב... ער איז אַזוי פיל שולדיג, אַז די האָר זיינען שוין ניט זיינע. כאַ, כאַ, כאַ! אַ יאָ? איך האָב, הייסט עס, געטראָפן... כאַ, כאַ, כאַ!...

און דאָס קליינע רויטע אידל האָט אריינגעקוקט דעם יונג־טערקישן שליח אין פנים אריין מיט אַ בליק פון אַ טיפן דיפּלאָמאַט...

— איר האָט געטראָפן — האָט אויך דיפּלאָמאַטיש צוגעשמייכלט גלעקעל־עפענדי.

— וואָס־זשע, איר מיינט, אַז איך בין אַ נאַר? מיר דאַרף מען ניט אריינלייגן קיין פינגער אין מויל אריין... וויפיל־זשע רעכנט איר צו לייען אין אַמעריקאַ? — האָט, ווי מען זאָגט, שוין טיף אריינגערוקט וואַסער־שטראָם די האַנט אין קעשענע.

— איך פאָר לייען 100 מיליאָן דאָלאַר. — האָט זיך אָנגערופן גלעקעל־עפענדי און האָט דערביי אַרונטערגעלאָזט אַ גלייכגילטיגן בליק אויף זיינע נייע ווייסע שיך, אַזוי ווי די רעדע וואָלט געווען ניט פון קיין 100 מיליאָן

דאָלאַר, נאָר פון אַט די פּאָר שיך, וואָס ער האָט מסתמא ערשט געקויפט אין בערלין אָדער אין ברעמען.

— אזוי! אזוי! יאָ, 100 מיליאָן דאָלאַר איז אַ מטבע... ניטאָ וואָס צו ריידן... אַ שיינע מטבע! איך רעכן טאַקע, אַז אונער פון יעקב שיף וועט זיי אייך לייען... פאַרוואָס ניט! דער רוח האָט נאָך דעם פעטער ישמעאל ניט גענומען... די יונג־טערקן זיינען טאַקע אַ ביסל שאַרלאַטאַנעס, ווי מען זאָגט, יונגע צוציקעס... מען מעג אָבער נאָך דעם פעטער ישמעאל געטרויען.

— יאָ, דער רוח האָט אים נאָך ניט גענומען... מ׳קאָן אים נאָך געטרויען — האָט צוגעגעבן גלעקעל מיט אַ געהיימניספול שמייכעלע און האָט צוריק צוגעווענדט זיינע בליקן צום ים...

— מסתמא וועט איר געבן אַ גוטע עסקאַ אויך? אַ? — האָט אַליץ געוואָלט אויספאָרשן דאָס נייגעריגע אידל.

— וואָס דען? — האָט אים גוטמוטיג צוגעוואָרפן צווישן די ציין גלעקעל־עפענדי, ווי אַ גוטער מענש, וואָס דינגט זיך ניט און האָט ליב געבן צו פאַרדינען.

— איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי... יאָ, אויב איר וועט געבן גוטע עסקאַ, וועט איר קריגן געלט... בלי ספק... די האָר אויפן קאָפּ זיינען טאַקע ניט זיינע, אָבער דער רוח האָט נאָך דעם פעטער ישמעאל ניט גענומען... איך אַליין וואָלט אים געטרויט... הערט־זשע! אויב ס׳איז יאָ אַזוי, הייס איך אייך טאַקע זיך ווענדן נאָר צו אונזער יעקב שיף... פאַרשטייט איר מיך... ראשית, איז ער טאַקע אַן אונזעריגער, ווי מ׳זאָגט, אייגן בלוט און פלייש, אַ איד, און אַ איד וועט ווען העלפן דעם טערק... ווייטער וועל איך אייך נאָך עפּעס זאָגן... צווישן אונז ריידנדיג —

דאָ האָט וואַסערשטראָם גענומען דעם שליח פון די יונג־טערקן פאַמי־ליאַר, ווי אַ גוטן ברודער אונטער דעם אָרעם, האָט אים אָפּגעפירט אַן אַ זייט און האָט אָנגעהויבן מיט אים איינצוטענהן טיף און ערנסט...

דאָס רעדל, וואָס איז באַשטאַנען פון דעם אַמעריקאַנער און פון נאָך עטלעכע גרינע, האָבן זיך די גאַנצע צייט ניט אַריינגעמישט און האָבן אויסגעהערט דעם מערקווירדיגן געשפּרעך מיט נייגעריגע פּנימער און ווינקענדיגע בליקן...

— ווייניג בלאָפערס האָבן מיר אין אַמעריקע! — האָט זיך אָנגערופן דער אַמעריקאַנער און האָט בייז אויסגעשפּיגן איבערן ראַנד — איר קענט אים? — האָט ער געפרעגט די גרינע.

— איך האָב זיך באַקאַנט מיט אים ערשט אין ברעמען, אַ גרויסער ליגנער! — האָט זיך אָנגערופן אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ פליכאַטן קאָפּ, קליינע אייגעלעך, און אַן אָפּגעלעבטן, בלאַסן פּנים, וועלכער האָט זיך אויס־געגעבן אַלס קאָרעספּאָנדענט פון אַ גרויסער רוסישער צייטונג און איז געווען פאַרשריבן אין דער פּאַסאַזשירן־ליסטע אונטערן נאָמען מעדוועדיעוו.

זיין פראנטיוואטע אויסזען אבער, די בריליאנטענע סיגנעטן אויף די פינגער און שפילקעלע אין א פארבן־רייכן שניפס, האבן מער דערמאנט אין אן אינטערנאציאנאלן פרויען־הענדלער איידער אין א ליטעראט. . .

— קיין אבי־וואר דארף ער ניט זיין — האט אים געפרואווט פאר־טיידיגן א צווייטער איד.

— וואס־זשע, איר גלויבט אין אלע זיינע מעשיות? אז ער איז ביי די יונג־טערקן א גאנצער מאכער, און זיי האבן עם אים געשיקט מאכן אז הלואה פון 100 מיליאן דאלאר? — האט אים אויפגערעגט און בייז געפרעגט דער קארעספאנדענט, אזוי ווי דער גאנצער ענין וואלט אים פער־זענלעך בארירט.

— איר הערט דאך. . . אז ער איז א גרויסער ציוניסט. . . א מענש וועט עפעס ניט אויסטראכטן פון דעם קאפ ניט געשטויגן און ניט געפלויגן.

— גלייבן מעגט איר אים! אן אוואנטוריסט. . . אלע ציוניסטן זיינען אוואנטוריסטן — האט געפסקנט מעדוועדיעוו.

— וואס איז שייך. . . קאן מען זאגן — האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבן דער גוטמוטיגער איד.

— א בלאפער! א בלאפער! — האט געפסקנט דער אמעריקאנער און האט נאך ענערגישער אויסגעשפיגן אין ים אריין. — ער וועט אבער אין אמעריקע קיינעם ניט אפנארן. מיר זיינען אבער מבינים אויף בלאף. אונז „יענקים” בלאפט מען ניט. ניט נאר 100 מיליאן דאלאר, נאר קיין 100 פענים קריגט ער ניט.

דער אמעריקאנער האט זיך ענערגיש פארצויגן מיט דער פייפ. דער טרומפייט האט גערופן אויף טיי. אלע האבן זיך געלאזט גיין צו די טרעפ אין סאלאן אריין. נאר גלעקעל־עפענדי איז געבליבן מיט וואסערשטראמען אויף דער דעק.

באלד האט מען זיי געזען ארומשפאצירן, שטארק פארטיפט אין אז ערנסטן און אויפגערעגטן געשפרעך.

וואסערשטראם דערציילט ווער ער איז

וואסערשטראם האט געמאכט מיט די הענט ווי א ווינט־מיל מיט די פליגל און האט היציג, מיט אלע אברים זיינע, געטענהט מיט דעם הויכגע־שטעלטן שליח פון דער יונג־טערקישער רעגירונג.

— פארשטייט איר מיך, איך בין אן אלטער כלל־טוער. ביי מיר אין שטעטל איז לא יחרץ כלב לשונו. . . יא! וואס איך האב געוואלט, האב איך געטאן. און דעם אוריאדניק א פאטש טאן, אז די ציין זאלן אים ארויס? ווי איר קוקט מיך אן, בין איך מיט דעם פריסטאוו געווען צונויפ־געלייגט, ווי אט די צוויי פינגער. . . ער פלעגט טאקע ביי מיר איינשטיין... מיין כפרה איז ער געווען. . . פאניע מאשקע! און פאניע מאשקע! אז דעם פאניע האט זיך ביי אים ניט אויסגעלאזט. . . ווי איר קוקט מיך אן,

בין איך אַ איד, וואָס פאַלט ביי זיך קיינמאָל ניט אַראָפּ... יאָ! נו, און אַז מ'האָט געדאַרפט פאָרן צום גובערנאַטאָר... ווער איז געפאָרן? משה שפּריצער... מיין איך וואַסערשטראָם.

ער האָט זיך שנעל פאַרכאַפּט.

— שאַט! — איז ער אָבער באַלד געקומען צו זיך. — איך וועל אייך דערציילן אַ שענערע מעשה, איך האָב שוין אַמאָל גערעדט מיט אַלעקסאַנדער דער דריטן, ימח שמו וזכרו, אויך. יאָ, ס'זאָל נאָר אים ארויסוואַרפן און דעם בנאַק זיינעם אריינוואַרפן, רבונו של עולם! יאָ, יאָ, איר מעגט מיר גלייבן, מאַכט זיך אַ מעשה, איר מעגט עס אויסהערן, אַז מען מאָנט אונזער שטעטל אָן אַלטן נאַלאָג, אַ ניעדאָיעם נאָך פון יעקאַטערינעס צייטן, ניט מער און ניט ווייניגער, ווי 20,000 רובל... איר פאַרשטייט, וואָס דאָס איז! ס'איז אַ מטבע! גיי כאַטש גוזר תענית זיין... העלפט גאָט, אַז אַלעקסאַנדער דער דריטער, ימח שמו, פאָרט דורך אונזער סטאַנציע און דאַרף זיך אָפּשטעלן אויף אַ מיטאָג ביי אונזער פּריץ, אַ סענאַטאָר. נעם איך און שרייב אָן אַ פּראָשעניע... ווי מ'זאָגט, אדוני המלך... איך נעם דעם רב און נאָך אַ פּאָר באַלעבאַטים, טו זיי אָן אין די שבתדיגע זשיפּעצעס און שטעל זיי אַוועק מיט ברויט און זאַלץ ביים טויער. יאָ, ביים טויער פון אונזער פּריצס הויף, ווי איר קוקט מיך אָן... יאָ! דאַכט זיך אַ קליין, דאַר, אידל, האַ? און אַזוי ווי ער איז צוגעפאָרן, פאַל איך אויף די קניען פאַר די פערד און מיט דער פּראָשעניע אויפן קאָפּ. איך געדענק עס פּונקט ווי ס'וואָלט נעכטן געווען. איר מעגט עס אויסהערן... עס איז אַ טשיקאַווע מעשה... נו, וואָס־זשע מיינט איר! מ'האָט מיך טאַקע אַרעסטירט, אָבער די פּראָשעניע האָט ער ביי מיר צוגענומען ווי אַ טאַטע! יאָ! נאָך אַ מין צונעמען! כאַ, כאַ, כאַ, — האָט שטאָלץ געלאַכט וואַסערשטראָם.

— און די 20 טויזנט רובל האָט ער פון אייך אַראָפּגענומען? — האָט אים נייגעריג געפרעגט גלעקעל־עפּענדי.

— ווי לאַנג קרענקט ער! מיר האָבן טאַקע געמוזט באַצאָלן. ס'הייסט באַצאָלן, נאָך אַ מין באַצאָלן, ווי אַן אַפּ! אַ קלייניקייט אַלעקסאַנדער דער דריטער. ס'איז דאָך געווען אַ המן, אַ צורר היהודים. שאַט! איך וועל אייך דערציילן אַ שענערע מעשה... ווי איר קוקט מיך אָן! דאַכט זיך אַ אידל, וואָס איז ניט ווערט קיין צען פּאַרבויגענע גראַשן... האַ? איר ווייסט, וואָס איך האָב ערשט ניט לאַנג געזאָגט אונזער זאַנגווילן, דעם גרויסן זאַנגווילן אַליין?

וואַסערשטראָם האָט אַליין נייגעריג אויסגעגלאָצט זיינע גרויע קעצישע אויגן.

— ווי קומט איר צו זאַנגווילן? — האָט מיסטרויאיש געפרעגט גלעקעל־עפּענדי.

— ווי איך קום? הייבט זיך אָן קשיות! איך האָב אים געשריבן אַ בריוו. איין בריוו האָב איך אים געשריבן? איך האָב אים געשריבן אַ סך

בריף, אַז ער האָט אָט דאָן אָפּגעטיילט זיך פון אונז ציוניסטן און האָט זיך געגרינדעט זיין אייגן קלייזל. ווי אַזוי הייסט עס, טערע... טע... רע — האָט זיך פאַרטשעפּעט וואַסערשטראָם.

— טעריטאָריאַליזם — האָט אים אַרויסגעהאָלפן גלעקעל.

— יאָ, יאָ! טערי... טעריטאָריאַליזם, מיין איך טאַקע... נו, האָט עס מיך פאַרקלעמט ביים האַרץ אויף צו חלשען... אַזוי פיל יאָרן האָבן מיר ציוניסטן געאַרבעט, געקליבן אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע, קומט צו גיין אַ זאַנגוויל, אַזאַ העזהניק, און מאַכט אַן אַלעבאַרדע... מיט אַ מחלוקות... אידן! אַ, איר ווייסט דען, פאַניע גלעקעל, וואָס אידן זיינען? פרעגט מיך, וועל איך אייך זאָגן, וואָס פאַר אַ פאָלק דאָס איז! אוי, ווען ביי אידן זאָל זיין אחדות! מיר וואָלטן דאָך די וועלט איבער־געקערט, ווי איך בין אַ איד! וואָס־זשע האָב איך געוואָלט דערציילן? יאָ, האָט עס מיר אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרץ, אַז איך האָב געמיינט איך וועל אַנטגיין... טראַכט איך מיר... לאָם איך אַרויסלאָזן מיין פינצטער און ביטער האַרץ צו זיין קאָפּ, צו זיינע הענט און פיס... און ווי איר קוקט מיך אָן, אָט דעם קליינעם שפּריצער, איך מיין וואַסערשטראָם — האָט ער זיך נאָכאַמאָל שנעלער פאַרכאַפּט — טונק איך מיר איין אַזוי פּאַוואָ־לינקע די פען, און שרייב אים אָן אַ בריוו, אַז ס'האָט אים באַדאַרפט דאָרט ווערן פינצטער און ווייסט אין די אויגן... פע — האָב איך געזאָגט — דאָס איז מעשה קורח, מעשה מחלוקות־מאַכער און מעשה יאַבעדסטווע... יאָ, איך האָב זיך פאַר אים ניט געשעמט... ווי איר קוקט מיך אָן... שאַט! נאָך שענער... מיינט איר, דעם דאָקטאָר הערצל האָב איך ניט געשריבן קיין בריף? — האָט ניט אויפגעהערט צו פאַנטאַזירן דאָס באַ־גייסטערטע אידל — ווי איר קוקט מיך אָן, דאַכט זיך, אַ קליין אידל, גאָלע גאַרניט. וואָס? אָט דאָ, אַז ס'איז געוואָרן די אַלעבאַרדע מיט דער אוגאַנדע, האָב איך אים געשריבן... איך געדענק עס, ווי ס'וואָלט געווען ערשט נעכטן, בזה הלשון: „הער דאָקטאָר! פע! וואַרפט עס אַוועק! ס'איז אַ פויל עסק... ס'וועט אייך אָראָפּשלאָגן ס'פּאַנטאַלעגע... אָבער שאַט! איך וועל אייך דערציילן אַ נייע מעשה, גאָר אַ שפּאָגל נייע... איר ווייסט, וואָס איך האָב דאָ אין ברעמען אויפגעטאָן אין פּאַרקעלאָטעט?

וואַסערשטראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַריינגעקוקט גלעקעלן געהיימניספול און שטאָלץ אין פּנים אַריין, און איז אַנטשוויגן געוואָרן, געבנדיג אים צייט צו טרעפן, וואָס ער האָט פּאַרקעלאָטעט.

— וואָס? — האָט גלעקעל נייגעריג געפרעגט נאָך אַ לאַנגער פּויזע.

— וואָס, כע, כע, כע! דאַכט זיך אַ אידל... אַ גאָלע גאַרניט... אַ? ווייסט איר וואָס איך האָב דאָ אויפגעטאָן? ווען איר ווייסט, וואָס איך האָב דאָ אין בוזעם־קעשענע! כע, כע, כע! — האָט ער אָנגעצויגן גלעקעלס קוריאָזיטעט מיט ווינקען און גרימאַסן אויף זיין קליין פּאַרמעט־נעל פּנימל.

גלעקעל איז געווארן אומגעדולדיג.

— וואס?

וואסערשטראם האט זיך אנגעבלאזן, אזוי ווי ער וואלט צונויפגענומען אלע זיינע כחות פאר דער נייער מעשה און האט אנגעהויבן מיט בייז גלאנצנדע אויגן:

— איך האב אויפגענומען אויף פאפיר... שווארץ אויף ווייס... מיט חתימות, מיט הכל אשר בכל, איר פארשטייט? פון טויזנטער אימיג־ראנטן, וואס וואלגערן זיך אין די וואנדער־האלען אין ברעמען... אלע מעשים תעתועים, וואס דער ללאיד מיט דער האמבורג־אמעריקאנער ליניע טרייבן דא, אין די פארטן און אויף די קאנטראל־סטאנציעס.

און אז ער האט דאס ארויסגערעדט, האט ער זיך אפגעשטעלט פאר זיין פריינד, האט זיך אויפגעהויבן אויף די שפיץ פינגער און האט אויס־געצויגן זיין קעפל און דעם לאנגן, מאגערן האלז מיט די גראבע אדערן, און איז אזוי פארגליווערט געווארן ווי א האן פארן קאמף.

די מעשים תעתועים פון די צוויי דייטשע שיפס־קאמפאניעס זיינען געווען א גרויסע און וויכטיגע כלל־אנגעלעגנהייט און פאר גלעקעלן אינטערע־סאנטער פון זיינע איבעריגע מעשיות.

— וואס רעדט איר! — האט אויסגעשריגן גלעקעל מיט התפעלות.

— וואס איר הערט, מיין פריינד! — האט אויסגעשריגן וואסער־שטראם הויך און בייז, אזוי ווי גלעקעל וואלט געווען שולדיג אין דעם אלעם און ער גרייט זיך איצט צו ווארפן מיט אים אין קאמף.

— איך אליין, מיט מיין פאמיליע, האבן זיך געוואלגערט אין „אילאווא" גאנצע דריי וואכן און בין אזוי פארשווארצט געווארן, אז מיר זיינען קוים לעבעדיגע ארויס פון דארטן. אבער פאוואלינקע האב איך מיך צו אלץ צוגעקוקט, אלץ פארשריבן, געקליבן ביי זיך שטילערהייט חתימהלעך... קורץ: אלץ שווארץ אויף ווייס און אז איך בין געקומען קיין ברעמען, בין איך אריינגעגאנגען צום ראבינער און האב געמאכט א געוואלט. ס'טייטש! הישמע כזאת? מען ראבעוועט און מען פייניגט אידן און איר, רבנים, שווייגט! איר האט גאר פאר גאט קיין מורא ניט! פרעגט שוין ניט וואס איך האב אזוינס געזאגט... און דא טאקע, ביים ראבינער אין שטוב, האט מיר אזוי פארקלעמט דאס הארץ, א אידיש־הארץ! א קלייניקייט עפעס א אידיש־הארץ... אז איך האב זיך צעוויינט... ממש צעכליפעט. איר פארשטייט? בדמעות שליש, ווי מ'זאגט, וואס זאל איך אייך דער־ציילן. אין קורצן, אז מיין פאניע ראבינער זאגט צו מיר כהאי לישנא: „קומט מיט מיר, איד!" און מיר גייען ארויס און זעצן זיך אריין טאקע אין זיין אייגענער קארעטע און מיר פארן, ווייסט איר וואוהין?

— וואוהין?

— טרעפט! אדרבה, לאמיך זען, אז איר זענט אזא קלוגער, און טרעפט אליין.

— צום אדון הגדול! צום ראש פון דער קאמפאניע אליין! האט געטופעט מיט די פיס וואסערשטראם — יא! אזוי ווי מיר האבן היינט שבת קודש לבריאת העולם!

— וואס־זשע איז געווען?

— וואס ס׳איז געווען? פרעגט שוין ניט. וואס ס׳איז געווען!... איך האב אזוי געקלאפט אין טיש, אז אלע שרייבערס פון די קאנצעלאריעס זיינען זיך דארט צונויפגעלאפן. איך האב געשריגן, אז איך וועל זיי ווייזן, ווער משה שפריצער, מיין איך משה וואסערשטראם איז... איך האב זיי געזאגט, אז איך בין גוט באקאנט מיט זאנגווילן און וועל אים פון אלץ שרייבן, אז איך וועל זיין אין אמעריקע ביי שיפן, ביים רוסישן פאסלאניק, ביים פרעזידענט. אז איך וועל מאכן א גוואלט איבער דער גאנצער וועלט. יא! ווי איר קוקט מיך אן! איך שרעק זיך ניט פאר קיינעם, אפילו פארן דייטשן קייזער אליין. איך זאל אזוי בשלום מיט ווייב און קינדער פארפארן, ווי איך האב עס אים, דעם ראש הגדול אליין געזאגט.

— און ער האט געשוויגן? — האט שטארק פאראינטערעסירט גע־פרעגט גלעקעל.

— געשוויגן? כא, כא, כא! ער האט זיך אין דר׳ערד געלייגט, פארענטפערט און פארענטפערט אן א סוף. איצט זעט איר ווער איך בין?

— האט שטאלץ געענדיגט דאס קליינע אידל.

— און איר האט ביי זיך דאס גאנצע מאטעריאל, די אלע פאקטן? — האט אים געפרעגט גלעקעל און האט אנגעהויבן אין א פיבערהאפטער אויפ־רעגונג צו רייבן די הענט.

— ס׳א חידוש א ביסל! פארשלאסן אין מיין באגאזש מיט זיבן שלעסער.

— קענט איר עס מיר געבן? איך וועל זיי אנרייבן א מארדע, אז זיי וועלן מיך האבן צו געדענקען... וואס איך קאן, קענט איר ניט.

— און וואו בין איך? איר קענט זיך אויף מיר אויך פארלאזן... נישקשה! כא, כא, כא!

— הער וואסערשטראם! הער וואסערשטראם? ווער איז דא הער וואסערשטראם? — האט געשריגן איבער דער דעק א סטיוארד.

וואסערשטראם איז פארציטערט געווארן.

— איך בין וואסערשטראם! — האט ער זיך אנגערופן מיט א ציטערנדער שטילער שטימע.

— דער אבער־סטיוארד וויל צו איהנען שפרעכען! —האט געזאגט דער סטיוארד.

אונזער אידל איז געווארן בלייך ווי א מת...

איצט איז ער זייער ווייניג געווען ענלעך צו א מענש, וואס קלאפט ביים נארד־דייטשן ללאיד אין טיש.

— איר פארשטייט? דער חברה־מאן ווייסט שוין מסתמא פון דער

גאַנצער מעשה. יאָ, איך בעט אייך, טאָמער וואָלט איר מיט מיר, מיין איך, אַראָפּגעגאַנגען... איר פאַרשטייט? אַ קשיה אויף אַ מעשה, — האָט ער זיך געבעטן ביי גלעקעלן, אַ פאַרענדערטער, גאַרניט צו דערקענען.

— קומען זי, הער וואַסערשטראָם! — איז שוין פון אים ניט אָפּגע־טרעטן דער שליח.

— קומט! איך בעט אייך, מיר זיינען דאָך עפּעס אידן...

גלעקעל האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן, און ביידע זיינען אַראָפּ־געגאַנגען אין סאַלאָן אַריין...

אַן איבעראַשונג

— זינד זי הערר וואַסערשטראָם? — האָט זיך געווענדט צו אים העפלעך דער אָבער־סטיוּאַרד מיט אַ קאָפּ־פאַרנייגונג.

— דאָס בין איך! — האָט געענטפערט דאָס אידל, שוין צונויפגע־דרייט אין דרייען.

— זאָ? ס'פריִיט מיך! — און דער הויכער, געלער דייטש, מיט די צוויי גרויסע וואָנסעס האָט זיך נאָכאַמאָל העפלעך פאַרבויגן פאַרן הער וואַסערשטראָם.

דאָס אידל האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין באַגלייטער...

— פיליכט האַבען זי בעזאָנדערע ווינשע, הערר וואַסערשטראָם? — האָט זיך געווענדט צו אים דער אָבער־סטיוּאַרד מיט אַ ווייכן, לאַסקענדן באַריטאָן — האַבען זי איינע גוטע קאַבינע? פיליכט וואָללען זי איינע אַנדערע? איך האַב איינע דעפּעשע פון לליאיד באַקומען, דער דירעקטאָר עמפּפעהלט זי און פערלאַנגט דאָס זי גוטע בעדינונג בעקוממען זאָללען.

— וואָס איז דאָס? אַ שפּאָס? — האָבן געפרעגט וואַסערשטראָמס אויגן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַלד צוריק אויסגעגלייכט ווי אַ בריה און אויפגעשטראַלט.

— איר פאַרשטייט? — האָט ער אַ ווינק געטאָן צו זיין באַגלייטער.

— וואָס איז די געשיכטע? — האָט ער געפרעגט דעם דייטש כמעט מיט אַ גמרא־ניגון.

— דאָס ווייס איך ניכט. מען דעפּעשירט מיר, אונד איך, אַלס בעאַמטער, מוז מיין פפליכט ערפילען — האָט געענטפערט דער אָבער־סטיוּאַרד מיט אַ ליבעסווירדיגן דיפּלאָמאַטישן שמייכל.

— איר ווייסט ניט? אוי ווייסט איר ניט! ניט מיך אָבער וועט איר, דייטשן, נאַרן! כלומרשט ווייסט ער ניט. כאַ, כאַ, כאַ! יאָ, טעלעגראַפירט אים צוריק, דעם דירעקטאָר אייערן, אַז איך, הער וואַסער־שטראָם האָב געזאָגט, אַז מיך נאַרט מען ניט!

— יאָ!

זיינע אויגן האָבן שוין צוריק בייז און שטאָלץ געגלאַנצט.

— קומט, פּאַניע גלעקעל, טרינקען טיי!

וואסערשטראם האט אים גענומען אונטער דער האנט און איז אריינ־געגאנגען מיט אים אין סאלאן אריין מיט א שטאלץ פארריסענעם קאפ. דער דייטש האט אים פארוואונדערט נאכגעקוקט און האט זיך צעלאכט.

ביים טיש האט שוין דאס אידל געטראפן זיין פאמיליע א נידערגע־שלאגענע און א צעשראקענע.

— וואס וועסטו איצט זאגן, יאכנע? — האט ער זיך נאך פונוויטנס געווענדט צו זיין פרוי.

זי האט אויפגעציטערט...

— דו האסט מורא געהאט, מ׳וועט מיך שטעכן, הענגען, אין ים אריינווארפן... א קליינקייט מיט דעם ללאיד אליין זיך פארדייסן... מיט א קאמפאניע, וואס געהערט צום קייזער אליין... וואס? א אידענע בלייבט תמיד א אידענע! — האט זיך וואסערשטראם געווענדט שוין גוטמוטיג צו גלעקעלן.

— וואס איז שוין ווידער? — האט אים ענגסטלעך געפרעגט די פרוי — שוין א נייע געשיכטע?

— וואס איז? דו זעסט, אט די גרויסע שיף? הא? זי ליגט איצט ביי מיר אין קעשענע! הא? וואס זאגט איר, פאניע גלעקעל? בלומרשט ווייסט ער ניט, דער דייטש, פון גארניט. כא, כא, כא! אוי, ציטערן זיי פאר מיר. קעלנער! טיי! — האט א קאמאנדעווע געטאן, ווי א לארד, וואסערשטראם.

דער סטיוארד איז שוין געשטאנען אונטער זיינע פלייצעס גרייט אים צו באדינען.

— ביטע געפעליגסט! — און ער האט זיך העפלעך פארבויגן פאר זיין הער און איז געגאנגען ברענגען טיי.

— איר זעט? דער רוח כאפט זיי. כא, כא, כא! הייסט עס, אפנים, אז איר פארט לייען 100 מיליאן דאלאר — האט זיך וואסערשטראם געווענדט צו גלעקעלן און דערנאך צו זיין פרוי: — דאס איז מיין פריינד גלעקעל! איינער פון אונזערע בארימטע ציוניסטן. דאס האט אים די טערקישע רעגירונג געשיקט קיין אמעריקע לייען ביי די דארטיגע מיליאנטשיקעס 100 מיליאן.

די 100 מיליאן און די טערקישע רעגירונג האבן אויפגעהויבן די פאמיליע פון ארט. די מוטער מיט די צוויי טעכטער זיינען לאנג געשטאנען און האבן ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיך, ביז דער פאטער האט זיי ניט געהייסן זיך זעצן. וואסערשטראם האט זיך גענומען ווייטער באשפרעכן די הלואה און געבן זיין פריינד עצות מיט א געזיכט פון אן אלטן, דער־פארענעם פינאנסיסט.

דער אמעריקאנער

נאך דער טיי זיינען אלע פאסאזשירן ווידער ארויס אויפן דעק...
עס האט געבלאזן א שטיל, פריש ווינטל...

רעבטס, פונווייטנס, האט זיך אין גרוילעך בלויע און זאנפטע ליניעס געצויגן דאס לאנד, ווי א ווייטער, שיינער יוגנט־טרוים... און לינקס, אין מערב־זייט, האט א גרויסע, ווי פייער רויטע זון שוין געצונדן אירע לעצטע שטראלן און האט אנגעהויבן צו זינקען אין ים...

און דער ים און דער בלוי־רויטער הימל ביים ווייטן האריזאנט האבן זיך צוזאמענגעגאסן אין א פלאקערנדן זונענאונטערגאנג, ווי אין א בראנד...

די גרויסע שיף האט מיט איר מעכטיגער, שטאלענער ברוסט געשניטן די כוואליעס, האט געסקריפעט און אזוי ווי אונטערגעזונגען מיט אירע ריזיגע מאשינען און רואיג און זיכער געמאכט דעם ווייטן וועג אירן...

אבער די אימיגראנטן זיינען ניט געווען זיכער און רואיג... יעדן האט ווי א ווארעם געטאטשעט זיין זארג און אייגענע אנגסט... די אנגסט פאר דער אומבאשטימטער צוקונפט...

ווער ווייסט, וואס עס וועט דארט זיין, פון יענער זייט אקעאן? וועט מען אים איבערהויפט אריינלאזן אין גאלדענעם לאנד?

אום צו טויטן אין זיך דעם טאטשענדן ווארעם, האבן זיך די אידישע אימיגראנטן ווידער צונויפגענומען אין א רעדל... מ'האט גערעדט וועגן דער באהאלטענער, ווארטנדער צוקונפט... עס האט ניט געפעלט מעדוועדיעוו און דער קליינער אמעריקאנער מיט די גאלדענע ציין, מיט דעם נאמען מיסטער פרימאן. ער האט אזוי ווי חרטה געהאט דערויף, וואס ער האט זיך באקענט מיט די אידן און האט זיך שוין איצט געהאלטן פונוויטנס... איצט איז ער געשטאנען אין א ווינקל, אנגעשפארט אין ראנד פון שיף און האט שטארק געפלירטעוועט מיט א געזונטער, רויט־באקיגער און הויך־ברוסטיגער דייטשקע.

די שיקסע האט פארשעמט געלאכט אין די פויסטן פון זיינע צווייי־דייטיגע, ווינקענדע וויצן...

אז וואסערשטראם האט אים דערזען, איז ער צו אים צוגעלאפן, ווי צו א ברודער, און האט אים גענומען אונטערן ארעם.

— זאגט נאר, רב איד... פאניע... וואס וויל איך אייך עפעס פרעגן?

— „גערארע־היע!"*) — האט אויף אים א געשריי געטאן דער אמעריקאנער און אים אפגעשליידערט פון זיך ווי א שפענדל...

וואסערשטראם האט ארויסגעשטעקט די צונג פאר איבערראשונג.

— וואס איז מיט דעם איד? איז ער משוגע געווארן?

די שיקסע האט זיך איבערגעשראקן, האט זיך פארשעמט אויסגעדרייט און איז פארשוואונדן געווארן צווישן די שפאצירנדע פאסאזשירן.

— וואס קריכט איר צו מיר? וואס בין איך אייך, א פעטער, אדער א ברודער, וואס איר קריכט צו מיר? האט זיך געבייזערט אויף אים, שוין אין פשוטן אידיש, מיסטער פרימאן.

*) אוועק פונדאנען.

— וואס זאגט איר אויף אים? ער געפעלט אייך א ביסל? וואס א איד קאן! — האט געגאפט וואסערשטראם.

— וואס א איד קאן! וואס א איד קאן! וואס מיינט איר? ווי־באלד איך בין א איד, דארפט איר מיר שוין קריכן אויפן קאפ? איר זאלט צוועקווארפן אייערע רוסישע, חזירישע שטיק, אז איר פארט קיין אמעריקע! איר הערט?

— חזירישע שטיק? — האט אזוי ווי צעטומלט איבערגעפרעגט וואסערשטראם.

— וואס דען איז דאס, אז ניט קיין חזירישע שטיק? — האט זיך אלץ מער אויפגערעגט און געשריגן דער אמעריקאנער.

באלד אבער איז וואסערשטראם, דער קליין־שטעטלדיגער יאבעדניק געקומען צו זיך.

— שאט! עפנט ניט אזוי דאס אמעריקאנער מויל אייערס! מ׳האט זיך פאר אייך ניט איבערגעשראקן. האסט געהערט א מעשה? א קליינע־קייט דאס איז! איך האב שוין אמאל גערעדט מיט גרעסערע פריצים ווי אן אמעריקאנער... יא, איך האב שוין גערעדט מיט דעם דירעקטאר פון ללאיד אויך... יא! און אויב איר זענט אלע אין אמעריקע אזוינע חזירים, מעגט איר די כפרה ווערן איידער איך זע אייך נאך דארט אין אייער גליק־לעכער מדינה... יא! האסטו געהערט אזא מעשה? — האט זיך שוין געקאכט וואסערשטראם, זיך ווענדנדיג נאך הילף צום רעדל אידן, זיין פארמעט־געל פנים איז געווארן געלער פון דער צעגאסענער און זידנדער גאל זיינער...

דער אמעריקאנער איז אנשווייגן געווארן און האט זיך אפגערוקט, זוכנדיג מיט די אויגן די אנטרונענע דייטשקע. וואסערשטראם האט זיך אומגעקערט צום רעדל און האט זיך נאך לאנג געקאכט ווענן דעם חזירישן אמעריקאנער און אויפגערעגט געווארפן מיט די הענט.

באלד האט זיך באוויזן אויפן דעק גלעקעל־עפענדי. ער האט שוין געטראגן אן אנדער אנצוג. ער האט געהאט אויפן קאפ א רויטע פעסקע און האט אויסגעזען ווי אן עכטער טערק.

א סטיוארד האט אים נאכגעטראגן א גרויסע וואסער־פייפ, האט זי אים אנגערויכערט און דער אימפראוויזירטער טערק האט זיך צעלייגט אין א פוילער, אריענטאלישער פאזע און האט זיך גענומען ציען דעם לאנגן ציבעק מיט דער מינע פון אן עכטן טערקישן פאשא.

דאס שפאצירנדע פובליקום האט אויף אים געווארפן נייגעריגע בליקן.

וואסערשטראם האט זיך גענומען מיט אים שטאלצירן פארן רעדל:

— אידן, וואס זאגט איר צו דעם ווייסן חברהניק? הא? אן עכטער טערק אין דער רויטער יארמולקע... ס׳איז שוין איין מאל א חברהניק... ער וועט ביי די 100 מיליאן דאלאר שוין אפלעקן א ביינדל... מיר מעגן עס אט דא אלע אידן אין איינעם פארדינען, וואס ער וועט כאפן מעקלעריי.

פאַרדינט עס שוין איר אַליין — האָט זיך אָנגערופן דער קאָרעספּאָנ־דענט פון דער רוסישער צייטונג.

— לאָז זיין אַליין! וועל איך זיך מיט אייך ניט שפּאַרן. — וואָס זאָגט איר, פּאַניע גלעקעל? — האָט ער זיך געווענדט צו אים פונדערוווייטנס.

גלעקעל־עפענדי האָט אַרויסגענומען דעם ציבעק פון מויל און געפרעגט:

— ווענן וואָס?

— איך מיין, איר וועט שוין ביי דער הלואה פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן. אויף אונז געזאָגט געוואָרן.

— דערלייגן וועל איך שוין ניט... — האָט ער פויל און נאָכלעסיג צוגעוואָרפן דעם רעהל אידן צווישן די ציין און האָט זיך ווידער פאַרצויגן מיט דער טערקישער פייף.

און די וואַסער־פייף מיט דער פוילער, נאָכלעסיגער פּאָזע פון אַ טערקישן פּאַשאַ האָט פולשטענדיג איבערצייגט דעם עולם, אַז דער יונגער־מאַן איז טאַקע אַ ריכטיגער שליח פון דער טערקישער רעגירונג און פאַרט אויף דער אמתן לייען ביי די אַמעריקאַנער אַ 100 מיליאָן...

די אידן האָבן אים באַלד אַרומגערינגלט און האָבן אים אָנגעהויבן באַשיטן מיט פראַגן: ווי האַלט עס מיטן טערק, מיט זיינע פינאַנצן, ווי אַזוי גייט עס אַבדול האמידן אין זיין תפיסה, וויפיל ווייבער האָט מען אים אַהין מיטגעגעבן, ווען וועלן מיר שוין קריגן פּאַלעסטינע און דאָס גלייכן. איין אידל האָט אים אפילו געפרעגט, צו טראָגט מען אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל שלח־מנות...

און דער יונגער טערקישער שליח האָט זיך ניט געפוילט. ער האָט באַלד פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם טערקישן פּאַשאַ און האָט זיך גענומען אייפעריג באַפרידיגן די גרויסע נייגעריקייט פון עולם. דער עולם האָט זיך באַלד פאַרגעסן, אַז עס איז אויף אַ שיף און מ'האָט זיך אויף אַזאַ אופן הויך און געשמאַק פאַרשמועסט פונקט ווי מ'וואָלט געווען אין בית־המדרש ביי דעם אויוון אָדער אין אַ חסידיש קלייזל...

דאָס געהיימניספולע פּאָרל

רייזנדע, ווי שפּריצער־וואַסערשטראָם, מענשן, וועלכע האָבן אין דער אַלטער היים געלאָזט אַ נאָמען, דעם אייגענעם, און דאָ אויף דער שיף זיך גענומען אַ צווייטן, אַ נייעם, אַזוינע טאָפּלט־מענשן איז מסתמא ניט ווייניג געווען אין דער שווימענדער שטאָט, וועלכע האָט געהייסן „גענאַרג וואַשינג־טאָן".

ניט איינער האָט צוגלייך מיט דעם אַלטן נאָמען געלאָזט הינטער זיך עפּעס אַ פאַרברעכן... אַנדערע זיינען געלאָפן פון אַ זעלן־טראַגעדיע און האָבן געזוכט אין אַ נייעם נאָמען פאַרגעסנהייט פאַרן אַלטן...

אַזאַ טאָפּלטער מענש איז אויך געווען דער הויכער פּאַסאַזשיר מיט די

לאנגע, בלאנדע האר, ווי ביי א גלח, און מיט א ציגן־בערדל מיט א קאליר פון פלאקס, וועלכער האט זיך געדרייט ארום דעם רעדל אידן.

צוצוגיין צו זיי נאענט און אריינשטעקן דעם קאפ אין רעדל, ווי אנדערע האבן עס געטאן, האט ער אזוי ווי ניט געוואגט... צו זייערע רייד אבער האט ער זיך צוגעהערט און האט זיי געכאפט פונוויטנס מיט א געשפאנטן און קאנוואולסיוו־באוועגטן געזיכט פון א מענש, וואס הערט זיך צו צו ווייטע, אומבאקאנטע, אבער דאך שוין אמאל ערגעץ־וואו געהערטע און ניט פרעמדע מעלאדיעז...

און די מעלאדיעז האבן זיך אנגערופן און זיינען געלאפן איבער זיין מערקווירדיג געזיכט, ווי שאטנס און זכרונות פון אן אנדערער, שוין טויטער וועלט...

מערקווירדיג איז זיין געזיכט געוועזן טאקע דורך דעם פיינלעכן אויס־דרוק, מיט וועלכן ער פלעגט אפשטעלן זיין שפאציר־גאנג איבער דעם דעק און זיך איינהערן אין דער אידישער שפראך פון רעדל...

ווייטער האט דאס פנים אין רימל פון זיינע לאנגע, בלאנדע האר, וואס האבן זיך געקרייזלט ארום זיין הויכן און אפענעם שטערן, דער טרויעריגער קוק פון צוויי טיף־ליגנדע שווארצע אויגן, זיין גאנצע הויכע און סוטו־לעוואטע פיגור איבערראשט מיט דער לעבעדיגער ענלעכקייט צו די פנימער אויף די בילדער פון געקרייציטן נוצרי, צו דעם באקאנטן טיפ, וואס איז מיט קליינע וואריאציעס געמאלן געווארן דורך אלע גרויסע מאלער...

יא, ווירקלעך די לאנגע, פלאקסענע גלאטע האר, דאס אוואלע און בלייכע פנים מיט דעם שפיציגן, קליין, בלאנדן בערדל, די הויכע, סוטולע־וואטע און אויסגעטרוקנטע פיגור... אלץ צוזאמען מיט דעם שמערצלעכן אויסדרוק אין די טיפע אויגן... קיין בעסערן מאדעל פאר א יעזוס קריסטוס, וואלט קיין מאלער ניט פארלאנגט... ס'האט נאר געפעלט דער קראנץ פון דערנער ארום א בלוטיגן שטערן.

ווייטער איז דאס געוועזן איינס פון די פנימער, וועלכע שאפן באלד ביי אייך אין קאפ די פראגע: א איד? א גוי? דער גוי וועט זיך פון אייך אויסלאכן, אז איר וועט זאגן, אז דאס פנים איז א אידישס... פאר אייך, דעם איד אבער, איז דאס א פראגע און אפט א זיכערקייט...

— וואס? אינטערעסאנטס דערציילט ער דארט, אט דער טערק? — האט אים געפרעגט זיין פרוי אויף רוסיש, מיט אן עכטן וואלגער אקצענט, ווען ער האט זיך אפגעשטעלט פאר איר שטול, אויף וועלכער זי איז געזעסן, פארטיפט איבער א מאנוסקריפט אויף אירע קני.

זיין סוטולעוואטע פיגור האט אויפגעציטערט ווי פון א פיינלעכער דערינערונג.

— וואס פאר א טערק! ס'איז א זשיד און ניט קיין טערק, — האט ער באמערקט און האט זיך אנגעכמורעט...

— יעווריי? ס'קאן ניט זיין! — האט אויסגעשריגן אנטציקט און

פריילעך די קאצאפקע, אזוי ווי דער מאן וואלט איר געמאכט א העכסט איבערראשנדע אנטדעקונג און האט זיך אויפגעהויבן פון איר ארט.

— וואס לייענסטו, מארוסיא? — האט ער פלוצלינגן געפרעגט, אזוי ווי אפצואווענדן דאס געשפרעך אויף אן אנדערע טעמא.

— דיינע אלטע, ניט־געדרוקטע לידער, — האט זי אים געענטפערט טעאטראליש און מיט א זיסן, גליקלעכן שמייכל אויף איר געזונט, ראזאווע און שיין פנים, וועלכעס איז געווען באלויכטן מיט א פאר גרויסע, גרויע און הערצלעך קוקנדיגע אויגן.

און מיט דעם מאנוסקריפט אין א זשעסטיקולירנדער האנט האט זי זיך גענומען דעקלאמירט איינס פון די „ניט־געדרוקטע לידער"...

עס איז געווען ניט קיין ליד, נאר א תפילה צו גאט, צו דעם זעלבן יעזוס, וועלכער איז איצט געשטאנען פאר איר, א פארקערפערטער אין דעם לעבעדיגן געשטאלט פון איר מאן...

דער פאנטאם פון מענשהייט און געשיכטע אין פארלויף פון 2,000 יאר איז געשטאנען פאר איר א לעבעדיגער און אטעמענדער, אזוי ווי ער וואלט ערשט אויפגעשטאנען פון זיין קבר אדער וואלט זיך פון די הימלען ארונטערגעלאזט צו איר אויף דער דעק פון דער שיף...

פארכאפט און היפנאטיזירט פון דער גרויסער, און צו גלייכער צייט שרעקלעכער, אילוזיע האט מארוסיא פארגעסן, אז זי דעקלאמירט בלויז א ליד...

זי האט אויפגעהערט צו דעקלאמירן און אנגעהויבן מתפלל צו זיין...

און איר פנים, דאס שיינע, לעבנסלוסטיגע פנים מיט דער ערדישער פרייד און ליבע צו איר מאן, וואס האט געשיינט פון דעם פנים, זיך גע־לויכטן פון אירע גרויסע, גרויע אויגן אונטער קיילעכיגע טונקעלע ברעמען, האט זיך פלוצלינג געענדערט...

דאס פנים האט זיך פלוצלינג באלויכטן מיט דער הימלישער באגייס־טערונג פון א יונגער נאנע, וואס קניט אין איר צעל פארן בילד פון גע־קרייצטן, ווען זי האט געגעבן די שבועה פון אייביגער נזירות און צניעות, זיך באלויכטן מיט דעם הייליגן עקסטאז פון דער יונגער בתולה, וואס האט נעשוואוירן אייביגע ליבע צו יעזוס דעם געטלעכן חתן אירן און זיך אויף אייביג אפגעשיידט פון דער אויסערלעכער וועלט, צו בלייבן אליין מיט אים, אין אייביגער התבודדות מיט אים אין קלויסטער, אים טראגן אין אלע אירע מחשבות און געפילן, ריידן צו אים אין אלע אירע תפילות און זען אים א לעבעדיגן אין איר פאנטאזיע, ווי אזוי ער גייט ארונטער צו איר פון זיין איקאנע און נעמט איר יונגפרוילעכן קערפער אין זיינע לעבעדיגע מענשלעכע ארעמס...

נאך א מינוט פון דער גרויסער אילוזיע און, די מיט הייליגן עקסטאז עלעקטריזירטע, מארוסיא וואלט זיך אראפגעלאזט אויף די קני פאר דעם, צו וועמען זי האט מתפלל געווען...

דער מאַן אָבער האָט אַרויסגעכאַפּט פון איר האַנט דעם מאַנוסקריפּט, האָט אים אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ, זיך צעוויגט און מיט אַ מעכטיגער האַנט־באַוועגונג אים אַ שליידער געטאָן פון זיך ווייט אין וואַסער אַריין...

די פרוי האָט אויסגעשריגן ווי אַ טויטלעך־פאַרוואונדעטע און האָט זיך אַ וואַרף געטאָן צום ראַנד.

די פּאַסאַזשירן זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון דעם האַרצרייסנדן געשריי... אַז מ'האָט אָבער דערזען, ווי די פרוי רייסט זיך פון דעם מאַנס הענט און וויל אַריבערשפּרינגען איבערן ראַנד, איז אויפן דעק געוואָרן אַ גרויסע מהומה.

מ'האָט אָנגעהויבן לויפן פון אַלע זייטן...

באַלד האָבן זי שוין שטאַרק געהאַלטן אַ סך הענט. דער מאַן איז געווען בלייך ווי אַ מת, זיין פּנים האָט געקענט אָניאָגן אַ שרעק...

איינער פון די, וועלכע האָבן פעסט געהאַלטן די שרייענדע פרוי, איז געווען גלעקעל־עפענדי.

— איוו טשאַם דיעלאָ?... ראַדי באָגאַ! (אום גאָטס ווילן, וואָס איז מיט אייך?) — האָט ער זי געפרעגט אַ ציטערנדער און אויך אַ בלייכער ווי דער מאַן.

— מאַנוסקריפּט! ראַטעוועט דעם מאַנוסקריפּט! — האָט זי געשריגן אויף רוסיש און זיך געריסן אין ים אַריין...

באַלד זיינען אָנגעלאָפן אויף דער מהומה דער אָבער־סטיואַרד און דער ערשטער אָפיציר פון דער שיף.

— ראַדי באָגאַ! מאַנוסקריפּט! — רעטעט מיר דעם מאַנוסקריפּט!

— האָט זיך די פרוי שוין געבעטן ביי זיי אויף פראַנצויזיש און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קניען פאַרן אָפיציר, ברעכנדיק פאַרצווייפלט די הענט, פּונקט ווי ער וואָלט אַ קינד אירס אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין.

אין אַ רגע האָט די מהומה דערגרייכט דעם קאַפּיטאַן אויפן בריקל... ער האָט געגלייבט, אַז אַ מענש האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. אַ שרעקלעכער פייף האָט באַלד דערשיטערט די לופט...

דער גרויסער שטאָלענער קערפּער האָט אויפגעציטערט. די שיף איז געבליבן שטיין...

דער אָפיציר איז אַוועק צום קאַפּיטאַן אים צו דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט. די פרוי איז אים נאָכגעלאָפן, באַגלייט פון אַן אויפגערעגטן עולם... אַז דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערוואוסט די סיבה פון דעם געשריי און דער מהומה, איז ער בייז געוואָרן, אָבער נאָר אויף אַ רגע...

די פאַרצווייפלטע שיינע פרוי האָט באַלד גערירט דאָס האַרץ פון בייזן ים־וואָלף און ער האָט מיט אַ גוטן שמייכל באַפוילן אַרונטערצולאָזן אַ שיפל מיט צוויי מאַטראָסן צו זוכן דעם מאַנוסקריפּט.

איצט איז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון אויפגערעגטן עולם איבער־געגאַנגען פון דעם מערקווירדיגן פּאָרל אויפן שיפל מיט די מאַטראָסן, וועלכע

האבן זיך געלאזט זוכן א מאנוסקריפט צווישן אויפגערודערטע כוואליעס...

די אויפרעגונג האט אלץ מער געשטיגן. מ'האט געמאכט וועטן, מ'האט זיך אמוזירט. עס האט גענוג געדויערט ביז מען האט געזען, ווי דאס שיפל קומט צוריק... אבער באלד האט דאס שיפל פונוויטנס געגעבן א פרייליכן סיגנאל. דאס פובליקום אויף די דעקן האט אויסגעבראכן אין א גליקלעכן יובלדיקן הורא! די מאטראסן האבן געפאנגען און געפירט צוריק דעם אומגעווינלעכן מאנוסקריפט.

דער מאן איז שוין לאנג געווען פארשוואונדן פון דעק. די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט האט אים, ווי א סקאנדאל, פארטריבן אין זיין קאבין.

די פרוי האט זיך אויך אזוי ווי פארשעמט פאר דער גאנצער מהומה און האט שוין געזוכט צו באהערשן איר פרייד. מיט ציטערנדע הענט האט זי אויסגעשיט די מאטראסן דאס גאנצע געלט פון איר פארטמאנע און איז אויך אוועק מיט דעם נאסן מאנוסקריפט צו זיך אין קאבין אריין.

צום אונט־ברויט האט מען דאס פארלביים טיש שוין ניט געזען...

וואסערשטראמס נייע שרעק

דער עולם האט נאך לאנג באשפראכן די מערקווירדיגע פאסירונג, אפמיינסטן די אידן.

דער אמעריקאנער, פרימאן, האט זיך אויך אומגעקערט צו זייער רעדל...

— אז א מענש רעדט מיט א דאמע, דארפט איר ניט זיין קיין גרינער און ארייגפארן אין מיטן — האט ער זיך געווענדט מיט א באלערנדן, אבער שוין מילדן טאן צו וואסערשטראמען — אז איר פארט קיין אמעריקע דארפט איר פארשטיין ביזנעס. איר דארפט זען, הערן און שטיין פונוויטנס. ווי געפעלט אייך עפעס די דייטשקע מיט די גראבע באקן? ס'איז שוין איינ־מאל א נקבה!

דער אמעריקאנער האט אים דערביי שוין גאנץ גוטמוטיג א קיצל געטאן אונטער דער פאכווע.

— א געשעפט האב איך מיט אייער דייטשקע! זי לינט מיר ניט אפילו אין דער לינקער פאה.

וואסערשטראם האט זיך כלומרשט נאך א ביסל געבייזערט, האט זיך אבער באלד געלאזט איבערבעטן. ער האט אוועקגערופן דעם אמעריקאנער אן א זייט און האט אים געפרעגט מיט אן אנגסטלעכן טאן, וועלכער האט ארויסגעגעבן דעם גאנצן גיהנום פון דער נשמה פון יעדן עמיגראנט...

— איך בעט אייך, וואס קאן אזא איד ווי איך טאן, א שטייגער למשל, אין אמעריקע?

ער האט עס געפרעגט שטיל, ווי ער זאל אים איינרוימען א סוד אויפן אויער.

— איר קענט ארומגיין אין די הייזער — האט אים געענטפערט דער פריינטלעכער אמעריקאנער, אבער שוין הויך, אז יעדער זאל הערן.

— א שיינעם דאנק אייך. זייער פיין פון אייך — האט זיך באליידיגט דאס אידל.

— איר פרעגט מיך, ענטפער איך אייך... — האט געשפאסט מר. פרימאן.

— איך מיין אינדעראמתן, איר דארפט ניט פארגעסן, אז איך בין ניט ווייס־איך־וועד, אז איך בין געווען אין דערהיים א איד אן עושר, א באלעבאס מיט באלעבאטים גלייך. — האט זיך ביי אים געבעטן דאס אידל מיט א רחמנות־פנים, אזוי ווי זיין גורל אין אמעריקע וואלט אפהענגען פון אט דעם אמעריקאנער מיט די גאלדענע ציין.

— וואס־זשע פארט איר קיין אמעריקע?

— הייבט זיך אן קשיות... מ׳פארט... אלץ אונזערע אידן... אוי, אונזערע אידן... איר ווייסט דען וואס אונזערע אידן זיינען? מאכט זיך א מעשה מיט פאלשע פאספארטלעך, איר פארשטייט? — האט א וואונק געטאן וואסערשטראם — איך אליין בין תמיד געווען א קהלשער מענש... א אידישער סטאראסטע, איך האב עס נאך פון מיין טאטן, עליו השלום, געירשנט, נו, מאכט זיך א מסירה, וואס פרעגט איר קשיות? און איך האב געמוזט פארקויפן דאס הויז און אוועקפארן.

זיין געזיכט האט זיך פלוצלינג פארדעקט מיט א זארג, ווי מיט א כמארע.

— איך בעט אייך, ווי אזוי איז דארט ביי אייך אין אמעריקע? למשל, פאר פאלשע פאספארטלעך קאן מען מיך ארויסגעבן צוריק צו פאניען? — האט ער ווידער שטיל געפרעגט דעם אמעריקאנער און האט זיך מיט שרעק ארומגעקוקט.

— נאך א מין ארויסגעבן!

דאס אידל איז פארציטערט געווארן.

— וואס־זשע איז פאר א פרייהייט ביי אייך? א שיינע פרייהייט! אזא יאר אויף אייך מיט אייער פרייהייט אינאיינעם — האט זיך אנטוישט און בייז אנגערופן וואסערשטראם.

— איר זענט אין אמעריקע נאר פריי צו הונגערן און צו שטארבן. ווייטער גארניט — האט אים צוגעווארפן דער אמעריקאנער און איז אפ־געגאנגען צוריק צום רעדל.

דארט האט שוין גלעקעל דערציילט דעם עולם פון וואסערשטראמס סכסוך מיט דער שיפס־קאמפאניע און פון דער דעפעשע, וואס דער אבער־סטיוארד האט באקומען פון דעם דירעקטאר. דער פרעסטיזש פונם קליינעם אידל איז מיטאמאל געשטיגן.

— איר גיט מיר דעם מאטעריאל אין די הענט אריין — האט אים פארגעשלאגן דער רוסישער קארעספאנדענט, וועלכער האט אויסגעזען ווי א פרוויגן־הענדלער, — איך וועל דעריבער שרייבן אין מיינע צייטונגען.

וואסערשטראם האט צוריק פאררעסן זיין קאפ און האט שוין ווידער געשטראלט פון גדולה.

— אייך? און וואו בין איך? איר מעגט זיך אויף מיר אויך פאר־לאזן. איך קאן מיין שטעטל באשטיין.

— איר קענט דאך ניט שרייבן!

— איך קאן ניט שרייבן? כא, כא, כא! א גרויסע זאך שרייבן!

— איר ווייסט, וואס דער סוף וועט זיין? — האט זיך אנגערופן דער אמעריקאנער, וועלכער האט געהאט א גרוים פארגעניגן צו ערגערן און צו פייניגן דאס קליינע, בייזע אידל, — דער סוף וועט זיין, אז מ'וועט אים ניט אריינלאזן קיין אמעריקע...

וואסערשטראם האט אויף אים אויסגעסטארטשעט זיינע גרינע, קאציגע אויגן, גרייט אים אריינצופארן מיט די נעגל אין פנים אריין... דעם אמערי־קאנער האט עס אבער צוגעגעבן קוראזש.

— יעס! יעס! דער אבער־סטיוארד וועט שוין א וואונק טאן, אז איר זענט א רוסישער בונטאוושיק, אן אנארכיסט. און דאן זענט איר, ר' קרוב, פארטיג... אוי, פארטיג... יא, איר קומט שוין קיין אמעריטשקע ניט אריין... כא־כא־כא!

דער אמעריקאנער האט טיף אריינגעקוקט דעם בייזן און איבערגע־שראקענעם אידל אין די אויגן אריין און האט מיט גרוים פארגעניגן געלאכט...

— וואס זאגט איר צו דעם איד? ווי געפעלט ער אייך? איך בעט אייך. איר זענט אין אמעריקע אלע אזוינע ליבהארציגע מענשן?

— א מאדנער מענש איר זענט, איך זאג דאך אייך דעם אמת. ווער נעמט און צעקריגט זיך מיט א דייטשן קייזער?

וואסערשטראמס פרוי, וועלכע איז געשטאנען אן א זייט און האט אויסגעהערט דאס געשפרעך, האט אנגעהויבן צו ברעכן די הענט...

— נו, האסטו עס באדארפט? הא? וויפיל איך האב זיך ביי דיר געבעטן! ווי ביי א גזלן! — האט די פרוי זיך גענומען אין איר גרויסער אנגסט אויסרעדן און יאדען איר מאן.

— וואס מיינט איר, זיי קענען עס טאקע טאן... איך ווייס פון אזוינע פאקטן — האט צוגעלייגט א קנייטל דער קארעספאנדענט, אבי צו ערגערן א איד.

— הערסט? נאדיר! אט האסטו עס! — האט זיין ווייב ווי אויס־געשפיגן וואסערשטראמען אין פנים אריין און איז אפגעגאנגען צום ראנד פון שיף, קריצנדיג מיט די ציין.

דעם אמעריקאנערס רייד האבן זיך אבער געלייגט אויפן שכל, און דאס אידל איז שוין ווידער געשטאנען אין געהאקטע צרות, ניט טויט און ניט לעבעדיג.

זיין ברויזנדער טעמפעראמענט האט אבער לאנג ניט געקענט בלייבן נידערגעשלאגן. ער איז באלד אראפגעלאפן צום אבער־סטיוארד און האט אנגעהויבן צו שפריצן מיט גאל און שרייען אויפן הויכן, רויטן דייטש:

— איר ווילט מיך מאכן פאר אן אנארכיסט? איר מיינט איך פאר־שטיי ניט אייער פאליטיקע? איר וועט זאגן אין אמעריקע, אז איך בין א רוסישער אנארכיסט, כדי מען זאל מיך ניט אריינלאזן אין אמעריקע, און דערנאך וועט איר מיך פירן צוריק און דערטרינקען, כדי די וועלט זאל ניט וויסן דעם אמת?

דער דייטש האט געקוקט אויף דעם קליינעם, שרייענדן באשעפעניש, ווי אויף א משוגענעם.

— אבער, הער וואסערשטראם — האט ער נאר געקענט עפענען דאס מויל צו בארואיגן דעם אויפגערעגטן פאסאזשיר.

דער האט אבער אים ניט צוגעלאזט צום ווארט.

— מיך וועט איר, דייטשן, ניט נארן — האט נאך העכער געשריגן וואסערשטראם — מיר אידן זיינען קליגער פון אייך, דייטשן!... יא!

— דאס וועל איך שוין צוגעבן — האט באמערקט דער דייטש מיט אן איראניש שמייכל.

— אבער עס וועט אייך ניט געלונגען. איך קלאפ שוין א טעלעגראמע צום ראבינער קיין ברעמען און א צווייטע צו יעקב שיף קיין ניו־יארק... שיף אליין וועט קומען מיך אראפנעמען און וועט עדות זאגן, אז איך בין א איד א באלעבאס, אן עושר און ניט קיין אנארכיסט... ער וועט פאר מיר גאראנטירן... אפילו א מיליאן קויציע געבן.

— אבער, הער וואסערשטראם! וואס פאלט אינען איין? יעמאנד וועט זאגן דאס זי אן אנארכיסט זינד? דענקען זי נאר... ווי קאן זיך אזא געזעלשאפט ווי דער ללאיד זא־וואס ערלויבען?... — האט אים פרובירט בארואיגן דעם אבער־סטיוארד.

דאס אידל האט זיך אבער ניט געלאזט בארואיגן און האט געשריגן, אזוי ווי מ'וואלט אים געוואלט קוילן אדער ווארפן אין ים אריין.

— ס'וועט אייך ניט געלונגען, זאג איך אייך. איר האט זיך, דייטשן, שלעכט פארטשעפעט... איך וועל עס פארלייגן מיין רעגירונג, איך נעם די אלע אידן פאר עדות, אז איר ווילט מיר אפטאן א שפיצל... ווילט מיך אומגליקלעך מאכן!

ס'האט זיך באלד ארום דעם קליינעם, שרייענדיגן אידל געזאמלט א גאנץ היפש רעדל...

ס'האט געשמעקט מיט א סקאנדאל, און דער רואיגער, העפלעכער דייטש האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל אנפאנגען מיט דעם משוגענעם, אויפגערעגטן פאסאזשיר צו טאן.

— אבער בארואיגן זי זיך, הער וואסערשטראם! מ'טוט אייך קיין שלעכטס ניט... לאסען זי זיך נאר גוט באדינען אויפן שיף. פיליכט וואללען זי א בעסערע קאבינע?... זאגען זי נאר וואס אינען שמעקט...

ער האט אים שיער ניט געגלעט ווי א קליין, אויפגערעגטן, שרייענדיג קינד...

דאַ האָט אין אידס מוח אויפגעפּלאַקערט אַ נייער געדאַנק.

— ווייסט איר וואָס, פּאַניע דייטש? איך וועל מיט אייך מאַכן אַזאַ מין געשעפט — האָט ער פאַרגעשלאָגן רואיגער און האָט אָפּגעפירט דעם אָבער־סטיוארד אָן אַ זייט — איך וועל אייך אָפּגעבן דעם פּראָטעסט פון די אימיגראַנטן מיט די אונטערשריפטן און איך גיב אייך מיין וואָרט פון אַ פרומען איד, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ פרומען און גאָטספאַרכטיגער איד... איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז איך וועל אָננעמען אַ מויל מיט וואַסער און שווייגן... אַבי לאָזט מיך אָפּ און טשעפּעט מיך ניט... איר זעט דאָך, איך בין אַ איד מיט קינדער... צוויי מיידלעך, זאָלן לעבן — האָט זיך געבעטן רחמים וואַסערשטראַם.

דער אָבער־סטיוארד האָט גאָרניט געוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע און געקוקט אויפן איד, ווי אויף אַ פאַררוקטן.

— אָבער, הער וואַסערשטראַם, וואָס פעלט איהנען איין! ווער פאַר־לאַנגט וואָס פון אייך?

— ניין, איך גיב עס שוין אייך אָפּ — און ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ ברודיגן בויגן פּאַפּיר און האָט עס אָנגעהויבן צו שטופּן דעם דייטש אין דער האַנט אַריין...

— אָבער ביטטע, הערר וואַסערשטראַם, בעהאַלטען זי עס... קיינער דאַרף עס ניט. וואָס געהט עס מיך אָן? איך בין נאַר אַ בעאַמטער — האָט זיך דער דייטש אָפּגעשאָקלט פון אַלעם — דער ללאָיד טוט עס אַזוינס ניכטס... וואָס פאַר אַן אידעע!... רייזען זי רוהיג און לאַסען זי זיך גוט בעדיענען.

און דער העפלעכער דייטש האָט זיך איצט גענומען אים פאַמיליאַר צו קלאַפּן איבער דער פּלייצע און באַרואיגן אים ווי אַ קינד.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז וואַסערשטראַם אַרויסגעלאָפן צוריק צום רעדל אידן, אַ שטראַלנדער פון גליק.

— שוין! איך האָב שוין קיין מורא ניט. איך האָב שוין געענדיגט מיטן דייטש, איך לאָך שוין פון אייך, פּאַניע אַמעריקאַנער! — האָט ער אַזוי ווי אויסגעשפּיגן מר. פּרימאַנען אין פּנים אַריין. — מלכה! איך האָב געגעבן דאָס וואָרט, אַז איך וועל שווייגן און ער וועט מיך ניט טשעפּען. — האָט ער אָנגעזאָגט זיין ווייב די גוטע בשורה.

— יאָ, דאָס וואָרט... דער דייטש גנב וועט דיר געבן דאָס וואָרט. אַ שיינעם ווערט האָט זיין וואָרט! — האָט זיך אָנגערופן מלכה, ניט גלייבנדיג אין דער ישועה.

— זיי ניט קיין נאַרישע אידענע! — האָט ער זיך אויף איר געבייזערט — אַזאַ דייטש, אַ מענש פון אַזאַ קאָמפּאַניע... ס'ליגט דאָך אַ מיליאַרד אין דער קאָמפּאַניע. ווילהעלם אַליין איז דאָרט גלאַוונער באַלעבאָס.

— וואָס זאָגט איר, אידן? — האָט ער זיך געווענדט צום רעדל — איז דען ניט גלייכער אַזוי? וואָס דאַרף איך זיך פאַרקריגן מיט אַזוינע

ליבן? א קליינקייט דאָס איז אַזאַ ללאַיד! דער קייזער אַליין איז דאָרט באַלעבאָס. איך דאַרף עס די וועלט פאַרזאָרגן? א קשיה אויף א מעשה, איך בין דאָך ניט מער ווי אַן אָרעמער איד... האָב איך געגעבן דאָס וואָרט, אַז איך וועל ניט מאַכן קיין ליאַרם אין אַמעריקע און שווייגן וועגן זייערע מעשים תעתועים... און ער האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז ער וועט מיך ניט מסרן... א יאָ, גלייך?

גלעקעל־עפענדי האָט אַרויסגעלאָזט פון זיין מויל דעם לאַנגן טערקישן ציבעק און איז אויפגעשפּרונגען ווי א ווילדער.

— וואָס האָט איר געטאָן? — האָט ער זיך געכאַפּט ביים קאָפּ.

— וואָס־זשע, איך בעט אייך. איך בין זיך מחויב צו קריגן מיט א גאַנצער וועלט?

— איר זענט א טרוס, א גאָרניט! — האָט אויף אים געשריגן גלעקעל.

— א טרוס! א טרוס! — האָט פּאַטאַקעוועט דער קאָרעספּאָנדענט.

— דאַטס ראַיט! — דאַטס ראַיט! יו אַר עי קאָוואַרד!*) — האָט צוגעשפּילט דער אַמעריקאַנער.

דאָס אידל איז צוריק געשטאַנען א צעטומעלטער.

— וואָס־זשע וועט זיין, אַז דער דייטש וועט מיך מסר׳ן און וועט זאָגן דאָרט, אַז איך בין אַן אַנאַרכיסט?

— ווער זאָגן? וואָס זאָגן? זייט ניט קיין טיפּוש! איך נעם אייך אַראָפּ... אויף מיין אחריות — האָט זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט גלעקעל.

— פאַר אַזאַ געשיכטע קריגט איר אין אַמעריקע 10 טויזנט דאָלאַר. איך נעם אייך ביי אַן אַנדערע שיפס־קאָמפּאַניע דערפאַר 10 טויזנט דאָלאַר... איר זענט א גרינער! — האָט אויף אים געשריגן מר. פרימאַן.

— איר האָט דאָך ערשט געזאָגט, אַז זיי וועלן מיך ניט אַראָפּלאָזן. איך בעט אייך, וואָס איז מיט דעם איד? — האָט געשטוינט וואַסערשטראָם.

— לאָזט מיך צופרידן מיט אייערע 10 טויזנט דאָלאַר. איך שענק זיי אייך! — האָט זיך בייז אָפּגערופן מלכה — משה, קום נאָר אַהער!

זי האָט גענומען דעם מאַן אירן, האָט אים אַוועקגעפירט אין א זייט פון רעדל און האָט זיך געשטעלט מיט אים איינטענהן און אים שטראָפן, ווי כסדר, פאַר זיינע קהלשע געשעפטן...

איבעראַשונגען פאַר גלעקעל־עפענדי

דער אַטלאַנטיק האָט באַגעגנט אונזערע עמיגראַנטן זייער אומפריינט לעך און בייז.

דאָס וועטער האָט זיך פּלוצלינג געביטן.

א קאַלטער נאָרד־ווינט האָט זיך געטראָגן איבערן ים און געבייטשט און געשליידערט זיינע וואַסערן אַזוי אומבאַרמהערצלעך און מיט אַזאַ

*) אמת, אמת, איר זענט א טרוס.

וואוט, אַז די כוואַליעס האָבן זיך געקרימט און געדרייט פון ווייטאָג און געשפּרונגען אונטער זייגע שמיץ ביז צום אויבערשטן דעק פון שיף.

דער „גענאַרג וואַשינגטאָן“ האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן. האָט זיך אַלע מאָל געהויבן און געוואָרפן אין קאַמף מיט דעם שטורם, האָט געקרעכצט און געסקריפּעט, ווי אַ פאַרוואונדעטער, אָבער נאָך קעמפנדער ריז.

די פּאַסאַזשירן זיינען פאַרשוואונדן פון דעק און זיינען געלעגן ים־קראַנק אין זייערע קאַיוטעס. די טישן זיינען געווען ליידיג ביי די מאָל־צייטן; און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי טעג.

גלעקעל־עפּענדי איז אויך געווען אַ ביסל פאַרכאַפּט פון דער קראַנקייט און איז ניט אַרויסגעגאַנגען דעם ערשטן טאָג פון זיין קאַיוטע. פונדעסט־וועגן איז אים די געשיכטע מיט דעם מאַנוסקריפּט פון קאָפּ ניט אַרויס־געגאַנגען. ער האָט מיט זיין חוש דערפילט, אַז אונטער דער געשיכטע שטעקט אַ גרויסע זעלן־טראַגעדיע, און אַז די צוויי רוסישע פּאַסאַזשירן זיינען ניט קיין געוויינלעכע דורכשניטלעכע מענטשן. דערפאַר, אַז ער איז אַראָפּגעקראָכן פון זיין געלעגער, איז זיין ערשטער געדאַנק געווען צו זוכן דאָס פּאָרל און זיך באַקענען מיט די מענטשן נענטער.

די געלעגנהייט דערצו האָט ער באַקומען ערשט אויפן דריטן טאָג, ווען דער שטורם האָט אָפּגעלאָזט און דער אויפגערעגטער ים האָט זיך גענומען באַרואיגן. די רוסישע דאַמע איז געלעגן אויפן דעק אין אַ שטול, איינגע־הילט אין אַ פּלעד און האָט געקוקט פאַר זיך מיט אַ פאַרקלערטן זיסן שמייכל אויף אירע בלאַסע ליפּן.

אַזוי גוט און זיס שמייכלען מענטשן תמיד נאָך אַ געפערלעכער קראַנקייט...

— ווי גייט עס אייך, מאַדאַם? — האָט ער זי געפרעגט אויף רוסיש.

די דאַמע האָט אויסגעדרייט צו אים איר פּנים.

אַ לייכטע רויטקייט האָט פאַרפלייצט איר צאַרטע און אַלאַבאַסטער ווייסע הויט.

— ניטשעוואָ!... ספּאַסיבאָ! — און זי האָט אים געשענקט אַ דאַנקבאַרן אָבער אומרואיגן בליק.

דער בליק האָט אים אָפּגעהאַלטן פון אַנדערע פראַגן. די פראַגע, ווי אַזוי פילט זיך איר מאַן, איז שוין פאַרגליווערט געוואָרן אויף זיינע ליפּן... און ביידע האָבן לאַנג געשוויגן...

פּלוצלינג האָט זי זיך אָנגערופן:

— אַ וואונדערשיינע שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל!

— איר זענט געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל? — האָט ער זי מיט אַ נייגעריגער פרייד געפרעגט.

— יאָ, פאָרנדיג פון פּאַלעסטינע.

— וואָס? איר זענט געווען אין פּאַלעסטינע? — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן איבערראַשט.

— יאָ, מיר פאָרן איצט פון טערקיי. מיר האָבן אָבער אין פאַלעסטינע ניט געקענט בלייבן. שווער געווען זיך איינצולעבן.

זיין אינטערעס צו דעם פּאָרל איז געוואָרן נאָך גרעסער.

— איר האָט זיך געוואָלט באַזעצן אין פאַלעסטינע? — האָט ער זי געפרעגט כמעט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

ווי פאַרשעמטע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן אויף אירע ווייסע, שיינע הענט, וועלכע האָבן זיך געשפּילט מיט די פּרענזלעך פון פּלעד...

— יאָ, מיין מאַן האָט געוואָלט — האָט זי געענטפערט צעטומלט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך מודה געווען אין אַ גרויסן חטא.

פּלוצלינג אָבער האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר ווייטערע פראַגן, האָט אים געשענקט אַ מעלאַנכאָליש פאַרקלערטן און זיסן אָבשיידס־שמייכל און האָט אָפּגעטרעטן פון אים מיט וואַקלענדע טריט.

גלעקעל איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט מיט אַ באַטריבט געזיכט. מער האָט ער זיי שוין די נעכסטע פּאָר טעג ניט געזען. אומזיסט האָבן זיינע אויגן זיי געזוכט ביים טיש און אויף דער דעק צווישן די שפּאַצירנדע פּאַסאַזשירן; ביים סטיואַרד האָט ער זיך דערוואוסט, אַז מען טראָגט זיי עסן אין קאַבין און אַז דער מאַן ליגט קראַנק.

אָבער נאָך גרעסער איז געווען זיין איבערראַשונג, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם קאַבין־סטיואַרד, אַז די עכט־רוסישע פּאַסאַזשירן זיינען איינגעשריבן אין דער פּאַסאַזשירן־ליסטע אונטער דעם עכט־אידישן נאָמען „ראַבינאָוויטש".

רות

דער וואַרעמער גאָלף־שטראָם האָט געאָטעמט אין דער שפּעטער נאַכט היים און שווער ווי אַ ברענענדער קאָלך־אויוון. די לופט אונטן, אין די קאַיוטעס, איז געווען ווי אָנגעגליט און גלעקעל איז אַרויס אויף דער דעק כאַפּן אַ פרישן אָטעם־צוג...

דער ים איז געלעגן ווייט צעוואָרפן, אָבער שוין רואיג און שטיל, אַזוי ווי איינגעשלאָפן נאָך אַ שווערן קאַמף, אין אַ מידן דרימל.

אַ גרויסע, בלייכע לבנה האָט געגאָסן אַ זילבערנעם שיין איבער זיינע דרימלענדע וואַסערן. אירע שטראַלן האָבן שטיל און פאַרזיכטיג געשפּרונגען און זיך געטיקט אין זיי, זוכנדיג אין דעם שלאָפנדן אָפּגרונט זיינע באַהאַל־טענע סודות און אוצרות...

דער „געאָרג וואַשינגטאָן" האָט זיך אויך געגליטשט שטיל, מיט פאַר־זיכטיג געגנבעטע טריט, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט אויפצואוועקן דעם איינגעשלאָפענעם אַטלאַנטיק; און אונטער דעם בלויען אויסגעשטערנטן הימל האָט די גרויסע שיף זיך באַוועגט ווי אַ נאַכט־וואַנדערנדער ריז.

גלעקעל האָט געמאַכט אַ טור איבערן דעק און איז פּלוצלינג געבליבן שטיין ווי געליימט, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

אין אַ פֿאַרטונקלטן ווינקל האָט מען גערעדט רוסיש. ער האָט דערקענט דעם קלינגענדיגן וואָלגאַ־אַקצענט פֿון דער רוסישער דאַמע.

— וואָס פֿאַר אַ נאַכט... מ'קאָן משוגע ווערן... זע נאָר, זע נאָר, פּאַשע, די לבֿנה!...

זי איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון טונקעלן ווינקל, האָט אויסגעצויגן איר האַנט צום הימל און איז אַזוי פֿאַרגליווערט געוואָרן אין זילבערנעם לבֿנה־ליכט, ווי אַ שלאַנקע, באַלויכטענע סטאַטוע...

— יאָ, מ'קאָן משוגע ווערן, אָבער ניט פֿון דער לבֿנה — האָט זיך אָנגערופֿן איר מאַן מיט אַ געוואָרגענער, טיפֿער טענאָר־שטימע און האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין אָרט.

— דו וועסט אויפֿהערן, צי ניין? — האָט זי אויף אים אַ געשריי געטאָן און האָט אַ טופּע געטאָן מיט איר פֿוס.

דער לאַנגער, גראָבער צאָפּ אויף איר רוקן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער לבֿנה־ליכט ווי אַ שווערער פּענדל פֿון אַ גרויסן וואַנט־זייגער... ער האָט געמאַכט עטלעכע נערוועזע וואַקלענדע טריט איבערן דעק און האָט זיך פֿאַר איר אָפּגעשטעלט.

— ווייסטו וואָס, מאַרוסיע? פֿאָר צוריק! — האָט ער צו איר גע־זאָגט און זיין געשטיקטע, פּיינלעכע, אָנטשלאָסענע שטימע האָט זיך אָפּגע־ריסן אין דער נאַכט־שטילקייט, ווי אַ טיפֿער קרעכץ פֿון אַ געפּלאַצטער סטרונע. אַ ווײַלע זיינען זיי שטום געשטאַנען איינער פֿאַרן אַנדערן און האָבן זיך פּיינטלעך געקוקט אין די פּנימער.

— וואוהין? — האָט זי אים געפֿרעגט בייז, מיט אַ געשטיקן האַלז.

גלעקעל האָט געהערט, ווי זי האָט צוזאַמענגעדריקט אירע ציין.

— וואוהין? צוריק צו דיינע... צו דיין טאַטן, דעם גובערנאַטאָר, צו דיין פֿאָלק. — האָט ער איר געענטפֿערט נאָך אַ קורצער פּויזע, ניט אַראָפּ־נעמענדיג די אויגן פֿון איר באַלויכטענעם, בלייכן פּנים.

— איך האָב זיך דיר שוין צעגעגעסן? — זי האָט פֿאַרלייגט אירע הענט אויפֿן רוקן אין אַ דראָענדער פּאָזע... זיין סוטולעוואַטע פֿיגור האָט אויפֿגעציטערט און זיך צוזאַמענגעדרייט, ווי אונטער אַ בייטש.

— אַך, מיין גאָט!... ווי דו פֿאַרשטייסט מיך ניט! — און ער האָט זיך ווידער גענומען שפּאַנען איבער דער דעק, פֿאַרפֿאָלגט פֿון אירע בליקן.

— מיט דיר וועל איך די שרעקלעכע קנויל קיינמאָל, קיינמאָל ניט צעוויקלען, מאַרוסיאַ — האָט ער זיך געווענדט צו איר מיט אַ ביטערן און פֿאַרצווייפֿלטן טאָן.

זיין ציטערנדע, כמעט וויינענדע שטימע האָט זיך אָפּגערופֿן אין גלע־קעלס אויערן מיט אַזאַ אומעט און אַזוי פֿאַרצווייפֿלט טרויעריג, אַז זיין האַרץ איז פֿאַרצאַפּלט געוואָרן און טרערן זיינען צוגעטרעטן צו זיין האַלז.

— מיט וואָס שטער איך דיר? — האָט זי אים געפֿרעגט בייז און שטרענג מיט אַ האַרטער שטימע.

— ווייסטו, וואָס עס וואַרט אויף דיר דאָרט? דאָרטן איז נישטאָ ניט קיין „נאָוואָיע ווראַמיא”, וואָס זאָל מיר צאָלן 15 טויזנט רובל אַ יאָר און ניט קיין אַלטע סוואָדניקעס ווי סואָוואָרין, וועלכער האָט געקויפט און פּראָסטיטואירט טאַלאַנטן, כאַ, כאַ, כאַ!

ווי שווידערהאַפט ס'האָט זיך אָפּגערופן אין דער שטילער, בלויער נאַכט דאָס צעבראָכענע, סקריפּענדע געלעכטער פון דעם סוטולעוואַטן און צוזאַמענ־געדרייטן מענטשן...

— בין איך דען דיר נאָכגעגאַנגען צוליב דיינע 15 טויזנט רובל אַ יאָר, צוליב געלד און רייכטום? האָט מיר דען ביי מיינע עלטערן געלט געפעלט?

פון די ווערטער האָט ער זיך נאָך מער צוזאַמענגעדרייט און איינ־געקאָרטשעט...

— אָ, ניין! ווער וועט עס זאָגן? אַזאַ געדאַנק איז מיר קיינמאָל אין קאָפּ ניט געקומען — האָט ער פאַרזוכט זיך שנעל צו פאַרענטפערן...

— וואָס־זשע פּלוידערסטו? — האָט זי שוין אויף אים געשריגן צאָרנדיק און אין דער העכסטער אויפרעגונג.

— איך מיין, אַז ס'וואַרט אויף אונז דאָרט נויט און עלנד, אַ שווערער לעבנס־קאַמף און דו ביסט ניט געוואַקסן פאַר דעם.

— ניט דיין געשעפט! — האָט זי געטופּעט מיט די פיס.

— ניט מיין געשעפט? קאָן מען עס זאָגן! דאָס זיינען נאָר ווערטער.

— איך נעם אויף מיר אַלץ, אַבי זאָלסט ווייטער שרייבן און שאַפן...

— רוסיש? כאַ, כאַ, כאַ!

— יאָ, רוסיש!... ווי באַגאַבאַרעץ האָט געשריבן! — האָט זי אויסגעשריגן אין דער שטילער נאַכט־לופט מיט אַ באַגייסטן שטאָלץ.

פּונקט ווי זי וואָלט צוגעליינגט צו זיינע נערוון אַ גליענדיק אייזן.

— באַגאַבאַרעץ איז געשטאָרבן! באַגאַבאַרעץ עקזיסטירט ניט מער! פאַר דיר שטייט איצט דער זשיד ראַבינאָוויטש! הערסט? — האָט ער געשריגן אויף איר היסטעריש און געדראָט מיט ביידע פויסטן.

— מאַלטשאַט! שווייג, זאָג איך דיר! ווען ניט, דערווערג איך דיך דאָ און וואַרף דיך אַריבער איבערן ראַנד אין וואַסער אַריין!

זי האָט געקריצט מיט די ציין פון כעס און פיין און געציטערט מיט די פינגער פון ביידע הענט פאַר זיין האַלז, מיט פינגער צוזאַמענגעבויגענע ווי קלעשטשעס, אַזוי ווי גרייטע זיך איינצוגראָבן אין האַלז און אים ווערגן.

איצט זיינען זיי געשטאַנען איינער פאַרן אַנדערן ניט ווי מאַן און ווייב, נאָר ווי פיינטלעכע נאַכטגעשטאַלטן פון יענער וועלט, גרייטע צו כאַפּן איינס דאָס צווייטע ביים גאָרגל...

גלעקעל איז געשטאַנען פאַרשטעקט און האָט געציטערט ווי אַ פיש פון אויפרעגונג.

באַגאַבאַרעץ איז געווען ביז איצט פאַר אים אַ גוט באַקאַנטער נאָמען פון אַ באַרימטן רוסישן דיכטער, אַ מאַן, וועלכן די רוסישע ליטעראַטור

האָט באַלד אַריינגענומען אין איר פאַנטעזיע און וועלכער איז אָבער באַלד, צום אַלגעמיינעם באַדויערן, געוואָרן איינער פון די הויפּט־זייַלן פון דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ“, אַ צייטונג, וואָס האָט אַזוי פיל צרות געבראַכט דעם אידישן פאָלק אין רוסלאַנד.

און אין דער געהיימניספולער, בלויער נאַכט האָט ער, גלעקעל, זיך פּלוצלינג דערוואוסט, אַז באַגאַבאַרעץ איז גאָר אַ ראַבינאָוויטש און אַ איד און דרייט זיך איצט פאַר זיינע אויגן אונטער די שמערצן און קרעמפּן פון אַ קראַנק געוויסן, פון אַ זעלן־טראַגעדיע...

גלעקעל האָט געפילט, ווי אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן.

איצט האָט ער פאַרשטאַנען די גאַנצע געשיכטע מיט דעם מאַנוסקריפּט. ער האָט אָבער געשטיקט אין זיך דעם אָטעם, כדי ניט אַרויסצוגעבן זיין אָנוועזנהייט און האָט זיך ווייטער איינגעהערט...

אָבער די צוויי נאַכט־געשטאַלטן האָבן נאָך לאַנג געשוויגן, פאַרגליווערט אין זייערע דראָענדע פּאָזעס...

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ געוויין...

די דאַמע איז געפאַלן דעם סוטולעוואַטן מאַן אויפן האַלז, האָט שטיל געכליפּעט און זיך געבעטן:

— סאַשאַ! סאַשענקאַ! פּראָסטי מעניאַ דאַראָגאָי! (זיי מיר מוחל, טייערער).

ער האָט זי אָפּגעפירט צום ראַנד און האָט זיך אָנגעשפּאַרט און איינגעגראָבן זיין בלייך, פּיינלעך געזיכט אין איר ברוסט...

און גלעקעל האָט פונוויטנס געקענט זען, ווי ביידע אומאַרמטע קערפּער האָבן קאָנוואולסיוו געציטערט אין דעם זילבערנעם לבנה־שיין ווי צוויי גרויסע, וואַרעמע און צאַפּלענדע הערצער, וועלכע מ'האָט ערשט בלוטנדע אַרויסגענומען פון לעבעדיגע קערפּער...

און לאַנג זיינען זיי געשטאַנען אַזוי ווי צוזאַמענגעגאָסן אין זייער טרויעריגער און פאַרגיפטעטער ליבעס־אומאַרמונג.

ווי אַ וואַנזיניגע האָט זי אים געקושט, שעפּטשענדיג אים די הייסטע און טייערסטע טרייסט און ליבעס־ווערטער.

— ווי רות נאָך נעמי וועל איך דיר נאָכגיין... דיין פאָלק וועט זיין מיין פאָלק. דיין גלויבן וועט זיין מיין גלויבן. און מיינע קינדער וועלן זיין אידישע קינדער — האָט זי זיך געבעטן — וואַרף מיך נאָר ניט אַוועק און ליב מיך! ליב מיך, ווי איך האָב דיך ליב, ווי איך!...

גלעקעל האָט דערפילט, אַז טרערן שטיקן אים און ער וועט באַלד אויסברעכן אין אַ היסטעריש געוויין.

ער איז אַרויס פון זיין פאַרשטעקט ווינקל און איז שנעל אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט און האָט זיך געלאָזט לויפן הין און צוריק ווי אַ פאַרסמטער... באַלד אָבער איז ער שטיין געבליבן און האָט זיך ווידער איינגעהערט.

איבער דער דעק האָט זיך ווידער געטראָגן דעם מאַנס געוואָרגענע און

צעבראכענע טענאר־שטימע. גלעקעל האט זיך א ווארף געטאן צו זיין פריערדיג ארט און האט זיך ווייטער גענומען צוהערן, א פארכאפטער און א ציטערנדער, ווי אין א פיבער.

— א מיליאן אידן וואוינען אין ניו־יארק און די וועל איך אלע צונויפ־נעמען, זיך אראפלאזן פאר זיי אויף די קני און וועל זיי בעטן אום פאר־ציילונג פאר מיין נידערטרעכטיגן פארראט, פאר מיינע גרויסע זינד...

א קאלטער שוידער איז דורכגעלאפן איבער גלעקעלס לייב, אזוי רירנד האט געקלונגען דער ודוי אין דער שטילער נאכט־לופט. פון זיין נאענט באהעלטעניש האט ער געקענט זען זיין פנים... אין בלייכן לבנה־שיין האט דאס פנים אויסגעזען נאך בלייכער, פונקט ווי ביי א מת און פון זיין גאנצער סוטולעוואטער פיגור האט זיך געטראגן דער טיפער טרויער און פיין פון א געקרייצטער אידישער נשמה.

— אויף די קני פאר זשידעס? ניזאטשטא! דאס ניט!

זי איז אפגעשפרונגען פון אים און אין דער פאזע פון א טיגעריז, וואס איז גרייט פאר א נייעם בלוט־דורשטיגן שפרונג האט זי געטופעט מיט די פיס — דו האסט קעגן זיי גארניט געזינדיגט און דו דארפסט זיך פאר די זשידעס ניט דערנידעריגן. אויף די קני דארפן זיי זיך שטעלן פאר דיר, פאר דיין טאלאנט, פאר דיין נשמה!

— איך דארף! איך דארף! און וועל עס טאן! — האט געשריגן פאטעטיש און דראענד דער מאן, ווי א בת־קול אין דער שטילער, בלויער נאכט.

גלעקעל האט שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן. ער האט פארגעסן, אז ער איז דער צופעליגער עדות פון א פרעמדן סוד, פון א פרעמדער טראגעדיע.

ער איז ארויס פון זיין באהאלטענעם ווינקל און איז מיט איין שפרונג שוין געשטאנען פאר דעם איבערגעשראקענעם פארל.

— איך בעט אייך אום אנטשולדיגונג — איך בין א צופעליגער עדות... איך האב צופעליג אלץ געהערט... איר מוזט מיר מוחל זיין — האט ער אנגעהויבן מיט א ציטערנדער שטימע און אין א גרויסער פארלעגנהייט — איך נעם מיר אבער די פרייהייט אייך צו זאגן, אז איר דארפט זיך ניט שטעלן אויף די קני פארן אידישן פאלק... פארקערט, ווי אייער פרוי האט געזאגט... און אין נאמען פון אידישן פאלק שטעל איך זיך אויף די קני פאר אייך אין ערפורכט און רעספעקט פאר אייער גרויסער זעלן־טראגעדיע!...

שיער האט זיך גלעקעל ניט צעוויינט און זיך ארונטערגעלאזט אויף די קני פאר דעם געוועזענעם מיטארבעטער פון דער „נאוואיע ווערעמיא". דאס איבערראשטע פארל האט אים אבער געגעבן וויניג קוראזש דערצו. ער האט זיך פארכאפט און האט זיך גאר גענומען דריקן דעם שרייבערס האנט און האט אין פארלעגנהייט געמורמלט:

— איך וואָלט געוועזן העכסט גליקלעך צו האָבן די געלעגנהייט... אייך צו דינען... צו ברענגען אייך נוצן... באַזונדערס אין אַמעריקע... וואו איך האָב אַזוי פיל פריינד... איך וואָלט עס באַטראַכט, מאַדאַם, פאַר אַ גרויסער ערע און פרייד — האָט ער זיך שוין געבעטן ביי איר.

— דאָס בעסטע, וואָס איר קענט פאַר אונז טאָן, איז צו לאָזן אונז צורו און זיך ניט אונטערהערן, ווי פרעמדע מענשן רעדן — האָט אים דער מאַן אָפּגעהאַקט גאַנץ אומפריינטלעך און גראָב און האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט די פּלייצעס.

גלעקעל האָט צוגעוואָרפן אַן אומבאַהאָלפענעם בליק צו איר... און אַזוי ווי זי האָט אים אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין פריינטלעכקייט און האָט בייז געשוויגן, האָט זיך גלעקעלס ענטוזיאַזם באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ העכסט פּיינלעכער פאַרלעגנהייט... ער איז געשטאַנען ניט וויסנדיג, וואָס צו טאָן מיט זיך און האָט געמורמלט אַנטשולדיקונגען... ענדלעך האָט זיך פון זיין צוזאַמענגעפּרעסטן האַלז אַרויסגעכאַפּט אַ „גוטע נאַכט“ און ער איז שנעל אַוועק פון זיי אַן אָפּגעשמיסענער און אַ באַליידיגטער.

די גאַנצע איבעריגע רייזע האָט ער זיך שוין באַמיט זיי אויסצומיידן.

ביי דער שוועל פון פאַרשפּראָכענעם לאַנד

אין אַ גרויען, נעפּלדיגן פאַרטאָג איז דער „גערג וואַשינגטאָן“ אָנגעקומען אין סענדי הוק און איז געבליבן שטיין שטיל און פאַרטראַכט, ווי אין אַ טיפן ישוב הדעת.

די פּאַסאַזשירן האָבן עס דערפילט, האָבן זיך פיבערהאַפט־שנעל אָנגעטאָן און זיינען אַרויסגעלאָפן אויפן דעק.

געהילט אין נעפּל, ווי אין אַ געהיימניש, איז פאַר זיי געלעגן דאָס פאַרשפּראָכענע, גאָלדענע לאַנד.

די פרייהייטס־סטאַטוע איז געשטאַנען אין גרויען מאָרגן, מיד און אויסגעלאָשן, ווי אַ שיינהייט נאָך אַ באַל; און די ריזן־שטאָט מיט די וואָלקנקראַצערס האָבן אויסגעזען פונוויטנס, ווי אַ פאָלק פון גיגאַנטן, וואָס האָט פאַרריסן די הענט צם הימל און איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אַן אַנטציקטער מאָרגן־תפילה...

מיט קלאַפּנדע הערצער האָבן זיך די אימיגראַנטן אָנגעהויבן איינצוקוקן דורכן נעפּל אין די קאָנטורן פון דער כאַאָטיש־צעוואָרפענער, נאָך שלאָפנדער שטאָט.

דאָרט איז פאַר יעדן געלעגן פאַרשלייערט זיין צוקונפט, זיין שיקזאַל; און יעדער האָט אָנגעשטרענגט זיין פאַנטאַזיע, זיינע גייסטיגע בליקן, דאָס דורכצולייענען...

די פריינטלעכע געמיינשאַפט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער שווימענדער שטאָט, האָט זיך אָנגעהויבן צו רייסן און אויפצולייזן.

אויף דער שיף איז יעדער געווען פאַרזאָרגט, דער ביטערער לעבנס־

קאמף האט אויפגעהערט, און מענשן זיינען געווארן בעסער און פריינט־לעכער איינער צום אנדערן, מענשלעכער.

אויפן לאנד, אין דער נייער ברווינדער וועלט, האבן די מענשן ווידער באדארפט אויפנעמען זייער לעבנסקאמף, וועלכער האט איצט אויסגעוויזן צו זיין נאך שווערער און ביטערער ווי אין דער אלטער היים.

און אין דעם גרויען פרימארגן האבן די פנימער שוין אויסגעזען אומ־פריינטלעך און בייז באזארגט, אזוי ווי יעדערער וואלט שוין געזען אין דעם צווייטן ניט זיין פריינד, מיט וועלכן מ׳האט אזוי גוט פארברענגט די לאנגע רייזע, נאר א געגנער און א ביטערן קאנקורענט.

באלד איז צוגעקומען א פאסט־שיפל, און גרויע מענשן האבן אנגע־הויבן ארויסווארפן פון דער שיף גרויע זעק מיט פאסט פון דער אלטער וועלט. א צווייט שיפל האט געבראכט די אימיגראציאנס־באאמטע און באלד האט דער טריבונאל אונטן אין סאלאן פון דער צווייטער קלאס אנגעהויבן ארויסצוגעבן זיין משפט, ווער ס׳זאל באלד אריין אין גאלדענעם לאנד און ווער ניט . . .

ס׳האבן זיך באוויזן אויף דער דעק ענגלישע און אידישע ציישונגען.

די אמעריקאנער האבן פיבערהאפט אויסגעכאפט די ענגלישע, ווי א גרוס פון זייער היים.

די גרינע אידן האבן זיך מיט פיבערדיגע בליקן געווארפן אויף די אידישע צייטונגען, אזוי ווי זיי וואלטן דארט געקענט שוין אויסלייענען זייער שיקזאל אין דער נייער וועלט.

* * *

גלעקעל, וואסערשטראם, מעדוועיעוו און די איבעריגע, וועלכע האבן די גאנצע לאנגע רייזע פארבראכט צוזאמען ווי איין פאמיליע, זיינען אויך ארויס אויף דער דעק. אנגעשפארט אין ראנד פון דער שיף, זיינען זיי איצט אבער געשטאנען ווייט איינער פונם צווייטן און האבן פארקלערט מיט נאגנדע הערצער געקוקט פאר זיך אויף דער נאך דרימלענדער שטאט.

און יעדער פון זיי האט זיך אין זיין פאנטאזיע געוועבט זיין צוקונפט...

גלעקעל האט זיך פון צייט צו צייט נערוועז און אומגעדולדיג אומ־געקוקט. ער האט דערווארט אינטערוויוערס און חברים, וועלכע האבן באדארפט קומען אים באגעגענען אויף דער שיף.

באגאבארעץ־ראבינאוויטש איז געשטאנען איינזאם און האט נערוועז געצופט זיין קליין, בלאנד בערדל, געקעמט אלע מאל מיט די פינגער די לאנגע האר אויפן קאפ, געשפיליעט און צעשפיליעט די קנעפ פון זיין מאנטל, אזוי ווי ס׳וואלט אים באלד פארגעשטאנען א וויזיט ביי א הויכגעשטעלטער פערזענלעכקייט. אז ער האט דערזען גלעקעלן, וועלכער האט איצט געטראגן זיין רויטע פעסקע, איז ער צו אים צוגעגאנגען:

— מאסיע! — האט ער זיך צו אים געווענדט מיט אן ערנסטער און פייערלעכער העפלעכקייט — איך גלייב, אז איר זענט אן ערנמאן... און

בעט אייך אַלס אַזעלכן, אַז איר זאָלט פאַרגעסן אין אַלעם, וואָס איר האָט געהערט און בייגעוואוינט אין דער נאַכט... איר פאַרשטייט? איך פאַר־לאַנג פון אייך, אַז מיין אינקאָגניטאָ זאָל קיינעם ניט אַנטדעקט ווערן.

— מאַסיע! איך בין אַן ערנמאַן... איך וואָלט אייער וואונטש דערפילט אַפילו ווען איר בעט מיך ניט — האָט אים געענטפערט גלעקעל קאַלט און שטאָלץ, ווי אַ באַליידיגטער.

— זדראַסוואויטיע! — האָט זי באַגריסט אונטער זייערע פלייצעס אַ קלינגענדיגע פרויען־שטימע.

גלעקעל האָט זיך אויסגעדרייט.

דאָס איז געווען מאַרוסיאַ.

אָנגעטאָן אין אַן עלעגאַנטן זומער־אַנצוג, שוין מיטן הוט אויף אירע געדיכטע, גאָלדענע האָר, אַ פאַרפיומירטע און שמייכלענדע, איז זי גע־שטאַנען פאַר גלעקעלן ווי אַ שיינער, שטראַלנדער און שמעקנדער פרילינגס־מאָרגן.

גלעקעל האָט פאַרגעסן די באַליידיגונג און האָט זי באַגריסט מיט אַ ברייטן פריינטלעכן שמייכל און מיט אַן אינעווייניגסטער אַנטציקטער פרייד.

די קאַלטע פרעמדקייט איז באַלד צעשמאָלצן און צערונען געוואָרן דורך איר זיסן שמייכל, און אַלע דריי האָבן זיך גענומען שמועסן ווי גוטע, אַלטע פריינד.

— וואָס דענקט איר? וועט מיר געלינגען צו גרינדן אין ניו־יאָרק אַן איינן אידיש טעאַטער... כ'מיין אַ קונסט־טעאַטער? — האָט אים גע־פרעגט באַגאַבאַרעץ.

זיינע אויגן האָבן אים געשטראַלט מיט אַ פיבערהאַפטער דערוואַרטונג און האָפנונג...

גלעקעל איז אַנטציקט געוואָרן פון דער אידעע און האָט ווידער אָנגע־באָטן זיין דינסט.

באַלד איז צו זיי צוגעגאַנגען מעדוועדיעוו מיט זיין פרוי.

— און איך גיי ספעקולירן אויף וואָל סטריט — האָט ער זיי מיט־געטיילט זיין פעסטן באַשלוס.

— „דאַט'ס ראַיט! דאַט'ס ראַיט!" דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס איר קענט טאָן — האָט זיך אָנגערופן אויף אַ געבראָכענעם רוסיש מר. פרימאַן, וועלכער איז אויסגעוואַקסן ביי דער זייט פון מאַדאַם מעדוועדיעוו — איך קאָן מענשן, וועלכע האָבן מיט גאָרניט, מיט ליידיגע פינגער, געמאַכט מיליאָנען.

— ריכטיג? — האָט איבערגעפרעגט מאַדאַם מעדוועדיעוו, אַ גרויסע, העל־בלאָנדע פרוי מיט אַ קעלבעריש פּנים. אירע אויגן האָבן זיך דערביי אָנגעצונדן מיט אַ נאַיווער פרייד, אַזוי ווי איר מאַן וואָלט שוין געמאַכט מיליאָנען מיט די ליידיגע פינגער...

באַלד איז צוגעגאַנגען אויך וואַסערשטראָם.

אין נעפלדיגן גרויען מאָרגן האָט זיין פּנים אויסגעזען געל ווי ביי א מת.

די אנגסט, אז דער ללאָיד האָט אים געמסרט, די פאַלשע פּאַספּאָרטלעך, דאָס, וואָס זיין ריכטיגער נאָמען איז געווען שפּריצער און אויף דער שיף האָט ער זיך פאַרשריבן אַלס וואַסערשטראָם, אַלע בייזע ווערים, וועלכע האָבן אים געטאַטשעט און געגעסן זיין האַרץ די גאַנצע לאַנגע רייזע, האָבן זיך איצט גענומען אים פרעסן נאָך מיט גרעסערן וואוט. ער האָט ווידער אָפּגעפירט דעם אַמעריקאַנער אָן א זייט און האָט אים דאָס וויפילטע מאָל געפרעגט מיט א רחמנותדיג און שטאַרק צעבראָכן פּנים.

— איך בעט אייך, וואָס קאָן פּאַרט טאָן אַזא אידל ווי איך אין דעם גיהנום? מיט אַזא פאַמיליע קיין עין הרע... ארבעטן קאָן איך דאָך ניט.

מר. פרימאַן איז געווען, ווייזט אויס, איצט גוט געשטימט, אָדער ער האָט רחמנות געהאַט אויפן געפּלאָגטן נפש.

— איר נעמט זיך, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, צו פּאָליטיק... ווערט א פּאָליטישן!

וואַסערשטראָם האָט ניט פאַרשטאַנען אויב ער איז איצט ערנסט אָדער ער שפּאַסט מיט אים, ווי אויף דער גאַנצער רייזע, פונדעסטוועגן האָט ער אריינגעטאָן, ווי מ'זאָגט, די האַנט אין קעשענע און האָט געפרעגט:

— דהיינו, וואָס הייסט ביי אייך פּאָליטיק? מסתמא מיינט איר קהלשע זאַכן?

— קהלשע... קהלשע זאַכן... אָט נעמט מען קלויבן ביי אונז באַלד א נייעם גאָווערנאָר... קורץ, טוט ווי איך היים אייך. ווערט א פּאָליטישן! איר פאַרשטייט? — און דער אַמעריקאַנער האָט אים פריינטלעך א קלאַפּ געטאָן אין בויך אריין.

— אויב איך פאַרשטיי! — און וואַסערשטראָם האָט זיך שוין גענומען אים טיפער אויספאַרשן וועמען מ'גייט קלויבן און ווי אַזוי וועט מען אים קלויבן. קורץ, צוגיין צום עצם הענין.

דאָ אָבער האָט דער סטיוּאַרד אויסגערופן, אַז מ'זאָל גיין צו דער עמיגראַציאָנס־קאָמיסיע, וועלכע איז שוין געזעסן אין סאַלאָן, און אַלע האָבן פאַרלאָזט דעם דעק.

* * *

די פאַמיליע וואַסערשטראָם האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון סאַלאָן מיט פאַרקילט בלוט אין די אָדערן. די הערצער האָבן ביי זיי אויפגעהערט צו קלאַפּן אין א געשפּאַנטער, ציטערנדער דערוואַרטונג.

— עפנט דאָס מויל! — האָט באַפוילן דער דאָקטאָר ביי דער טיר אין אידיש.

וואַסערשטראָם האָט אויפגעציטערט. דאָס אידיש איז געווען ביי אים אַן איבערראַשונג און האָט אים צוגעגעבן א ביסל קוראַזש.

— דאָס מויל עפענען ? מיט פאַרגעניגן ! מיט פאַרגעניגן ! — און ער האָט געעפנט דאָס מויל נאָך ברייטער ווי מ'האָט באַדאַרפט.

— עפנט די מיילער ! — האָט הויך אַ קאָמאַנדעווע געטאָן דער פאַטער צו דער פרוי און טעכטער.

— גוט ! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

גאָט זיי דאַנק ! דער ערשטער עקזאַמען איז געווען אויסגעהאַלטן.

— דיין נאָמען ? — האָט אים געפרעגט דער קאָמיסאַר ביים טיש, אויך אין אידיש.

— משה וואַסערשטראָם ! — האָט אויסגעפּויקט דאָס אידל און האָט זיך טיף פאַרבייגט פאַרן קאָמיסאַר — פיר וואַסערשטראָמס, מלכה וואַסערשטראָם, מיין ווייב ; חיה וואַסערשטראָם און לאה וואַסערשטראָם, ביידע טעכטערלעך, זאָלן לעבן ! — האָט ער פאַרגעשטעלט זיין פאַמיליע דעם קאָמיסאַר, לייגנדיג אויף יעדן זיין האַנט.

— געלט האָסטו ?

— געלט ? סאַ חידוש אַ ביסל ! וואָס דען ? כע, כע, כע ! גאָט צו דאַנקען, מיר זיינען ניט חלילה קיין אָרעמע לייט. כע, כע, כע ! — און וואַסערשטראָם האָט מיט ציטערנדע הענט אַרויסגענומען פון בוזעם-קעשענע אַ טייסטער, וואָס דער נאָרד-דייטשער ללאָיד גיט צו צו יעדער שיפס-קאַרטע און האָט אָנגעהויבן פון דאָרטן אַרויסוואַרפן אויפן טיש, מיט שטאָלץ, דאָלאַרס און דאָלאַרס אין באַנקנאָטן.

— גענוג ! גוט ! — האָט באַפוילן דער קאָמיסאַר און האָט זיי געשטעמפּלט די קאַרטן.

— איך האָב, פּאַניע, דאָ גאַנצע 15 הונדערט דאָלאַר . . . איך האָב אין ברעמען אויסגעביטן גאַנצע 3 טויזנט רובל — האָט ער זיך גענומען באַרימען פאַרן קאָמיסאַר.

— גייט ! גייט ! — האָט ער אים נאָך אַמאָל אומגעדולדיג באַפוילן . . .

— וואָס-זשע, איר האָט אפשר געמיינט, אַז מיר זיינען חלילה קבצנים ? כע, כע, כע ! מיר זיינען ב"ה געווען אין דער היים באַלעבאַטים צו באַלע־באַטים גלייך . . . אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן. יאָ ! איך זאָל עס פאַר־דינען ביי אייך אין אַמעריקע אין צוויי יאָר, וואָס איך האָב נאָך געלאָזט אין דער היים שוה כסף אין הייזער און קלייטן . . . כע, כע, כע ! וואָס זאָגסטו, מלכה ? אַ ? ווען ניט פּאַניע חזיר מיט זיינע פּאַריאַדקעס, וואָלטן מיר אויף די עלטערע יאָרן באַדאַרפט פאָרן קיין אַמעריקע ?

מלכה האָט אים צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק. דער קאָמיסאַר האָט גענומען דאָס געלט פון טיש, האָט עס אים אַריינגערוקט אין די הענט און האָט אים בייז פון זיך אָפּגעשטופּט . . .

וואַסערשטראָמס דערפאַרונג מיט רעפּאָרטערס

די וואַסערשטראָמס זיינען ארויס פון סאַלאָן גליקלעכע. די פאַמיליע האָט ענדלעך פריי אָפּגעאָטעמט. די שווערע אַנגסט, וועלכע האָט, ווי ווערים, גענאָגט זייערע הערצער די גאַנצע לאַנגע רייזע, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטורמישער פרייד.

— מ'לאָזט אריין אין גאָלדן לאַנד!

זיי האָבן אַ נייע היים!

— איצט וועל איך מיט זיי לערנען בלק... מיט די ממזרים... איך וועל זיי ווייזן ווער איז משה שפריצער... איך מיין משה וואַסערשטראָם.

דאָס אידל האָט זיך פאַרכאַפּט און דערשראָקן אומגעקוקט צי קיינער האָט אים ניט געהערט.

— אַך, לאָז זיי שוין גיין אין ד'רערד אריין... לאָז זיי אָפּ! אַ דאַנק דיר רבונו של עולם! אַ דאַנק דיר, גאָטעניו — האָט אויפגעהויבן מלכה די הענט צום הימל און האָט שוין אָנגעהאַלטן דעם מאַן פון נייע געשיכטעס.

— אָ, ניין! איך וועל זיי ווייזן... איך וועל זיי אָנרייבן אַזאַ מאַרדע, אַז זיי וועלן מיך געדענקען... איך בין ניט קיין אידל, וועלכער לאָזט זיך שפייען אין קאַשע אריין! — האָט געשריגן דער העלד און האָט שוין ווידער עמעצן געסטראַשעט מיט די פויסטן.

אַ יונגערמאַן מיט אַ קרומער האַרבאַטער נאָז, אויף וועלכער ס'איז געזעסן אַ פּאָר ברילן און וועלכער איז געשטאַנען ביי די טרעפּ אין אַ געשפּאַנט וואַרטנדער פּאָזע פון אַ יאַגד־הונט, איז מיט איין שפּרונג צוגע־לאָפן צו דער פאַמיליע.

— וועמען ווילט איר עס אָנלערנען? — האָט ער נייגעריג געפרעגט דאָס רויטע אידל.

די פריילעכע אויפרעגונג פון דער פאַמיליע האָט זיך מאָמענטאַל אויס־געלאָשן. זייערע פּנימער האָבן זיך ווידער פאַרכמאַרעט מיט אַנגסט.

— וואָס איז אייער עסק? — האָט אים געפרעגט אומפריינטלעך וואַסערשטראָם און האָט זיך פון אים אָפּגערוקט.

— גאָרניט! גאָרניט! מיר ווילן קיינעם ניט אָנלערנען — און מלכה האָט פאַרשטעלט דעם מאַן מיט איר קערפּער.

— איר מעגט עס מיר זאָגן. פאַר מיר דאַרפט איר ניט מורא האָבן.

— איך בין אַ פאַרטרעטער פון איינער פון די גרעסטע אידישע צייטונ־גען... מיר האָבן אַ גרויסע צירקולייִשאָן. עס לייענען אונז כמעט אַ מיליאָן אידן אין אַמעריקע.

און אום צו איבערצייגן די איבערגעשראָקענע פאַמיליע, אַז ער איז ווירקלעך אַ פאַרטרעטער פון דער גרעסטער אידישער צייטונג, האָט ער דערלאַנגט זיין קאַרטע.

וואַסערשטראָם האָט דורכגעלייענט מיט די אויגן די קאַרטע און האָט זיך געווענדט צו זיין פאַמיליע מיט אַ פרעגנדן בליק נאָך אַן עצה...

— אַך, לאָזט אונז צורו... איך בעט אייך! — האָט זיך געבעטן מלכה.

— מאָדנע מענטשן איר זענט... איך בין אַ רעפּאָרטער... פאַר מיר דאַרפט איר קיין מורא ניט האָבן. מיר קענען געבן די גרעסטע שטיצע... איר דערציילט מיר נאָר וואָס און ווען און מיין צייטונג וועט שוין אַלץ באַזאָרגן — האָט געטענהט דער רעפּאָרטער.

— בהמה, וואָס האָסטו מורא? ... דו זעסט דאָך מיט וועמען דו האָסט צו טאָן! — האָט אָנגעהויבן נאָכגעבן וואַסערשטראָם.

— פאָלג מיך! פאָלג אַ ווייב! ... דו ווייסט דאָך שוין וואָס פאַר אַ סוף דו האָסט, ווען דו פאָלגסט ניט דאָס ווייב, — האָט זיך מלכה געבעטן.

— טאַטע! מ'דאַרף ניט! — האָט פּראָטעסטירט אַ טאָכטער.

— ס'הייבט זיך שוין דיר אָן? — האָט אויף אים אַ געשריי געטאָן די צווייטע טאָכטער.

— בהמות! וואָס האָט איר מורא? מיר זיינען שוין ברוך השם אין אַ פריי לאַנד... איך וויל זיי אָנרייבן אַ מאָרדע און בפירוש אין די צייטונ־גען... זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אַז משה שפּריצער...

דעם קאָרעספּאָנדענט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געכאַפּט אַ סענסאַציע און האָט שוין געהאַלטן אין זיינע הענט אַ נאָטיץ־ביכל און אַ פּענסיל, גרייט צו מאַכן סענסאַציאָנעלע נאָטיצן פאַר זיין צייטונג.

— זייט דאָך ניט קיין גרינע! ... האָט ניט קיין מורא! מיין צייטונג האָט די גרעסטע צירקולייש‍אָן... אונז לייענט אפילו דער פּרעזידענט... מיט אונזער מיינונג אינטערעסירט זיך אפילו די רעגירונג... מיין עדיטאָר איז אַ הייסער איד מיט אַ אידישער נשמה... נעמט זיך אָן פאַר יעדער אידישער קריוודע.

דאָ אָבער זיינען פון די טרעפּ אין גרויס האָסט אַרונטערגעלאָפן נאָך צוויי רעפּאָרטערס...

אַז זיי האָבן דערזען זייער קאָלעגע אַרומגערינגלט פון אַ גרינער פאַמיליע, זיינען זיי געבליבן שטיין מיט אויסגעצויגענע פּנימער און אויס־געשטרעקטע נעזער ווי יאַגד־הינט, וועלכע דערשמעקן ווילדרויב און האָבן זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן צו די עמיגראַנטן מיט נייע קשיות.

— לאָזט אים אָפּ! — האָט אָנגעהויבן טרייבן מלכה — וואָס זאָגט איר צו דעם אומגליק? — האָט זי זיך געווענדט צו אירע טעכטער, ברעכנ־דיג ווידער פאַרצווייפלט די הענט.

דאָ איז פון סאַלאָן אַרויסגעגאַנגען אַ נייע גרופּע אימיגראַנטן, וועלכע האָט גערעדט רוסיש.

צווישן די איז געווען גלעקעל אין זיין רויטער יאַרמולקע, באַגאַבאַרעץ און מעדוועדיעוו, מיט זייערע פרויען.

אַז די רעפּאָרטערס האָבן דערזען די רויטע יאַרמולקע, האָבן זיי זיך

א ווארף געטאן צו דער גרופע, איבערלאזנדיג די גרינע פאמיליע אין מיטן דרינען, ווי פארשעמט...

וואסערשטראמען האט עס שוין פארדראסן און האט בייז א שליידער געטאן דעם ווייב אין פנים אריין דאס געוויינלעכע ווארט „יאכנע״!

— וואס־זשע, ס׳פעלט דיר ווידער קאפ־ווייטאג, אפשר? ווילסט שוין ווידער פארקאכן א קאשע?

— טפוי זאלסטו ווערן! — האט אויסגעשפיגן פאר פאראכטונג דער מאן און איז נאכגעלאפן די רעפארטערס.

— „אי בעג יור פארדאן, סער!״ זייט איר אפשר גלעקעל־עפענדי? — האט זיך א ווארף געטאן צו גלעקעל־עפענדי דער ערשטער רעפארטער. — מיין צייטונג האט מיך עקסטרא ארויסגעשיקט אייך צו עמפפאנגען.

— וועלכע איז אייער צייטונג? — האט געפרעגט גלעקעל און האט א ביסל שטאלץ פארריסן דעם קאפ מיט דער רויטער יארמולקע.

— „די אידישע נאציאן״ — האט פארגעשטעלט זיין צייטונג דער רעפארטער.

די רויטע יארמולקע און דער נאמען גלעקעל־עפענדי זיינען געווען סענסאציאנעלער שטאף פאר אלע אידישע צייטונגען. ניו־יארק האט שוין געוואוסט דורך די צייטונגען, אז דער בארימטער ציוניסט און רעדל־פירער פון קאנסטאנטינאפאל פארט מיטן „געארג וואשינגטאן״ און די צייטונגס־פארטרעטער האבן זיך א ווארף געטאן אויף אים, ווי אויף אן אוצר...

— מיינע אינטערוויוס זיינען נאר פאר ציוניסטישע צייטונגען — האט באמערקט גלעקעל־עפענדי און האט גענומען דעם פארטרעטער פון „די אידישע נאציאן״ אונטער דער האנט און איז מיט אים אפגעגאנגען אן א זייט.

די אנדערע אידישע רעפארטערס האט עס שטארק פארדראסן. מעד־וועדיעוו האט עס באמערקט, און אנווייזנדיג זיי אויף וואסערשטראמען, האט ער א זאג געטאן:

— נעמט ביי דעם איד אן אינטערוויו. ער קאן אייך עפעס אינטערע־סאנטס דערציילן.

די רעפארטערס האבן זיך אנטוישט געמוזט נעמען צום קליינעם, רויטן אידל.

— נו, וואס קענט איר דערציילן? — האט זיך געווענדט צו אים דער רעפארטער פון „סאציאליסט״, וועלכער האט אים אפגעפירט אין א ווינקל און האט אנגעגרייט זיין נאטיץ־ביכל. — צוערשט זאגט מיר נאר, ווי אזוי הייסט איר און פונוואנען קומט איר? האט איר ביי זיך א פאטאגראפיש בילד?...

— מיין נאמען איז משה שפריצער... מיין איך, וואסערשטראם.

דער רעפארטער האט אויף אנגעשטעלט נייגעריגע אויגן.

— שפריצער־וואסערשטראם?

— ס׳מאַכט ניט אויס... דערפאַר וועל איך אייך דערציילן אַזאַ מעשה, אַז איר וועט זיך אָזש באַלעקן.

— אָ, אויב באַלעקן, זאָל זיך די „מאָרגן־צייטונג“ אויך. — האָט גע־זאָגט דער צווייטער רעפּאָרטער, וועלכער איז צוגעקומען און האָט גענומען מאַכן נאָטיצן.

— זאָל זיך שוין די „מאָרגען־צייטונג“ אַליין באַלעקן... מיר דרוקן ניט קיין אינטערוויוס, וואָס זיינען גוט פאַר אַזאַ קויטיגן טלית־קטן ווי די „מאָרגען־צייטונג“...

דער רעפּאָרטער פון „סאָציאַליסט“ האָט אַריינגעשטעקט זיין פּענסיל אין פּאַקעט און איז באַליידיגט אָפּגעגאַנגען צו די רוסישע אימיגראַנטן.

— ס׳מאַכט ניט אויס — האָט דערמונטערט דאָס אידל זיין קאָנקור־רענט — איר זעט דאָך מיט וועמען איר האָט צו טאָן... אַ אידישע צייטונג, וואָס מאַכט חוזק פון אַ טלית קטן, איר פאַרשטייט? איך זע, אַז איר זייט אַן אָרטאָדאָקס... זייט איר פרום?

דער רעפּאָרטער האָט אויף קיין תשובה ניט געוואַרט און איז גלייך צוגעגאַנגען צום ענין.

— נו, אַלזאָ, איר קומט, נאַטירלעך, פון רוסלאַנד? ווי אַזוי הייסט איר? וואַסערפויגל? האַ? — האָט זיך גענומען מאַכן נאָטיצן דער רעפּאָרטער.

— וואַסערשטראָם! משה וואַסערשטראָם — האָט ער אויף אים האַלב־בייז אָנגעשריגן.

— לאָז זיין וואַסערשטראָם... אַלזאָ? און מיט אייך האָט פּאַסירט אַ מעשה אויף צו באַלעקן זיך... אַ שיינער פאָלקס־אויסדרוק... געפעלט מיר זייער... וואָס־זשע איז די מעשה?

— גאָר אַ וואַזשנע מעשה, איר מעגט עס אויסהערן — האָט אָנגעהויבן באַגייסטערט וואַסערשטראָם — די גאַנצע וועלט מעג עס הערן. איך האָב זיי שוין דאָרט אין ברעמען איינמאָל געגעבן אין טאַטנס טאַטן אַריין און איצט וועל איך זיי געבן נאָך הונדערט מאָל אין טאַטנס טאַטן...

אַפּילו טויזנט מאָל — האָט אים דערמונטערט דער רעפּאָרטער — מיין צייטונג נעמט זיך אָן פאַר די אידן פון דער גאַנצער וועלט. אַלזאָ, וועמען ווילט איר געבן אין טאַטנס טאַטן אַריין?

—די שיפס־קאָמפּאַניע, פאַרשטייט זיך. אַזאַ גראַבעזש איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. איר מעגט עס אויסהערן — האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו קאָכן דער קליין־שטעטלדיגער יאַבעדניק.

— די שיפס־קאָמפּאַניע? — האָט אים איבערגעפרעגט דער רעפּאָר־טער און האָט אויפגעהערט צו מאַכן נאָטיצן.

— יאָ, די שיפס־קאָמפּאַניע... דעם „נאָרד־דייטשן ללאָיד“!

דער רעפּאָרטער האָט געמאַכט אַ פּאָר בייזע אויגן.

— איר מעגט שוין פאָרן קיין רוסלאַנד! — האָט ער אים גראָב

אונטערבראכן און האט אריינגעלייגט זיין נאטיץ־ביכל אין קעשענע און האט זיך געלאזט גיין.

— וואס הייסט? קומט נאר אהער! — האט אים געכאפט וואסער־שטראם ביים ארבל.

— לאזט מיך צופרידן! קריוודעס אויפן „נאד־דייטשן ללאיד“ וועט איר קענען אויסדריקן אין א „שטימע פון פאלק“ אין אונזער צייטונג. פאר קיין אינטערוויו, האט דאס קיין שום ווערט ניט!

— וואס רעדט איר? גאט איז מיט אייך! איר האט דאך ערשט געזאגט, אז איר נעמט זיך אן פאר אלע אידן!

— גייט שלאפן! איר זענט א גרינהארן! — האט אים שוין פון ווייטנס אזוי ווי א שפיי געטאן דער רעפארטער. — דער ללאיד אדווערטייזט זיך ביי אונז אויף טויזנטער, וועלן מיר זיך גיין מיט אים איינרייסן!

— נו, האסטו עס באדארפט? — האט געפרעגט וואסערשטראמען זיין ווייב.

— איך זאג דיר דעם אמת, אז מ'זאגט „אמעריקע גנב“ זאל מען גלייבן.

— און דאס ענטריסטעטע אידל איז אוועק מיט זיין פאמיליע אין זיין קאיוטע פארנעמען די פעקלעך און ארויסגיין אויפן דעק.

דער „געארג וואשינגטאן“ איז אינצווישן צוגעגאנגען קיין האבאקען. דער טומאן איז שוין געווען פארשוואונדן.

די ריזיגע שטאט האט אראפגעווארפן איר געהיימניספולן שלייער און האט געבליאסקעט און געלאקט מיט אלע פארבן פון א שיינעם זומער־מארגן.

מיט דעם פארשווינדן פונם טומאן, איז פון די עמיגראנטנס הערצער פארשוואונדן די קלעמענדע אנגסט, די נאגנדע ווארטונג... דער רויש און טומל פון דער גרויסער שטאט האט זיי באגריסט פון ווייטן און האט געגאסן אין די הערצער מיט און פרישע האפנונגען.

און שנעל האט מען אנגעהויבן פארלאזן דעם שווימענדן פאלאץ „געארג וואשינגטאן“.

דער גרויסער קבלת פנים

צווייטער קאפיטל

דער גרויסער קבלת פנים

אין עטלעכע טעג ארום האט די צייטונג „די נאציאן" אויסגעקליבן דעם גרעסטן שריפט, וואס זי האט געהאט אין איר דרוקעריי, און אפגעדרוקט אויפן ערשטן בלאט א גרויסן, פעטן קאפ, ווי פאלגט:

„א גרויסער קבלת פנים פארן גרויסן ציוניסט גלעקעל־עפענדי אין קופער־יוניאן, אראנזשירט פון די ניו־יארקער ציוניסטן".

מיט קלענערע, אבער נאך גענוג גרויסע אותיות, האט די צייטונג איינגעלאדן אויף זונטאג פארנאכט אירע ווערטע לעזער און דאס גאנצע אידנטום פון גרויס ניו־יארק צו קומען מקבל פנים זיין און צו הערן דעם בארימטן אראטאר און פירער פון דער ציוניסטישער באוועגונג און פון די יונג־טערקן, וועלכער האט פערזענלעך ענטראנט דעם בלוטיגן סולטאן אבדול האמיד און האט געהאלפן באפרייען דאס אטאמאנישע פאלק.

לעבן די צוויי קעפ האט די צייטונג אפגעדרוקט גלעקעלס פאטאגראפיע אין אן אריענטאלישער פאזע, מיט א רויטער יארמולקע אויפן קאפ און א רויכנדע וואסער־פייפ ביי די פיס, האט אויך אין א לאנגן מאמר דערציילט פון זיינע העלדנטאטן אין דער אטאמאנישער הויפט־שטאט, ווי אזוי ער האט צוזאמען מיט ענווער־בעי און נאזום־בעי געפירט די מאקעדאנישע ארמיי קעגן דעם בלוטיגן סולטאן אבדול האמיד, האט פארשפראכן צו געבן אין די נעכסטע נומערן זיין ביאגראפיע און א גאנצע סעריע ארטיקלען געשריבן פון זיין אייגענער „צויבער־פעדער", און האט צום סוף באמערקט, אז דער באזוך פון בארימטן איד און פירער טראגט א הויך אפיציעלן כאראקטער, אז גלעקעל־עפענדי איז געקומען אהער אינם אויפטראג פון דער יונג־טערקישער רעגירונג צו לייען פאר איר 100 מיליאן דאלאר.

באלד האבן זיך די 100 מיליאן דאלאר געטראגן איבער דער איסט־סייד, ווי א בום פון מיליאנען גלעקער...

די צייטונגס פארקויפער האבן עס שנעל צעטראגן איבער אלע גאסן און געשריגן אויף יעדן קארנער: —

„גלעקעל־עפענדי אין אמעריקע!" „וואל סטריט גיט אים 100 מיליאן פאר די טערקן!" „גלעקעל פארשפרעכט צו קריגן ביי די יונג־טערקן א טשארטער אויף ארץ ישראל!" און דאס גלייכע.

די אידן האבן געכאפט די צייטונגען פון די צייטונגס־פארקויפער ווי א גרויסע סענסאציע און אין איניגע שטונדן איז גלעקעל־עפענדי געווארן א גרויסע פיגור אין ניו־יארקער געטא... מ'האט גערעדט וועגן אים אין די פארקס, אין אלע אידישע רעסטאראנען און קאפע־הייזער, און די „נאציאן" האט יענעם טאג פארקויפט מיט פיל טויזנטער קאפיעס מער. די

איבעריגע צייטונגען האָבן נאַטירלעך באַלד באַמערקט, וואָס פאַר אַן אוצר זייער קאָנקורענט האָט אַריינבאַקומען. און ס'האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן אויפן גאַסט, אויף זיין רויטער יאַרמולקע און טערקישער וואַסער־פייפ, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי ברייט צעלייגט אין אַ קאָנקורירנדער צייטונג; און דער רעדאַקטאָר פון „סאָציאַליסט" האָט באַשטעלט ביי איינעם פון זיינע שרייבער אַן אַרטיקל: „אַ נייער זעלבסט־געקרוינטער אידישער דער־לייזער אין אַמעריקע אין אַ רויטער יאַרמולקע".

אין דערזעלבער צייט ווען גלעקעלס נאָמען מיט די 100 מיליאָן דאָלאַר האָט געבומט איבער דער איסט־סייד, איז צום האָטעל אַסטאָר צוגעפאָרן אין זיין אייגענעם אויטאָמאָביל מר. מילמאַן, דער עדיטאָר פון „די נאַציאָן", מיט אים איז אַרויסגעגאַנגען אַ הויכער, דאַרער, גלאַט־געגאָלטער יענקי, פון אַן אומבאַשטימטער עלטער. דער יענקי האָט מיט אַ פול מויל גאָלדענע ציין געקייט טשואינג־גאַם, אָבער אַזוי שנעל און מיט אַזאַ וואוט, גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטן אין מויל דעם ערגסטן און ביטערסטן פיינד זיינעם.

גלעקעל, וועלכער איז איינגעשטאַנען אין אַסטאָר־האָטעל, האָט שוין געוואַרט אויף זיינע געסט.

— איר דאַרפט מיר באַצאָלן פאַרן בום, וואָס איך האָב אייך געמאַכט, כאָטש 50 טויזנט דאָלאַר — זיינען געווען דעם רעדאַקטאָרס ערשטע ווער־טער, אַז ער איז אַריינגעגאַנגען צו גלעקעלן און האָט אים נאַכלעסיג דער־לאַנגט די האַנט — לאָמיר אייך פאַרשטעלן, דאָס איז מר. וואודס... אַ וואָל סטריט מענש, — האָט ער פאַרגעשטעלט דעם יענקי און האָט זיך אומגעבעטן אַ וואַרף געטאָן אין אַ שטול מיט אַ מידן „אוף"!

— האַו דו יו דו, מיסטער גלעקעל!*) — האָט אים מר. וואודס דער־לאַנגט פאַמיליאַר די האַנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, האָט אַ בייזן קיי געטאָן און האָט מיטאַמאָל געשלאָסן די גאָלדענע ציין, אַזוי ווי דער פיינד זיינער וואָלט שוין געווען פולשטענדיג צעריבן און באַזיגט.

גלעקעל האָט עמפפאַנגען דעם פינאַנסיסט פון וואָל סטריט מיט דער העכסטער אָריענטאַלישער העפלעכקייט און האָט אים געבעטן זיצן.

דער יענקי האָט זיך דערפאַר גענומען באַקוקן זיין רויטע פעסקע און אים אַליין פון קאָפּ ביז די פיס אַן צערעמאָניעס.

— מר. גלעקעל־עפענדי! איך האָב פאַר אייך געמאַכט אַן אַפּיאָנט־מענט אויף 2 אַ זייגער ביי מיר אין אָפיס פאַר אַן אינטערוויו מיט אַ פאַר־טרעטער פון די „טיימס" און פון אַנדערע צייטונגען — האָט געזאָגט צו אים מר. מילמאַן אין אידיש.

גלעקעל האָט אים געדאַנקט מיט אַן אָריענטאַלישער האַנט־באַוועגונג.

— נאָך דעם אינטערוויו, אַז איך וועל אייך געבן אַ בום אין דער ענגלישע פרעסע, ברענג איך אייך צוזאַמען מיט מיין פריינד דזשייקאָב שוף.

*) שלום עליכם, מיסטער גלעקעל.

גלעקעל האָט זיך נאָך אַמאָל אָריענטאַליש פאַרבויגן.

— שיף וועט אייך ניט לייען קיין איין פּעני — האָט זיך אָנגערופן דער פינאַנסיסט אין ענגליש און זיך ווידער גענומען שנעל און ענערגיש קייען דעם טשואינג־גאָם.

— נעווער מיינד... דאָונט וואָרי...*) מיר ווייסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן. מ'וועט אונז נאָך בעטן, אז מיר זאָלן נעמען געלט. איך האָב שוין היינט געהאַט פיל „קאָלס וועגן איפאָרמיישאָן"**) — האָט אים היציג געענטפערט דער רעדאַקטאָר פון „די נאַציאָן" — איר וועט זיין אָלל־ראַיט, מר גלעקעל־עפענדי!

דער יענקי האָט געמאַכט אַ זויער פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט אַרונטער־געשלונגען אַ שלעכטן ביסן, איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט אָנגע־הויבן אויפגערעגט צו רעדן, אָבער שוין אין פּראָסטן מאַמע־לשון:

— הער, מאַטקע, מיך זאָלסטו ניט פּייקען!***) אין פייפער דיינעם מעגסטו טאָן, וואָס דו ווילסט, אָבער ניט מיך... מיר קענסטו קיין קאָפּ ניט פאַרדרייען.

דער רעדאַקטאָר איז געוואָרן רויט און איז געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענער...

גלעקעל האָט געקוקט אויף זיי ביידע מיט ברייט געעפנטע אויגן...

— ווער איז דער וואודס — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס איז ער דאָס פאַר אַ פינאַנסיסט אין וואָל סטריט, וועלכער רעדט אַזוי גוט מאַמע־לשון? און היינט וואָס איז פאַר אַ „מאַטקע"?

— זאָגט, ר' איד — האָט זיך מר וואודס געווענדט שוין גלייך צו גלעקעלן — איר זענט טאַקע אָפיציעל געשיקט פון דער טערקישער רעגירונג, אָדער די גאַנצע געשיכטע איז אַ באָבע מעשה, פונקט ווי אַלע מאַטקעס סענסאַציעס?

מאַטקע איז פון רויט בלייך געוואָרן.

— מיסטער וואודס! — האָט זיך באַליידיגט גלעקעל — וואָס פאַלט אייך איין?

— זאָגט מיר דעם אמת!... איר מעגט ווייסן, אז וואָל סטריט קאָן מען ניט נאַרן... עס איז נאָר אַן אומזיסטער צייט־פאַרלוסט... זאָגט, איר זענט אַן אָפיציעלער פאַרטרעטער, געשיקט אַהער צו פירן אונטער־האַנדלונגען וועגן אַ הלוואה? אויב יאָ, און דער טערקישער אַמבאַסאַדאָר וועט עס באַשטעטיגן, וועל איך מיט אייך רעדן ביזנעס****), דאָס הייסט, איך וועל אייך אַריינפירן אין באַנק־הויז, וואו מען וועט מיט אייך רעדן ביזנעס...

— נו, זעלבסטפאַרשטענדלעך... אייגנטלעך ניט די רעגירונג אַליין,

*) זאָל אייך ניט אַרן.
**) אָנפרעגן וועגן אינפאָרמאַציע.
***) נאַרן.
****) געשעפט.

נאר מיין בעסטער פריינד... דאוויד בעי... דער געוועזענער פינאנץ־מיניסטער — האט אנגעהויבן מיט אן אומזיכערן טאן גלעקעל.

— א! א געוועזענער פינאנץ־מיניסטער... גוד באי, סער! — האט אפגעהאקט ווי מיט כעס מר. וואודס, האט געכאפט זיין הוט און האט זיך געלאזט גיין צו דער טיר.

דער רעדאקטאר האט אים געכאפט ביים ארבל:

— קום נאר אהער, דו וואל סטריט־באנדיט. וואוהין טראגט דיך דער רוח?

— מאטעלע! האלט מיך ניט צו... איך האב קיין צייט ניט... איך מוז לויפן צום סטאק עקסטשיינדזש*) — האט זיך געבעטן דער וואל סטריט־מענש.

— דער רוח וועט דיך ניט נעמען... מעגסט אויסהערן וואס איך רעד צו דיר.

וואודס האט אנגעהויבן פארלירן זיין געדולד...

— מאטעלע, פליעז! איך האב דיר שוין פיל מאל געזאגט, אז פייקען קאן מען נאר משהן פון דער איסט־סייד, ניט מיך. גוד באי, מר. גלעקעל! איך ווינש אייך גרויס דערפאלג... פארלאזט זיך נאר אויף מיין פריינד מאטעלע, איר וועט שוין זיין אלל־ראיט אין אמעריקע, איר וועט שוין קריגן א דזשאב**).

— איך בין ניט געקומען אהער זוכן אייערע דזשאבס — האט זיך באליידיגט גלעקעל, און איז רויט געווארן.

— נעווער מאינד!... נעווער מאינד!...***), אז איר וועט וועלן קומט אמאל ארויף צו מיר אין אפיס****) אריין... מאטעלע וועט אייך געבן מיין אדרעס.

און דער פינאנסיסט האט געוויזן נאך אמאל גלעקעלן גאנץ פריינטלעך זיינע גאלדענע ציין, האט אים באגריסט מיט דער האנט און איז האסטיג פארשוואונדן.

דער יונג־טערקישער שליח און דער רעדאקטאר זיינען ביידע געבליבן ווי אפגעשמיסענע און האבן זיך געשעמט קוקן איינער דעם אנדערן אין פנים אריין. ביידע זיינען געווען סקאנדאליזירט פון מיסטער וואודס גראבקייט.

— נו, ווי געפעלט אייך עפעס אונזער אמעריקע? — האט זיך פלוצלינג אנגערופן מר. מילמאן. אבער גלעקעל־עפענדי האט אויף דעם ניט געענטפערט און אליין געשטעלט א פראגע:

— זאגט נאר, ווער איז דער מר. וואודס, וואס איז ער געקומען און וואָרום איז ער אוועקגעגאנגען?

*) בירזשע.
**) א שטעלע.
***) עס שאדט ניט.
****) קאנטאר.

דער רעדאַקטאָר איז ווידער רויט געוואָרן.

— ווער ער איז? אַ באַרימטער אַרכיטעקטאָר, אַ בויער פון וואָלקנקראַצערס און דערצו נאָך אַ בערזן־שפּעקולאַנט און אַ וואָל סטריט־פּיראַט... אַ רוסיש אידל דרעוויאַשקין, וואָס האָט געשריבן זייער שלעכטע לידער און אַרטיקלען, וועלכע איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן... זייט דעם האָט ער אויף מיר דאָס גוטע האַרץ... קאָן עס מיר ניט מוחל זיין.... ער האָט אָבער געהאַט דאָס טריפהנע מזל און האָט געמאַכט מיליאָנען אין וואָל סטריט, איצט פּאַסט אים שוין ניט דער נאָמען דרעוויאַשקין, האָט ער זיך געשמדט אויף מיסטער וואודס.

— מיליאָנען דאַלאַרן פאַרמאָגט דאָס אידל?

— ס׳איז אייך אַ חידוש? מיר זיינען אַלע דאָ סעלף מעיד מען*) מענשן... אין אַמעריקע אַרבעט זיך יעדער אַרויף... פריער זיינען מיר געוועזן שניידער, פּעדלערס און דערנאָך געוואָרן פאַבריקאַנטן, רעדאַקטאָרן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, באַנקירן — האָט זיך אַזוי ווי פּאַרענטעפּערט מיסטער מילמאַן — און אַזוי האָט עס פּאַסירט מיט די גרעסטע מיליאָנערן אין אַמעריקע.

— אַזוי... אַזוי — האָט נאַיוו געשטוינט גלעקעל.

— ווען איך זאָל זיך גוט געוועזן אָפּגעבן מיט באַוועגונגען און כלל־זאַכן און גיין אין ביזנעס, וואָלט איך אויך געוועזן איצט אַ מיליאָנער — האָט געזאָגט מר. מילמאַן מיט אַ זיפץ — איך האָב אָבער קיין חרטה ניט. — אָבער קומט... קומט. די פּאַרטרעטער פון דער ענגלישער פּרעסע ווען אויף אייך וואַרטן — האָט אים געאיילט דער רעדאַקטאָר און נאָך מער זיך אַליין, כדי צו באַפרייען זיך פון דער אומאַנגענעמער לאַגע, אין וועלכער עס האָט אים געבראַכט דער מיסטער וואודס. — איך מוז אייך מאַכן אַ בום איבער גאַנץ אַמעריקע.

גלעקעל האָט געוואָלט אַראָפּנעמען די פּעסקע פון קאָפּ און אָנטאָן אַ הוט. דער רעדאַקטאָר אָבער האָט פּראָטעסטירט.

— וואָס טוט איר? איר דאַרפט זי טראָגן, דאָס איז די בעסטע אַדווערטייזינג**), און אין אַמעריקע איז אַדווערטייזמענט אַלץ.

און ביידע זיינען אָפּגעפאָרן אויף דער איסט־סייד אין אָפּיס פון „די נאַציאָן", וואו עס האָבן שוין אויף זיי געוואַרט אינטערוויוערס פון דער ענגלישער פּרעסע.

שפּריצער־וואַסערשטראָם גייט צו שיפן

דער גרויסער בום, וואָס די „נאַציאָן" האָט אויפגעהויבן פאַר גלעקעלן

*) אַליין־געמאַכטע; אַרויפגעאַרבעטע.

**) רעקלאַמע.

האט דערגרייכט אויך זיין פריינד און רייזע־קאלעגע פון „געארג וואשינג־טאן”, שפריצער־וואסערשטראם.

די עטלעכע טעג איז דאס אידל געווען אזוי באשעפטיגט און פאריאגט, אז ער האט אזוי פארגעסן אין דעם יונג־טערקישן שליח און אין די 100 מיליאן דאלאר. די פאמיליע איז געשטאנען אין א האטעל אין דער איסט־סייד נאר איין טאג. אויפן צווייטן טאג איז וואסערשטראם מיט זיין פרוי און טעכטער שוין געגאנגען זוכן צימערן און גרינדן א היים אין דער נייער וועלט. לאנג האבן די קליין־שטעטלדיגע ניט באדארפט זוכן און קלייבן. זיי האבן זיך צופרידן געשטעלט מיט א קעלער פון 3 רומס מיט א קיך אין העסטער סטריט פאר 10 דאלאר א מאנאט. א וואוינונג, וואס זאל טויגן אויך פאר א ביזנעס. מ'האט באלד גענומען צונויפקויפן אלט מעבל און עס צונויפגעטראגן אין זייער נייער נעסט מיט דער פיבערהאפטער באוועגלעכ־קייט פון מוראשקעס. און אז מ'האט זיך שוין אביסל איינגעסטאלירט, און מ'איז געווארן צו מענשן גלייך, איז אונזער אידל ארויסגעגאנגען אין גאס אריין, זיך ארומקוקן, ווי איז ער עפעס אין דער וועלט און אגב א שמעק טאן טאקע עפעס וועגן פרנסה אויך, וועגן „ביזנעס”, ווי זיי רופן עס אין אמעריקע.

ער איז אפגעגאנגען נאך א פאר בלאק*) פון זיין הויז, באטראכטנדיג מיט א פארריסענעם קאפ די הויכע הייזער, ווען ס'איז אויף אים ארויפ־געלאפן א צייטונגס־פארקויפער ווי א ווינט, שרייענדיג מיט א הייזעריג קויל, אזוי ווי מ'וואלט אים געקוילעט מיט א חלף:

— גלעקעל־עפענדי לייעט 100 מיליאן... שענקט די אידן פאלעסטיין.

דאס אידל איז פארציטערט געווארן. זיינען, הייסט עס, די 100 מיליאן ריכטיגע 100 מיליאן, און דער איד איז אן אמתער שליח פון די יונג־טערקן און ניט קיין ליגנער, ווי מלכה האט כסדר געזאגט.

וואסערשטראם האט געכאפט א צייטונג פאר א פעני און איז אוועק מיט א פארכאפטן אטעם, ווי א ווינט, צו זיין ווייב און קינדער.

— אט האסטו אים, דעם חברה־מאן, מיט דער רויטער יארמולקע! — האט ער א פארסאפעטער אנגעוויזן זיין פרוי אויף גלעקעלס בילד אין צייטונג.

— איר דערקענט אים? — האט ער געפרעגט די טעכטער.

די צוויי מיידלעך האבן איינגעגראבן זייערע נאיווע אויגן אין בלאט און די גאנצע פאמיליע האט זיך געשטעלט לעזן פון גלעקעלס גדולה מיט אזא נחת און פרייד, אזוי ווי דאס וואלט געווען זייער אייגענער זון און ברודער.

די געשיכטע האט זיי איינגאנצן אויפגערודערט... א קלייניקייט! א הלואה פון 100 מיליאן!

— דאס געלט וועט ער אוודאי נעמען ביי שיפן... קיין אנדער ארט האט ער דאך ניט און שיף דארף וויסן, אז איך בין דער מעקלער און דאס

*) ראנג.

מעקלעריי געהערט מיר — האָט זיך אָנגערופן דאָס אידל און האָט זיך אויפגערעגט און צעשטרייט געגומען לויפן איבער צימער.

זיינע באַוועגונגען זיינען תמיד געווען העכסט נערוועז און שנעל, איצט האָבן זיינע אברים איינפאַך געטאַנצט פון אויפרעגונג און די אויגן האָבן ביי אים פיבערהאַפט געגלאַנצט, ווי ביי א בעטלער, וועלכער שטויסט זיך פּלוצלינג אָן אויף א גאָלדענעם אוצר...

— יאָ, יאָ! — האָט געפּסקנט די אינגערע טאָכטער, וועלכע האָט כסדר געהאַלטן מיטן פאָטער — ער מוז עס וויסן... א סך וועט דיר קומען, טאַטע? — האָט געפרעגט דאָס נאַיווע מיידל.

— איך ווייס וואָס זיי צאָלן דאָ... אין רוסלאַנד איז א מאָדע א פּירטל פּראָמיל...

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן א לאַנגער ישוב, ווי אזוי גיט מען צו וויסן יעקב שיף, אז ער, וואַסערשטראָם, איז דער אמתער מעקלער פון דער גרויסער הלואה און דאָס גאַנצע מעקלעריי געהערט על פּי דין אים אַליין?

דאָס אידל איז לאַנג אַרומגעלאָפן איבערן צימער, געמאַכט מיט די הענט, אַזוי ווי ער וואָלט פיבערהאַפט שנעל געשפּונען זיין גליק אין נייעם לאַנד און זיין קאָפּ האָט געשמידט פאַרשידענע קאָמבינאַציעס און פּלענער.

מלכה איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אויפן טיש און האָט אים אויך געהאָלפן טראַכטן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, וואָס די מיסטרויאישע און סקעפּטישע פרוי האָט עפּעס אָנגעהויבן גלייבן אין זיינע הצלחות און גליקן.

— א קשיא אויף א מעשה! ... משנה מקום, משנה מזל... געטראַכט האָבן אויך די טעכטער.

— אפשר וואָלסטו אים געשיקט, דעם שיף דיינעם, א בריוו? — האָט פּרובירט אים ראַטן זיין פרוי מיט אַן אומזיכערן טאָן.

— יאָ, טאַטע, שרייב אים, שרייב אים, — האָט פּאַטאַקעוועט די יונגע טאָכטער.

— איר וועט מיר אויפהערן צו דולן דעם קאָפּ, צי ניין? — האָט נערוועז געשריגן וואַסערשטראָם — איר פאַרשטייט א סך!... ווען וועט שיף האָבן דעם בריוו? מאָרגן! און דאָ קאָן היינט די געשיכטע אָפּגעשלאָסן ווערן. וואָס וועל איך דערנאָך טאָן? רופן שיפן צו א רב?

— איז דיר באַשערט, וועט עס פון דיר ניט אַנטלויפן — האָט זיך אָנגערופן די געלאַסענע מלכה.

דאָ האָט שוין ביי אים די גאַל געפּלאַצט.

— יאַכנע — בהמה! — האָט ער איר ווי תמיד אויסגעשפּיגן אין פּנים אַריין מיט פאַראַכטונג און איז געלאָפן ווייטער, געשטשיפּעט זיין בערדל און ווייטער געשמידט זיין אייגענעם פּלאַן.

איך בעט דיך, דער גליקעל איז דאָך עפּעס ניט קיין הפקר־מענש,

קיין בייגל־כאפער — האט זיך אנגערופן די עלטערע און קליגערע טאכטער, וועלכע איז געווען גערעטן אין איר מוטער און פלעגט זיך זעלטן אנרופן און מער שווייגן. דער פאטער האט דערפאר טאקע פאר איר רעספעקט געהאט און פלעגט אויף איר ניט שרייען, ווי אויף די איבעריגע.

— נארעלע! פונוואנען קאן איך אים? ווער ווייסט, וואס פאר א מענש ער איז, היינטיגע צייטן דארף מען פארזיכטיג זיין.

אבער באלד איז זיין אייגענער פלאן רייף געווארן.

— גיט מיר מיין שבתדיגן סורדוט! — האט באפוילן וואסערשטראם אלע זיינען אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער.

— וואוהין איז? — האט אנגסטלעך געפרעגט מלכה — דו ווילסט אפשר גיין? איך וועל דיך ניט לאזן.

— מיר וועלן דיך ניט לאזן. דו וועסט נאך פארבלאנדזשעט ווערן — האט געשריגן דאס קלענערע מיידל.

— די קאפאטע וויל איך, יאלדן! — האט ער א געשריי געטאן, ווי א נאפאליאן, אויף זיין פאמיליע. — איר הערט? די קאפאטע זאל מיר זיין!

— שא! שא! מאך ניט אזא געוואלט! האסט געהערט א מעשה! גיי און ווער פארבלאנדזשעט! — האט געזאגט די אינגערע טאכטער און איז געגאנגען אים געבן דעם שבתדיגן בגד זיינעם... דאס אידל האט אים אנגעטאן, אויך דעם צילינדער־הוט, וואס ער האט געקויפט אין ברעמען פאר 5 מארק, קורץ, ער האט זיך פארפוצט גאנץ יום־טובדיג מיט א ווייסן זשילעט און מיטן גאלדענעם זייגער, האט זיך באווארנט מיט א שירעם אין פאל, אז עס וועט רעגענען, און האט פארלאזט זיין קעלער אויף העסטער סטריט, לאזנדיג זיין פרוי און קינדער אין אנגסט, אז דער גרויסער גיהנום, וואס הייסט ניו־יארק, זאל אים, דאס קליינע אידל, חלילה, ניט איינשלינגען.

* * *

וואסערשטראם איז געגאנגען צוערשט אלץ דורך אידישע גאסן, האט באגעגנט נאר אידן, אמתע אידן מיט בערד, ס'האט זיך געהערט איבעראל די אידישע שפראך, און ער האט זיך געפילט הייכיש, ווי ביי זיך אין ראכ־מיסטריווקע. און ווען ניט דער ליארם און רויש פון די עלעוויטארס*), דאס טרובען פון די אויטאמאבילן און יעקב שיף מיט די 100 מיליאן, וואס ער איז איצט געגאנגען לייען פאר גלעקעלן, וואלט ער אינגאנצן פארגעסן, אז ער איז שוין ב"ה אין דער גרויסער אמעריקע. ער וואלט געגלייבט, אז ער איז אין א גרויסער אידישער שטאט אין רוסלאנד, ווי ווארשע אדער אדעס.

די אידישע אטמאספערע און די אידישע קאליר פון די גאסן האבן אים געגעבן מוט און זיכערקייט.

ער האט זיך אונטערגעזונגען א שבתדיג ניגונדל, האט אפגעשטעלט אידן און פרויען און האט זיי געפרעגט העפלעך און גוטמוטיג:

*) הויכבאנען.

— איך בעט אייך, זייט־זשע מוחל... וואו איז דא וואל סטריט? איך דארף האבן צו יעקב שיף.

איינינגע האבן זיך אפגעשטעלט, האבן אים אפגעמאסטן מיט נייגעריגע אויגן פון קאפ ביז די פיס, אזוי ווי זיי וואלטן זיך געפרעגט:

— ווער איז דער לץ אין דער שבתדיגער קאפאטע און צילינדער־הוט און ווי קומט ער צו שיפן?

פונדעסטוועגן האבן איינינגע אים געהייסן גיין ווייטער און האבן אים געוויזן די ריכטונג וואוהין צו גיין. אנדערע האבן זיך געאיילט, זיינען געווען צו פארשמייעט און האבן זיך פון אים ניט געלאזט אפשטעלן און אים ניט געענטפערט. אזוינע האט וואסערשטראם נאכגעשליידערט: חזירים, סוואלאטשעס און אנדערע ענלעכע קאמפלימענט, אבער זיין מוטיגע, זינגענדע שטימונג האט ער אלץ ניט פארלוירן ביז... ער איז געקומען צום ברוקלין ברידזש.*)

דא איז די אידישע אטמאספערע שוין א ביסל צערונען געווארן... וואסערשטראם האט יא געזען אידן, אבער אזוינע, וואס מ'קאן צווייפלען צי זיי זיינען אידן און צי פארשטייען זיי אידיש. פארפוצטע, אן בערד און גלאט געגאלטע, מיט חזירישע, פעטע מארדעס. ער האט שוין ניט געוואגט צוגיין אזוי פראסט און פרעגן:

— זייט־זשע מוחל... זאגט נאר, וואו איז דא וואל סטריט. איך דארף האבן צו יעקב שיף.

אגב, האבן שוין אביסל די פיס אויך געצויגן, און אזוי ווי ער האט דערזען אנטקעגן א פארק, איז ביי אים געבליבן, ער זאל זיך דארט צוזעצן און זיך אביסל אויסרוען אויף א באנק.

וואסערשטראם האט זיך געלאזט איבערלויפן דעם וועג, מען זאל אים ניט איבערפארן, מיט אזא פענד, אז די צייטונגס־פארקויפער און די טרעמפס**) ביים פארק האבן זיך הויך און געשמאק צעלאכט און האבן שוין ניט אראפגעלאזט זייערע אויגן פון דעם דארן, רויטן אידל אין דעם פרינץ אלבערט און צילינדער־הוט, אונטער וועלכן זיין קליין פנים האט אויסגעזען ווי א פאפוגאי.

אויפן וועג צו וואל סטריט

לאנג האט וואסערשטראם ניט געקענט בלייבן זיצן אויף זיין באנק.

די טרעמפס און די לויפערס האבן עפעס אנגעהויבן פארדעכטיג צו דרייען זיך ארום אים און צוווארפן שפאטישע, בייזע בליקן, וועלכע האבן ניט געזעדט פון קיין גוטע כוונות...

דאס אידל האט פלוצלינג פארלוירן די יום־טובדיגע שטימונג זיינע,

*) ברוקלינער בריק.

**) באסיאקעס.

האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זיך אומרואיג אַרומגעקוקט און האָט זיך געוואָלט לאָזן ווייטער אין וועג אַריין.

אָבער וואוהין? און אין וואָס פאַר אַ ריכטונג?

ביי וועמען פרעגט מען דאָ וואו איז וואָל סטריט און וואו איז דאָ ר' יעקב שיף?...

ער האָט געוואָרפן אַרום זיך אומבאַהאָלפענע, זוכנדע בליקן. אפשר וואָלט ער צוגעגאַנגען צו דעם פאַרשוין, וואָס שטייט ביים פאָנטאַן?

ער האָט טאַקע אַ פאַרדעכטיגע רויטע נאָז און זיינע בגדים זיינען ניט אַזוי פויגלדיג, פונדעסטוועגן וועט ער אים ווייזן וואוהין צו גיין.

— וואָל סטריט! וואָל סטריט! יעקב שיף! — האָט ער זיך געווענדט צום סוביעקט און האָט צוגעקלאַפּט מיט זיין שירעם אין האַרטן צעמענט פון פּאַרק.

דער סוביעקט האָט צוערשט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע קעלבערנע אויגן, האָט אים באַטראַכט און דערנאָך זיך הויך צעלאַכט אים גלייך אין פּנים אַריין, האָט אָנגענומען מיט דער האַנט דעם ראַנד פון זיין צילינדער־הוט און האָט אים טיף אָנגערוקט אויפן פּנים...

וואַסערשטראָם איז מבולבל געוואָרן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חזירישע שטיק?

ער האָט אויפגעברויזט און געוואָלט מאַכן אַ ליאַרם.

באַלד אָבער האָט ער דערהערט אַרום זיך אַ ווילד געלעכטער פון אייניגע לויפערס, וועלכע האָבן פון אים די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. און דער איד האָט זיך מישב געווען, אַז קליגער וועט זיין זיך אָפּצורוקן פונדאַנעט, און ער האָט זיך שנעל געלאָזט גיין פון פּאַרק. אויף דער לעצטער באַנק אָבער האָט ער באַמערקט אַ בחור מיט אַ אידישער צייטונג אין דער האַנט.

וואַסערשטראָם האָט זיך באַלד דערפילט זיכערער און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער בחור האָט געלייענט די „נאַציאָן", און דיזעלבע ערשטע זייט, אויף וועלכער גלעקעל האָט זיך אַזוי ברייט צעלייגט מיט דער יאַרמולקע און מיט דער טערקישער וואַסער־פּייפ. דאָס אידל האָט אַזש אויפגעציטערט פון פרייד, פונקט ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ווייטן מדבר און וואָלט פּלוצלינג דערזען דעם אייגענעם ברודער זיינעם...

און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק לעבן בחור.

— איר לייענט עס וועגן די 100 מיליאָן? — האָט ער געפרעגט דעם אומבאַקאַנטן און האָט אים לייכט אַ שטורקע געטאָן מיט זיין עלנבויגן.

דער בחור האָט אויפגעהויבן אויפן אידל אין צילינדער אַ פּאָר פרעגנדע, קוריאָזנע אויגן און האָט ווייטער געלייענט.

אַ גדלן! — האָט געפּסקנט ביי זיך וואַסערשטראָם.

די צוריקגעוואָונענע זיכערע שטימונג האָט ער ווייטער פאַרלוירן. ער

האָט זיך ווידער דערפֿילט אומהיימלעך און פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ פֿרעמדער, פּיינטלעכער וועלט.

— איך בעט אייך... קענט איר מיר ניט ווייזן וואו איז דאָ שיפּס באַנק? יעקב שיף? — האָט ער אים ווייטער געפֿרעגט און האָט זיך באַמיט צוגעבן זיין שטימע דעם העפֿלעכסטן און זאַנפֿטסטן טאָן.

דער יונגערמאַן האָט ווידער אומגעדולדיג אויפֿגעהויבן זיינע אויגן פֿון צייטונג, האָט ווידער געכאַפּט אַ קוריאָזן בליק אויף זיין שכן, האָט אָבער אַ שמייכל געטאָן.

וואָס דאַרפֿט איר שיפּס באַנק?

די פֿראַגע האָט אים פֿאַרדראָסן.

וואָס איז שייך! אַז איך פֿרעג, מסתמא דאַרף איך... איר מעגט עס מיר גלייבן... יאָ! — האָט זיך אָנגערופֿן וואָסערשטראָם, שוין האַנאַריסטע און באַליידיגט.

— „קוהן, לאָעב ענד קאָמפּ.... איז אין וויליאַם סטריט" — האָט אים געזאָגט דער יונגערמאַן שוין פֿריינטלעכער.

— ווער? ווער? איך מיין שיפּס באַנק...

— דאָס איז שיפּס באַנק... שיף איז דאָרט פּרעזידענט... איר האָט געשעפֿטן מיט שיפֿן און ווייסט ניט ווער קוהן לאָעב ענד קאָמפּאַני זיינען? — און דער יונגערמאַן האָט זיך פֿון אים שפּאָטיש צעלאַכט.

דאָס אידל איז פֿאַרשעמט געוואָרן:

— יאָ, ריכטיג... ריכטיג... איך האָב זיך ניט איינגעהערט... פֿאַרשטייט איר מיך... איך בין אַ ביסל, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, טויב אויפֿן לינקן אויער... פֿון אַ טיפֿוס, ניט פֿאַר אייך געדאַכט. ריכטיג! ריכטיג!... מיין טשעק איז טאַקע אויף דערזעלבער באַנק אויסגעשטעלט.

און אַזוי ווי דער יונגערמאַן האָט פֿון אים ניט אַראָפּגעלאָזט זיינע שפּאָטישע און מיסטעריאַזישע בליקן, האָט וואָסערשטראָם אומישנע באַמערקט אַ ביסל נאָכלעסיג:

פֿאַרשטייט איר מיך... איך בין ערשט געקומען פֿון רוסלאַנד... נו, האָב איך מיט זיך מיטגעבראַכט בלא עין הרע אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר... האָב איך זיי פֿון ברעמען איבערגעשיקט אַהער דורך דער באַנק... איצט וויל איך זיי, פֿאַרשטייט איר מיך, אָפּנעמען — האָט ער געענדיגט מיט אַ שמייכל.

— דאָט'ס סאָו? — האָט געפֿרעגט דער בחור. אָבער שוין אַ ביסעלע רעספּעקטפֿולער.

— וואָס דען מיינט איר... וואו, זאָגט איר, איז דאָס?

— ס'איז וויליאַם סטריט... איר זעט די בראָדוויי קאַר?*) פֿאָרט איר מיט בראָדוויי קאַר ביז וואָל סטריט... גייט אַ פּאָר בלאָקס...**) פֿאַרקערעוועט איר לינקס... האָט איר וויליאַם סטריט. און דאָרט איז

*) טראַמוויי.
**) ראָגן.

שיפס באנק. אַ ווייסע בילדינג...*), אז איר ווילט, וועל איך אייך ווייזן, וואו דאָס איז. איך גיי גראַד אין יענער ריכטונג.

וואַסערשטראָם איז אַנטציקט געוואָרן.

— מהיכי תיתי!... מהיכי תיתי!... הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן. ניט אומזיסט זאָגט מען — אידן רחמנים בני רחמנים... און מ'בעט גאָט: וואוהין דו וועסט מיך, רבונו של עולם, וואַרפן, אַבי צווישן אייגענע. איר פאַרשטייט? אוי, אידן! פּאַרט אידן!... וואָרים אם אין אני לי, מי לי... און דער איד וועט ניט העלפן דעם איד, טאַ ווער דען?

— איז שוין ווי אינגאַנצן צעשמאָלצן געוואָרן וואַסערשטראָם און האָט זיך געלאָזט גיין פון פּאַרק מיט זיין נייעם באַקאַנטן.

ער האָט ווידער דערפילט פריילעך און מוטיג, פּונקט אזוי ווי ער איז אַרויס פון דער היים.

ביי דעם פּאָסט־אָפיס, וואו מ'דאַרף אַריבערגיין דעם וועג, האָט אים דער יונגערמאַן גענומען אונטער דער האַנט און אָפּגעהיט, אז מ'זאָל אים, חלילה, ניט איבערפאָרן.

דאָס אידל האָט זיך פון דער פריינטלעכקייט דערפילט ווי אויפן זיבעטן הימל און האָט זיך געטראַכט:

— פּאָרט אידן. ס'איז דען דאָ אַ לייטישערע און פיינערע אומה פון אונז? אָט נעמט אַ ווילד פרעמדער אידישער יונגערמאַן מיך אונטערן האַנט און גייט ווייזן, וואו שיפס באַנק איז. אַ גוי וועט עס זיכער ניט טאָן...

און זיין האַרץ האָט זיך פּלוצלינג אָנגעפילט מיט אזא וואַרעמער דאַנקבאַרקייט צו זיין באַגלייטער, אז ער איז געוועזן מוכן אים צו זאָגן, אז ער איז מיט דעם גלעקעל־עפּענדי ווי צוויי פינגער... יאָ! און דאָס גייט ער טאַקע איצט צו שיפן מאַכן פאַר אים די גרויסע הלואה.

— אפשר וואָלט ער אים גאָר גענומען פאַר אַ שותף — איז דורך זיין מוח אַ געדאַנק —כ'לעבן, אזא פיינער יונגערמאַן. מסתמא קאָן ער נאָך גוט ענגליש אויך... און זאָלן זיי עס מאַכן אינאיינעם! ער איז גאָרניט קיין אָץ להעשיר. זאָל נאָך אַ איד פאַרדינען. בפרט, אז ס'וועט ב"ה סטייען מעקלעריי אויף אַ גאַנצן מנין אידן.

באַלד אָבער האָט ער זיך אַליין אויסגעלאַכט פון דעם געדאַנק.

— וואָס איז ער אַ — יאָלד? וואָס הייסט ער וועט פאַרטרויען אַ ווילד־פרעמדן מענש אזא גרויס געשעפט? וואָס טוט ער, אז דער בחור פאַרלויפט אים דעם וועג און פייפט אים אָן? ער קאָן אים? ער ווייסט ווער זיין טאַטע איז? ניין, משה שפּריצער איז אַ איד אַ סוחר און טוט ניט אזוינע נאַרישקייטן.

און אום צו דערשטיקן אין זיך אַליין דעם געדאַנק, האָט ער זיך סתם אזוי אַ פרעג געטאָן:

*) הויז.

— וואָס זאָגט איר וועגן די יונג־טערקן? זיי האָבן שוין אָנגעהויבן זיך רוקן קיין אַמעריקע נאָך געלד. אין אייראָפּע טרויעט מען זיי שוין ניט קיין פּעני, ווילן זיי אין אַמעריקע פּאַקן אַ הלוואהלע, כע, כע, כע, כע! איר האָט געלייענט אין דער צייטונג?... אַ שיינע מטבעה 100 מיליאָן דאָלאַר — וואָס? כע, כע, כע! — און וואַסערשטראָם האָט אַ שטורכע געטאָן זיין באַגלייטער מיט דעם עלנבויגן.

— יאָ, איך האָב געלייענט. גלעקעל־עפּענדי הייסט ער, דער יונג־טערק. אַ איד — האָט אים פּאַטאַקעוועט דער יונגערמאַן און האָט זיך נאָך מער צוגעטוליעט צום קליינעם, דאַרן אידל, וועלכער האָט אין צילינדער און שבתדיגן בגד זיינעם אויסגעזען ווי אַ פּאַיאַץ פון אַ צירק און האָט געצווינגן אויף זיך אַלעמענס אויגן און אַרויסגערופן אַ שמייכל ביי יעדן. וואָס האָט אים נאָר געזען.

— וואָס דענקט איר? ער וועט קריגן געלט?

זיין באַגלייטער האָט אַ טראַכט געטאָן און געענטפערט צעשטרייט:

— ניין, איך גלייב ניט.

וואַסערשטראָם איז אַ פּאַרציטערטער געוואָרן און האָט זיך אָפּגע־שטעלט.

— פאַרוואָס דענקט איר אַזוי?

דער יונגערמאַן האָט זיך ווידער פאַרטראַכט איבער דער פראַגע. און אום אים אַרויסצוהעלפן, האָט וואַסערשטראָם געזאָגט:

— ווי איז דער דין, אַז דער גלעקעל וועט באַצאָלן אַ גוטע עסקא אויך? — און האָט אומגעדולדיג אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין, וואַרטנדיג אויף זיין ענטפער.

— פאַרשטייט איר מיך... מיר דאַכט, אַז די גאַנצע געשיכטע איז אַ פּעיק.

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָט אים געפרעגט וואַסערשטראָם אַן איבערגעשראָקענער און אַ בייזער.

— איר ווייסט ניט, וואָס אַ פּעיק איז? איר זייט נאָך מסתמא ניט לאַנג אין אַמעריקע?

— וואָס איז שייך!

— אַ פּעיק הייסט, אַ שווינדל... אַ בלאָף... איך גלויב ניט אין דעם גלעקעלן.

— כאַ, כאַ, כאַ! דאָס גאָר! — האָט זיך פאַרגעניגנט צעלאַכט וואַסערשטראָם און ס׳איז אים געוואָרן גרינגער אויפן האַרץ — גלעקעל אַ פּעיק, כאַ, כאַ, כאַ!

און שיער האָט זיך ביי אים נאָך אַמאָל ניט אַרויסגעכאַפּט דער גאַנצער אמת, אַז ער אַליין איז מיט אים געפאָרן אויפן גרויסן „געאָרג וואַשינגטאָן“. צווייטע קלאַס זיינען זיי ביידע געפאָרן. ער, זיין פרוי און צוויי טעכטער. ס׳האָט אים אָפּגעקאָסט אויף דער צווייטער קלאַס אַ גוטע אַפּותיקא. ער

האט זיך דארט באקאנט מיט אים און איז מיט אים צונויפגעלייגט, ווי אט די צוויי פינגער. אז גלעקעל איז גלעקעל, א ווייסער־חברהניק, וואס האט געקענט אבדול האמידן אליין אראפשלעפן פון בענקל. אז די הלואה איז א הלואה, ווי ס'איז איצט טאג אויף דער וועלט. אז דאס געלט וועט געבן ניט קיין אנדערער נאר שיף און אז ער איז דאס טאקע דער מעקלער. ער האט זיך אבער ווידער פארכאפט, טראכטנדיג:

— פע! משה! זיי ניט קיין נאר און האלט די צונג! ביסט דאך עפעס א מענש מיט פארשטאנד און ניט קיין אינגל.

און אזוי זיינען זיי צעגעגאנגען צו וואל סטריט...

וואסערשטראם קריגט אן „איידעם" און א „שותף"

— אט דא ליגן עס די אמעריקאנער מיליארדן און דא מאכט מען עס די גרויסע הלואה? — האט געטראכט וואסערשטראם, פארדרייסנדיג הויך דעם קאפ אויף די פיל־שטאקיגע מויערן — טאמער גלייכט מען זיך ניט אוים מיט שיפן, וועט מען זיך מוזן ווענדן צו איינע פון די בענק... אך, ווען ער קאן גוט ענגליש רעדן! ער וואלט זיך באלד דא אויפן ארט אריינ־געכאפט אט אין דער באנק און וואלט א טאפ געטאן אין וואגן. אפשר וואלט ער פארט געמאכט שותפות מיט אט דעם יונגמאן? אזא וואוילער יונגאטש. ער טוליעט זיך צו צו אים אזוי שטארק און קוקט אים אין די אויגן אריין מיט אזא ליבע, אזוי ווי ער וואלט געוועזן אן אייגענער זון זיינער... כ'לעבן ענגליש קאן ער מסתמא אויסגעצייכנט.

— קענט איר ענגליש? — אט ער פלוצלינג געפרעגט זיין באגלייטער.

— וואס פאר א פראגע! איך האב געענדיגט א קאלעדזש... ס'איז דאס זעלבע, וואס ביי אייך אן אוניווערזיטעט... אנטקעגן וואס פרעגט איר דאס?

— גארניט... איך פרעג עס סתם... אזוי אויף טשעקאוועס — האט זיך ווידער פארכאפט וואסערשטראם, קעמפנדיג מיט זיך, זאל ער אים נעמען פאר א שותף און אים ארויסגעבן דעם גרויסן סוד זיינעם אדער ניין.

— דאכט זיך מיר, א ליטישער יונגערמאן... געקאנטשעט אן אוניווערזיטעט, און ביי זיך אזוי פראסט. אין רוסלאנד איז אזא יונגערמאן ביי זיך אזוי פארריסן, אז מ'קאן גאר צו אים ניט צוגיין. יא! ער מאכט מיט אים שותפות! — האט ביי זיך געפועלט וואסערשטראם, נאך א לאנגן איבערלעבן קאמף.

— זאגט מיר נאך, איר מוזט מסתמא בקי זיין... וויפיל צאלט מען דא קורטאזש פאר א הלוואה? איך מיין, ביי די גרויסע הלוואות! — איז פארפארן פון א זייט וואסערשטראם.

דער יונגערמאן האט אנגעשטעלט אויף אים א פאר קוריאזנע אויגן.

— אנטקעגן וואס פרעגט איר דאס?

— אז איך פרעג, דארף איך עס מסתמא וויסן... קיין פוסט און פּאסטניק און קיין בטלן בין איך ניט! — האָט זיך אָנגערופן בייז און שטאָלץ וואסערשטראָם.

— וואָס־זשע... איר האַלט אפשר ביי מאכן א גרויסע הלואה? — דער בחור האָט זיך שיער ניט צעלאכט דעם משוגענעם אידל גלייך אין פנים אריין.

— אפשר יאָ! אז מ׳פרעגט אייך, דארפט איר ענטפערן.

דער יונגערמאַן האָט דערשטיקט אין זיך דאָס געלעכטער און האָט געענטפערט מיט א ביזנעס־טאָן.

— ניט קיין סך... 1־אַכטל פּראָצענט פון 1,000.

— אַזוי ווייניג! — האָט אַנטוישט אויסגערופן וואסערשטראָם און זיין פנים האָט זיך פאַרוואָלקנט — אין רוסלאַנד איז די מאָדע א פערטל פּראָמיל. וואָס די אַמעריקאַנער חזירים קענען! זיי ווילן מ׳זאָל פאַר זיי אומזיסט אַרבעטן, ווי איך בין אַ איד! — ער האָט זיך גענומען מאַכן חשבונות אין קאָפּ, וויפיל דאָס וועט אויסמאַכן.

— אפשר האָט איר ביי זיך א שרייבפענדל מיט א שטיקל פּאַפּיר? — האָט ער זיך פּלוצלינג א כאַפּ געטאָן אויפן קאָרנער פון דער סטריט*), וואו עס געפינט זיך דער סטאָק־עקסטשיינדזש**), — ער האָט צעשפּיליעט זיין שבתדיגן בגד און גענומען זוכן אין די זשעליעטנע קעשענעס.

זיין באַגלייטער האָט דערזען דאָס שווערע גאָלדענע קייטל און זיינע אויגן האָבן א בליאַסק געטאָן ווי ביי א קעשענע־גנב.

ער האָט אים מיט גרעסטער דינסטבאַרייטשאַפט דערלאַנגט זיין שרייבפענדל און האָט זיך מיט ציטערנדע הענט גענומען רייסן א בלעטל פון זיין נאָטיץ־ביכל.

דער איד איז אַנטציקט געוואָרן, ער האָט אַזאַ ליבלעכן מענש נאָך ניט געזען.

— וואָס זאָגט איר צו דעם יונגנמאַן? א צאַצקע, ווי איך בין א איד.

— האָט ער זיך געטראַכט. — וואָס בילדונג איז!

און פון גרויס התפעלות איז ביי אים אין קאָפּ געבוירן געוואָרן א נייער, א שפּאָגל־נייער געדאַנק:

— אפשר וואָלט ער אים גענומען פאַר א חתן פאַר זיין עלטערער טאָכטער? א? ווער ווייסט... דארף ער פאַרוואָרפן ווערן קיין אַמעריקע, טרעפן משה גלעקעל אויף דער שיף, באַגעגענען זיך מיט אָט דעם זיידענעם יונגנמאַנטשיק, מיט אַזאַ צאַצקע, ס׳איז דאָך עפּעס א נס, ווי ער איז א איד, אַן אצבע אלקים... יאָ, ער זעט עס באַשיינפּערלעך, אז דער אויבערשטער אַליין האָט עס צוזאַמענגעפירט.

זיין פאַנטאַזיע האָט זיך אַזוי צעשפּילט, אז ס׳האָט ביי אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

---

*) ראָג פון דער גאַס.

**) בירזשע.

— יאָ, איצט זעט ער, אַז גלעקעל איז גלעקעל, אַז די הלואה איז אַ הלואה און אַז ער וועט מאַכן מיליאָנען אין דעם גאָלדענעם אַמעריקע. גאָט אַליין וויל עס און דער יונגערמאַן איז זיין איידעם און פאַרטיג...

ער האָט עס אַלץ אָבער אַראָפּגעשלונגען מיט אַ קריי, האָט אַ הוסט געטאָן און זיך ערנסט געווענדט צום באַגלייטער:

— הערט, יונגערמאַן! האָט איר עלטערן?

— נאָר אַ פאָטער, מיין מוטער איז געשטאָרבן.

— המ... נעבעך אַ יתום. אָבער אַ פיין קינד... גאָר אַ פיין — האָט זיך אַ טראַכט געטאָן וואַסערשטראָם.

— און ווער איז אייער פאָטער? אַ פאַרמעגלעכער?

— מיין פאָטער איז אַ פאַבריקאַנט, ער מאַכט אויטאָמאָבילן — האָט געבאַקן דער יתום, ניט אַראָפּלאָזנדיג זיינע באַצויבערטע אויגן פון דעם געלן אידלס מאַסיווער קיים, וואָס איז אַרויסגעהאַנגען ברייטלעך איבער זיין זשעליעט.

— אַזוי? — האָט זיך דערפרייט וואַסערשטראָם — און קענט איר אויך די קליינע אותיעלעך? איך מיין אידישקייט. אַ קאַפּיטל תנ"ך... אַ שטיקל חומש מיט רש"י, אַ? כע, כע, כע!

— יאָ, איך האָב געלערנט אין אַ סעמינאַר — האָט ער אים געענטפערט און האָט זיך אָפּגעווענדט צו דערשטיקן אין גאָרגל דאָס געלעכטער.

וואַסערשטראָם האָט אים גענומען פייערלעך אונטער דער האַנט.

— הערט־זשע אויס, יונגערמאַן! איך זע, אַז איר זענט אַ פיין, באַלעבאַטיש קינד און אַזוי ווי איר זענט מיר שטאַרק געפעלן, בין איך מסכים מיט אייך מאַכן אַ שותפות.

— איר ווילט דאָך עפּעס אויסרעכענען — האָט אים אַנטווישט דער־מאָנט דאָס באַלעבאַטישע קינד — איר שפּאַרט זיך אָן ביי אָט דיזער וואַנט...

— לאָז שוין זיין! — האָט וואַסערשטראָם אַ מאַך געטאָן אומגעדול־דיג מיט דער האַנט — הערט, וואָס איך וויל אייך זאָגן, די מעשה איז דערפון אַזוי: איר האָט מיר פריער געזאָגט, אַז איר גלייבט ניט אין גלעקעלן, אַז ס'איז אַ ליגן, אַ פעיק, ווי איר רופט עס דאָ אין אַמעריקע. מוז איך אייך זאָגן, מיין יונגער פריינד, אַז איר האָט אַ טעות. אַ גרויסן טעות. איך קאָן אים, דעם גלעקעל. איך בין מיט אים געפאָרן צוזאַמען. ער איז טאַקע מיינער אַ ווייטער קרוב, ס'הייסט, ניט מיינער, נאָר מיין ווייבס, איר פאַרשטייט? — און ער האָט אים דערביי אַ שטורכע געטאָן און צו אים ממזריש אַ וואונק געטאָן מיט די אויגן — עס איז אָבער גלעקעל! אַ מאַן, וואָס איז אַזוי ווי אַ מיניסטער אין דער טערקישער מלוכה. שוין איינמאָל אַ וויים־חברהניק! איר מעגט זיך אויף אים פאַרלאָזן! די הלואה איז אַ הלואה און דאָס גיי איך עס אין זיין נאָמען רעדן וועגן דער געשיכטע מיט שיפן.

און וואַסערשטראָם איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט פאַרריסן דעם

קאָפּ צו זיין פריינד, זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט אויף אים געמאַכט.

— אַזוי גאָר! — האָט דער יונגערמאַן אויסגעשריגן כלומרשט מיט התפעלות.

— איר פאַרשטייט, וואָס איך רעד צו אייך? אַז איך זאָג אייך דאָס איך בין ניט קיין פּוסט־און־פּאַסטניק, דאַרפט איר מיר גלייבן, יאָ! — האָט ער געזאָגט שטרענג און שטאָלץ — הערט־זשע מיך אויס, יונגערמאַן! אַזוי ווי איר זענט אַ געבילדעטער יונגערמאַן און קענט ענגליש, און אַזוי ווי איר געפעלט מיר, וויל איך אייך שוין מאַכן פאַר אַ מענטש. איך נעם אייך מיט מיר צו שיפן און מסתמא וועט איר שוין דערביי ניט דערלייגן. כע, כע, כע! — און אַלס אויפגאַב האָט דער יונגערמאַן געקריגן נאָך אַ פריינטלעכן שטורך אין ברוסט אַריין.

דער יונגערמאַן האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, אַזוי ווי קאָמבינירט עפּעס אין מוח.

— וואָס־זשע וועל איך דערפון האָבן? — האָט ער געפרעגט ערנסט מיט אַ ביזנעס־טאָן.

די פראַגע איז וואַסערשטראָמען זייער געפעלן געוואָרן.

— הע, דאָס בחורל איז גאָר קיין נאַר ניט. פאַרשטייט אַ געשעפט — אוי אַמעריקע! איז דאָס אַ קלוג לאַנד! דאַכט זיך, נאָך אַ צוציק, און לאָזט זיך שוין ניט שפּייען אין דער קאַשע אַריין.

— האָט קיין יסורים ניט! צום רב וועלן מיר ניט דאַרפן גיין... איך בין ניט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל עמעצן וועלן באַליידיגן — איך האָב תמיד ליב געהאַט געבן אַ איד צו פאַרדינען — האָט אים באַרואיגט וואַסער־שטראָם.

— אָבער פאָרט — האָט זיך איינגעשפּאַרט זיין פריינד — לאָמיך וויסן, מיר, אין אַמעריקע, זיינען ביזנעס־לייט!

— קוקט אים נאָר אָן! וואָס זאָגט איר צו די ווייסע־חברהניקעס? — דער איד האָט איינפאַך געקוואָלן פון אים און האָט זיך פשוט פאַרליבט אין דעם בחורל.

— איר שטעלט זיך אָקאָרשט אַוועק ביי אָט דעם דענקמאָל און רעכנט נאָר גוט אויס, וואָס מ׳קאָן דערביי פאַרדינען און וואָס איר קענט מיר דערפון געבן, וועל איך אייך שוין זאָגן, וואָס איר האָט צו טאָן... נעמט דעם פּענסיל*) און גיט מיר ציפערן, מיר, אַמעריקאַנער, האָבן ליב ציפערן.

— איר האָט רעכט! וואָס רעכט איז רעכט! אָט וועלן מיר באַלד אויסרעכענען און מיר וועלן רעדן פון ציפערן — און וואַסערשטראָם האָט צוגעטוליעט דאָס שטיקל פּאַפּיר צום דענקמאָל און האָט זיך גענומען רעכענען אין דער הויך:

אַן אַכטל פּראָמיל... חזירים די אַמעריקאַנער!... אומזיסט אַר־בעט פאַר זיי! וויפיל־זשע מאַכט עס אויס אַ קימאַ לן?...

*) בליישטיפט.

— צוועלף און א האלב סענט פאר 1,000 דאלאר — האט אים אונ־טערגעהאלפן דער בחור.

— צוועלף און א האלב סענט פאר 1,000, דאס סך הכל? איז פון צען טויזנט אינגאנצן א דאלאר מיט 25 סענט, פון 100 טויזנט, 12 דאלאר מיט 50 סענט, פון א מיליאן 125,50, פון 100 מיליאן 12,550 דאלאר.

וואסערשטראם האט געמאכט א בייז און זויער פנים.

— דאס איז גאר? פאר אזא גרויסע הלואה? — האט ער אנטוישט געמורמלט — עס קאן עפעס ניט זיין — און ער האט זיך גענומען רעכענען אויפסניי. ס'איז אבער פארט ארויסגעקומען דיזעלבע קליינע סומע, ס'איז אים געווארן ענג אין קאפ...

— הערט, ס'קאן ניט זיין! איר מוזט האבן א טעות, פאר קיין אכטל וועט קיינער ניט ארבעטן.

— הערט־זשע אויס, ר' איד, ווי איז אייער נאמען?

— מיין נאמען איז וואסערשטראם...

— מיסטער וואסערשטראם! איך וויל מיט אייך צו שיפן ניט גיין.

— פארוואס? — האט געפרעגט וואסערשטראם און זיין פנים האט זיך פארוואלקנט. — איך וועל אייך געבן א גלייכן חלק.

— ניט דאס, אז מיר ביידע וועלן גיין, וועלן מיר גארניט מאכן. איך האב דא א ברודער, ער איז א פרעזידענט אין א גרויסער קאמפאניע, טאקע אין וואל סטריט, אט דארט לעבן עלעוויי טער. דער ברודער איז מיט שיפן ווי צוויי פינגער, און ער וועט אייך דארט מאכן, וואס איר ווילט, אויב דער גלעקעל איז ניט קיין פעיק.

וואסערשטראם איז אונטערגעשפרונגען ווי אן אפגעקאכטער.

— זייט ניט קיין אינגל! — האט ער א געשריי געטאן אויף זיין פריינד.

— וועל, אז איך וועל מיט אייך גיין, וועט מען אונז אפילו ניט אריינ־לאזן. גייט מיט מיין ברודער, נאר איר זאלט וויסן, אז מיין ברודער וועט וועלן א גלייכן חלק. — האט אים מתרה געווען דער יונגערמאן.

— מילא, מיר וועלן זיך שוין אויסגלייכן... לאמיר גיין צו אייער ברודער, זייער גלייך, אבי איר זאגט, אז ער איז דארט כל ולך — האט מסכים געווען וואסערשטראם, ווענען דער פלאן איז זייער געפעלן געווארן...

— אויב איך זאג... איר וועט שוין באלד אליין זען, — און ביידע האבן זיך געלאזט גיין צום ברודער.

פלוצלינג האט זיך דער יונגערמאן א כאפ געטאן:

— שאט! ער מוז גאר איצט זיין אין סטאק עקסטשיינדזש... יא, ס'איז די ריכטיגע צייט. ווייסט איר וואס? איר ווארט דא א ווייל־ע אויף מיר... איך וועל א שפרונג טאן אין סטאק עקסטשיינדזש און אים אייך ברענגען. ווייסט איר גאר וואס? ווארט אט דארט, לעבן דעם הויז.

דאָס איז טאָקע שיפּס באַנק... איר וועט זען אַנגעשריבן קוהן, לאָעב ענד קאָמפּאַני. דאָס ווייסע הויז. און איך קום באַלד מיט מיין ברודער.

— זוימט־זשע זיך ניט!

— העכסטנס 10 מינוטן!

און דער יונגערמאַן איז אוועק ברענגען זיין ברודער, לאָזנדיג זיין נייעם פריינד אַליין...

וואַסערשטראָמס דערפאַרונג ביי שיפּס באַנק

וואַסערשטראָם איז צוגעגאַנגען צום ווייסן הויז אין וויליאַם סטריט, אויף וועלכן ס'האָט אים אָנגעוויזן זיין יונגער פריינד, האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און האָט עס אָנגעהויבן צו באַטראַכטן.

דאָס הויז האָט אים אַ ביסל אַנטוישט.

ס'איז ניט אַזוי הויך און גרויס ווי אַנדערע באַנק־הייזער אין וואָל סטריט. אַזוי ווי אָבער ער האָט זיך גענומען שפּאַצירן איבערן טראָטואַר, האָט ער דערזען, ווי ס'גייען אים אַנטקעגן זיינע רייזע־קאָלעגן, מעדוועדיעוו און די פרוי, ביידע זיינען געקומען פון דער זייט, וואו דער סטאַק עקסטשיינדזש געפינט זיך, דאָרט וואוהין דער בחור איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

דאָס פּאָרל האָט אויפגערעגט און פריילעך צווישן זיך גערעדט און מאַדאַם מעדוועדיעוו האָט אין איר אויפרעגונג זייער שטאַרק געפּאַטשעט מיט אַ רידיקול אין דער לופט.

וואַסערשטראָמס ערשטער געדאַנק איז געווען אַפּצוציען און זיך אויסצודרייען פון זיי.

— ס'וועלן זיך אָנהייבן פראַגעס: וואָס? ווען? אַ איד האָט דאָך ליב איבעראַל צו שטופּן זיין נאָז און קאָן נאָך עפּעס אָנשמעקן...

מעדוועדיעוו האָט אים אָבער דערקענט פונווייטנס און ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

— ווי קומט איר אַהער? וואָס טוט איר דאָ? אויסגעפּוצט... יום־טובדיג! — האָט ער אים אָפּגעגעבן אַ גרויסן ברוך הבא נאָך פונווייטנס.

— זדראַסטוואויטיע, גאָספּאָדין וואַסערשטראָם! — האָט אים גע־גריסט מאַדאַם מעדוועדיעוו, איר ווייסט? מיר האָבן שוין היינט שפּעקו־לירט אויף דער בערזע... מיר האָבן געקויפט שטאָל־אַקציעס. אַ יאָ, שטאָלענע, מישאַ? — האָט זי אָנגעזאָגט די בשורה נאָך פונווייטנס און איר פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד.

— זאָל זיין אין אַ גוטער שעה! — האָט איר צוגעוואונשן וואַסער־שטראָם.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט אים נאָך אַמאָל געפרעגט מעדוועדיעוו.

— מע!

— וואָס הייסט מע? נאַדיר גאָר מע! אין אַמעריקע מעקעט מען ניט!

— וואָס איז שייך? — האָט זיך דאָס אידל געפּרואווט אויסדרייען.

— איר ווייסט וויפיל מיר קענען פאַרדינען ביז מאָרגן? אפשר טויזנט דאָלאַר, אַ יאָ, מישאַ?

— 1,000? מיר קענען מער פאַרדינען — האָט געענטפערט מישאַ — וואוהין האָט איר זיך אַזוי יום־טובדיג אויסגעפּוצט? גייט איר אפשר ניט צו שיפן מיט אַ וויזיט? — האָט געשפּאַסט מעדוועדיעוו און האָט זיך צעלאַכט.

וואַסערשטראָם איז פאַרציטערט געוואָרן.

— אָט האָסטו דיר ברוך הבא! — האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן. — אַ איד מוז יענעם אַריינקריכן אין די גרגרת אַריין.

ער האָט זיך אָבער געמאַכט כלא יודע.

— ווער איז דער שיף?

— איר ווייסט ניט?... דאָס איז דאָך דער באַרימטער אידישער באַנקיר, דאָ איז זיין באַנק, קוהן, לאָעב ענד קאָ.

— אַזוי גאָר! הם!... אַ פיינע באַנק! — האָט ער געזאָגט תמעוואַטע.

— זאָגט, וואָס שטייט איר דאָ? — האָט זיך ניט געוואָלט פון אים אָפּטשעפּען מעדוועדיעוו.

דעם אידל האָט שוין פאַרדראָסן. ער האָט אים שוין געוואָלט באַצאָלן, ווי ס'דאַרף צו זיין. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן, בעסער זיך אויסדרייען פּאָליטיטשנע...

— איך האָב דאָ, אין דער באַנק, איינצוקאַסירן אַ טשעק, איר פאַרשטייט? איך האָב דאָך מיטגעבראַכט עטלעכע דאָלאַר פון רוסלאַנד... נו, האָב איך זיי פון ברעמען איבערגעשיקט דורך דער באַנק — האָט וואַסערשטראָם אויסגעטראַכט אַ תירוץ.

— פאַר וואָס־זשע גייט איר ניט אַריין? מ'וועט דאָך באַלד צושליסן די באַנק. ס'איז דאָך שוין אַ פערטל צו 3!

— איך וואַרט דאָ אויף אַ מענש, ער וועט באַלד צוגיין.

— אפשר קענט איר קיין ענגליש ניט רעדן, קאָן איך מיט אייך אַריינגיין — האָט אים פאַרגעשלאָגן מעדוועדיעוו.

— איר האָט אַ סך געלט? קויפט אויף שטאָל אַקציעס. זיי וועלן זיך שטאַרק הייבן. ווייסט איר וואָס? מאַכט שותפות מיט מיין מאַן — האָט אים געראָטן מאַדאַם מעדוועדיעוו.

— נאַ סאַמאָם דיעלע! גיט מיר 300 דאָלאַר און איך גיב אייך די העלפט פון רווח. איך האָב אַריינגעלייגט 600 דאָלאַר, מיר שפּעקולירן צוזאַמען. גלייבט מיר, אַז מיר וועלן מאַכן אַ סאַסטאָיאַניע (אַ פאַרמעגן). מענשן מאַכן דאָ אין איין טאָג מיליאָנען. — האָט אים באַגייסטערט געראָטן מעדוועדיעוו.

— איך האָב אייך אין דר׳ערד. אָט גיי איך טאַקע ריזיקירן מיט מיינע עטלעכע דאָלאַר. איך בין ניט אַזאַ נאַר ווי איר — האָט ער זיך געטראַכט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך גענומען מיט זיי רעדן וועגן דער בערזשע, אַבי זיי פאַררעדן די ציין.

מעדוועדיעוו האָט אים מערערע מאָל פאַרגעשלאָגן אַריינצוגיין אין באַנק מיט אים און אים העלפן איינקאַסירן זיין טשעק.

— און אַליין קאָן איך ניט? איך דאַרף גאַרניט רעדן... מיין טשעק וועט שוין רעדן פאַר מיר, כע, כע, כע!

און וואַסערשטראָם איז אַריינגעגאַנגען אין וועסטיביול פון באַנק, אום פטור צו ווערן פון די שלעק.

— וואָט סוואָלאָטש! — האָט זיך אָנגערופן מעדוועדיעוו צו זיין ווייב און האָט מיט פאַרדרוס אויסגעשפּיגן.

— און אַזאַ זשיד האָט געלט — האָט זי באַמערקט און ביידע זיינען שנעל אָפּגעגאַנגען.

דער גאָלדענער זייגער

אין וועסטיביול איז צו אים צוגעגאַנגען אַ גרויסער נעגער, האָט צענומען אַ פּאָר פלייש־רויטע, גראָבע ליפּן, האָט אים אַ לאַך געטאָן גלייך אין פּנים אַריין מיט דעם גאַנצן קאַסטן ווייסע ציין, און עפּעס צו אים אַ באַלעבאַטשע געטאָן אויף ענגליש.

וואַסערשטראָם האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פרעגט ער אים, וואָס און צו וועמען ער דאַרף, אָבער וואָס ענטפערט מען אים?

אַ שוויים איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין שטערן. זאָל ער אים אפשר זאָגן, אַז ער דאַרף צו שיפן? — ניין, ער וועט שוין בעסער וואַרטן אויף דעם יונגנמאַנס ברודער, וואָס איז ביי שיפן דער גאַנצער מאַכער...

ווי אַזוי־זשע ווערט מען אָבער פטור פון אָט דעם שוואַרצן שד? ער שטייט אַלץ און שטשירעט אויף אים מיט די ציין ווי אַ וואָלף. דער רוח האָט אָנגעטראָגן דעם מעדוועדיעוו מיט זיין ווייב. ווען ניט זיי, וואָלט ער געוואַרט אינדרויסן.

— שיף! שיף! יעקב שיף!... — האָט אַ זאָג געטאָן וואַסער־שטראָם דעם שמייכלענדן נעגער און האָט דערביי צוליב גרעסערן עפעקט צוגעקלאַפּט מיט דעם שירם אָן דער פּאָדלאָגע.

דער נעגער האָט שנעל צוריק אויפגעהויבן די אַרונטערגעלאָזטע ליפּ, האָט ווידער פאַרמאַכט דאָס מויל, זיין שמייכל איז אויסגעלאָשן געוואָרן און ער האָט גענומען באַטראַכטן דעם קונה אין שבתדיגן בגד און צילינדער־הוט מיט דער גרעסטער נייגער און פאַרדאַכט.

וואַסערשטראָמען אין קאַלעמוטנע געוואָרן אויפן האַרצן פון דעם נעגערס בליקן...

— יו קענט סי מר. שיף!*) — האָט געזאָגט דער נעגער און האָט אויף אים א גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן ווי א וואָלף!

— ווי אזוי דרייט מען זיך ארויס פון אָט דעם שווארצן שד? — האָט זיך געטראַכט דאָס אידל.

מענשן, וואָס זיינען געגאַנגען אין באַנק און פון באַנק, האָבן אָנגע־שטעלט אויף דעם מעקלער פון דער גרויסער הלואה פאַרדעכטיגע בליקן.

— כאַפּט אייך אַלע דער וואָטע־מאַכער! — האָט זיך א טראַכט געטאָן וואַסערשטראָם — איך וועל שוין בעסער וואַרטן דרויסן ביז דער יונגערמאַן וועט אָנקומען מיט זיין ברודער; און זאָגנדיג דעם נעגער אויף שטום־לשון, אז ער וועט אַוועקגיין און קומען צוריק מיט א צווייטן מאַן, וועלכער איז מיט שיפן ווי צוויי פינגער צונויפגעלייגט, האָט ער זיך ארויסגערוקט פון וועסטיביול, פאַרפאַלגט פון דעם נעגערס צוויי שווארצע אויגן..

אינדרויסן האָט ער פריי אויפגעאָטעמט, האָט אָפּגעווישט פון זיך דעם שוויים און האָט זיך געלאָזט שפּאַצירן הין און צוריק פאַר דער באַנק. דער נעגער אָבער מיט די אויסגעשטשירעטע ציין איז אים פון קאָפּ נים ארויסגעגאַנגען.

— א פאַרזעעניש, רחמנא לצלן! —האָט ער הויך געזאָגט צו זיך אַליין און האָט אויסגעשפּיגן.

אָבער וואו איז דער יונגערמאַן מיט דעם ברודער זיינעם? עס איז שוין, דאַכט זיך, א סך מער ווי די 10 מינוט?

וואַסערשטראָם האָט געוואָלט א קוק טאָן אויפן זייגער.

דער זייגער איז ניטאָ.

די הענט טאַפּן אין אַלע קעשענעס און טרייסלען זיך ווי אין קדחת...

א שוידערלעכער געדאַנק איז אים דורכגעפלויגן אין מוח און האָט פאַר־גליווערט דאָס בלוט אין זיינע אָדערן.

— איז דאָס מעגלעך?

ער האָט דעם אומווירדיגן געדאַנק פון זיך אָפּגעשליידערט מיט פאַראַכטונג.

— ניין, עס איז אוממעגלעך!... אזא לייטישער, אזא פיינער יונגער־מאַן. א טאַטנס א קינד. אוממעגלעך! אוממעגלעך! דעם זייגער האָט ער געמוזט פאַרגעסן אינדערהיים. דער יונגערמאַן וועט באַלד אָנקומען מיט דעם ברודער.

פאַרבייגייענדיגע האָבן שוין אָבער געקוק אויף אים פאַרדעכטיגט.

דער נעגער האָט זיך באַוויזן אין דער טיר, האָט געכאַפּט א ווילדן בליק אויף אים, ארום אים און האָט א וואונק געטאָן צום פּאָליסמאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים ראָג.

דער פּאָליסמאַן האָט זיך א רוק געטאָן פון זיין אָרט ווי א סטאַטוע, האָט אָנגעהויבן שטעלן פלעגמאַטישע טריט און זיך אַלץ רוקן נענטער צו אים.

*) איר קענט נים זען מר. שיפן.

וואסערשטראָם האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן.

— וואָס דאַרף ער האָבן געשעפטן מיט אַ פּאָליסמאַן? ער האָט נאָך אַ קימא לן פון רוסלאַנד, אַז מ׳דאַרף זיך האַלטן ווייטער פון אַט דער חברה מיט די קנעפּלעך.

דער פּאָליסמאַן אָבער האָט אים אָפּגערופן:

— העי, ד׳הער.

מ׳האָט שוין ניט געקענט זיין קיין חזיר... וואָסערשטראָם איז געבליבן שטיין.

— ווהאָט דו יו וואָנט? *) — האָט אים געפרעגט דער פּאָליסמאַן, קייענדיג פלעגמאַטיש זיין טשואינג־גאָם און וואָרפנדיג מיט דעם טייטל אינדערלופטן, ווי איינער זאָגט:

— דו זעסט אָט דאָס טייטל? נו, זאָלסט זיין אַ מענש!

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט מיט אַלע סימנים, אַז ער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם גאָלדענעם זייגער און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף אידיש ווי אַ געקוילעטער:

— זייגער! זייגער! גאָלדענער זייגער!

עס האָט זיך באַלד פאַרזאַמלט אַרום דעם אידל אַ פיינער עולם.

קיין טאָלק האָט דער פּאָליסמאַן פון אים ניט געקענט דערגיין. און אַזוי ווי דער הולך פון דעם אידל און זיין גאַנץ וועזן איז אים סתם ניט געפעלן געוואָרן, האָט דער פּאָליסמאַן אים געבעטן במחילה אין פּאָליס סטעישאָן**).

וואָסערשטראָם האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, און אין אים האָט זיך דערוועקט דער קליינשטעטלדיגער בריה און יאַבעדניק. ער האָט זיך גענומען רייסן און פּראָטעסטירן אויף אַ קול:

— מאַכט מיר ניט קיין חזירישע שטיק! ס׳איז רוסישע שטיק! פע! איך בין אין אַמעריקע, אַ פריי לאַנד...

דער עולם האָט אַפּעטיטנע געלאַכט.

און דער פּאָליסמאַן האָט אים פעסט גענומען ביי דער האַנט און האָט אים אַוועקגעפירט...

וואָסערשטראָם שרייבט אַ בריוו צו שיפן

געקומען איז וואָסערשטראָם אַהיים שוין גאַנץ שפּעט און ניט אַליין. עס האָט אים באַגלייט אַ פּאָליסמאַן, וועלכער האָט אים אָנגעוויזן זיין וואוינונג און איז אַוועק. די פרוי און קינדער האָבן אויף אים שוין גע־וואַרט ניט אין הויז, נאָר אין גאַס און אויפן ראָג, משוגע פון אַנגסט, וואָס ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַזוי לאַנג.

*) וואָס ווילט איר?
**) פּאָליציי־באַצירק.

דאָס קלענערע מיידל האָט שוין געוויינט. האָט אָפּגעשטעלט יעדן איד און האָט זיי געפרעגט, ווי אַזוי זוכט מען אַ פאַרפאַלענעם טאַטן.

געוויינלעך האָבן זיי זיך דערפרייט מיט אים, אַזוי ווי ער וואָלט גע־קומען צוריק פון יענער וועלט, און אַז די פרוי און קינדער האָבן אים אָנגע־הויבן שטורמען מיט פראַגן, וואָס איז געווען מיט אים, האָט ער זיך דער־שעפּט און צעבראָכן אַרונטערגעלאָזט אין אַ שטול און האָט נאָר געקענט זאָגן:

— ניטאָ דער גאָלדענער זייגער!

מלכה האָט אויסגעשריגן ווי אַ פאַרוואונדעטע, די קינדער נאָך איר און אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע יללה.

— וואָס וויינט איר? איך בין נאָך ניט געשטאָרבן. קוק זיי נאָר אָן! מ'האָט מיך נאָך ניט באַגראָבן — האָט זיך צעשריגן דער פאָטער.

באַלד האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען פּאַפּיר און שרייבגעצייג, האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין שבתדיג בגד מיטן צילינדער־הוט, האָט אָנגעטאָן זיינע ברילן און האָט זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו אין אידיש געמישט מיט לשון־קודש.

„לכבוד אדוני הגביר והנגיד המפורסם בכל רחבי ארץ, הלמדן והמופלג, הנדבן הגדול וכו' וכו' מוה"ר ר' יעקב שיף יחי!

„בטח קרא כבודו בה„נאַציאָן" וועגן הציוניסט הגדול משה גלעקעל־עפענדי שבא לאַמעריקע צו לייען אצל הגבירים שלכם 100 מיליאָן דאָלאַר בעד די יונג־טערקן.

„והנני באתי להודיעכם, אַז משה גלעקעל איז אחד ממכירי, פון מיינע בעסטע פריינד. איך האָב נאָך געקענט דעם פאָטער זיינעם, עליו השלום, למדן גדול וירא שמים. מיר זיינען געווען טאַקע שטיקלעך קרובים פון מיין מאַמעס צד עליה השלום.

„טרעפט זיך שנזדמנו בפונדק אחד על הספינה „געאָרג וואַשינגטאָן" און ער דערציילט מיר וועגן דער הלואה פאַרן פעטער ישמעאל, וואָס ער פאָרט לאַמעריקע מאַכן. זאָג איך אים, אַז די הלואה קאָן מאַכן נאָר איר. ראשית, איז אדוני אַ איד, ווי מ'זאָגט, בפה מלא. שמעתי, אַז כבודו האָט ניט נאָר אַן אמת אידיש און כשר הארץ המשתתף בצער ישראל, נאָר אַז כבודו גם כן פאַרשטייט די קליינע אותיותלעך ולא שכח גירסא דינקותא. שנית שמעתי, אַז כבודו איז אַ ציוני נלהב, אַ פלאַם־פייערדיגער ציוניסט. און אַזוי ווי מיר אידן זיינען שטיקלעך קרובים מיט דעם פעטער ישמעאל, און פון דור דורות די בעסטע גוטע פריינד, און אַזוי ווי ארץ ישראל ליגט אין זיינע הענט, בכן איז אַ מצוה גדולה, אַז מיר אידן זאָלן אויסהעלפן דעם טערק בעת צרה און אים געבן אַ הלואה. ומה גם, אַז ידידי גלעקעל איז מוכן צו צאָלן אַ גוטע עסקא און געבן אַ גוטן משכון אויף. און דער רוח האָט אים, דעם טערק מיין איך, נאָך ניט גענומען. מען מעג אים נאָך לייען געלד אַפילו אָן אַ משכון. טערקיי איז נאָך ווערט 100 מיליאָן. און

דאָס געלט איז כמונח בקופסי. בקיצור, די הלואה איז אַ זיכער געשעפט. כבודו וועט געווים מרויח זיין און איר וועט מאַכן די הלואה בלב חפצה. האָב איך די גאַנצע צייט פון אונזער רייזע איינגעטענהט מיט ידידי משה גלעקעל־עפענדי יחיו, אַז ער זאָל שוין צו קיינעם ניט גיין, כדי די הלואה מיט דעם ריוח זאָל שוין ניט אַריינפאַלן אין גוישע הענט. און מיין פריינד גלעקעל האָט עס מיר טאַקע צוגעזאָגט, ואקוה אַז ער וועט זיין וואָרט מקיים זיין, וואָרים ער איז אַ איד נכבד גדול וחשוב אצל הטערקן און דערצו נאָך אַ טאַטנס אַ קינד און ניט קיין זשוליק, ווי היינטיגע ווייסע־חברהניקעס זיינען.

„ע״כ, זאָלט איר וויסן, פאַניע שיף, אַז איך בין געווען דער מעקלער, דער געדאַנק איז מיינער און דאָס מעקלעריי קומט מיר על פי דין ועל פי יושר, ווי דער מנהג איז, פּראָמיל, ווי איר זענט געוואוינט צו צאָלן, איר ווייסט שוין מסתמא המגיע לי, מחמת איר האָט שוין אין אייער לעבן געגעבן שכר סרסור בּאַצאָלט.

„והנני המחכה לתשובתכם בכליון עינים.

משה שפּריצער,

73 העסטער סטריט״.

דעם שפּריצער האָט ער אויסגעמעקט און אויפגעשריבן וואַסערשטראָם.

און אין פּאָסט־סקריפּטום האָט ער צוגעשריבן: אבקש להודיעני אם כבודו האָט צייט, וועל איך נעמען ידידי גלעקעל־עפענדי און צופאָרן צו אייך, און אַז מיר וועלן זיך צוזאַמענקומען, האָב איך אַ בטחון צו גאָט, אַז דער מסחר וועט אָפּגעשלאָסן ווערן לטובת שני הצדדים לא צד היותר טוב״.

באָגאָבאָרעץ וויל ווערן אַ אידישער שרייבער

מאָרוסיאַ און באָגאָבאָרעץ האָבן געפאָלגט גלעקעלס עצה און האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט אין „אַסטאָר־האָטעל״.

אין „אַסטאָר האָטעל״ האָט זיך זייער באַקאַנטשאַפט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אויפן שיף אין דער בלויער נאַכט, ווען גלעקעל האָט זיך אומ־געבעטן אַריינגעריסן אין זייער אינטים לעבן, און איז פון זיי גראָב אָפּגע־שליידערט געוואָרן, — אָט די אומגעוואונשטע באַקאַנטשאַפט האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַן ענגער, אינטימער פריינטשאַפט.

גלעקעל איז געווען דער עכטער קאָסמאָפּאָליטישער גאַסט, פאַר וועלכן די גאַנצע וועלט איז אַ היים און וועלכער אָריענטירט זיך שנעל איבעראַל...

דאָס פּאָרל, אין גענצטייל, האָט זיך דערפילט אין דעם גרויסן, טומלענדן יריד פון דער נייער וועלט עלנט און פאַרוואָרפן...

גלעקעל האָט זיי באַלד גענומען אין זיינע הענט און איז געוואָרן פאַר זיי דער פירער און דער אַפּיטרופּוס...

ווייטער האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם טערקישן דיפּלאָמאַט און

האָט זיך באַלד אַרויסגעצייגט פאַר אַ גוטן, הערצלעכן און דינסטבאַרן מענטש, אַ „כאַראַשי פּאַרען", ווי מ'רופט עס אין רוסיש.

מאַרוסיאַ האָט באַלד אויפגעגעבן דאָס מיספאַרטרויען צו אים. דערפאַר איז די דערינערונג פון דער נאַכט אויפן „געאָרג וואַשינגטאָן" געוואָרן פאַר איר פיינלעך, און זי האָט די ערשטע געזוכט צו פאַרגלעטן דעם מאַנס אומפריינטלעכקייט... און באַלד האָבן זיי זיך אַזוי באַפריינדעט, אַז זי האָט אים אָנגעהויבן צו רופן ניט „גלעקעל", נאָר „גאָספּאָדין קאַלאַקאַלטשיק", אויף רוסיש.

דאָס איז חלילה ניט געווען אויס גרינגשעצונג... אומגעקערט! דער בום פון „די נאַציאָן", זיינע אינטערוויוס מיט די פאָטאָגראַפיעס, וועלכע האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צו דרוקן אין די גרעסטע ענגלישע צייטונגען, די רעפּאָרטערס און וואָל סטריט־אַגענטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען אַרום אים, ווי אַ כמאַרע פליגן, קורץ, די פּאָפּולאַריטעט, וואָס דער מאַן האָט באַקומען אין פאַרלויף פון איין וואָך, האָט אויפגעהויבן זיין פּרעסטיזש אין זייערע אויגן צו דער מדרגה פון אַ וויכטיגער און אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט.

פאַר באַגאַבאַרעץ, דעם בעלעטריסט, איז ער געוואָרן אַן אינטערעסאַנטער און מערקווירדיגער טיפּ.

זיי האָבן שוין פאַרבראַכט פיל אָוונטן. גלעקעל האָט זיי דערציילט זיינע מעשים אין דער טערקישער מדינה, ווי אַזוי זיי האָבן ענטראַנט אַבדול האַמידן, זיין גאַנצע ביאָגראַפיע, און האָט זיי איינגעווייעט אין זיינע גראַנדיעזע פּלענער צו פאַראייניגן דעם איסלאַם מיט דעם אידנטום און שאַפן אַזאַ נייע היסטאָרישע קראַפט, פאַר וועלכער די פוילע קריסטן־וועלט זאָל ציטערן.

פאַר באַגאַבאַרעצן איז דער מאַן מיט די גראַנדיעזע פּלענער, וועלכער האָט געוואָלט פאַרזעצן אין וואָל סטריט גאַנץ טערקיי אויף אַ גוטן פּראָצענט, פאַר אים איז גלעקעל אויסגעוואַקסן אין אַ פיגור פון אַ דאָן־קיכאָט, געמישט מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַוואַנטוריסט. און דער בעלעטריסט אין אים האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט און פאַרטיפט אין שטודיום פון דעם מערקווירדיגן טיפּ, אַז ער האָט פאַרגעסן אַן זיך, אַן דעם פּלאַנטער פון זיין אייגענעם לעבן, וועלכן ער איז געקומען אויפוויקלען, דאָ אין דער פרייער וועלט...

גלעקעל איז אין קינסטלערס פאַנטאַזיע געוואָרן צום העלד פון אַ נייעם ראָמאַן... און דער ראָמאַן האָט שוין געשאַפן אַן אינטערעס אין לעבן...

מאַרוסיאַ איז פאַר דעם אַליין דעם „גאָספּאָדין קאַלאַקאַלטשיק" געווען זייער דאַנקבאַר... ער האָט אַ ביסל אויפגערודערט און אויפגעפרישט איר מאַנס קראַנקן גייסט און ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום זיינע וואונדן מיט דער פאַרזיכטיקייט פון אַ טאַקטפולן, איבערגעגעבענעם און גוטן הויז־דאָקטאָר...

גלעקעלס באַוועגלעכער און אָפּטימיסטישער טעמפּעראַמענט האָט ווייטער געגאָסן מוט און האָפנונג אין זיינע פאַרעלטערטע אַדערן, האָט אים

אנגעשטעקט מיט זיין פיבערהאפטער באוועגלעכקייט און שאפונגס־דראנג. און באַגאַבאַרעצ האָט זיך דערפילט צוריק פעאיג צו נעמען זיך פאר זיין לאַנג־פאַרוואַרפענער און פאַרשזאַווערטער פעדער...

אָבער שוין ניט אַלס רוסישער שרייבער און מיטאַרבעטער פון אַ „נאָוואָיע ווּרעמיאַ". די פאַרגאַנגנהייט האָט געוואָרפן זיין גאַנץ וועזן אין אַ שוידער און געוועקט אַ טיפן און פּיינלעכן עקל...

מיט גלעקעלן צוזאַמען האָט ער איצט געשמידט פּלענער צו לערנען אידיש און צו ווערן אַ אידישער דיכטער און שרייבער, צו אַרבעטן פאַרן אידישן פאָלק און פאַר זיין דערלייזונג... אין זיין פאַנטאַזיע האָט גלעקעל שוין געזען דעם משומד באַגאַבאַרעצ און דעם גובערנאַטאָרס טאָכטער אויף די פאַרפּאָסטן פון ציוניזם...

אין קופּער־יוניאָן

„קופּער־יוניאָן" איז געווען געפּאַקט. אַ גרויסער עולם איז געבליבן שטיין אינדרויסן. דער פּאָרזיצער האָט געזאָלט זיין דער רעדאַקטאָר פון „די נאַציאָן", מר. מילמאַן אליין.

דער יום־טוב איז געווען אינגאַנצן זיינער. ער האָט די גאַנצע וואָך געבומט גלעקעל־עפּענדי מיט אַלע סאָרטן בוכשטאַבן פון זיין דרוק און געשאַפן פון דעם יונג־טערקישן שליח אַ פאָלקס־העלד פאַר דער איסט־סייד.

די צירקולאַציע פון דער „נאַציאָן" האָט מיטאַמאָל אַ שטאַרקן שטייג געטאָן... די איבעריגע צייטונגען זיינען געוואָרן אומרואיג און האָבן אָנגעהויבן צו שאַרפן די ציין אויף מאָטעלע גנבס טערקישן אוצר. אָפּרופן זיך אָבער און אַטאַקירן אים וואָלט געהייסן אים אומזיסט רעקלאַמירן און דורך דעם נאָך מער פאַרגרעסערן די צירקולאַציע פון זייער קאָנקורענט...

און דערפאַר האָבן זיי משה גלעקעלן פולשטענדיג פאַרשוויגן.

צווישן געפּאַקטן עולם האָט זיך מיט אַלע כחות געמאַכט אַ וועג אַ קליין אידל אין אַ שבתדיגער קאַפּאָטע און אין אַ צילינדער. דאָס איז געווען וואַסערשטראָם.

אַז די אָשערס*) האָבן אים ניט געוואָלט אריינלאָזן, האָט דאָס אידל געמאַכט אַ ליאַרם:

— איך בין משה וואַסערשטראָם, גלעקעלס בעסטער פריינד... איך בין אַ קרוב זיינער.

און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף די „אָשערס" נאָך העכער, אַז ער האָט פאַר גלעקעלן אַ שליחות פון יעקב שיף אליין און מוז אים באַלד זען.

די אָשערס האָבן זיך גענומען איבערלייגן צווישן זיך די געשיכטע...

*) די אויפזועערס; טיר־שומרים.

וואסערשטראָם האָט עס אויסגענוצט, האָט זיך מיט געוואַלט דורכגעריסן און איז אַריין אין זאַל.

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט וואסערשטראָם דערזען אַ רעדל מיט מענשן, און צווישן זיי אַ רויטע יאַרמולקע.

— ער איז דאָ! — האָט ער ביי זיך אַ טראַכט געטאָן אַ פּאַרציטערטער און האָט זיך געלאָזט שטופּן אהין, האָט געפונען דעם וועג צו דער פּלאַט־פאָרם און גלייך צו דעם רעדל אויף איר.

אַז גלעקעל האָט אים דערזען, האָט ער אים באַלד דערקענט און האָט אים אָפּגעגעבן אַ פריינטלעכן ברוך הבא.

— אָ, וואָס מאַכט איר? איך האָב אייך שוין געהייסן זוכן, מיס־טער... מיסטער...

— וואסערשטראָם! וואסערשטראָם, פּאַניע גלעקעל! — האָט אים יענער גוטמוטיג און פריינטלעך אויסגעהאָלפן.

— וואָס הערט זיך עפּעס? וואָס מאַכט איר עפּעס אין געזונט?

— איך וויל דאָ אין אַמעריקע אויפנעמען די אימיגראַציאָנס־פראַגע אין דער פּרעסע און איך וויל איר זאָלט מיר איבערגעבן אייער מאַטעריאַל, וואָס איר האָט געזאַמלט וועגן די קאָנטראָל־סטאַנציעס און וועגן די שיף־קאָמפּאַניס.

ווי אַ ווינט איז דורכן אידלס קאָפּ דער פּרימאַן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקאַנט אויף דער שיף, זיין עצה, אַז ער זאָל דאָ אין אַמעריקע ווערן אַ פּאָליטישן, אַ רעדל־פירער.

„ער איז דאָך גאָר ניט קיין נאַר, אָט דער אַמעריקאַנער מיט די גאָל־דענע ציין, אָט איז דאָך די פּאָליטיקע! ווי איך בין אַ איד...

ער האָט אַביסל גלייכגילטיג און שטאָלץ פאַרריסן זיין קליין קעפּל און האָט געזאָגט מיט אַ באַדויערנדן שמייכל:

— איך האָב עס שוין אָבער פאַרשפּראָכן עמעצן אַנדערש צו געבן — מען פירט מיט מיר אַ משה מתן וועגן דעם.

גלעקעלס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט.

— ניין, איר מוזט עס מיר געבן, מר. וואסערשטראָם! איך רוף צונויף דאָ אַ קאָנפערענץ פון אַלע אידישע כלל טוער און חברות, וואָס איך וועל אויפטאָן, וועט קיינער ניט אויפטאָן...

גלעקעל האָט אים גענומען ביי אַ קנעפּל פון זיין שבתדיגן בגד, האָט אים אָפּגעפירט אַן אַ זייט און האָט אים אָנגעהויבן אויסמאָלן, וואָס ער וועט אויפטאָן. וואסערשטראָם האָט זיך צוגעהערט מיט אַ קאַלטבלוטיגן שמייכל.

מערקווירדיג! דאָ אויף דער פּלאַטפאָרם פון דעם פול־געפּאַקטן און זשומענדן זאַל לעבן דעם גרויסן גלעקעל, וועלכער טענהט מיט אים אַזוי פּשוט, ווי מיט אַ גוטן ברודער, האָט זיך וואסערשטראָם פּלוצלינג דערפילט.

ווי איינער פון אַט די גרויסע רעדל־פירערס. ער איז מיטאַמאָל אויסגע־וואַקסן אין זיינע אייגענע אויגן.

— מילא, איך וועל שוין זען, אַז דעם מאַטעריאַל זאָלט איר קריגן... וואָס טוט מען ניט צוליב אַ גוטן ברודער? כע, כע, כע!...

— איר טוט עס ניט צוליב מיר, נאָר צוליבן כלל־ישראל. ס'איז אַ ברענענדע פראַגע. — האָט אים שטרענג אונטערגעבראָכן גלעקעל.

— אַ שיינע פראַגע דאָס איז! צוליב וואָס דען האָב איך זיך געוואַל־גערט אין אילאָווע און זיך געשלאָגן מיט די באַנדיטן אין ברעמען? — זאָגט נאָר מיר, פאַניע גלעקעל, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער הלואה? מכח די 100 מיליאָן דאָלאַר? — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט זיין פריינד.

גלעקעל האָט געענטפערט מיט אַן אומבאַשטימטער מינע, ווי איינער זאָגט: עס וועט שוין זיין אָלל־ראַיט.

— איר ווייסט, אַז איך האָב שוין פאַר אייך געלט? — האָט אים געזאָגט וואַסערשטראָם מיט אַ מכזרישן וואונק.

— וואו האָט איר גענומען געלט? — האָט געפרעגט גלעקעל נייגעריג און מיסטרויאיש.

— איך האָב! אָבער מען וויל אַ טייערע עסקא. די יונג־טערקן וועלן מוזן גוט באַצאָלן — האָט געזאָגט דאָס אידל — ווי איך בין געוואויר געוואָרן אויף וואָל סטריט, שטייט זייער קרעדיט גאַנץ פּאַסקודנע... יאָ, יאָ! איר האָט זיך ניט וואָס איבערצוגעמען, פאַניע גלעקעל. — און וואַסער־שטראָם האָט סאַרקאַסטיש אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן.

גלעקעל האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס: מיסטיפיצירט אים דאָס אידל, צו וואָס?

וואַסערשטראָם האָט איבערגעלייענט דעם געדאַנק.

— הערט־זשע אויס, פאַניע גלעקעל! — האָט ער אָנגעהויבן ערנסט — די מעשה איז דערפון אַזוי: איך זאָג אייך דעם אמת... גיי, גלייב ניט אין קיין נסים... ס'איז נאָר אַ נס פון גאָט אַליין! אַנדערש קאָן איך עס ניט פאַרשטיין, ווי איך בין אַ איד... דאַרף איך אייך באַגעגענען אויף דער שיף — דאָס איז נומער איינס. ווייטער פירט מיך גאָט צונויף אין סטריט מיט אַ לאַנדסמאַן, אַ טאַטנס אַ קינד, אַ יונגערמאַנטשיק אַ גאָלד, געבילדעט אויפן העכסטן אופן, קורץ, אַהין, אַהער, — מיר צערעדן זיך... און אַז מיר צערעדן זיך, דערציילט ער מיר, אַז ער האָט אַ שוואָגער, וואָס איז מיט אונזער יעקב שיף ווי צוויי פינגער... ס'הייסט, אַ גאַנצער קאָכ־לעפל ביי אים אין באַנק. איך בין אַזש פאַרציטערט געוואָרן... וואָס זאָל איך אייך אויסברייען? איך האָב אָנגעהויבן שרייען און צאַפּלען, ער זאָל, דער לאַנדסמאַן, הייסט עס, זאָל מיך באַלד פירן צו אים, צו דעם קאָכלעפל, הייסט עס... הקיצור המעשה: אין אַ פּאָר מינוטן זיינען מיר שוין געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל צו דער שוועסטער זיינער, ס'הייסט צום

שוואָגער... מילא, זאָלט איר אָנקוקן מענשן לעבן און וואוינען... איך בין נשתומם געוואָרן, ווי איך בין אַ איד! שטעלט אייך פאָר, איך האָב שוין אויף מיין לעבן געזען הייזער. נעמט טאַקע, צום ביישפּיל, דעם גראַף פון אונזער שטעטל אליין. מ׳האָט פאַר זיין פּאַלאַץ געוואָלט געבן אַ גאַנצן מיליאָן רובל, ווי איך בין אַ איד! איך אַליין בין טאַקע געווען דער מעקלער. — איך האָב דאָן שיער ניט פאַרדינט אַ היטל מיט רענדלעך. אַז גאָט וויל אָבער ניט, העלפן ניט קיין חכמות... הקיצור המעשה, יאָ, וואָס־זשע האָב איך געוואָלט זאָגן? ... יאָ, איז דער פּאַלאַץ, זאָג איך אייך, אַ נול אַנטקעגן דער וואוינונג... איך וועל אייך מאַכן קורץ... דער יונגערמאַן שטעלט מיך פאָר דער שוועסטער זיינער, אַ גראַפינע, ווי איך בין אַ איד! שיין און רייך, ווי אַ בת־מלכה! ... און דער שוואָגער? ניט אומזיסט איז ער אַ קאַבלעפל ביי שיפן, אַ לאָרד, ווי מיר לעבן אויף דער וועלט! הקיצור, אַהין, אַהער... מען צערעדט זיך, ווי געוויינלעך, וואָס הערט זיך אין פּאַניע חזירס מדיגה, וואָס מאַכן דאָרט אונזערע אחינו בני ישראל... און ווי קום איך עפּעס קיין אַמעריטשקע? ... וואָרים זיי ווייסן, אַז אינדערהיים בין איך געווען בלאָ עין הרע אַ איד אַן עושר. אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער... איך וועל אייך מאַכן בקיצור: מיר זיינען געקומען צום רעכטן פּונקט... ווי מען זאָגט, צום פּינטעלע... האָב איך זיי דערציילט פון אייך, זאָגט ער מיר, דער שוואָגער, הייסט עס, אַז ער האָט שוין וועגן אייך געהערט פון די צייטונגען... טראַכט איך מיר: נאָך בעסער! הקיצור המעשה, איך האָב אָנגעהויבן צו טאַפּן... ווי מען זאָגט, מה נאכל? צי ס׳וועט זיין אַ געשעפט? דער איד הייבט זיך מיר אָן צו קווענקלען... איך דערקען אָבער אין זיין נאָז, אַז דאָס געשעפט שמעקט דעם ממזר... די איינגעלעך בלישטשען שוין ביי אים ווי ביי אַ קאַץ, אַז זי דערזעט סמעטענע. טראַכט איך מיר: מיך משה שפּריצער, וועסטו ניט נאַרן. הקיצור, אַהין, אַהער... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, פּאַניע גלעקעל, איר האָט געלט, וויפיל איר ווילט, אַבי איר וועט נאָר געבן צו פאַרדינען! — האָט ענערגיש מיט אַ שפּרונג געענדיגט וואַסערשטראָם זיין קאָמפּאָזיציע, וועלכע איז געווען פון אלף ביז תיו אויסגעטראַכט, און האָט שטאָלץ פאַרריסן די אויגן צו זיין פריינד...

גלעקעל איז געשטאַנען אונטער דעם בליק אַ ווײַלע אַ צעטומלטער.

דאָ אָבער האָט דער פּאָרזיצנדער געעפנט דעם מיטינג מיט די ווערטער: „לײדיס און דזשענטעלמען!”

— הערט, פּאַניע וואַסערשטראָם, גייט ניט אַוועק פונדאַנען. זייט דאָ לעבן מיר, איך דאַרף אייך האָבן... נאָך דער פאַרזאַמלונג וועל איך אייך נעמען צו מיר אין האָטעל אַריין און מיר וועלן אַלץ באַשפּרעכן. נאָט אייך אַ שטול.

גלעקעל האָט אים דערלאַנגט אַ שטול און אַליין איז ער אַוועק צום פּאָרזיצנדער.

וואסערשטראם האט זיך ברייט און שטאלץ צעלייגט און האט זיך גענומען צוהערן וואס מ׳רעדט.

— לײדיס און דזשענטעלמען! — האט נאך אמאל געזאגט דער רעדאקטאר פון „די נאציאן”, אז דער רויש אין זאל האט זיך איינגעשטילט — די ריטער־וועלט ליגט שוין א שיינע פאר הונדערט יאר טויט און באַגראבן. מיר לעבן אין א צייטאלטער פון קאפיטאליזמוס און מערקאנטיליזמוס און אין אונזער צייטאלטער זיינען ריטער און טרוימער לעבערלעך.

דא האט זיך דער רעדנער אפגעשטעלט, האט זיך געכאפט ביים הארץ, האט זיך אויסגעצויגן און אנגעכאכלעט ווי א האן, וואס גרייט זיך פאר א מעכטיגן קוקוריקו.

— אבער ניט ביי מיר, לײדיס און דזשענטעלמען! די ריטערלעכע עפאכע אין דער געשיכטע איז פאר מיר די שענסטע, איידלסטע צייט פון דער מענשהייט! ריטער און טרוימער, זיינען ביי מיר די עכטע און איינציגע מענשן און אז איך באגעגן זיי נאך אמאל אין אונזער מערקאנטילער צייט, אפילו, זייער זעלטן, פארבייג איך זיך פאר זיי נידעריג און טיף, און צאל זיי דעם גרעסטן טריבוט — און מר. מילמאן האט זיך אויסגעדרייט צו משה גלעקעל און האט זיך פאר אים טיף פארבויגן.

דער יונג־טערקישער שליח מיט דער רויטער יארמולקע האט זיך אויפגעהויבן פון זיין ארט און האט אים געענטפערט מיט אן אריענטאליש־דעקאראטיוון גרוס. דאס פובליקום האט געענטפערט דערויף מיט שטארקע אפלאדיסמענטן. דער רעדאקטאר האט זיך ווידער געכאפט ביים הארץ און האט זיך צוזאמענגעדרייט פון גרויסן עקסטאז.

— יא, לײדיס און דזשענטעלמען! איך האב געהאט גליק און די גרויסע ערע צו טרעפן אין מיין לעבן אן עכטן ריטער און איך שטעל אים איצט פאר פאר אייך.

א נייער, נאך שטארקערער אויסברוך פון אפלאדיסמענטן.

— ס׳זאל אבער דערמיט חלילה ניט געמיינט זיין, אז איך שטעל אייך פאר א מאדערנעם דאן קיכאט, א מאן וואס קעמפט מיט ווינטמילן. ניין, לײדיס און דזשענטעלמען! — האט העפטיג פראטעסטירט דער פארזיצנדער — אונזער טייערער גאסט איז איינער פון די וויייניגע און זעלטענע, וואס פארבינדן א ריטערלעך איידל הארץ מיט א שארפן פראקטישן מוח; גרויסע, ברייטע טרוימען מיט א זין פאר פראקטישער ארבעט און פארווירקלעכונג! קודם כל אבער איז אונזער פראמינענטער גאסט א קעמפער, א קעמפער פאר די הויכע אידעאלן פון דער מענשהייט און הויפטזעכלעך פאר א בעסערער צוקונפט פאר זיין אומגליקלעך פאלק. ברעכט אויס אין רוסלאנד א רעוואלוציע, און מיר טרעפן משה גלעקעלן אויף די באריקאדן אין מאסקווע!

א שטורמישער בראוואָ.

— ברעכט באַלד אויס אַ רעוואָלוציע אין דער טערקישער מדינה, און מיר זעען שוין אונזער ריטער און קעמפּפער דאָרט אין טערקיי אָן דער שפּיץ פון דער אַלבאַנישער אַרמיי, וועלכע גייט צו דער טערקישער הויפּטשטאָט. ער גייט צוזאַמען מיט ענווער־בעי און נאַזים־בעי צו באַפרייען דאָס טערקישע פאָלק פון דער טיראַניי פון אַ בלוטיגן סולטאַן. ליידיס און דזשענטעלמען! איך האָב געפּרואווט אין איינציגע ווערטער אָנוואַרפן פאַר אייך דעם פּאָרטרעט פון אונזער גאַסט. איך וויל ניט אַריינפאַלן אין שמייכלעריי און וועל מיך פון ווייטערע שבחים צוריקהאַלטן. איך וויל נאָך פאָלגנדעס באַמערקן: מיין צוואַנציג־יעריגע אַרבעט אַלס רעדאַקטאָר ליגט פאַר אייערע אויגן. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין תמיד געווען דער טשעמפּיאָן און פאָרקעמפּפער פון אַלע נייע באַוועגונגען און שטרעמונגען אין אונזער פאָלקס־לעבן. מען וואַרפט מיר אַפילו פאָר, אַז איך בין אומקאָנסעקווענט. מיינע פּאָליטישע געגנער רופן מיך רענעגאַט, פאַררעטער. איך בין אָבער דערצו גלייכגילטיג. עס קימערט אונז ווייניג, וואָס געגנער וועלן איבער אונז זאָגן. דעם אמת טראָגט יעדער מענש אַליין אַט דאָ אין זיין הארץ — און דער רעדאַקטאָר האָט זיך אַ בוכצע געטאָן אין ברוסט — זיין אייגן געוויסן איז דער העכסטער ריכטער זיינער. אָבער דאָס לעבן שטייט ניט אויף איין אָרט, ס'באַוועגט זיך, ס'בייט זיך, ווי די וואַסערן פון שטראָם, און מיט אים בייטן זיך די מיינונגען און איבערצייגונגען. יאָ, ליידיס און דזשענטעלמען — האָט שוין געשריגן דער זשורנאַליסט צעהיצט פון ענטוזיאַזם — איך האָב געביטן אָפט די ריכטונג פון מיין צייטונג, מיינע מיינונגען. איך בין געווען טאַפּפער גענוג דאָס צו טאָן צווישן אַ מחנה פון היפּאָקריטן און אידיאָטן, וואָס פירן די איסט־סייד ביי דער נאָז. אָבער דאָס פאָלק אַליין, זיינע לעבנס־אינטערעסן האָב איך קיינמאָל ניט פאַרראַטן. זיי האָב איך תמיד געדינט לויט מיין געוויסן און איבערצייגונגען. מיין צייטונג איז תמיד געווען, און וועט בלייבן, אַן ערלעכע, זויבערע אידישע פאָלקס־צייטונג! איך גיב דאָס וואָרט צו אונזער גאַסט — האָט געענדיגט דער פאָרזיצנדער זיין אייגענעם לויבגעזאַנג אונטער אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן און האָט זיך דערשעפּט אַראָפּגעלאָזט אויפן טשער, וואַרפנדיג אַרום זיך זעלבסטצופרידענע בליקן.

דער גאַסט און דאָס רעדל אויף דער עסטראַדע זיינען צוגעלאָפן און האָבן באַגייסטערט אים געדריקט די האַנט און גראַטולירט.

צווישן זיי איז, נאַטירלעך, אויך געווען וואַסערשטראָם.

— פאַניע רעדאַקטאָר! יישר כח! איך בין וואַסערשטראָם, משה וואַסערשטראָם. פאַניע גלעקעלס אַ פריינד. אויך דאָקטאָר הערצלס אַ פריינד. און אַ גרויסער פיינד און געגנער פון זאַנגווילן — האָט זיך פאַרגעשטעלט, טאַנצנדיג פאַרן רעדאַקטאָר, משה וואַסערשטראָם — איך זאָג אייך דעם אמת, איך האָב שוין אַמאָל געהערט רעדנער. מי גדול כהערצל, זכרונו לברכה, און נאָרדוי? אָבער אַזוינס... יישר כח. יישר כח!

דער רעדאַקטאָר האָט אויסגעמאָסטן הערצלס פריינד און זאַנגווילס געגנער מיט אַ בליק פון קאָפּ ביז די פיס.

גלעקעל האָט אָבער גענומען דאָס וואָרט און אַלע האָבן זיך צוגעגרייט צו הערן.

דער גאַסט האָט העפלעך און אַלץ אויפן אָריענטאַלישן אופן באַגריסט דעם עולם און האָט אים געדאַנקט פאַרן וואַרעמען קבלת פנים. דערנאָך האָט ער איבערגעגעבן די אַמעריקאַנער ברידער אַ פּאַטעטישן גרוס פון ארץ האבות.

אַזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורכן עולם דורכגעלאָפן. אַלע זיינען אויפגעשפרונגען פון די ערטער און האָבן געענטפערט אויפן גרוס מיט שטורמישן בראַוואָ און הידד.

און אַז דער עולם האָט זיך באַרואיגט, האָט גלעקעל־עפענדי אָנגעהויבן צוערשט לויבן אַמעריקע פאַר אירע חסדים מיט די אידן. דערנאָך „די נאַציאָן", אַלס ציוניסטישע פעסטונג אין דער נייער וועלט און איר ערלעכן רעדאַקטאָר אַלס דעם גרעסטן איד פון דער געגנוואַרט.

געענדיגט מיט די זמירות, האָט ער גענומען אויפוויקלען זיין גראַנדיעזן פּלאַן וועגן דער פאַראייניגונג פונם אידנטום מיטן איסלאַם. די צוויי פאַר־וואַנדטע פעלקער אין זייער קולטור און שאַפן.

— זיי דאַרפן ווערן די נייע היסטאָרישע מאַכט, וואָס וועט דערקלערן קריג דער פוילער, היפּאָקריטישער, קריסטלעכער ציוויליזאַציע און באַצאָלן די קריסטן פאַר אַלע געמיינהייטן און געוואַלט־טאַטן, וואָס מען איז אין די צוויי טויזנט יאָר באַגאַנגען קעגן די אידן, אַזוי, אַז זיי זאָלן עס ניט פאַר־געסן. — האָט גלעקעל פּאַטעטיש געשריגן אין קלימאַקס פון זיין רעדע.

און אַזוי ווי די קריג האָט פאַרלאַנגט געלט, האָט גלעקעל־עפענדי באַלד צעוויקלט אַ נייעם, ניט ווייניגער גראַנדיעזן פּלאַן, ווי אַזוי צו שאַפן דאָס געלט. דערנאָך האָט ער אַנטוויקלט אַ דריטן פּלאַן. עפּעס אין דעם זין, ווי אַזוי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זאָל פירן די וועלט־געשיכטע ביי דער נאָז...

באַגאַבאַרעץ האָט אים אָבער שוין ניט געהערט.

דער פיבערהאַפטער שוידער פון דער הייליגער באַגייסטערונג, אין וועלכן ס'האָט אויך דעם פאַרבלאָנדזשעטן און צוריקגעקומענעם זון אַריינ־געוואָרפן די ערשטע באַרירונג מיט זיין פאָלק, מיט דעם ספינקס, פון וועלכן ער האָט אַזוי פיל געטרוימט, די באַגייסטערונג, וועלכע האָט אים, ווי אַ מעכטיקע כוואַליע געוואָרפן און געשלעפּט אַהין אויף דער פּלאַטפאָרמע, זיך אַראָפּלאָזן דאָרט אויף די קני פאַרן גרויסן און הייליגן אין זיין מאַרטירער־טום, אידישן פאָלק, דערציילן אַלץ, זיך קלאַפּן על־חטא און מיט געוויין בעטן ביי זיין פאָלק מחילה און גנאָד פאַר זיינע גרויסע זינד. דער שוידער־לעכער באַגער און זיסער טרוים, וועלכער האָט ווי אַ לייכט־טורם אים גע־

לויכטן אין זיין פינצטער און פארפלאָנטערט לעבן, איז מיטאמאָל אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן.

אויסגעלאָשן האָט אים מיטאמאָל, אויף אַן אומבאַגרייפלעכן אופן דער „קופער־יוניאָן" אַליין און טאַקע דער רעדאַקטאָר פון „נאַציאָן", מיט זיין זעלבסטצופרידענעם טאָן, מיט דעם לויבגעזאַנג, וואָס ער האָט זיך אַליין געזונגען.

זיין אָרט האָט שוין פאַרנומען דער אַלטער, טיפער פּאַטאָלאָגישער עקל צו זיך אַליין און צו אַלץ אויף דער וועלט...

אַפילו גלעקעל, וועלכן ער האָט באַוואונדערט, האָט ביי אים אויסגעזען אַנטיפּאַטיש און אָפּשטויסנד, ווי דער צעהיצטער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר מיט די רויטע בעקעלעך און מיט דער נאָז פון אַ נאַכטפויגל.

באַגאַבאַרעץ איז געזעסן און האָט אַלץ ניט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון מילמאַנס זעלבסטצופרידענעם, פויגלשן פּנים און ווי אַן עקבויער האָט זיך אים אין מוח געדרייט איין געדאַנק:

— מיין גאָט! צו וועמען איז ער ענלעך? וואו האָט ער געזען אַזא פּנים, אַזא אויסדרוק? יאָ, ביי מענשיקאָוון, ביי מענשיקאָוון! יענעם האָט נאָר געפעלט די אידישע נאָז.

באַגאַבאַרעץ איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון אָרט. אַזוי שטאַרק האָט אים איבערראַשט די געמאַכטע אַנטדעקונג.

— יאָ, יאָ, מענשיקאָוו! אַ ריכטיגער מענשיקאָוו! — האָט זיך געפרייט אין אים אַ שטימע—ער זעט דאָך אויס ווי דער צורר היהודים מענשיקאָוו פון „נאָוואָיע ווערעמיאַ"! — און באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אין אים און שוין געברויזט דער זעלבער האַס און עקל, וועלכן ער פלעגט פילן צו דעם באַרימטן קאָלעגע זיינעם — יאָ, יאָ, ער וועט אַרויפגיין און אים אָנשפּייען אין פּנים, פּונקט ווי ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין סואוואָרינס טעאַטער פאַר אַ גרויסן עולם אָנגעשפּיגן דעם באַרימטן אידנפרעסער און זשורנאַליסט אין פּנים.

מאַרוסיאַ, וועלכע איז געזעסן לעבן אים, האָט דערפילט זיין אויפרעגונג.

— וואָס איז מיט דיר, סאַשענקאַ? — האָט זי אים געפרעגט שטיל און האָט אַ פאַרציטערטע אים געכאַפּט ביי דער האַנט.

— ניטשעוואָ! איך נעם דאָס וואָרט — האָט ער איר געענטפערט ווי אין אַ פיבער.

דאָ האָט אָבער גלעקעל געענדיגט זיין לאַנגע רעדע מיט אַ טעאַטראַלן געשריי: „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני"! און האָט אויפגעהויבן די האַנט צום הימל אין אַ הייליגער באַגייסטערטער שבועה.

אין קופער־יוניאָן האָט ווייטער געברויזט פון ענטוזיאַזם, ווי אַ שטורמישער ים.

און דאָס רעדל אויף דער פּלאַטפאָרם האָט איצט שוין גראַטולירט און געדאַנקט גלעקעלן.

משה וואסערשטראם האט אבער אלעמען אפגעשטופט פון אים, האט זיך אים ארויפגעוואָרפן אויפן האלז און האט אים אנגעהויבן צו קושן.

די סצענע האט ארויסגערופן נייע שטורמישע אפלאדיסמענטן.

דאן האט זיך דאס אידל אליין גענומען דאס ווארט און האט אנגע־הויבן כמעט קווישען פון באגייסטערונג:

— אידן! איך בין ערשט געקומען פון רוסלאנד. איך בין געווען א איד אן עושר. איך האב געהאנדלט מיט וועלדער און בין געווען א רייכער פאסעסאר. האבן מיך די פאגראמשטיקעס צעראבעוועט, פאניע חזיר, ימח שמו וזכרו. איך האב אבער א דאנק דעם אויבערשטן געבראכט מיט זיך עטלעכע טויזנט דאלאר און איך גיב זיי אייך אפ, פאניע גלעקעל! טוט מיט זיי וואס איר ווילט, ניט נאר דאס, די קאפאטע... די קאפאטע וועל איך פון זיך אויסטאן און אייך אפגעבן, דאס לעצטע העמד אויפן לייב וועל איך פארקויפן — האט היסטעריש געשריגן וואסערשטראם און זיך גענומען טאקע דא, פארן גאנצן עולם, אראפנעמען זיין קאפאטע.

ווער עס האט געלאכט און ווער עס האט ווידער אפלאדירט.

גלעקעל איז צו אים צוגעלאפן, האט אים געקושט און ניט געלאזט אויסטאן די קאפאטע.

דאס אידל האט אבער פלוצלינג באקומען אזא קוראזש, אז ער האט אנגעהויבן צו אדרעסירן דאס פובליקום, ווי אן עכטער רעדנער:

— אידן! אחינו בני ישראל! איך מוז אייך עפעס דערציילן. די האר וועלן זיך שטעלן קאפויר! מען ראבעוועט און מען פייניגט אייערע ברידער און איר שווייגט!

דער פארזיצנדער איז צוגעלאפן און האט אים געכאפט ביים ארבל.

— אי בעג יור פארדאן, סער! איך האב אייך ניט געגעבן קיין ווארט!

— דאס איז א קלייניקייט. איך נעם זיך אליין דאס ווארט! — האט געשריגן חוצפהדיג וואסערשטראם.

— דאס גייט ניט ביי אונז, סער! איך בעט אייך, איר זאלט אראפ־גיין פונדאנען.

— און איך וועל דא שטיין און רעדן צו מיינע ברידער! — האט געשריגן דער קליינשטעטלדיגער יאבעדניק — איר קענט מיר ניט פארווערן. יא, אידן! איך מוז צו אייך רעדן, אייך דערציילן!

— איר זאלט אראפגיין! איר זענט א חצוף! ווי דערלויבט איר זיך... אט רוף איך א פאליסמאן.

און דער רעדאקטאר האט אים שוין אנגעכאפט ביים קאלנער און האט אים געשלעפט פון דער בינע.

אין זאל איז געווארן א גרויסע מהומה. ס'האט זיך אנגעהויבן א קאמף. גלעקעל האט זיך אויך אריינגעמישט.

דאס אידל האט זיך אבער ניט געלאזט ארויספירן און האט געליארמט:

— דאָ איז ניט רוסלאַנד! ס'איז אַ פרייַ לאַנד. איר זענט פאַרקויפט! פאַרקויפטע נשמות, איך וועל אייך אָבער ווייזן, ווער איך בין!

דאָס פּובליקום האָט זיך אַריינגעמישט און פאַרלאַנגט, אַז דאָס אידל זאָל קריגן דעם פלאָר*). און נאָך אַ לאַנגן טומל איז זאָל און האַמפּעריי פון עולם מיטן פאַרזיצענדן האָט וואַסערשטראָם געזיגט און באַקומען דאָס וואָרט.

— אחינו בני ישראל! איך וועל שרייען געוואַלט! געוואַלד! מ'ראַבעוועט אידן! די דייטשע שיפס קאָמפּאַניעס האָבן אַלע געמאַכט יד אחת, און מען נעמט צו ביים אידישן אימיגראַנט דאָס לעצטע העמד. מען פאַרשפּאַרט זיי אין די קאָנטראָל־סטאַנציעס, ווי פּי, אַן עסן און טרינקען. און דאָרט באַראַבעוועט מען זיי! מען פּלאָגט זיי, ביז זיי ווערן קראַנק. מענשן נעמען זיך דאָס לעבן פון פאַרצווייפלונג, אַז אַ איד וויל פאָרן קיין פּאַריז, נייט מען אים, אַז ער זאָל קויפן אַ טיקעט איבער לאָנדאָן. און אַז ער וויל ניט, פאַרשליסט מען אים אין תפיסה, איך האָב אַלע פאַקטן גע־זאַמלט מיט חתימות און עדות אויף פּאַפּיר.

און וואַסערשטראָם האָט איבערגעגעבן אַלע פאַקטן.

— און אַז בין געקומען אַהער און האָב געוואַלט עס דרוקן אין די צייטונגען, האָבן זיי געלאַכט פון מיר! זיי זיינען פאַרקויפט צו די קאָמ־פּאַניעס און נעמען ביי זיי אַביאַוולעניעס... אַדווערטייזמענטס רופן זיי עס; איר זעט, אידן?

— פוי! אַ חרפּה! פוי! — האָבן געשריגן די אידן.

— דערפאַר האָט מען מיר ניט געוואָלט געבן דאָס וואָרט. איך וועל אָבער ניט שווייגן. ניט משה שפּריצערן פאַרשטאָפּט מען דאָס מויל — האָט געשריגן וואַסערשטראָם אויפן פאַרזיצענדן — יאָ, די וועלט וועט עס ווייסן!

ווער פון אימיגראַנטן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם קופּער־יוניאָן האָבן ניט געליטן פון די שיפס־קאָמפּאַניעס? דאָס אידל איז דערפאַר עמפּאַנגען געוואָרן מיט גרעסערן ענטוזיאַזם און מיט שטורמישערע אַפּלאָדיסמענטן, ווי דער טייערער גאַסט אַליין.

דער פאַרזיצנדער אָבער איז געוועזן בלייך. די גאַנצע געשיכטע האָט אים ניט געפּאַסט און האָט אים קאַליע געמאַכט דעם מיטינג.

באַלד אָבער האָט ער זיך באַרואיגט און האָט אויסגענוצט די געשיכטע אויפן בעסטן אופן טאַקע פאַר צירקולאַציע.

— לײדיס און דזשענטעלמען — האָט ער זיך גענומען דאָס וואָרט — איך האָב ניט געהאַט קיין אַנונג דערפון, וואָס דער איד וועט דאָ זאָגן. אַלס פאַרזיצנדער האָב איך ניט געקענט דערלויבן, אַז אַ רעדנער, וואָס האָט זיך ניט געמאָלדן צום וואָרט, זאָל אַדרעסירן דאָס פּובליקום. פּיליכט עקזיסטירט אַזאַ מאָדע אין בערדיטשעוו, אָבער ניט אין אַמעריקע.

*) דאָס וואָרט.

— פונדעסטוועגן בין איך שטארק צופרידן, וואס דער איד האט זיך איינגעעקשנט און האט אייך דאס אלץ דערציילט. פאר מיר איז דאס א פולשטענדיגע אנטדעקונג. און ווען דער איד ווענדט זיך צו מיר, ווי צום רעדאקטאר פון דער „נאציאן", מיט אזוינע פאקטן, וואלט איך קיין מינוט ניט געוואקלט און וואלט דערקלערט קריג די שיפס־קאמפאניע... דער איד האט זיך אבער צו מיר ניט געווענדט. האט איר זיך צו מיר געווענדט, מיסטער ?

— איך האב זיך געווענדט צו אייער קארעספאנדענט — האט אים ביין געענטפערט וואסערשטראם.

— אבער ניט צו מיר. מיך קויפט מען ניט ! — האט שטאלץ אויס־געשריגן מר. מילמאן — ווי די מעשה זאל ניט זיין, בין איך דער ערשטער, וואס דאנקט דעם אידן... ווי איז אייער ווערטער נאמען ?

— וואסערשטראם ! וואסערשטראם !

— איך דאנק אייך, מר. וואסערשטראם !... יא, ליידים און דזשענ־טעלמען, מיין צייטונג וועט זיין די ערשטע, וועלכע וועט אויפנעמען די פראגע. און איך וועל ניט אוועקלייגן מיין פעדער, די איינציגע וואפע וואס איך באזיץ, ביז איך וועל ניט מאכן קיין סוף צו די מעשים תעתועים פון די קאמפאניעס.

וואסערשטראם האט זיך מיט אים איבערגעבעטן און אים געדריקט די האנט, און דער רעדאקטאר איז געוועזן שטארק מיט אים צופרידן.

— קאן איך האבן דאס ווארט ? — האט זיך געווענדט נאך איינער פון פובליקום.

דאס איז געוועזן באגאבארעץ...

אז דער פארזיצנדער האט דערזען די סטולעוואטע פיגור מיט די לאנגע גלחישע האר און מיט דעם פנים פון א געקרייציקטן יעזוס האט זיך זיין געזיכט ווידער פארוואלקנט. א ווייל איז ער געוועזן אין ספק, שטודירט אים און ווי געקעמפט מיט זיך... ער האט אבער ניט געוואלט קיין צווייטן סקאנדאל און האט זיך אנטשלאסן :

— איר האט דאס ווארט !

באגאבארעץ איז ארויף אויף דער פלאטפארמע, האט צעוויקלט א קאפיע פון דער „נאציאן", וועלכער דער רעדאקטאר האט אזוי רעקלאמירט, און האט אנגעהויבן מיט א מידער שטימע :

— ליידים און דזשענטעלמען ! איך בין ניט קיין רעדנער און בין ניט אויפגעטרעטן צו האלטן א רעדע פאר אייך... איך וויל נאר שטעלן א פאר פראגן דעם פארזיצענדן — האט אנגעהויבן באגאבארעץ מיט א פארדייטשטן אידיש און האט אנגעשטעלט אויפן פארזיצענדן א פאר אומ־זיכערע, פרעגנדע אויגן.

מיסטער מילמאן איז געווארן אומרואיג אונטער אט די אויגן.

— גאספאדא ! איך בין נאך פולשטענדיג גרין. איך בין אין לאנד

ערשט אכט טאג, און בין געקומען אהער מיט דער זעלבער שיף, וואס אייער גאסט, וועלכן איר זענט דא מקבל פנים.

גלעקעל האט אויפגעציטערט און איז פארגליווערט געווארן אין אומ־אנגענעמער דערווארטונג...

— איך בין אויך, ווי דער גאסט, פארליבט אין אמעריקע. אבער די ליבע איז ביי מיר געבוירן געווארן נאך אינדערהיים, אין בארבארישן רוסלאנד.

מארוסיא איז אויפגעשפרונגען א בלייכע פון ארט. אזוי ווי זי וואלט באקומען א פאטש אין פנים...

— איז איך האב געשמאכט אין ווילדן סיביר, האב איך מיינע הענט אויסגעשטרעקט אין הייסן באגער צו אייער פרייהייט...

דאס ווארט „סיביר" האט ארויסגערופן ביים עולם א שטורם פון אפלאדיסמענטן. דער רעדנער איז דערמיט שטארק געפעלן געווארן. ביי באגאבארעצן איז אבער דאס בלייכע פנים געווארן נאך בלייכער און אויס־געדריקט פארלעגנהייט און פיין.

— איך האב דערמאנט אייך דאס ווארט „סיביר" ניט צוליב רעקלאמע, אדער שטאלץ — האט ער אויסגעשריגן אין קראנקער אויפרעגונג. — ס'איז נאר ניטא מיט וואס צו שטאלצירן! קיין סיביר ווערן געשיקט אויך גענוג לומפן... איך האב עס נאר אזוי צום ווארט געבראכט. אלזא... איך האב געטרוימט פון אמעריקע, געליבט און געשטרעבט צו איר ווי צו א הויכן אידעאל... איך האב באטראכט דאס לאנד מיט א הייליגן שוידער. איצט קוק איך מיר צו צום אידעאל. אכט טעג קוק איך מיר צו — און וואס זע איך? ביי די כלל־טוערס, און זשורנאליסטן, — נאר רעקלאמע... ביליגע, שרייענדיגע רעקלאמע... אזוי ווי זיי וואלטן געווען קליינע, ביליגע קרעמערלעך און צירקוס־באלעבאטים...

דער רעדאקטאר פון דער „נאציאן" איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט. דער כאראקטער פונם רעדנער, פון דעם סוטולעוואטן, בלייכן מאן, וואס איז געקומען פון סיביר, איז אים קלאר געווארן.

— אי בעג יור פארדאן*) ! צו דער זאך, סער! איר רעדט ניט צו דער זאך — האט ער אפגעשטעלט דעם רעדנער.

באגאבארעץ האט זיך גענומען ביי דער שמאלער, קראנקער ברוסט זיינער, האט געכאפט דעם אטעם און האט זיך שטיל געווענדט צום עולם:

— גאספאדא! דערלויבט מיר אומגעשטערט צו זאגן א פאר ווער־טער... לאנג וועל איך אייך ניט דולן, און וועל באלד ענדיגן.

דער עולם האט זיך שטארק אריינגעמישט און פארלאנגט פון פאר־זיצענדן, אז דער רעדנער זאל האבן דאס ווארט אומגעשטערט.

— נעמט צום ביישפיל דיזעלבע ציימונג, וועלכע איר, רעדאקטאר, האט ערשט אזוי געלויבט און רעקלאמירט. איך לייענט דא פאלגנדעס:

*) אנטשולדיגט.

„אַ יונגע, הויכברוסטיגע דאַמע וויל זיך באַקענען מיט אַ רייכן מאַן, מעג זיין אַן אַלמן ... אַלטער גלייכגילטיג". ווייטער: „אַ יונגער, שיינער ברונעט זוכט באַקאַנטשאַפט מיט דאַמען!..."

דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. דער מיטינג און זיין פּאַרזיצנדער זיינען געווען סקאַנדאַליזירט. דער רעדאַקטאָר איז צוגעשפּרונגען צום רעדנער מיט געשלאָסענע קולאַקעס, אַ ווילדער און בייזער ווי אַ טיגער. — „איך וועל אייך ניט דערלויבן... ס'איז פּרעך און געמיין!"

דער רעדנער האָט אויף אים געקוקט רואיג און מיט קאַלטבלוטיגער פאַראַכטונג.

— ווייטער לייענען מיר פאָלגנדעס: „זיסע מינע! קום אין העסטער־פּאַרק, איך וועל אויף דיר וואַרטן 10 ביינאַכט!"

ווידער געלעכטער, שטורמישער געלעכטער...

דערנאָך האָט ער זיך גענומען ציטירן ענלעכע פּיקאַנטע שטעלן פון אַ שונד־ראָמאַן.

— איז דאָס אַ זויבערע צייטונג? — האָט אויפגעפלאַקערט באַגאַבאַרעץ אין אַ געשריי פון צאָרן — דאָס איז זנות, געשלעכטס־מעקלעריי! אַזאַ שמוץ געפינט איר ניט אפילו אין ערגסטן פראַנצויזישן בולוואַר־ראָמאַן. פאַרן אידישן פאָלק מיט זיין ריינעם פאַמיליענלעבן איז דאָס אַ גיפט... דאָס איז אַ שאַנדע, אַ פאַרברעכן, הער רעדאַקטאָר! — האָט ער זיך געווענדט צום רעדאַקטאָר.

דער רעדאַקטאָר איז אָבער אַרומגעלאָפן אונטער אים איבער דער בינע אין אַ גרויסע מבוכה, ווי אַ ראַט אין אַ שטייג.

מילמאַן איז אָבער שנעל געקומען צו זיך, האָט אַ וואונק געטאָן צו איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטן, וואָס האָבן זיך געפונען מיט אים אויף דער בינע, יענער איז אַרונטער פון דער בינע דורך דער אונטערשטער טיר און באַלד האָט זיך אין גרויסן זאַל אָנגעהויבן אַ גרויסע סומאַכאַטע... מען האָט געקענט באַלד באַמערקן, אַז אַ באַנדע פון געטרייע כלבים אין זאַל איז אַרונטערגעלאָזט געוואָרן פון זייערע קייטן... עס האָט זיך אויפגעהויבן אַן אָרגאַניזירטער פּראָטעסט קעגן דעם רעדנער, אַ קלאַפּן מיט שטעקנס און פייפן... אַ „בו־ה־ה־הו", וואָס האָט געקענט טויב מאַכן. דער עולם האָט באַלד דערקענט, אַז דער טומל איז אַן אָרגאַניזירטער און פון וועמען ער שטאַמט, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט אין אַ גרויסן צאָרן. און עס האָט אויסגעבראָכן אַ געוואַלטיגער פּראָטעסט קעגן די טומלער און קעגן דעם רעדאַקטאָר. דער טומל האָט אויף אַזאַ אופן גענומען זיך צעוואַקסן אין אַ צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי עלעמענטן אין זאַל און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געשלעג...

כלומרשט האָט דער פאַרזיצנדער נאָך פאַרזוכט צו קאָנטראָלירן דעם מיטינג, האָט אים אָבער מיט פאַרגעניגן איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי און זי האָט שוין געשלאָסן און צעטריבן די פאַרזאַמלונג.

א שלעכטער חלום

און אז דער עולם האט זיך ארויסגעלאזט פון קופער-יוניאן, זיינען די צייטונגס-אינגלעך שוין ארומגעלאפן צווישן די כוואליעס מענשן, ווי שדים, און האבן געשריגן:

— עקסטרא! עקסטרא! דאס אידישע פאלק פון גרייטער ניו־יארק באגריסט גלעקעל־עפענדי מיט גרויס ענטוזיאזם. 20,000 מאן צאלן זייער טריביוט דער „נאציאן" און איר רעדאקטאר.

— וואס מאטעלע גנב קאן! — האט געשטוינט „משה" איבער דער פלינקער ארבעט און האט אויס טשיקאוועס געצווינגן די פענים פון די קעשענעס...

א בלייכער און ציטערנדער איז באגאבארעץ געשטאנען ביי דעם בילינן בליאסק פון עלעקטרישן ליכט אונטער דעם טראסק און ליארם פון די עלעווייטערס*), ווי אין א קאכנדיגן גיהנום. ווי א געקרייציגטער איז ער געשטאנען אנגעשפארט אין אן אייזערנעם סטויפ און זיינע בלוטלאזע, פון פיין אויסגעקרימטע, ליפן האבן געשעפטשעט:

— איז דאס דאס פארשפראכענע לאנד? איז דאס דאס באפרייטע אידישע פאלק, פאר וועמען איך וויל קניען?

* * *

און אז די הייסע זומער-נאכט האט ארומגעכאפט די אנגעגליטע, שווער־אטעמענדיגע און פארחלשטע שטאט מיט אן אומרואיגן שלאף, איז באגאבארעץ געשטאנען אויפן הר הזתים און האט געפרעדיגט...

צו זיינע פיס איז געשטאנען א גרויסער עולם, מענער, פרויען און קינ־דער אין ביבלישע קליידער מיט שטראלנדע אויגן...

דערנאך האט ער זיך אראפגעלאזט פאר זיי אויף די קני און האט געבעטן פארצייאונג...

און דער עולם האט אויך געקניט און אלע האבן אויפגעהויבן די הענט צום הימל און האבן תפילה געטאן און געוויינט... געוויינט פון הימלישן גליק...

דאן איז אנגעלאפן א צוג מיט א ליארם און געפילדער. ס'האבן זיך אנגעהויבן צו שיטן שווערע, גראבע יענקים מיט גלאט געגאלטע פעטע מארדעס. זיינען געלאפן אויף אים פון אלע זייטן און האבן ווילד געקריצט מיט זייערע גאלדענע ציין...

און מאטעלע דער רעדאקטאר איז געלאפן פארויס און האט מיט א לאנגער פעדער, ווי מיט א שפיז, געשטאכן און געטריבן דעם איבערגע־

*) הויכבאנען.

שראַקענעם, קניענדיגן עולם. און משה וואַסערשטראָם האָט געטאַנצט פאַר באַנאַבאַרעצן, זיך געקרומט און געלאַכט, ווי אַ פּאַיאַץ, און אים געשפּיגן אין פּנים אַריין...

דערנאָך האָט מען אים געבונדן און אָפּגעשוירן די לאַנגע גלחישע האָר זיינע.

און די מענשן מיט גלאַט געגאָלטע פּעטע מאָרדעס האָבן אים געפירט געבונדן, ווי אַן אַרעסטאַנט. האָבן געחוזקט פון אים מיט אַ טייוולשן שפּאַט... מיט די יענקים האָבן זיך געמישט שכורע רוימישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אים געצופּט ביי דער באָרד, געשפּיגן אין פּנים אַריין און אים געפּייניגט...

אויף דער גאַלגאָטע האָט שוין געוואַרט אויף אים, אָנגעשפּאַרט אויפן גרויסן צלם, זיין אַלטער טויט־פריינד, מענשיקאָוו, און האָט מיט זיינע פוילע, גרינע ציין געקייט טשואינג־גאָם. און ער און דער רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָן" האָבן אויך מיט אַ ווילדן טייוולשן חוזק אים געשפּיגן אין פּנים אַריין און דערנאָך שוין מיט גרויסע, שווערע האַמערס אַריינגעקלאַפּט נעגל אין די פיס.

און אים געקרייציגט!...

און באַלד האָט זיין הייס בלוט און דער מאַרך פון די ביינער גע־שפּריצט אין אַלע זייטן.

און מאַרוסיאַ האָט אַזוי געוויינט און זיך מיט פאַרצווייפלטע ווייַ־נעשרייען געריסן די צעוואָרפענע גאָלדענע האָר אויפן קאָפּ.

און איר געוויין האָט אים אַזוי געריסן דאָס האַרץ...

און דער דורשט האָט געברענט און געפּייניגט זיין לייב.

און אַז גלעקעל האָט אים אויסגעשטרעקט אַ קריג וואַסער, האָט מיל־מאָן אַרויסגעריסן פון זיינע הענט די קריג און האָט זי צעבראָכן...

און די פּיין איז געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז ער האָט אויסגע־שריגן און האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

דאָן האָט ער זי דערזען...

מאַרוסיאַ איז געשטאַנען אין העלן עלעקטרישן ליכט אין נאַכט־העמד, איינגעבויגן איבער זיין בעט, ווי אַ שטראַלנדער מלאך און האָט אים שנעל געצלמט און געשעפּטשעט אין טויט־שרעק: "כריסטאָס ס'טאָבאָי, סאָשענקאַ! אַפּאָמניס!..."

באַנאַבאַרעץ האָט זיך אויפגעזעצט און האָט לאַנג געקוקט אויף זיין פרוי, אויף דער בלענדענדער ווייסקייט פון איר קערפּער, מיט ווילדע, איבערגעקערטע אויגן...

דער חלום איז געווען פריש און לעבעדיג און האָט אים דערשיטערט אויפסניי מיט זיין סימבאָלישער באַדייטונג...

וואַסערשטראָם מאַכט אַ האַלבן מיליאָן

אויפֿן צווייטן מאָרגן, ווען גלעקעל איז נאָך געלעגן אין בעט, איז אין זיין צימער אַריינגעקומען וואַסערשטראָם.

דאָס אידל האָט ווידער געטראָגן זיין שבתדיג בגד און דעם צילינדער־הוט. זיינע מאַניערן זיינען זייט דעם נעכטיגן מיטינג אין קופּער־יוניאָן געוועז גאַנץ אומאָפּהענגיג און שטאָלץ פאַררייסן...

— גוט מאָרגן, פּאַניע גלעקעל! וואוהין האָט איר זיך פאַרקליבן? שוין דריי שטונדן, אַז איך פרעג מיך צו אייך. נו, וואָס זאָגט איר צו דער חברה? נאָט, לייענט וועט איר זיך דערקוויקן. — און וואַסערשטראָם האָט אים דערלאַנגט אַ פרישע „מאָרגנצייטונג".

גלעקעל האָט מיט פיבערדיגע הענט צעוויקלט די צייטונג און דאָרט דערזען אַן אַרטיקל מיט אַ גרויס און פעט קעפּל: „מאַטעלע גנבם נייער פעיק און אַ נייער אַוואַנטוריסט אין אַ רויטער יאַרמולקע". אין דעם אַרטיקל האָט די „מאָרגנצייטונג" אים צוגעטראָגן קאָמפּלימענטן, ווי „פעיקער", „שאַרלאַטאַן", אַוואַנטוריסט", וועלכער איז געקומען קיין אַמע־ריקע אויסנאַרן געלט.

לייענענדיג דאָס, איז גלעקעלס פּנים געוואָרן אַלץ בלייכער און בלייכער, אַזוי ווי עס וואָלט ביסלעכווייז פאַרלוירן דאָס בלוט. באַלד אָבער איז ער אויפגעשפּרונגען פון בעט און האָט זיך אָנגעהויבן פיבערדיג און האַסטיג אָנצוטאָן. ס'האָט אין אים דערוואַכט דער קעמפער. דער אייבינער דאָז קיכאָט.

וואַסערשטראָם האָט געשפּאַנט פאַרפאָלג זיינע האַסטיגע באַוועגונגען.

— וואָס דענקט איר צו טאָן? — האָט ער געפרעגט זיין פריינד און האָט זיך גענומען פאַרן רויטן ציגן־בערדל.

— וואָס? איך וועל זיי ווייזן ווער גלעקעל איז! די באַנדיטן וועלן מיך האָבן צו געדענקען!

און ער איז צוגעלאָפן צום טיש און האָט פון דאָרט אַרויסגעכאַפּט אַ בריוו.

— איר זעט? ערשט נעכטן געקריגן פון דזשאַוויד בעי, דעם טערקישן פינאַנץ־מיניסטער... ער שרייבט מיר: „מאָן שער אַמי", מיין טייערער פריינד, גלעקעל־עפענדי, און רעדט דאָ וועגן 100 מיליאָן. — און גלעקעל האָט גענומען פאָכען מיטן בריוו אין דער לופט און שרעקן מיט אים זיינע געגנער און פאַרלוימדער.

— דער טערקישער פינאַנץ־מיניסטער אַליין?

— וואָס דען מיינט איר?

— אוי וויי, אוי וויי! — אוי וויי! — האָט אויסגעשריגן מיט התפּעלות וואַסערשטראָם — קענט איר דאָך אויף זיי אָנגעבן פאַר אַ בלבול, פאַר אַ שם רע, זאַ קליעוועטו.

— נאָך אַ מין אַנגעבן! באַלד פאַר איך צו אַן אדוואָקאַט און מאַך זיי אַ פּראָצעס.

— געווים, געווים, אַ פּראָצעס... רייבט זיי אָן אַ מאָרדע, אַז זיי זאָלן אייך האָבן צו געדענקען. און וואָס זאָגט איר צו דעם שייגעץ אייערן, צו דעם גלח מיט די לאַנגע האָר, וואָס איז נעכטן באַפאַלן דעם רעדאַקטאָר? איך זאָג אייך דעם אמת, אַז מ'האָט אונז, אידן, פּיינט, איז גאָר קיין וואונ־דער ניט! — האָט זיך אָנגעהויבן צו קאָכן וואַסערשטראָם — אַזאַ פּאַרך, איזווינִיטיע, אַזאַ גאַרניט... באַפאַלט ער אַזאַ מאַן... וואָס ווייסט איר! וואָס ווייסט איר, וואָס אידן זיינען!

— ער איז אַן אידיאָט! — האָט זיך אָנגערופן גלעקעל מיט פאַרדרוס.

— נו, לאָמיר רעדן פון געשעפט, ווי זאָגן די אַמעריקאַנער, „פון ביז־נעס", פּאַניע גלעקעל! — האָט פאַרקירעוועט אין אַ זייט וואַסערשטראָם און האָט זיך ברייט צעלייגט אין אַ ברייטן פאָטעל.

גלעקעל האָט אויף אים געוואָרפן אַ פרעגנדן בליק.

— איך וויל דאָך הײנט זיין ביי מיין לאַנדסמאַן, וואָס איז דער גלאַוונע מאַכער ביי שיפן. איר פאַרשטייט?

— אַ, ריכטיג! איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי!

— נו, וואָלט איך געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך באַוואָרענען מעשה סוחרים — האָט געזאָגט וואַסערשטראָם מיט אַ שמייכל און האָט זיך באַלד פאַרכאַפּט — דאָס הייסט ניט, חלילה, אַז איך גלייב אייך ניט. חס ושלום! איך וואָלט אייך אַפילו די גאַנצע 100 מיליאָן געטרויט. נאָר ווי מ'זאָגט: סוחריש איז סוחריש... כע, כע, כע!

— וואָס־זשע ווילט איר?

— וואָס איך וויל? כע, כע, כע. ס'איז דאָך עפּעס אַ גרויס געשעפט. דער מענש, כ'מיין מיין לאַנדסמאַן, וויל ווימן וואָס וועט ער דערפון האָבן. איר פאַרשטייט דאָך גאַנץ גוט, אַז ער איז ניט קיין משרת פאַר 4 גולדן... היינט וויל איך אויך וויסן, וואָס וועל איך דערפון האָבן — האָט געזאָגט וואַסערשטראָם מיט אַן ערנסטן געשעפטס־טאָן — איך בין אויך ניט קיין ליידיקגייער, כע, כע, כע!

— זייט איר זיכער, אַז דער מאַן איז ביי שיפן אַ מאַכער און קאָן עס אויסמעקלערן? — האָט אים געפרעגט גלעקעל.

וואַסערשטראָם איז באַליידיגט אונטערגעשפּרונגען פון אַזאַ פראַגע.

— זייט ניט קיין קינד! אַז איך זאָג אייך, מעגט איר מיר גלייבן. וואָס בין איך, עפּעס אַ אינגל בין איך? ווייסט איר, פּאַניע גלעקעל, אַז איין אַכטל פּראָמיל קורטאַזש וועט אינגאַנצן אויסמאַכן וועלכע ס'איז 12 טויזנט דאָלאַרעס... וואָס איז דאָס? — אַ גאָרניט. — און וואַסערשטראָם האָט דערביי געמאַכט אַ פאַראַכטלעכע מינע.

— וויפיל־זשע ווילט איר?

— איך ווייס... ביי אזא הלואה דארף מען פארדינען לכל הפחות א האלבן מיליאן... ווען ניט, טויג דאס גאנצע געשעפט אויפן פייער...

גלעקעל האט זיך פארטראכט.

— און וואס פאר אן עסקא?

— אונטער 6 פראצענט וועט איר קיין געלט דא אויף דער וואל סטריט פאר די טערקן ניט קריגן. איך האב אייך שוין געכטן געזאגט, אז שטארק האלט מען פון זיי דא ניט — האט זיך אנגערופן וואסערשטראם מיט א טאן פון א הויכן פינאנסיסט און האט זיך נאך ברייטער צעווארפן אין פאטעל.

— און וואס איז דער קורס? — האט אים געפרעגט גלעקעל שוין ביים וואש־טיש.

וואסערשטראם האט נאך קיין שטאט־הלואות ביז היינט ניט געמאכט און ער האט ניט פארשטאנען די פראגע.

— וואס מיינט איר „קורס”?

— איך מיין, ווי אזוי וועט מען רעכענען דעם הונדערטער: 80 אדער 90? איר ווייסט דאך, אז א מלוכה לייעט געלט, גיט מען איר ניט פאר די פאפירן קיין פולע 100 פראצענט, נאר א סך ווייניגער, לויט איר קרעדיט. די עסקא איז ניט דער עיקר, דער עיקר איז דער קורס — האט אים געלערנט גלעקעל.

— א, דאס מיינט איר! איך פארשטיי! געווים איז דער קורס דער עיקר. איך רעכן, אז מען וועט אייך רעכענען 95 פראצענט. איר זענט צופרידן?

— פונוואנעט ווייסט איר?

— וואס איז שייך! איך האב מיט אים גערעדט, מיט דעם לאנדסמאן, מיין איך. איך האב אים אויסגעטאפט. א, איר קענט זיך שוין אויף מיר פארלאזן! וואס געשעפט באלאנגט, בין איך ניט קיין הינקענדיגער שניידער...

— אויב איר מאכט עס מיר צו 95 פראצענט, קריגט איר ביי מיר א האלבן מיליאן — און גלעקעל האט זיך גענומען וואשן.

— שווארץ אויף ווייס? — האט געפרעגט דאס אידל מיט בלישטשענדע אויגן.

— שווארץ אויף ווייס! מיר וועלן גיין צו א נאטאר און וועלן זיך צעשרייבן.

— צו א נאטאר? וואס טויג מיר א נאטאר? איר גיט מיר נאר א זכרון דברים, א אידיש צעטל און גענוג. צו וואס א נאטאר? איך גלייב אייך ניט? מיר וועלן עס טאקע באלד אנשרייבן, און פארטיג. איך פלעג אינדערהיים מאכן די גרעסטע געשעפטן אויף א פראסט צעטעלע, כע, כע, כע.

— לאז זיין א פראסט צעטעלע — האט אים צוגעגעבן גלעקעל — מיר וואלט איר געקענט אויפן ווארט אויך גלייבן.

— ווער זאָגט דען, אַז ניין? חלילה. נאָר סוחריש איז סוחריש. כע, כע, כע. — און וואַסערשטראָם האָט אָנגעטאָן זיינע ברילן און האָט זיך געזעצט שנעל און פיבערדיג שרייבן אַ זכרון דברים.

אָנגעשריבן, האָט ער עס דערלאַנגט דעם שליח פון דער טערקישער רעגירונג און האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר שטאַלצע אויגן איבער די ברילן און האָט דורכגעלייענט:

„בעזה"ש יום ג' לחודש תרנ"ע אהח"מ בין איך זיך מתחיב צו באַצאָלן לר' משה שפּריצער אַ האַלבן מיליאָן קורטאַזש שכר סרסור פאַר דער הלואה, וואָס איך וועל מאַכן אצל הגביר והנדבן מוה"ו יעקב שיף בעד הטערקישער מדינה".

— קורץ און שאַרף! איר פאַרשטייט?

— שפּריצער? ווער איז דער שפּריצער?

— דער רוח ווייסט וואָס! ס'איז אַ טעות! — האָט זיך פאַרכאַפּט דער מעקלער.

גלעקעל האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע אויגן.

— איר פאַרשטייט. מיין פאַמיליע איז אי שפּריצער אי וואַסערשטראָם, איך האָב אַ דאָפּלטע פאַמיליע: „שפּריצער־וואַסערשטראָם", איך וועל עס צושרייבן! — און וואַסערשטראָם האָט צוגעשריבן פון אויבן זיין צווייטן נאָמען.

גלעקעלן אָבער איז דער נוסח ניט געפעלן.

— וואָס הייסט, אַז איך וועל לייען ביי שיפן? איר דאַרפט שרייבן, אַז איר וועט זיין דער מעקלער. אויב איך לײ אָן אייך, קריגט איר גאָרניט.

— געוויס דורך מיר, וואָס דען? איך וועל גיין אויף אייך אָנגעבן? ס'איז דאָך ניט מער ווי אַ זכרון דברים — האָט אים גענאַרט דאָס קליינע אידל און האָט אים געשטופּט די פען אין דער האַנט. — און ווען איר זאָגט מיר נאָר אַ וואָרט, וועל איך אייך ניט גלויבן? אַ גרויסע זאַך אַ צעטעלע! חתמעט און לאָז גאָט געבן, אַז ס'זאָל זיין אין אַ גוטער, מזלדיגער שעה.

גלעקעל האָט ניט חושד געווען, אַז דאָס אידל וויל ביי אים אויסנאַרן אַ דאָקומענט אויף אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, און האָט געחתמעט דאָס צעטעלע.

— ווען־זשע פּירט איר מיך צונויף מיט אייער לאַנדסמאַן? — האָט געפרעגט גלעקעל.

— נאָך היינט! נאָך היינט! איך מוז נאָר ביי אים פריער זיין, אים וויזן דאָס צעטעלע, זיך מיט אים באַוואָרענען שוואַרץ אויף ווייס. איר פאַרשטייט? כע, כע, כע, סוחריש איז סוחריש!

משה וואַסערשטראָם האָט אַריינגערוקט טיף אין קעשענע דאָס צעטעלע מיט אַזאַ געפיל, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען אַ האַלבער מיליאָן דאָלאַר, און געלאַכט אין האַרצן פון דעם יאָלד, וועלכן ער האָט אַזוי קלוג אָפּגעבלאָפט.

גלעקעל האָט זיך דערוויייל אַנגעטאָן, האָט געהייסן דערלאַנגען קאַווע פאַר זיך און פאַר זיין פריינד.

און אַז וואַסערשטראָם מיט דעם האַלבן מיליאָן דאָלאַר אין קעשענע האָט גענומען מישן מיט זיין לעפעל די קאַווע, האָט ער שטאָלץ פאַרוואָרפן דאָס קעפּל און האָט זיך געווענדט צו גלעקעלן:

— ווי געפעלט אייך עפּעס אַמעריקע, פאַניע גלעקעל? אַ וואויל לאַנד, ווי איך בין אַ איד!

גלעקעל-עפּענדי ביי וואַסערשטראָמען צו גאַסט

נאָך דער קאַווע האָבן ביידע פאַרלאָזט דעם האָטעל אַסטאָר און זיינען אַפּגעפאָרן אין אַ געדונגענעם אויטאָמאָביל אויף דער איסט־סייד.

וואַסערשטראָם האָט זיך נאַכלעסיג צעלייגט און האָט מיט אַ פאַר־ריסענעם קאָפּ באַטראַכט און באַוואונדערט אויפן וועג די וואָלקנקראַצערס.

— ווי שיין וואָלט געווען — האָט ער זיך געטראַכט — ווען מלכה מיט די קינדער זאָלן אים איצט זען אין אויטאָמאָביל.

גלעקעל איז געזעסן ערנסט פאַרטראַכט און שווייגנד, ווי אַ יונגער דיפּלאָמיט. פּלוצלינג האָט ער זיך געווענדט צו זיין פריינד:

— קענט איר מיר ניט לייען אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר ביז מאָרגן. איבערמאָרגן? איך וואַרט אויף געלט, טעלעגראַפיש, פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דאָס אידל האָט זיך אַזש אויפגעהויבן פון אָרט.

— מיט פאַרגעניגן! מיט פאַרגעניגן! פאַרוואָס ניט? אַ גמילת חסד, בע, בע, בע! ווער לייעט עס ניט קיין גמילת חסד? מסתמא דאַרפט איר קריגן געלט טאַקע פון אייער דזשאַוויד בעי?

— יאָ, דזשאַוויד בעי — פונוואַנען ווייסט איר?

— וואָס איז דאָ ניטאָ צו וויסן? בע, בע, בע! אַז ער איז פינאַנץ־מיניסטער און ער האָט אייך געשיקט אַהער לייען געלט, דאַרף ער אייך געבן אויף הוצאות.

— יאָ, איר זענט אַ איד, וואָס פאַרשטייט אַן עסק.

— אויב איך פאַרשטיי! בע, בע, בע! איך האָב אָבער ניט ביי זיך. דאָס געלט איז ביי מיין ווייב אינדערהיים. איך וועל אייך שוין מאָרגן אַרויפטראָגן.

גלעקעל האָט אָבער באַדאַרפט דאָס געלט באַלד.

— וואו וואוינט איר?

— איך וואוין אין העסטער סטריט, ניט ווייט פון דער רעדאַקציע.

— וועלן מיר צו אייך צופאָרן — און גלעקעל האָט געהייסן דעם שאָפער פאָרן צו העסטער סטריט.

וואַסערשטראָם האָט זיך שטאַרק דערפרייט; אויף אַזאַ כבוד האָט ער זיך גאָרניט געריכט. צוערשט וועט זיין ווייב און קינדער זען, אַז ער

פּאַרט אין אַן אויטאָמאָביל; צווייטנס, וועט ער זיי ברענגען אַזאַ געהויּ־בענעם גאַסט. אַ קלייניקייט דאָס איז!

— אפשר וועט איר טאָקע אַריינגיין צו אונז אַ ביסל אויף אַ גלעזל טיי, אַ? — האָט ער אומזוכער אַ פרעג געטאָן זיין פריינד.

— מהיכי תיתי, וואָרום ניט!

וואַסערשטראָם האָט אים שיער ניט אַרומגענומען פון פרייד און דאַנקבאַרקייט.

— לאַנג לעבן זאָלט איר! אַ, וועט דאָס זיין אַ גאַסט, אַ גאַסט!

דאָס אידל האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז ער וואוינט ניט פויגלדיג, און גלעקעל קאָן נאָך מיינען, אַז ער איז אַן אָרימאַן. דאָס האָט אים שטאַרק ניט געפּאַסט און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן:

— אַזאַ חזיריי, די העסטער סטריט! איר וועט מיר גלייבן, פאַניע גלעקעל, איך האָב דאָרטן ניט געקענט קריגן קיין אַנטשטענדיגע דירה, האָט מיין ווייב געדונגען דער רוח ווייסט וואָס, פּשוט אַ בזיון פאַר אַ פיינעם מענשן, ווי איך בין אַ איד!

— צו וואָס־זשע האָט איר געדאַרפט העסטער סטריט? ווייניג אַנדערע גאַסן זיינען דאָ אין ניו־יאָרק?

— טאָקע ניט באַדאַרפט! איך האָב געשריגן געוואַלט, אַז איך האָב דערזען דאָס לאָך, וואָס זי האָט געדונגען. איך האָב גאָט צו דאַנקען צו צאָלן פאַר אַ פיינע וואוינונג... נו, האָט זיך מיין ווייב גראָד פאַרגלוסט צו זיצן צווישן אידן, און גייט שרייט חי וקים! איר ווייסט דען, וואָס ווייבער זיינען? ווי גליקלעך איר זענט, פאַניע גלעקעל, וואָס איר קוקט זייערע פנימער ניט אָן!

דערווייל האָט דער שאָפער אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל פאַר אַ קעלער אין העסטער סטריט. וואַסערשטראָם איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַרום זיין טייערן גאַסט.

— קומט, פאַניע גלעקעל! דאָס איז אַ גאַסט! אַ גאַסט!

די טיר פון קעלער האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן די אינג־גערע טאָכטער זיינע. אַז זי האָט דערזען איר פאָטער מיט דעם גאַסט און דעם אויטאָמאָביל, האָט זי אויסגעשריגן פון איבערראַשונג און איז אַוועק אַנזאָגן די בשורה דער מאַמען.

— מלכה! קינדער! זעט וואָס פאַר אַ גאַסט איך האָב אייך גע־בראַכט! — האָט דער פאָטער אויסגעשריגן, שטראַלנדיג פון פרייד.

גלעקעל האָט געשמייכלט און זיך אַרומגעקוקט. באַמערקט, אַז דער קעלער איז געוועזן זויבער און באַלעבאַטיש מעבלירט.

מלכה איז געקומען צו לויפן פון קיך און האָט געווישט די הענט מיטן פאַרטוך.

— קינדער! מלכה! אַ גלעזעלע טיי מאַכט און אַ גוט ביסעלע איינגעמאַכטס — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן וואַסערשטראָם.

— ניין, מיר האָבן קיין צייט ניט, הער וואַסערשטראָם, איך איל מיך אין רעדאַקציע — האָט זיך אָפּגעזאָגט דער גאַסט פון כיבוד.

וואַסערשטראָמס פנים האָט זיך פאַרכמאַרעט.

— וואָס רעדט איר, פּאַניע גלעקעל! איר וועט זיין ביי מיר אין שטוב און ניט נעמען קיין ביסל בראָנפן? און איך וועל עס אייך אַזוי אַט אַרויס־לאָזן פונדאַנען?

מלכה און די קינדער האָבן אים אויך אָנגעהויבן צו בעטן.

גלעקעל האָט געזען, אַז ער וועט זיך שוין אַזוי ניט אַרויסדרייען און האָט זיך גענומען אַראָפּציען זיינע האַנטשו.

— אַט אַזוי! חיה! לאה! שטעלט צום טיש אַ ביסעלע בראָנפן און פאַרבייסן — האָט וואַסערשטראָם באַפוילן די קינדער.

באַלד האָט ער זיך דערמאָנט צוליב וואָס אייגנטלעך האָט זיך גלעקעל ביי אים אָפּגעשטעלט, און ער האָט אָפּגעפירט זיין ווייב אין צווייטן צימער און האָט איר דאָרט איינגערוימט אַ סוד, אַז ער וויל ביי אים אַ קליינעם גמילת־חסד.

מלכהן איז פון דעם סוד פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

— איך וויל ניט געבן! — האָט זי זיך אָנגערופן בייז און קאַטאַגאָריש.

— משוגענע! ביסט פון זינען אַראָפּ! אויף אַ פּאָר טעג — ער קריגט מאָרגן געלט פון טערקיי, פון פינאַנץ־מיניסטער.

— די קעלט וועט ער קריגן און ניט קיין געלט! איך קאָן שוין די חברה!

— יאַכנע! בהמה! אָקס! — האָט זיך דער מאַן געהיצט.

— זאָג, וואָס דו ווילסט און קיין געלט וועל איך ניט געבן, און שוין!...

— וואָס זאָגט איר צו איר! בהמה! אַט האָט ער מיר געגעבן אַ קורטאַזשנע ראַספּיסקע אויף אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, שוואַרץ אויף ווייס... אַזוי ווי ער מאַכט די הלוואה, קריג איך דאָס געלט. גלויב מיר, האָב איך אים אָנגעפייפט!... נאַ, באַהאַלט עס. איך וועל דערפאַר קיין 400,000 דאָלאַר ניט נעמען — האָט געזאָגט וואַסערשטראָם שוין ווייכער און האָט איר דערלאַנגט דאָס צעטעלע.

זי האָט אָפּגעשטופּט פון זיך דאָס צעטעלע מיט כעס און פאַראַכטונג. דאָס האָט אים שוין שטאַרק אויפגעבראַכט.

— אַט שפּאַלט איך דיר דעם קאָפּ, הערסט!? — האָט ער געקריצט מיט די ציין אין פינצטערן צימער — גיב נאָר די שליסל! און באַלד! איך קאָן אַזאַ מענש ניט מביש שטעלן. דזשאָוויד־בעי, פינאַנץ־מיניסטער שרייבט אים „מיין טייערער פריינד" און דו האָסט מורא צו לייען אים 300 דאָלאַר?...

מלכה האָט געזען, אַז ס'וועט איר ניט העלפן, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו דינגען.

— גענוג וועט זיין 100 דאָלאַר! — זאָג, אַז דו האָסט ניט מער!

דער מאַן האָט מיט איר אויסגערונגען אויף 150 און האָט זיי דער־לאַנגט זיין פריינד מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל.

— פאַניע גלעקעל, איך האָב גראָדע נאָר 150 דאָלאַר. מיין געלט איז אין באַנק.

— זאָל זיין דערווייל 150 ... מאָרגן וועט איר מיר געבן נאָך 150 דאָלאַר. נאָר אויף עטלעכע טעג. ביז איך קריג דאָס געלט פון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. — און ער האָט אַריינגעשטופּט דאָס געלט אין קעשענע מיט אַ נאָכלעסיגער מינע.

— אַ גרויסע זאַך! ... ווי גיט מען ניט אַ איד קיין גמילת חסד?

גלעקעל האָט גענומען אַ ביסל בראָנפן, האָט פאַרביסן און האָט זיך באַלד אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און זיך גענומען געזעגענען. וואַסער־שטראָם און די מיידלעך האָבן אים איינגעלאַדן קומען צו זיי עפּעטערס.

— פּרייטאָג־צו־נאַכטס. אַז מיר וועלן דערלעבן, אויף פיש ... אויף פיש! ... — האָט געטאַנצט אַרום אים וואַסערשטראָם. — זע נאָר, מלכה, אַז דו זאָלסט קויפן עפּעס גוטע קאַרפּן! ...

מלכה האָט ברוגז געשוויגן און האָט אים באַגלייט מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס ווינשן דעם טויט.

— מיט פאַרגעניגן! מיט פאַרגעניגן! — האָט געזאָגט גלעקעל, האָט זיך העפלעך פאַר אַלעמען פאַרנייגט און פאַרלאָזט דעם קעלער. וואַסער־שטראָם האָט זיך צוריק אַריינגעזעצט מיט אים אין אויטאָמאָביל און אַלע אינם שבתדיקן בגד און צילינדער־הוט.

די טעכטער האָבן אים באַגלייט מיט באַוואונדערנדע, שטאָלצע בליקן.

— קינדער! זייט אינדערהיים, מיר פאָרן אין רעדאַקציע! — האָט שטאָלץ באַפוילן דער פאָטער, שוין פון אויטאָמאָביל. אוןביידע זיינען אַפּגעפאָרן.

אין דער רעדאַקציע

דער רעדאַקטאָר פון „די נאַציאָן" איז אַרומגעלאָפן איבערן קאַבינעט און האָט פאַרגעניגנד געריבן די הענט. פאַר אים זיינען שוין געלעגן אַלע אידישע צייטונגען מיט די אויספירלעכע ראַפּאָרטן איבער דער „סקאַנדאַ־ליזירטער" פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן. דער סקאַנדאַל האָט אים איצט געפרייט ... קאָמפּלימענטן, ווי „פעיקער", „מאַטעלע גנב" האָבן זיך געשיט פון אַלע זייטן. די קאָנקורענטן האָבן צוגלייך שוין באַפאַלן משה גלעקעל, ווי בייזע, פון אַ קייט אָפּגעלאָזטע הינט.

פאַר אים אָבער, האָבן די זלזולים באַדייט אומזיסטן אַדוועטייזמענט, צירקולאַציע און רווחים ...

שוין לאַנג, אַז די פּרעסע האָט אים אַזוי ניט געזידלט. די לעצטע צייט האָט זי אים פולשטענדיג איגנאָרירט און פאַרשוויגן. פאַר דער געלער, סענסאַציאָנעלער „נאַציאָן" איז דאָס געווען אַ לעבעדיגער טויט. איצט

אבער, אז ער האט געפאקט אזא העכט, ווי גלעקעל, און האט געבראכט דער ציימונג אזא בום, האט ער געוואלט, אז ס'זאל וואס מער געדויערן. און אזוי ווי ער איז ארומגעלאפן און געשמידט נייע סענסאציעס, האט מען אים געמאלדן, אז גלעקעל איז דא.

ער האט אים עמפאנגען מיט פרייד.

— וואס זאגט איר צו אייערע באנדיטן? שעמען מעגט איר זיך מיט אייער פרעסע! — איז ארייננעלאפן גלעקעל צו אים אין קאבינעט מיט א בייז פנים.

— וואס ווילט איר? א געלע פרעסע! — האט אים געענטפערט מילמאן, פארגלאצנדיג די אויגן אין א טיפער פאראכטונג און עמפערונג.

— איך וועל זיי אבער ווייזן ווער משה גלעקעל איז! ביי מיר גייען זיי אין טורמע פאר פארלוימדונג. איר זעט? — האט געשריגן גלעקעל, פאכנדיג מיט דזשאוויד בעיס בריוו.

— רייבט זיי אן א מארדע, אז דער רוח זאל זיי נעמען, — האט אים אונטערגעהאלפן זיין פריינד וואסערשטראם און דערלאנגט דעם רעדאקטאר די האנט, ווי אן אלטן באקאנטן — איך זאג אייך דעם אמת, מיט אונזערע אידן... אוי, איז דאס א פאלק! — האט זיך גענומען קאכן דאס אידל — נעמט צום ביישפיל דעם שגץ, וואס איז אייך נעכטן באפאלן, אזא עזות און אזא חוצפה איז נאך אויף דער וועלט ניט געווען.

מילמאן האט אים שטודירט מיט די אויגן: ווער איז דאס אידל? וואס פלאנטערט ער זיך אונטער די פיס? קאן מען אים ניט אויסנוצן פאר צירקולאציע?

— איר זעט דעם בריוו, ערשט נעכטן פון דזשאוויד בעי... לייענט אים... „מאן שער אמי" — און גלעקעל האט אים דערלאנגט דעם בריוו.

מילמאן האט אים אנגעהויבן צו לייענען און זיין פנים האט אויפגע־שטראלט פון פרייד. ביז איצט האט ער אליין געהאלטן גלעקעלן פאר א ליגנער, א פעיקער, און האט אים אין הארץ קיין ווארט ניט געגלייבט. איצט אבער, האט דער פריינטלעכער און אינטימער בריוו פון טערקישן מיניסטער געווארפן אויפן ליג, ווי מילמאן האט אים אין הארץ גערופן, א שיין פון ערנסט און אמת.

— דעם בריוו וועל איך באלד הייסן אפדרוקן. איך וויל אים פאקסימי־ליע רעפראדוצירן אין אן עקסטרא און וועל הייסן מיין לאיער זיי פארקלאגן פאר פארלוימדונג אין אייער נאמען — האט געזאגט דער רעדאקטאר.

— זא קלעוועטו! זא קלעוועטו! — האט זיך געקאכט וואסערשטראם. מילמאן האט ווידער געכאפט א בליק אויפן אידל און האט אלץ געטראכט, ווי אזוי קאן מען אים עפעס אויסנוצן פאר צירקולאציע...

אין א האלבער שעה ארום זיינען שוין די ציימונגס־אינגלעך געלאפן ווי קליינע שדים פון בייסמענט*), וואו ס'האט זיך געדרוקט די „נאציאן"

*) קעלער.

מיט געשרייען: „עקסטרא! עקסטרא! דזשאַוויד בעים בריוו צו גלעקעל־עפענדי!" „גלעקעל־עפענדי פאַרקלאָגט דעם „סאָציאַליסט" און די „מאָרגן־ציימונג" פאַר פאַרלוימדונג!"

און דער נאָמען פון דעם יונג־טערקישן שלוח צו די פאַראייניגטע שטאַטן האָט זיך ווידער געטראָגן איבער די גאַסן פון דער איסט־סייד, ווי אַ גלאָקנקלאַנג.

די גרויסע באוועגונג

דריטער קאפּיטל

די געבורט פון דער גרויסער באוועגונג

דער רעדאקטאר פון דער „נאציאן” האט זיך שלעכט אויסגערעכנט. די פרעסע האט אויף גלעקעלס דראונג צו פארפירן געגן זיינע פארלוימדער א פראצעס, זיך אפילו ניט אפגערופן. נאטירלעך האט זי פולשטענדיג פארשוויגן דזשאוויד בעיס בריוו און דאס ליארעמדיגע לייט־ארטיקל פון דער „נאציאן” וועגן דעם בריוו, „וועלכער האט קלאר געצייגט — האט מילמאן אנגעוויזן — וואס אונזער פרעסע איז פעאיג אויסצוטראכטן אויף אן ערלעכן מענש און דערצו נאך אזא אינטערעסאנטע פערזענלעכקייט ווי גלעקעל־עפענדי איז, אויב זי האט נאר אן אורזאך צו זיין מיט אים אומ־צופרידן”... אלע צייטונגען האבן זיך אזוי ווי אפגערעדט, אז מ׳זאל די „אידישע נאציאן” און איר „טערקישן אוצר”, ווי זיי האבן גערופן גלעקעל־עפענדי, מער ניט רעקלאמירן און אים פולשטענדיג פארשווייגן.

מר. מילמאן האט אבער ניט אויפגעהערט צו שיסן מיט לייט־ארטיקלען. ער איז פשוט געקראכן אויף די גלייכע ווענט, אבי ארויסצורופן א טומל ארום זיך און מיט דעם טומל שאפן צירקולאציע פאר דער צייטונג.

ער האט אנגעהויבן צו דרוקן רעפארטן וועגן דעם גאנג פון דער גרוי־סער הלואה, כאטש די הלואה איז געשטאנען אויף איין פונקט און האט זיך ניט גערירט פון ארט.

אלץ איז אבער געווען נוצלאז, פונקט ווי מען זאלווארפן ארבעס אין וואנט.

גלעקעלס מעמוארן וועגן דער טערקישער רעוואלוציע האבן אויך ניט געמאכט דעם דערוווארטעטן רושם. ער איז דערצו געווען א שווארער ליטעראט. און די געשטיגענע צירקולאציע האט אנגעהויבן צוריק צו פאלן.

מילמאן איז געווארן אומרואיג און האט זיך געווארפן זוכן נייע סענסאציעס.

דאן האט ער זיך דערמאנט אן דעם מערקווירדיגן מאן מיט די גלחישע האר און מיט דעם אויסדרוק פון א געקרייצטן יעזוס, וועלכער האט אים אזוי אפגעשמיסן אויפן מיטינג אין קופער־יוניאן און וועלכער איז טיף אין הארצן אים דאן דאך געפעלן געווארן. טראכטנדיג וועגן אים און וועגן דעם אינצידענט, האט דער חוש פון דעם צירקולאציע־יעגער דער־שמעקט אין דעם גרינעם עפעס אזוינס אומגעוויינלעכס און פיקאנטעס, אן ארט סענסאציע, וועלכע מען וואלט געקענט אויסנוצן. אייגנטלעך איז דאס געווען נאר א מין אינטואיציע, א געפיל אן א באשטימטער פארשטעלונג...

פונדעסטוועגן האט ער ארויסגעשיקט א פאר דערפארענע יאגד־הינט,

צוויי רעפּאָרטערס, אים פאַר יעדן פּרייז אויפזוכן, אינטערוויואירן און זען, צי קאָן מען אים ניט אויסנוצן...

און די רעפּאָרטערס זיינען געקומען אויף זיינע שפּורן, האָבן אים אויסגעפונען אין האָטעל אַסטאָר, וואו גלעקעל האָט פאַרנומען גרויסע צוויי צימערן, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ טערקישן פינאַנץ־אַגענט.

באַגאַבאַרען אָבער האָט זיך קאַטעגאַריש אָפּגעזאָגט זיי צו עמפּאַנגען. די רעפּאָרטערס זיינען געבליבן שטאַרק אַנטוישט.

דאָס אָבער, וואָס ער שטייט איין אין זעלבן האָטעל וואָס גלעקעל. דער פאַקט, וואָס זיי זיינען ביידע געקומען מיט איין שיף, האָט די רעפּאָר־טערס איבערצייגט, אַז זיי מוזן זיין באַפריינדעט. זיי האָבן זיך דערפאַר געווענדט צו גלעקעל־עפענדי, אַז ער זאָל זיי פאַרמיטלען אַן אינטערוויו ביי דעם מאַן. גלעקעל האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר זיין פריינדס אינקאָגניטאָ און האָט זיך קאַטעגאַריש דערפון אַנטזאָגט. ער האָט דערקלערט, אַז דער מאַן איז אים פולשטענדיג פרעמד און ער קאָן וועגן אים גאָרניט זאָגן.

גלעקעלס טאָן האָט אים אָבער פאַרראַטן און האָט די רעפּאָרטערס איבערצייגט אין היפך...

דאָס האָט, נאַטירלעך, נאָך מער פאַרגרעסערט זייער אינטערעס צו דעם פּאַרשוין... דער רעדאַקטאָר אַליין איז שוין געווען זיכער, אַז דער גרינער, וואָס האָט אים אַזוי אויסגעשפּאָט אין קופּער־יוניאָן, איז שוין ניט אַבי־ווער, נאָר עפּעס אַ גדול און דערצו נאָך אַ מין נעלם און עפּעס אַ גרויסע סענסאַציע...

* * *

דערפאַר איז וואַסערשטראָם געוואָרן אין דער רעדאַקציע פון דער „נאַציאָן" אַ גאַנצער בן־בית.

אָנגעהויבן האָט זיך עס נאַטירלעך פון דעם מאַטעריאַל, וועלכן ער האָט געזאַמלט איבער די מעשים תעתועים פון די שיפס־קאָמפּאַניעס, מיט וועלכע מילמאַן האָט פאַרשפּראָכן אין קופּער־יוניאָן צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. דאָס אידל האָט אים איבערגעגעבן דעם ברודיגן בויגן פּאַפּיר מיט די הונדערטער חתימות פון די עמיגראַנטן, מיט אַ פייערלעכן און שטומען שטאָלץ, געקוקט אַ ווײַלע דעם רעדאַקטאָר אין פּנים אַריין און געזאָגט:

— נאָט און רייבט זיי אָן אַ מאָרדע, אַז זיי זאָלן מיך אייביג געדענקען!

מילמאַן האָט זיך ווייניג וואָס געפרייט מיט דעם ברודיגן בויגן פּאַפּיר. פונדעסטוועגן האָט ער אים ווידער צוגעזאָגט צו קעמפן, פון דאַן אָן פלעגט שוין דאָס אידל אַריינקומען אין רעדאַקציע יעדן טאָג מיט עפּעס אַ נייעם פּלאַן, ווי אַזוי צו העלפן די אידן אין רוסלאַנד, אָדער ווי אַזוי אָפּצוהיטן אידישקייט שוין דאָ אין אַמעריקע. דאָס לעצטע האָט אים אינטערעסירט מער ווי דאָס ערשטע, און ער האָט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן צוליב דעם

צוועק פארשידענע חברות, ווי „שומרי שבת", „תומכי תורה", „מחזיקי הדת".

מילמאן האט די ערשטע צייט מיט דעם „טיפ" גערן פארבראכט, ווי מיט אן אנטיק, באלד אבער איז ער אים נמאס געווארן און ער האט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע קונדסים — זאלן זיי אים אויסנוצן פאר א פעליעטאן. דעם קאמף אבער מיט די שיפס־קאמפאניעס האט ער ניט אויפגענומען, ווי ער האט פארשפראכן דעם עולם אין קופער־יוניאן, און האט דאס אידל געפירט און גענארט. ער האט אבער באלד באקומען פון די שיפס־קאמפאניעס נאך גרעסערע רעקלאמעס...

* * *

אין א פאר טעג איז דעם רעדאקטאר איינגעפאלן אין קאפ אריין אזא אידעע: ער וועט נעמען גלעקעל־עפענדי מיט דער רויטער יארמולקע און וועט אים פירן אין זיין אויטאמאביל אלס א רעקלאמע איבער די גאסן פון דער איסט־סייד און איבער גרעיטער ניו־יארק. ער האט נאר באדויערט, וואס גלעקעל־עפענדי טראגט ניט קיין ברייטע הויזן מיט א טורבאן, ווי די עכטע טערקן, וואס ווערן געמאלן אויף געוויסע שילדן...

אויפן צווייטן טאג האט ער שוין אפגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט פון זיין צייטונג א גרויסן, פעטן קאפ: „אונזער טייערער גאסט גלעקעל־עפענדי, דער אין ניו־יארק ווייליגדער פינאנץ־אגענט פון דער טערקישער רעגירונג וועט היינט 3 אזייגער בייטאג פארן מיט דעם רעדאקטאר פון דער „נאציאן" אנקוקן די איסט־סייד און זיך באקענען מיט איר, מיט אירע שולן און צדקה־אנשטאלטן".

צו דער באשטימטער שעה האט ער זיך אריינגעזעצט מיט דעם טערקישן שליח אין זיין אייגענעם אויטאמאביל.

וואסערשטראם האט אויך ניט געפעלט...

דאס אידל האט זיך ניט אויפגעהערט צו פלאנטערן אונטער גלעקעלס פיס און האט שוין ניט אפגעלאזט דעם טערקישן שליח פון די אויגן, אויס פחד, אז ער זאל חלילה ניט מאכן די גרויסע הלואה אן אים און אים ניט אנפייפן... גלעקעל האט אים אויך ניט אויסגעמידן. דערפאר האט ער ביי אים געליען די צווייטע 150 דאלאר — אינאיינעם שוין 300 דאלאר.

דעם שאפער האט מען געהייסן פארן פאוואליע, אז אלע אידן זאלן זיי קענען אנקוקן.

גלעקעל מיט דער פעסקע האט זיך נאכלעסיג צעלייגט אין אויטאמאביל, ווי א יונגער פאשא, אפילו דעם רעדאקטאר אליין האט עס שטארק אימפאנירט...

דער טערק מיט דעם גוט־באקאנטן זשורנאליסט און כלל־טוער האבן באלד צוגעצויגן די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. אידן מיט לאנגע בערד, פרויען מיט קינדער־וועגעלעך האבן זיך אפגעשטעלט און נייגעריג נאכגע־

קוקט. ס'איז געווען א געלונגענע רעקלאַמע. זיי האָבן אָנגעקוקט א פּאָר שולן, א כשרע מקוה פאַר ווייבער... דערמיט האָט מילמאַן דעמאָנסטרירט פאַרן גאַסט אַמעריקאַנער אידישקייט און שטאָלצירט מיט איר... בשעת מעשה איז גלעקעל געווען איבערצייגט, אז דאָס, וואָס דער רעדאַקטאָר ציינט אים די שולן און ער קוקט זיי אָן, איז עס זייער וויכטיג סיי פאַר די ניו־יאָרקער אידן און סיי פאַר אים אַליין. אז מען פירט אים ארום אַלס א רעקלאַמע פאַר דער צייטונג — האָט ער ניט חושד געווען. ווייטער זיינען זיינע געדאַנקען סתם פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן גאַנץ ווייט...

די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, דער פריינטלעכער געשפּרעך מיט א באַרימטן רעדאַקטאָר, דער טראַסק און ליאַרם פון דער הויכבאַן האָבן געשאַפן ארום אים א נייע אַטמאָספערע, אַזאַ, וואָס איז געווען באַשאַפן פאַר זיין באַוועגלעכן, רוישענדן טעמפּעראַמענט, ווי דאָס וואַסער פאַר א פיש.

דער מונטערער רויש פון דער גרויסער שטאָט מיט דעם אידישן קאָליר פון די גאַסן האָט געגאָסן קוראַזש און קאַמף־לוסט אין זיינע אָדערן און די געדאַנקען זיינע זיינען געלאָפן נאָך שנעלער פון דער הויכבאַן.

— אָך, ווען איך זאָל געווען קומען אַהער צוריק מיט פופצן יאָר! — האָט אויסגעשריגן גלעקעל מיט א פאַרקלערטער, באַגייסטערונג.

— וואָס וואָלט געווען? — האָט אים נייגעריג געפרעגט מר. מילמאַן.

— וואָס וואָלט געווען? איך וואָלט געווען א מיליאָנער, איינער פון די, וואָס בויען אייער געשיכטע. איך וואָלט געשפּילט אין דעם מערקווירדיגן לאַנד פון אוממעגלעכע מעגלעכקייטן א גרויסע ראָל. ווייסט איר, וואָס איך האָב מורא — האָט לעבהאַפט אויסגערופן גלעקעל — אז די צוקונפט פון אונזער פאָלק ליגט אָט דאָ, אין אַמעריקע!

— וואָס־זשע האָט איר מורא? — האָט אים איראָניש געפרעגט מילמאַן. דער אויסדרוק „אוממעגלעכע מעגלעכקייטן" איז אים אָבער שטאַרק געפעלן געוואָרן אַלס א טעמע פאַר אַן אַרטיקל.

גלעקעל האָט אים צוגעוואָרפן א שטרענגן, באַליידיגטן בליק.

— איך? אַלס ציוניסט? איך זאָל ניט מורא האָבן? כאַ, כאַ, כאַ!

פּלוצלינג איז אים געוואָרן שווער צו זיצן אין אויטאָמאָביל. ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט אַרויסשפּרינגען, אַרומכאַפּן עטלעכע אידן מיט לאַנגע בערד, זיי קושן און מיט זיי טאַנצן, און איבערהויפּט לויפן און ליאַרמען גלייך מיט די הויכבאַנען.

— מיין גאָט! — האָט אויסגעשריגן גלעקעל — פאַרוואָס בין איך ניט געבוירן געוואָרן אין דעם מערקווירדיגן לאַנד. — מילמאַן האָט זיך דערפיל געשמייכלט מיט דעם „מערקווירדיגן לאַנד". ער האָט באַלד פאַרטראַכט א צווייט לייט־אַרטיקל מיט א גרויסן קאָפּ, „דאָס מערקווירדיגע לאַנד".

גלעקעל־עפענדי האָט זיך נערוועז אויפגעהויבן אין אויטאָמאָביל.

— איך קאָן ניט פאָרן! קומט, לאָמיר גיין! — האָט ער זיך גע־וואַנדט צום רעדאַקטאָר.

מילמאַן האָט געהייסן דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן, זיי זיינען אַלע אַרויס און האָבן זיך געלאָזט געאָרעמט גיין דורך די רוישנדע גאַסן פון דער איסט־סייד. זיי זיינען געגאַנגען לאַנג, פאַרטיפט אין אַ לעבעדיק געשפּרעך.

וואַסערשטראָם איז זיי נאָכגעלאָפן און זיך געדרייט אונטער די פיס, ווי אַ הינטל. פאַרטיפט אין זייער געשפּרעך, האָבן זיי אין אים פאַרגעסן.

אָבער וואָס לענגער זיי זיינען געגאַנגען און זיך מער צוגעקוקט צום לעבן פון דער איסט־סייד, צו די שמוציגע גאַסן, וועלכע זיינען געווען פאַר־שטעלט מיט וועגעלעך פול מיט אַלערליי סחורות, פון זויערע אוגערקעס און פּאָמידאָרן ביז גאַלאַנטעריע און צירונג, צו די שטיינערנע הייזער מיט די פייער־לייטערס באַהאַנגען מיט וועש און עקלהאַפט, שמוציג בעטגעוואַנט און האָבן אויסגעזען, ווי שטיינערנע קעסטלעך, געפּאַקט מיט לעבעדיגע סחורה; וואָס מער זיי האָבן אַריינגעקוקט אין די שמוציגע קעלערס און געזען דאָס ענגע און געשטיקטע לעבן פון דער אָרימער אידישער מאַסע — דעם גאַנצן קיבוץ גליות מיט אַלע זיינע פאַרשידענע אַקצענטן און ניואַנסן, אַלץ מער איז גלעקעלס פּנים געוואָרן פאַרכמורעטער און טרויעריגער.

דאָס אידנטום — האָט ער געזען — לעקט אין דעם פרייען לאַנד אויך קיין האָניג ניט און פירט אַ שווערן לעבנס־קאַמף.

אַ מיטלייד צו די פאַרשוואַרצטע און פאַרהאָרעוועטע פּנימער האָט געקלעמט זיין האַרץ און טרערן זיינען אַרויסגעטרעטן אין זיינע אויגן.

מיטאַמאָל אָבער האָט זיין פּנים אויפגעשטראַלט און ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט. ווי אַ בליץ איז אונטער דעם טראַסק און ליאַרם פון די הויכ־באַנען ביי אים פּלוצלינג געבוירן געוואָרן אַ נייע אידעע, אַ גראַנדיעזער פּלאַן, איינער פון די, אויף וועלכע נאָר אַזאַ מענש און פּראָיעקטן־מאַכער ווי גלעקעל איז געווען פעאיג.

— האָט איר נאָך פריי אומבאַזעצט לאַנד אין אַמעריקע? — האָט ער געפרעגט דעם רעדאַקטאָר מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— גענוג! אין דרום ווי אין מערב! מען גיט די ערד אומזיסט.

מילמאַן האָט זיך ווידער דערפילט שטאָלץ און געשמייכלט, אַזוי ווי די גאַנצע אומבאַזעצטע ערד וואָלט באַלאַנגט צו אים.

— פאַרוואָס זאָלט איר אָבער די אַלע אידן ניט צעשפּרייטן? פאַר־וואָס זאָלט איר ניט מאַכן פון אָט די קליינע הענדלערס פאַרמערס און ערד־אַרבעטער?

דער צירקולאַציע־יעגער האָט אויפגעשטעלט זיינע אויערן ווי אַ יאַגט־הונט.

— פאַרוואָס זאָלט איר אין אייער צייטונג ניט אָנהייבן קיין גרויסע „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג? — האָט אים שוין שטרענג געפרעגט גלעקעל.

— צוריק צו דער נאַטור? צוריק צו דער נאַטור? וואָס מיינט איר דערמיט מר. גלעקעל?

— צוריק צום לאַנד! צו פרישער, ניט פאַרפּעסטעטער דאָרפס־לופט! מאַכט פון אידן פאַרמערס, ערד־אַרבעטער! — האָט גלעקעל־עפּענדי שוין צו אים געשריגן פּאַטעטיש, געשטיקט און געוואָרגן פון זיין גרויסן פּלאַן.

דער רעדאַקטאָר איז געבליבן שטיין אַן איבערראַשטער.

מילמאַן האָט אַריינגעצויגן די לופט אין דער נאָז און האָט מיטאַמאָל געכאַפּט מיט וואָס ער שמעקט גלעקעלס גרויסער פּלאַן...

ווירקלעך! דער פּלאַן איז דאָך געווען אַזוי מאָדערן און גאַרניט אַזוי פאַנטאַסטיש. ווי איז עס אים אַליין אין קאָפּ ניט געקומען? וויפיל לייט־אַרטיקלען האָט ער שוין געשריבן, אַז מען זאָל די ניו־יאָרקער אנדערטהאַלבן מיליאָן אידן צעשפּרייטן איבערן לאַנד. די אנדערטהאַלבן מיליאָן אידן האָבן שוין געשטאַכן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק די אויגן און פאַרשאַפט זאָרג די רייכע יהודים און כלל־זאָרגער.

— יו אַר עי מען און גרעיט אידיעס, מאַי דיער פרענד! (איר זענט אַ מאַן פון גרויסע אידעען) — האָט מילמאַן אַנטציקט אויסגערופן און האָט זיך גענומען אין מיטן גאַס שטאַרק דריקן זיין האַנט.

אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט; גלעקעל אַ טריומפירנדער און גליקלעכער פון דער „גרעיט אידיא". מילמאַן האָט אָבער אין דער זעלבער צייט פאַרפאָלגט דעם לויף פון זיינע אייגענע געדאַנקען, וואָס זיינען געפלויגן ווי דער צוג איבער זיין קאָפּ רוישיג און טומלענדיג...

— קומט שנעל אין רעדאַקציע! — האָט פייערלעך, כמעט בייז, אויסגערופן מילמאַן, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דער גליקלעכער און גרויסער פּלאַן זאָל ניט אַנטלויפן פון זיינע הענט. ער האָט אַ וואונק געטאָן דעם שאָפער, און אַלע האָבן זיך צוריק אַריינגעזעצט און זיינען אָפּ־געפאָרן אין דער רעדאַקציע פון דער „נאַציאָן".

דאָרט האָט מילמאַן צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער אַ רעפּאָרטער זיינעם.

— אָלל־ראַיט, סער! — האָט געענטפערט אונטערטעניג דער רעפּאָר־טער און איז פאַרשוואונדן.

ביידע האָבן זיך גענומען רעדן פונם גרויסן פּלאַן אַרומלויפנדיג איבערן רעדאַקטאָרס קאַבינעט, צעפלאַמטע פון דער נייער און גרויסער באַגייסטע־רונג. אין געוויסע מאָמענטן האָט זיך מילמאַן אויך געקענט באַגייסטערן, אָדער שפּילן די ראָל פון אַ באַגייסטערטן, און פלעגט אויפפלאַקערן, ווי אַ פוסטער פייערוועדק.

וואַסערשטראָם האָט ביידע אָנגעקוקט פון אַ ווינקל מיט די אויגן פון אַ הונט, וועלכער היט די באַוועגונגען פון זיינע באַלעבאַטים, ווייסט אָבער נאָך ניט וואָס צו טאָן, וואָס וועלן זיי אים באַפעלן.

באַלד האָט דער רעדאַקטאָר אַרויסגעפירט גלעקעלן אויפן באַלקאָן פון

דער רעדאַקציע און דאָרט האָבן זיי ביידע פאַרטגעזעצט זייערע פאַנטאַזיעס און גענומען באַאַרבעטן דעם גרויסן פּלאַן. גלעקעל האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל שוין מיט אים פאָרן צו שיפן.

— ער וועט אייך געבן וויפיל איר ווילט! — האָט ער פאַרזיכערט זיין פריינד.

און מילמאַן האָט דערין ניט געצווייפלט. ער האָט איינפאַך געציטערט פון איבערהאַפּטער אויפרעגונג. ער האָט אין זיין לאַנגער זשורנאַליסטישער קאַריערע שוין געשטיצט אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע באַוועגונגען.

די איסט־סייד אָבער האָט אים די לעצטע צייט אויפגעהערט צו גלייבן. דאָס האָט ער גוט געוואוסט. דערפאַר האָט די לעצטע צייט זיין ציימונג פאַרלוירן איר מאָראַלישן פּרעסטיזש און אויך צירקולאַציע. כדי זי אינגאַנצן ניט פאַרלירן, האָט ער זיך אָנגעהויבן וואַרפן אויף די ביליגסטע און שונד־אַרטיגסטע סענסאַציעס און די ציימונג איז געוואָרן געלער ווי אַלע אַנדערע.

און איצט האָט ער געכאַפּט אַזאַ פּראָיעקטן־מאַכער מיט אַזוינע גרויסע אידעען — אַן אוצר... ער וועט דאָך צוריק אויפהייבן דעם קאָפּ, דעם הויכן מאָראַליש־פּאַטעטישן טאָן. געבלאָזטער פּאַטאָס, פייערווערק איז געווען זיין טאָן, זיין זשורנאַליסטישער סטיל...

באַלד האָבן זיך אונטן אין גאַס אַרום הויז אָנגעהויבן צו זאַמלען אַ קליינער עולם. אידן האָבן זיך נייגעריג אָפּגעשטעלט, האָבן פאַרריסן די קעפּ און געקוקט אויפן טערק, די נייגעריגע האָבן, ווי געוויינלעך, אָפּגע־שטעלט און צוגעשלעפּט צו זיך נאָך נייגעריגע. און ס'איז ניט אַוועק־געגאַנגען קיין 15 מינוט, ווי אַרום דער „נאַציאָן" איז שוין געשטאַנען אַ גרויסער עולם, ס'זיינען באַלד געקומען צו לויפן פּאָליסלייט.

אַזוי ווי אונטן האָבן שוין טעטיג געאַרבעט מילמאַנס אַגענטן, האָט דער עולם פּלוצלינג אָנגעהויבן צו באַגריסן דעם רעדאַקטאָר און גלעקעלן מיט דער רויטער יאַרמולקע. „ספּיטש! ספּיטש!" — האָט מען באַלד אָנגעהויבן שרייען אונטן אין גאַס.

גלעקעל האָט אויפגעציטערט, ווי אַ קאַוואַלעריע פערד, וואָס דערהערט מיליטער־מוזיק.

— מר. גלעקעל! דאָס פאָלק פאַרלאַנגט, איר זאָלט צו אים רעדן! — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר און האָט טעאַטראַליש און פּאַטעטיש אָנגע־וויזן אויפן פאָלק.

— וואָס זאָל איך רעדן?

— רעדט פון אייער „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג. ס'וועט זיין אַ גרויסע באַוועגונג און וועט שאַפן אַ נייע, גרויסע עפּאָכע אין לעבן פון אַמעריקאַנער אידנטום. איך שטעל אייך מיין ציימונג און מיין פעדער צו דינסט. מיך לייענען אַ האַלבער מיליאָן אידן! — האָט אויסגעשריגן מילמאַן שוין גאַנץ היסטעריש און האָט זיך געכאַפּט ביים האַרץ, ווי כסדר, ווען ער פלעגט אַריינפאַלן אין פיבער פון געבלאָזטן פּאַטאָס.

— ספיטש! ספיטש! — האָט שוין אומגעדולדיג געשריגן דער עולם־גולם. די „תאוה" צו דעם „ספּיטש", איז ביי אים געוואַקסן, ווי עפּעס צו א גוטן מאכל...

גלעקעל האָט פּלוצלינג דערפּיל דעם „פּולס פון דער געשיכטע", זיין מעכטיג קלאַפּן און רופן... ווי ס'נענטערט זיך צו אים א נייער, גרויסער און מעכטיגער שטראָם פון ענערגיע און קאַמפּס־לוסט, האָט ער דערפילט, און ווי דער שטראָם כאַפּט אים אויף זיינע כוואַליעס און טראָגט אים שוין לייכט ווי א שפּענדל און וויגט אים אזוי פיבערהאַפּט־זיס און קאָפּ־שווינדלענדיג...

דער עולם איז געוואַקסן פאַר זיינע פאַרנעפּלטע, פייכטע אויגן, ווי אין א חלום, און האָט געשטערקט צו אים די הענט ווי צו א משיח און האָט געשריגן: „ספּיטש! ספּיטש!"

א היילינער עקסטאַז האָט אָנגעצונדן זיין בלוט, זיין אָטעם און ער האָט פון דעם באַלקאָן פון דער „נאַציאָן" געהאַלטן זיין צווייטע פייערדיגע און היסטאָרישע רעדע צו זיינע „טייערע אמעריקאַנער ברידער" און האָט פּראָקלאַמירט די גרויסע „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג... פאַר אים איז דאָס ניט קיין באַוועגונג, א צווייטער יציאת מצרים איז דאָס געווען...

און אזוי ווי ער איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן און האָט גערעדט מיט דעם גאַנצן גלוט פון זיין נשמה, האָבן הינטן, אין קעלער, די קאַלטע, אייזערנע מאַשינען פון דער „נאַציאָן" שוין געדרוקט, און ווידער מיט גרויסע אותיות, אַן עקסטרא, א שרייענדע און ליאַרמענדע עקסטרא.

און ווען דער פאָלקס־פירער און רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָן" האָט נאָך געהאַלטן די צווייטע פּאַטעטישע רעדע נאָך גלעקעלן, לויבנדיג אים, זיך און זיין צייטונג, זיינען שוין די צייטונגס־אינגלאַך געפלויגן, ווי א מחנה איבערגעשראָקענע קראָען, איבער די גאַסן און האָבן געשריגן און געליאַרמט:

„גלעקעל־עפּענדי! צוריק צו נאַטור! אידן ווערן פאַרמערס!"

די עקסטרא האָט מיט שרייענדיגע אותיות דערציילט, אַז דער גרויסער ציוניסט און טערקישער פינאַנץ־אַגענט אדרעסירט פון דעם באַלקאָן פון דער „נאַציאָן" אַן עולם פון 30,000 מאַן און לייגט דעם יסוד פון דער גרויסער „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג; אַז דער גרויסער אידישער נאַציאָנאַליסט פּלאַנט צו גרינדן א גרויסע אגראַר־באַנק, וואָס זאָל יעדן פּושקאַרד־פּעדלער געבן די מעגלעכקייט צו ווערן א פאַרמער, אַז די אגראַר־באַנק וועט גרינדן אידישע קאָלאָניעס אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, אַז די סימפּאַטיע פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג און די שטיצע פון די פינאַנץ־מאַגנאַטן איז געזיכערט, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער...

און אָט אזוי איז געבוירן געוואָרן די גרויסע „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג.

און ווידער האָט זיך דער נאָמען „גלעקעל־עפּענדי" געטראָגן איבער אַלע גאַסן פון דער איסט־סייד, ווי דער נאָמען פון א פאָלקס־העלד. די איבעריגע

אידישע פּרעסע איז געוואָרן אומרואיג און שוין געשאַרפט אויף אים בייזע ציין. זי האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט, ווי אַזוי אָראָפּצושליידערן דעם פּריש־אויסגעבאַקענעם פאָלקס־העלד פון דעם הויכן פּיעדעסטאַל, וואָס די „נאַציאָן" און איר רעדאַקטאָר האָט אַזוי שנעל און ביליג פאַר אים אויפגעבויט. ערשטנס האָט ער געשאַפן דער ציַיטונג צירקולאַציע און פאַרשטייט זיך אויפן רעכנונג פון דער איבעריגער פּרעסע; צווייטנס האָט ער אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט, דעם אַפּלאָדיסמענט פון אַלע איבעריגע רעדל־פירער צו זיך אַליין. ווי אַקטיאָרן האָבן זיי עס אים ניט געקענט פאַרגינען און מוחל זיין . . .

זיי האָבן אויפגענומען דעם בום פון גלעקעל־עפענדי פאַר אַ פּערזענ־לעכע באַליידיגונג. פונדעסטוועגן האָבן זיך אַלע ציַיטונגען אַזוי ווי אָפּגעע־רעדט, מען זאָל דעם טערק ווייטער פאַרשוויַיגן, אים ניט אַטאַקירן, כדי אים ניט מער צו רעקלאַמירן.

גלעקעל אַליין אָבער האָט גאָרניט חושד געווען, אַז ער האָט ביי עמעצן געקענט אַרויסרופן אייפערזוכט און בייזע געפילן.

פאַר אים איז אַמעריקע דערשינען ווי אַ לאַנד, וואָס איז באַוואוינט ניט פון מענשן, נאָר פון גוטע מלאכים.

האָבן זיי, די מלאכים, אים ניט געגעבן קיין גרויסאַרטיגן קבלת פּנים אין קופּער־יוניאָן? היינט די אויפנאַמע, וואָס ער האָט באַקומען פון דער „נאַציאָן" אַליין? די שטיצע פון איר איידעלן רעדאַקטאָר?

אין זיינע אויגן איז מילמאַן געווען דער גרויסער אידעאַליסט, דער גרעסטער, וואָס ער האָט אַמאָל געזען, אַ מענש פול מיט איידעלער באַגייס־טערונג פאַר טובות הכלל און פאַר די דערהויבנסטע צילן אין לעבן און דערצו נאָך אַ געניאַלער זשורנאַליסט.

דער גרויסער כבוד, וועלכן ער האָט איבערגעלעבט און די אויפמערק־זאַמקייט האָט באַטרונקען זיין מוח, און אין דעם מוח האָט זיך גאַנץ אַמע־ריקע איצט אָפּגעשפּיגלט, ווי אַ ליכטיגער, ליאַרעמדיגער און אומרואיגער, אָבער פריינטלעכער גן־עדן, אין וועלכן ער האָט זיך ממש פאַרליבט.

און ווען ניט די ערשטע געליבטע זיינע, ארץ ישראל און טערקיי מיט די יונג־טערקן, וועלכע ער האָט שוין געשוואוירן אייביגע ליבע, וואָלט ער פאַרבליבן אין דעם גרויסן לאַנד פון די גרעסטע אוממעגלעכע מעגלעכקייטן אויף אייביג.

ערשט דאָ, אין אַמעריקע, וואָלט זיין שאַפנדער גייסט פאַרווירקלעכט די גרעסטע און אוממעגלעכסטע זאַכן.

יאָ, ווען ניט די ערשטע ליבע! — האָט מאַלאַנכאָליש געטראַכט גלעק־קעל־עפענדי — ער האָט אָבער יעדן געדאַנק פון אומטרייהייט און פאַראַט געטריבן פון זיך ווי עפּעס אומווירדיגעס... ווען ער קאָן שטיין מיט איין פוס אין אַמעריקע און מיט דעם צווייטן אין ארץ ישראל, זיין אי דאָ אי דאָרט, וואָלט געוויס גוט געווען. אַזוי ווי אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך.

האָט ער נאָר געקענט אַמעריקע באַוואונדערן, ווי אַ פאַרליבטער האָט דאָס רעכט צו באַוואונדערן יעדע שיינהייט...

און ער האָט די שיינקייט באַוואונדערט. באַזונדערס די לויפנדע הויכ־באַנען, וועלכע האָבן סימבאָליזירט דעם גאַנצן אַמעריקאַנישן גייסט און האַרמאָנירט מיט זיין אייגענעם אויפגערעגטן צושטאַנד. און שטונדן לאַנג פלעגט ער ציללאָז זיך לאָזן טראָגן פון די הויכבאַנען און פון דער אונטער־ערדישער באַן פון איין עק שטאָט צום צווייטן און שלינגען אין זיך איר ברויזענדן רויש און ליאַרעם, ווי גוטן און קרעפטיגן וויין. ווי שטאַרקער וויין פלעגט אים דער ליאַרעם באַטרינקען, גיסן אין זיינע אָדערן אַ מונטערן, ליידנשאַפטלעכן באַגער, קאַמפּס־לוסט און שאַפונגס־דראַנג.

דאָ, אין די לויפנדע עלעוויטערס, האָט די פאַנטאַזיע זיינע געאַרבעט מיט דעמזעלבן טעמפּ, מיט וועלכן זיי אַליין זיינען געלאָפן; אין מוח פלעגט געבוירן ווערן איין פּלאַן גראַנדיעזער פאַרן צווייטן; גראַנדיעז ווי די שטאָט אַליין, וואָס איז געלעגן צעוואָרפן, ווען מען האָט זי אַנגעקוקט פון די פענצטער פון אַ לויפנדן צוג.

אויך נאָך דער היסטאָרישער רעדע אויפן באַלקאָן פון דער „נאַציאָן", וואו ער האָט פּראָקלאַמירט די גרויסע „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַן עלעווייטאָר און האָט זיך געטראָגן עטלעכע שטונדן פון איין עק שטאָט צום צווייטן און געטרונקען מיט אַ פולער ברוסט איר באַטויבענדן ליאַרעם. דערנאָך האָט ער גענומען אַן אויטאָמאָביל און זיך געלאָזט טראָגן איבער די באַלעבטע און ברייטע גאַסן, אָן אַ ציל. — ער האָט עס געדאַרפט פאַר זיין געדאַנק־לויף, ווי אַ גרויסער פידל־שפּילער אָדער זינגער דאַרף דעם אַקאָמפּאַנאַמענט.

טראָגנדיג זיך אין אויטאָמאָביל, האָט זיך גלעקעל דערמאָנט אַן באַגאַ־באַרעצן און איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון אָרט...

זיין פריינד איז דאָך געווען דער ריכטיגער מענש פאַר דער גרויסער באַוועגונג און ער וועט אים אויסנוצן!...

צוערשט וועט ער אים צוציען צו דעם גרויסן פּלאַן, דערנאָך וועט ער דאָס אידיש־נאַציאָנאַלע צוציען צו דעם גרויסן, נאָך בלאָנדזשענדן משומד און אויסהיילן זיין קראַנקן גייסט פון דער טראַגישער פאַרגאַנגנהייט און אים געבן אַ ציל אין דער צוקונפט, — אַ טאָפּלטער זיג! און גלעקעל האָט גע־היילן דעם שאָפער פאָרן צום האָטעל אַסטאָר, וואו זיינע פריינד האָבן נאָך געוואוינט גלייך מיט אים...

גלעקעל האָט זיך ניט אָפּגענאַרט.

באַגאַבאַרעץ האָט אויסגעהערט און אויפגענומען זיין פריינדס נייעם פּראָיעקט מיט זיין געוויינלעכער שווערער אָבער געשפּאַנטער אויפמערק־זאַמקייט.

ערשט ווען ער האָט פונאַנדערגעוויקלט דעם פּראָיעקט פאַר זיין פריינד,

האָט זיך גלעקעלס פאַנטאַזיע נאָך מער צעשפּילט, און דער פּראָיעקט האָט אָנגענומען נאָך אַ גראַנדיעזערע פאָרם, וועלכע האָט שוין געשמעקט מיט אַ פולשטענדיגער סאָציאַלער רעוואָלוציע פונם גאַנצן אַמעריקאַנער לעבן. די רעוואָלוציע האָט הויפּטזעכלעך געדאַרפט אָנרירן די פאַרפעסטעטע קאַפּי־טאַליסטישע שטעט. באַזונדערס דעם גרויסן גיהנום — ניו־יאָרק. ער איז געווען דער געגנזאץ פון גלעקעלן; האָט די ליאַרמענדע ריזן־שטאָט געגאָסן אין גלעקעלס ברוסט מוט און שאַפונגס־דראַנג; האָט זי אים, דעם דיכטער, פולשטענדיג אונטערדריקט און צעחושט מיט איר אייביגן ליאַרעם, וועלכער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שטיל ווינקעלע פאַרן געדאַנק. געהאַסט האָט ער די אומגעלומפּערט־גרויסע און גראָטעסקע אַרכיטעקטור. דער גייסט זיינער איז די גאַנצע צייט, זינט ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק, געווען, ווי געפאַנגען צווישן די וואָלקנקראַצער און געלעמט. אַלע טרוימען פון אַ ניי לעבן, פון אַ נייער צוקונפט האָט אים אויסגעזען לעכערלעך אין דעם גיהנום. באַפרייאונג פון דער שטאָט וואָלט באַדייט פאַר אים אַ נייע דערלייזונג. דערצו איז באַגאַ־באַרעץ געווען אַ טאָלסטאָוויעץ און אַן אמת־זוכער, ווי דער גרויסער רבי זיינער.

גלעקעלס פּלאַן „צוריק צו דער נאַטור“ איז דערפאַר געווען ווי געמאָסטן פאַר זיין גייסטיגן צושטאַנד און פאַר זיינע נייגונגען. ס׳איז אים נאָר פאַרבליבן צו באַוואונדערן זיין פריינד, זיין שאַפענדן, רייכן גייסט...

גלעקעל איז נאָך גרעסער אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן, און באַגאַ־באַרעץ האָט שוין צו אים אַרויפגעקוקט, ווי צו אַ גרויסן מאַן און לערער, וועמען ער איז געווען גרייט נאָכצוגיין, וואוהין ער זאָל אים ניט פירן.

און נאָכדעם, ווי ער האָט לאַנג געשפּאַנט אַ פאַרטראַכטער הין און צוריק איבערן צימער, אַ שפּאַנען, וואָס איז געווען תמיד פאַרבונדן מיט גרויסע ליידן פאַר זיין בלאַנד בערדל, וואָס ער פלעגט אומבאַרמהאַרציג צופּן און רייסן, האָט זיך באַגאַבאַרעץ אָפּגעשטעלט פאַר זיין דערשעפטן, אָבער מיט ענטוזיאַזם נאָך לייכטענדן פריינד, האָט אים דערלאַנגט פייערלעך די האַנט און האָט אים געזאָגט מיט זיין געשטיקטער שטימע:

— מיין ליבער פריינד, אַזאַ גרויסע זאַך בין איך תמיד גרייט צו דינען מיט לייב און זעלע.

מאַרוסיאַ האָט די גאַנצע געשיכטע בייגעוואוינט, ווי אַ קאַלטער און גלייכגילטיגער עדות. דאָס מאָל איז זי פאַר גלעקעלס גרויסער אידעע עפּעס ניט באַגייסטערט געוואָרן. אין אירע אויגן האָט זיך געלויכטן אַן איראָנישער שמייכל, אָבער איר אייגנטימלעכער רוסישער שמייכל, וועלכער האָט מער באַוואונדערט די רייכע אידישע פאַנטאַזיע, ווי זי אויסגעשפּאָט.

אַז דער מאַן האָט זיך אָבער פולשטענדיג איבערגעגעבן אין גלעקעלס הענט, האָבן זיך אירע אויגן מיטאַמאָל אָנגעצונדן מיט אַן אייפערזיכטיגן

פּלאַם. מאַרוסיאַ האָט פּלוצלינג דערפילט אין דעם „זשיד" אַ געפאַר פאַר זיך און פאַר איר מאַן.

פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אין איר האַרץ באַזעצט אַן אומרואיקייט, אַ זויגנדע אײַפערזוכט... גלעקעל איז איר געוואָרן אַנטיפּאַטיש. זי האָט אָבער באַקעמפט דאָס געפיל, ווי זי האָט תמיד געקעמפט מיט אירע שלעכטע געפילן צו אידן... דער קאַמף האָט איר כסדר פאַרשאַפט פיל ביטערע און אומרואיגע מינוטן אין לעבן... זי האָט זיך דערפאַר באַמיט צו זיין מיט גלעקעלן נאָך פריינטלעכער, ווי פריער.

די נייע געזעלשאַפט

מילמאַן האָט שוין געהאַט אַ לאַנגע דערפאַרונג אונטער זיך, ווי אַזוי אַנצוהייבן באַוועגונגען.

די „נאַציאָן" האָט באַלד אַנאָנסירט, אַז דורך די פּראָמינענטסטע אידן אין לאַנד ווערט געגרינדעט אַ „צוריק צו דער נאַטור"-געזעלשאַפט. די נעמען פון די פּראָמינענטסטע מענער האָט זי פאַרשפּראָכן באַקאַנט צו מאַכן אין דער עפנטלעכקייט אַ ביסל שפּעטער און האָט צוגעזאָגט, אַז די נעמען וועלן זיין אַ גרויסע סענסאַציע פאַר דעם אַמעריקאַנער אידנטום. די לעזער פון דער „נאַציאָן" האָבן עס באַלד אויסגעטייטשט, אַז מילמאַן מיינט עס אוודאי שיפּן וכדומה, און ס'האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. די געזעלשאַפט האָט באַלד צעשיקט צירקולאַרן און בריף. צוערשט צו די גדולים פון דער אידישער וועלט. צו אַלע ראַבאַים פון לאַנד. צו די פּראָמינענטע יהודים און פינאַנץ-מאַגנאַטן. דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו די קריסטלעכע גדולים, צו קאָנגרעסלייט, סענאַטאָרן און מיניסטאָרן. זי האָט פאַרבונדן די באַוועגונג מיט דער גאַנצער עמיגראַציאָנס-פראַגע, האָט איר געגעבן אַ פּאָליטישע באַדייטונג און האָט פאַרלאַנגט פון די גדולים מיינונגען און הסכמות, וואָס האָבן אויך ניט פאַרפעלט צו קומען אפילו פון פּרעזידענט מיט זיינע מיניסטאָרן. ס'האָט גערעגנט מיט בריף און תשובות.

די תשובות האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צו דרוקן אין דער „נאַציאָן", אויף דער ערשטער זייט און נאַטירלעך מיט פעטע אותיות.

דער אידישער לעזער, וואָס איז על פּי נאַטור אַ גרויסער סקעפּטיקער און אַ מבטל, האָט זיך דאָס מאָל דווקא אַ וואָרף געטאָן אויף דער נייער „פיעטשור"*) מיט אָפענע מיילער און ברייט געעפנט באַוואונדערטע אויגן...

— ווייזט אויס, אַז דער גלעקעל-עפּענדי איז דאָך עפּעס ניט קיין איינגעלע! דער פּרעזידענט אַליין און זיינע מיניסטאָרן זיינען מסכים אויף זיינע פּלענער! אַ קליינוקייט דאָס איז! די זאַך האָט שוין געשמעקט מיט ערנסט. ניט מיט קיין בלאָף.

לעת עתה איז די צירקולאַציע פון דער „נאַציאָן" מיטאַמאָל אַזוי גע־

*) אַ נייע אַפּטיילונג.

שטיגן, אַז ביים רעדאַקטאָר האָט זיך דערפון דער קאָפּ פאַרדרייט און ער אַליין האָט שוין אָנגעהויבן צו גלייבן אין דער נייער עפּאָכע...

צירקולאַציע איז ביי דעם זשורנאַליסט געוואָרן די מאָס פון אַלע ווערטן... צוליב דער געשטיגענער צירקולאַציע איז שוין אים אַליין די „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג פאַרגעקומען אַלס אַן ערנסטע זאַך. די אידעע און דער אויטאָר פון איר, די וויכטיקייט און גרויסקייט פון ביידע זיינען געוואַקסן אין זיינע אויגן מיט דער צירקולאַציע...

קיין וואונדער, אַז מילמאַן, וועלכער איז געווען ווייט פון אַ דזשענטעל־מאַן, האָט באַהאַנדלט דעם טערקישן שליח מיט ווייסע און זיידענע הענטש־קעס... ער האָט גלעקעלן ממש געבלאָזן די טריט ווי אַ לאַקיי, אים געהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, און האָט אים געגעבן אַ גמילת חסד איידער ער האָט נאָך געבעטן. ער האָט אים באַצאָלט אַ שיינעם האָנאָראַר פאַר זיינע טערקישע מעמואַרן אין דער צייט, ווען אין הלכות האָנאָראַר איז דער רעדאַקטאָר ניט געווען שטאַרק פריגיביג... גלעקעל אַליין האָט גענומען די טשעקס און זיי געשטופּט אין די קעשענעס מיט אַ נאָנשאַלאַנטער גלייכגילטיקייט פון אַ מענש, וואָס נעמט פון צווייטן אַ סיגאַרעטל.

נאָר איין זאַך האָט פאַרפינסטערט מילמאַנס שמחה: זיינע קאָנקור־רענטן האָבן נאָך אַלץ געשוויגן, ווי זיי וואָלטן אָנגענומען וואַסער אין מויל און פאַרשוויגן אים און די נייע באַוועגונג. ס'האָט אים כמעט איבערראַשט.

דאָס איז געווען אַ דראַענד שווייגן און ער האָט דערפאַר פאַר דעם זיך מער געשראָקן, ווי פאַר זייער קריטיק. פריער איז ער געווען זיכער, אַז די פּרעסע וועט אויפהייבן אַ טומל געגן אים און דעם פּראָיעקט. ס'וועט זיך אָנהייבן אַ רייסעריי מיט זלזולים און צונעמענישן, קורץ, דאָס וואָס די איסט־סייד רופט פּאַלעמיק... און ער האָט איצט ליידנשאַפטלעך באַגערט די פּאָלעמיק. ערשטנס איז פּאָלעמיק אַ גוטע רעקלאַמע און סגולה צו ציר־קולאַציע: אידן האָבן ליב צוצוקוקן, אַז מ'זידלט און מ'רייסט זיך. צווייטנס האָט דער זשורנאַליסט סתם ליב געהאַט פּאָלעמיק, ווי אַן איידעלער ריטער דאָס פעכטן. קאַמף, ליאַרעם איז געווען זיין סטיכיע, זיין צווייטע נאַטור... אַזוי איז ער געווען אין זיין שרייבן, אַזוי אויף דער עפנטלעכער פּלאַטפאָרם, אין זיינע רעדעס.

אַך, ווי ער וואָלט זיך איצט אָפּגערעכנט מיט אַלע זיינע אַלטע און נייע געגנער! גראָדע האָט ער איצט געהאַט אין זיין זשורנאַליסטישן אַרסענאַל אַזוינע וויציק־געשמידטע פראַזן, ווערטער און צונעמענישן פאַר יעדן געגנער באַזונדער. די געגנער אָבער זיינען, ווי אויף צו להכעיס, שטום געוואָרן! גיי שריי חי וקים!

* * *

ס'איז אָבער ניט אַוועקגעגאַנגען קיין צוויי וואָכן און די געזעלשאַפט־לעכע מיינונג איז געווען פולשטענדיג באַאַרבעט פאַר דער גרויסער באַוועג־

גונג. די פּראָמינענטסטע מענער פון לאַנד האָבן פאַרזיכערט זייער וואַרימס־טע סימפּאַטיע צו דער באַוועגונג און פאַרשפּראָכן מאָראַלישע שטיצע. אייניגע ענגלישע צייטונגען האָבן איר געשענקט זייערע לייט־אַרטיקלען און האָבן באַצייכנט גלעקעל־עפענדי אַלס דעם שעפער פון דער באַוועגונג און דעם אינטערעסאַנטסטן אידישן טרוימער פון אונזער צייט.

דאָס האָט געמאַכט זיין נאָמען ביי די אידן נאָך וויכטיגער און גרעסער. אויך מילמאַן האָט דעם קרעדיט פון דער גאַנצער באַוועגונג געגעבן אים, ווען אַפילו מיט אַ ציין־קריצעניש. ווי האָט ער עס אים געקענט פאַרגינען? די איפערזוכט פון כלל־טוער און אַקטיאָר האָט שוין גענאַגט אין זיין ברוסט, ווי אַ פאַרצערנדער בראַנד. ער האָט אָבער געמוזט אַליין אָפּלאָדירן דעם צווייטן אַקטיאָר אַלץ שטאַרקער און העכער... ער איז דערצו געווען געצוואונגען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיין רעפּוטאַציע איז שוין אַביסל אונטערגענעצט. און פּראַקטישער וועט זיין, אַז ער וועט בלייבן הינטער זיין רוקן און דער גרעסטער איד פון דער געגנוואַרט וועט זיין דער פירער און ניט ער.

אַז גלעקעל־עפענדי אַליין האָט אַלץ גענומען ערנסט, אי דעם גרויסן פּלאַן זיינעם אי די גרויסע שבחים, וואָס ער האָט געהערט אַרום זיך — איז קיין צוויפל ניט... אין זיין נאַיוון גלויבן אין זיך און אין זיינע גראַנדיעזע פּלענער איז דער מאַן ווירקליך געווען גרויס.

ער האָט זיך אַריינגעטאָן אין דער באַוועגונג מיט לייב און זעלע, ווי זיין טעמפּעראַמענט האָט עס תמיד פאַרלאַנגט, אַזוי, אַז ער האָט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן די 100 מיליאָן, אָן זיין טערקיי און אָן די פריערדיגע גרויסע פּלענער, ווי די פאַראייניגונג פון איסלאַם מיטן יודאַאיזם — קורץ, אָן זיין גאַנצער שליחות.

סיי ווי סיי האָט וואָל סטריט אויף דער גרויסער הלואה אַפילו זיך ניט אָפּגערופן.

די וואָל סטריט־אַגענטלעך און טונקעלע סוביעקטן, וועלכע האָבן זיך אין די ערשטע וואָכן געדרייט אַרום אים, ווי מוסקיטן אין אַ זומער־אָוונט, זיינען ביסלעכווייז צערונען און פאַרשוואונדן געוואָרן. מיט קיין וויכטיגער פינאַנץ־מאַכט האָט זיך דער טערקישער פינאַנץ־אַגענט בכלל ניט באַגעגנט. מילמאַן האָט אים מיט שיפן אַלץ ניט געקענט צוגויפּירן... קיין תירוצים האָבן נאַטירלעך ניט געפעלט. דאָ איז שיף קראַנק, און דאָ איז ער אין דער סאַוט, אין אייראָפּע. זיינע אַלע פּלענער פלעגן ביי אים אָבער קיינמאָל ניט אָפּשטאַרבן. ער פלעגט זיי אויף אַ ווײַלע נאָר אָוועקשטעלן אין אַ זייט, און אַזוי פלעגן זיי זיך ביי אים זאַמלען און באַרייכערן זיין נשמה ווי קונסט־שאַצן ווערן געזאַמלט אין אַ מוזעאום. איצט האָט גלעקעל געהאַפּט זיך צו באַקענען מיט דעם גרויסן באַנקיר דורך דער „צוריק צו דער נאַטור"־באַ־וועגונג, פאַר וועלכער ער האָט דערוואַרט פון שיפן די גרעסטע סימפּאַטיע

און שטיצע און האָט געגלייבט, אַז נאָך זייער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט וועט ער לייכט קריגן די 100 מיליאָן.

וואַסערשטראָם האָט נאַטירלעך אויך ניט געקראָגן קיין ענטפער אויף זיין לשון קודש־אידישן בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו שיפן, און אויך אויף די אַנדערע, וועלכע ער האָט ניט אויפגעהערט צו שרייבן צום „כבוד הגביר, הנדיב הגדול, למדן ומופלג גדול בתורה". זיין פריינד גלעקעל האָט ער אָבער ניט אויפגעהערט צו נאַרן און פאַרשפּראָכן אים, אַז אָט־אָט פירט ער אים צונויף מיט דעם אויסגעטראַכטן לאַנדסמאַנס שוואָגער, וואָס איז ביי קוהן, לאָעב ענד קאָמפּאַניע דער גאַנצער קאָך־לעפל.

גלעקעל האָט אָנגענומען זיינע תירוצים פאַר תורת־לאָקשן, אָדער ער האָט זיך סתם ניט־וויסנדיג געמאַכט און געשוויגן. דערפאַר האָט ער געכאַפּט ביים אידל נאָך אַ הונדערטער אַ גמילת חסד. געלט האָט ער כסדר געדאַרפט: דאָס לעבן אין אַסטאָר האָטעל האָט ניט געקאָסט ביליג. היינט אויטאָמאָבילן? דאָס האָט פאַרלאַנגט דער פּרעסטיזש פון אַן אָפיציעלן פינאַנץ־אַגענט. דזשאַוויד בעי האָט זיך ניט געאיילט און האָט נאָך אַלץ ניט געשיקט קיין פעני זיין פריינד. אינאיינעם איז ער אים שוין שולדיג געווען אַ גאַנץ פאַרמעגן — 400 דאָלאַר!

נאַטירלעך האָט מלכה געוואוסט נאָר פון 150 דאָלאַר. דאָס איבעריגע האָט ער גענומען פון דער באַנק אָן איר וויסן, בשתיקה. ווען זי וואָלט געוואוסט, וואָלט זיך דאָס אידל באַדאַרפט אויפהענגען, זיך לעבעדיגערהייט באַגראָבן.

וואַסערשטראָם האָט אָבער ווייניג וואָס געזאָרגט וועגן דעם, אַפילו ניט איבערגעטראַכט. — „אויך מיר אַ הלואה, האָט ער דען ניט געהאַט פון זיין בעל־חוב אַ צעטל אויף אַ האַלבן מיליאָן קורטאַזש?"— די 100 מיליאָן האָבן ביי אים ניט אויפגעהערט צו זיין 100 מיליאָן. ער האָט קיין רגע אין זיי ניט געצווייפלט. איצט, ווען גלעקעל איז געוואָרן דער גרעסטער איד פון דער צייט, מיט אַזאַ גרויסן נאָמען, אַז אַפילו די ענגלישע צייטונגען שרייבן פון אים און דרוקן זיינע בילדער, — נאָך מער ווי פריער.

היינט איז צוגעקומען דאָס „נייע עסק", ווי וואַסערשטראָם האָט גע־רופן די „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג. מען וועט קויפן לאַנד און באַ־זעצן דאָרט אַלע אידן! ער אַליין וואָלט זיך גערן באַזעצט עפּעס אויף אַן אייגענעם שיינעם מאַיאָנטעקל, מיט אייגענע בהמות, פערד, מיט אַ גערטנדל און אַ שטיקל וואַלד. וואָס איז דאָ בעסערס און טייערערס פון ערד, פון אַן אימעניע, צו זיין אַ פּאָמעשטשיק, ווי פּאַניע גנב אין רוסלאַנד?

אַזוי פלעגט ער הויך פאַנטאַזירן פאַר מלכהן און באַזונדערס פאַר דער עלטערער טאָכטער, וועלכע איז געווען דער גרעסטער בר־דעת אין הויז.

יאָ, גלעקעלס קרעדיט איז ביי אים געווען פעסט און גרויס, און ער איז אים נאָכגעלאָפן ווי אַ געטרייער, איבערגעגעבענער הונט. זיך גע־

פלאנטערט און געשטופּט איבעראל, גערוישט און געליאַרעמט, גלייך מיט אים און מיט מילמאנען. און אזוי ווי ער האט גערוישט, איז ער געוואקסן אין מילמאנס אויגן און אין די אויגן פון זיין בעסטן פריינד, גלעקעל־עפּענדי.

אלס א שרייענדע און ליאַרעמענדע נאטור האט מילמאן געהאט רע־ספּעקט נאר פאר שרייערס ווי ער און גרעסערע פון אים. די לעצטע האט ער באוואונדערט און זיך באמיט זיי נאך צו טאן, זיי איבערשרייען...

ער האט שוין אויפן אידל ניט געקוקט ווי אויף א העלד פון א פּעליע־טאן. די נאיווע פּרעכהייט פונם קליינשטעטלדיגן יאַבעדניק האט סתם אפּגעשטעלט אויף זיך די אויגן און דעם געדאנק, געצוואונגען, אז מען זאל אים אויסהערן.

וואסערשטראם האט שוין דעם רעדאקטאר אימפּאנירט! ווייטער האבן גלעקעל און מילמאן זיך דערוואוסט און טאקע פון אים אליין, אז ער איז אין רוסלאנד געווען א גרויסער פּאסעסאר און וואלד־סוחר, און אין די יונגע יארן — א פּארוואלטער ביים גראף פּאטאצקי אליין.

דאס אידל האט גערעדט דערפון מיט אזוינע איינצלהייטן, אזוי אפּט און באגייסטערט, אז זיי האבן אים געמוזט גלייבן...

וואסערשטראם האט זיי פארזיכערט, אז פאַרן „נייעם עסק", וואס זיי האבן אויסגעטראכט, איז ער דער ריכטיגער מענש, דער אמתער יודע נגן און קאן זיי ברענגען אמתע נוצן. ראשית איז ער אין הלכות עבודת אדמה דער אמתער מומחה און פּראקטיקאנט.

— איר גלייבט ניט? פרעגט דעם גראף פּאטאצקי פון מיין שטעטל! נאך בחורווייז בין איך געווען ביי אים א „זשאנד", דאס הייסט א פּארוואל־טער איבער פינף פאלווארקן און האב נאך אין אמאליגע אלטע צייטן, ווען אן עמער בראנפן האט געקאסט א קאפּיקע, גענומען 1,500 רובל א יאר זשאלאוואניע מיט תבואות און אלעם גרייטן, קורץ, מיט הכל־אשר־בכל... 1,500 רובל א יאר אין יעקאטערינעס צייטן! איר פארשטייט, וואס דאס איז! אויב איך פארשטיי עבודת אדמה? א שיינע פראגע דאס איז, כע, כע, כע!... לאזט מיך נאר צו צום פּסוק, וועל איך אייך, יאלדן, ווייזן, וואס עבודת אדמה, מיט בוראקעס, מיט פלאנטאציעס הייסן. כע, כע, כע!...

און מילמאן האט אים אויסגעהערט און האט זיך געטראכט: „וואס זאגט איר צו דעם אידל? גאר ניט קיין שפּעטנע מענשל, כ'לעבן!" און תוך כדי דיבור זיינען טאקע ביים אידל געבוירן געווארן אייגענע אידעען און פּלענער.

— ראשית זאל מען קויפן א מאיאנטעק נאר מיט א טייך. וויינציגסטנס מיט אן אזערע. — א מאיאנטעק אן וואסער איז ניט ווערט קיין קאפּעקע! איך, משה שפּריצער, מיין איך, וואסערשטראם, גיב ניט פאר אים קיין פּירער!

— און אז איר קויפט אזא מאיאנטעק מיט וואסער, נעם איך זיך אונטער צו פלאדיען דארט פיש, עכטע רוסישע קארפּן פון קארפּנלאנד.

אזוינע ווי אונזער גראפינע, די פאטאטשיכע פלעגט פלאדען אין אירע טייכן, און איז אפגעשיט געווארן מיט גאלד פון זיי.

— יא, מיט אוצרות גאלד, זאל איך אזוי לעבן! איך זאל אזוי דער־לעבן מיין לאהן פירן צו דער חופה! — ס'איז ביי מיר א גוטע, הייליגע שבועה.

— אט די קארפן וועט מען פירן קיין ניו־יארק, געפאקט אין קוישן מיט אייז! איך טאקע אליין וועל זיי פאקן און פירן, יא! יא!

— און אידן איז בלא עין הרע דא גענוג אין ניו־יארק, ניט צו פארזינ־דיגן, — א קליינקייט אביסל! און די אלע אידן דארפן פיש אויף שבת, יא! יא!

— און דער טייך וועט מער איינטראגן וויפל די מילך מיט פוטער, יא! יא! פרעגט מיך, משה שפריצער!

— שא, איר גלייבט ניט? ווייסט איר גאר וואס? גיט מיר עם אפ אין ארענדע... איך גיב אייך בלי ראיה מיט פארמאכטע אויגן צוויי טויזנט דאלאר א יאר... שא! ווייסט איר וואס, פאניע רעדאקטאר? נאט אייך פיר טויזנט דאלאר! און אזוי ווי איך האב דאנקען גאט א שיינע פאר דאלאר אין באנק, לויף איך שוין און ברענג אייך זאלאג. וויפיל ווילט איר ביי מיר זאלאג, א? נאר א קאנטראקט אויף פופצען יאר, אנדערש לוינט מיר ניט, וואס? צוגעקלאפט?

— איך בין א מענש א ריזיקאנט, און ווי אזוי איר קוקט מיך אן, האב איך פונדעסטוועגן מיך אין לעבן ניט גענארט און האב געהאט מזל און ברכה בכל אשר יפנה, וואוהין איך האב זיך געקירעוועט, — האט געשטופט וואסערשטראם זיין האנט, צאפלענדיג נאכן געשעפט. מילמאנען אבער איז פון אידלס באגייסטערטע פלענער געווארן מיטאמאל קאלעמוטנע אויפן הארצן און ער האט זיך דערפילט זייער אומרואיג... די גרויסע נאיוויטעט פונם אידעל האט מיטאמאל באלויכטן די נאיוויטעט פון גאנצן „בעק טו נעיטשור פלאן". די אילוזיע, וועלכע האט זיך ביי אים אליין שוין גע־שאפן, איז פלוצלינג צערונען געווארן, ווי א וואלקן, וועלכער איז צעריסן און געטריבן פון ווינט... אי דאס אידל, אי דער פלאן זיינען מיטאמאל אים פארגעקומען אלס א בלאף און האבן אים געמאכט נערוועזער און גע־ערגערט, ער איז שוין געווען גרייט וואסערשטראמען ארויסצוטרייבן...

יא, אזוי ווייט איז דאס שוין געקומען, גלעקעל־עפענדי האט אבער דאס אידל גענומען ערנסט, זייער ערנסט און האט אים פארזיכערט, אז מען וועט עס פעסט באטראכטן, איילן דארף מען זיך ניט און מ'טאר ניט, — ס'איז דאך דערפאר א כלל־זאך און ניט קיין פריוואטע אנגעלעגנהייט.

— איר וועט אבער נאטירלעך האבן די חזקה על פי דיני דבעל מצרא.

— ניט אזוי, מר. מילמאן? — האט אים פאטעטיש פארזיכערט גלע־קעל־עפענדי און מיסטער מילמאן האט פאטאקעוועט:

— בלא ספק! מר. וואסערשטראם וועט האבן די חזקה... — אבי פטור צו ווערן פון דער פליג, וועלכע האט אזוי געזשומעט אין זיינע אויערן.

ער האט אבער געטראכט, צי קאן מען ניט איינפירן עפעס אזא „פיטשור" אין דער צייטונג, אז מען זאל קענען דאס אידל אויסנוצן פאר צירקולאציע. באוועגט פון דעם געדאנק אים אויסצונוצן, האט ער דאס אידל איינגעלאדן, ער זאל אויסארבעטן נאך אנדערע פלענער און העלפן דער באוועגונג מיט זיין פראקטישן חוש און מיט זיין אגריקולטורעלער דערפארונג.

* * *

און וואסערשטראם האט זיך ניט געלאזט בעטן און האט געבראכט אין דער „צוריק צו דער נאטור"-באוועגונג ארגאניזאציע א פלאן נאך א פלאן, איינעם גרעסער פונם צווייטן.

די פלענער האבן אים אבער געקאסט פיל שלאפלאזע נעכט, וואס פלעגן זיין בייזע אידענע דערצערנען מער ווי אלץ. ער פלעגט זיך גאנצע נעכט דרייען אויף דעם סקריפענדן בעט און איבעררייסן איר לייכטן שלאף.

— דו וועסט אמאל אנטפאפן ווערן, צי ניין? — פלעגט אויף אים קריצן מיט די ציין זיין ווייב.

— ס'שלאפט זיך עפעס ניט, נארעלע, — פלעגט איר ווייך ענטפערן איר מאן.

און אז גלעקעל-עפענדי האט באזוכט נאך א פאר מאל זייער קעלער און האט פארזוכט מלכהס שבתדיגע פיש און פריינטלעך גערעדט מיט זייער עלטערער טאכטער, וואס האט פארמאגט א פאר גרויסע שווארצע אויגן, האט וואסערשטראם באשלאסן ביי זיך, אז גלעקעל-עפענדי וועט זיין זיין איידעם און פארטיג. ער האט אין דעם געזען באשיינפערלעך דעם אויבערשטנס ווילן... גאט אליין האט עס אומישנע אזוי געפירט דערצו... ער האט עס נאך דיזעלבע נאכט אנטפלעקט זיין ווייב און האט זי געפרעגט ווי געפעלט איר דער שידוך.

— פון וואנען ווייסטו, אז ער איז נאך א בחור? — האט אים בייז געפרעגט מלכה.

— וואס דען איז ער, נארעלע? ווען ער זאל ניט זיין קיין בחור, וואלט איך דאך מיט דיר ניט גערעדט וועגן אים — האט איר ווייך באמערקט וואסערשטראם.

מער אבער האט ער טאקע שוין פון דעם חתן ניט גערעדט, ווייל ער האט אויף א טשיקאוועס אויפן צווייטן טאג געפרעגט גלעקעלן, צי איז ער שוין באווייבט אדער נאך א בחור, און גלעקעל האט אים געענטפערט, אז ער האט אין קאנסטאנטינאפאל א ווייב מיט צוויי קינדער און האט זיך טאקע דערמאנט, אז ער דארף איר שיקן געלט...

וואסערשטראָמען האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן און לאַנג געערגערט, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרלוירן מיטאַמאָל אַ גרויס פאַרמעגן.

אַז ער האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז דער טערקישער קרוב למלכות הייסט אויך משה און על פּי דין קאָן אַ משה שפּריצער, ווי ער איז געווען, ניט נעמען קיין משה גלעקעל פאַר אַן איידעם, איז אים דאָס האַרץ אָפּגע־גאַנגען און ס'האָט אים שוין מער ניט פאַרדראָסן, וואָס גלעקעל האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער.

די מרגלים

ס'איז אוועקגעגאַנגען עטלעכע וואָכן. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג וועגן דעם „נייעם עסק", ווי שפּריצער האָט גערופן די „צוריק צו נאַטור"־באַוועגונג, איז שוין געווען פולשטענדיג באַאַרבעט, הסכמות און גליק־וואונשן פון די גרעסטע קריסטן און אידן פון לאַנד פאַר דער נאָבעלער זאַך איז אָנגעקומען אַזוי פיל, אַז דער אידישער עולם איז שוין מיד געוואָרן זיי צו לעזן.

די נעמען אָבער פון די אידישע פינאַנץ־מאַגנאַטן, וועלכע זיינען צו־געשטאַנען צו דער באַוועגונג זיינען פון דער „נאַציאָן" נאָך אַלץ ניט אַנט־פּלעקט געוואָרן, און מילמאַן האָט זיי נאָך אַלץ געהאַלטן בסוד און האָט געסטראַשעט מיט זיי זיינע לעזער. דער אמת איז געווען, אַז ער און גלעקעל האָבן זיך אָפּגענאַרט אין זייער רעכנונג. די רייכע יהודים האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין סימפּאַטיע פאַר דער באַוועגונג, צושטיין צו איר האָבן זיי זיך ניט געאיילט.

אפילו באַגאַבאַרעץ, וועלכער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער אידעע מיט באַגייסטערונג און האָט דערזען אין איר זיין צוקונפט, איז באַלד פון איר אָפּגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער, אַז גלעקעל האָט אים געוואָלט צונויפ־פירן מיט מר. מילמאַן. דער מאַן האָט געהאַט אַן אינסטיקטיוון ווידערווילן, אַן אַבערגלויבישן פּחד פאַר דעם זשורנאַליסט. דער פּחד איז פיליכט געווען פאַרבונדן מיט דעם שלעכטן, אומגעלומפּערטן חלום, אין וועלכן מיל־מאַן האָט אים צוגענאַגלט צום קרייץ. איצט איז דער נאַרישער חלום אים פון קאָפּ ניט געגאַנגען, הגם ער האָט אין האַרץ געלאַכט פון אים און אים באַקעמפּט.

באַגאַבאַרעץ האָט באַלד דערשמעקט דעם ריכטיגן ריח פון דער „גרוי־סער באַוועגונג", וועלכע מילמאַן האָט אַריינגענומען אין זיינע הענט. גלע־קעל־עפּענדי האָט אָבער פיל געקעמפּט מיט זיין פריינדס פאַראורטייל געגן דעם רעדאַקטאָר און פאַרזיכערט אים, אַז מילמאַן איז אַ גרויסער אידעאַליסט.

— באַג ס'נים!... — האָט געזאָגט איין מאָל פאַר אַלעמאָל באַגאַ־באַרעץ און האָט מער ניט געוואָלט וויסן פון דעם גרויסן אידעאַליסט.

און אַזוי איז די „צוריק צו דער נאַטור"־געזעלשאַפט נאָך אַלץ באַ־

שטאַנען פֿון דעם טערקישן פינאַנץ־אַגענט, גלעקעל־עפענדי, אַלס פּרעזידענט, דעם רעדאַקטאָר פֿון דער „נאַציאָן" אַלס סעקרעטאַר, פֿון דעם איסט־סיידער באַנקיר פֿון די שניידערס אַלס טרעזשורער*), פֿון פּאַטאַצקיס פּאַרוואַלטער, משה וואַסערשטראָם און נאָך אַ פּאָר אַזוינע פּערזענלעכקייטן.

מילמאַן האָט גוט געוואוסט, אַז מיט די פּערזענלעכקייטן וועט זיך די באַוועגונג ניט רירן פֿון אָרט. דער בום איז אָבער געווען צו גרויס, גיין צוריק האָט מען שוין ניט געקענט ... און אַזוי ווי ער פּלעגט תמיד איבער־כאַפּן די מאָס, פּלעגט ער זיך שוין ניט קענען אָפּשטעלן און פּלעגט מוזן גיין ווייטער, צו אַן אַלץ גרעסערער אומגעלומפּערטקייט. מען האָט געמוזט ווייטער בומען און די „נאַציאָן" איז אַרויס מיט אַ נייעם בום, אַז די „צוריק צו נאַטור"־געזעלשאַפט גייט שוין זוכן פּאַסנדע לענדער. אַ נייעם כנען פֿאַר איר פֿאַרווירקלעכונג.

באַלד האָבן זיך אויף דעם בום אָפּגערופֿן אַ מאַסע אידישע פּאַרמערס פֿון גאַנץ יונייטעד סטייטס. זיי האָבן פֿאַרגעשלאָגן צו פֿאַרקויפֿן זייערע פֿאַרמס בחצי חינם ...

פֿון די בריף, וואָס די „נאַציאָן" האָט באַקומען, האָט מען גע־קענט זען, אַז די אידן ציט פֿון דער פֿרישער לופֿט צוריק אין געטאָ.

די בריף זיינען געווען אַ בייזער שפּאָט פֿון דער גאַנצער באַוועגונג. מילמאַן און גלעקעל־עפענדי האָבן זיך פֿאַרשעמט און אַזוי ווי שטומערהייט אָפּגערעדט, אַז מ'זאָל זיי פֿאַרשווייגן ... און מ'האָט זיך אויף די בריף ניט אומגעקוקט און ווייטער געליאַרעמט ... און אַזוי ווי קיין לאַנד פֿעלט ניט אין אַמעריקע, האָט מען עס באַלד געפֿונען און דווקא ניט ערגעץ אין דעם וויטן מערב אָדער דרום, נאָר גאַנץ נעאַנט, — צוויי שטונדן רייזע פֿון ניו־יאָרק מיט דעם האַדסאָן ריווער, אין די קעטסקיל בערג.

די נאָענטקייט פֿון אַזאַ גרויסער שטאָדט, ווי ניו־יאָרק איז שוין אַליין געווען אַ גרויסע מעלה.

ווייטער איז דאָס געווען אַן אויסערגעוויינלעכע מציאה, פֿינף טויזנט אַקער לאַנד מיט וואַלד און מיט אַ וואַסער צו פֿופֿצן דאָלאַר אַן אַקער.

דאָס לאַנד איז אַפֿילו באַשטאַנען פֿון שטיינערנע בערג, אָבער וואָס איז פֿופֿצן דאָלאַר אַן אַקער? בחצי חינם, קורץ — אַ מציאה, אַדער באַרגעין, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע.

וואַסערשטראָם האָט אַפֿילו מזהיר געווען, אַז מען זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז ביז ער וועט עס ניט זען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווייסט ער ניט, צי עס איז אַ מציאה.

— איך האָב שוין געזען, ווי אַזוי דער אָדעסער כאַריק האָט אין יאָר 1900 געקויפֿט 20 טויזנט דעסאַטין ערד מיט וואַלד אין פּאַלעסיע און האָט אויך צוגעלייגט די הויזן צו זיי און ער, דער גרויסער כאַריק אַליין, האָט במחילה געמוזט אַנזעצן און נאָך ווי אַזוי אַנזעצן! דער סוף איז געווען,

*) שאַצמייסטער.

אז ער איז געשטאָרבן אין טורמע. יאָ! קורץ, איידער איך זע מיט מיינע אויגן, נעם איך מיך ניט אונטער צו זאָגן יאָ מציאה, ניט מציאה... וואָרים ס'איז דאָ ערד און ערד, דער עיקר איז, וואו דער חמור שטייט: צי זי ליגט ביים וואַסער, צי זי איז ניט זומפּיג... פונדעסטוועגן ראָט איך ניט אָפּ, אַז מען זאָל פאָרן און כאַפּן אַ קוק, קיין תרפ"ת אלפים וועט עס ניט קאָסטן. לאָז מען מיר געבן אַ מענש, נאָר איין מענש, און איך וועל זיך שוין אַראָפּ־כאַפּן אין יענע מקומות און כאַפּן אַ קוק. איין קוק איז פאַר מיר שוין גענוג... — האָט שוין געקאָמאַנדעוועט וואַסערשטראָם.

מילמאַן האָט ווידער געוואָלט נעמען דאָס אידל פאָרן קאַרק און אים אַרויסוואַרפן, אַז ער זאָל זיך ניט פּלאָנטערן אונטער די פיס... אָפּגעהאַלטן האָט אים אָבער דערפון גלעקעלס נאַיווער ערנסט.

און געבליבן איז אויף אַן עקסטרע זיצונג פון דער געזעלשאַפט, אַז מען זאָל שיקן ניט נאָר אים אַליין, נאָר אַ גאַנצע עקספּעדיציע פון מרגלים, אַז מען זאָל דאָס „עסק" אויספאָרשן וויסנשאַפטלעך מכל הצדדים, ווי די אייראָפּעער טוען, ווי די ציוניסטן האָבן געטאָן, אַ שטיינער, מיט אוגאַנדע.

— ס'איז טאַקע נאָר 5,000 אַקער לאַנד, מען דאַרף אָבער ניט פאַר־געסן, אַז די ערשטע קאָלאָניע וועט זיין די מוסטער־קאָלאָניע פאַר די אומ־ציילינגע איבעריגע, וואָס וועלן באַדעקן דאָס גאַנצע לאַנד פון מזרח ביז מערב און פון צפון ביז דרום, און איין טעות, איין פעלער וועט זיך פאַטאַל אָפּרופן אויף דער גאַנצער באַוועגונג.

דאָס זיינען געווען גלעקעלס פּאַטעטישע אַרגומענטן אויף דער זיצונג און זיי האָבן געזיגט.

די אַלזייטיגע אויספאָרשונג דורך אַן עקספּעדיציע פון פאַכמענער איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן.

דאַן איז געקומען די פראַגע: „מי ומי ההולכים"? ווער זאָל זיך באַטייליגן אין דער עקספּעדיציע?

דער באַנקיר, דער טרעזשורער, האָט זיך באַלד אָפּגעזאָגט. איבעריגנס איז זיין אָנוועזנהייט גאָרניט געווען אַזוי וויכטיג, דער מאַן איז כל ימו געווען פריער אַ שניידער און דערנאָך אַ קליידער־פאַבריקאַנט. באַנקיר איז ער ערשט געוואָרן ניט מער ווי אַ יאָר, וואָס האָט ער געוואוסט אין הלכות עבודת אדמה?

צו דערליידיגן די פראַגע האָט זיך אונטערגענומען מר. מילמאַן אַליין. ער האָט שוין געהאַט די גרויסע באַקאַנטשאַפט אין שטאָט און האָט פאַר־געשלאָגן, אַז מען זאָל אים לאָזן אויסקלויבן די נייטיגע, קאָמפּיטענטע מענשן פאַר דער עקספּעדיציע. און מ'האָט עס איבערגעגעבן אין זיינע הענט.

דערווייל האָט די „נאַציאָן" געבומט.

אָט וועט אַרויספאָרן אַזאַ און אַזאַ עקספּידיציע פון באַרימטע פאַך־מענשן, אויסצופאָרשן די פאָרגעשלאָגענע לענדער פאַר די קאָלאָניעס...

אַט האָט דער און דער גדול צוגעזאָגט צו פאָרן און זיך באַטייליגן אין דער אויספאָרשונג...

צווישן אַזוינע גדולים איז געווען דערמאָנט דער באַרימטער רוסישער אינזשיניער ראַבינאָוויטש, וועלכער מאַכט מיט זיין פרוי אַ רייזע אַרום דער וועלט און ווײַלט פאַרלויפיג אין ניו־יאָרק.

און די צייטונג האָט מיט די ידיעות אינטריגירט דעם עולם, פונקט ווי מיט אַ שונד־ראָמאַן.

אין אַ שבת, ווען די צייטונג גייט אַרויס פרי, האָבן די אידן זיך דער־וואוסט, אַז מאָרגן פאָרן אַרויס די מרגלים אין אַ גוטער און מזלדיגער שעה. און מיט גרויסע אותיות האָט די „נאַציאָן" אָנגעגעבן די נעמען פון די מרגלים, וועלכע האָבן גאָרניט געהאַט געגן דער פאַרעפנטלעכונג, און האָט געלאָזט בסוד אַ גאַנצע „רייע פּראָמינענטע נעמען", וועלכע וועלן זיך באַטייליגן אין דער עקספּעדיציע אינקאָגניטאָ. צווישן דער ערשטער קאַטעגאָריע זיינען געווען:

„דער באַרימטער טערקישער פינאַנץ־אַגענט און גרויסער אידישער פּאַטריאָט, גלעקעל־עפענדי".

„דער באַוואוסטער פאַרוואַלטער פון גראַף פּאָטאָצקים דערפער אין וואָלינער גובערניע, משה וואַסערשטראָם, אַ מאַן פון גרויסער דערפאַרונג אין אַגריקולטורעלע אָנגעלעגנהייטן".

„דער באַרימטער רוסישער אינזשיניער ראַבינאָוויטש מיט זיין פרוי".

„דער באַרימטער קאָרעספּאָנדענט פון די גרעסטע רוסישע צייטונגען און געלערנטער אָגראָנאָם, מעדוועדיעוו, וועלכער איז ווייט באַקאַנט אין רוסלאַנד".

„באַקאַנט" און „גרויס" איז געווען און געמוזט זיין יעדערער.

ווייטער זיינען געווען אָנגעגעבן די נעמען פון די צוויי „באַרימטע לאָיערס*) פון דער איסט־סייד, ביידע האָבן ניט געהאַט קיין פּראַקטיק און האָבן גאַנצע טעג געקייט טשואינג־גאַם.

צוויי באַרימטע אַמעריקאַנער אַגראָנאָמען.

דער באַרימטער ראָמאַנען שרייבער פון דער „נאַציאָן" מיטן פעדער־נאָמען „הערצאָג פאָן פּאַלערמאָ" (דערזעלבער הערצאָג האָט געשריבן קונסט־קריטיק שוין אונטערן נאָמען „חיים יענקעל").

דער פּעליעטאָניסט מיטן פעדער־נאָמען אַפּאָללאָ — אַ גאַליציאַנער אידל מיט אַ גראָב בייכל און אַ פּשיילעכער נאָז.

צוויי רעפּאָרטערס, דער קאַרטוניסט און דער פאָטאָגראַפטשיק פון דער „נאַציאָן" און הויפּטזעכלעך אַ גאַנצע ריי פון פּראָמינענטע „אינקאָגניטאָס".

*) אַדוואָקאַטן.

וואָס צוזאַמען מיט דער אָנגעגעבענער רשימה און מיטן ביבלישן וואָרט „מרגלים”, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דעם לעזער.

* * *

באַנאַבאַרעצן האָט צוגעצויגן צו דער עקספּעדיציע זיין פריינד משה גלעקעל, און ווי געוויינלעך, מיט געוואַלט.

ער האָט אַזוי לאַנג אַגיטירט דאָס פּאָרל, אַז ער האָט זיי כמעט קראַנק געמאַכט מיט זיין „צוריק צו דער נאַטור”-אידעע און זיי זיינען געפאָרן, אַבי זיך נאָר אָפּצוטשעפּען פון אים.

אַ חוץ דעם האָט זיך אין באַנאַבאַרעצן אויפגעוועקט אַ מין נייגעריקייט צו דער גאַנצער קאָמעדיע, וועלכע האָט שוין באַזיגט זיין אַנטיפּאַטיע צו דעם רעדאַקטאָר.

דער דיכטער און דענקער האָט שוין געקוקט אויף דער גאַנצער זאַך מיט דיזעלבע ברייט-געעפנטע און שטוינענדע אויגן, מיט וועלכע ער האָט געקוקט אויף דער גאַנצער קולטור פון דעם מערקווירדיגן אַמעריקע. און אַמעריקע איז פאַר אים דערווייל געווען נאָר ניו־יאָרק, באַזונדערס די איסט-סייד, מיט אירע טומלדיגע כלל-טוערס און בלאָפערס, פאַר וועלכע ער האָט נאָך ניט געפונען קיין נאָמען, אַזאַ קאָכנדער און לויפנדער מיש-מאַש איז דאָס נאָך פאַר אים געווען.

דער רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָן” האָט מיט פרייד אָנגענומען גלעקעלס פאָרשלאַג, איינצולאַדן דעם מאַן מיט די לאַנגע האָר. ער האָט אים באַלד אָנאָנסירט אין זיין צייטונג, ווי מיר האָבן אויבן שוין דערמאָנט, אַלס אַ באַרימטן אינזשיניער, וועלכער מאַכט מיט זיין פרוי אַ רייזע אַרום דער וועלט און ווײַלט אין ניו־יאָרק. ער האָט געשיקט צום אינזשיניער און האָט פאַרלאַנגט זיינע און זיין פרוים פּאָטאָגראַפיעס. די ראַבינאָוויטשעס אָבער האָבן זיך פון דעם כבוד קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. אַז באַנאַבאַרעץ האָט איבערגעלייענט די נאָטיץ אין דער צייטונג, האָט ער זיך עמפּערט ווי פון דער גרעסטער באַליידיגונג. ער האָט באַלד אַריינגעשיקט דעם רעדאַקטאָר אַ בריוו און פאַרלאַנגט מודיע צו זיין, אַז ער איז ניט נאָר ניט קיין „באַרימטער” אינזשיניער, נאָר אַז ער איז איבערהויפּט קיין אינזשיניער ניט.

מילמאַן איז געקומען אין פאַרלעגנהייט און האָט ניט געקענט דרוקן דעם בריוו, דאָס וואָלט געגעבן זיינע שונאים אַ געפערלעכן קאָזיר און מען וואָלט אויסגעלאַכט די גאַנצע עקספּעדיציע.

באַנאַבאַרעץ האָט זיך אָבער איינגעעקשנט און געדראָט צו שיקן דעמזעלבן בריוו אין אַנדערע צייטונגען און האָט שוין ניט געוואָלט זיך באַטייליגן אין דער קאָמעדיע אינגאַנצן.

מיט גרויס מי, כמעט אויף דער קני, האָט אים גלעקעל איבערגערעדט, אַז ער זאָל עס לאָזן. אַז עס איז נאָר אַ טעות, אַ פאַרדריסלעכער טעות.

וועלכן מען קאָן ניט פאַרריכטן, ווייל די צייטונגען וועלן זיך אָנכאַפּן אין דעם טעות און אויסלאַכן די גאַנצע אידעע. דער שוואַכער און נאָכגיביגער מאַן האָט אים געפאָלגט און איז שוין געפאָרן מיט דעמזעלבן געפיל און הומאָריסטישער שטימונג, ווי מען פאָרט אויף אַ פריילעכן און אינטערע־סאַנטן פּיקניק.

* * *

מעדוועדיעוו אָבער איז געוואָרן אַ באַרימטער רוסישער אַגראָנאָם און אַ מיטגליד פון דער עקספּעדיציע דורך גאַנץ אַנדערע און מערקווירדיגע אומשטענדן.

צוערשט האָט דאָס פּאָרל פאַרלוירן אויף זייערע שטאָלענע אַקציעס אַלץ וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד און זיינען געבליבן אַן אַ פּעני און דאָס באַלד אין דער ערשטער וואָך, ווי זיי זיינען געקומען אינם גאָלדענעם לאַנד.

ווען זיי האָבן פאַרשפּילט אויף וואָל סטריט האָבן זיי פאַרצווייפלטע און וויסטע, ווי מענשן נאָך אַ שרפה, גענומען אַרומגיין איבער דער שטאָט און זוכן עפּעס אַ געשעפט.

אינצווישן האָט מעדוועדיעוו זיך גענומען פאַר זיין אַלטער מלאכה, האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר אַרטיקלען און האָט זיי אַריינגעטראָגן צו דער „נאַציאָן".

מילמאַן האָט דעם קאָרעספּאָנדענט אויפגענומען מיט גרויס כבוד, האָט אָפּגעדרוקט די אַרטיקלען מיט פאַרגעניגן און אים פריער רעקלאַמירט, ווי דעם „באַרימטן קאָרעספּאָנדענט פון די גרעסטע רוסישע צייטונגען".

אַז מעדוועדיעוו איז געוואָרן אַ שטאַרקער נצרך און איז אין עטלעכע טעג אַרום אַריינגעגאַנגען מיט זיין פרוי אין רעדאַקציע אָפּצונעמען דעם האָנאָראַר, און האָט געהייסן מעלדן וועגן דעם רעדאַקטאָר, האָט יענער געענטפערט דורכן שיק־איינגל, אַז ער איז צו פאַרנומען און קאָן אים ניט זען.

מעדוועדיעוון האָט עס אויפגעריסן.

— ווי געפעלט עס דיר, סאָניטשקע? — האָט ער זיך געווענדט צו זיין ווייב, וואָס איז געזעסן אַ דערשלאָגענע און האָט געשריבן מיט איר שירם די ציפערן, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אויף וואָל סטריט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און האָט אים געזאָגט:

— וואָט זשיד פּאַרכאַטי! פּאָנימאַיעש?

מעדוועדיעוו האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט צו טאָן.

ער האָט ברייט געעפנט די טיר און איז דערשינען פאַרן רעדאַקטאָר.

— וואָס ווינשט איר? — האָט מילמאַן אים געפרעגט, ניט באַגריסנדיג און זייער אומפריינטלעך.

— איר האָט אָפּגעדרוקט מיינע אַרטיקלען, ווייל איך בעטן, אַז איר זאָלט מיר באַצאָלן פאַר זיי.

מילמאַן איז אויפגעשפרונגען ווי אַן אָפּגעפּאַרעטער...

— וואָס? געלט? — האָט ער אויסגעשריגן פאַרוואונדערט.

— נו, געוויס! וואָס דען! איר וועט דאָך ניט פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל פאַר אייך שרייבן אומזיסט — האָט אַ זאָג געטאָן מעדוועדיעוו בלומרשט רואיג. געקאָכט האָט שוין אין אים ווי אין אַ קעסל...

— ווער האָט עס דען פון אייך פאַרלאַנגט? צו וואָס טויג מיר אייער שרייבן? איך האָב דען ניט קיין סטעף? *) איר ווייסט, וואָס דער סטעף קאָסט מיך אַ וואָך? — האָט זיך געקאָכט דער רעדאַקטאָר.

— אויב איר דאַרפט ניט מיין שרייבן, צו וואָס האָט איר געדרוקט מיין אַרטיקל? — האָט אים געפּערעגט מעדוועדיעוו געלאַסן.

— צו וואָס? — איך האָב אייך איינפאַך געוואָלט געבן אַ שאַנס. דאָס אַלץ! אַזוי ווי איר זענט אַ גרינער, ערשט אָנגעקומען אין לאַנד... כדי צו באַקענען דאָס פּובליקום מיט אייך, האָב איך אייך געדרוקט. מיינט איר, אַז יעדן דרוק איך? ס'איז אַ גרויסער כבוד זיך צו דרוקן אין מיין צייטונג. יעס, סער! ס'איז פאַר אייך אַ גרויסע רעקלאַמע — האָט געשריגן דער רעדאַקטאָר מיט בייזע פינקלענדע אויגן.

מעדוועדיעוו האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים מיט גרויסע שטוינענדע אויגן. „שפּאַסט ער פון אים, דער זשיד, צי וואָס?" הינטער זיינע פּלייצעס איז שוין געשטאַנען זיין פרוי. מעדוועדיעוו האָט געכאַפּט אויף איר אַ קוק, האָט פאַרמאַכט הינטער זיך שנעל די טיר און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש מיט ווילדער רציחה:

— געלט, פופציג דאָלאַר!

מילמאַנס אויגן האָבן אָנגעהויבן צו לויפן ווי צוויי מייזלעך, פאַר־מאַכטע אין אַ שטייגל.

— אָ, אַזוי גאָר! אָבער דאָ אין אַמעריקע האָבן מיר קיין מורא ניט פאַר רוסישע כוליגאַנעס! איר הערט? איך רוף באַלד אַהער אַ פּאָליס־מאַן און מען אַרעסטירט אייך! „גרעראַרע־היער"**), כוליגאַן!

— וואָס? איך אַ כוליגאַן? — האָט אַ ריטשע געטאָן מעדוועדיעוו, ווי אַן עכטער רוסישער בער — אַך, דו זשיד פּאַרכאַטי! — און האָט מיט אַ כפל־שמונהדיגער, עכט־רוסישער ברכה געכאַפּט דעם רעדאַקטאָר ביים גאָרגל...

מילמאַן האָט זיך אויסגעריסן פון מעדוועדיעווס הענט און איז ווי אַ ווילדע קאַץ שוין פון זיין זייט אים אַריינגעפּאַרן מיט די נעגל גלייך אין פּנים אַריין אַזוי, אַז מעדוועדיעוו האָט אויסגעשריגן פון ווייטאָג...

נאַטירלעך האָט מאַדאַם מעדוועדיעוו ניט פאַרפעלט צו קומען איר מאַן צו הילף מיט איר שירם און מיט איר געשריי:

— קאַק טי סמעיעש ביט מאָיעוואָ מוזשאַ? (ווי דערלויבסטו זיך צו

---

*) פּערסאָנאַל.

**) ארויס פונדאַנעז.

שלאָגן מיין מאַן ?) — און האָט זיך גענומען דרעשן דעם זשורנאַליסט ניט ווי א דאַמע נאָר ווי א געזונטער גוי דרעשט.

דער רעדאַקטאָר האָט ארויסגעכאַפּט ביי איר דעם שירם און האָט גע־דראָט מיט אים צו פאַרטיידיגן זיך קעגן ביידע . . .

דער גאַנצער סקאַנדאַל האָט אָבער געדויערט נאָר א פּאָר סעקונדן.

אַלץ איז געווען פאַלש ביי דעם זשורנאַליסט, אַפילו די האָר אויפן קאָפּ און אַלע ציין אין מויל . . .

און באַלד האָט דער פּאַרוק געשטעקט אין מעדוועדיעווס הענט און דער קאַסטן ציין איז געלעגן אויף דער ערד צו די פּיס פון מאַדאַם מעד־וועדיעוו . . .

דאַן האָט דער פאַרסאַפּעטער רעדאַקטאָר זיך געווענדט צו זיין געגנער :

— גיט מיר אהער דעם פּאַרוק.

— איך וועל דיר געבן, כוליגאַן ! — האָט געקריצט מיט די ציין דער נאָך ניט אויסגעלאַשענער מעדוועדיעוו און האָט אים מיט א שוידערנדיגן עקל א שמייס געטאָן דעם פּאַרוק אין פּנים אריין.

דער רעדאַקטאָר האָט פּאַוואָליע אָנגעטאָן דעם פּאַרוק, האָט אויפגע־הויבן זיין קאַסטן ציין, אים אריינגעשטעלט אין מויל אריין און איז צוריק געוואָרן רעדאַקטאָר, א מענש צו מענשן גלייך.

— א גרויסע קונץ זיך צו שלאָגן . . . דאָס קאָן דאָך אַפּילו א גוי אין פּאָסטעלעס, — האָט ער געזאָגט מיט אַן עכט אידישן ביטול — און איר האַלט זיך נאָך פאַר א ליטעראַט, פאַר אַן אינטעליגענט ! — פונדעסטוועגן האָט ער ארויסגענומען פון שרייבטיש זיין טשעק־ביכל און האָט זיך געזעצט שרייבן א טשעק אויף פופציג דאָלאַר, און שרייבנדיג אַזוי דעם טשעק, האָט ער זיך פּלוצלינג צעלאַכט מיט א הייזעריג פאַלש געלעכטער . . . ס'איז געווען א געקינצלט געלעכטער, כדי זיך אַליין ארויסצוהעלפן פון דער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך דערפילט.

— אַ, א פּאָרל ! שוין איינמאָל א פּאָרל, — האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין, ניט קוקנדיג אויפן פּאָרל, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר אים און האָבן שוין אַליין ניט געוואוסט, וואָס זאָלן זיי איצט מיט זיך טאָן — איר וואָלט געקענט זיין גוטע פּרייז־פייטערס . . . באַזונדערס איר, מאַדאַם ! איר האָט מיר געקלאַפּט איבערן קאָפּ מיטן שירם ניט ווי א דאַמע, נאָר ווי א פּאָליסמאַן. כאַ, כאַ, כאַ ! באַלד אָבער איז דאָס געלעכטער געוואָרן אויפריכטיג, אַזוי קאָמיש און אומגעלומפּערט איז געווען די סיטואַציע, און ער האָט שוין געלאַכט היסטעריש, טרייסלענדיג זיך מיטן גאַנצן קליינעם קערפּער זיינעם, אַזוי, אַז די אויגן האָבן זיך ביי אים פול אָנגעגאָסן מיט טרערן . . .

— נאַט אייך פופציג דאָלאַר, אָבער ניט פאַר אייערע ארטיקלען. די ליטעראַטור אייערע איז קיין סענט ניט ווערט . . . דאָס צאָל איך אייך

פאַרן באַקס, כאַ, כאַ, כאַ! — און דער רעדאַקטאָר האָט דערלאַנגט מעדוועדיעוון זיין טשעק.

— און דו כאַפּסט זיך באַלד שלאָגן, ווי אַן אמתער מוזשיק! — האָט געזאָגט די פרוי צום מאַן שוין מיט אַ פאַרוואורף. מאַדאַם מעדוועדיעוו האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל אויף אירע בלוט־רויטע ליפּן.

— נעווער מאַינד, — האָט דער רעדאַקטאָר זי גוטמוטיג געטרייסט — אין אַמעריקע דאַרף מען „פייטן”...*) איר וועט שוין זיין אָלל־ראַיט... אַזאַ פּאַרל, וואָס קאָן באָקסן אַזוי גוט. כאַ, כאַ, כאַ! — און ער האָט זיך גענומען באַוואונדערן דאָס פּאַרל, באַזונדערס דעם גרויסן און געזונטן קערפּער פון דער פרוי מיט דעם פרישן מילכיגן פּנים, וועלכעס האָט צוליב די ווי פלאַקס העלע האָר אויסגעזען נאָך ווייסער. אַזאַ געזונטן טיפּ האָט ער צווישן אידישע פרויען נאָך ניט באַגעגנט און מילמאַן האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, אַן צערעמאָניעס, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען אַ קו און ניט קיין דאַמע.

ער האָט זיך אָבער באַלד פאַרכאַפּט און שוין אויס פאַרלעגנהייט געפרעגט גאַנץ אינטים:

— הערט, שוין לאַנג, אַז איר האָט חתונה געהאַט?

— שוין 3 יאָר... אַ יאָ, מישאַ, שוין 3 יאָר, אַז מיר האָבן חתונה געהאַט? — האָט זי זיך געווענדט צו איר מאַן, און האָט צוגעוואָרפן דעם רעדאַקטאָר אַ פריינטלעכן אינטימען שמייכל.

— אַזוי, אַזוי — האָט געשטוינט דער רעדאַקטאָר — אָבער זעצט אייך, מאַדאַם! פאַרוואָס שטייט איר? — און מילמאַן האָט איר פּלוצלינג גאַלאַנט דערלאַנגט אַ שטול.

מעדוועדיעוו אַליין איז געשטאַנען און האָט שוין פאַרלעגן און פאַרשעמט געדרייט דעם טשעק אין דער האַנט... דער קלוגער מילמאַן האָט טאַקע פאַרוואַנדלט די גאַנצע געשיכטע אין אַ שפּאַס, אָבער אַנגענעם איז דער שפּאַס דאָך ניט געווען...

— זענט איר שוין 3 יאָר פאַרהייראַט... הע, זייער, זייער פיין פון אייך, כ'לעבן!... נו, און קינדער האָט איר? — האָט זי גאַנץ צעשטריימט געפרעגט מילמאַן, נאַטירלעך אַן דעם מינדסטן אינטערעס, צי זי האָט קינדער, צי ניין. די פראַגע איז אַרויס כמעט אויטאָמאַטיש, און מאַדאַם מעדוועדיעוו האָט דערויף פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

דאַן האָט מילמאַן זי ווידער באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, אַזוי ווי דער מאַן וואָלט גאָרניט געווען אַנוועזנד. ער האָט דאָס אויך געטאָן אויטאָמאַטיש, נאָר אויס גרויסער פאַרלעגנהייט. פון איר האָט ער איבערגעפירט זיינע אויגן אויפן הויכן און ברייט־פּלייציגן מעדוועדיעוו און האָט גענומען

*) זיך שלאָגן; קעמפן.

אויך אים באוואונדערן: „אזא געזונט און פריש פּאָרל — גאָרניט קיין אידישס”...

זיין לאַגע איז אים ווידער פאָרגעקומען אזוי לעבערלעך. ער האָט שוין געפילט א גרויסן רעספּעקט פאַר דעם געזונטן מעדוועדיעוו. ס'האָט אים נאָר געאַרט דער פליך אויף זיין קאָפּ און דער אָפּגעלעבטער פּנים. ביידע האָבן ניט הארמאָנירט מיט זיין גרויסן, געזונטן קערפּער, מיט זיינע גרויסע לאַפּעס, מיט וועלכע ער האָט אים אזוי גוט געפּאַטשט.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר ניט קיין קינדער? — האָט ער זי ווייטער געפרעגט, אבי עפּעס צו זאָגן און צו פאַרטומלען די גאַנצע לעבערלעכקייט פון דער סיטואַציע.

דאַן האָט זי שוין אויסגעשאָסן אין א ווילד געלעכטער, און האָט פאַר־שטעלט דאָס פּנים מיט די הענט...

— אַך, ווי קאָמיש! — ווי קאָמיש! — האָט זי אויסגערופן, היסטע־ריש־לאַכנדיג, פּלוצלינג אָבער איז זי צוריק געוואָרן ערנסט און האָט געזאָגט מיט א טיפן זיפץ:

— איר ווייסט? מיר האָבן פאַרלוירן אונזער געלט, געקויפט אַקציעס און פאַרשפּילט... אַלץ פאַרשפּילט!

— וואָס? איר האָט ספּעקולירט? — איז אונטערגעשפּרונגען מיל־מאַן, אזוי ווי ער וואָלט זיך דערמיט אומענדלעך דערפרייט.

— יאָ, מיר האָבן געגלייבט צו פאַרדינען... נו, האָבן מיר פאַרלוירן...

— וואָס פאַר א מערקווירדיגע מענשן איר זענט! גלייך פון דער שיף זענט איר געגאַנגען ספּעקולירן? — האָט געשטוינט דער רעדאַקטאָר — נעווער מאַינד!*) איר וועט דערפאַר זיין אָלל־ראַיט! אַמעריקע איז פאַר אייך דאָס ריכטיגע לאַנד — האָט זי געטרייסט מילמאַן און צוגלייך גע־טראַכט וואָס צו טאָן, אז די ליטעראַרישע וועלט און באַזונדערס די איסט־סיידער הומאָריסטן און קיביצער זאָלן זיך ניט דערוויסן, ווי אזוי דאָס פּאָרל האָט אים ערשט געשלאָגן.

פּלוצלינג אָבער האָט אינם קאָפּ פונם צירקולאַציע־יעגער אויפגע־פלאַקערט א וואונדערבאַרער געדאַנק...

— זאָגט נאָר מיר, מיסטער... מיסטער מעדוועדיעוו דאַכט זיך? א יאָ? קענט איר זיך אזוי גוט זידלען ווי שלאָגן?

— וואָס דען? איר מיינט ניין? — האָט פאַר אים געענטפערט זיין פרוי.

— סאָניטשקע, הער אויף! — האָט מעדוועדיעוו איר צוגעוואָרפן מיט א ביין בליק.

— וואָס־זשע, דו קענסט זיך אפשר ניט זידלען? מיר וועסטו דאָך ניט דערציילן קיין מעשיות... איך קאָן דיך שוין גוט, מישאַ! — האָט זי געזאָגט אויף רוסיש מיט א גאַנץ ערנסטן, א ביסל בייזן טאָן.

*) עס שאַדט ניט.

— אַז די פרוי זאָגט, איז דאָס מסתמא אמת... אָ, איך גלייב, אַז איר קענט זיך פאַרטרעפלעך זידלען און איך וויל אייך געבן ביי מיר אין צייטונג אַ דזשאָב.*)

— צי זידלען זיך? — האָט געפרעגט מאַדאַם מעדוועדיעוו און האָט זיך ווידער צעלאַכט — אַך, ווי קאָמיש דאָס איז!

— קאָמיש? ס'וועט שוין זיין טראַגיש. ניט קאָמיש — האָט מיטגע־לאַכט דער רעדאַקטאָר — איך וועל איינפירן אין מיין צייטונג אַ נייע אָפּ־טיילונג: אַ בריוו־קאַסטן, און איך זוך אַ מאַן וואָס זאָל קענען גוט און שאַרף זידלען. אָבער ס'מוז זיין אָריגינעל, איר פאַרשטייט? אָט האָבן אַנדערע צייטונגען אַזאַ בריוו־קאַסטן מיט אַ זידלער און דער עולם לייענט עס מער, ווי די לייט־אַרטיקלען איבער פּובליציסטיק און שיינע ליטעראַטור. ווען איר קענט זיך שוין אַזוי זידלען, וואָלט שוין געווען אַלל־ראַיט.

מעדוועדיעוו האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרלעגנהייט און האָט זיך געטראַכט:

— שפּאַסט דאָס אידל, אָדער ער רעדט ערנסט?

— נו, מישאַ! וועסט זיך קענען זידלען? — האָט אים געפרעגט דאָס ווייב מיט געלעכטער.

— מיר וועלן פּרובירן! — האָט געענטפערט מישאַ מיט אַ שמייכל.

— איך בין זיכער, אַז איר וועט קענען. נו, און אַ שונד־ראָמאַן וועט איר קענען שרייבן? אַזוי פּאָרנאָגראַפיש... אַז עס זאָל קיצלען... איר פאַרשטייט?

— אָ, דאָס וועט ער באַשטימט קענען — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ זיכערן טאָן — אַ יאָ, דו וועסט עס קענען, מישאַ?

מישאַ האָט שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר וואָלט הערן, וואָס פאַרא אַנעקדאָטן ער דערציילט.

— אַזוי? איר קענט אַנעקדאָטן אויך? — האָט מילמאַן איבערגע־פרעגט, האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס.

— נאָך ווי! איר מעגט זיי הערן! — האָט אים געלויבט דאָס ווייב.

— סאָניאַ, הער אויף! — האָט שוין אויף איר זיך געבייזערט דער מאַן.

— יאָ, יאָ, איר קריגט ביי מיר אַ שטעלע. איר וועט ביי מיר זיך זידלען אין בריוו־קאַסטן און שרייבן עפּעס אַ סענסאַציאָנעלן ראָמאַן, איך גלייב, אַז איר וועט עס קענען. און איך וועל אייך צאָלן 20 דאָלאַר אַ וואָך. געמאַכט? — האָט ער פאַמיליאַר געפרעגט.

— זעסט, מישאַ! — האָט זי זיך דערויף אַנטציקט אָפּגערופן — און דו קריכסט נאָך זיך שלאָגן, ווי אַ מוזשיק... פוי, ווי שעמסטו זיך ניט.

— נעוועך מאַינד! נעוועך מאַינד!**) — האָט זי באַרואיגט דער

*) אַ פּאָסטן.

**) עס מאַכט ניט אויס.

רעדאַקטאָר, וועלכער האָט שוין געציטערט, אַז זייער פאַרלעגנהייט זאָל זיי ניט לאָזן אַקצעפּטירן דעם דזשאָב... מעדוועדיעוו האָט אים אַקצעפּ־טירט און מילמאַן איז געבליבן העכסט צופרידן, כמעט גליקלעך פון זיי און פון דער גאַנצער געשיכטע, אַזוי ווי די פּעטש וואָלטן געווען נאָר קאָמפּלי־מענטן און מער גאָרניט.

און די צוקונפט האָט באַלד באַוויזן, אַז מילמאַן האָט אַ גרויסן חוש פאַר מענשן און ער האָט זיך ניט גענאַרט.

מעדוועדיעוו האָט ניט נאָר אויסגעצייכנט דערפילט זיין אויפגאַבע, נאָר ער האָט באַלד צוגעטראַכט נייע „פּיעטשורס" פאַר דער צייטונג.

דער רעדאַקטאָר האָט פון אים געקוואָלן, שטאָלצירט מיט אים און אים געשטעלט אַלס ביישפּיל פאַר זיין סטעף. און ס'איז ניט אַוועק קיין צוויי וואָכן, ווי מעדוועדיעוו איז שוין געוואָרן דער איינציגער קאָכלעפל אין דער צייטונג און דער ערשטער און בעסטער אַדיוטאַנט פון זיין באַלעבאָס.

און אַז ס'איז געקומען צו דער מרגלים־עקספּעדיציע, האָט מעדוועדיעוו זיך אָנגעגעבן פאַר אַ באַרימטן רוסישן אַגראָנאָם און האָט זיך באַטייליגט אין איר אונטער דעם טיטל.

חלום און ווירקלעכקייט

אין אַ זונינן פרימאָרגן איז צום האַדסאָן פּיער*) צוגעפאָרן אַן אויטאָ־מאָביל. דער ערשטער, וואָס איז פון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען איז געווען גלעקעל־עפּענדי. זינט דער טערקישער שליח איז געקומען קיין אַמעריקע, איז דער אויטאָמאָביל געווען זיין איינציגער פאַרקער־מיטל.

געשטיצט אויף זיין אָרעם, איז נאָך אים לייכט און גראַציעז אַרויסגע־שפּרונגען מאַרוסיאַ און נאָך זיי איז שוין אַרויסגעקראָכן דער לאַנגער און סוטולער באַגאַזבאָרעץ.

גלעקעל האָט אויף איר געקוקט מיט באַוואונדערונג. אַזוי שיין איז זי אים נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. ער האָט זי תמיד געזען אַן ערנסטע, איצט איז זי אָבער געווען שטיפעריש געשטימט און די שטימונג האָט איר געגעבן אַ נייעם רייץ, אַ נייעם שיין, דעם רייץ פון אַ לייכטער, קוים באַ־מערקבאַרער קאָקעטער און שטיפערישער גראַציע...

גלעקעל האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און האָט זיי ביידע אַריינגע־פירט אין דער סטאַנציע.

דאָרט האָט שוין געוואַרט דער רעדאַקטאָר מיט זיין גאַנצן שטאַב און די מרגלים פון דעם נייעם כנען.

אַז מאַרוסיאַ האָט דערזען דאָס רעדל, וואָס האָט גלעקעלן רווישיג באַ־גריסט, איז זי געוואָרן צוריק ערנסט, איר דערשיינונג האָט אָבער באַלד גע־מאַכט אַ שטאַרקן רושם. זי האָט עס באַמערקט און זיך דערפילט אין אַ

*) צום פּאָרט פון האַדסאָן.

שטאַרקער פאַרלעגנהייט... זי האָט געוואָלט זיך צוזאַמענציען, ווערן קלענער, פאַרנעמען עפּעס אַ קליינעם, אומבאַמערקבאַרן פּלאַץ... איר באַשיידענער געשמאַקפולער טואַלעט האָט אָבער מערקווירדיק האַרמאָנירט מיט דעם באַשיידענעם אויסדרוק אירן און גאַנצער האַלטונג און איר געגעבן אַ טאָפּלטן חן, אַ טאָפּלטע גראַציע. די מענער האָבן דערפאַר ניט געקענט אַראָפּנעמען פון איר די אויגן.

גלעקעל האָט דאָס פּאָרל פאַרגעשטעלט. דער נאָמען „מאַדאַם ראַבינאָוויטש" האָט אָבער מאָמענטאַל אויסגעלאָשן מאַרוסיאַס גוטע, אָנגענעם אויפגערעגטע שטימונג און זי פאַרענדערט, גלייך ווי דער נאָמען וואָלט זי שטאַרק באַליידיגט, זי האָט אים דערהערט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן און דאָס וואָרט „ראַבינאָוויטש" האָט זיך אָפּגערופן אין איר נשמה אַזוי פרעמד און שוידערהאַפט... זי, מאַרוסיאַ איוואַנאָוונאַ, באַגאַבאַרעצס ווייב, די טאָכטער פון אַן עכט רוסישן קאַמערהער און גובערנאַטאָר איז אַ מאַדאַם ראַבינאָוויטש! דאָס ערשטע מאָל זינט זי האָט חתונה געהאַט האָט זי דערפילט, אַז איר מאַן איז אַ איד. זי האָט עס געוואוסט פון תמיד, אָבער ביי די פריערדיגע אומשטענדן האָט זי עס ניט געקענט פילן אין אַזאַ גראַד... אירע עלטערן זיינען אַפילו געווען קעגן דער הייראַט. באַגאַבאַרעץ איז אָבער דאַך געווען דער גרויסער שריפטשטעלער, אַ מאַן, וועלכער האָט פאַרקערט אין די הויכע ליטעראַרישע קרייזן, און איז געווען אַ ווילקאָמענער גאַסט אין די הויכע, עכט־רוסישע ספערן פון פּעטערבורג און מאָסקווע; אַ מאַן וועגן וועמענס אידישער אָפּשטאַמונג מען האָט גאָרניט געוואוסט, אָדער ניט געוואָלט וויסן. יעדנפאַלס האָט מען ניט געוואוסט, אַז זיין נאָמען איז ראַבינאָוויטש. דער נאָמען אין זיינע פּאַפּירן זיינען געענדערט געוואָרן נאָך פאַר דער חתונה דורך אַן אַלער־העכסטן באַפעל.

די פון אורעלטערן־געירשנטע טויזנטיעריגע שנאה און עקל צום „זשיד" האָט מיטאַמאָל דערוואַכט, אויפגעפלאַקערט אין איר און אָנגעצונדן די ווייסע, צאַרטע הויט פון איר פּנים מיט אַ רויטן פלאַם...

— איך בין מאַדאַם באַגאַבאַרעץ! מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, געבוירענע סעדעלניקאָוואַ, און ניט מאַדאַם ראַבינאָוויטש — האָט שיער ניט אויסגעשריגן די קאַצאַפּקע, ווען מילמאַן האָט גענומען דריקן איר האַנט און באַגריסן זי אין רוסיש:

— זייער אָנגענעם צו באַקענען זיך, מאַדאַם ראַבינאָוויטש!

זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און זיך פאַרשעמט פאַר דעם געפיל און האָט שוין געשמייכלט אָבער אַזוי פאַרלעגן, אַזוי אומבאַהאָלפן, אַז די מענער האָבן די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פון איר אָפנהאַרציג־ברייט, רוסיש פּנים מיט די שמייכלענדע חן־גריבלעך...

מילמאַן האָט אָפּגעפירט גלעקעלן אַן אַ זייט.

— זאָגט נאָר, זי איז גאָר אַ רוסישע? — האָט ער אים נייגעריק געפרעגט.

— יאָ, אַ רוסישע — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי גלעקעלן. ער האָט באַלד דערויף חרטה געקריגן.

— ווי־זשע? ער איז דאָך אַ איד... זי איז מסתמא אַ געליבטע זיינע, אַ? — האָט אָנגעהויבן דער רעדאַקטאָר אויסצופאָרשן מיט אַן עכט־אידישער נייגעריקייט, טראַכטנדיג דערביי, צי איז עס אַ סענסאַציע, וועלכע מען וואָלט געקענט אויסנוצן פאַר דער צייטונג.

גלעקעל איז געוואָרן צוערשט בלייך, דערנאָך פאַרשעמט רויט, אַזוי ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ ליגן.

— איך ווייס ניט. פונוואַנען זאָל איך וויסן אַזוינע זאַכן? וואָס בין איך אַ שפּיאָן? — האָט ער בייז אָפּגעהאַקט און האָט זיך אָפּגעדרייט פון אים.

דאַן איז דער רעדאַקטאָר צוגעגאַנגען צו באַגאַבאַרעצן, האָט אים גע־דריקט זיין האַנט, אים געדאַנקט פאַר זיין אינטערעס צו דער גרויסער אידעע, פאַר וועלכער ער איז אַזוי באַגייסטערט און וועלכער ער וועט פון היינט אָן ווידמען זיין גאַנץ לעבן. האָט גענומען אים פאַרזיכערן, אַז ער אַכטעט געגנער מיט ערלעכע, אומאָפּהענגיגע מיינונגען, מיינענדיג דערביי דעם אָפּ־שניט, וואָס ער האָט געכאַפּט פון דעם גרינעם אין קופּער־יוניאָן, און האָט געבעטן אים אַנטשולדיגונג, וואָס ער האָט ניט געדרוקט זיין בריוו, אַ פאַר־דריסלעכער דרוק־טעות איז פאַרגעקומען מיט דעם „אינזשיניער". און נאָך אַ סך אין דעמזעלבן זין האָט ער גערעדט, אָבער מיט אַזאַ חניפהדיגן און גלעטענדן טאָן, אַז אַ שוידער איז געלאָפן פון דעם גלעטן איבער דער הויט. און דער הויכער מאַן האָט אַראָפּגעקוקט צו דעם קליינעם מענשעלע און האָט זיך געטראַכט:

— צוליב וואָס חנפעט ער מיך? וואָס פאַרלאַנגט ער פון מיר? אונ־זערע וועגן זיינען פאַרשידן און וועלן זיך קיינמאָל ניט באַגעגענען.

פּלוצלינג אָבער איז פאַר זיינע אויגן אַרויפגעשוואומען לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס בילד, ווי יודאַ ציט זיך, שמייכלט און קושט זיך מיט דעם נוצרי, וועלכן ער האָט שוין פאַרקויפט פאַר 30 קערבלעך.

דאָס בילד האָט שנעל ווי אַ בליץ אַרויסגערופן אַ צווייטס — דעם חלום אין דער נאַכט נאָך דער פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן, ווען דערזעל־בער יודאַ, וואָס דרייט זיך איצט אַרום אים, האָט מיט פאַרקאַשערטע אַרבל צוזאַמען מיט מענשיקאָוון אים צוגענאַגלט מיטן גרויסן האַמער צו אַ הויכן קרייץ.

און איצט האָט דער נאַרישער, כמעט אָבערגלויבישער חלום פאַר־גליווערט דאָס בלוט אין זיינע אָדערן.

— איז דאָס מעגלעך? — און ווי אַ בליץ איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין זיין קאָפּ, בשעת ער האָט אַראָפּגעקוקט צום רעדאַקטאָר מיט אויסגע־סטאַרטשעטע און איבערגעשראָקענע אויגן, זיך צוהערנדיג צו זיינע חניפות.

ער האָט אָבער באַלד זיך באַרואיגט און פאַרטריבן דעם נאַרישן פּחד.

— לעכערלעך! לעכערלעך! — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס קאָן מיר טאָן דאָס אידל? אין לעבן וועלן זיך אונזערע וועגן קיינמאָל ניט איבערקרייצן. אונזער באַגעגעניש, אַ צופעליגער אינצידענט, וועלכער וועט ניט לאָזן קיין שפּורן הינטער זיך. איבעריגנס קאָן ער אים שוין גוט: אַ כלעסטאַקאָוו. ניין! ער איז ניט קיין כלעסטאַקאָוו. גיכער איז ער גאָר אַ ציניקער! אָט שטייט ער איצט פאַר אים און היצט זיך וועגן אידעען, וועגן דער אוממעגלעכקייט צו פירן אַ זויבערע צייטונג, אַזוי ווי אין רוסלאַנד. ער רעדט וועגן זיינע קאָנקורענטן, וועלכע האָבן אים תמיד געשלאָגן מיט שונד און געלע סענסאַציעס, אַזוי, אַז ער האָט געמוזט זיך אַרונטערלאָזן און אויף אַזאַ אופן קריגן די מעגלעכקייט צו פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אידעאַלן. יאָ, אָט קאָכט ער זיך בלומרשט און היצט זיך, אָבער אין הארץ לאַכט ער אודאי פון אים און מיינט, אַז ער נאַרט אים אָפּ. יאָ, אַ ציניקער — האָט ביי זיך באַשלאָסן באַגאַבאַרעץ נאָכדעם, ווי ער האָט אים אויסגעהערט. — ער וועט עס אים אָבער באַלד זאָגן, זיך אויסדרייען צו אים מיט די פּלייצעס און אַוועקפאָרן. יאָ, אַזוי טוט ער. זאָל ער נאָר ענדיגן זיין היציגן מאָנאָלאָג.

דאָ אָבער האָט די שיף געגעבן אַ פייף און דער פייף האָט איבערגעריסן זיין פאַרלאַנג און זיינע געדאַנקען. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער שיף.

און מילמאַן האָט אים גענומען אונטער דער האַנט און האָט אים געפירט צום שיף.

אַ נייער פּאַרשוין — חיים יענקל

די שיף האָט זיך באַלד אויסגעדרייט, האָט פאַרלאָזט דעם פּיער*) און האָט גענומען פּאַטשן דאָס וואַסער מיט די רעדער ווי מיט פליגל און שווימען קעגן דעם שטראָם, ווי אַ גרויסער ווייסער שוואַן מיט אַ שטאָלץ-פאַררייסענעם האַלז.

דער רוסישער אַגראַנאָם האָט באַלד גענומען דערציילן מאַרוסיאַן און גלעקעל-עפּענדי רוסישע אַנעקדאָטן. זי האָט זיך דערפילט אין אַ היימישער אַטמאָספערע און איז ווידער געוואָרן לוסטיג און אָנגענעם-אויפגערעגט, ווי זי איז געווען, ווען זי איז אָנגעקומען, און האָט געלאַכט הויך און אומ-געצוואונגען, ווי אַן אַמוזירט און גליקלעך קינד...

מילמאַן האָט ניט אויפגעהערט זיך אומצוקוקן אין איר זייט און האָט זיך באַמיט צו אונטערהאַלטן איר מאַן. אָבער זיינע פאַרגליווערטע אויס-געסטאַרטשעטע אויגן, וועלכע ער האָט פון אים ניט אַראָפּגענומען, און דער פיינלעכער אויסדרוק פון זיין פנים האָבן אים באַלד מיד געמאַכט, און ער האָט עס אויפגעגעבן, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ האָפנונגסלאָזן אידיאָט, ביי וועלכן זיינע רייד קענען ניט געפינען קיין אָפּקלאַנג. צורודערט

*) האַפן.

און אנטווישט איז ער אפגעגאנגען צו זיינע אדוואקאטן, וועלכע האבן ביידע נעקייט טשואינג־גאם מיט אזא ערנסט און וואוט, אזוי ווי געדונגענע אקסן, און האט זיך געשטעלט מיט זיי רעדן.

באגאבארעץ האט פריי אויפגעאטעמט מיט דער גאנצער ברוסט און האט זיך פארקוקט אויפן לאנדשאפט, וועלכעס האט זיך צעוויקלט פאר זיינע אויגן.

ער האט זיך אבער פלוצלינג דערפילט מיד. אומבאשטימטע און בייזע געפילן האבן זיך ווי מייז געשקראבעט אין זיין נשמה...

און אזוי ווי ער איז געשטאנען, אנגעשפארט אן ראנד און פארטיפט אין געדאנקען, אין דעם אנאליז פון זיינע געפילן, איז צו אים צוגעגאנגען דער קונסט־קריטיקער פון דער „נאציאן", א קליין מענטשעלע מיט א גע־שטופלט און ליים־געל, קרענקלעך פנים.

— זאגט נאר מיר... ווי קומט איר צו דער קאמעדיע? — האט ער אים געפרעגט מיט עכט־אידישער פאמיליאריטעט... אבער אין רוסיש.

באגאבארעץ, דעם עכטן דזשענטעלמאן, האט תמיד געערגערט אין אידן אט די פאמיליאריטעט, מיט וועלכער זיי גייען צו צו אומבאקאנטע מענשן... און ער האט אנגעשטעלט אויף דעם מאן א קאלטן, אומפריינטלעכן בליק...

דער אומפריינטלעכער בליק האט באוועגט דעם קונסט־קריטיקער זיך פארצושטעלן:

— אנטשולדיגט, מיין הער! איך בין עס דער קונסט־קריטיקער און עסטעטיקער פון אט דעם אידלס פעיפער*) — האט ער אנגעוויזן מיט די אויגן אויף מילמאנען — מיין פעדער־נאמען איז „חיים יענקל" — ער האט זיך פארגעשטעלט מיט אזא קאמישן ערנסט, אז באגאבארעץ האט זיך מיטאמאל צעלאכט.

דאן האט דער קונסט־קריטיקער זיך שוין פון זיין זייט באליידיגט, האט אנגעבלאזן די ליימיג־געלבע און געשטופלטע באקן און האט אריינגע־גראבן אין זיין שכנס פנים מיט א בייזן בליק.

דער בליק האט אבער יענעם ניט איבערגעשראקן... דער בייזער ערנסט פון בליק האט ארויסגערופן נאך א גרעסער געלעכטער.

— קיין שענערן פעדער־נאמען האט איר פאר אן עסטעטיקער ניט גע־קענט אויסטראכטן? — האט ער געפרעגט דעם קונסט־קריטיקער, לאכנדיג הארציג, ווי ער האט שוין יארנלאנג ניט געלאכט, און זיך וואונדערנדיג אליין, ווארים ער לאכט מיט אזא אפעטיט.

— פאר דער איסט־סיידער קונסט־קריטיק דארף מען קיין אנדערן נאמען, ווי „חיים יענקל" ניט האבן — האט געענטפערט דאס געשטופלטע מענשעלע מיט דעמזעלבן קאמישן ערנסט. מיין שכירות באטרעפט נאר 20 דאלאר א וואך און פאר דעם מוז איך נאך שרייבן ניט ווייניגער פון צוויי שונד־ראמאנען א יאר... איבעריגנס שרייב איך שוין די ראמאנען

*) צייטונג.

אונטער אַן אַנדערן פעדער־נאָמען: „הערצאָג פון פּאַלערמאָ!" איך האָבע די ערע! — און דער „הערצאָג" האָט זיך גאַלאַנט און ערנסט פאַרבויגן...

באַנגאַבאַרעצן איז חיים יענקל באַלד געפעלן געוואָרן... ער האָט אונטער דעם קאָמישן ערנסט דערזען ניט קיין נאַרישן בחור און דערצו נאָך אַ שטיקל לץ...

— אין וואָס באַשטייט די איסט־סיידער קונסט? — האָט ער נייגעריג געפרעגט דעם קונסט־קריטיקער...

חיים יענקל האָט ווידער ערנסט אָנגעבלאָזן זיינע באַקן, האָט געשוויגן אַ רגע, האָט אַרויסגעלאָזט צוריק די לופט פון זיי און האָט געזאָגט אַלץ מיט דעמזעלבן, איבערטריבן־ערנסטן טאָן:

— ראשית האָבן מיר טעאַטער... אידיש טעאַטער... צווייטנס האָבן מיר בלאָף... און דריטנס בלאָף... און ווייטער בלאָף... און נאָך אַמאָל בלאָף... אַלע סאָרטן פון דער גרויסער און קאָמפּליצירטער קונסט צו בלאָפן. נו, בין איך דער קריטיקער פון אָט דער שיינער קונסט...

באַנגאַבאַרעץ האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו לאַכן, זיין פּנים האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואָלקנט, אַזוי ווי מ׳וואָלט אים געבראַכט אַ טרויעריגע בשורה. דאָס טעאַטער איז געווען זיין לײַדנשאַפט און איינס פון זיינע נעפּלדיגע טרוימען, וועלכע האָבן אים געבראַכט פון ארץ ישראל קיין אַמעריקע.

— איז דאָס טעאַטער דאָ אויך אַ בלאָף? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פּיינלעך־אויסגעקרומט פּנים. איבעריגנס האָט ער נאָך שלעכט פאַרשטאַנען דעם ריכטיגן זין פון וואָרט „בלאָף".

דאָ האָט שוין דער קונסט־קריטיקער אויך אָוועקגעוואָרפן זיין קאָמישן ערנסט...

זיינע געשטופּלטע, ליימיגע באַקן האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. ער האָט צוזאַמענגעדריקט זיינע ציין ווי פון ווייטאָג און האָט אויסגעשריגן אויפגערעגט מיט גאַל:

— איינס פון די גרעסטע און שמוציגסטע!

אַז ער האָט באַמערקט דעם מאַנס פּיינלעכן אויסדרוק, דעמזעלבן, וועלכן ער האָט שוין איינמאָל געזען אויף דער פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן, און וואָס האָט דאַן מיטאַמאָל אַזוי אים צוגעצויגן צו זיך, אַז ער האָט די גאַנצע צייט פּשוט געבענקט נאָך דעם מענש און געזוכט זיין נענטערע באַ־קאַנטשאַפט — ער האָט געפרעגט שוין מיט אַ טיפער מיטלייד:

— האָט איר אפשר אויך אַמביציעס בנוגע צום אידישן טעאַטער? באַנגאַבאַרעץ האָט אויפגעשוידערט.

— פאַרוואָס דענקט איר אַזוי? וואָס פעלט אייך איין?

— איך ווייס... קיין באַרימטער אינזשיניער, ווי מאַטעלע האָט אייך געוואָלט מאַכן, ווילט איר ניט זיין... נו, זענט איר מסתמא עפּעס אַנדערש. אפשר אַ באַרימטער דראַמאַטורג...

— ווער איז מאַטעלע? — האָט אים געפרעגט באַנגאַבאַרעץ.

— מאַטעלע? ווער מאַטעלע איז?... דאָס איז ניט אַזוי לײַכט צו זאָגן — און דער קונסט־קריטיקער האָט אַרויסגעשטויסן פֿון זיך אַ טיפֿן, פֿאַרזאָרגטן זיפֿץ.

— מוז איך דען זײַן באַרימט? — האָט אים געפֿרעגט באַגאַבאַרעץ מיט אַ לײַכטן, איראָנישן און צוגלײַך טרויעריגן שמייכל.

— קיין איינפֿאַכער בשר ודם זענט איר ניט, דאָס זעט מען! — האָט געזאָגט חיים יענקל כמעט בייז, ווי מיט אַ פֿאַרוואורף און האָט ווידער אָנ־געבלאָזן זײַנע געשטופּלטע באַקן און האָט אויפֿגעהויבן אויף אים אַ לאַנגן, פֿאַרשענדן בליק.

באַגאַבאַרעצן איז דער מאַן מיטאַמאָל געוואָרן אומאַנגענעם. — דענקט ניט אפשר אָט דער חיים יענקל, אַז ער באַדאַרף זײַנע קאָמפּלימענטן?

חיים יענקלס קעציש̈ע אויגן האָבן עס באַלד איבערגעלייענט און ער האָט באַמערקט: — מיינט ניט, אַז איך מאַך אייך קאָמפּלימענטן... איך בין אַמווייניגסטן מסוגל דערצו. איך מאַך ניט קיין קאָמפּלימענטן אפֿילו דעם באַלעבאָס אַליין... איך מיין עס גאַנץ אויפֿריכטיג.

— אַה, איר זענט אַ פּסיכאָלאָג! — האָט האַלב ערנסט, האַלב שפּאַ־טיש אויסגערופֿן באַגאַבאַרעץ.

— וועלל, איך בין אפֿילו אַ חיים יענקל, נעם נאָר 20 דאָלאַר אַ וואָך פֿאַר קונסט־קריטיק און צוויי שונד־ראָמאַנען, — כ'האָב אָבער אויך אָן אויג פֿאַר פֿיינערע זאַכן און מענשן אין לעבן, — האָט ער באַמערקט שוין מיט שטאָלץ און האָט אַ גלאַנץ געטאָן אויף אים מיט זײַנע קעציש̈ע אויגן.

— איבעריגנס דאַרף מען גאָר ניט זײַן אַזאַ טיפֿער פּסיכאָלאָג, מען זאָל דאָס באַמערקן, דאָס וועט יעדער באַלד איינזען, אפֿילו אונזער רעדאַק־טאָר האָט עס באַמערקט און האָט געשיקט רעפּאָרטערס אייך אויפֿצוזוכן.

באַגאַבאַרעץ האָט אַ ווײַלע געשוויגן ווי צעטומלט. ער וואָלט זיך אַליין ניט געקענט דערקלערן, פֿאַרוואָס ס'איז אים מיט אַמאָל פֿון אַלעם אַזוי טרויעריג געוואָרן אויפֿן האַרץ.

— אפֿילו אונזער רעדאַקטאָר? אַזוי שלעכט דענקט איר פֿון אים? — האָט ער געפֿרעגט דעם קונסט־קריטיקער. געטראַכט האָט ער אָבער ניט פֿונם רעדאַקטאָר, נאָר פֿונם טעאַטער, וועגן וועלכן דאָס קליינע מענשעלע האָט אים אָפּגעגעבן אַזאַ שלעכטן גרוס.

חיים יענקל האָט זיך אויך אויף אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט.

— ווי אַזוי זאָל איך זאָגן? אַ פּעיקער איז ער. ס'וועט זײַן אַן אומרעכט עס צו לייקענען. בײַ אַנדערע אומשטענדן וואָלט פֿון אים געווען אַן אַנדערער מענש. אין אַמעריקע אָבער, ובפֿרט אויף דער איסט־סייד, האָט ער געמוזט ווערן דאָס, וואָס ער איז: עפּעס ביליגס, באַנאַלס — האָט געענדיגט דער קריטיקער ערנסט און שוין אָן ביטערער גאַל.

— איז ער ניט קיין ציניקער? — האָט אים איבערגעפֿרעגט באַגאַ־

בארעץ מיט דעמזעלבן פיינלעך־אויסגעקרימטן פנים, אזוי ווי די פראגע וואלט אים געגאנגען אין לעבן.

חיים יענקל האט זיך צעלאכט און האט זיך אומגעקוקט אין דער זייט, וואו זיין באלעבאס איז געשטאנען.

— דאס וואלט געווען צופיל פאר אים... ער איז אן אמעריקאנער בלאפער און דאס אלץ. איבעריגנס קענט איר, רוסישע, עם ניט פארשטיין. איר מוזט אביסל לעבן אין דאזיגן לאנד, כדי צו פארשטיין דעם טיפ.

— פארוואס דענקט איר אזוי שלעכט וועגן אמעריקע? — האט אים געפרעגט באנאבארעץ, מיט דעמזעלבן אויסדרוק אויפן פנים.

חיים יענקל האט זיך הויך און בייז צעלאכט, האט נאך אמאל צוזאמענגעדריקט זיינע ציין און האט געזאגט, ווי מיט א קריץ:

— פארוואס? כא, כא, כא, אזוי איז דאס שוין... איך ווייס אליין ניט פארוואס. קוקט אן מיך אליין. איך בין א דאקטאר־פילאזאף. כ'האב דורכגעמאכט אין היידעלבערג מיין עקזאמען „מאקסימע קום לאודע", געשריבן א פיל געלויבטע און אנערקענטע דיסערטאציע איבער קאנט און הום, וועלכע מען האט געדריקט אין די פילאזאפישע יארביכער, קאן שפראכן. און ווי קליין און העסלעך איך בין, אזוי גרויס און דערהאבן־שיין זיינען געווען די אמביציעס, וואס איך האב געבראכט מיט זיך אהער אין דעם פרייען און דעמאקראטישן לאנד. און זעט, וואס עס איז פון מיר געווארן? א חיים יענקל, וואס שרייבט פאר 20 דאלאר א וואך טעאטער־קריטיק און לויבט די סטארס*) און די געפארבטע סטאריכעס. איך לויב זיי ביזן הימל, ווייל אזוי הייסט דער באלעבאס, אט דאס אידל, וואס פראפאגאנדירט נאר גרויסע באוועגונגען און שרייבט נאר אין פאטעטישן סטיל מיט א סך אויסרוף־צייכנס. ער וויל אזוי, ווייל די סטארס און די סטאריכעס גיבן אדווערטייזמענטס, דאס הייסט רעקלאמעס און פאר אדווערטייזמענטס וועט דער איידעלער פאלקס־פירער זיין נשמה דעם טייוול פארקויפן. יא, אט די פורים־שפילער און הויזן אפערעיטארס, וועלכע איך וואלט ביז צו איינעם מיט אייגענע הענט אופגעהאנגען אויף די סלופעס פון דער בויערי**), אזוי משוגע ליב האב איך טעאטער און אזוי רעגן זיי מיך אויף מיט זייער פורים־שפילן. און אט זיי לויב איך, מיר אליין אויף צו להכעיס, אזוי, אז די גאל האט שוין ביי מיר געפלאצט און האט פארגיפטעט דעם גאנצן קליינעם קערפער מיינעם. און אז איך וויל זיי ניט לויבן, טופעט אט דער גרויסער אידעאליסט אויף מיר מיט די פיס און שרייט ווי א כאם.

חיים יענקל האט פלוצלינג אויפגעציטערט און פארדעקט דאס פנים, אזוי ווי ער וואלט זיך געוואלט פארשטעלן די אויגן פאר פיינלעכע זכרונות און בילדער, און האט געזאגט מיט א שטימע, פול מיט דערשטיקטע טרערן:

*) די שטערן פון טעאטער.

**) א גאס וואו בעטלער האלטן זיך אויף.

— מיין גאָט! ווען איר וואָלט הערן און זען, ווי ער שרייט, פּונקט ווי אַ טרעגער, ווי אַן איזוואָשטשיק! אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען זיינע שקלאַפן!

ער איז אויף לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן.

— ווייטער מוז איך איין מאָל אַ וואָך אין אַ שבתדיגן פּעליעטאָן אַרויסטראָגן די גאַנצע שמוציגע וועש פון דעם אידישן טעאַטער פאַרן פּוב־ליקום. כאַ, כאַ, כאַ, ווי עסטעטיש! אַזוי וויל מיין באַלעבאָס, ווייל ער יאָגט זיך נאָך סענסאַציעס, און סענסאַציע מיינט צירקולאַציע. און וואָס וועט ער ניט טאָן צוליב צירקולאַציע? יאָ, יאָ! און פאַר דיזעלבע 20 דאָלאַר אַ וואָך שרייב איך שונד־ראָמאַנען, אַזעלכע, וואו אידישע מענער און פרויען טרייבן זנות ווי ספּאָרט, שיסן זיך אָדער פאַרגיפטן זיך, ווערן אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום ווידער לעבעדיג. ווייסט איר, וועמענס ראָמאַן איר האָט דאַן ציטירט אין קופּער־יוניאָן? טאַקע מיינעם! דאָס איז געווען פאַרפאַסט פון מיר אַליין, פון דעם הערצאָג פון פּאַלערמאָ. מיין אייגן מייסטערווערק. כאַ, כאַ, כאַ! און שטעלט אייך פאָר, אַז איך אַליין בין קיין בעל תאוה ניט... אין מיין אייגן לעבן בין איך כמעט אַ נזיר און אַזוי ווייט פון תאוות און אויסגעלאַסענעם געשלעכטס־גענוס, ווי איר זענט איצט ווייט פון רוסלאַנד, און פאַר 20 דאָלאַר אַ וואָך שרייב איך אַזוינע זאַכן, אַז ס'פּלאַמט מיר אַליין דאָס פּנים... און אַזוי שרייבן אַלע חיים יענקלס צוליב צירקולאַציע. זעט איר שוין, וואָס אַמעריקע מאַכט פון אַ דאָקטאָר־פילאָסאָף און אַ נעאָקאַנטיאַנער. כאַ, כאַ, כאַ! — האָט געענדיגט דאָס פאַרביטערטע און צעטרעטענע מענשעלע מיט אַ געצוואונגן געלעכטער, ווייל ער אַליין איז געווען גאַנץ ווייט פון געלעכטער...

דער הויכער מאַן מיטן פּנים פון אַ געקרייציקטן יעזוס, האָט אים דער־מאָנט אָן דער ערלעכער יוגנט, ווען ער האָט געליבט און געגלויבט... און איצט איז ער אַזוי פאַרביטערט, פאַרסמט מיט אַזאַ זידיגער שנאה צו דער וועלט און צו זיך אַליין. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק לעבן באַנאַבאַרעצן און ביידע האָבן לאַנג געשוויגן.

— דאָס איז ניט אַמעריקעס שולד, נאָר אייער אייגענע, — האָט גע־זאָגט אין אַ ווייַלע אַרום באַנאַבאַרעץ און האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט אַ בלייכער און אויפגערעגטער, אַזוי ווי דער מאַן וואָלט אים אַנטדעקט אומ־געהייערע זאַכן. — איר זענט מסתמא אַ שוואַכלינג און האָט זיך געלאָזט פון זיי צעטרעטן...

דאָס קליינע, נידערגעשלאָגענע מענשעלע האָט זיך מיטאַמאָל פאַרענ־דערט און האָט געטאָן אַ שפּרונג ווי אַ ווילדע קאַץ. אַז באַנאַבאַרעץ האָט דערזען זיינע אויגן, האָט ער זיך דערשראָקן אָפּגערוקט פון אים.

אַלץ איז געווען אין דידאָזיגע אויגן, — אַן אָפּגרונט פון ברויזנדן האַס און זידנדער גאַל, דער גרויסער צער און פּיין פון צעטרעטענע אַמביציעס און מער פון אַלץ — טרערן. גרויסע און ציטערנדע טרערן, און הויפּטזאַכ־

לעך א לעבעדיג בלוטנדיג הארץ, וואס צאפלט און ציטערט, אזוי ווי מען וואלט עם ערשט ארויסגענומען פון א נאך ווארעמען קערפער... יא, ער איז אונטערגעשפרונגען צום הויכן מאן און האט אנגעהויבן צו קריצן מיט די ציין און שיפע ווי א שלאנג, וועלכן מ'האט אנגעטרעטן אויפן קאפ:

— האט איר שוין אמאל די קאלטע ווינטער־נאכט פארבראכט אין א פארק? זענט איר שוין אמאל ארומגעגאנגען גאנצע טעג אן א לעפל ווארעם וואסער אין מויל? ווייסט איר, וואס ס'הייסט הונגער, היימלאזיקייט, אין פולסטן זין פון ווארט, פאר אן אינטעליגענטן מענשן? א, איר ווייסט ניט! וואלט איר עס געוואוסט, וואלט איר נאר איין טאג אין לעבן עס פארזוכט, וואלט איר דאן ניט גערעדט וועגן שוואכלינגע און מענשלעכער שוואכקייט.

באגאבארעצן האט מיטאמאל ארומגעכאפט א טיפער צער און א חרטה, כמעט א בושה... וואס פאר א רעכט האט ער געהאט צו מאכן אים פאר־ווארף? ער וויינינגער ווי אלע אנדערע! האט ער זיך דען ניט געשמדט צוליב רום און רייכטום? האט ער דען ניט פארקויפט זיין פעדער דעם אלטן סוואדניק סוואווארין און אכט יאר צוזאמען מיט מענשיקאוון און ראזאנאוון, מיט דער גאנצער פראסטיטואירטער באנדע, ניט געהאלפן פייניגן און קרייציגן זיין פאלק, זיין אייגן בלוט און פלייש?

ער האט אפילו קיין ארטיקלען קעגן אידן קיינמאל ניט געשריבן. זיין פעדער אבער האט אין דעם ארקעסטער, וועלכער האט געהייסן „נאוואיע ורעמיא" געשפילט א גרויסע ראל. ער האט זיין פעדער פארקויפט און דערפאר באקומען פופצן טויזנט רובל א יאר!...

און די גאנצע פארגאנגנהייט האט אנגעהויבן צו לויפן פאר זיינע אויגן אזוי שנעל און אזוי בולט, און יעדעס בילד האט אנגעכאפט א נערוו און האט אים א ברען געטאן מיט אזא ווייטאג, אזוי אומבארמהארציק און מיט אזא ברענענדן פיין, ווי א גרויסע עקלהאפטע מכה האט זיך מיטאמאל געעפנט זיין גאנצע פארגאנגנהייט.

דריי יאר וואנדערט ער שוין מיט דער מכה פון לאנד צו לאנד, פון קלימאט צו קלימאט, און געפינט זיך קיין ארט ניט אויפן גרויסן ערד־קוגל...

ער האט געגלויבט, אז די וואונד וועט זיך ביסלעכווייז פארציען גיכער ווי אלץ דא, אין אמעריקע. אבער ווי גרוים איז דער טעות! ווי שווער און אוממעגלעך איז אפצוואשן די פלעקן פון אן עמפפינדלעך, קראנק געוויסן!

אט האט זיך די וואונד צוריק געעפנט פון דער באריהרונג מיט אט דעם קליינעם און צעטרעטענעם מענשעלע און בלוטיגט. עס ברענט זיין מארך און עס טוט אים אזוי וויי, אז ער ווערט משוגע און איז געוועזן גרייט צו שרייען פון ווייטאג און רופן צו הילף זיין מלאך, **זיין מארוסיא!**

באלד אבער האט שוין דער נאמען „מארוסיא" אויך געברענט זיין מארך, ווי א בייזע דערינערונג... האט ער זיך דען ניט צוליב איר געשמדט?

דער חיים יענקל איז אים מיטאמאל געוואָרן נענטער און טייערער פון זיין רוסיש ווייב...

אַך, ווען ער קאָן אַרומנעמען אַט דעם צעטרעטענעם און באַליידיגטן און וויינען אויף זיין ברוסט גלייך מיט אים, מיט די זעלבע גרויסע, ציטערנדע טרערן אויסוויינען זיין האַרץ און די ברענענדע שאַנד פון זיין געוויסן! ער איז דאָך פונקט אַזוי צעטרעטן, ווי דער עסטעטיקער, וואָס מען רופט אים „חיים יענקל". ער איז אָבער אַזוי העסלעך, קערפּערלעך העסלעך! אפילו אין זיין צער... און דער עסטעט דער קינסטלער אין אים שוידערט אויף פון עקל...

און חיים יענקל אָטעמט אויף אים און שיפּעט ווי אַ גיפטיגע שלאַנג גלייך אין פנים אריין:

— ווייסט איר, וואָס ס'איז געווען מיין ערשטע אַרבעט, אַז איך בין געקומען אהער מיט געטעס פּאָוסט און 57 סענט אין קעשענע און מיטן דיפּלאָם פון אַ דאָקטאָר אין מיין אָרעם רענצעלע? כאַ, כאַ, כאַ! צום ערשט האָב איך געוואָלט שאַפן אַ אידישן קונסט־טעמפּל. עפּעס זייער גרויסעס און דערהאַבנס... זאָלן די אומות העולם מער אונז ניט פאַרוואַרפן, אַז מיר, סעמיטן, האָבן ניט געשאַפן קיין קונסט־ווערטן. וואָס אַ חיים יענקל קאָן אויספאַלן! איז דאָס ניט קיין משוגעת? איך האָב גענומען גרינדן דראַמאַטישע קלובן, לעקטשורן איבער טעאַטער און קונסט און איג־ספּירירן אונזערע אידישע אַקטיאָרן מיט קונסט־אידעאַלן... בייטאָג האָב איך געאַרבעט אין אַ שאַפּ פאַר 3 דאָלאַר אַ וואָך און דורך די נעכט האָב איך געשריבן דראַמען און טראַגעדיעס מיט פּאַטעטישע פּראָלאָגן און עפּי־לאָגן, איך האָב דערציילט און באַזונגען די שטאָלצע אידישע מאַרטירער, שייטער־הויפנס און משיחים. איך האָב געשריגן: „אידן, זייט שטאָלצע מענשן"! און די פּערל האָב איך געטראָגן צו אונזערע סטאַרס און טעאַטער־פּאַרוואַלטערס, צו איליטעראַטן און פּאַיאַצן, צו אַלטע קליאַטשעס, סטאַרי־כעס מיט עקלהאַפטע געפאַרבטע פּנימער און מיט אַ שווערן געדרוך פון זייערע פאַלשע ציין. לאַנג אָבער האָט עס ניט געדויערט. זיי האָבן מיך אויסגעשפּאָט און אויסגעלאַכט. זיי, די פּורים־שפּילער און הויזן־מאַכער! צוערשט אָט דעם אָרימען פון דער נאַטור באַליידיגטן קערפּער, דאָס גע־שטופּלטע פּנים מיינס, און דערנאָך שוין מיינע ווערק, מיין שיינעם און לייכטענדן גייסט. און אין אַ פרימאָרגן האָב איך גענומען אָט דאָס ווערק, די גייסטיגע קינדער מיינע, האָב זיי איינגעפּאַקט אין דעמזעלבן אָרימען רענצל מיט דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם און מיט געטעס „פּאָוסט" — אַלץ צוזאַמען — און האָב עס „מאַקסימע קום לאָודע" אַריינגעשמיסן אין אַטלאַנטיק...

און בין קראַנק געוואָרן... פיזיש און גייסטיג דערשעפּט... און אַז דער קערפּער האָט זיך ערהאָלט אין שפּיטאָל, האָט מיין גייסט אויף צוריק אויפגעלעבט און האָט פאַרלאַנגט שפּייז, אַרבעט, באַוועגונג! איך האָב

זיך דאן געווארפן אויף זשורנאליסטיק, אויף שיינער ליטעראטור, בין גע־לאפן פון רעדאקציע צו רעדאקציע און דארט האב איך געקריגן דיזעלבע תשובה, וואס ביי די פורים־שפילער: צו ליטעראריש! צו טיף פאר משהן! שרייבט א שונד־ראמאן! און אין א שיינעם גליקלעכן טאג האט מיר אט דער גרעסטער כאם געגעבן דעם דזשאב פאר 8 דאלאר א וואך, און האט אין דריי יאר צייט ביסלעכווייז מיך דערהויבן ביז 20 דאלאר. כא, כא, כא! כא, כא, כא! — האט ער געלאכט, ווי א קליינער און מיאוסער טייוול. אזוי שלעכט און אפשטויסנד געלאכט.

— וואס־זשע האב איך געקענט טאן? א? זאגט! ענטפערט! — האט ער פארלאנגט מיט א טופ און מיט געבייליטע פויסטן פאר באגאבא־רעצעם פנים — אז איבעראל הערשט דא דער כאם, דער אנגעלאפענער כאם, אן טראדיציעס, אן דער קולטור אן דער בילדונג, וועלכע איז אין אייראפע נייטיג פאר יעדן בארוף. ווער עס האט דארט געקענט זיין א בעל־עגלה אדער א שענקער איז דא לייכט געווארן, וואס ער האט געוואלט: א כהן פון א קונסט־טעמפל, א סטאר, א פארלעגער, קוריץ, וואס ער האט געוואלט! — האט געשריגן חיים יענקל אויף באגאבארעצן אזוי, אז מארוסיא האט זיך איבערגעשראקן און איז צוגעלאפן צו זיי.

— וואס איז? וואס איז? — האט זי געפרעגט איר בלייכן מאן אן איבערגעשראקענע.

— גארניט! גארניט! — האט יענער זי בארואיגט. — מיר רעדן דא וועגן אמעריקע.

מארוסיא האט פריי אויפגעאטעמט.

— געפעלט אייך ניט אמעריקע? — האט זי געפרעגט ביים קונסט־קריטיקער, באטראכטנדיג אים מיט נייגעריגע אויגן, אזוי ווי זי וואלט אים ערשט באמערקט.

— געפעלן? כא, כא, כא! א שיין ווארט כ'לעבן! וואס פאר א טייוול טראגט אייך אהער? — האט ער זיך צעשריגן אויף זיי ביידע אין א קראנקער אויפרעגונג, שפרינגענדיג ווי א קאץ און מיט ציינקריצעניש. — איך בין געזעסן דאן ביים קבלת־פנים פון אט דעם גרויסן איד אין קופער־יוניאן און האב געטראכט: אט איז אנגעקומען א נייער גרינער, א נייער אידעאליסט, א רעפארמאטאר און פרעדיגער מיט לאנגע גלחישע האר, מיט א פריש, צאפלדיג הארץ און מיט א פנים פון א געקרייצטן יעזוס... ווער ווייסט, וואס פאר אן אמביציעס און אידעאלן ער איז געקומען פאר־ווירקלעכן אין דעם פרייען לאנד! א סאציאליסטישן שטאט גרינדן, נייע קונסט־ווערטן און קונסט־ווארהייטן פרעדיגן... ס'קאן זיין א נייעם גלויבן פארשפרייטן, ניט אזוי? כא, כא, כא! אנטלויפט פונדאנען! איר האט זיך אפגענארט! אמעריקע איז פונקט אזוי פריי ווי רוסלאנד! ניין, ערגער! טויזנט מאל ערגער! דארט הערשט איין צאר, דא 400 צארן, די קאפיטאליסטישע פרעסע איז אין זייערע הענט. די אוניווערזיטעטן,

דאָס פּרייע אומאָפּהענגיגע וואָרט קריגט באַצאָלט ביי זיי, ביי די קאַפּיטאַליסטן. די ענגלישע פּרעסע, דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער איז ניט בעסער און העכער פון דעם אידישן! שונד, סענסאַציע און צירקולאַציע! אַנטלויפט פונדאַנעץ צוריק קיין רוסלאַנד, איידער מ'האָט אייך נאָך ניט צעטרעטן, געקרייציגט! דאָ וועט מען אייך פאַר אייערע מיינונגען ניט שיקן קיין סיביר! גאָט באַהיט! א פרייע מדינה. מען וועט אייך אָבער פאַרשווייגן, באָיקאָטירן, ניט צולאָזן צום וואָרט. די רווישנדע און ליאַרעמדיגע גאַסן־קולטור וועט פאַרטייבן אייערע שטימען. און דאָס איז טויזנט מאָל ערגער פון סיביר, פון קאַטאָרגע! דאָס איז גייסטיגער טויט!

— אַנטלויפט, זאָג איך אייך, באַצייטנס פונדאַנעץ! — האָט ניט אויפגעהערט אין העכסטער אויפרעגונג צו שרייען חיים יענקל — אין רוסלאַנד וועט איר ליידן, מען וועט אייך פייניגן פאַר אייערע פרייע געדאַנקען, אָבער דאָרט איז דאָ א ליידנדעס און דערפאַר א גרויס פאָלק מיט גוטע צאַפּלענדיגע הערצער, וועלכע זיינען אַנגעצויגן ווי סטרונעס פון א טייערער פידל. דאָס פאָלק האָט פאַר אייך טרערן. הייליגע טרערן פון אונטערדריקטע, פרישע, ווי די טראָפּן פונם טוי און פון מאַי־רעגן. די סטרונעס וועלן זיך אָפּרופן, די טרערן וועלן באַוויינען אייער שיקזאַל. דאָס פאָלק וועט אייך פאַרגעטערן. אין קאַלטן סיביר וועט ערשט אויפפלאַקערן דער פלאַם פון אייערע נשמות און וועט אייך דאָס גאַנצע לעבן וואַרעמען. דאָ וועט ער באַלד אויסגעלאָשן ווערן, ווי אין פרימאָרגן דאָס ביליגע ליכט, וואָס באַלייכט די בויערי. און אייער לעבן וועט דאָ ווערן אַזוי ליאַרעמדיג, ביליג, גרוי און באַנאַל, ווי די בויערי אינם ליכט פון טאָג!... האָט איר זי שוין געזען? דאַן קוקט זי אָן! זי סימבאָליזירט מיט זיך גאַנץ אַמעריקע... אַנטלויפט צוריק אין באַרבאַרישן רוסלאַנד! קושט דאָרט די ערד, די שטיינער! אַזוי זאָג איך אייך! איך, דער קונסט־קריטיקער מיטן נאָמען חיים יענקל! כאַ, כאַ, כאַ! — האָט געענדיגט מיט א היסטעריש און געצוואונגען געלעכטערל דאָס קליינע מענשעלע, מיטן נאָמען חיים יענקל און האָט א דערשעפּטער און ציטערנדער, אַזוי ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזט פון זיך דעם גאַנצן יאָרנלאַנג־געזאַמלטן כעס און מיט אים צוגלייך דעם אָטעם, דעם לעבנס־כח, צוריק זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער באַנק, צוזאַמענגעדרייט ווי א לופט־באַלאָן, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך די גאַנצע לופט...

און אַלע דריי זיינען געבליבן שטיל און טרויעריג פאַרטראַכט, אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין געשטאַנען פאַר אַן אָפענעם קבר, וואו אַלע האָפנונגען זיינען באַגראָבן.

דער ווינט האָט צו זיי דערטראָגן מילמאַנס שטימע, דער זשורנאַליסט איז געשטאַנען אין צווייטן עק שיף, געמאַכט מיט די הענט ווי א שיבער, וועלכער זעצט מצות אין אויוון און האָט מיט גלעקעל־עפענדין און מיט

פּאַטאַצקים פּאַרוואַלטער הויף און פייערדיג געריעדט וועגן די נייע עפּאַכע, וואָס זיי גייען שאַפן.

באַגאַבאַרעץ האָט זיך ווידער איינגעהערט.

חיים יענקל האָט דערקענט אין זיין געזיכט, אַז ער קאָן דעם מילמאַנען ווי אַ שטאַרקע נוס ניט צעבייסן און זיין מוח מוטשעט זיך איבער אים.

אַזוי ווי פון אונטער אַ בייטש איז חיים יענקל אויפגעשפּרונגען און האָט זיך צוגעטוליעט צום הויכן מאַן.

— האַלט מיך צו! האַלט מיך צו! אויב ניט, וועל איך באַלד צו־לויפן און אים פּאַטשן! איך וועל מפקיר זיין מיינע 20 דאָלאַר שכירות... איך וועל ווידער הונגערן, שלאָפן אין פּאַרק און וועל אים פּאַטשן!

— טשאָווע! טשאָווע!

מאַרוסיאַ האָט אים אָפּגעהאַלטן. אָבער ס'איז געווען אומזיסט. ער האָט זיך נאָר געטוליעט צו איר מאַן און זיך ניט גערירט פון אָרט און נאָר געסטראַשעט: „האַלט מיך! איך וועל אים פּאַטשן, ווי דער רוסישער אַגראָנאָם האָט אים געפּאַטשט... פריער אויסגעפּאַטשט און דערנאָך באַ־קומען אַ שטעלע... כאַ, כאַ, כאַ! אַ געטלעכער שפּאַס. — און דער קליינער חיים יענקל האָט זיך אַזש פאַרכליינעט פון געטלעכן שפּאַס.

— ס'קאָן ניט זיין! — האָט כמעט איבערגעשראָקן אויסגעשריגן מאַרוסיאַ.

איר מאַן האָט געעפנט אַ פּאָר ברייטע אויגן און האָט זיי מאָדנע פאַרגלאָצט.

— איר גלייבט ניט? כאַ, כאַ, כאַ, מעדוועדיעוו! מעדוועדיעוו! — האָט אויסגעשריגן חיים יענקל. מעדוועדיעוו איז צוגעגאַנגען.

— אַ, אמת, אַז איר האָט אים אויסגעפּאַטשט? — האָט אים געפרעגט דער קריטיקער. מעדוועדיעוו האָט זיך פאַרצויגן מיט זיין גראָבן ציגאַר און ניט אַרויסנעמענדיג אים פון מויל, האָט ער אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס און האָט באַמערקט גאַנץ גלייכגילטיג:

— יאָ! איך און מיין פרוי... מיר האָבן אים ביידע געפּאַטשט!

— ס'קאָן ניט זיין — האָט בייז אַרויסגעזאָגט מאַרוסיאַ.

מעדוועדיעוו האָט זיך באַליידיגט.

— פאַרוואָס קאָן דאָס ניט זיין? אַ גרויסע מציאה! איך האָב גרעסערע שררות געפּאַטשט.

דאָ האָבן זיך שוין אַלע איינייעם צעלאַכט — אַ חוץ מעדוועדיעוו. ער איז געשטאַנען מיטן ציגאַר אין מויל און האָט זיי גלייכגילטיג אָנגעקוקט.

— מ'דאַרף אים שוין אָבער נאָכאַמאָל פּאַטשן — האָט ער באַמערקט פאַרזאָרגט און האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן געערגערטן זיפץ צוזאַמען מיטן רויך.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט געפרעגט מאַרוסיאַ, געוואָרגן פון ספּאַזמאַטישן געלעכטער.

— סוואַלאַטשעס! מערזאַוועצעס! איך וועל זיי אַלע פּאַטשן! אַלע! אַלע! — האָט זיך באַרימט מיט אַ בייזן שטאָלץ דער אַגראָנאָם. פּלוצלינג אָבער האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויפן אויפגערעגט־רעדנדן גלעקעל.

— און ווי געפעלט אייך אונזער פּאַשאַ? — האָט ער אָנגעוויזן אויף גלעקעל־עפענדי — ער בומט? אַ?

— איר וועט שוין זען, וואָס פון אים וועט זיין אין אַ חודש אַרום — האָט געזאָגט דער קריטיקער — אין אַ חודש אַרום וועט ער שוין זיין אַ פּרעסער אָדער הויזן־אַפּערעיטאָר.

— אַ חודש איז צופיל. מיר וועלן אים בומען העכסטנס נאָך צוויי וואָכן, דאַן אַרונטערגעשליידערט און באַסטאַ! גענוג פאַר אים!

— פאַרוואָס? — ער איז זייער אַן ערנסטער מענש. ער מיינט ווייניגסטנס ערנסט — האָט זיך פאַר אים אָנגענומען באָגאַבאַרעץ.

— ער איז אַ האַרציגער מענש דער „קאַלאַקאַלטשיק”... איך ליב אים — האָט זיך פאַר אים אויך מאַרוסיאַ איינגעשטעלט.

— ווער דאַרף דאָ זיין ערנסט? מיר דאַרפן סענסאַציעס, צירקולאַציע און ניט קיין הערצלעכקייט און ערנסט און אַזוי ווי מיר האָבן אים צוליב סענסאַציע אויפגעהויבן, אַזוי וועלן מיר אים צוליב דערזעלבער סענסאַציע טאַקע אַרונטערשליידערן, אַז קיין גאַנצער עבר וועט ביי אים ניט בלייבן — האָט געזאָגט מעדוועדיעוו, ווינקענדיג צו חיים יענקלען מיט גנבהשע בליקן.

— איר זעט ווי ער האָט זיך שנעל אַמעריקאַניזירט? אַט דאָס איז אַמעריקע — האָט זיך ווידער געקאָכט חיים יענקל — און ער וועט דאָ האָבן דערפאָלג.

— דאַן קריגט איר ביי מיר אַ הוספה — האָט אים פאַרשפּראָכן מעדוועדיעוו אין אַ הלצה.

— ניט דערלעבן זאָלט איר, אַז איר זאָלט זיין מיין באַלעבאָס.

— אַך, חיים יאַנקל! חיים יאַנקל! און דערצו נאָך אַ דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, איר וואָלט באַדאַרפט דעם באַלעבאָס שוין לאַנג פּאַטשן, וואָלט איר שוין איצט גענומען 25 דאָלאַר אַ וואָך — האָט אים באַדויערט מעדוועדיעוו מיט אַ געמאַכטן ערנסט.

מילמאַן האָט שוין אָבער געוואָרפן אין זייער זייט צעשראָקענע בליקן. אַלע זיינען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט און די עקספּעדיציע פון די מרגלים האָט אין דעם אָרט שוין באַדאַרפט אַראָפּגיין.

אין נייעם כנען

אין אַ פּאָר שטונדן אַרום זיינען די מרגלים שוין געווען אין נייעם כנען.

דער פאַרטרעטער פון דער פירמע, וואָס האָט געהאַט צו פאַרקויפן די מציאה, האָט זיי עמפּפאַנגען מיט פריינטלעכער ווירדע און האָט זיי גענומען אַרומפירן.

גלעקעל איז געשטאנען, האט זיך ארומגעקוקט אזוי ערנסט און פייער־לעך, אזוי ווי ער וואלט געשטאנען אונטער דער חופה גרייט מקדש צו זיין א בתולה.

— א גרויסער היסטארישער מאמענט! — האט ער געזאגט צום רעדאקטאר.

מילמאן האט אים שטיל און פארקלערט געדריקט זיין האנט.

מען האט זיך גענומען צו דער אויספארשונג פון לאנד. דער רעדאק־טאר האט פון זיך אראפגעווארפן דאס רעקל, די אנדערע נאך אים, אזוי ווי עס וואלט זיי פארגעשטאנען אן ערנסטע ארבעט.

באלד איז ער געשטאנען מיט וואסערשטראמען און דעם אגראנאם און ביידע האבן באטראכט א שיכטע ערד.

דאס קליינע, רויטע אידל איז פשוט ניט געווען צו דערקענען, אזוי שטאלץ־פאררים און גאוהדיג פארפרוירן האט אויסגעזען זיין קליין פאר־מעט־געל פנים מיט די ברילן אויף דער נאז. ער האט גענומען לעקן א שטיק ליים און געפסקנט אין רוסישער טערמינאלאגיע:

— דאס איז א „סוגלינאק", פערווי סארט... דא וועל איך זייען ווייץ, אז גאט און לייט וועלן אונז מקנה זיין.

— ווייץ וועט דא וואקסן? ווי איר קענט דא וואקסן, אזוי וועט דא ווייץ זיין.... דאס איז פאר האבער, גערשטן און קארטאפל, — האט אים אומישנע געערגערט דער בארימטער אגראנאם מעדוועדיעוו, ווינקענדיג צו מארוסיען און צו איר מאן — יא, א שיינער מבין זענט איר...

וואסערשטראמס פנים איז אזש גרין געווארן פון כעס.

— איר זענט טאקע אן אגראנאם, אבער מיט ביכלעך... איר פאר־שטייט? און אז איך האב ביי פאטאצקין געזייעט ווייץ, בארקעס מיט פלאנטאציעס זענט איר נאך אויף דער וועלט מסתמא ניט געווען... יא, יא! ווייסט איר, וואס פאר א ווערט עס האט געהאט ביי פאטאצקין אן אגראנאם מיט ביכלעך? לויטער גארניט! יא, יא!

— וואסער פאטאצקי? וועמען בלאפט איר? מיך? דעם בארימטן רוסישן אגראנאם?

וואסערשטראמס גרינע אויגן האבן אנגעהויבן צו שפרינגען אונטער זיינע רויטלעך־גרויע ברעמען. ס'האט שוין געשמעקט מיט סקאנדאל.

גלעקעל האט זיך אבער רעכטצייטיג ארייגעמישט, זיי ביידע צענומען, און די עקספערטן האבן פארטגעזעצט זייער אויספארשונג, לאנג און ערנסט, ווי אמתע מרגלים.

אויסגעפארשט די ערד, האט מען זיך גענומען צום וואלד. וואסער־שטראם האט מיט זיין שירם אויסגעקלאפט די ביימער און זיי באוואונדערט.

— איי, א דעמב! א דעמב! איך ווייס ניט, ווי ביי אייך, ביי אונז אין רוסלאנד מאכט אזא דעמב הונדערט רובל, — ניט ווייניגער, ווייסט איר, פאניע רעדאקטאר, וואס איך פלעג מאכן פון אט די „ווערבעס"?

שפאַלן! און אז ווײטע ימח שמו איז געווען אַ מאַכער ביי די באַנען, האָב איך אַמאָל געמאַכט פון אַזוינע „ווערכעס" אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט שפּאַלן...

מעדוועדיעוו האָט זיך ווידער ניט געקענט איינהאַלטן.

— וואָס פאַר אַ דעמב? אַ דעמב איז דאָס? עס איז אַ קליאָן ניט קיין דעמב! — האָט אויף אים שוין געשריגן מיט אַ געמאַכטן ערנסט דער אַגראָנאָם.

וואַסערשטראָם האָט זיך איבערגעשראָקן און זיך שנעל פאַרכאַפּט.

— ריכטיג, ריכטיג, אַ קליאָן! — ווער זעט עס דען ניט? סיידן אַ בלינדער... און ער האָט זיך גענומען אויסרעכענען, וואָס וועט קאָסטן אַ הויז פאַר אַ פאַמיליע, געמאַכט פון אייגן האָלץ.

אַז מ'איז פאַרטיג געוואָרן מיט דעם וואַלד, האָט זיך וואַסערשטראָם געהייסן ווייזן דאָס וואַסער.

— וואָס טויג אַ לאַנד אָן וואַסער?

מילמאַן האָט שוין אָבער ווידער געקוקט אויפן אידל, ווי מ'קוקט אויף אַ הינטל, וואָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס און מ'דאַרף עס אַרויסטרייבן. דאָס הינטל האָט קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן ערנסט פון דער זאַך...

אָבער ביים וואַסער איז וואַסערשטראָם געבליבן שטיין אַן אנטוישטער: — עפּעס אַ קליינע, פאַרזשאַווערטע און כמעט אויסגעטרוקנטע אָזיערע! וואָס פאַר אַ פיש קענען דאָ זיין? סיידן ראַקעס, ניט קיין קאַרפּן.

אינצווישן אָבער האָט דעם פאָטאָגראַפערס קאַמערע געאַרבעט און גע־קנאַקט און פאָטאָגראַפירט דאָס נייע כנען פון אַלע זייטן, מיט די מרגלים איניינעם, און דער רעדאַקטאָר האָט זיך אַזוי געדרייט אונטערן אַפּאַראַט, אַז ער זאָל אויסקומען אַלץ אין פאָדערגרונט.

הגם די אָזיערע האָט וואַסערשטראָמען שטאַרק אנטוישט, פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט, אַז דאָס געשעפט איז אַפילו ניט קיין גרויסע מציאה, אָבער נישקשה, ס'הייסט ביים גאַנג.

מילמאַן האָט אויף אים אָנגעהויבן צו מאַכן מיט די הענט, ווי מ'טרייבט פון זיך אַ צוגעגעסענע פליג.

לאַנג האָט די גאַנצע אויספאָרשונג בכלל ניט געדויערט...

* * *

מאַרוסיא, באַגאַבאַרעץ און חיים יענקל זיינען געזעסן אויף אַ גרויסן שטיין און האָבן צוגעזען דידאָזינגע קאָמעדיע פונדערווייטנס.

זיי האָבן אַפילו ניט געלאַכט, אַזוי מעלאָדראַמאַטיש־ביליג און אומגע־לומפּערט נאַיוו האָבן די אַקטיאָרן געשפּילט.

דער טאָג איז געלעגן אַזוי רואיג, שיין. די ערד האָט געאָטעמט מיט אַזאַ מונטערער פרישקייט. דאָס לאַנדשאַפט האָט זיך געצויגן אַרום און

ארום און זיך צוזאמענגעגאסן מיטן ווייטן האריזאנט אין אזוינע צארט־בלויע ליניען און פאנטאסטישע זיגזאגן, און נאך דעם צעגליטן גיהנום ניו־יארק, האט דא אלץ אויסגעזען, ווי א שטילער גן־עדן.

נאר די זשעסטיקולירנדע און אומגעלומפערטע קאמעדיאנטן האבן געשטערט די אילוזיע און האבן דערמאנט אן דער ווייטער, מעלאדראמא־טישער ריזנשטאט, אן דעם גיהנום, וואס מענשן האבן דארט אליין געשאפן, אן דעם ליארעמדיגן לעבן און זיינע מעלאדראמאטישע העלדן.

דער דראמאטורג און דיכטער באגאבארעץ האט אבער ניט געקענט אפרייסן די אויגן פון די אקטיארן.

אמיינסטן האט אים עמפערט מילמאן מיט זיינע פארקאשערטע ארבל פון א מצה־מעל־קנעטער אדער שיבער און מיט זיין פאטעטישן ערנסט, מיט וועלכן ער האט געשפילט זיין ראל. ער האט די נום נאך אלץ ניט גע־קענט צעבייסן און האט ניט געוואוסט, צו וועלכן קלאס אקטיארן זאל ער אים צורעכענען.

— ער איז דאך א ציניקער! — האט ער אויסגעשריגן צו חיים יענקלען און האט זיך אויפגעהויבן פון ארט — ער לאכט דאך אין הארץ פון זיי אלעמען און פון זיין אייגענעם פאטאס.

— ווארפט אוועק אייערע אייראפעאישע און באזונדערס רוסישע באג־ריפן — האט אויף אים כמעט בייז אנגעשריגן דער קונסט־קריטיקער — אין אמעריקע איז ניטא ניט קיין ציניקער, ניט קיין סקעפטיקער, פונקט ווי דא זיינען ניטא קיין פאוסטן און ניט קיין מעפיסטאס. די אלע פיינע טיפן פון דער אלטער און קאמפליצירטער אייראפעאישער ציוויליזאציע עקזיסטירן דא ניט. אמעריקע האט געשאפן אירע אייגענע טיפן, ווי איר אייגענעם סטיל. זיי זיינען פיל איינפאכער ווי אייערע, געמאכט אין קאלאסאלע און גראדע ליניען, ווי אויסגעהאקטע מיט א האק און מיט די הענט פון א האלצהעקער. אזוי איז די אמעריקאנער ארכיטעקטור און די גאנצע אמעריקאנער קולטור. דער טיפ פון דער אמעריקאנער ארכיטעקטור איז דער אומגעלומפערטער וואלקנקראצער, איינער העכער פונם צווייטן. דער מענשן־טיפ איז דא בכלל דער פעיקער. מיר האבן גרעסערע אדער קלענערע פעיקערס. זייער נשמה איז גראד אן די קראנקהאפטע זיגזאגן פון דעם אייראפעאישן געוויסן און אן ווידערשפרוכן, גראד, ווי די אמעריקאנער גאסן זיינען. איר שטייט פון איין זייט גאס און זעט, וואס ס'טוט זיך אין דער צווייטער זייט גאס... אלץ איז דא איינפאך! אין דער איינפאכ־קייט ליגט אמעריקעס גרויסקייט. אויפן גרויסן לעבנס־יאריד זוכט יעדער אין איילעניש אויסצוכאפן דעם גרעסטן ביסן, און ער ליארעמט און נארט דעם צווייטן, און „פעיקט" ערנסט, מיט איבערצייגונג, ער איז ערנסט, ווי דער וואלקנקראצער. פאר רעפלעקציעס איז בכלל קיין צייט ניטא. ער ווייסט נאר איין זאך: „מאכן א לעבן, און דאטס־אלל!" און דאסזעלבע איז מילמאן: אן ערנסטער אמעריקאנער פעיקער — האט שטרענג געענדיגט

חיים יענקל, אזוי ווי ער וואלט געלייענט א נאטאציע דעם איינדאפעער, וואס איז געווען צוזאמענגעדרייט אונטער דער לאסט פון זיין קראנק געוויסן.

און ווירקליך אזוי איז דאס געווען. מילמאן האט ביזן סוף ערנסט געשפילט זיין ראל מיט דעם פאטעטישן טאן, מיט וועלכן ער פלעגט תמיד שרייבן זיינע ארטיקלען מיט די אויסרוף־צייכנס. די איבעריגע אקטיארן האבן, ווי וואסערשטראם צום ביישפיל, שארזשירט זייערע ראלן, ווי פאיאצן.

מען האט ערנסט אנגעהויבן און ערנסט פארענדיגט מיט א מאלצייט אין נאענטסטן דארף.

ביים טיש האבן ביידע, ער און גלעקעל־עפענדי, געהאלטן ערנסטע רעדעס, גלעקעל־עפענדי האט פארחלומט, ווי א חתן אונטער דער חופה, גערעדט פון גרויסן, היסטארישן מאמענט און פון דעם פולס פון דער געשיכטע.

מילמאן — וועגן די ברייטע און הויכע אויפגאבן פון דער זשורנאליס־טיק, די אדוואקאטן האבן געקיימט טשואינג־גאם.

פילנדיג די ערנסטקייט פון מאמענט, זיינען די מרגלים געבליבן אין דעם נייעם כנען נאך אויף צוויי טעג, מ'האט נאר געשיקט א פאר ערנסטע טעלעגראמעס צו דער „נאציאן".

באגאבארעץ, מארוסיא און חיים יענקל האבן אלע דריי דעמזעלבן פארנאכט זיך אומגעקערט אהיים.

נאך דער אויספארשונג

חיים יענקל, דער קונסט־קריטיקער, האט זיין באלעבאס גוט פארשטא־נען און אים ריכטיג אפגעשאצט. מילמאן איז געווען אן ערנסטער פעיקער, וועלכער האט זיך געקענט באגייסטערן פאר יעדן פעיק, און בפרט נאך פאר אזא גרויסן, ווי די „צוריק צו דער נאטור"־באוועגונג.

א פעיק איז דאס געווען דערפאר, ווייל דער איידעלער זשורנאליסט האט ניט פארפאלגט די טובת הכלל, נאר זיינע אייגענע אינטערעסן. און דערפאר האט זיך דער פראקטישער מענש אויף א מינוט ניט פארטראכט וועגן דער פארווירקלעכונג פון דער באוועגונג. און א פעיקער, ווי חיים יענקל האט ריכטיג באמערקט, רעפלעקסירט ניט איבער זיך אליין, גראבט זיך ניט אין זיינע אייגענע געפילן און מאטיוון. ס'פעלט דערפאר צייט, דער חוש פאר זעלבסט־קריטיק. און ווען עמיצער וואלט מילמאנען איצט פארגעווארפן, אז ער מיינט עס ניט ערנסט און זוכט ניט קיין טובת הכלל, וואלט מילמאן אנטריסטעט געווען, און ניט אן רעכט, ווייל ער האט זיך גענומען פאר דער ארבעט גאנץ ערנסט, מיטן גאנצן אימפעט און רעש פון זיין ליארעמדיגער, איסט־סיידער נאטור. באלד האט ער אליין ערנסט געגלויבט, אז ער גייט שאפן א נייע עפאכע אינם לעבן פונם אמעריקאנער אידנטום, אז ער ווערט צוריק א מדבר ראש, ווי אין די שיינע, אלטע צייטן, ווען ער איז געווען

אַליין אויפן יאַריד — אַ מעכטיגער פאָלקס־פירער, און זיין זשורנאַליסטישע קאַריערע הייבט זיך אָן אויפסניי.

אַזאַ גרויסער און צייטמעסיגער פּראָיעקט, ווי די „צוריק צו נאַטור"־באַוועגונג איז געווען, האָט געקענט געבן דאָס רעכט און דעם גלויבן פאַר אַזוינע האָפנונגען. און מילמאַן האָט דערפון באַלד געמאַכט די „הויפּט־אישו" פון דער אידישער סאָציאַל־פּאָליטיק אין אַמעריקע און האָט פיל געבויט אויף דער הילף פון די אידישע פינאַנץ־מאַגנאַטן און פון דער אַמע־ריקאַנער רעגירונג אַליין.

איז דען ניט געווען די קאָנצענטראַציע פון גרויסע אידישע מאַסן אין איין אָרט, די מאַסן־פּעדלערייַ און דאָס לופט־לעבן אַ פאָלקס־געפאַר פאַרן קיום פון גאַנץ אַמעריקאַנער אידנטום? איז עס ניט אַ נייער געטאָ, וואָס די אידן האָבן זיך אַליין געשאַפן מיט זייערע אייגענע הענט?... ניין! די אידן האָט מען געמוזט צעשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד! זיי מאַכן פאַר פּראָדוקטיווע בירגער! און מילמאַן האָט זיך געפילט, אַז ער איז דערוואַקסן צו דער גרויסער אויפגאַבע.

ער האָט זיך גאָרניט געוואָלט רעכענען מיטן פאָלקס־אינסטינקט, וועל־כער טרייבט דאָס אידישע פאָלק צו קאָנצענטראַציע, באַשאַפט אַליין אַ געטאָ און לאָזט דאָס פאָלק זיך ניט צעשפּרייטן, ווייל אין דעם אינסטינקט ליגט דער סוד פון זיין אייביגן קיום. מילמאַן האָט זיך וועגן דעם ניט פאַר־טראַכט און האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבעט מיטן גרעסטן זעלבסטפאַר־טרויען פון אַלע אַמעריקאַנער פעיקערס...

* * *

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט די „נאַציאָן" אָנגעהויבן צו דרוקן דאָס אויספאָרשונגס־מאַטעריאַל פון דער עקספּעדיציע.

צוערשט האָבן זיי רעפּראָדוצירט דאָס לאַנדשאַפט אַרום דער מציאה: דאָס לאַנד מיטן וואַסער, מיט דעם וואַלד, קורץ — די צוקונפטיגע קאָלאָניע און די מרגלים אין פאַרשידענע גרופּעס און פּאָזעס. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן דער פּראָטאָקאָל פון די מרגלים, אין אַ סעריע פון אַרטיקלען איבער עבודת אדמה און פאַרמערייַ בכלל.

די לעצטע האָט אַמיינסטן געשריבן דער געלערנטער רוסישער אַגראָ־נאָם מעדוועדיעוו. אינם אויסגעהאַלטענעם טאָן פון אַ פאַכמאַן. קיינער וואָלט ניט געגלייבט, אַז דאָס שרייבט ניט קיין אַגראָנאָם. די לייט־אַרטיק־לען אָבער האָט שוין געשריבן דער רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָן" אַליין און זיי האָבן איצט געגלאַנצט מיט אַזאַ ערנסט און טיפער באַגייסטערונג, אַז מילמאַן אַליין האָט געשטוינט און איז געווען העכסט אַנטציקט פון זיי.

די „נאַציאָן" האָט פאַרשפּראָכן יעדן אָרימען איד אַ הויז מיט אַ גאָרטן, מיט לעבעדיגע פיש און סך הכל פאַר 1,000 דאָלאַר אויף אויסצאָלן.

צוערשט האָט עס געזאָלט זיין בלויז אַ זומער קאָלאָניע. דער פּראָ־יעקטן־רייכער גלעקעל־עפּענדי האָט אָבער באַלד פאַרגרעסערט דעם פּראָגראַם.

פרישע לופט פאַר אידן זומער־צייט איז געווען ווייניג פאַר אים.

ער האָט באַלד געשאַפן אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען די קאָלאָניעס אין קליינע פאַרם־שטעט און פאַרבינדן פאַרמעריי מיט פאַרשידענע הויז־אינדוסטריען און מלאכות.

אין פאַנטאַזיע האָט ער זיך באַלד גענומען בויען אַזעלכע פאַרם־שטעט איבער די גאַנצע פאַראייניגטע שטאַטן.

אין די שטעט האָט ניט געפעלט קיין וואַסערלייטונג, קיין עלעקטרישע באַלייכטונג. קורץ, דאָרטן זיינען געווען אַלע לעצטע דערגרייכונגען פון אונזער קולטור, — הויפּטזאַכלעך ביבליאָטעקן, שולן און פאָלקס־אוניווער־זיטעטן. נאַטירלעך אַלץ אין אַ העכסט נאַציאָנאַלן, כמעט ציוניסטישן גייסט, ווייל גלעקעל איז דאָך געווען דער הייסער ציוניסט און ער וואָלט אפילו דעם גן עדן אין גלות באַטראַכט נאָר ווי אַ „נאַכט־אזיל", ווי אַ נאַכטלעגער פאַרן אידישן פאָלק. אין דעם פונקט איז ער מיט מילמאַנען אָפט געקומען צו גרויסע קאָנפליקטן. זייערע פערזענלעכע באַציאונגען האָבן אָבער דערפון ניט געליטן און זיי זיינען געבליבן גוטע פריינד. און דאָס האָט זייער געמיינשאַפטלעכע ארבעט ניט געשטערט. ווייטער איז גלעקעל אַליין אויך געווען מער דער מאַן פון פּראַקטישער ארבעט, ווי פון פּראָגראַמען און פּרינציפּן... אַזוי ווייניגסטנס האָט ער תמיד באַהויפּטעט.

— איך בין תמיד געווען אַ פּראַקטישער כלל־טוער — פלעגט ער געוויינלעך זאָגן — און אַזעלכער וועל איך בלייבן.

די „בעק טו נעיטשור"*)־באַוועגונג האָט זיך באַלד באַזעצט אין אַ ספּעציעלן אָפיס אין איסט־בראָדוויי, אום צו ווייזן דעם עולם, אַז זי האָט גאָרניט צו טאָן מיט די געשעפטן פון דער „נאַציאָן" און איז אַ זעלבסט־שטענדיגע קאָרפּאָראַציע. די „נאַציאָן" האָט איר געדינגט מיט דער פעדער אַלס די ערלעכסטע אידישע צייטונג, וועלכע ווידמעט אַלע אירע קרעפטן די סאָציאַלע רעפאָרמען אין אידישן לעבן.

די איבעריגע פרעסע האָט געשוויגן, דראָענד געשוויגן.

דעם אָפיס פון דער „בעק טו נעיטשור"־געזעלשאַפט האָט נאַטירלעך פאַרוואַלטעט גלעקעל־עפּענדי אַליין און זיין טרייער דינער שפּריצער־וואַסער־שטראַם.

זינט וואַסערשטראַם האָט זיך אָנגעהויבן צו באַגעגענען מיט אַזוינע ווירדיגע מענשן, איז ער אַליין געוואָרן ווירדיגער. קורץ, ער איז גייסטיג געוואַקסן... ער פלעגט גיין יעדן טאָג אין אָפיס מיטן בייזן שטאָלץ פון אַ מיניסטער, וואָס גייט אין זיין מיניסטעריום... ניט איינמאָל פלעגט ער טרעפן אַ נייגעריגן עולם פאַרן אָפיס.

דאַן פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, וואַרפן ארום זיך בייזע בליקן און זאָגן:

---

*) צוריק צו נאַטור.

— וואס שטייט איר דא? — פארשטעלט ניט דעם וועג! — און וואַרטן, אַז מ'זאָל אים מאַכן אַ וועג.

קיין געלט אָבער האָט ער מיט דעם נייעם עסק נאָך אַלץ ניט פאַרדינט, הגם דער עסק האָט געליאַרעמט. ער האָט נאָך אַלץ געגעסן דעם מזומנעם דאָלאַר. ער האָט זיך אָבער ניט געזאָרגט און אַפילו די בייזע מלכה האָט ניט געוואַרטשעט אויף אים, ווי אַמאָל. זי האָט דאָך געזען, מיט וועמען ער באַגעגנט זיך און ווי אַזוי עס אַרבעט זיך, אַז אַן אים טוט זיך גאָרניט און אַלע האָבן געהאַפּט, אַז מ'וועט זיך אַרויפאַרבעטן.

גלעקעל־עפענדי האָט זיך באַלד גענומען פאַר אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדע. מיט דעם גאַנצן גלות פון זיין פייערדיגן טעמפּעראַמענט האָט ער גערעדט אין די פּאַרקס און גערופן אַ מאַסנמיטינג נאָך אַ מאַסנמיטינג.

וואַסערשטראָם פּלעגט אויך רעדן, נאַטירלעך אין זיין אַרט. אין יאַבעדנעם סטיל, מיט קללות און חרמות פון דער תוכחה.

ס'האָבן זיך אַרום דער באַוועגונג שוין געריבן אויך אַנדערע „אידעאַ־ליסטן", ווי דער מנהג איז . . .

קורץ, מ'האָט מיט געזאַמלטע כחות אויפגערודערט די גאַנצע איסט־סייד ביז צום גרונד, דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אַפּיס פון דער „בעק טו נעיטשור"־באַוועגונג, אָבער לעת עתה נאָר נאָך אינפאָרמאַציע. קיין געלט האָבן אידן נאָך ניט געבראַכט, הגם ס'איז געווען ביליגער פון באָרשטש. די מעמבערשיפּ*) האָט אינגאַנצן געקאָסט נאָר 3 דאָלאַר אַ יאָר. אַן אַקציע פון דער געפּלאַנטער אַגראַר־באַנק 10 דאָלאַר, יעדער מיטגליד האָט געהאַט דאָס רעכט אויף אַ „באַנגאַלאָו"**) די ערשטע איינצאָלונג אויף אַ „באַנגאַלאָו" האָט באַטראָפן נאָר 25 דאָלאַר.

דער עולם האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, פאַרהאַלטן נאָך גאַנץ סקעפּטיש און האָט זיך ניט געכאַפּט.

וואַסערשטראָם איז מיטאַמאָל אויך געוואָרן סקעפּטיש און האָט אָנגע־הויבן צו וואָרטשען און רעדן לשון־הרע אויף דער כנסת ישראל, ווי זיין מנהג איז געווען:

— פרישע לופט דאַרף אַ איד? טשאָלנט גיט אים, רעטעך מיט ציבע־לעס . . . אַ פאָלק, שוין איינמאָל אַ פאָלק! ניט אומזיסט איז משה רבינו געשטאָרבן פאַר דער צייט! — און האָט דערביי טיף אונטערגעקרעכצט.

גלעקעל אָבער איז געבליבן דער אָפּטימיסט און האָט אים געטרייסט, אַז נאָר גאָט האָט געקענט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג . . . אַז עס פאָדערט צייט.

אַזוי ווי אָבער דירה־געלט און די אויסגאַבן פאַרן אָפּיס האָט לעת עתה געמוזט געבן מילמאַן פון זיין אייגענער קעשענע, און גלעקעל אַליין איז אויך געווען אַ גרויסער נצרך, זיינען די פריינטלעכע באַציאונגען צווישן די צוויי

*) מיטגלידערשאַפט.

**) אַ קליין הייזל, אָדער דאַטשע.

פריינד באַלד אַביסל אָפּגעקילט געוואָרן. מילמאַן האָט איין מאָל געוואָרפן אַ וואָרט וועגן זיין אויטאָמאָביל און האָט זיך אָפּגעזאָגט פאַר אים צו צאָלן אויף דעם גרונט, אַז מען קאָן אין אַמעריקע גוט פאָרן אין טראַמווייען און עלעוועיטערס.

גלעקעל האָט געזאָגט זיין פריינד וואַסערשטראָם, אַז דער רעדאַקטאָר איז אַ דבר אחר און האָט דערפאַר ביים אידל געכאַפּט אַ נייעם גמילת חסד.

פונדעסטוועגן האָט די „נאַציאָן" ניט אויפגעהערט צו בומען די „בעק טו נעיטשור"-באַוועגונג, דעם גרויסן איד גלעקעל-עפּענדי אַליין, ווייל מ'האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּשטעלן און מ'האָט געדאַרפט שיטן מעל און גיסן וואַסער אומאויפהערלעך.

אויף די שפּאַלטן פון דער „נאַציאָן" איז די „צוריק צו נאַטור"-באַוועגונג געוואַקסן מיט אַ שנעלן טעמפּ. באַלד איז מילמאַנען איינגעפאַלן צו שיקן גלעקעלן אויף אַ טור, ער זאָל אָנהייבן אַ פּראָפּאַגאַנדע איבערן גאַנצן לאַנד. גלעקעל האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן פּראָיעקט מיט ביידע הענט און איז אַוועק אויפן טור.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער, שטאַרקערער בום.

גלעקעלס טור איבערן לאַנד האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ טריומף-צוג. די פּראָווינץ האָט אויפגענומען דעם גרעסטן איד פון דער געגנוואַרט מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם. איין גלענצנדער קבלת פנים האָט געפאָלגט דעם צווייטן.

צווייגן פון דער „צוריק צו דער נאַטור"-באַוועגונג זיינען געוואַקסן איבערן גאַנצן לאַנד ווי שוועמלעך. פון דעם טריומף-צוג האָט די „נאַציאָן" געמאָלדן אויף דער ערשטער זייט מיט די גרעסטע אותיות, ווי די וויכטיגסטע נייעס פאַרן אידישן עולם. אינצווישן האָט גלעקעל געזאַמלט פאַר איר אַבאָנענטן אויך און פון זיין זייט געבומט די צייטונג אַלס די ערלעכסטע און אויפריכטיגסטע אין אַמעריקע.

און ווער ווייסט, צו וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע רעזולטאַטן דאָס אַלץ וואָלט געבראַכט, ווען אין מיטן דעם גרויסן „בום" וואָלט ניט פּאַסירט דאָס, וואָס האָט פּאַסירט.

טרויעריגע איבעראַשונגען

די שטאָט ביתר איז חרוב געוואָרן איבער אַזאַ קלייניקייט, ווי אַ האָן מיט אַ הון, אַזוי איז פון אַ קלייניקייט מיטאַמאָל איינגעפאַלן די גרויסע „בעק טו נעיטשור"-באַוועגונג ווי אַ קאָרטנשטיבל. אין אַ שיינעם טאָג האָט דער „סאָציאַליסט" אָפּגעדרוקט אויפן ערשטן פּעידזש*) און אויך מיט גרויסע אותיות אַ טעלעגראַפישן סטעיטמענט**) פון וואַשינגטאָן, פון טערקישן

*) זייט.
**) דערקלערונג.

אמבאסאדאר, אלס אן ענטפער אויף דער אנפראגע פון דער צייטונג, אז גלעקעל־עפענדי איז ניט קיין טערקישער פינאנץ־אגענט, די טערקישע רעגי־רונג האט אים ניט געשיקט און ניט באפולמעכטיגט צו לייען פאר איר געלט און צו אונטערהאנדלען וועגן דעם מיט וואל סטריט, און אז דער סוביעקט שטייט איבערהויפט אין קיין פארבינדונגען מיט וועלכע עס איז אפיציעלע טערקישע קרייזן.

דאס איז געווען דער ערשטער דונער, וועלכער איז פלוצלינג און אומ־דערווארטעט געקומען, ווי פון א קלארן און בלויען הימל.

מילמאן איז פארשטארבן געווארן.

אויפן צווייטן טאג האט אנגעהויבן אויף אים די לאנג שוין געפלאנטע אטאקע א צווייטער פיינד.

די „מארגן־צייטונג" איז ארויס מיט א גרויסן קאפ:

„די אידישע נאציאן און טאמאני האלל".*)

די צייטונג האט פארשפראכן צו געבן אירע לעזער פיקאנטע בריף און ציפערן, וועלכע ווייזן די פריינטלעכע און אינטימע באציאונגען צווישן די צוויי קאפיטאליסטישע ארגאניזאציעס. זי האט אירווארט געהאלטן און האט אויפן צווייטן טאג אנגעהויבן צו דרוקן אי די בריף און אי די ציפערן. דער אידישער עולם האט זיך געווארפן עס לייענען, ווי א לעצט־נייעס וועגן א קריגס־דערקלערונג...

די ציפערן האבן באוויזן ווען און פאר וויפיל די „אידישע נאציאן" האט פארקויפט געזעלשאפטלעכע אינטערעסן צו דער זויבערער פאליטישע ארגאניזאציע...

דאן האבן זיך שוין אלע זשורנאליסטן אפגעריסן פון די קייטן. זיי האבן אומבארמהערציג געריסן דאס פלייש פון דעם זשורנאליסט, פונם טערקישן פעיקער און פון אידישן עולם, וועלכער לאזט זיך פון יעדן פירן ביי דער נאז.

באלד איז גלעקעל־עפענדי, דער גרעסטער איד פון דער געגנווארט און דער רעדאקטאר פון דער „אידישער נאציאן", געווען אויסגעשפילט און מיט זיי די „בעק טו נעיטשור"־באוועגונג.

* * *

א פארברענטער און שווארצער ווי א קויל איז מילמאן ארומגעלאפן איבער זיין קאבינעט. מיט אים צוזאמען זיינען געלאפן זיינע געדאנקען, שווארצע און מאכטלאזע... וואס האט ער געקענט זאגן זיינע לעזער? מיט וואס האט ער זיך געקענט פארענטפערן? שווייגן ווי א ווירדיגער און שטאלצער פארלוימדעטער? ניין! דאס האט ניט געטויגט.

*) א פאליטישע ארגאניזאציע. איז יענער צייט געהאלטן אלס די קארופטסטע.

ער האָט אָנגעקלונגען און האָט זיך געהייסן אַריינשיקן מעדוועדיעוון. באַלד איז אַריינגעקומען צו אים מעדוועדיעוו מיטן ציגאַר אין מויל און די הענט אין די קעשענעס, אַ גלייכגילטיגער און מיט אַ מינע פון אַ געלאַנג־ווײַלטן. מילמאַן האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן פון אַ פאַרפאַלג־טער און פאַרצווייפלטער חיה.

— נו, וואָס זאָגט איר? איר זענט דאָך עפּעס אַ מאַן מיט פלענער? מיט געדאַנקען? — האָט ער זיך געווענדט נאָך הילף צו זיין אַדיוטאַנט.

מעדוועדיעוו האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל אַ וואָלקן רויך און אַזוי, אַז דער רויך איז אַריין דעם רעדאַקטאָר גלייך אין פּנים אַריין...

— פאַרוואָס האָט איר מיך פריער ניט געפרעגט, ווען איר האָט גע־נומען געלט? ווער נעמט עס אַזוי פּאַרטאַטשנע? — האָט ער געפרעגט מיט דערזעלבער געלאַנגווײַליגטער גלייכגילטיקייט. מילמאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט.

— וואָס, איר אויך? איר גלייבט אויך? — זיינע אויגן האָבן אויפ־געפלאַקערט מיט אַ רציחה.

— אז מען קלינגט, איז מסתמא א חגא — האָט כלומרשט גלייכגיל־טיג באַמערקט מעדוועדיעוו.

אַ ווײַלע איז מילמאַן געשטאַנען אַ פאַרטומלטער...

— ווייסט איר, אַז ווען איך וואַרף אייך אַרויס, פגרט איר פון הונגער... סיידן איר וועט ווידער גיין קויפן שטאָלענע אַקציעס...

— עט! — האָט באַמערקט מעדוועדיעוו, ניט אַרויסנעמענדיג דעם גראָבן ציגאַר פון צווישן די ציין.

— וואָס, איר גלייבט ניט? כאַ, כאַ, כאַ! ווען איך גיב אייך ניט די שטעלע, וואָלט איר דאָך פון הונגער שוין געוועזן לאַנג געפּגרט. אַ שרייבער, אַ זשורנאַליסט זענט איר? איר זענט אַ צעדולניק, אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר, אַלץ אין דער וועלט, אָבער ניט קיין ליטעראַט. אויך מיר אַ ליטעראַט — האָט זיך איזדיעקעוועט איבער אים דער רעדאַקטאָר. מעד־וועדיעוו האָט זיך אָבער ניט געלאָזט און ניט אויפגעגעבן זיין רויִיגע גלייכגילטיקייט.

— עט, איר האָט אַ טעות. מענשן האָבן פון מיר אַ בעסערע מיינונג ווי איר.

און ניט אַרויסנעמענדיג דעם ציגאַר פון מויל האָט ער פּאַוואָליע אַרויסגעצויגן פון בוזים־קעשענע אַ בויגן פּאַפּיר.

— איר זעט — האָט ער אָנגעוויזן אויפן בויגן פּאַפּיר — אָט האָט איר אַ קאָנטראַקט פון דער „מאַרגנצייטונג”. 50 דאָלאַר אַ וואָך און דריי יאָר.

— און האָט פאַרזיכטיג באַהאַלטן צוריק דעם בויגן פּאַפּיר אין קעשענע.

אַ לאַנגע פּויזע.

ביידע האָבן זיך לאַנג אָנגעקוקט.

מעדוועדיעוו, א רואיגער און א גלייכגילטיגער, מיט די הענט אין די קעשענעס.

באלד האט מילמאן פארגעסן, אז ער שטייט פארן ברייט־פּלייציגן מעדוועדיעוון מיטן פּליכעוואטן, גרויסן קאפּ, ווי א באקדייזשע, אז ער איז נאר א פליג אנטקעגן א לייב, אז דער לייב וועט אים מיט איין לאפּע צערייבן . . .

ער האט אין אלץ אויף דער וועלט פארגעסן . . .

— א, געמיינער לומפּ, ס'האט איר מיך פארקויפט! . . . מיינע שונאים! — האט ער א ריטשע געטאן, ווי א פארוואונדעטער און האט זיך מיט א שפּרונג פון א ווילדער קאץ אווארף געטאן אויף זיין פארעטער.

מעדוועדיעוו האט אים אבער אפּגעשליידערט פון זיך מיט איין האנט, ווי א שפּענדל.

ווי א שפּענדל איז דער רעדאקטאר א פלי געטאן צו דער וואנט. מעדוועדיעוו האט זיך אויסגעדרייט און רואיג און שטיל פארלאזט דעם קאבינעט און צוגלייך זיין שטעלע אין דער „אידישער נאציאן".

די שווערסטע טעג האט איבערגעלעבט וואסערשטראם־שפּריצער.

קודם כל האט ער איינגעזען, אז נאך די אלע מעשיות, וואס די צייטונגען האבן דערציילט, וועט שוין פון דעם נייעם עסק גארניט ארויסקומען. פון דער גרויסער הלואה אודאי ניט. דאס וואלט געווען נאך ניט אזא גרויס אומגליק, אן אנטוישונג בלויז. די צרה איז געווען פיל גרעסער: גלעקעל־עפּענדי איז אים שולדיג געווען א גאנצן מאיאנטעק — גאנצע טויזנט קארבן, און ערגער פון אלץ איז געווען דאס, וואס זיין ווייב האט געוואוסט נאר פון 150 דאלאר, די איבעריגע גמילת חסדים האט ער אים געגעבן אן איר וויסן.

געננוג האט דאס אידל געהאט פון איר אויסצושטיין אלע טאג פאר די 150 דאלאר, איצט איז אים איינפאך אויסגעקומען צו נעמען זיך דאס לעבן, אדער זיך באגראבן לעבעדיגערהייט אין דר'ערד אריין.

ווי א פארסמטער איז ער געלאפן אלעמאל אין רעדאקציע פון דער „נאציאן" געוואויר ווערן, צי גלעקעל איז שוין געקומען פון טור און ווען ער וועט קומען.

מילמאנען האט ער שוין ניט געקענט זען. דער רעדאקטאר האט באפוילן דעם אפּיס־באי אים מער ניט אריינצולאזן.

גלעקעל־עפּענדין האבן די גוטע בשורות געטראפן אין שיקאגא. א דערשיטערטער, אן עמפּערטער, האט ער געכאפּט דעם ערשטן עקספּרעס און איז געלאפן קיין ניו־יארק זיך מיט יעדן אפּצורעכענען.

ערשט אין שיקאגא האט ער פון אסטאר האטעל באקומען איבערגעשיקט דזשאוויד בעים פרישע בריף. צו זיין גליק האט אים זיין איידעלער

פריינד געמאָלדן, אַז ער איז צוריק אַריין אין טערקישן קאַבינעט און האָט אָנגענומען דעם פּאָרטפעל פון פינאַנץ־מיניסטער.

און ווי דער לויפנדער עקספּרעס האָט געליאַרעמט און האָט ווייט דער־שיטערט די שטילע נאַכט־לופט מיטן בייזן, שטאָלענעם רויש, אַזוי האָט אַלץ אין אים געשריגן פון ערלעכער און גערעכטער אַנטריסטונג.

אַמעריקע איז שוין ניט געווען באַוואוינט פון גוטע מלאכים, נאָר פון קליינע מענשעלעך. אפילו מילמאַן איז שוין ניט דער גרויסער אידעאַליסט און כלל־טוער. ער האָט איצט איינגעזען, אַז ער וועט זיך מוזן מיט אים צעגיין פריער אָדער שפּעטער און גיין זיין אייגענעם וועג אַליין.

באַלד אָבער האָט ער פאַרגעסן אָן זיך אַליין און אָן דער באַליידיגונג און פאַרלוימדונג. ס'האָבן דאָס פאַרשטעלט די נייע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען פאַר אים אויסגעוואַקסן.

ער האָט איינגעזען, אַז ער מוז צוערשט שאַפן אַן ערלעכע אידישע צייטונג אין אַמעריקע און אַראָפּטרייבן אַלע רעדאַקטאָרן און רעדלפירער פונם יאַריד. ער האָט איינגעזען, אַז אָן דער ערלעכער צייטונג וועט ער זיך ניט קענען רירן פון אָרט . . .

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז לייכט צו גרינדן אַזאַ צייטונג: ער דאַרף נאָר האָבן 50 טויזנט דאָלאַר! און ער האָט אין לויפנדן עקספּרעס שוין גענומען שאַפן די 50 טויזנט דאָלאַר.

און ווידער איז אים אַריין אין קאָפּ זיין פריינד באַגאַבאַרעץ. ער איז דאָך געווען דער פּאַסנדער מאַן דערפאַר.

אַ גרויסער ליטעראַרישער נאָמען, אַ ראָמאַנטישער נאָמען און דערצו נאָך אַ רייכער מאַן, לויט זיין מיינונג.

דער גליקלעכער געדאַנק האָט אים פּשוט אַנטציקט: באַגאַבאַרעץ דער פאַרבלאָנדזשעטער און צוריקגעקומענער זון פונם אידישן פאָלק אַלס אַ רעדאַקטאָר. — דאָס אַליין איז געווען אַ גרויסע סענסאַציע. דאָס אַליין וואָלט געגעבן אַ פערטל מיליאָן צירקולאַציע.

באַלד אָבער איז אים ווידער ענג געוואָרן אין קאָפּ.

באַגאַבאַרעץ איז כמעט געווען אַ רוס, איז אַזוי ווייט געשטאַנען פון אידנטום און פון אייגענער נאַציאָנאַלער וועלט־אַנשויאונג.

ניין, מיט אים וועט ער ניט קענען גיין האַנט אין האַנט! אַן אומזיסטע זאַך . . .

אָבער באַלד איז ער ווידער אַרויס פון דער פאַרלעגנהייט.

אייגנטלעך האָט ער דאָך איצט געהאַט מער שאַנסן, ווי ווען עס איז, צו מאַכן די גרויסע הלוואה: איצט, ווען דזשאַוויד בעי איז שוין צוריק מיניסטער.

— דער רוח ווייסט, וואָס איך האָב זיך אַליין אָפּגעטאָן — האָט זיך געטראַכט גלעקעל — איך האָב זיך באַלד פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן

און האָב פאַרנאַכלעסיגט אינגאַנצן מיין שליחות, וועלכע האָט מיך אַהער געבראַכט.

און דאָ האָט זיך גלעקעל דערמאַנט, אַז דאָס איז אייגנטלעך זיין אָרגאַ־נישער פעלער פון תמיד אָן — ער איז מיט אים געבוירן. דאָס איז די סיבה, וואָס ער האָט שטודירט אַלע פאַקולטעטן, אין אַלע דייטשע און פראַנצויזישע אוניווערזיטעטן און האָט גאָרניט געענדיגט, און איז געבליבן אין לעבן אַ מענש, וואָס איז ניט אַהין און ניט אַהער, קרח מכאן און קרח מכאן.

ניין, מיט דעם אָרגאַנישן פעלער וועט ער איצט, ווען ער איז שוין קרוב צו 40 יאָר, זיך צעשיידן אויף אייביג. ער וועט זיך ענדלעך נעמען אין די הענט. אַ מענש דאַרף האָבן כאַראַקטער. ער וועט צוריק זיך נעמען פאַר דער הלואה, זיך זען מיט בראָקער וואודס פון וואָל סטריט, אים ווייזן דזשאַוויד בעים בריף, אָדער ער וועט גאָר אַליין גיין צו שיפן.

פאַרוואָס ניט?

וואָס האָט ער מורא? שיף וועט דאָך אים ניט אַרויסוואַרפן. יאָ, אָדער ניין... ממה נפשך!

ער וועט זיך נעמען צוריק מיט אַלע כחות פאַר דער הלואה, מאַכן אַליין אַ מנה יפה און דאַן וועט גאַנץ איסט־בראָדוויי פאַר אים ציטערן... ער וועט שוין אַזוי גיך פון אַמעריקע ניט אָפּפאָרן. ער וועט גרינדן אַ צייטונג, די ערשטע ערלעכע צייטונג, און וועט זיי ווייזן, וועך גלעקעל־עפּענדי איז.

און די געדאַנקען האָבן אים אינגאַנצן באַרואיגט, האָבן אויסגעלאָשן זיין כעס און האָבן אים געמאַכט גרויסמוטיג, ווי ער איז תמיד געווען.

פונדעסטוועגן איז ביי אים געבליבן, אַז ער זאָל דעם טערקישן אַמבאַ־סאַדאָר פאַרקלאָגן פאַר דזשאַוויד בעי און בעטן, אַז ער זאָל אים צונעמען פונדאַנען. סיי ווי סיי איז יענער אַן אַלט־טערק און פון אַבדול האַמידס חסידים.

און מיט דיזאָזיגע געדאַנקען איז ער איינגעשלאָפן אין עקספּרעס.

דער עקספּרעס אָבער האָט עמפּערט געליאַרעמט צווישן די שלאָפנדע בערג און טאָלן און געלאָפן קיין ניו יאָרק זיך אָפּצורעכענען מיט דער פרעסע און צו פאַרקלאָגן זי פאַרן בלבול.

* * *

ווען גלעקעל איז אַריין אין מילמאַנס קאַבינעט, האָט ער גענומען ליאַרמען און שרייען אויפן רעדאַקטאָר, אַזוי ווי ער וואָלט געווען שולדיג אין סקאַנדאַל.

— אַ פאַרלע לאַנד! איר זענט די געלסטע, נידערטרעכטיגסטע צייטונגען און זשורנאַליסטן אין דער וועלט! — און האָט ווידער ווי אַמאָל געפּאַכעט מיט דזשאַוויד בעים בריף און פאַרלאַנגט, אַז די „נאַציאָן" זאָל אַרויסלאָזן אַן עקסטראַ מיטן בריוו און מיט אַ דערקלערונג, אַז דער טער־קישער אַמבאַסאַדאָר איז אַבדול האַמידס חסיד און זיין פּאָליטישער געגנער און אַז ער וועט אים אַראָפּטרייבן פון בענקל, — באַלד! מיט דער

מינוט זאָלט איר דרוקן מיין, גלעקעלס, סטייטמענט צום אידישן פאָלק און מיך רייננוואשן! איר הערט! אויב ניט, וועט דאָ אין קאַבינעט אַן אומגליק געשען — האָט געדראָט גלעקעל, אויסער זיך פון אנטריסטונג.

און זיין פריינד שפּריצער־וואסערשטראָם, וואָס האָט אויך אים אַרויס־געקוקט אויפן טראָטואר פאַר דער רעדאַקציע און איז מיט אים אויך אַריין אין רעדאַקציע, האָט אויך געליארעמט און געדראָט.

אַזוי האָבן זיי געליארעמט ביידע. און מילמאַן, דער מילמאַן, וועלכער פלעגט תמיד שרייען אויפן סטעף, האָט זיי ביידע אָנגעקוקט אַ פּריטשמע־לעטער, אַ דערשלאָגענער און האָט געשוויגן.

— וואָס הייסט עס? — האָט מילמאַן געטראַכט — ווען אין לעבן האָבן מענשן אים, מילמאַנען, אַזוי באַהאַנדלט? און ווער? גרינהאָרנס! אים, וועלכער איז שוין אַ פערטל יאָרהונדערט אין אַמעריקע! ווי דערלויבט ער דאָס? ווער זיינען זיי? סוואָלאָטשעס, גאָרנישטן, וועלכע ער אַליין האָט אויפגעבומט אַזוי דום, אַזוי אומגעלומפּערט אויפגעבומט! צו וואָס דאַרף ער זיי איצט, אָט די צוויי פּורים־שפּילער? זיי זיינען שוין אויסגע־שפּילט און ער וועט זיי אַרויסשליידערן! — און אַ וואוט האָט אָנגעצונדן זיין בלוט, זיין גאַנץ וועזן און ער האָט געזאָגט:

— איר, גרינהאָרנס, פּעיקערס, זשוליקעס! מיר זיינען געלע, נידער־טרעכטיגע זשורנאַליסטן? ווער זענט איר? ווי דערלויבט איר זיך צו עפענען אַזוינע פּרעכע מיילער אויף אונז, וועלכע האָבן אויפגעבויט דעם גאַנצן אידישן ישוב אין אַמעריקע? — האָט ער שוין געשריגן אויסער זיך אויף דעם גרעסטן איד פון דער געגנוואַרט און אויף פּאַטאַצקים פּאַרוואַלטער.

אויף אַזוינס האָבן זיי זיך ביידע, באַזונדערס גלעקעל, ניט געריכט און זיינען ביידע מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן פּאַרניכטעט און צעטרעטן.

מילמאַן האָט שוין אָבער זיך ניט געקענט באַהערשן. ער איז צוגע־גאַנגען צו דער טיר, האָט זי ברייט מיט אימפּעט געעפנט און האָט געשריגן:

— אַרויס פון דאַנען, פּעיקערס! טו העל*) מיט דזשאָוויד בעי אינ־איינעם. גענוג האָט איר מיך געבלאָפט! — און ער האָט געליארעמט און געטופּעט מיט די פיס, ביז דער פינאַנץ־אַגענט און פּאַטאַצקים פּאַרוואַלטער האָבן ניט פּאַרלאָזט זיין קאַבינעט...

אַרויסגעטריבענע און אָפּגעשמיסענע גייען די צוויי פריינד איבער די גאַסן פון דער איסט־סייד, שטומע און פּריטשמעלעטע, אָן געדאַנקען, אָן ווערטער און אָן אַ ציל.

דער ערשטער איז געקומען צו זיך שפּריצער־וואסערשטראָם. אַ טויט־בלייכער מיט אַן אויסגעקרומט פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט געהאָנגען אויף אַ תליה און וואָלט נאָך אַ לעבעדיגער געבעטן, אַז מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן און אים שענקען דאָס לעבן, האָט ער זיך שטיל געווענדט צו זיין פריינד:

*) צום טייוול.

— ווי די מעשה איז, מר. גלעקעל, איך מיין... איר פאַרשטייט... מיין ווייב... איך בין דאָך אַ פאַמיליע־מענש... איר פאַרשטייט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך בין אַ איד אַ קבצן, איך מיין, די עטלעכע דאָלאַר, איר פאַרשטייט דאָך, פאַניע גלעקעל... איך דאַרף דען אייך דערציילן?

דער צעטומלטער גלעקעל האָט לאַנג ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס וויל אייגנטלעך פון אים דאָס אידל, און אַז ער האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ צעשטרייט געלעכטער פון אַ גוטן מענש, פון וועלכן מען פאַרלאַנגט אַ קליניקייט, אַ ציגאַרעט.

— אַ, דאָס נאָר, מיט פאַרגעניגן! מיט פאַרגעניגן... מיטן גרעסטן דאַנק! וואָרים ניט? וואָס פאַר אַ פראַגע? — און ער האָט זיך גענומען מיט האַסטיגע, ציטערנדע הענט טאַפּן די קעשענעס, און וויפיל ער האָט ביי זיך געפונען, ס״ה אַ 25 דאָלאַר, האָט ער זיי אָפּגעגעבן זיין פריינד און האָט אים געהייסן קומען מאָרגן גאַנץ פרי אין אַסטאָר־האָטעל, וואו ער וועט אים מיט תשואות חן אָפּגעבן ביז אַ סענט, — ער האָט אַ טשעק פון דזשאָוויד בעי.

וואַסערשטראָם איז אַנטציקט געוואָרן, פונקט ווי ער וואָלט אים גע־שענקט דאָס געלט, דאָס לעבן זיינס. קיין מאָל האָט ער נאָך ניט געגלייבט אין זיין פריינד ווי אין דעם מאָמענט, ניט קוקנדיג אויף אַלע מעשיות, און ער האָט שוין געהאַט געוויסנסביסן, פאַרוואָס ער בעט פון אים דאָס געלט.

— הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן! פון קיין נויט זאָלט איר קיינמאָל ניט וויסן! — האָט דאָס אידל אים גענומען ווינשן און דאַנקען אינמיטן גאָס...

— ווען איך זאָל ניט זיין קיין נצרך, וואָל איך ביי אייך ניט געבעטן, — האָט ער זיך כמעט פאַרענטפערט מיט אַ שולדיגן שמייכל.

אויפן צווייטן טאָג אָבער האָט ער שוין גלעקעלן ניט געטראָפן אין אַסטאָר־האָטעל, און וואוהין ער איז פאַרשוואונדן האָט ער זיך ניט געקענט דערוויסן. און מיט גלעקעל־עפענדין איז פאַרשוואונדן פון דעם אידישן האָריזאָנט די „צוריק צו דער נאַטור״־באַוועגונג, וועלכע האָט דאָך געהאַט אין זיך אַ געזונטן און לעבנס־פעאיגן קערן.

שוין האַרבסט

פערטער קאַפּיטל

שוין הארבסט

באַגאַבאַרעץ און מאַרוסיאַ האָבן שוין לאַנג פאַרלאָזט דעם האָטעל. באַגאַבאַרעץ האָט זיך געוואָלט באַזעצן אויף דער איסט־סייד, צווישן די אָרימע אידישע מאַסן, כּדי צו באַקענען זיך נענטער מיט זייערע ליידן און פריידן, מיט זייערע האָפנונגען און אידעאַלען: קורץ, מיט דער אידישער פאָלקס־נשמה, פון וועלכער ער, אַ זון פון אַ מיליטערישן דאָקטאָר און גענעראַל, אַ קינד פון אַ רוסיפיצירטער אידישער פאַמיליע, האָט שוין יאָ עפּעס געהערט, אָבער זי ווייניג געקענט.

ער האָט געטרוימט, אַז אין אירע טיפּענישן וועט ער געפינען פונקען, ביי וועלכע ער וועט אין זיך נאָך קענען אָנצינדן צוריק דאָס אויסגעלאָשענע לעבנס־פייער און לעבנס־דורשט, די אייגענע איבערגעבּרענטע און אונטער אַש באַגראָבענע נשמה...

דעם גייסטיגן קריזיס, וועלכן ער האָט איבערגעלעבט אין טורמע און אין זיין איינזאַמקייט אין סיביר, האָט אים געבּרענגט נענטער צום סאָציאַליזם. ער האָט געהערט פון אַ גרויסער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק און האָט ביי זיך באַשלאָסן אָנצושליסן זיך אָן איר און העלפן די פאָלקס־מאַסן אין זייער ביטערן לעבנס־קאַמף.

אָבער דאָ האָט שוין מאַרוסיאַ עמפּערט.

צופיל האָט זי נאָכגעגעבן זיינע משוגעתן אין די 3 יאָר זינט ער איז אַנטלאָפן פון סיביר. גענוג איז זי אים נאָכגעפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, פון קלימאַט צו קלימאַט.

ניט נאָר די פרוי, אויך די מוטער פון זיינע צוויי קינדער, וועלכע זי האָט פאַרלאָזט אין רוסלאַנד אויף אַ שוועסטערס הענט, האָט זיך אין איר עמפּערט.

וואָס מער ער איז נאָכגעלאָפן דעם שאָטן פון זיין רואינירטן לעבן, מער און ווייטער איז דער שאָטן פון אים אַנטלאָפן...

מיט דעם חוש פון אַ פרוי און מוטער האָט זי דערפילט, אַז די איסט־סייד איז פאַר זיי אַן אָפּגרונט. וועלן זיי זיך נענטערן צום אָפּגרונט, וועט ער זייערע לעבנס צעשמעטערן און איינשלונגען אויף אייביג.

אַן אייפערזוכט און האַס צו זיין אידישקייט און צום גאַנצן אידנטום האָט זיך פּלוצלינג אָנגעצונדן אינם האַרץ פון דער רוסישער רות...

אייגנטלעך איז דאָך דאָס אידנטום און זיין אידישע אָפּשטאַמונג געוועזן די איינציגע סיבּה פון אַלע זייערע אומגליקן. און ווי אַ פרוי און אַ מוטער האָט זי פאַרן אָפּגרונט אין אַ טויט־פּאַניק אויסגעשריגן: „שטיי! קיין טריט מער!” און דאָס געשריי האָט זיך אָפּגערופן און געפּלאַצט אין זיין נשמה מיט אַזאַ פאַרצווייפלטן אָפּקלאַנג, אַז ער אַליין האָט זיך איבערגעשראָקן און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

א פּאַרציטערטער האָט ער איר באַלד נאָכגעגעבן און זיי האָבן זיך באַזעצט שוין ניט אויף דער איסט־סייד, נאָר אין אַ רייכן קאָטעדזש בײַם ים, מיט פרישער און געזונטער לופט, אין וועלכער זיי האָבן זיך ביידע גענייטיגט. ער — פאַר זיין ענגער, אין קאַטאַרגע אָנגעגריפענער ברוסט. זי — פאַר אירע אויסגעמאַטערטע נערוון.

איינזאַם און איזאָלירט האָבן זיי געלעבט אין דעם קאָטעדזש נאָר מיט אַ רוסישער דינסט. אָן פריינד און אָן באַקאַנטע.

זייער איינציגער פריינד גלעקעל איז נאָכן קראַך באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען. די אידישע צייטונגען האָבן אין אים שנעל פאַרגעסן, אים מיט קיין וואָרט שוין ניט דערמאָנט, און באָגאָבאָרעץ האָט דערפאַר ניט געוואוסט, וואָס איז געוואָרן מיט גלעקעלן, וואו און וואָרים ער איז נעלם געוואָרן.

גלעקעל האָט זיי שטאַרק געפעלט. זיי האָבן אים געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט אויף אים, אָבער אומזיסט... קיינער האָט זיי ניט געקענט געבן קיין אויסקונפט.

שטונדנלאַנג אָן איינזאַמען פלעגט מען זען דעם מערקווירדיגן הויכן מאַן מיט די לאַנגע, בלאָנדע האָר, אַ קריסטוס־פיגור וואַנדערן איבערן פלאַכן זאַמד פון ים־ברעג, אַמאָל געשטיצט אויף מאַרוסיאַס אָרעם, אָבער מערסטנטייל אַליין. און זי פלעגט אים נאָכפאָלגן מיט די בליקן, זיצנדיג אויף אַ באַנק. פאַרטיפט אין זיינע שווערע און מידע געדאַנקען, פלעגט ער וואַנדערן מיט אויגן געזונקענע און בלאַנדזשענדע איבערן געוואַשענעם געלן זאַמד, אַזוי ווי ער וואָלט אין די ליניען און שפּורן פון זיין געלעגער געלייענט, וואָס די כוואַליעס האָבן דאָ געלאָזט אין די טונקעלע און שטורמישע נעכט, די צרות און ליידן, וואָס דער גרייז אַטלאַנטיק האָט דאָ דערציילט די ים־ברעגעס, ווען דער בייזער שטורם־ווינט האָט געשמיסן און געיאָגט זיינע וואַסערן, און זיי האָבן אין זייער פאַרצווייפלטן קאַמף, געפייניגטע און פאַרפאָלגטע, ווי ער פון זיין שיקזאַל, זיך געקלאַמערט אָן די ברעגעס און געזוכט ביי זיי שוץ, פונקט ווי ער האָט איצט געזוכט שוץ און געקלאַמערט זיך אָן דעם פרייען לאַנד. דעם לעצטן מקלט זיינעם אויף דעם גרויסן ערד־קוגל...

געקענט האָבן שוין דאָס פּאָרל אַלע איינוואוינער פון דער נאָכבאַרשאַפט, באַזונדערס דער פּאָליסמאַן.

נאָך פונוויטנס פלעגט ער זיי שוין פריינטלעך און העפלעך באַגריסן, און אַז די פרוי איז ניט געווען אויף איר וואַך, אויף דער באַנק, שוין ניט אַראָפּגעלאָזט פון דעם וואַנדערנדן מאַן זיינע אויגן...

דער ווינט פלעגט אָפט ברענגען צו טראָגן אָהער דעם געדעמפטן רויש פון דער קאָכנדער ריזנשטאָט, דעם הו־האַ פון איר שטורמיש און ליאַרעמדיג לעבן. דעם עכאָ פון אירע ביליגע פריידן, געגנאַרטע האָפנונגען און פאַרצווייפלטע וויי־געשרייען.

דאָס ווידערקול פון דעם ברויזנדן שטאָט־לעבן פלעגט אים דאַן אויף אַ ווײַלע אויפשווידערן און אָפּשטעלן זיין וואַנדערן.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פלעגט ער זיך צוהערן צום ווייטן רויש און גערודער פונם לעבנס־יאַריד...

זיין בלוט פלעגט זיך אויף אַ ווײַלע נאָך אָנצינדן מיט לעבנס־לוסט און גענוס־דורשט...

דערזעלבער ווינט פלעגט שוין אָבער צו גלייכער צייט ברענגען צו זיינע פיס טויט־געפאַלענע בלעטער פונם נאָענטן פּאַרק, אָפּגעריסענע און פאַרוועלקטע, ווי צעטרעטענע טרוימען און האָפנונגען...

בייז פלעגט זיי דער ווינט טרייבן און יאָגן, ווי ער וואָלט זיי ניט פאַרגינען דעם שטילן טרויער פון אַ רואיגן טויטן בעט.

און דיביימער אין פּאַרק פלעגן שווידערן פון דער צוועקלאָזער גרויזאַמקייט.

דעם ווינטס שטורמדיגע אָנפאַליען פלעגט זיי אַריינוואַרפן אין אַ גסיסה.

און אין פאַרצווייפלטן זעלבסטשוץ פלעגן זיך זייערע צווייגן קרעמפן און דרייען און אויפהייבן אַ הויך געוויין פאַר גנאָד.

באַלד אָבער פלעגן זיי צוריק פאַרשטומען, ווי זיי וואָלטן איינגעזען, אַז זייער שיקזאַל איז באַשלאָסן, פאַטאַל און אומפאַרמיידלעך.

פאַרגליווערטע אין שטומען צער פונם טויט־אורטייל, פלעגן זיי נאָר שטיל וואַרפן פון זיך איינצעלנע בלעטער, גאָלדענע בלעטער, אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, ווי שטילע גאָלדענע טרערן.

די לעצטע שטראַלן פון דער הארבסט־זון פלעגן זיך נאָך טוליען צו די ביימער, כלומרשט פריילעך טאַנצן צווישן זייערע טרויעריג־הענגענדיגע צווייגן, זיי לאַשטשען און גלעטן מיט זייער קאַלטן ליכט.

דאָס איז אָבער שוין געווען דאָס טרויעריגע צערטלען און טרייסטן פון אַ „זיי געזונט", דער מעלאַנכאָליש־שימערנדער שמייכל פונם צעשיידן זיך...

און די קאַלטע הארבסט־זון פלעגט באַלד אונטערגיין צווישן די אָנגעבמורעטע בלייענע וואָלקנס פון מערב־זייט און, ווי אַ צאַנקנדיג פייער, באַלד זינקען אין דעם קאַלטן, ווי טינט שוואַרצן און אויפגערודערטן ים.

און ווען די צוקונפט איז געלעגן פאַר אים פאַרנעפּלט און אויסגעלאָשן, ווי דער אָפּשטאַרבנדער הארבסט־טאָג, פלעגט דער אויסטערלישער מאַן צוגיין צו דער באַנק און זיך מיד אַראָפּלאָזן לעבן זיין יונגער, אָבער שוין אויך פאַרמאַטערטער פרוי.

און אַז דער בין השמשות פלעגט זיך אָנהייבן אָנרוקן אויף זיי פון אַלע זייטן, פלעגט ער זיך נעמען צעוויקלען די פאַרגאַנגנהייט מיט דער זיסער און אומדערזעטלעכער פיין פון אַ מצורע, וועלכער רודערט זיין צרעת...

און אַלץ איז נאָך אַזוי יונג און לעבעדיג־פריש אין זיין זכרון.

ניט נאָר די פאַרגאַנגנהייט. ער אַליין איז נאָך געווען אַזוי יונג — ערשט 35 יאָר.

אָט ערשט ניט לאַנג האָט עס זיך אָנגעהויבן און אַזוי שנעל זיך געענדיגט. פרי און רוישיג האָט ער אָנגעהויבן זיין לעבן, דאָס שנעלע און שפרינגענדיגע גליק פון אַ זונענקינד, פון אַ געבענשטן און פון דער נאַטור באַשענקטן.

צו 22 יאָר איז ער, דער זון פון אַ רייכן אידישן מיליטער־אַרצט, שוין געווען פריוואַט־דאָצענט פון רוסישער ליטעראַטור און דורך גרויסע פּראָטעקציע — דער לערער פון דעם אַריסטאָקראַטישן סמאָלנע־אינסטיטוט אין פעטערבורג.

מיט 2 יאָר שפּעטער איז ער געווען באַגאַבאַרעץ, דער פרי־געקרוינטער רוסישער דיכטער און דראַמאַטורג.

די גרעסטע קריטיקער און אויטאָריטעטן האָבן אים אַריינגעפירט מיט לויבגעזאַנגען אין דעם פּאַנטעאָן פון דער רוסישער ליטעראַטור און אים אָוועקגעזעצט אויפן שענסטן פּלאַץ אין מזרח־וואַנט.

באַלד האָט מען זיינע דראַמעס געשפּילט אין מאָסקווע, פעטערבורג און אין די גרעסטע טעאַטערס אין אייראָפּע. געלט, רום, כבוד און פרויען־ליבע, אַלץ האָט זיך געשאָטן אין איבערפלוס צו די פיס פון יונגן דיכטער.

ווי פּאַרריקטע זיינען זיינע שילערינס, צווישן זיי אויך מאַרוסיאַ. נאָכגעלאָפן דעם יונגן פּאָעט, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן: „דער געקרייציגטער יעזוס".

דאַן איז געקומען סואוואָרין, דער אַלטער, קלוגער פאַרפירער פון יונגע טאַלאַנטן.

געווען איז דאָס אין סואוואָרינס טעאַטער, וואו מ'האָט אויפגעפירט זיין ערשטע פּיעסע. פאַרן בעסטן און אינטעליגענטסטן עולם האָט ער אַרומגענומען דעם יונגן דראַמאַטורג און האָט אים אויף דער בינע געקושט, ווי דעם נייעם שטאָלץ פון דער רוסישער ליטעראַטור... געקושט און גע־חנפעט, פאַרפירעריש געחנפעט, אָבער זיס און קלוג, ווי נאָר דער קלוגער סואוואָרין האָט עס געקענט — אַזוי, אַז באַגאַבאַרעץ האָט די חניפה אפילו ניט געפילט, ניט באַמערקט.

אויס העפלעכקייט און דאַנקבאַרקייט האָט באַגאַבאַרעץ זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון סואוואָרינס איינלאַדונג עפּעס צו שרייבן פאַר זיין צייטונג... און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, איז ער פון אַלטן סוואָדניק שוין געווען פאַרפירט צו שאַנד און איז געוואָרן איינער פון די זיילן פון „נאָוואָיע ווראעמיאַ".

די ראַדיקאַלע רוסישע אינטעליגענץ, די ראַדיקאַלע פּרעסע האָט זיך באַלד פון אים אָפּגעווענדט מיט עקל, און ער האָט באַלד באַמערקט צו שרעק און צו שאַנד, ווי טיף ס'איז דער אָפּגרונט, וואוהין ער איז געפאַלן.

אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט!...

ווי א געפאלענע, וואס קאן ניט באקומען צוריק איר פרויען־ערע, אזוי איז ער געפאלן — אלץ נידעריגער און נידעריגער... דעמאנסטראטיוו און מיט א סקאנדאל האט ער פארלאזט דעם גלויבן פון זיין פאלק, מיט זיין דעמאנסטראטיוון שמד אנגעשפיגן זיין פאלק אין פנים און געהייראט מיט מארוסיא, מיט דעם גובערנאטארס טאכטער.

און אזוי איז ער ביסלעכווייז אריין אין לאגער פון די פלשתים.

ערשט דער פאגראם, וואס זיין שווער, דער גובערנאטאר, האט געמאכט, האט אים געעפנט די אויגן אויפן אפגרונט, אויפן געמיינעם פאראט און האט אים אויפגעשווידערט...

אבער דער שווידערהאפטסטער מאמענט פון זיין פארגאנגנהייט איז געווען דאס בילד, וואו דער אידישער איידעם שטייט אויף די קני פארן קאצאפ און כוליגאן, דעם שווער זיינעם, און צאפלט איבער אים.

— פאפאשא! פאפאשא! שטעלט אפ דעם פאגראם, די בארבארישע שאנד־טאטן פונם רוסישן אפלק!

— פאפאשא? פאפאשא? וואס פאר א פאפאשא בין איך דיר, זשיד? דאס, וואס דו האסט בי מיר אוועקגערויבט מיין טאכטערס הארץ, פאר־אומרייניגט און פארגיפטעט מיט דיין פארפעסטעטן זשידאווסקע בלוט און שמוציגן געלעגער איר ריינעם רוסישן קערפער און איר נשמה, מאכט מיך נאך ניט דיין פאפאשא און דיך פאר מיין זון! — און ער שטויסט אים אפ פון זיך מיט אזא עקל, אז די דערינערונג אליין דערפון, איצט אין 5 יאר ארום, פארגליווערט דאס בלוט אין זיינע אדערן...

ער שפרינגט דאן אויף, כאפט דעם רעוואלווער פונם גובערנאטארס טיש און שיסט אין אים.

און דאן קומט טורמע, דער פראצעס און קאטארגע! אבער ניין, ניין! — דאס ווייטערע קאן ער שוין ניט צעוויקלען.

ער פלעגט קומען נאר ביז צו דעם בילד, ביז אט דער שרעקלעכער באליידיגונג. דעם גובערנאטארס עקל צום איידעם, דעם איד, פלעגט נאך איצט ציגדן זיין בלוט, זיין מארך...

דערזעלבער עקל פלעגט אים נאך איצט דורכדרינגען, ווי דער אטעם פון א פעסט, מיט א טיפן עקל צו זיך אליין, צו זיין שיקזאל, צו דער גאנצער וועלט.

ביי דער דערינערונג פלעגט ער זיך שוין אפשטעלן, ווי ביי דעם לעצטן אפגרונט און לויפן צוריק מיט פארמאכטע אויגן פון מארוסיאן, פון זיך אליין, פון זיינע געדאנקען...

מארוסיא אבער פלעגט אים נאכגיין מיט א געבויגענעם שולדיגן קאפ. דאן איז זי געווען גרייט אים נאכצוגיין ביז עק וועלט...

* * *

ווי צוויי אבלים פלעגן זיי גיין אהיים און אריינגיין אין זייער הויז. ווי צוויי אבלים פלעגן זיי זיך זעצן צום אונטערברויט.

און נאכן אוונט־ברויט, אין די לאנגע הארבסט־נעכט, פלעגט זיך אנהייבן פאר אים דאס שפאנען, דאס שפאנען פון צימער אין צימער ביז שפעט אין דער נאכט אריין, מיט געדאנקען לאנגע און מידע, ווי דער וועג אין דער מדבר, מיט דעם זיסן און לײדנשאפטלעכן פיין פון גריבלען זיך אין די בלוטנדע וואונדן, פון גריבלען זיך ביז גרויל און וואנזין...

אמאל, אין דער שפעטער נאכט־שעה, פלעגט ער זיך דערמאנען, אז די פארגאנגנהייט איז נאך ניט אפגעשטארבן, אז ער וועט זיך פון איר קיינמאל ניט באפרייען, ווייל זי לעבט און אטעמט דא, אין דעמזעלבן הויז, אין דעם קערפער פון דער שיינער און יונגער פרוי, וועלכע האט אים אלץ אוועקגעגעבן — גליק און עלטערנליבע, און ווארט דארט איצט אויף אים מיט גליענדע און באגערנדע ארעמס.

ס'פלעגט אים דאן אויפשווידערן, ווי פון דעם נעדעמפטן ווייטן רויש, וועלכער פלעגט צו אים קומען פון דעם לעבנס־יאריד, וואס האט געהייסן ניו־יארק... א טייוול פלעגט אים אויפן אויער שעפטשען, אז אין אירע ארעמס קאן ער נאכאמאל איבערלעבן די גאנצע פארגאנגנהייט, דאס זיסע און דאס גיפטיגע אין איר, און דער טייוול פלעגט אים שטופן און טרייבן, פארפירעריש טרייבן...

ער פלעגט דאן גיין צו איר און טרינקען דעם געבליבענעם ביטערן גיפט פון דער פארגאנגנהייט מיט ברענענדע פון דורשט ליפן... מיט דעמזעלבן לײדנשאפטלעכן פיין, מיט וועלכן ער פלעגט זיך גריבלען אין זיינע וואונדן, פלעגט ער צוטראגן דעם גיפטיגן בעכער צו די ליפן...

מארוסיא האט איר ליבע געגוג קרבנות געבראכט. ער האט עס גוט געוואוסט... פונדעסטוועגן פלעגט אין זיין קראנקן געפלאגטן מוח באלד אויסוואקסן ווי א געשפענסט דער צווייפל... ס'פלעגט זיך אים דאכטן, אז אלע קרבנות זיינען א מיספארשטענדעניש, אז צווישן זייערע נשמות שטייט דער „זשיד", דערזעלבער פאטאלאגישער עקל, וואס איז געשטאנען צווישן איידעם און שווער...

ס'פלעגט אים דאן אינמיטן די הייסטע אומארמונגען אויפשווידערן און ער פלעגט זיך אויסרייסן פון זיי און מיט פארגליווערט בלוט אין די אדערן אויפכאפן פון געלעגער.

און אז מארוסיא האט אים געצווינגן צו זיך, געדריקט צו זיך, פלעגט זיך אין דער שפעטער שלאפלאזער נאכט אנהייבן ניט א ליבעס־געגוס, נאר א מין געראנגל פון צוויי קערפערס...

ווי אין א טיפן, פינצטערן אפגרונט פלעגן זיי זיך ראנגלען מיט ציין־קריצעניש, זיך קושן און בייסן ביז צו בלוט, אזוי ווי זיי וואלטן מיט זייערע ציין געוואלט צעברעכן די שיידוואנט, וואס איז געשטאנען צווישן זייער ליבעס־באגער, פונקט ווי זיי וואלטן זיך געראנגלט ניט מיט דער תאוה, נאר מיט א מארק־געשפענסט...

דאס געשפענסט, דער פאנטאם פלעגט אבער זיגן.

אין דעם טונקעלן צימער פלעגט אויסוואקסן צווישן זיי דער גובערנאַטאָר, דער כוליגאַן מיט דעם רויטן קאַצאַפּסקן קארק און מיט זיין עפּילעפּטישן עקל צום זשיד.

דאַן פלעגט ער זי אָפּשליידערן פון זיך און לויפן פון בעט צו זיך אין קאַבינעט אריין.

און די שיינע, פאַרלאָזענע פרוי פלעגט בלייבן אליין מיט אירע טרויעריגע געדאַנקען און טרערן...

אומדערוואַרטעטע געסט

אין איינעם פון די איינזאַמע, מיט בלייערנער שווערקייט אָנגעגאָסענע אָוונטן זיינען צו די באַגאַבאַרעצעס געקומען אויסערגעוויינלעכע געסט.

ביי דער וועטשערע האָבן זיי דערהערט אַ קלונג.

און באַלד איז צו זיי אריינגעקומען צום ערשטן חיים יענקל און נאָך אים שוין מלכה מיט משה וואַסערשטראָם.

באַגאַבאַרעץ האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם געשטופּלטן קונסט־קריטיקער. זייט זייער באַקאַנטשאַפט אויף דער מרגלים־שיף האָט ער אים מער ניט געזען.

דאָס פון לעבן אַזוי ווי איבערגעפאַרענע און צעטרעטענע מענשעלע האָט דאַן אָבער געמאַכט אויף אים אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז ער איז אים די גאַנצע צייט פון קאָפּ ניט אַרויס געגאַנגען.

דאָס איז געווען דער ערשטער און לעצטער אינטערעסאַנטער מענש, וועלכן ער האָט באַגעגנט פאַר דער גאַנצער צייט אין דעם לאַנד.

אָבער זיינע רייזע־קאָלעגן פון דער שיף „וואַשינגטאָן" האָט ער ניט דערקענט. דאָס אידל איז געווען פאַרענדערט ניט צום דערקענען. זיין פּנים איז פון פּאַרמעט־געל געוואָרן פון טונקעלן אַש־קאָליר, אַזוי ווי איבער־געבערנט און וויסט. די נערוועזע און טאַנצנדע שנעלקייט פון זיינע באַוועגונגען איז פאַרשוואונדן... זיינע גלידער האָבן זיך באַוועגט מיד און דערשעפּט, ווי נאָך אַ לאַנגער קרענק. און דער גאַנצער פלאַקער פון זיין ענערגישן, טומלענדן און אַגרעסיוון וועזן איז געווען אויסגעלאָשן.

מלכה, וועלכע איז דערשינען פאַר אים, האָט געטראָגן אַ ווינטער־שאַל אויפן קאָפּ און האָט אויסגעזען ניט בעסער פאַר איר מאַן.

מיט גרויסע, שוואַרצע, ווי טינט, פלעקן אונטער די איינגעפאַלענע אויגן, האָט זי אויך געמאַכט דעם איינדרוק פון איינער, וואָס האָט דורכגע־געמאַכט אַ לאַנגע און געפערלעכע קראַנקהייט.

באַלד זיינען זיי געבליבן שטיין ביי דער טיר, זיך אומזיכער אַרומגע־קוקט, ווי בעטלער... נאָכדעם ווי מאַרוסיאַ און איר מאַן האָבן וואַרעם באַגריסט דעם קונסט־קריטיקער, האָבן זיי אָנגעשטעלט זייערע בליקן אויף דעם מאַן מיט דער פרוי...

אַ ווײַלע האָבן אַלע געשוויגן, פאַרלעגן און אין דערוואַרטונג.

די ערשטע האָט זיך אָנגערופן מלכה און אויף אידיש, שטיל און מיד, זוכנדיג עמעצן מיט די פיבערהאפט-גלאַנצנדע, שווארצע אויגן.

— וואו איז ערגעץ דער זשוליק אייערער? האָט זיך באהאַלטן?

מאַרוסיא האָט קיין וואָרט אידיש ניט פאַרשטאַנען און האָט אָנגעשטעלט פרעגנדע אויגן אויף איר מאַן.

באַגאַבאַרעץ האָט אויך ניט פאַרשטאַנען, וועמען זי מיינט, וואָס זיי ווילן און האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף דער אידענע און אויף חיים יענקלען.

דער קונסט-קריטיקער אָבער איז שוין געזעסן אין אַ טיפער שטול. ער האָט מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געוואָלט צוזען, וואָס דאָ וועט באַלד פאַרקומען...

— וועמען מיינען זי? — האָט געפרעגט באַגאַבאַרעץ אין זיין פאַרדייטשטן אידיש.

— וואָס-זשע, איר ווייסט שוין ניט? איר מאַכט זיך שוין אויך כלא יודע? — האָט אים געפרעגט מלכה שוין אַביסעלע בייז.

באַגאַבאַרעץ האָט געצוקט מיט די אַקסלען.

— וועמען מיינט איר? איך ווייס ניט, וואָס איר ווילט...

— וועמען איך מיין? כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך טרויעריג צעלאַכט מלכה מיט אַ הייזעריגער שטימע — וועמען זאָל איך מיינען?... איך מיין דעם טערקישן מיניסטער אייערן, דעם זשוליק, דעם קאַרמאַנטשיק, וואָס האָט אים באַראַבעוועט, אָט דעם וויסטן קוני לעמל מיינעם, און האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט די שיינע גרויסע מסחרים זיינע, — האָט זי אָנגעוויזן מיט דעם קאָפּ אויף איר מאַן, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער טיר, ווי אַ געשלאָגן הינטל, — פריער מיט מיליאָנען און דערנאָך מיט אימעניעס... מיט וועלדער און מיט פיש... מיט רוסישע קאַרפּן... קאַרפּן האָט זיך דיר פאַרגלוסט? אַ? — האָט מלכה געקריצט מיט די ציין אויף איר מאַן. — צוגענומען ביי אונז דעם לעצטן גראָשן און איצט דאַרפן מיר גיין אין די הייזער, שטאַרבן פון הונגער.

און די אָרימע אידענע האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט דער שאַל און האָט זיך צעוויינט הויך און ביטער, אַז ביי אַלע האָבן די הערצער פאַרקלעמט.

איר געוויין האָט אַזוי ווי אויפגעוועקט דעם מאַן, דעם קליינשטעטלדיגן יאַבעדניק. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין אָרט און מיט אַלע כחות אָנגעהויבן צו שפּרינגען, ווי אַ קאַץ, שרייען און דראָען:

— איך וועל אים ניט שווייגן! איך וועל אים אין טורמע אריינזעצן, דעם טערקישן אַפעריסט... קיין סיביר וועל איך אים פאַרשיקן, אַ רוח אין זיין געפּגרטן טאַטנס טאַטן אריין... ער מעג זיך ביי אייך באהאַלטן, נישקשה! פון אונטער דער ערד וועל איך אים אויסגראָבן און אַרעסטירן... מיך, משה שפּריצער, ראַבעוועט מען ניט! אזא גראַבעזש!

מארוסיאַ האָט אַלץ ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און וואָס וויל דאָס אידל מיט דער אידענע.

— טשטאָ טאַקאָיע? וואָס ווילן זיי? — האָט זי געפרעגט דעם קונסט־קריטיקער. חיים יענקל איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט.

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? זיי זוכן דעם טערקישן געזאַנדטן, דעם פּאָסלאַניק, דעם גרעסטן איד פון דער געגנוואַרט... כאַ, כאַ, כאַ! — האָט ער אים דערקלערט אין רוסיש און האָט זיך צעלאַכט מיט אַ היסטע־רישער בייזער פרייד, עקלהאַפט צעלאַכט, ווי חיים יענקל פלעגט לאַכן, ווען עס פלעגט זיך צעגיסן זיין בייזע גאַל.

— אָ, איר מיינט גלעקעלן! — האָט אויסגעשריגן באַגאַבאַרעץ איבער־ראַשט.

— יאָ! יאָ! אים מיין איך — האָט שוין געשריגן אויף אים מלכה.

— איר מוזט אונז זאָגן, וואו איז דער שיינער חבר אייערער... אַ לייטישער מענש! אַזאַ מזל אויף אים!

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו אונז? פונוואַנען זאָלן מיר עס וויסן?

— איר ווייסט ניט... כלומרשט ווייסט איר ניט! — האָט מלכה געגלאָצט אויף אים מיט אירע בייזע אויגן.

— אָט, מאָדנע מענשן! אָבער זעצט אייך, גאָספּאָדאַ! וואָס שטייט איר? — האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי באַגאַבאַרעץ.

— שטיין... מיר שטייען אין געהאַקטן צרות, שטייען מיר — האָט געזאָגט מלכה און האָט זיך ווידער צעוויינט.

דער סטעלעוואַטער מאַן האָט זי גענומען ביי דער האַנט, האָט זי מיט געוואַלט אוועקגעזעצט אין אַ שטול און האָט זיך גענומען זי באַרואיגן און טרייסטן.

וואַסערשטראָם האָט ניט געוואָלט זיצן און איז מיט פאַרלייגטע הענט געלאָפן איבערן צימער.

אַ ווײַלע איז געווען ווידער שטיל, נאָר מלכה האָט אונטערגעכליפּעט און געווישט די טרערן מיט דער שאַל.

— וואו־זשע איז ער פאָרט? לאָמיר אָקאָרשט וויסן... ער איז דאָך ניט אין דר'ערד אַריין! — האָט ווידער אָנגעהויבן וואַסערשטראָם.

— סאַראַ מאָדנע מענשן איר זענט! גלייבט מיר, אַז איך ווייס ניט... איך האָב אים די גאַנצע צייט אַפילו אין פּנים ניט אָנגעקוקט. מיין ערנ־וואָרט! — האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אים באַגאַבאַרעץ.

— וואָס טוט זיך דאָ, סאַשאַ? — האָט שוין אומגעדולדיג געפרעגט מאַרוסיאַ איר מאַן, און באַגאַבאַרעץ האָט איר איבערגעגעבן, וואָס דאָ קומט פאָר, אַז מסתמא איז דאָס אַ געלט־זאַך.

— אוממעגלעך! — האָט אויסגעשריגן מאַרוסיאַ, אַזוי ווי זי וואָלט

זיך ניט געגלייבט, אז דער גוטער גאספאדין „קאלאקאלטשיק" זאל טאן אזא זאך און צונעמען ביי אזוינע ארימע מענשן געלט.

— אוממעגלעך! נא דיר גאר „אוממעגלעך"! — האט זיך געבייזערט אויף איר מלכה, — וואס־זשע, מיר טראכטן אוים א בלבול אויף לייטישע מענשן? מיר טשעפען זיך צו אים? מיר זיינען עס טאקע די מענשן פון בלבולים! האסט געהערט א מעשה!

— א סך האט ער ביי אייך צוגענומען? — האט זי ווידער געפרעגט באנאבארעץ מיט טיפער מיטלייד.

— א סך! וויפיל מיר האבן געהאט, דאס לעצטע, וואס מיר האבן מיטגעבראכט דא אהער אין דער מדינה... פארברענט האט זי געקערט ווערן מיט קאלאמבוסן איניינעם, איידער איך האב זי נאך אנגעקוקט!

— 800 דאלאר האט ער ביי זיי געליען, — האט געזאגט חיים יענקל פון זיין שטול.

— יא, עס האט זיך דיר פארגלוסט מיליאנען? מאיאנטקעס קויפן? גאלדשפינער מיינער! אזא פינצטערן און וויסטן סוף זאל דער רבונו של עולם אויסלאזן צו אלע מאנען, וועלכע פאלגן ניט זייערע ווייבער — האט אים געזויגן און געגעסן דאס ווייב.

— ס'קאן זיין, אז ער וועט אייך נאך אפגעבן — האט באנאבארעץ זי געפרואווט בארואיגן.

מלכה איז אויפגעשפרונגען ווי אן אפגעפארעטע:

— אפגעבן! אפגעבן וועט ער דער לאפאצאן? וואו וועט ער נעמען אפצונעבן! האט זי זיך געקרומט אזש מיט שוים אויף די ליפן.

— פארוואס ניט? ער וועט פאריינינגן דעם איסלאם מיט דעם אידנ־טום, וועט מאכן א פאר דאלאר און וועט אייך באצאלן דעם חוב אייערן נאך מיט פראצענט, — האט זיך אנגערופן חיים יענקל פון זיין ווינקל.

— וואס וועט ער? — האט אים איבערגעפרעגט מלכה.

באנאבארעץ אבער האט אים צוגעווארפן אזא בליק, אז ער האט שוין געשוויגן.

— גיי, וויים א מעשה! ווער האט עס געקענט וויסן! — האט גע־קרעכצט וואסערשטראם, ברעכנדיג פארצווייפלט די הענט, — אזא מאן מיט אזא נאמען... אין די צייטונגען שרייבט מען פון אים, מען דרוקט זיין בילד, אונזערע גרויסע מענשן באגעגענען זיך מיט אים. ער איז דאך געווען דארט א קרוב למלכות!... ווי אזוי געטרויט מען אים ניט א גמילת חסד? אז דזשאוויד בעי אליין... ווען איך וואלט ניט געלייענט זיינע בריף — מיט מיינע אויגן האב איך זיי געזען... גאט מיינער! איך וועל משוגע ווערן, וועל איך!... — און דאס ארימע אידל האט זיך פארצווייפלט געכאפט ביים קאפ.

— א קרוב למלכות... א קרוב למלכות — האט זיך געקארטשעט

און געקרומט פון פיין מלכה. — און דער בריק דיינער?... דער עסק מיט דעם ברידזש איז אויך א קרוב למלכות?

חיים יענקל האט אויפגעשטעלט מויל און אויערן.

— ווער איז בריק? — האט ער געפרעגט די אידענע, אויפשטייענדיג פון ארט.

— פרעגט אים, ווען ער אייך דערציילן... וואס פאר א בריק! איין בריק איז דא ביי אייך? בריקן זאל אייך מיט קאלאמבוסן אין בויך אריין, אז די קישקעס מיט די געדערים זאלן אייך ארויספאלן, ווי זיי זיינען מיר ארויסגעפאלן, אז איך האב זיך דערוואוסט פון דעם בריק אייערן. אוי א בריק, א בריק! שוין איינמאל א בריק! א מיליאנער האט ער געוואלט ווערן... ווארט!... איך וועל דיר ווייזן! — האט זי ניט אויפגעהערט צו סטראשען דאס קליינע אידל.

דער בריק האט אים שוין אינגאנצן דערהרגעט, און זיין קאפ האט אלץ טיפער און טיפער געזונקען אויף זיין ברוסט.

וואסערשטראם דינגט די וויליאמסבורג-בריק

ביי חיים יענקלען האבן אבער די גרויע אויגן געפינקלט, ווי ביי א טייוול אין וואלפורגער נאכט.

— וואס פאר א בריק? וואס־זשע, איר זענט אפשר געווארן אן אינזשיניער און האט גענומען בויען בריקן אין אמעריקע?

— בויען? עס איז ניטא קיין פארטיגע בריקן? נא דיר גאר בויען!... מען האט אים שוין נאראיעט א גרייטע בריק. — איר מעגט זיך שוין פאר־לאזן אויף אמעריקאנער קארמאנטשיקעס. נישקשה! — האט גענענדינגט מלכה.

— 600 דאלאר אויסגענארט — האט געקרעכצט וואסערשטראם, ווי פון אן אומדערטרעגלעכער צאן־ווייטאג.

חיים יענקל האט א שפרונג געטאן צו דער סטעליע.

— ווי אזוי? ווער? ווער? — האט ער געשריגן ווי א פארריקטער. באגאבארעץ האט זיי פארוואונדערט אנגעקוקט.

— טשטא טאקאיע? טשטא טאקאיע? — האט ווידער אומגעדולדיג און נייגעריג איבערגעפרעגט מארוסיא.

— ווייניג זשוליקעס איז דא ביי אייך? א לאנד פון זשוליקעס און קארמאנטשיקעס, בערדיטשעווער קארמאנטשיקעס און קעשענע־גנבים וועלן דאך דאס ניט טאן, וואס מען טוט דא אין אייער פרייער מדינה. נעמען א איד א גרינעם, אים פארדינגען א בריק... ניט געשטויגן און ניט גע־פלויגן... און ביי אים צונעמען דעם לעצטן טאלער...

— נו, וואס זאגט איר צו מיין מאן? איז ער א מענש? — האט די אידענע געפרעגט מארוסיאן אויף אידיש...

חיים יענקל האט זיך אזש געכאפט ביים קאפ.

— אוי, איז דאָס אַ שפּאַס! — האָט ער זיך געקרומט און געקנייטשט פון דעם שפּאַס.

— יאָ, אַ שיינער שפּאַס... אויף אייך געזאָגט געוואָרן אַזאַ שפּאַס — האָט אים געווינשן מלכה.

— ווי אַזוי־זשע לאָזט זיך אַ אידל, און דערצו נאָך אַזאַ קלוגער, אַזוי נאַרן? איר האָט דען ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שווינדל, אַ פּעיק? — האָט חיים יענקל געפרעגט ביים דערהרגעטן אידל.

— יאָ, אַזוי איז דאָס טאַקע געווען, ווי זי דערציילט אייך? — האָט ער געזאָגט, ניט אויפהייבנדיג די אויגן פון שאַנד.

— ווי אַזוי דען איז דאָס געווען? — האָט מלכה געטופּעט אויף אים מיט די פיס און געקריצט מיט די ציין. — אדרבה, דערצייל, דו חכם, גאָלדשפּינער, מיליאָנטשיק מיינער מיט די טריפה מסחרים!

וואַסערשטראָם איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— איר פאַרשטייט? עס קומט צו מיר אַן אַפּעריסט, אַ באַקאַנטער, איך קאָן אים שוין פון לאַנג פון העסטער־פּאַרק, דוקא אַזוי אַן אָרנטלעכער, קומט אַהין אַ ציימונג, אַ פּעיפער, ווי מען זאָגט ביי אייך, לעזן, און זאָגט מיר: „פּעטער! אין דער שטאָט־אופראַווע... ווי אַזוי רופט מען עס דאָ ביי אייך?... מוניציפּאַט... מוניצעפּעליט... דער רוח זאָל זיי וויסן.. אַז דאָרטן, הייסט עס, זיינען מאָרגן טאַרגעס אויף אַ בריק... מ׳פאַרדינגט, הייסט עס, דאָס ראַגאַטקע געלט; 2 פּענים פון אַ מענש און אַ ניקל פאַר אַ פּאָר פערד מיט אַ וואָגן... אַ איד, אַ כמעלניקער פּעלץ האָט דאָ אוצרות געמאַכט פון דער בריק, זיך מיט גאָלד אָפּגעשיט... און אַזוי ווי ער איז אַ גרויסער חזיר, איז אַ מצוה אים אַראָפּצוטרייבן פון מאַרק... טראַכט איך מיר: אַ מצוה איז אַ מצוה, סיי ווי סיי זוך איך אַ פּרנסה, אַ ביזנעס... מיט דער טערקישער הלואה איז אוים... וועל איך פּרובירן. וואָס זאָל איך דאָ וויסן? אין רוסלאַנד איז דאָ אַ סך אַזוינע מסחרים, איין מאָל בין איך געשטאַנען אויף טאַרגעס פון אַ ראַגאַטקע? פון אַ שאָסיי? מען גיט זאָלאָג, מען שטעלט אַוועק אין די בודקעס אייגענע מענשן, מען נעמט פון יעדער ראַגאַטקע געלט און מ׳צאָלט ראַטעס! האָב איך געמיינט, אַז דאָ איז אויך אַזוי, און פאַר וואָס ניט? „סדנא דעראה חד היא“, זאָגט די גמרא. שאַ, דו האָסט דאָך מיך אַליין געהייסן גיין אויף די טאַרגעס — האָט ער פאַרגעוואָרפן מלכהן.

— גיין זאָלסטו שוין אין דר׳ערד אַריין! — האָט זי אים געווינשן פון טיפן האַרץ.

— זעסטו, דאַן וועסטו גליקלעך זיין... אַ גליק וועט דיך טרעפן, אַז דו וועסט בלייבן אַן אַלמנה מיט צוויי מיידלעך! יאָ, אַ גליק! גיי רעד מיט אַ אידענע, נו, איז דאָ מיט דיר, וואָס צו רעדן?

— צוויי מאָל, דריי מאָל זיין אַן אַלמנה, אַבי ניט האָבן אַזאַ ליימענעם גולם פאַר אַ מאַן.

— נו, בין איך שוין דער לײמענער גולם... וואָס זאָגט איר? — האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריגע, — געפעלט אײך דער לײמענער גולם?... אַ שײנער לײמענער גולם! אוי, ווי איז מיר! געווים, אַז גאָט נעמט צו דאָס שטיקעלע מזל, נעמט ער שוין צו דעם שכל אויך, — האָט געקרעכצט דאָס אידל און האָט זיך גענומען ווײטער פאַרענטפערן.

— גיי, זײ אַ חכם, אַ קלוגער... ברענגט ער מיך, דער זשוליק, הײסט עס, אין אַ גרויסן פּלאַץ, זאָגט מיר, אַז דאָס איז די אופּראַווע, דער מוניצע־פּעליט, הײסט עס, און איך זע טאַקע מענשן — רײכע, מיט גאָלדענע זײ־גערס און דימענטענע פינגערלעך... טראַכט איך מיר: ווײזט אויס, אויף טאָרגעס געקומען, ווי איך. און כך הוה: זײ הײבן עפּעס אָן צו בעלעבעטשען אויף זײער לשון, געהרגעט זאָלן זײ ווערן מיט זײער לשון אײנײנעם. דאָס איז דאָך דאָס אומגליק, וואָס איר פאַרשטײט ניט דאָס לשון. יאָ, גיט ער מיר אַ שטורך: „ס'הײבט זיך אָן... מ'טאָרגעוועט שוין" איך זאָל געבן מער מיט 5 דאָלאַר... טראַכט איך מיר: — זאָל זײן מער מיט 5 דאָלאַר. אַז זײ גיבן אַזוי פיל, מסתמא איז דאָס ווערט נאָך 5 דאָלאַר. גיבן זײ מיט 2 דאָלאַר מער. גיב איך זײ אַ שמיים מיט גאַנצע 3 דאָלאַר... שמײסן זײ מיך מיט אַ צענערל. וואַרפט עס מיך אַרײן אין אַן אַמביציע, ווי אין שול להבדיל בײ די עליות, און איך שמיים מיט אַ גאַנצן 25... קורץ, וואָס וועל איך אײך לאַנג ברײען, — זײ שמײסן מיך, — שמיים איך זײ... שמיים אַהין, שמיים אַהער... מ'האָט מיך אַרײנגעטריבן אין דר'ערד אַרײן און די גרויסע מציאה איז געבליבן פאַר מיר... ס'איז אַ נס, וואָס איך האָב געהאַט נאָר 600 דאָלאַר... נו, האָבן זײ עס בײ מיר צוגענומען פײן, שײן, פּאָליטישנע, זאַלאָג הײסט עס... סעקיוריטי רופן זײ עס... מען האָט מיר אַפילו אַ קוויטאַנציע אַרויסגעגעבן אויפן זאַלאָג. הכלל, פײן, שײן, אָנשטענדיג, ווי אין רוס־לאַנד. אמתע טאָרגעס! און מ'האָט מיר געזאָגט, אַז די בריק בלײבט פאַר מיר און איך קאָן, הײסט עס, דעם ערשטן שטעלן דאָרט מײנע מענשן און נעמען ראָגאַטקע־געלט... נו, קאָן מען זײן אַ קלוגער? — האָט גע־פרעגט וואַסערשטראָם מיט אַ טיפן זיפץ.

— נו, איצט קענסטו גײן און זיך שטעלן אויף דער בריק און בעטן אַ נדבה! — האָט געזאָגט מלכה מיט אַזאַ האַס אין די אויגן, אַז ווען ניט די פרעמדע מענשן, וואָלט זי אים ווי מאַן צעריבן.

— עס מאַכט ניט אויס! איך וועל מײן געלט אָפּנעמען נאָך מיט פּראָצענט! זאָרג ניט... די פּאָליצײ וועט זײ געפינען, די זשוליקעס... פּאָליצײ שווײגט ניט פאַר אַזוינע זאַכן! — האָט זי געפּרוּווט באַרויגן וואַסערשטראָם.

— אָנזאָלצן וועט זי זײ! — האָט אים ווי אַ שפּײ געטאָן מלכה אין פּנים אַרײַן.

— אוי, איז דאָס אַ שפּאַס, אַ שפּאַס! — האָט געשריגן חיים יענקל.

— טפו, טי טשאָרט! — האָט עמפּערט אויסגעשריגן באַנאַבאַרעץ.

— איך בעט אייך, דערציילט מיר אויך. איך פאַרשטיי קיין וואָרט ניט! — האָט זיך געבעטן באַרוסיאַ ביי חיים יענקלען.

און חיים יענקל האָט איר איבערגעגעבן די גאַנצע געשיכטע אין רוסיש...

— גאָספּאָדי פּאָמילוי! — האָט זיך אָנגעהויבן צו צלמען די אויפגע־רעגטע מאַרוסיאַ. און אַלע זיינען מיטאַמאָל אויף לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן. איז עס געווען צוליב דעם טראַגישן שפּאַס? אָדער ווייל מאַרוסיאַ, וועלכע אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אַ אידיש קינד, האָט זיך איבערגעצלמט.

— דאָס לעצטע געלט האָבן זיי ביי אייך צוגענומען? — האָט זיי גע־פרעגט באַנאַבאַרעץ מיט טיפער מיטלייד.

— דאָס לעצטע!... אַפילו אויף קיין וואָרימעס ניט געלאָזט! — האָט געזאָגט מלכה און ווידער גענומען ביטער וויינען.

— ווי איז מיר... אידן! איך וועל משוגע ווערן! איך וועל פון זינען אראָפּ! — האָט געקרעכצט דער מאַן, קוקנדיג אויף דער פאַרצווייפל־טער פרוי זיינער, און האָט זיך גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ.

— צוויי קינדער... איידעלע קינדער... אויף זייער לעבן האָבן זיי ניט געאַרבעט, פון קיין צרות ניט געוואוסט! — האָט געוויינט מלכה אַזוי פאַרצווייפלט, אַזוי ווי די צוויי מיידלעך אירע וואָלטן חלילה אויף דער ערד ווי מתים געלעגן.

— מאַרוסיאַ! מען דאַרף זיי העלפן!... האָט געזאָגט דער אָנגע־כמורעטער באַנאַבאַרעץ צו זיין ווייב.

— יאָ, מען דאַרף! — האָט זי זיך אָנגערופן, איז אַפּגעגאַנגען צו זיך און האָט באַלד ארויסגעטראָגן פון דאָרט אַ טשעק און האָט אים אַוועק־געלייגט אויפן טיש פאַר די באַראַבעוועטע מענשן.

— אָט, האָט איר דאָ 100 דאָלאַר... פאַר דער ערשטער צייט וועט עס צונויץ קומען...

דער טשעק אָבער איז געבליבן ליגן אויפן טיש אומבאַרירט. און ווידער זיינען אַלע שטיל, ווי אין אַ הויז פון אַ מת.

— וואָס טוט מען איצט? גיט מיר אידן אַן עצה? צו וואָס נעמט מען זיך? — האָט געפרעגט אין אַ ווײלע ארום וואַסערשטראָם, איז אויפ־געשפּרונגען פון שטול און האָט גענומען ווידער לויפן איבערן צימער, ווי אַ מויז אין אַ שטייגל.

— וואָס דו וועסט טאָן? אַ טאַרבע וועל איך דיר אָנטאָן, הערסט? אין די הייזער וועסטו ביי מיר ארומגיין! ערד וועסטו ביי מיר גראָבן און די קינדער וועסטו האָדעווען! האָדעווען! — האָט אויף אים געשריגן מלכה.

— שאַ! איך האָב פאַר אייך אַ געשעפט! — האָט זיך אָנגערופן חיים יענקל פון שטול און איז אַזש אונטערגעשפּרונגען.

וואַסערשטראָם האָט זיך אַפּגעשטעלט.

— דהיינו... וואָס איז דאָס געשעפט?

— ווערט א לעקטשורער! באמנות! — האט ער געזאגט מיט א טייוולשן שמייכל, געשטיקט און געווארגן פון זיין בייזן שפאס.

מלכה האט אויפגעהויבן דעם אראפגעלאזטן, דערשלאגענעם קאפ אירן.

— וואס דארף מען ארײנלייגן אין אזא געשעפט? — האט זי אים געפרעגט מיט אן ערנסטן, באזארגטן טאן.

— וואס? כי, כי, כי! גארניט! איינפאך גארניט! כי, כי, כי! — האט ער שוין הויך און עקלהאפט געלאכט.

— הערט אויף! — האט באגאבארעץ אויף אים א טופע געטאן מיט די פיס.

דער גרויזאמער שפאס האט אים אנגעצונדן.

— „הערט אויף". פארוואס „הערט אויף"? ווער לעקטשורט דא ניט ביי קאלאמבוסן? כי, כי, כי! יעדער פארך... יעדער איגנאראנט באטרעט די לעקטשור־פלאטפארמע און האלט לעקטשורס. פונקט ווי די זשוליקעס פארענטן א גרינעם אידן די ברוקלין־בריק אזוי האלטן זיי דא לעקטשורס. כי, כי, כי! און איר וועט אויך זיין א לעקטשורער... אן אויסגעצייכנטער לעקטשורער. כי, כי, כי! איר וועט לעקטשורן איבערן צווייטן יקום פורקן, איבערן אץ קוצץ. פארוואס ניט? איך זאל אזוי לעבן! כי, כי, כי! איר וועט מאכן גאלד! מער, ווי מיט דעם ברוקלין־בריק. כי, כי, כי! — האט געלאכט און געטאנצט דער קונסט־קריטיקער, ווי א קליינער מעפיסטאפעל.

— איך בעט אייך, ניט חוזק צו מאכן איבער די ארימע מענשן אין מיין הויז! — האט אויף אים געשריגן באגאבארעץ א בלאסער.

מארוסיא האט אויף אים געקוקט מיט עקל און ווידערווילן.

חיים יענקל אבער האט זיך שוין ניט געקענט אפשטעלן, ווי א מענש, וואס קייקלט זיך פון א הויכן בארג. ער איז געפאלן צוריק אין שטול און האט זיך נאך לאנג געשטיקט און געקרעמפט אונטער די ספאזמען פון זיין מיאוסן און שלעכטן געלעכטער.

מארוסיא בענקט

פונדעסטוועגן איז חיים יענקל געווארן א גאנצער בן־בית ביי דער איינזאם־לעבנדער פאמיליע באגאבארעץ.

אזוי ווי ער פלעגט פארטיג ווערן אין שטאט מיט זיין ארבעט, פלעגט ער לויפן צו דער ברוקלין־ברידזש, כאפן א צוג און פארן צום „פארל". ווי ער האט זיי גערופן אין זיינע געדאנקען. מיט דער פיבערהאפטער און געשפאנטער אומגעדולד פון א מאן, וואס לויפט אויף א ראנדעוואו צו זיין געליבטער. דער הויכער איד מיט זיין קאצאפקע, וועלכע האט אזוי שיין געקלונגען מיט איר וואלגא־אקצענט, האבן אים געצויגן מיט זייער געהיים־

ניספולן, צוריקגעצויגענעם לעבן, ווי א מאגנעט. און ער איז געפארן צו זיי כמעט יעדן אָוונט.

און באַגאַבאַרעץ האָט שוין אויך געוואַרט אויף דעם געשטופּלטן קרי־טיקער, ווי מ׳וואַרט אויף אַ געליבטער. אויף אַ „ראַנדעוואו". ער איז שנעל צו אים געוואוינט געוואָרן, ווי אַ שיכור צום ביטערן טראָפּן. אָדער ווי מען געוואוינט זיך צו צו טאַבאַק און צו אָפּיום.

נאָך אין דער טיר פלעגט ער זיך יעדן אָוונט פאָרשטעלן מיט זיין אי־בערגעטריבן וואַזשנעם ערנסט:

— איך האָב די ערע: קונסט־קריטיקער, חיים יענקל!

אָפּט פלעגט ער עס מאַכן אַנדערש:

— איך האָב די ערע זיך פאָרצושטעלן: הערצאָג פון פּאַלערמאָ! — אָבער מיט מער פייערלעכקייט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ הערצאָג.

אַז מאַרוסיאַ פלעגט דערזען דעם געשטופּלטן הערצאָג, פלעגט זי זיך צעלאַכן.

עס האָט ניט איינמאָל פּאַסירט, אַז דער הערצאָג פלעגט זיך כלומרשט באַליידיגן, בייז אָנבלאָזן זיינע געשטופּלטע, ליים־געלע באַקן און פאַררייסן דאָס קעפּל ווי אַ הענדל פאַר אַ קו־קו־רע־קו.

דאַן פלעגט זיך שוין מאַרוסיאַ אַזוי צעלאַכן, אַז זי האָט געמוזט זיך כאַפּן ביי די זייטן און אַנטלויפן פון געלעכטער אין צווייטן צימער.

דאָס געלעכטער איז איר אָבער נאָכגעלאָפן און האָט דאָרט גענומען נאָך שטאַרקער שטיקן.

דאַן פלעגט זיך איר געלעכטער טראָגן פון צווייטן צימער ווי אַ ווייטער דזשין... דזשין... פון אַ רוסישער טראָיקע מיט גלעקלעך, וואָס טראָגט זיך ערגעץ איבער אַ שניי־באַדעקטער, ברייטער, רוסישער סטעפּ, טראָגט זיך און בלאָנדזשעט צוזאַמען מיט דער זאַווערוכע, אָבער קלינגט מונטער און מיט געמאַכטער פריילעכקייט.

חיים יענקל פלעגט בלייבן שטיין שטיל, זיך איינהערן און שעפּטשען:

— אַזוי קלינגען די גלעקלעך, די רוסישע גלעקלעך אין אַ שניי־ווייסן פעלד... אַ רוסישע טראָיקע פאָרט! — פלעגט ער אויסשרייען און נעמען דעקלאַמירן גאָגאָלס „טראָיקאַ".

באַגאַבאַרעץ האָט געקוקט אויף אים מיט די הענט אין די קעשענעס און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַך, חיים יענקל! — פלעגט זיך ביי אים אַרויסרייסן! מיט אַ טיפן זיפץ און ער פלעגט זיך לאָזן שפּאַנען ווייטער.

און אַז מאַרוסיאַ האָט זיך אויסגעלאַכט, פלעגט זי אַרויסגיין צו אים מיט פאַרוויינטע אויגן און געלעכטער און זאָגן:

— אַ טשודאַק זענט איר, חיים יענקל! אַ טשודאַק!

זיין ריכטיגן נאָמען האָבן זיי נאָך אַלץ ניט געוואוסט און ניט געפרעגט

אויף אים, אזוי ווי „חיים יענקל" וואָלט געווען דער פּאַסענדסטער נאָמען פאַר אַזאַ קונסט־קריטיקער.

און חיים יענקל איז שוין געזעסן אויף זיין געוויינלעך אָרט אין אַ טיפער, ווייכער שטול אין אַ ווינקל, דאָס פּנים פאַרדעקט מיט די הענט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט דעם מיאוסן פּנים זיינעם.

— און וואָס זענט איר? — פלעגט ער זיך בייז אָפּרופן — ניט קיין טשודאַק? ביידע טשודאַקעס! נאָך וואָס פאַר אַ טשודאַקעס!

און די טשודאַקעס פלעגן דערויף גאָרניט ענטפערן און טרויעריג שווייגן. זי — נאָכן אויסגעלאָשענעם געלעכטער; ער — פאַרטיפט אין זיין שפּאַנען מיט אויסגעצויגענע, מידע טריט, ווי זיינע געדאַנקען.

און חיים יענקל פלעגט אויף לאַנג שווייגן אין זיין טיפער שטול.

אַמאָל אָבער פלעגט ער נעמען איבערגעבן נייעס: פּאָליטישע, קהלשע. איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אַ נייער אידישער פּיעסע.

באַלד אָבער פלעגט ער אַרויפשפּרונגען אויף אַ סטאָר, אַ כלל־טוער, אויף אַ פּראָמינענטע פיגור פון דער איסט־סייד. און אַז ער פלעגט זיך אויף עמעצן אַרויפכאַפּן, פלעגט ער שוין דאָרט שבת האַלטן. זיין גאַל פלעגט זיך שנעל צעוואַרעמען און צעגיסן...

קיין אַנדערע פאַרבן, אַ חוץ שוואַרצע טינט, האָט ער ניט געהאַט און ניט געוואוסט. מיט אַ גרויסער באַרשט פלעגט ער שמירן זיין קרבן איבערן פּנים רעכטס און לינקס, יעדן און אַלץ — אַ רחמנות! און דאָס בילד פלעגט אַרויס אַזוי האָפנונגסלאָז־שוואַרץ, ווי די פינצטערע הארבסט־נאַכט.

זיינע פאַרגיפטעטע רייד פלעגן זיך ציען פון זיין מויל, ווי שוואַרצע און גערדיכטע קנוילן פון רויך און טשאַדן, ווי פאַרסמטע גאַזן. און אַז די לופט אַרום די צוויי אימיגראַנטן איז שוין געווען פאַרטשאַדעט און זייערע קעפּ טיף און האָפנונגסלאָז געזונקען, פלעגט ער פּלוצלינג אויפשפּרונגען און נאָך נעמען שיטן זאַלץ אויף זייערע וואונדן.

— און איצט איז געווים אין רוסלאַנד אַ טיפער ווייסער שניי מיט אַ פראָסט, טראַיקעס לויפן, ס'גייט פון זיי אַ פּאַרע, און די שליטלעך גליטשן זיך און סקריפּען זייערע לידעלעך. און דער ווייסער שניי בליאַסקעט אין דער בלויער נאַכט מיט דימענטן און בריליאַנטן, ווי די שטערן פון טיפן בלויען הימל. ערגעץ טראָגן זיך און קלינגען גלעקלעך: דזשין... דזשין...

און דאָ וועסטו אַפילו קיין אמתן ווינטער ניט זען. דער טייוול זאָל עס נעמען! אַך, אַ בראָך אויף קאָלאָמבוסעס קאָפּ!

און אויף מאַרוסיאַס וויעס פלעגן זיך ווידער פּערלען טרערן, גרויסע טרערן, אָבער שוין ניט פון געלעכטער, נאָר פון אויפגעוועקטן פיינלעכן היים־ווי...

און באַנאַבאַרעץ פלעגט אויף אים אָנשרייען:

— וואָס פאַר אַ טייוול האָט דיך דאָ אַהערגעבראַכט צו קרייען ווי אַ וואָראָנע!

פלעגט די וואָרנע אַ קריי טאָן, אַזוי ווי זי וואָלט איינגעשלונגען טרערן, אָדער דעם אומעט אירן, און זאָגן:

— דער הערצאָג פון פּאַלערמאָ ווינשט די רוסישע הערשאַפטן אַ גוטע נאַכט.

און קיינער פון זיי ביידע פלעגט אים ניט פאַרהאַלטן.

פונדעסטוועגן פלעגט באַגאַבאַרעץ אויפן צווייטן טאָג אים אָפּוואַרטן מיט גרעסטער אומגעדולד. אַזוי נייטיג איז געווען דעם מענש ביטער זאַלץ אויף זיינע וואונדן.

און זיי פלעגן בלייבן אַליין מיט זייער בלייערנעם אומעט, בלייבן אָן ווערטער.

דער קריטיקער פלעגט לאָזן הינטער זיך אַזאַ אומעט, אַזאַ קעלט, אַז די ווערטער זיינען געפרוירן געוואָרן אויף די ליפּן פון מאַן און ווייב.

אָפט האָט מאַרוסיאַ גענומען לייענען אַ רוסיש בוך, וואָס חיים יענקל פלעגט ברענגען פון דער ביבליאָטעק. זי פלעגט אָבער שנעל מיד ווערן און גיין שלאָפן.

דאָן האָט שוין באַגאַבאַרעץ אַליין געשפּאַנט זיין לאַנגן און מידן וועג, אין די שפּעטע נאַכט־שטונדן.

אַ בריוו פון דער היים

איינמאָל האָט זיי דער בריוו־טרעגער געבראַכט אַ בריוו פון רוסלאַנד.

דאָס איז געווען דער ערשטער בריוו, וועלכן זיי האָבן באַקומען פון זייער היים, זייט זיי זיינען אַנגעקומען קיין אַמעריקע. געווען איז דער בריוו פון מאָסקווע, פון מאַרוסיאַס עלטערער שוועסטער, אַ פּראָקוראָרס אַ פרוי. אויף אירע הענט האָט זי געלאָזט די צוויי קינדער: אַ אינגעלע פון 7 יאָר און אַ מיידעלע פון 5 יאָר.

אַז מאַרוסיאַ האָט דערזען דער שוועסטערס האַנטשריפט, האָט זי אויסגעשריגן אַ פאַרוואונדעטע; אַזאַ זיסן און קלעמענדן ווייטאָג האָט געבראַכט מיט זיך דער בריוו פון דער ווייטער און טייערער היים. מיט אים איז אַריין אין שטוב אַ שטראָם פון רוסישער לופט, דער גערוך פון דער אייגענער ערד.

„טייערע מאַרוסיאַ", האָט איר געשריבן די פּראָקוראָרשע פון מאָסקווע.

„מיר האָבן דאָ ביי אונז געסט: דעם פּאַפּאַשאַ מיט דער מאַ־מאַשאַ. זיי זיינען געווען ביידע אין פּעטערבורג. דעם פּאַפּאַ האָט מען אַהין אַרויסגערופן „פּאַ דיעלאַם סלוזשבי" (וועגן דינסט־אַנגעלעגנהייטן). אומ־רואיג איז אין זיין גובערניע. די פּויערים בונטעווען זיך און אַרבעטער שטרייקן. ווי איך האָב אים דערזען, האָב איך אים איינפאַך ניט דערקענט, אַזוי האָט ער זיך געענדערט. דער אַלטער אונזערער, קראַנק און געבויגן. די דינסט האָט זיך אים שוין צוגעגעסן, און ער רעזיגנירט און דענקט זיך צו באַזעצן אין מאָסקווע לעבן אונז. דו וואָלסט אָבער, מאַרוסיאַ, געדאַרפט

זען, וואס ס'איז מיט דעם אלטן, שטרענגן מאן געוואָרן, ווען ער האָט דיינע צוויי זשידיעניאטעם דערזען! גאספאדי מאי! ווי א פארדוקטער האָט ער זיי געקושט און געהאלזט און געוויינט מיט גרויסע טרערן. האסטו אים, דעם סאלדאט, אמאל געזען וויינען? איך קיינמאל ניט! און איבער זיי האָט ער געוויינט. ער האָט זיך מיט מיין טאניען אזוי ניט געפרייט, ווי מיט דיינע זשידיעניאטעם! מיך האָט עס אָבער ניט געערגערט. איך האָב זיך געפרייט און געוויינט גלייך מיט אים.

„און אז איך האָב אים דערלאנגט דיין בריוו, איז דער אלטער שוין אינגאנצן צעבראכן געוואָרן און האָט זיך צערעוועט ווי א באבע און ניט ווי א גובערנאטאר, אן אלטער סאלדאט.

„איצט, אז איך שרייב דיר דעם בריוו אין וואלאדיעס קאבינעט, לויפט ער ארום מיט דיינע קינדער איבערן זאל, ווי א אינגל, און זיי לויפן אים נאך, כאפן אים און קוויטשען ווי חזירימלעך, אזוי, אז כ'קאן צוליב דעם רויש ניט שרייבן.

„וואלסטו זיך עס געגלייבט אויף אונזער בייזן און שטרענגן גובער־נאטאר?

„וואס צייט מאכט! אלע וואונדן היילט אָט די צייט. פיליכט וועט זי אויך דיינע וואונדן היילן און מיר אלע וועלן נאך דערלעבן דיך צו זען א גליקלעכע.

„פארלויפיג וויל ער נעמען דיינע קינדער צו זיך. מיר וועלן נאך אָבער פיל דעריבער דעבאטירן. כאטש איך ווייס ניט, ווי אזוי איך וועל עס אים אפזאגן. איך גלייב, אז דו אליין וואלסט אים ניט אפגעזאגט, ווען דו זעסט זיין ליבע און זיין פרייד מיט די פיצלעך"...

און ווייטער גיט זי איר איבער פארשידענע נייעס פון קרובים און באקאנטע.

לאנג, לאנג איז איר שוועסטערס בריוו, א גאנצער חבור! אירע נאסע אויגן לויפן איבער די ציילן און ווערטער. זי זוכט א גרוס, א וואָרט וועגן אים, וועגן דעם סטעלעוואטן מאן, וועלכער שטייט הינטער אירע פלייצעס מיט א פארכאפטן אָטעם און א קלאפענד הארץ, אזוי, אז זי הערט דאָס שנעלע קלאפן, ווי מיט א האמער אין א קוזשנע, קלאפט זיין הארץ און זי לייענט דעם בריוו מיט די אויגן.

אָבער קיין וואָרט צו אים און וועגן אים.

און די ציילן מיט די אותיות טאנצן פאר אירע אויגן אין א ווילדן טאנץ.

זי ציטערט ווי אין פיבער, אָבער מער קאָן זי ניט לייענען. אזא שרעקלעך־פיינלעכע באליידיגונג פארקלעמט איר הארץ.

און ס'בלוטעט!...

— „זשידיעניאטעם"! — שעפטשען אירע טויט־בלייכע ליפן.

דערשטיקטע זאָרגן און ניט קיין אויסגעוויינטע טרערן... פרייד, אומעט און דער צאָרן פון באליידיגונג; אלץ, וואס ס'האָט זיך אנגעזאמלט

אין איר פאר די אלע שטורמישע יארן; די דערשטיקטע און בענקענדע ליבע פון א מוטער, וועלכע מ'האט אפגעריסן פון אירע קינדער, און פון א קינד, וואס מ'האט אפגעריסן פון עלטערן און היימאט און עס בלאנדזשעט אין פרעמדע לענדער, אלץ צוזאמען האט זיך דורכגעריסן מיט איין מאל, ווי אין פרילינג א מעכטיגער שטראם, וואס צערייסט זיין בעט און צווים און פארפלייצט אלץ ארום זיך. דאס אלץ האט איצט צעריסן איר הארץ און מיט א פארצווייפלטן געשריי: פאפאשא! פאפאשא, טייערער פא־פאשא!" איז זי אנטלאפן צו זיך אין שלאפצימער אויסוויינען דאס צערי־סענע ביטערע הארץ.

און ער שטייט איבער איר בעט א געבויגענער, ווי א בוים, וואס איז צעבראכן פון שטורמווינט, ער שטייט און שעפטשעט...

טרייסטן? מיט וואס קאן ער זי טרייסטן?

און זי שרייט, ווי אונטער אן אויפגעהויבענער בייטש:

— פארוואס? פארוואס? פארוואס קומט עס אונז? פארוואס איז דאס שיקזאל אזוי גרויזאם און אומגערעכט צו אונז? פארוואס?

און ער קוקט אויף איר.

אזוי האט געקוקט קריסטוס פון זיין קרייץ אויף מאגדאלענען, ווען זי איז געלעגן א פארצווייפלטע און געפייניגטע פון טרויער און ליבע ביי זיינע פיס.

און ווער ווייסט, ווער ס'האט דאן מער געליטן?

ער? אדער דער צוגענאגלטער און געקרייצטער נוצרי?

* * *

די ערשטע שטראלן פון דער אויפגייענדער ווינטער־זון האבן אים אבער געטראפן ביי זיין שרייבטיש.

דער דיכטער האט די גאנצע נאכט געשריבן.

צום ערשטן מאל אין די לאנגע שווערע פינף יאר, זינט ער האט געשאסן אויף זיין שווער.

גלייך מיט דעם רעוואלווער האט דער דיכטער פון זיך דאן אפגע־שלײדערט זיין פעדער.

ער האט געגלייבט, אז אויף אייביג, אז קיינמאל וועט ער שוין ניט זיין אימשטאנד צו שרייבן אין א שפראך פון פאגראמשטשיקעס און פאר־גוואלטיקער.

איצט שרייבט ער ווייטער רוסיש, אבער שוין מיט דעם בלוט, וואס טריפט פון זיינע וואונדן, מיט דעם מארך, וואס שפריצט פון זיינע צוגע־נאגלטע ביינער.

ער שרייבט די „געקרייציגטע נשמות", זיין אייגענע טראגעדיע, א ראפסאדיע, א טרויער־מארש, דער קבורה מארש פאר געקרייציגטע נשמות!

און מארוסיא איז שוין לאנג אויפגעשטאנען פון איר בעט, זיצט לעבן

אים אין דער אַנדערער זייט פון טיש, שטיל און אומבאַוועגלעך, ווי פאַר אַ כהן גדול, וועלכער ריכטעט אָפּ די גאָטעס-דינסט.

ס'הערט זיך נאָר דאָס פּיבערהאַפטע סקריפּנדע לויפן פון זיין פּען און צייטנווייז דער שטילער, ווי אַ זיסער סוד, רויש פון די בלעטער, וועלכע זי נעמט פאַרזיכטיג אַרויס פון אונטער זיין ציטערנדער האַנט און לייענט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט.

ער שרייבט רוסיש, ווי באַגאַבאַרעץ האָט אַמאָל געשריבן, מיט דער גאַנצער פּראַכט און מעכטיגן גלאַנץ פון איר מוטער-שפּראַך.

אַ ווייסער און ווייכער ווי פּוך שניי האָט באַדעקט איבער נאַכט די ערד און האָט זי אַנגעטאָן אַזוי צנועהדיג-פריש, ווי אַ יונגפרוי צו דער חופּה. און די אויפגייענדיגע זון האָט באַפּוצט דאָס חופּה-קלייד מיט בריליאַנטן און דימענטן, וואָס בליאַסקען און פינקלען, ווי אירע גליקלעכע אויגן.

און זי האָט פאַרגעסן, אַז זיי זיינען אין אַמעריקע, אין אַ פרעמד לאַנד...

זי איז צוריק אין מאָסקווע, אין זייער ווינטער-וואוינונג אויפן סטראַס-טני-בולוואַר, אין זייער רייכער וואוינונג, וואו ס'פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן די בעסטע פון דער רוסישער אינטעליגענץ. זי איז איצט אין איר היימאַט, אין רוסלאַנד.

רו, אַ יום-טובדיגע, גליקלעכע רו הערשט אינדרויסן, אויף דער שניי-באַדעקטער וועלט און אין איר נשמה. אַלע צווייפלען זיינען פאַרשוואונדן. זי ליבט אים ווידער ווי אַמאָל.

און זי איז ווידער אַזוי גליקלעך ווי אַמאָל.

זי איז ווידער דאָס ווייב פון אַ גרויסן רוסישן דיכטער, פון אַ גרויסן מייסטער, וועלכער זיצט איצט און שאַפט אין איר מוטער-שפּראַך אַ ווערק, וואָס איר פאָלק וועט באַוואונדערן און פאַרערן.

גלעקעל איז אָנגעקומען

אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט האָבן זיי געהאַט אַ טייערן גאַסט: חיים יענקל האָט געבערענגט מיט זיך צו פירן משה גלעקעלן, דעם איינציגן פריינד זייערן.

מאַרוסיאַ האָט אַזש אויסגעשריגן פון איבעראַשונג און פרייד. זי האָט אים געכאַפּט ביי ביידע הענט, האָט זיך גענומען דרייען מיט אים איבער דער שטוב און קוויטשען פון פרייד.

— קאַלאַקאַלטשיק! קאַלאַקאַלטשיק! דאָראָגאָי קאַלאַקאַלטשיק!

— אַזוי ווי זי וואָלט טאַטע-מאַמע דערזען.

איבעראַשט פון דעם גאַסט, האָט זי פאַרגעסן אַז חיים יענקלען, וועלכער איז געשטאַנען פונוויטנס מיט גרויסע אייפערזיכטיגע אויגן, מיט אַ בייזן שמייכל אויף די ליפּן, אַזאַ באַליידיגטער און געערגערטער. זי האָט זיך געלאָזט לויפן אַנטאָגן די גוטע בשורה דעם מאַן, האָט זיך אָבער דערמאָנט,

אז ער שרייבט שוין ווידער. נאָר אַ פּאָר שטונדן געשלאָפן און האָט זיך ווידער גענומען פאַר דער פּעדער.

און זי האָט זיך געוואָרפן דעם גאַסט אויפן האַלז און האָט אים דער־ציילט איר גליק, די גרויסע פּאַסירונג.

— באַגאַבאַרעץ שרייבט שוין ווידער! רוסיש שרייבט ער. ווי אַמאָל... אַ, קאַלאַקאַלטשיק, ווען איר ווייסט, ווי גליקלעך איך בין! אַלע האָב איך פאַרגעסן, אַלע צרות און ליידן! אָבער עפּעס גרויסעס, דער־הויבנס... שעקספּיריש! שעקספּיריש! אַ, ווען איר לייענט עס: — האָט געשריגן די גליקלעכע פרוי אין איר הייליגער פרייד.

גלעקעל איז געשטאַנען אַ צעטומלטער.

די אויפנאַמע, די פרייד און דאָס גליק פון דער שיינער מאַרוסיאַ, טאָפּלט שיין אין אין יונגער און קינדערשער באַגייסטערונג, האָבן אים פאַרטשאַדעט.

— ווירקלעך? ווי ס׳פרייט מיך, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ! ווי ס׳פרייט מיך — האָט ער שטיל און איבעראַשט געשעפּטשעט.

אָבער פּלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם אַנדערן, אָן חיים יענק־לען, איר צונג איז פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק און איר גאַנצער עקסטאַז איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן.

זי און גלעקעל האָבן געקוקט אויף אים איבערגעשראָקן, אין פאַרלעגנ־הייט, און האָבן לאַנג געשוויגן, ווי מענשן, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט ביי אַ פאַרברעכן.

דאַן האָט חיים יענקל אַזוי ווי אַ קריי געטאָן און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ נעוואָרגענער שטימע:

— מאַדאַם! איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז ראַבינאָוויטש איז באַגאַ־באַרעץ... שטעלט אייך פאָר, וואָס וואָלט געוואָרן מיט מיין רעדאַקטאָר, ווען איך ברענג אים די סענסאַציע... אַז איך וואָלט באַלד געקריגן אַ הוספה אויף צוויי דאָלאַר אַ וואָך איז גאָר קיין צווייפל ניט. כע, כע, כע! אַ פאַרמעגן, גלייבט מיר, וואָלט איך געמאַכט מיט אַזאַ סענסאַציע, פונ־דעסטוועגן האָב איך אייער סוד, אייער אינקאָגניטאָ קיינעם ניט אַנטדעקט. און אויב איר האַלט מיך ניט פאַר פאַרטרויענסווערט, בין איך ניט מער אייער באַקאַנטער... גוד נאַיט!*) — און חיים יענקל האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

מאַרוסיאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איר אָרט און האָט אים פאַר־שטעלט דעם וועג.

— זעצט זיך אויף אייער אָרט! — האָט זי אים שטרענג באַפוילן און האָט ווי אַ פּרינצעסין באַפעלנד אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער שטול.

חיים יענקל האָט זי געפאָלגט.

זיצן און קוקן אויף איר, זען, ווי זי באַוועגט זיך און ווי דער שווערער

*) גוטע נאַכט.

גאָלדענער צאָפּ טרייסלט זיך און שפּרינגט אויף איר רוקן, ווי אַ גרויסער פּענדל פון אַ וואַנט־זייגער; זיצן און איינאָטעמען די לופט פון איר קער־פּער, איז געווען פאַר אים לייכטער, ווי אַוועקצוגיין איצט. בפרט אויף תמיד אַוועקצוגיין. לעכערלעך! ס'איז געווען איבער זיין קראַפט.

— ווי אַזוי האָט איר זיך דערוואוסט? — האָט זי אים געפרעגט אַ בלייכע.

— דאָס וועל איך אייך אַן אַנדערש מאָל דערציילן... איר זענט איצט צופיל באַשעפטיגט מיט אייער גאַסט, — האָט ער געזאָגט מיט דעם זעלבן אייפערזיכטיגן, קרומען שמייכל. — איז דען דאָס שווער געווען צו דערוויסן זיך? איבעריגנס, קענט איר זיין רואיג, איך האָב מיך אינטערע־סירט און אויסגעפונען, אַנדערע וועט עס אין קאָפּ ניט איינפאַלן.

— איך האָף, אַז דו וועסט זיין אַן ערנמאַן, — האָט אַנגעהויבן גלע־קעל, מיט אַ פּייערלעכן פּאַטעטישן טאָן.

חיים יענקל האָט אָבער אים שוין ניט געלאָזט ענדיגן און האָט אים אַזוי ווי אויסגעשפּיגן אין פּנים אַריין:

— אידיאָט!

אָבער דאָ איז אָנגעקומען באַגאַבאַרעץ. ער האָט דערהערט אויבן ביי זיך דעם רויש און איז אַרונטערגעגאַנגען. ער האָט זיך אויף שטאַרק דער־פרייט מיט גלעקעלן און האָט זיך מיט אים הערצלעך צעקושט.

באַגאַבאַרעץ האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין הערצלעכקייט און גוטס־קייט און הויפּטזעכלעך פאַר זיין געזונטן אָפּטימיזם, דעם אומדערשעפּלעכן אידישן אָפּטימיזם.

שטענדיג האָט ער געהאַט נייע פּלענער און געבויט וועלטן, גרויסע און שיינע, פאַנטאַסטישע וועלטן און האָט ניט געוואוסט פון נידערגעשלאָגנקייט, פון גייסטיגער שוואַכקייט. זיינען די וועלטן חרוב געוואָרן, האָט ער זיי באַוויינט נאָר אַ קורצע ווייַלע. און באַלד איז ער געווען צוריק מונטער און פריש, ווי דער ים־ווינט. און באַלד האָט ער געבויט אויף דער חורבה אַ נייעם לופט־שלאָס, אַ נייעם גרויסן חלום.

אין דעם אייביגן בויען און פאַנטאַזירן האָט ער פאַרגעסן זיך אַליין, זיינע אייגענע אינטערעסן, פאַרגעסן אפילו, אַז ער האָט ערגעץ אַ פרוי מיט קינדער. דערפאַר איז אַלץ אַרום אים, מענשן און זאַכן, די נאַטור און דאָס לעבן געווען שיין און דערהויבן.

ער איז תמיד געווען באַשעפטיגט מיט זיינע חלומות, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן דאָס שלעכטע און טרויעריגע לעבן. דערפאַר זיינען זיינע באַציאונגען צו מענשן און זאַכן געווען, ווי די באַציאונגען פון אַ גרויס, נאַיוו קינד.

אויך איצט איז ער אַריין צו זיי אין הויז פריש און מונטער אַז דעם לייכטסטן שפּור פונם איבערגעלעבטן סקאַנדאַל און קראַך, פון דעם גרויסן בום, שנעלן שטייגן און פאַלן.

ער האָט זיך שוין געטראָגן מיט אַ נייעם פּלאַן.

און באַלד האָט ער גענומען לויפן אַהין און צוריק. געטרייסלט די שווארצע לאָקן און צעוויקלט דעם נייעם פּלאַן:

— איך גרינד, גאָספּאָדאַ, אַ נייע צייטונג, די ערשטע ערלעכע און אומ־אָפּהענגיגע גרויסע צייטונג אין אַמעריקע! איך האָב איינגעזען, אַז די אידן אין אַמעריקע ווערן געפירט פון אַ געלער און עקלהאַפטער, שמוציגער פּרעסע, וועלכע יאָגט זיך נאָר נאָך צירקולאַציע און פאַר צירקולאַציע וועט זי פאַרקויפן דאָס פאָלק און זיינע אינטערעסן, און דעם איבל וועל איך איצט באַקעמפן! קיין פּאַלעסטינע פאָר איך שוין ניט, וויינינגסטנס אַזוי שנעל. איך בלייב דאָ, ביז איך וועל ניט אויספעכטן דעם קאַמף מיט די רעדל־פירער און די איסט־סיידער גדולים, ביז איך וועל זיי ניט אַראָפּטרייבן פון דעם יאַריד, אַזוי ווי מיר, יונג־טערקן, האָבן אַראָפּגעטריבן אַבדול האַמידן פון בענקל, וועל איך מיך ניט בארואיגן. איך דאַרף האָבן 100,000 דאָלאַר און די בעסטע ערלעכסטע שרייבער. שרייבער וועל איך האָבן! מיר האָבן נאָך ב"ה גענוג אידעאַליסטן אויף דער איסט־סייד, וועלכע וועלן מיר נאָכגיין. דער בראָוקער וואודס, מיט וועלכן איך האָב אונטערגע־האַנדלט וועגן דער טערקישער הלואה גיט מיר 10,000 דאָלאַר. די איבעריגע 90 טויזנט איז אַ טשעפּוכאַ! שאַ, ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך עפּעס דערציילן? — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריגן מיט קינדערשער פרייד, — איר ווייסט, וועמען כ'האָב באַגעגנט אין באָסטאָן? דעם באַרימטן לאָיער בוירד, מיט וועלכן איך האָב אַמאָל באַרייזט פּאַלעסטינע. איך האָב אייך וועגן דעם בחור דערציילט. מיין גאָט, איז דאָס געווען אַ פרייד! ער האָט גאָרניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט מיר, און מיט אים האָב איך עס די גאַנצע צייט געלעבט. און שטעלט אייך פאָר, אַז דער בחור ליגט שוין אין קעסטל. יאָ, אין פּאַלעסטינע האָב איך אים ניט געקענט מאַכן פאַר קיין ציוניסט, און איצט איז ער אַ ציוניסט! הלואי אויף חיים יענקלען געזאָגט געוואָרן. יאָ! איך האָב אים געוואונען פאַר אונזער באַוועגונג! וואָס פאַר אַ קראַפט דאָס וועט זיין! אַ גרויסער פּאָליטיקער און אַן אידעאַליסט, מיט אַ גרויס אידיש האַרץ. ער קאָן ווירקן תמיד אויף דער וואַשינגטאָנער רעגירונג אין ריכטיגן מאָמענט. איר פאַרשטייט? אַז אַמעריקע זאָל פאַר־לאַנגען פאַר אונז פּאַלעסטינע... מיר האָבן שוין דערפון אָפּגערעדט. אַ, דאָס איז דער גרעסטער זיג אין מיין לעבן! און איצט גרינד איך מיט דעם מר. בוירד די ערשטע ערלעכע צייטונג — און גליקעל האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט אין דער לופט — ער האָט מיר צוגעזאָגט, צו שאַפן ביי די אידישע מאַגנאַטן דאָס געלט. דאַן גייען מיר דירעקט צום פאָלק איבער די קעפּ פון די רעדלפירערס! איך מוז נאָר האָבן גייסטיגע כחות! שרייבער!

— דאָס ערשטע רעכן איך אויס אויף אייך — האָט ער זיך געווענדט צו באַגאַבאַרעצן — דאָ קריגט איר אַ פעלד, טשאַרט פּאָבערי! שרייבן, לערנען, פּרעדיגן. מיין גאָט! מען קאָן פאַררוקט ווערן — און גליקעל

האט זיך געכאפּט ביים קאָפּ — און חיים יענקל וועט אונז אויך העלפן — האט ער זיך געווענדט צום קריטיקער — ער האט שוין די דערפאַרונג, און טאַלאַנט פעלט אים, דעם גנב, אויך ניט. איך האָב תמיד געזאָגט, אַז דער ממזר האָט טאַלאַנט. נאָך אין היידעלבערג בין איך געווען דער ערשטער פון אַלע חברים, וועלכער האָט געשריגן: „שרייב, ממזר! דו וועסט אויס־וואַקסן אַ מענש מיט אַ שאַרפער פען!" נאָר ווען ניט דער פוילער פּעסי־מיזם דיינער, אַ בראָך צו דיין קאָפּ, חיים יענקל! ער דערהרגעט עס אים! שוין דאָרט אין היידעלבערג איז ער געווען אַזאַ זויערע אוגערקע. וואַרף אַוועק דאָס זויערע קרויט דיינס, חיים יענקל! ווער איצט אַ מענש! — האָט זיך גלעקעל געבעטן מיט אַ רחמנות־פּנים ביים קונסט־קריטיקער — איצט וועסטו ביי מיר האָבן שכירות אָדער ווײַדזשעס, ווי מען זאָגט ביי אייך, גוטע ווײַדזשעס! איך מאַך דיך פאַר טשיף־רעדאַקטאָר! קריגסט פופציג דאָלאַר אַ וואָך. וויפיל דו וועסט דאַרפן גיב איך דיר.

און גלעקעל האָט זיך ווייטער געלאָזט לויפן איבערן צימער און האָט געשיט און געשיט און געשיט אין זיין פיבערהאַפּטער קינדערישער באַגייס־טערונג און צעוויקלט פלענער איינעם גראַנדיעזער פאַרן צווייטן.

און באַנאַבאַרעץ האָט געשפּאַנט פון דער אַנדערער זייט און האָט אים פאַרטיפט און פאַרכמורעט אויסגעהערט.

— איר קענט זיך נאָך פון היידעלבערג? — האָט ער פאַרוואונדערט געפרעגט.

— סאַראַ חידוש אַביסל! ווער האָט פאַר אים אויסגעשנאָרעט ביי דער באַראָנעסע הירש 500 מאַרק פאַרן דאָקטאָר־דיפּלאָם? איך! מאַק־סימע קום לאָודע האָט דער ממזר געענדיגט. איך געדענק גוט! אמת, חיים יענקל? איך האָב פאַר זיי אַלעמען געשנאָרעט. די ממזרים האָבן געלערנט, געוואָרן דאָקטוירים און איך האָב געשנאָרעט פאַר זיי ביי די ראָטשילדס, ביי דער באַראָנעסע הירש, ביי וועמען איר ווילט. דערפאַר האָבן זיי געענדיגט און איך בין געבליבן אָט אַזוי אין דרויסן, ניט אַהין, ניט אַהער — האָט געענדיגט גלעקעל מיט אַ לייכטן זיפץ.

— און וואָס וועט איצט זיין מיט דעם איסלאַם? מיט די 100 מיליאָן? מיט דער גרויסער „צוריק צו נאַטור"־באַוועגונג? — האָט אים געפרעגט חיים יענקל פון דער שטול מיט זיין געוויינלעך, מיאוס געלעכטער.

גלעקעל האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אים צוגעוואָרפן אַ בייזן, פאַר־ניכטנדן בליק און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אריין.

— אַלץ וועט זיין! דו זאָלסט זיך גאָרניט זאָרגן! גיב מיר נאָר צום ערשטן אַן ערלעכע צייטונג, וועסטו זען, ממזר, וואָס איך וועל אויפטאָן. די וועלט וועל איך איבערקערן. איך וועל זיי ווייזן, ווער משה גלעקעל איז! מיינט איר, וואָס איז געווען די געשיכטע מיטן סטעיטמענט פון דעם טער־קישן אַמבאַסאַדאָר? — האָט גלעקעל גענומען פאַרענטפערן דעם סקאַנדאַל. — מיין פריינד, דזשאַוויד בעי, איז דאָן ניט געווען אין קאַבינעט. איצט

איז ער צוריק פינאַנץ־מיניסטער, און משה גלעקעל איז צוריק אויפן פערד! אַט וועל איך אייך ווייזן! — און ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל בריף פון דזשאַוויד בעי און אַ טשעק אויף 500 דאָלאַר. — איצט וועל איך אַרויסגעבן אַ סטעיטמענט צום פאָלק און אַ בראַשור. איך וועל אַלץ דערקלערן. און דעם טערקישן אַמבאַסאַדאָר וועל איך אַראָפּשלעפּן פון בענקל, ווי איך בין משה גלעקעל! סיי ווי סיי איז ער פון אַבדולקעס מענשן. ער איז אין דר'ערד מיט די ביינער און מ'דאַרף אים צונעמען פונדאַנען. איך וועל שוין זאָרגן דערפאַר! יאָ, אַט האָט איר 500 דאָלאַר. 300 טראָג איך באַלד אַוועק דעם אידל, דעם שפּריצער, און 200 דאָלאַר לאָז איך פאַר זיך און בין ווידער אַ מענש! — האָט ער זיך געווענדט צו מאַרוסיאַן מיט קינדער־שער פרייד.

— טאַקע? — האָט זיך דערפרייט מאַרוסיאַ, אַזוי ווי ער וואָלט איר אַליין באַצאָלט דעם גמילת חסד. — סאַראַ וואוילער איר זענט, קאַלאַ־קאָלטשיק! ווי איך ליב אייך! אַך, ווען איר וואָלט געזען, ווי די מענשן האָבן דאָ געוויינט! — האָט זי אים דערציילט, ניט אַרויסלאָזנדיג זיין האַנט.

גלעקעלס פּנים האָט זיך אַ רגע פאַרצויגן מיט אַ געדיכטן וואָלקן.

— זיי זיינען דאָ געווען? זיי האָבן מיך געזוכט?

— יאָ, איך האָב געמיינט, אַז דאָס האַרץ וועט מיר צעריסן ווערן, מ'האָט זיי דאָך באַראַבעוועט, שרעקלעך באַראַבעוועט! — און מאַרוסיאַ האָט אים דערציילט די געשיכטע מיט דער בריק.

גלעקעלן האָט עס אויפגערודערט.

— ס'קאָן ניט זיין! מיין גאָט! דאַן וועל איך אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט און בלייבן ווייטער אָן אַ פּעני... איך מוז נאָך היינט זיין ביי אים, דו וועסט מיך פירן אַהין, חיים יענקל.

— ניטשעוואָ, איר וועט ניט פאַרפאַלן ווערן! — האָט אים געטרייסט מאַרוסיאַ. — איר וועט דאַרפן, וועט איר ביי אונז לייען... אַך קאַלאַ־קאָלטשיק! — האָט זי נאָכאַמאָל אויסגעשריגן פאַרחלומט און באַגייסטערט ניט פון אים און ניט פון זיינע חלומות נאָר פון איר אייגן, פון איר פּער־זענלעך גליק.

און דער אייפערזיכטיגער חיים יענקל איז געזעסן אין זיין שטול און האָט זיך געפּרעגלט אין דער קאָכנדער גאַל זיינער.

— הייסט עס, אַז איך האָב שוין אַ דזשאַב פאַר פופציג דאָלאַר אַ וואָך? כי, כי, כי!

— יאָ, יאָ! אויב דו וועסט נאָר זיין אַ מענש און אַוועקוואַרפן דיין פּעסימיזם. בלייבסטו אַ פּעסימיסט, האָב איך דיך אין דר'ערד... פּעסי־מיסטן זיינען פויל! זיי האָבן גאָרניט געשאַפן אין דער געשיכטע! — האָט אויף אים געשריגן גלעקעל.

— אמת! הייליגער אמת! — האָט פּאַטאַקעוועט באַגאַבאַרעץ.

— ניטשעווא! חיים יענקל איז אויך א גוטער מענש. אביסל ביטער, אבער ניט שלעכט... איך האב אים ליב — האט אים געפּרואווט פאַר־טיידיגן און טרייסטן מארוסיא.

מארוסיאס קאָמפּלימענט האט חיים יענקלען באַליידיגט צום אוי־סערסטן און ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול.

— און וואס האסטו, אָפּטימיסט מיינער, אויפגעטאָן אין דער וועלט־געשיכטע, א? וואס האסטו געשאַפן? לופט־שלעסער! פאַנטאַזיאָר! דוראַק! — האט ער אים אויסגעשפּיגן גלייך אין פּנים אריין.

גלעקעל האט צוזאמענגעשלאָסן זיינע פויסטן, זיין, גוטמוטיג פּנים האט זיך מאָמענטאל פארענדערט ביז ניט צו דערקענען אזוי גרויזאם און ווילד.

א מאמענט זיינען זיי אזוי געשטאַנען איינער פארן צווייטן, ווי צוויי אייביגע פיינטלעכע וועלטן: די פּעסימיסטישע און די אָפּטימיסטישע.

— וואס איז! וואס איז, גאָספּאָדאַ! — איז אריין מיט א שפּרונג צווישן זיי מארוסיא.

גלעקעל איז געקומען צו זיך און האט זיך גוטמוטיג צעלאַכט.

— אך, חיים יענקל! חיים יענקל! א פּאַדלעץ ביסטו געווען און א פּאַדלעץ וועסטו בלייבן. קיין גוטס וועט שוין פון דיר ניט ארויסקומען. פונדעסטוועגן גייסטו ארבעטן אין מיין צייטונג.

חיים יענקל איז געפאַלן אין דער שטול אריין.

און אלע מיטאמאל זיינען שטיל און טרויעריג געוואָרן, אזוי ווי א טויטער און בייזער גייסט וואלט די לופט דורכגעקרייצט.

מארוסיא האט זיך דערמאנט אָן דער וועטשערע און האט זיי אלעמען איינגעלאַדן צום טיש, אפילו חיים יענקל האט געמוזט היינט מיט זיי עסן, פון וואס ער האט זיך תמיד הארטנעקיג אָפּגעזאָגט.

ביים טיש איז די גוטע, יונגע און פריילעכע שטימונג צוריקגעקומען. גלעקעל האט פאַנטאַזירט און געבויט שלעסער ביז טיף אין דער נאכט אריין.

באגאבארעץ אין טעאטער-וועלטעל

פופטער קאפיטל

דער סטאַר* איז באַגייסטערט

דער גרויסער סטאַר, דער אידישער קין, איז געזעסן אין אַ טיפן שטול, אנגעטאָן אין אַ רייכן פּליושענעם שלאַפראַק מיט בונטע בלומען און האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער אויף איינע פון די באַליבטסטע און רייכסטע עוועניוס פון אַפּ־טאַון.

ער האָט אומגעדולדיג געוואַרט אויף דער רוסישער שיינהייט, וועלכע דער טעאַטער־קריטיקער, חיים יענקל, האָט פאַרשפּראָכן צו ברענגען מיט אַ רוסישער פּיעסע.

ער האָט דערהערט, ווי אַן אויטאָמאָביל האָט זיך אונטן אָפּגעשטעלט. דער אידישער קין האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, האָט אויסגעצויגן זיין הויכע און שלאַנקע פיגור, איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, געכאַפּט אויף זיך אַ קוק און איז מאַיעסטעטיש אַרויסגעגאַנגען עמפּאַנגען זיינע געסט.

מיט מאַרוסיאַן און חיים יענקלען איז אויך געקומען גלעקעל־עפּענדי.

דער סטאַר האָט אים שוין געקענט... איינמאָל נאָך אַ פאַרשטעלונג איז גלעקעל אַריין אין זיין גאַרדעראָבע, האָט אים לאַנג און באַגייסטערט געדריקט די האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיין שפּילן אים פּערזענלעך געראַטעוועט פון אַ לעבנס־געפאַר און נאָך די הייסטע קאָמפּלימענטן האָט ער זיך באַלד גענומען אים אויסלייגן אַ פּראָיעקט, וועלכער איז ביי אים געבוירן געוואָרן טאַקע אין טעאַטער, דהיינו, צו בויען פאַר אים אַ נאַציאָנאַל־טעאַטער, אַ קונסט־טעמפּל, מיט דעם געלט, וואָס די יאַהודישע פינאַנץ־מאַגנאַטן פון אַפּ־טאַון וועלן אים געבן.

— בלי ספק! — האָט דערביי אויסגעשריגן גלעקעל, ווי כסדר אַנטציקט פון זיין אייגענעם פּלאַן.

דעם סטאַר איז דער פּראָיעקט געפעלן געוואָרן און אַראָפּנעמענדיג דעם גרים פון פּנים, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו קלאָגן אויפן אידישן טעאַטער־באַזוכער, וועלכער פאַרלאַנגט שונד און לאָזט אים ניט צו צו דער אמתער קונסט.

— אדרבא, זעט עפּעס איר, אידעאַליסטן, אַז איך זאָל אויף דער עלטער נאָך האָבן אַ מקום מנוחה און קענען שפּילן „אמת" טעאַטער, ווי מ'שפּילט אין אייראָפּע — האָט ער זיך געווענדט צום אידעאַליסט, רייבנדיג מיט וואַזאָלין דאָס באַטריבטע פּנים פאַרן שפּיגל.

גלעקעל האָט אים צוגעזאָגט צו שאַפן אַ „מקום מנוחה אויף דער עלטער, וואו ער וועט קענען שפּילן „אמת" טעאַטער", ווי דער סטאַר האָט זיך אויסגעדריקט, האָט אים נאָך אַמאָל דאַנקבאַר און באַגייסטערט געדריקט די

*) דער שטערן פון דער בינע.

האַנט, געמאַכט אַ ראַנדעוואו וועגן דעם נייעם פּלאַן און ביידע האָבן זיך געשיידט מיט דער גרעסטער פריינטלעכקייט און גאַלאַנטקייט.

און אַז דער אידעאַליסט איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך דער אידישער טראַגיקער געווענדט צום באַדינער:

— געפעלט דיר, אייב, דער ליץ?

— שוין איינמאָל אַ ליץ — האָט געענטפערט אייב דער דרעסער*), אַראָפּציענדיג פון סטאַר די שטיוול, אין וועלכע יענער איז דערשינען אויף דער בינע אין זיין ראָל.

יאָ, גלעקעלן האָט ער שוין געקענט.

פון חיים יענקלען איז שוין אָפּגערעדט. ווי אַ בייזן שילינג האָט ער אים געקענט. די מאָלפּע האָט ער געהאַסט ביז ציין־קריצעניש. פונדעסט־וועגן האָט ער אים תמיד באַגריסט נאָך פונוויטנס, מיט אַ זיסן און פריינט־לעכן „האַללאָ, דיער"!

— האַללאָ, קין — פלעגט אים ענטפערן חיים יענקל, אָבער מיט אַזאַ שפּאָטישן שמייכל אויף די ליפּן, אַז קין איז געווען מוכן אים צו געבן אַ טראַסק אין מאָרדע אריין; ער האָט עס אָבער ניט געטאָן און אָנשטאָט דעם איז זיין טאָן געוואָרן נאָך פריינטלעכער און זיסער, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם „פאַרשיוויעץ", ווי ער האָט אים גערופן פאַר זיינע משרתים...

דער פאַרשיוויעץ האָט אים אפילו תמיד געליבט און געבומט, ווייל אַזוי האָט באַפוילן זיין בעל הבית, דער רעדאַקטאָר, אָבער אין דעם ליב־געזאַנג איז געלעגן אַזאַ אומפאַרדעקטער, ביטערער שפּאָט, אַז די פויסטן פלעגן זיך ביים סטאַר צונויפלייגן, און עכטע רוסישע ברכות פלעגן פליען פון זיינע ליפּן. די רוסישע ברכות זיינען ביי אים געבליבן פון זיין אַמאָלי־גער רוסישער קולטור, מיט וועלכער ער פלעגט שטאָלצירן...

יאָ, פאַר חיים יענקלען האָט ער מורא געהאַט.

אויב אַקטיאָרן האָבן פאַר עמעצן אָפּשיי און רעספּעקט, איז דאָס נאָר פאַר קריטיקער, פאַר מענשן פון דער פרעסע.

איצט אָבער האָט אים ווייניג וואָס אינטערעסירט אי חיים יענקל, אי גלעקעל.

זיינע ערשטע בליקן האָט ער געוואָרפן אויף דער רוסישער דאַמע, פון וועלכער חיים יענקל האָט גערעדט מיט מער באַגייסטערונג, ווי פון דער רוסישער פּיעסע, וועלכע זי האָט געזאָלט פאַר אים לייענען.

און מאַרוסיאַ האָט אים שוין ביים ערשטן אויפטריט ניט אַנטוישט.

אָט שטייט זי פאַר אים. איר פּנים רויטלט זיך פאַר קעלט. אַזאַ הערצלעך־איינפאַכע און אַזאַ שיינע אין איר הערצלעכער איינפאַכקייט. אירע חן־גריבלעך טאַנצן און לאַכן. זי דריקט אים די ערשטע די האַנט, פריינטלעך, פראָסט און וואַרעם, ווי אַ גוטן אַלטן באַקאַנטן. און איר

*) דער גאַרדעראָבשטשיק.

„זדראַסטוואויטיע״! „זדראַסטוואויטיע״! קלינגט אין זיינע אויערן אַזוי מאָדנע. מונטער און פריש איז די שטים, ווי די פרישע לופט, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך אין שטוב אריין.

דער קלינגענדער וואָלגע־אַקצענט האָט אַ בלאָז געטאָן אויף אים מיט רוסלאַנד, מיט דער לופט פון דער אַלטער היים און מיט יוגנט. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט מיט גאַנצע 30 יאָר אינגער און נאָך אַזוי ליבעס־דורשטיג.

מען האָט אַביסל גערעדט און, ווי געוויינלעך, רוסיש, ווי גוטע אַלטע פריינד, וועלכע האָבן זיך באַגעגנט אין אַ סך יאָרן אַרום. דער גרויסער אַקטיאָר האָט עטלעכע מאָל אַ זיפץ געטאָן אויף רוסלאַנד, אויף דער רוסי־שער אינטעליגענץ, ליטעראַטור און אידעאַליזם, מיט וועלכער אַמעריקע האָט אים צעשיידט. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז מ׳דאַרף צוגיין צום ענין. אַלע האָבן זיך באַקוועם צעזעצט, די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. מאַרוסיאַ האָט אַרויפגעלייגט אויף איר שויס אַ מאַנוסקריפּט און האָט אָנ־געהויבן, קלינגענדיג, ווי אַ פרישער און לעבעדיגער וואַסער־קוואַל:

— „ראַספּיאַטיאַ דושי״ (געקרייציגטע נשמות), אַ טראַגעדיע אין פיר אַקטן.

זי האָט נאָך געוואָלט איבערלייענען דאָס וואָרט „ראַבינאָוויטש״, דעם נאָמען פון פּראָפעסער, איז זי אָבער רויט געוואָרן און האָט זיך פאַרכאַפּט...

צוערשט זיינען נאַטירלעך דורכגעגאַנגען פאַר אַלעמען די פּערזאָנען און אַ היפּש ביסל העלדן, ווי אין אַ ברעדלאָין*).

דער סטאַר האָט געשטעלט פראַגן וועגן קליידער, קנעפּ און שטיוול. ווער עס וועט גיין מיט שטיוול און שפּאָרן, און ווער אַז, ווער וועט טראָגן אַ מונדיר און ווער ציווילע קליידער.

אַז מאַרוסיאַ איז געקומען צו דער באַשרייבונג פון דער סטאַר־ראָלע, וועלכע ער האָט געשפּילט, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אויסגעשטאַרטשעט די ברוסט און שוין געפּרוווט אויסדריקן דעם כאַראַקטער אויף זיין פּנים.

אַז מ׳איז פאַרטיג געוואָרן מיט דעם פּערסאָנאַל, האָט מאַרוסיאַ איינ־געשפּאַנט איר זיסן אַלט מיט אַ פּאָר טענער העכער און איז אומגעשטערט אוועק און אוועק, ווי אַ רוסישע טראַיקע, וואָס טראָגט זיך אין אַ שליטן, כאַפּט זיך אַרום אויף אַ ברייטן און שניי־באַדעקטן וועג, לויפט שנעל און שפּריצט מיט שניי און פונקען אין אַלע זייטן...

חיים יענקל האָט שוין לאַנג געקענט דעם רוסישן באַגאַבאַרעץ אַלס דיכטער און בעלעטריסט. די רוסישע ליטעראַטור האָט ער ניט אויפגעהערט נאָכצופאָלגן, אַפילו לעבנדיג אין אויסלאַנד און ער האָט אים געלייענט, ווי נאָר באַגאַבאַרעץ האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין די בעסטע רוסישע זשורנאַלן, באַלד ווי זיין רום האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין.

*) אַ ברויט־ליניע; אַ ריי מענטשן, וואָס וואַרטן אויף אַן אומזיסט מאָלצייט.

ערשט ניט לאַנג האָט ער אויס נייגער אומישנע אין אַסטאָר־לייברערי אויסגעגראָבן אַלע זיינע שריפטן און האָט זיי פלייסיג און אויפמערקזאַם דורכגעלייענט נאָך אַמאָל און איז געבליבן שטאַרק אַנטוישט...

אַ רייכע און בונטע בלומענשפּראַך געפּוצט מיט אָריענטאַלישן געשמאַק. אונטער דער שפּראַך האָט צווייפּללאָז געשטעקט דער סעמיט מיט זיינע ביבליש־דעקאָראַטיווע פאָרמען און מעטאַפאָרן. איצט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז באָגאַבאָרעץ איז ניט קיין סלאַוו, נאָר אַ „ראַבינאָוויטש״, איז פאַר אים זיין טאַלאַנט געוואָרן קלאָר און באַגרייפלעך. דעם טאַלאַנט האָט געפעלט די אָריגינאַליטעט, די ראַסן־אינדיווידואַליטעט, וועלכע פילט זיך ביי יעדן גרויסן דיכטער... דער טאָן און קלאַנג איז געווען אַ פרעמ־דער, אַזוי ווי געליען און דערום אַ פאַלשער. דערפאַר האָט ער געקלונגען אַזוי זיס, כמעט חניפהדיג, ווי דאָס רעדן פון אַ גאַסט אין אַ פרעמד הויז...

וויסנדיג זיין לעבנס־טראַגעדיע, האָט דער קריטיקער שוין געקענט באַגרייפן דעם סטיל פון זיין שרייבן: באָגאַבאָרעץ איז געווען דער איד אין אַ גויש הויז, דער אַסימילירטער גייסט אין אַ פרעמדער ציוויליזאַציע: שיין, רייך, אַ ספּאָרטסמאַן און אַ דזשענטעלמאַן לפנים, אָבער ווי אָט דער ערשט ניט לאַנג געמאַכטער אידישער באַראָן — אָן נאַציאָנאַלער אינ־דיווידואַליטעט.

דערפאַר האָט ער איצט גענומען אויסהערן זיין דראַמע מיט אַ סקעפּ־טישן שמייכל און האָט איינגעגראָבן זיינע אויגן אינם סטאַרס פּנים, נייגע־ריג נאָכפאָלגנדיג דאָס, וואָס ער וועט זאָגן, ווי אַזוי דאָס פּנים וועט אָפּ־שפּיגלען און וועט זיך אָפּרופן, און האָט זיך געטראַכט: „וועט אים די פּיעסע געפעלן, וועט ער גענוצן און שפּילן דעם גלייכגילטיגן; וועט ער זיך באַגייסטערן און לויבן, איז אַ סימן, אַז ער קויפט זי ניט״.

אָ, ער האָט זיי שוין גוט געקענט, די אַקטיאָרן!

באַלד אָבער האָט ער אויפגעציטערט און האָט זיך איינגעהערט.

אַ גאַנץ נייער קלאַנג האָט דערגרייכט צו זיינע אויערן.

געטראָגן האָט זיך דער קלאַנג ווי פון אַ טיפעניש, אַזוי ווי אַ וואַסער־קוואַל וואָלט געקעמפט אין טיפער שוים פון דער ערד, האָט דאָרט זיך געשלאָגן און זיך געריסן צו דער זונענשיין.

באַלד זיינען אַלע געזעסן צוזאַמענגעדרייט און טיף געזונקען אין זייערע שטולן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי אין אַ שליטן, געטראָגן פון צעוויל־דעוועטע פערד...

אָט, אָט וועט זיך דער קלינגענדיגער קוואַל אַרויסרייסן און מ׳וועט דערזען אַ זינגענדיגן פאָנטאַן פון בריליאַנטענע און דימענטענע וואַסער־טראָפּן, שיינע און רייכע נשמה־אוצרות, אַ וועלט פון נייע רייכטימער.

ס׳ווערט אַזוי שפּאַנענד, אַזאַ שווידערנדיגע דערוואַרטונג נעמט אַרום.

פּלוצלינג אָבער ווערט צוריק שטיל...

דער וואַסער־קוואַל האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פעלז, ער איז ווידער פאַרצוימט און דערשטיקט!

חיים יענקל הערט זיך איין מיט פאַרגליווערט בלוט אין די אָדערן, ער כאַפּט אַ בליק אויף מאַרוסיאַן, אויפן סטאַר...

זיין פּנים איז אויסגעקרומט פון אַזאַ פיינלעכער און אומגעדולדיגער דערוואַרטונג, די מוסקולן זיינען אָנגעצויגן און געשפּאַנט, ווי סטרונעס פון אַ האַרפע!

און דער קוואַל ברויזט שוין ווידער, קעמפט און רייסט זיך דאָרט אין טיפן ערד־שויס. נאָך איין אָנשטרענגונג... איינס, צוויי, דריי, דער פעלז איז אָפּגעשליידערט און דער קוואַל האָט זיך ארויסגעריסן פון דער ערד...

און מחנות גייסטער, דערוואָרגענע וועלטן שפּרינגען פון דער ערד און צעלויפן זיך אין אַלע זייטן, לויפן מיט וויי־געשרייען און קלאָגן. זיי פאַרקלאָגן גאָט און מענטשן, די פאַרברעכערישע וועלט און די גנזעלשאַפט־לעכע אָרדנונג. ס'קלאָגט אָן ניט דער אַסימיליאַטאָר באַגאַבאַרעץ, נאָר דער איד ראַבינאָוויטש, מיטן פייערדיגן פּאַטאָס פון זיינע אורעלטערן, די נביאים.

און די טראַגיקע טראָגט זיך איבער וועלדער און פעלדער, אין מיטן פון אַ זאַוויערוכע טאַנצן געשפּענסטער. ווי אַ בייזער שטורם־ווינט קרעכצט, וואָיעט און קלאָגט אין דער פּיעסע דער וועלט שמערץ, די טראַגעדיע פון אַ איד און פון אַ גרויסן דיכטער...

אַן אַקט נאָך אַן אַקט.

ס'שווינדלט אין די אויגן, די הערצער קלאַפּן ווי אַ האַמער.

פּלוצלינג אַ געשריי, — חיים יענקל שפּרינגט אויף.

דער סטאַר האָט פאַרוואָרפן דעם שיינעם קאָפּ זיינעם אין שטול און ליגט פאַרחלשט... שיין און טעאַטראַליש, ווי אויף דער בינע. אין צימער איז שטיל.

נאָר דריי מענטשן אָטעמען שווער, אַזוי ווי מ'וואָלט זיי ערשט ארויס־געשלעפּט פון אַ טיפן גרוב...

באַלד איז דער סטאַר אויפגעשטאַנען און האָט אַ געבויגענער און אַ צעבראָכענער פון דער אויסגעהערטער טראַגעדיע פאַרלאָזט דאָס צימער מיט אַ היסטעריש געוויין. דעם סטאַרס היסטעריע האָט זיי אויפגעשווידערט און דערשיטערט. מאַרוסיאַ זיצט מיט אַ טיף־געזונקענעם קאָפּ, בלייך ווי דער טויט, אַן איבערגעשראָקענע, ווי אַ פאַרברעכערין...

ס'דויערט לאַנג, אַן אייביקייט פאַרלויפט אין אַן אומהיימלעכער שטיל־קייט, ביז דער סטאַר קומט צוריק אַ פאַרוויינטער, נעמט מאַרוסיאַן ביי ביידע הענט און קוקנדיג איר טיף אין פּנים אריין, פרעגט ער זי מיט אַ ציטערנדער שטימע:

— ווער איז דער מאַן, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס וואונדער־ווערק?

— מיין מאַן! — ענטפערט מאַרוסיאַ, אַ ציטערנדע, אַזוי ווי זי וואָלט אים ארויסגעגעבן אַ פאַרברעכן.

— איך מוז אים באַלד זען! וואו איז ער?

ער קוקט איר אַזוי אַ ווײַלע טיף אין פּנים אַרײַן, און באַוואונדערנדיק, אַזוי ווי דאָס פּנים וואָלט באַלאַנגט ניט צו איר, נאָר דעם דיכטער, וועלכן זי האָט געלײַענט, און פאַלט פּלוצלינג איר אויפן האַלז און קושט זי און האַלזט זי, ווי אַ וואַנזיניקער, און בײדע ווײנען שוין צוזאַמען אין אַ לאַנגער און פעסטער אומאַרמונג, אין אַן אומאַרמונג פון פרייד און ווילדער, גליק־לעכער באַגײַסטערונג און גלעקעל שפּרינגט ווי אַ ווילדער און מאַכט משוגענע העוויות מיט די הענט פאַר חיים יענקל פּנים.

און חיים יענקל איז שוין ניט חיים יענקל. אַ מעכטיקער שטראָם פון באַגײַסטערונג האָט פאַרפלייצט דאָס צימער און טראָגט זיי אַלע אין זײַן מעכטיקן לויף. ער פילט זיך באַנײַט, אַ פריש־געבוירענער מיט אַ יונגער נשמה מיט פריש בלוט אין די אָדערן. ער לויפט צו צום סטאָר און פאַלט אויף די קני פאַר אים.

— קין! גרויסער קינסטלער! זײַ מיר מוחל. איך האָב ביז הײַנט אײַך געהאַלטן נאָר פאַר אַ גרויסן פּורים־שפּילער, פאַר אַ גרויסן קונסט־פּעיקער. איצט קלאַפּ איך מיר על חטא. אַ מאַן, וואָס פאַרשטײט און באַגײַסטערט זיך אַזוי פאַר אַזאַ פּערל, מוז אַלײן זײַן אַ גרויסער קינסטלער מיט אַ גרויסער נשמה. חטאתי! — קלאַפּט זיך חיים יענקל אין וואַנזיניקער באַגײַסטערונג אין ברוסט. און דער גרויסער קינסטלער הייבט אים אויף פון דר'ערד, נעמט אים אַרום און צעקושט זיך מיט אים, און אין טיר שטײען שוין ווײַבער און מיידלעך, עפּעס אַ גאַנצער האַרעם. מען רעדט, מ'זשעס־טיקולירט, מ'ברענגט טיי, פּרוכטן.

אַ מישמאַש, אַ חלום פון באַגײַסטערונג...

* * *

שוין שפּעט אין דער נאַכט האָבן חיים יענקל און גלעקעל־עפּענדי געפירט דעם צענטראַל־פּאַרק מאַרויסאַן צום סאַבוועי*) אונטער די הענט. פײַערלעך און שטיל, ווי אונטערפירערס פירן אַ כלה צו דער חופּה...

פּלוצלינג האָט זיך די כלה אָפּגעשטעלט און האָט אויסגעשריגן:

— האַלט מיך צו... איך האָב פליגל, פליגל זײַנען בײַ מיר אויס־געוואַקסן און ווילן מיך אַוועקטראָגן! — און האָט זיך הויך און היסטעריש צעלאַכט איבערן פּאַרק, און גענומען טאַנצן און זיך דרייען ווי אַ ווינט פון פרייד אין אויף דאָס נײַ אויפגעפלאַקערטער באַגײַסטערונג, די קאַצאַפּקע שפּרינגט די אידן אויף די העלזער, פריער גלעקעלן און דערנאָך חיים יענק־לען, קושט זיי האַסטיק און הייס, שפּרינגט אָבער באַלד פון זיי ווײַט און וואַרפט ברייט און מעכטיק מיט די הענט, ווי אַ קאַזאַק, וואָס האָט זיך צע־הוליעט, און קלאַפּט זיך אין ברוסט און שרײַט איבערן פּאַרק: „ליובליו

*) אונטער־ערד באַן.

זשידאָוו !" (איך ליב די אידן !), מיין נשמה, מיין לעבן וועל איך אָוועקגעבן פאַרן זשידאָווסקי פאָלק !

און איר קוש האָט אַזוי ווי אויפגעוועקט חיים יענקלען, דעם אַלטן, בייזן און ציניש חיים יענקלען. ער כאַפּט זיך ביים קאָפּ, ווי אַ פאַרוואונדעטער און שרייט אין ציטערנדן עלעקטרישן ליכט :

— מיין גאָט ! — אוי, איז דאָס אַ פעיק ! איך וועל משוגע ווערן ! — און הייבט זיך אָן צו קרומען און דרייען ווי אין אַנפאַל פון ספּאַזמען.

— וואָס איז ? וואָס איז ? — פרעגט אים אָן איבערגעשראָקענע מאַרוסיאַ און כאַפּט אים ביי די קלאַפּן פון מאַנטל.

חיים יענקל וויל זיך באַפרייען און ער שרייט :

— לאָזט מיך ! לאָזט מיך ! איך מוז לויפן צוריק !

— וואוהין ? וואָס איז מיט אייך ? איר האָט עפּעס פאַרלוירן ?

— חיים יענקל שפּרינגט אונטער ווי אַ קאַץ און שרייט אויס אין איר פּנים אַריין :

— ער האָט דאָך אייך געקושט ! אייך האָט ער געקושט ! איר זענט אים געפעלן. אייער שיין פּנים ! אייער קערפּער, ניט די נשמה פון אייער מאַן, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזאַ וואונדער־ווערק ! עס איז אַ פעיק ! נאַר אַ פעיק ! כאַ, כאַ, כאַ !

און מאַרוסיאַ האַלט דעם לאַכנדיגן, מיאוסן טייוול פעסט ביי די קלאַפּן און קוקט אים אין פּנים אַריין, צוערשט ווילד, דערנאָך צאָרנדיג און מיט ווידערווילן האַלט זי אים אַ ווײַלע און שליידערט אים אָפּ פון זיך מיט אַ טיפן עקל.

— פוי, ווי עקלהאַפט איר זענט ! — און לאָזט זיך שנעל, ווי פון אַ פעסט, לויפן צום אויסגאַנג פון פּאַרק.

גלעקעל לויפט איר נאָך.

חיים יענקל שטייט נאָך לאַנג אָנגעשפּאַרט אָן לאַמטערן, דרייט זיך אין זיין עקלהאַפט געלעכטער, ווי אַ שיכור, וועלכער גיסט מיט ספּאַזמעס אַרויס פון זיך צוריק דעם אַלקאָהאָל...

חיים יענקלס פּחד

חיים יענקל איז די נאַכט ניט געשלאָפן.

מערקווירדיג, די „געקרייציגטע נשמות" האָבן אויפגערודערט דעם אויסגעלאָשענעם גייסט פון דעם צעטרעטענעם מענש, אָנגעצונדן צוריק זיין נשמה...

דער קריטישער מוח זיינער האָט די גאַנצע נאַכט אומדערמידלעך געאַרבעט. ווי אין אַ פיבערהאַפטן בראַנד האָט ער זיך די גאַנצע נאַכט געוואָרפן אויף זיין געלעגער און האָט ניט געקענט איינשלאָפן.

די העלדן פון דער פּיעסע זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן הין

און צוריק, געשמיסן און געפייניגט מיט די אייזערנע ריטער פון ברוטאַלן לעבן און פון זיינע גוואַלדטאַטן...

אײדעלע און זײדענע אידישע נשמות. אויסגעוועבטע פון אַ צאַרטער קינסטלער־האַנט, פון אַ איד מיט אַ גרויסער נשמה און מיט אַ פּנים פון אַ געקרייציגטן קריסטוס. געפייניגט, געקרייציגט זיינען געווען דערפאַר אויך די נשמות פון די העלדן, אויסגעשפּאַטע און אויסגעלאַכטע פון פיליסטער מיט פעטע מאַרדעס.

און העכער פון זייערע צלמים, אויף וועלכע זיי זיינען געקרייציגט, הייבט זיך דער צלם פון דיכטער אַליין מיט זיין אייגענער זעלן־טראַגעדיע. צווישן די שורות פון דער טראַגעדיע האָט חיים יענקל שוין אויסגעלייענט דאָס איבעריגע, וואָס ער האָט נאָך ניט געוואוסט: פאַרגליווערטער פּיין, פאַרפרוירענע זיפצן און קרעכצן האָבן זיך געהערט אין דעם ווערק, פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן דער ערשטער גרויסער אידישער דראַמאַטורג, אַ גיגאַנט, וועלכער האָט פאַרזוכט אויפצושרייבן די גרעסטע לעבנס־טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון מאָדערנעם אידישן אינטעליגענט צווישן קולטור־פעלקער.

ער לויפט צוערשט פון די ענגע געטאָ־מויערן, פון דער ענגער אידישער גאַס.

דערנאָך וואַלגערט ער זיך אַרום אין די נאַכט־אַזילן פון פרעמדע קול־טורן, אויף די הינטער־הייפלעך פון פרעמדע ציוויליזאַציעס.

ער גיט זיי אַוועק זיין מאַרך, זיין בלוט און קריגט דערפאַר שטיינער מיט שפּאָט.

היינע איז אין דער נאַכט אויסגעוואַקסן פאַר חיים יענקלס אויגן.

דער געטלעכער היינע אויף זיין טויטן־בעט מיטן פאַרגליווערטן וועלט־שמערץ אויף זיין פּנים.

זיין דענקמאָל וואַנדערט, ווי די סטאַטוע פון קאָמאַנדאָר אין „דאָן זשואַן".

אפילו קיין קאַלטן שטיין האָבן זיי, די קריסטן, אים ניט פאַרגינען...

און דער אויפגעקלערטער האָהענצאָלער האָט געהייסן אַרויסוואַרפן זיין דענקמאָל פון דעם שלאָס אויפן אינזל קאָרפו.

דאָס איז געווען דער ערשטער טאַט פון דעם קייזער, דעם מאָלער און מוזיקער, ווען ער האָט אָפּגעקויפט דעם שלאָס פון היינעס קריסטלעכער פאַרערערין, קייסערין עליזאַבעטאַ.

ווי אַ געפּגרטן הונט האָט מען געשלעפּט מיט שטריק היינעס דענקמאָל!

אַ געשפּאַנטע, נערוון־רייסנדע טעמע. ער האָט נאָר געדאַרפט דער־ציילן זיין אייגענע לעבנס־טראַגעדיע...

אַזאַ פּיעסע געשפּילט אין פּאַריז אָדער אין בערלין דורך גרויסע אַקטיאָרן, וואָלט געמאַכט אַ געוואַלטיגן רושם. ס'וואָלט געווען אַ געוואַלטיגע קלאַגע קעגן מענשן און גאָט, וואָס האָט אַלץ אַזוי שלעכט איינגעאָרדנט.

און אַז חיים יענקל האָט גענומען דורכקלויבן די בעסטע אידישע

אַקטיאָרן און צעטיילן די ראָלן פון דער פּיעסע, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. דער געדאַנק, אַז די פּיעסע וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון די זעלבסט־געקרוינטע סטאַרס, האָט דעם קונסט־קריטיקער און עסטעט אַריינגעוואָרפן אין אַ שווידער.

דער קערפּערלעך־באַליידיגטער און העסלעכער מענש איז אַזוי ווי אויף צו להכעיס געבוירן געוואָרן אַ גרויסער עסטעט מיט אַ זעלטענעם איידעלן געשמאַק און קונסט־זין.

דער אָרימער קערפּער איז געווען אַ שפּאָס איבער זיין רייכע נשמה. די ברויזנדע גאַס, דער לעבנס־יאַריד האָט זי באַדעקט מיט בלאָטע, מיט שמוציגע טראַנטעס פון ציניזם... ס'איז אָבער געווען נאָר אַן אויבערפלעכלעכער ציניזם, אַן אָנשטרענגונג, מ'זאָל פון דער נשמה ניט לאַכן...

מ'האָט אָבער באַדאַרפט אַ קראַץ טאָן, אָפּווישן דעם שטויב פון ציניזם און אונטער אים האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ דימענט. דאָס האָט פּאַסירט מיט אים איצט, ווען דאָס לעבן האָט אים פּלוצלינג צוזאַמענגעשטויסן מיט באַנאַבאַרעצן.

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט פריש און באַנייט, ווי אַן אויסגעטובלטער אין אַ פרישן קוואַל. אַליין אַ ראָמאַנטיקער, האָט ער טיף געבענקט נאָכן אומגעווייגלעכן און מיסטיש־טראַגישן, און ער האָט עס דערפילט אין דעם סומולעוואַטן אידישן דראַמאַטורג, אין די געהיימנישן, אין וועלכע ער איז געווען פאַרהילט, ווי אין אַ וואָלקן. דערפאַר איז אים דער מאַן מיטאַמאָל אַזוי טייער געוואָרן, שוין פון דער ערשטער באַגעגעניש דאָרט אין קופּער־יוניאָן.

— זיי וועלן אים קרייציגן, אים, מיט דער פּיעסע איינעם! — האָט זיך געשראָקן דער עסטעט אויפן הייסן געלעגער אין דער נאַכט, ווען ער איז געקומען אַהיים.

און אַז ער האָט זיך נאָך אַ קורצן און שווערן שלאָף אינדערפרי אויפגעכאַפּט, איז זיין ערשטער געדאַנק געווען אַנצואַווענדן אַלץ וואָס מעגלעך, אַז די פּיעסע זאָל איבערהויפּט ניט אויפגעפירט ווערן אויף דער אידישער בינע.

באַלד אָבער איז ביי אים דורך אַ טרויעריגער געדאַנק אַז קיין בינע אין דער וועלט וועט ניט אויפפירן די פּיעסע. די קריסטלעכע וועלט וועט זיך ניט דערלויבן אַזוי צו שפּייען אין פּנים אַריין, ווי דער משומד באַנאַבאַרעץ האָט עס געטאָן.

פונדעסטוועגן איז ביי אים געבליבן, אַז ער זאָל לויפן צו די באַנאַבאַרעצעס און זיך שטעלן הינטערן דיכטערס פּלייצע, ווי אַ טרייער שומר און שיצער.

שנעל און פיבערהאַפט האָט ער זיך געגומען אָנטאָן און איז אַוועק אַהין אָן טיי און פרישטיק.

* * *

אויפן טראָטואַר, פאַרן קאַטעדזש ביים ים, איז שוין אַרומגעגאַנגען דעם סטאַרס „פּודל״.

דאָס איז געווען ניט קיין הונט, נאָר אַ קורץ, גראָב מענטשל, מיט אַ פּנים פון אַ פּודל און מיט אַ צונעמעניש „ראַסלפליישׂ״, אַזוי האָט מען אים גערופן אין די טעאַטער־קרייזן. מיט דעם שטעקן זיינעם האָט ער געדרייט אין דער לופט, ווי אַ טרייער פּודל מיטן עק, ווען ער דערזעט דעם געליבטן בעל־הבית זיינעם.

דער סוביעקט אינדרויסן, פאַר באַנגאַבאַרעצס הויז, האָט באַדייט, אַז אָדער דער סטאַר איז שוין אין הויז, אָדער ער וועט דאָרט באַלד זיין...

דער פּודל האָט זיך פאַרהאַלטן צו מענטשן מיט דיזעלבע געפילן, ווי זיין בעל־הבית האָט זיך פאַרהאַלטן צו זיי...

די סיטואַציע האָט איצט פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל דעם קונסט־קריטיקער פריינטלעך באַגריסן און נאָך פונוויטנס. און דער סוביעקט האָט אויסגע־שריגן פריינטלעך:

— האַללאָ, חיים יענקל! דער גרויסער סטאַר וועט דאָ באַלד זיין.

— האַללאָ! דיער דאָג*) — האָט חיים יענקל אים באַגריסט — אַ דאַנק פאַר דער גרויסער בשורה.

— איך שעם זיך ניט צו זיין אַ הונט ביי אַזאַ גרויסן אַרטיסט — האָט געענטפערט דער פּודל. — און איר, מר. חיים יענקל, וועט זען, אַז די פּיעסע וועט מאַכן אַ היט**), אַז זי וועט לויפן 50 וואָכן, ביקאָז***) ס'האָט זי אָנ־געשריבן די ביגעסט ראַשען ראַיטער (דער גרעסטער רוסישער שרייבער) און איר וועט הנאה האָבן, ביקאָז מיר ווענלן שפּילן ריעל (עכט) טעאַטער און מיר ווילן זיי אַלעמען ווייזן, אַז מיר זיינען די ביגעסט עקטאָרס אָן די דזשואיש סטעידזש (די גרעסטע אַקטיאָרן אויף דער אידישער בינע) און זיי אַלע זיינען קאַליקעס און פּורים־שפּילער.

— דהאַטס ראַיט! (ריכטיג!) — האָט אים חיים יענקל דערמונטערט.

דער פּודל האָט שוין, הייסט עס, רעקלאַמירט די פּיעסע און דעם בעל־הבית. די פּראָפּאַגאַנציע פון דער קונסט האָט זיך שוין אָנגעהויבן, איידער די פּיעסע איז נאָך געקויפט געוואָרן.

חיים יענקל האָט זיך ביטער צעלאַכט.

— האָסט באַטש געקריגן אַ פּאָר שיך? — האָט אים דער קריטיקער געפרעגט, וועלכער האָט שוין גוט געקענט דעם מר. ראַסלפליישׂ, דעם סטאַרס משרת און פּרעסע־אַגענט, זיין לעבעדיגע רעקלאַמע.

— יעס, סער! עי פּעיר אָוו שוס ענד פּענטס. ביוטיפול פּענטס (יאָ! אַ פּאָר שיך און הויזן. שיינע הויזן) — האָט צופרידן דער פּודל אָנגעוויזן אויף זיינע הויזן.

*) טייערער כלב.
**) אַ רושם; אַן איבעראַשונג.
***) ווייל.

— נייע? — האָט אים איבערגעפרעגט דער קריטיקער און געלאַכט.

— די שיף האָט ער געטראָגן איין חודש. 12 דאָלאַר האָט ער באַצאָלט. און די פּענטס (הויזן) זיינען נאָך אויך אָלל־ראַיט (גוט) — האָט זיך באַרימט מר. ראַסלפליש, אויפהייבנדיג אַ פוס מיט אַ שוך, ווי אַ הונט די לאַפּע זיינע.

— איך גראַטוליר אייך מיט די נייע הויזן, מר. ראַסלפלייש — האָט אים חיים יענקל געדריקט די האַנט. — זעט, אַז איר זאָלט די פּיעסע גוט אַדווערטייזן (רעקלאַמירן).

— איר מעגט זיך שוין אויף מיר פאַרלאָזן, איך וויים מיינע ביזנעס — האָט אים באַרואיגט דעם סטאַרס פּרעסע־אַגענט און האָט גענומען נאָך שנעלער דרייען מיטן שטעקן אין דער לופט, ווי אַ געלאַשטשעטער הונט מיטן עק.

חיים יענקל איז אריין אין הויז שוין אַ לאַכנדיגער. דער פּודל האָט מיטאַמאָל אין אים אויסגעלאָשן די געפילן, מיט וועלכע ער איז געפאָרן אַהער, און די אַלע שיינע ווערטער, וואָס ער האָט אין דער שלאָפלאָזער נאַכט געשמידט פאַרן ערשטן גרויסן אידישן דראַמאַטורג.

גלעקעל האָט דאָרט געגעכטיגט, און דער קריטיקער האָט זיי געטראָפן אַלעמען אין עס־צימער, נאָכן פרישטיק.

באַגאַבאַרעץ האָט שוין אָבער געשפּאַנט נערוועז ווי געוויינלעך, און האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט ביים פענצטער, ווי ס׳ווייזט אוים, אויסקוקנדיג אויפן גרויסן קינסטלער. זיינע אויגן האָבן אויך געטראָגן שפּורן פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט. אַ נערוועזער ציטער איז פון צייט צו צייט געלאָפן איבער זיין גאַנצער סוטולעוואַטער פיגור. דער ציטער פון אומגעדולדיגער דערוואַרטונג . . .

— ס׳טוט מיר זייער באַנג, וואָס איך בין אַליין ניט געפאָרן און האָב ניט ביינעוואוינט אַזאַ מאָמענט — האָט ער זיך געווענדט אין אַ ווײַלע אַרום צו חיים יענקלען, צופּנדיג דאָס בערדל און קרומענדיג דאָס געזיכט. ווי אַ קינד, וואָס קלייבט זיך צו וויינען — דער מאַן מוז זיין אַ גרויסע און אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט. מאַרוסיאַ איז איינפאַך אַנטציקט פון אים.

— אַנטציקט? איך בין פאַרליבט אין אים — האָט געזאָגט מאַרוסיאַ מיט אַ שמייכל, טרינקענדיג איר קאַווע. — מען זעט אויף זיין פּנים, אַז ער איז אַ גרויסער אַקטיאָר.

חיים יענקלס גאַל האָט מיטאַמאָל אויפגעברויזט, האָט זיך צעגאָסן איבער זיין לייב, איבערן גאַנצן פּנים זיינעם און האָט זיך שוין געשווימט אויף זיינע ליפּן.

— זייט ניט קיין נאַראָנים ביידע און לאָזט זיך ניט נאַרן, איר הערט!

— האָט ער זיך צעשריגן אויף ביידע. — איר וועט זיך פאַרליבן אין אים שפּעטער, נאָכדעם, ווען איר וועט מאַכן דעם קאָנטראַקט און איר וועט האָבן מיט אים געשעפטן און דער קאָנטראַקט וועט געהאַלטן ווערן!

— וואָס מיינט איר? — האָט אים באַגאַבאַרעץ געפרעגט און האָט זיך אָנגעכמורעט.

— וואָס איך מיין? די גאַנצע געשיכטע נעכטן איז געווען אַ קאָמעדיע, אַ פעיק! און איר דאַרפט זיין פאַרזיכטיג. דהאָטס אָל! — האָט ער ווי געשפּיגן פון זיך מיט ביטערער גאַל. — און דעם קאָנטראַקט וועל איך מיט זיי שליסן, איר הערט? איך קאָן זיי שווין!

באַגאַבאַרעץ איז בלייך געוואָרן פון כעס און באַליידיגונג. דער קליי־נער טייוול איז איצט אים געווען אָפּשיילעך און עקלהאַפט.

— אָט אַ מענש! — האָט אויך עמפּערט אויסגערופן מאַרוסיאַ און האָט בייז אָוועקגעשטעלט איר גלאָז אויפן טיש און איז אַלס פּראָטעסט אַרויס פון עס־צימער.

— הערט נאָר — האָט זיך עמפּערט אָנגערופן באַגאַבאַרעץ. — ווי קאָן מען דאָס אַזוי קוקן אויף דער וועלט און מענשן? מ'קאָן דאָך ניט זען אין יעדן מענש אַ זשוליק און דער רוח ווייסט וואָס. איר זענט איינ־פאַך אומדערטרעגלעך, חיים יענקל! — דער שטרענגער טאָן האָט אים אַליין איבערגעשראָקן און ער האָט שוין געזאָגט מילדער: — דאָס רעקאָ־מענדירט אייך זייער... זייער שלעכט, מיין פריינד!

חיים יענקל האָט געזען, אַז ער האָט מיט זיי ניט וואָס צו טענהן, האָט ער אַ מאַך געטאָן פאַרצווייפלט מיט דער האַנט און האָט אַרויסגערופן גלעקעל־עפּענדין אין צווייטן צימער, האָט אים איבערגעגעבן זיינע דער־פאַרונגען און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים העלפן צו שיצן זייער פריינדס אינטערעסן.

— זיי וועלן אים קרייציגן. איר וועט זען — האָט ער גערעדט דערפון מיט אַזאַ אויפרעגונג, אַז גלעקעל האָט זיך אויך אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיין פריינד און האָט פאַרגעשלאָגן זיין הילף מיט באַגייסטערטער באַרייטוויליקייט און ביידע האָבן זיך גענומען אויסאַרבעטן צווישן זיך די תנאים פון קאָנטראַקט; וויפיל ראָיאַלטיס*) זאָלן געצאָלט ווערן און ווי גרויס זאָל זיין דער אַוואַנס.

און אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען אין לייברערי**) און האָבן וועגן דעם גערעדט, איז אַריינגעגאַנגען באַגאַבאַרעץ. ער האָט פריער פאַרזיכטיג פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, אַז מאַרוסיאַ זאָל אים ניט הערן און איז צוגעגאַנגען צו זיינע פריינד, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים פענצטער. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ פאַרלעגנעם, אומזיכערן, כמעט שטאַמלענדן טאָן און שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט זיי איינגערוימט אַ סוד:

— איך וואָלט געוואָלט, גאָספּאָדאַ, אַז איך קלאָר מאַכן מיין שטאַנד־פּונקט... איך מיין, די גאַנצע געשיכטע... מיט דער פּיעסע... איר דאַרפט וויסן, אַז קיין רום און קיין כבוד זוך איך דאָ ניט... איך האָב עס

---

*) פּראָצענטן.

**) ביבליאָטעק־צימער.

שוין געהאט און איך בין זאט. בעסער וואלט איך אים ניט געהאט... איר ווייסט, אז אפט פארדארבט רום דעם מאגן — האט ער באמערקט מיט א קראנקהאפטן, טרויעריגן שמייכל — קיין געלט זוך איך דא אודאי ניט. איך דארף עס ניט! מיין פאטער האט מיר געלאזט א פארמעגן, וואס וועט קלעקן אויף א באשיידן לעבן. ווייטער האב איך זיך געגעבן דאסווארט ניט צו לעבן פון דער פען. געלט פראסטיטואירט דעם שרייבער — האט ער ווידער געזאגט מיט דעמזעלבן שמייכל, אזוי ווי ער וואלט באשטעטיגט א זאך פון אייגענער דערפארונג — די איינציגע זאך איז פאלגנדעס — און ער האט זיך אפגעשטעלט, אזוי ווי ער וואלט זיך איבערגעלייגט, צי זאל ער זיי ארויסגעבן די איינציגע זאך אדער ניט. ס'קאן זיין, אז ער האט געזוכט דעם פאסנדן אויסדרוק דערפאר. — דער איינציגער מאטיוו איז דא א גאנץ אנדערער. איך וויל, אז דאס אידישע פאלק זאל זיך באקענען מיט מיין ווערק. ניט ווייל ס'איז אזא קונסט־ווערק. איך גלייב עס ניט, נאר ווייל ס'האט אן אויסשליסלעך סוביעקטיוון אינהאלט. איר פארשטייט? פיל איז דארט פערזענלעכע איבערלעבונגען, ס'איז כמעט אינגאנצן פערזענלעך — האט ער געגעבן אנצוהערן זיינע פריינד און האט ווייטער געשטאמלט — איך באטאן עס. איר פארשטייט דאך, וואס איך מיין... ווייטער מוז איך אייך זאגן, מיינע פריינד, אז איך וויל זיך אומקערן צוריק צום אידנטום. ניין, ניט דאס מיין איך — האט ער אויסגערופן מיט פארדרוס, איז מיטאמאל רויט געווארן און האט אומגעדולדיג אויפגעציטערט מיטן גאנצן לאנגן קערפער זיינעם. — אין הארץ האב איך זיך שוין לאנג אומגעקערט. באלד נאך דעם, ווי איך האב געטאן דעם פאטאלן שריט... אין הארץ בין איך אן איבערגעגעבענער איד מיט לייב און זעל. איר מעגט עס מיר גלייבן, גאספאדא! איך האב דאך קיין אינטערעס אייך צו נארן, אבער איך האב זיך פארמעל ניט אומגעקערט. כ'מיין, דורך א פארמעלן אקט, אפיציעל... איך מיין ניט רעליגיעז — האט ער זיך אומגעדולדיג און פיינלעך א קנייטש געטאן, ווי א מענש, וואס קאן ניט צוקלייבן קיין פאסנדע ווערטער פאר זיינע געדאנקען און געפילן — איך בין ניט אזוי אבערגלויביש! איר מעגט עס מיר גלייבן! די רייד זיינען דא פון א מאראלישן אקט. איר פארשטייט? — האט ער זיך געווענדט אומבאהאלפן און פיינלעך צו זיינע פריינד, ווי נאך הילף, ווי ער וואלט זיך שוין אינגאנצן פארפלאנטערט אין זיינע געפילן און געדאנקען — איך באטראכט די פיעסע אלס א מאראלישן אקט, אלס א מין ווידוי, איר פארשטייט? די פיעסע און אירע אויסטייטשער, כ'מיין, די אקטיארן, וועלן זיין פאר מיר, ווי מען זאגט, א מין יוחנן דער טויפער, וואס וועט מיך ווידער טויפן אינם ירדן פון אידנטום, ווי ער האט קריסטוסן געטויפט... איר פארשטייט, גאספאדא? — האט ער זיי געפרעגט נאכאמאל, שוין פליסטערנד, מיט א שמייכל און לייכטנדע אויגן פון א הייליגן. — איך וויל, אז דאס אידישע פאלק, ווייניגסטנס די אידן אין ניו־יארק... איר פארשטייט? זאלען זיי מיך באגרייפן, מיין חרטה

באַגרייפן. איר פאַרשטייט דאָך, גאַספּאַדאַ, וואָס איך מיין? — האָט ער זיך מיטן אויסדרוק פון אַ געקרייציקטן געבעטן ביי זיינע פריינד — און מיר... מיר... כ׳מיין מוחל זיין. אַ?

מער האָט ער שוין ניט געקענט אַרויסברייען. ער האָט זיך איבערגע־שראָקן פאַר די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. דער פּחד אַז מ׳וועט אים ניט פאַרשטיין און דאָס ניט קענען זיך מאַכן פאַרשטענדלעך האָבן אים שוין אינגאַנצן פאַרפּלאָנטערט.

דאָס זעלבע געקרייציקטע, אָבער דאָך נאָך שמייכלענדע פּנים פון אַ הייליגן האָט אָנגעהויבן קאָנוואולסיוו צו ציטערן, און אין די אויגן האָבן זיך געפּערלט גרויסע, צאַפּלענדע טרערן...

גלעקעל האָט שוין ניט געקענט מער קוקן אויף דעם שמייכלענדיגן און צוגלייך וויינענדיגן געזיכט, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע טראַגעדיע פון דעם מאַן און האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער, אַז ער זאָל זיך אַליין ניט צעוויינען.

דער קונסט־קריטיקער אָבער האָט ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון דעם פּנים, ווי פון אַ קונסט־ווערק...

פון דעם פּנים האָט שוין געשלאָגן דער הייליגער שימער פון אַן אַנדערער, ניט ערדישער וועלט...

די ווירקלעכקייט אָבער האָט אים באַלד געבראַכט צו זיך.

פון עס־צימער האָט זיך געטראָגן די געדיכטע שטימע פון סטאַר און פון זיין געשעפטס־פירער.

— הערט־זשע אוים! — האָט זיך געווענדט חיים יענקל צו באַגאַ־באָרעצן — איר וועט מיר דאָך גלייבן, ווען איך וועל אייך פאַרזיכערן, אַז אייערע מאָראַלישע אינטערעסן שטייען ביי מיר העכער און זיינען מיר טייערער, ווי זייערע אינטערעסן. און אין נאָמען פון די אינטערעסן מוזט איר נעמען געלט און וואָס מער, איז בעסער — דאַן וועלן זיי אייער פּיעסע אויפפירן. איך קאָן זיי דאָך אויסגעבונדן. ווייטער האָב איך דאָך אַליין ניט קיין פּערזענלעכן אינטערעס. בעט איך אייך, שטייט פונווייטנס און לאָזט די געשיכטע איבער פאַר מיר!

און ער איז מיט די ווערטער אַרויסגעגאַנגען צו די טויפער, וועלכע האָבן געזאָלט דעם פאַרבלאָנדזשעטן זון צוריקקערן צום אידנטום. און ווען חיים יענקל האָט דערזען פאַר זיך דעם גרויסן אַקטיאָר און אונטער זיינע פליִיצעס דעם גראָב־בייכיגן געשעפטס־פירער זיינעם, אַ זויערן און מיט אַ טיף־אַראָפּגעלאָזענעם פעטן קאַרק פון אַן אָקס, אַזוי ווי דער סטאַר וואָלט אים געפירט צו דער שחיטה, — איז ביי אים אין קאָפּ דורכגעלאָפן יוחנן דער טויפער, פון וועלכן באַגאַבאָרעץ האָט ערשט געטרוימט.

דער קאָנטראַסט צווישן יענעם טויפער און די צוויי אַפּאָסטאָלן פון דער אידישער טעאַטער־קונסט האָבן אים שוין געשטיקט און געוואָרגן. און

דער שפּאַטנדער מזיק אין אים האָט זיך שוין גענומען פאַר זיין געווינלעכער אַרבעט.

— האַללאָ, יוחנן דער טויפער! — איז אים פּלוצלינג אַריין אין קאָפּ זיי ביידע צו באַגריסן.

— ווער איז דער טויפער געווען? — האָט אים געפרעגט דער סטאַר.

— איר ווייסט ניט? דער וואָס האָט געטויפט קריסטוסן אין ירדן.

— וואָס־זשע האָט ער מיט אונז צו טאָן?

— וואָס הייסט? איר זענט די אַפּאָסטאָלן פון דער אידישער בינע — האָט זיך געוויצלט חיים יענקל.

די אַפּאָסטאָלן האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם וויץ און דער וויץ איז דורכגעפאַלן.

— וואו איז אונזער שיינע דאַמע? — האָט געפרעגט דער סטאַר.

— איך קום באַלד אַריין — האָט זיך אָנגערופן מאַרוסיאַ פון צווייטן צימער.

דער סטאַר מיטן געשעפטס־פאַרוואַלטער האָבן זיך צעזעצט און באַלד טאַקע איז מאַרוסיאַ אַריינגעגאַנגען אין דעמזעלבן מאָרגנקלייד, אָבער שוין פאַרקעמט.

זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיטן אַקטיאָר און נאָך מער מיט דעם גאַלאַנט־דערלאַנגטן בוקעט און האָט גענומען אים הערצלעך דאַנקען.

— דאָס איז פאַר דער פרוי פון דעם גרויסן דיכטער, וואָס האָט גע־קענט אָנשרייבן אַזאַ מייסטער־ווערק. איר מעגט מיר גלייבן, אַז איך בין די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן — האָט איר פאַרזיכערט דער סטאַר.

די פרוי פונם גרויסן דיכטער איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן, ווי דער קאָמפּלימענט וואָלט געווען צו איר אַדרעסירט און האָט פאַרשעמט צוגע־טוליעט די בלומען צום פּנים. און צווישן די צאַרטע ווייסע רויזן האָט די פאַרפאַרבטע הויט פון איר פּנים אַרויסגעקוקט נאָך צאַרטער און פרישער... און זי אַליין אין מאָרגן־קלייד און העלן זונענשיין האָט אויסגעזען, ווי אַ שלאַנקער רויזן־קוסט. די לויב, וואָס דער סטאַר האָט פרייגיביג געגעבן דעם גרויסן דיכטער, האָט זיין געשעפטס־פירער אויפגעשווידערט פון שרעק, אַזוי ווי דער סטאַר וואָלט געשפּרונגען פון בריק אין וואַסער אַריין. און אַז ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דער שיינער קאַצאַפּקע און האָט איבערגע־כאַפּט דעם סטאַרס פינקלדיגע און באַגערנדע בליקן, האָט ער נאָך טיפער און טרויעריגער אַראָפּגעלאָזט דעם אָקסענעם האַלז זיינעם...

חיים יענקל האָט פון אים ניט אַראָפּגעלאָזט זיינע גרויע, קעצישע אויגן און האָט זיך געפרייט.

— אַ שיינע דאַמע, אַ שלעכטע פּיעסע, — האָט ער איבערגעלייענט זיין געדאַנק אויף דעם זויערן פּנים. דעם מזיק איז אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק אים אַזוי אָפּצושמייסן, אַריינטרייבן די „געקרייציגטע נשמות" אין אַזאַ פּרייז, אַז דער געשעפטס־פירער זאָל דאָס לעבן־לאַנג ניט פאַרגעסן.

— איר ווייסט, מר. בריליאנט, — האט ער זיך געווענדט צום מענע־דזשער*) — מען גיט מיר פאר דער פיעסע 3,000 דאלאר, א חוץ ראיאל־טיס.**)

— ווער גיט אייך? — האט זיך אויפגעכאפט דער סטאר.

— ווער? אן אנדערער סטאר פון סעקאנד־עוועניו.

— קיינער, א חוץ מיר, קאן די פיעסע ניט שפילן! — האט אויס־געשריגן דער סטאר.

— דאס זאגט איר. אנדערע זאגן פונקט פארקערט! — האט אים געערגערט חיים יענקל.

— זאלן אנדערע געבן. איך פארגין זיי די מציאה. — האט זיך אנגערופן קאלטבלוטיג און זויער דער מענעדזשער, אויפהייבנדיג דעם קאפ מיט דעם פעטן אקסענעם קארק.

— די פיעסע האב איך דאך נעכטן געקויפט און זי איז מיינע — האט זיך אנגערופן דער אקטיאר — מיר האבן דאך געקאנטשעט? — האט ער זיך געווענדט אין רוסיש צו מארוסיאן.

— געוויס, — האט פאטאקעוועט מארוסיא.

— אין פרינציפ, אבער די באדינגונגען האבן מיר נאך גארניט באשטימט, — האט באמערקט חיים יענקל מיט א שטרענגן טאן.

— טא רעדט מיט זיי! איך גיב עס איבער צו אייך, — האט אים באפולמעכטיגט מארוסיא. דאס האט געמאכט א רושם.

דער מענעדזשער האט זיך אויפגעהויבן פון שטול און האט ארויס־גערופן חיים יענקלען אין א צווייט צימער.

— און אויף דעם פארפאסער פרעגט איר גארניט? ס'אינטערעסירט אייך גארניט זיך מיט אים צו באקענען? — האט חיים יענקל צוגעווארפן דעם סטאר מיט פארוואורף. דער סטאר האט זיך אויפגעכאפט, האט זיך אנגעהויבן צו אנטשולדיגן און האט געבעטן, מען זאל אריינפירן דעם פאר־פאסער.

דער פארפאסער איז שוין אבער געשטאנען אין דער טיר.

— זאגט נאר מיר, וואס איז דאס? א לעבנס־בילד, אדער ליטע־ראטור? איך מוז וויסן, וואס פאר א סחורה איך קויף איין — האט גע־פרעגט מר. בריליאנט דעם קונסט־קריטיקער אין צווייטן צימער, אטעמענדיג יענעם שווער אין פנים אריין.

אז חיים יענקל האט דערפילט אויף זיך דעם שווערן, הייסן אטעם פון דעם פעטן מאן, האט ער פארגעסן, אז פאר אים שטייט א געוויינלעכער פרידלעכער מענש, וועלכער האט אים פערזענלעך קיין שלעכטס ניט געטאן און צו וועלכן ער האט פערזענלעך גארניט געהאט. עס האט זיך אים אויס־געוויזן, אז עס אטעמט אים אין פנים אריין עפעס א ים־חזיר מיט אן אפן

*) געשעפטס־פירער.
**) פראצענטן.

מויל און דאָס מויל וועט אים באַלד איינשלינגען. אין אַ באַוועגונג פון זעלבסט־שוץ און עקל האָט ער געוואָלט אים אַריין מיט די נעגל אין פּנים אַריין און אים בייסן מיט די ציין, איבערהויפּט די נאָז זיינע, די קליינע פון ברייטן פליישיגן פּנים אַרויסשטעקנדע נאָז...

אומזיסט בייסן... אַזוי איז שוין געווען זיין נאַטור. ווייטער האָט דער עקס־דראַמאַטורג דערזען אין דעם ים־חזיר דעם סימבאָל פון דער אידישער קונסט, וועלכע האָט צעטרעטן זיינע שענסטע טרוימען און האָפנונגען, דעם ווערט פון זיין לעבן. דער שווערער סימבאָל האָט אויפגעוועקט אין דעם עקס־דראַמאַטורג, אין אַזוי זיך פרידלעכן און גאַנץ גוטמוטיגן מענש, עפּעס אַ בלוט־דורשטיגע חיה. דער געדאַנק אָבער, אַז ער וועט אים איצט אָנפּייפן און צווינגען צו באַצאָלן אַ גוטן פּרייז פאַר אמתע ליטעראַטור, האָט אים געגעבן די קראַפט זיך צו איבערוועלטיגן.

— וואָס פאַרשטייט איר אונטער אַ לעבנס־בילד? — האָט ער געפרעגט דעם מענעדזשער שוין מיט זיין געוויינלעכן שפּאַטישן שמייכל אויף די ליפּן.

— איר ווייסט ניט, וואָס איז אַ לעבנס־בילד? — אָט האָב איך נעכטן געקויפט אַ פּיעסע, דוקא פון אַ שניידער. איר וואָלט זי באַדאַרפט הערן. אַ חיות, זאָג איך אייך! — האָט אויסגעשריגן דער מענעדזשער און האָט אויסגעדריקט די חיות מיט אַ ברייטן שמייכל איבער זיין פעט און פאַרשוויצט פּנים. — איר האָט דאָרט אַ לאָיער*), אַ געזונטע מויד — און ער האָט אָנגעוויזן מיט ביידע הענט, ווי גרויס עס זיינען די ברוסטן פון דער געזונטער מויד — איר פאַרשטייט... היינט האָט איר דאָרט טשילדרען**)... טאַקע פון דערזעלבער מויד... איר פאַרשטייט?

— ממזרים? — האָט אים געפרעגט מיט אַ געמאַכטן ערנסט און אָבשוי דער קונסט־קריטיקער.

— נערווער מאַינד, משה האָט ליב ממזרים! — האָט אויסגעשריגן דער מענעדזשער מיט דעמזעלבן צופרידענעם שמייכל. — האָט איר טשילדרען אין אייער שאָו? אָן קינדער קויף איך ניט קיין שטיק, יו נאָו... ס'גייט אַ סעזאָן בלויז פון קינדער. משה גלייכט עס. ער וויל אַן אמת לעבנס־בילד... מען קאָן היינט ניט נאַרן דעם עולם מיט ליטעראַטור — האָט בריליאַנט עמפּערט צוזאַמענגעקניטשט דאָס ברייטע פעטע פּנים זיינס, ווי אַן ערלעכער ביזנעסמאַן, וואָס וויל דעליווערן די גודס***) און ניט נאַרן זיינע קונים.

— וועל, — האָט זיך כלומרשט פאַרטראַכט דער מזיק, וואָס האָט אַלץ חוזק געמאַכט — קיין קינדער האָט איר ניט אין שטיק, איר קענט זיי אָבער אַליין צומאַכן. דאָס איז פון די קליינע זאַכן.

*) אַן אַדוואָקאַט.
**) קינדער.
***) ליפערן די סחורה.

— איז דאָרט דאָ אַ פּלאַץ פאַר זיי? — האָט פאַראינטערעסירט גע־פרעגט דער קונסט־אַפּאַסטאַל.

— נעווער מאַינד, מיר וועלן זיי שוין צוטשעפּען אַ פּאָר קליינע קינ־דער. ווי אַלט ווילט איר זאָלן זיי זיין?...

— קיין גרויסע דאַרף מען ניט. דאָס בעסטע וועט זיין צווישן צען און צוועלף יאָר, און זיי געבן אַ פּאָר גוטע סאָנגס. (לידעלעך).

— אָלל־ראַיט, סער! איך וועל עס טאָן, איך וועל די פּיעסע אַליין איבערזעצן.

דעם מענעדזשערס פּנים האָט אָנגעהויבן צו לייכטן, ווי אַ ברייטע קיילעכדיגע לבנה אין סוף חודש.

— און ווי איז דער נאָמען פון שטיק?

חיים יענקל האָט אַ טראַכט געטאָן, האָט אָנגעבלאָזן זיינע געשטופּלטע באַקן און האָט אַרויסגעלאָזן פון זיך מיט מי, אַזש מיט אַ לייכטן פייף:

— „די געקרייציגטע נשמות".

די לבנה איז ווידער פאַרגאַנגען. מר. ברילליאַנטס פּנים איז ווידער געוואָרן פינצטער און זויער...

— איט איז עי פּיעס אָוו טשיעז (ס'א שטיק קעז)! — האָט אַ ברום געטאָן דער פעטער אָקס און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

חיים יענקל האָט אים אָפּגערופן.

— וואָס איז דער מער מיט אייך, מר. ברילליאַנט?

— איך קויף ניט קיין „שאָו" מיט אַזאַ נאָמען.

— וואָס איז די אורזאַך?

— איך זע שוין פון דעם נאָמען, אַז ס'טויג ניט. איך וויל ניט „אינוועסטן" קיין סענט אין נשמות... איך וויל פאַר מיין געלט ריכטיגע סחורה. מיט קיין נשמות וועל איך קיין ווידשעס (שכירות) ניט צאָלן... איר ווייסט מיינע הוצאות? 6 טויזנט דאָלאַר אַ וואָך!... נאַ דיר גאָר געקרייציגטע נשמות! — האָט שוין עמפּערט געקנייטשט זיינע פּלייצעס דער קונסט־אַפּאַסטאַל.

— פונדעסטוועגן גיט מיר דער מענעדזשער פון אַ טעאַטער דריי טויזנט דאָלאַר, אַ חוץ 5 דאָלאַר פון אַ פאַרשטעלונג.

— איך גלייב ניט. איך פאַרגין אים, זאָל ער עס קויפן. ער וועט ברעכן דעם קאָפּ... איך ווייס וואָס איך רעד — האָט אים פאַרזיכערט מר. ברילליאַנט שוין ביי דער טיר.

— קומט נאָר אַהער! — מיר קענען דאָך דעם נאָמען בייטן. וואָס איז דען אַ נאָמען?

— ס'טויג ניט. „עי פּיעס אָוו טשיעז" (אַ שטיקל קעז).

— פונדעסטוועגן איז אייער סטאַר באַגייסטערט. ער האָט אַזש גע־חלשט נעכטן.

דער מענעדזשער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ מיט דעם גראָבן אָקסע־

נעם קאָרק און האָט געעפנט אַ מויל פון אַ ים־חזיר גרייט איינצושלינגען דעם קליינעם קריטיקער מיט דעם סטאַר איניינעם.

— ער ווייסט, וואָס מיט אים טוט זיך? אויך מיר אַ מבין! אים איז די קאַצאַפּקע געפעלן.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין עס־צימער.

דאָרט האָט שוין דער לאַנגער סוטולעוואַטער באַגאַבאַרעץ געשפּאַנט הין און צוריק פון איין זייט טיש און משה גלעקעל איז אַרומגעלאָפן פון דער צווייטער זייט.

דער סטאַר האָט זיך געקלאָגט אויף דעם פאַלן פונם אידישן טעאַטער. האָט געטרוימט, אַז באַגאַבאַרעץ וועט זיין דער צווייטער יעקב גאָרדאָן און האָט אויסגעשפּרייט די הענט, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל, וואָס צע־נעמט די צעבראָכענע פליגל און גרייט זיך צו אַ נייעם הויכן און מעכטיגן פלי.

גלעקעל האָט אים געטרייסט, אַז ראַבינאָוויטש וועט זיין ניט דער צווייטער גאָרדאָן, נאָר דער ערשטער ראַבינאָוויטש און האָט פאַר אים שוין געבויט אַ קונסט־טעמפּל מיט דעם געלט פון די רייכע יאַהודים. זיין פריינד, מר. בוירד, וועט אים בלי ספק געבן 90 טויזנט דאָלאַר אויף אַן ערלעכע צייטונג און 100 טויזנט דאָלאַר אויף אַ נאַציאָנאַל־טעאַטער.

— מיט דער צייטונג און מיטן טעאַטער וועט זיך אָנהייבן אַ נייע עפּאָכע פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום — האָט פאַרזיכערט דער באַגייסטער־טער גלעקעל — די צייטונג וועט אַלץ רעפאָרמירן.

און באַגאַבאַרעץ האָט צום סוף אַ טרייסל געטאָן מיט די לאַנגע פלאַק־סענע האָר און האָט טרויעריג געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— יאָ, מען דאַרף אויפהייבן דאָס טעאַטער. אַ טעאַטער איז אַ גרויסער קולטור־פאַקטאָר אינם לעבן פון אַ פאָלק.

— נו, איר האָט שוין אָפּגעמאַכט? — האָט געפרעגט דער סטאַר ביים מענעדזשער, וועלכער איז אַריין.

דער מענעדזשער האָט צוערשט דורכגענומען מיט די אויגן דעם פאַר־פאַסער מיט די לאַנגע גלחישע האָר, אויסגעמאָסטן אים פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אַ לץ, דערנאָך די גאַנצע געזעלשאַפט.

דאָס אויסזען פון אויטאָר האָט אים, ווייזט אויס, נאָך מער איבער־ציינט, אַז „נשמות" זיינען „עי פיעס אָוו טשיעז (אַ שטיקל קעז).

און ער האָט געזאָגט פעסט און אַנטשלאָסן:

— ס'איז גאָרניט.

— פאַרוואָס? — האָט אים געפרעגט דער סטאַר.

— וואָס פרעגט איר מיך? דאָס ערשטע מאָל איז דאָס אייך? איר ווייסט דאָך שוין דעם סוף פון ליטעראַטור. דערנאָך איז ניטאָ מיט וואָס צו צאָלן די וויידזשעס (שכירות).

באַגאַבאַרעץ און גלעקעל האָבן אַנגעשטעלט מויל און אויערן.

מארוסיא האט ניט פארשטאנען קיין אידיש און אירע אויגן האבן געקוקט אויף דעם גראבן מאן מיטן אקסענעם קארק מיט נאך מער נייגע־ריקייט ווי זיי.

— נעווער מאינד, די פיעסע האב איך געקויפט! — האט געזאגט דער סטאר מיט מער אנטשלאסנקייט.

— קויפט זי אייך געזונטערהייט. גוד־באי! און מר. בריליאנט האט זיך געלאזט גיין מיט שווערע טריט צו דער טיר.

— הערט! —האט אים אפגערופן דער סטאר. — לאזט דא א טשעק אויף פינף הונדערט דאלאר. אט דא־א — און ער האט אים מיט א פינגער אנגעוויזן אויפן טיש, וואו ער זאל אוועקלייגן דעם טשעק.

דער מענעדזשער האט ווידער געעפנט דאס מויל, א ברייט בייז מויל פון א ים־חזיר, גרייט אלעמען איינצושלינגען, אבער ער האט ארונטערגע־לאזט באלד די אויגן אונטערן סטארס באפעלענדן און היפנאטיזירענדן בליק, האט זיך שנעל א רייב געטאן מיט דעם קולאק די באק, ווי א הונט, וועלכער טרייבט אוועק מיט דער לאפע בייסנדע פליגן פון פנים, איז צוגעגאנגען צום טיש, האט ארונטערגעלאזט דעם פעטן קארק, ווי צו דער שחיטה, האט אנגעשריבן א טשעק, האט אים א ווארף געטאן פון זיך און איז ארויס פון צימער אן א גוד־באי.

דער סטאר האט אים נאכגעשיקט צוערשט א פאר בייזע בליקן, פול מיט האס און דערנאך אן עכטע בפל־שמונהדיגע עקלהאפטע רוסישע ברכה און מארוסיא האט אויסגעשריגן ווי א פארוואונדעטע און איז אנטלאפן צו זיך אין צימער מיט א פארדעקט און פארשעמט פנים...

באגאבארעץ האט טיף אראפגעלאזט דעם קאפ און האט זיך נאך מער איינגעהויקערט און צוזאמענגעדרייט, ווי אונטער א געשווינגענער בייטש.

אין צימער האט לאנג געהערשט אן אומהיימלעך שווייגן.

— איר ווייסט, ווער דאס איז? דאס איז דאך אונזער סטאניסלאוו־סקי, אונזער ריינהארדט. כי, כי, כי. — האט זיך צעלאכט חיים יענקל מיט א בייזער פרייד און איז געפאלן אין שטול.

— א טעאטער דארף ער? ער וועט אייך אויך א פריילעך הייזל עפענען צוליב געלט — האט דער סטאר רעקאמענדירט זיין שותף, וועלכער האט געזאלט זיין באגאבארעצס טויפער.

חיים יענקל איז אויפגעשפרונגען פון ארט, ווי א ווילדע קאץ.

— און איר זענט בעסער? — האט ער געוואלט פרעגן דעם סטאר.

ער האט אבער באמערקט באגאבארעצס פיינלעכן אויסדרוק און האט אויף אים רחמנות געהאט. דער סטאר האט אבער פארשטאנען זיין באַ־וועגונג און האט צוגעווארפן דעם קריטיקער א פיינטלעכן בליק.

אז דער פודל אינדרויסן האט דערזען דעם דירעקטאר, איז ער צוגע־לאפן צו אים, דרייענדיג שנעל מיטן שטעקן אין דער לופט און האט אנגע־

הויבן צו אדוועטייזן די פּיעסע, שפּרינגענדיג אים אין פּנים אריין מיט דער שפּעליאַוועטער צונג:

— חיים יענקל זאָגט אַ „גרעיט שאָו״... 50 וואָכן וועט זי לויפן.

— גיי אין דר׳ערד אריין! — האָט זיך אויף אים צעשריגן מר. בריליאַנט און האָט אים אָפּגעשליידערט פון זיך מיט אַ טראַסק אין פּנים.

דאָס נייע לעבן

פונדעסטוועגן האָט זיך אַ ניי לעבן אָנגעהויבן צו וועבן אין קאַטעדזש ביים ים, ווי ארום אַ ניי־געבוירן קינד ביי עלטערן, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג געפירט אַן אומפּרוכטבאַר און פוסט פאַמיליען־לעבן.

דאָס קינד איז געווען די פּיעסע.

מיט דעם ליטעראַרישן דערפאָלג, מיט רום האָט זיך באַגאַבאַרעץ ווייניג וואָס אינטערעסירט.

ער האָט שוין געהאַט עטלעכע גרויסע דערפאָלגן הינטער זיך, און די פּיעסע איז ניט געווען זיין ערשטלינג. רום און כבוד זיינען פאַר דעם מאַן שוין געווען אינהאַלטסלאָזע, טויטע ווערטער.

געווען איז אים אָבער די פּיעסע דערפאַר טייערער פון זיינע ערשטע קינדער, ווייל זי האָט אָנגעקניפּט דעם אָפּגעריסענעם פאָדעם מיטן אידישן פאָלק. ער האָט זי געשריבן אויסשליסלעך פאַר אידן און מיט איר האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן דאָס נייע לעבן פארן דיכטער, שוין צווישן אידן און פאַר אידן.

חיים יענקל האָט עס דערפילט מער ווי אַלע, ווי גלעקעל, און באַזונדערס מער ווי מאַרוסיאַ.

דערפאַר טאַקע האָט ער גענומען איבערזעצן די „געקרייציגטע נשמות״ מיט אַזאַ פיבערהאַפטער באַגייסטערונג, מיט אַזאַ ליבע צו איר...

אַלס עסטעט און שפּראַכן קענער האָט ער געהאַסט די גלות־שפּראַך. ווי דאָס גאַנצע אידישע גלות־לעבן מיט זיין קראַנקער אומגעלומפּערטקייט און אַלע גראָטעסקן; ווי ער האָט געהאַסט זיין אייגענעם מיאוסן און באַליידיגטן קערפּער — זיך אַליין און זיין צעטרעטענע עקזיסטענץ.

דערפאַר האָט ער געשריבן און געטאָן זיין צייטונגס־אַרבעט נאַכלעסיג, במעט מיט עקל, אַן וועלכן ס׳איז עסטעטישן געגוס, ווי אַן אַרעסטאַנט, וואָס שלעפּט זיין טאַטשקע.

איצט אָבער האָט ער גענומען שמידן פאַר דער פּיעסע די שענסטע ווערטער, שלייפן די איידעלסטע פראַזן, שאַפן אַ שפּראַך, וועלכע זאָל ווערט זיין דאָס גרויסע קונסט־ווערק.

לאַנגע שטונדן, ביז אין דער טיפער נאַכט אריין, האָט ער פאַרבראַכט ביי דער אַרבעט אין באַגאַבאַרעצס קאַבינעט, הינטער דעם ריטם פונם דיכטערס לאַנגזאַמע טריט.

אָפט פלעגט זיך באַגאַבאַרעץ אָפּשטעלן און אים פרעגן:

— חיים יענקל! איך שטער אייך ניט?

— שפּאַנט! שפּאַנט! — פּלעגט אים חיים יענקל ענטפערן, ניט אויפהייבנדיג דעם קאָפּ פון פּאַפּיר — פּאַרקערט, עס איז מיר לייכטער, ווען איר שפּאַנט.

ווייל די לאַנגע מידע טריט זיינען געווען דער ריטם פון זיינע געדאַנקען, און חיים יענקל האָט זיי געהערט און האָט געפילט דעם וועג פון די טריט און פון די געדאַנקען, וואוהין זיי פירן אים און צו וואָס זיי וועלן אים ברענגען.

אומבאַמערקט און אומגעהאַפּט פאַר אים אַליין האָט ער אויך זיין לעבן פאַרקניפּט מיט דעם וועג און מיטן ציל, וואוהין דער וועג האָט געפירט.

ביים קונסט־קריטיקער איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ האָפענונג, אַ פעסטער גלויבן, אַז באַנגאַבאַרעץ איז די נייע שטאַרקע פּערזענלעכקייט, וועלכע, ער האָט געטרוימט, וועט ווען עס איז קומען צו דער איסט־סייד און צום אַמעריקאַנער אידנטום.

ער האָט געטרוימט פון אַ שטאַרקן און ערלעכן ווילן, וועלכער זאָל אַלץ אויפרודערן, אויפפרישן און נאָך וועלכן אַלע וועלן נאָכגיין.

ער האָט אַפילו מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו גלייבן אין גלעקעלס פּאַנ־טאַזיעס, אַז דער פאַנטאַזיאָר וועט טאַקע שאַפן אַ נייע צייטונג, אַ גייסטיגן מרכז, ארום וועלכן עס וועט זיך גרופּירן באַנגאַבאַרעץ און אַ סך אַזוינע צע־טרעטענע, וועלכע די רעדלפירער און איסט־סיידער פּאָליטיקער האָבן ניט צוגעלאָזט צו דער כהונה.

נאָך אַלעמען איז דער חיים יענקל, מיט דעם אויבערפלעכלעכן ציניזם זיינעם און סקעפּטיציזם, געווען נאָר אַ ראָמאַנטיקער פון קאָפּ ביז די פיס, מיט אַלע זיינע געפילן און שטימונגען. דערפאַר טאַקע האָט אים די ברויזנדע גאַס אַזוי שנעל צעטרעטן.

און ניט איין שפּעטע נאַכט־שטונדע האָבן זיי פאַרבראַכט אַלע דריי: ער, גלעקעל און באַנגאַבאַרעץ, אינם קאַבינעט און געטרוימט, וואָס און ווי אַזוי מ'דאַרף אויפטאָן אויף דער איסט־סייד און וועלכע רעדלפירער מ'דאַרף צוליב דעם אַראָפּטרייבן פון בענקל.

פלענער אַלערליי פלעגט נאַטירלעך אָנוואַרפן גלעקעל. אין דעם זין האָט קיינער אין דער וועלט מיט אים ניט געקענט קאָנקורירן. ווייטער האָט דאָס געלט ביי די רייכע יאַהודים נאָר ער גענומען, דאָס הייסט, געהאָפט צו נעמען.

חיים יענקל, אַלס אַמעריקאַנער, האָט נאָר געשפּילט דעם פּראַקטישן וועגווייזער.

און באַנגאַבאַרעץ פלעגט ניט אויפהערן אין דערזעלבער צייט צו שפּאַ־נען. נאָר אין וויכטיגע מאָמענטן פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, אַ טרייסל טאָן מיט זיינע לאַנגע, גלחישע האָר און פּאַטאַקעווען מיט זיין געדעמפּטן טענאָר:

„דאַ, נאַדאַ! נאַדאַ! (מען דאַרף! מען דאַרף!) אַדער „ניע מעשאַיעט" (ס'מאַכט ניט קאַליע).

מאַרוסיאַ אָבער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער טראַגיקע פּאַנטאַזיאָרן מיט אייפערזיכטיגע אויגן, ווי אויף קאָנספּיראַטאָרן.

זי האָט זיך פּלוצלינג ווידער דערפילט איינזאַם און פאַרלאָזן אין אַ פרעמדער, פיינטלעכער וועלט. זי האָט זיך ווידער דערפילט פאַרן אָפּגרונט און איז ווידער געוואָרן אומרואיג, געבענקט נאָך איר היים און נאָכן היימישן.

* * *

די גאַס אָבער האָט דערווייל שוין געטאָן איר וואולגאַרע און שרייענדיגע אַרבעט. דער ביליגער איסט־סיידער אַמעריקאַניזם האָט שוין געבומט און געפּויקט.

אין דעמזעלבן טאָג, ווען די פּיעסע איז געווען פאַרקויפט, איז דער סטאַר אַוועק אינם טעאַטער־קאַפע, איז געבליבן שטיין אין דער טיר אויסגעצויגן און האָט טעאַטראַליש אויסגעשריגן:

— זשידעס! יעקב גאָרדין איז לעבעדיג געוואָרן!

די „זשידעס", אַלע גרויסע און קליינע אַפּאַסטאָלן פון דער אידישער בינע, זיינען אויפגעשפּרונגען פון די טישלעך און האָבן אַרומגערינגלט דעם סטאַר.

און ער האָט זיי אָנגעהויבן דערציילן, וואָס פאַר אַ רוסישן שרייבער ער האָט אַנטדעקט און וואָס פאַר אַ ראָל ער גייט שפּילן.

— איך וועל שפּילן אַ ראָמאַנטישן העלד. איך וועל טראָגן לאַנגע שטיוול, מיט שפּאָרן, מיט אַ מונדיר, מיט גענעראַלסקע עפּאָלעטן און מיט געאָרגיעווסקי צלמים אויף דער ברוסט. איך וועל שפּילן אַ גענעראַל אַ משומד און וועל אַראָפּרייסן פון זיך די צלמים און זיי וואַרפן דעם צאַר אַליין אין פּנים אַריין און זיך שיסן אויפן אידישן בית עולם.

און דער סטאַר האָט דאָ אין קאַפע גערימן פון זיך די צלמים פון דער ברוסט און האָט זיי געוואָרפן זיין פּרעסע־אַגענט אין פּנים אַריין, וועלכער איז געווען דער צאַר.

— דערצו גיי איך אַרוים מיט אַ ליכט, אַט אַזוי, אין דער נאַכט — האָט ווייטער דערציילט דער סטאַר, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט מעלאָדראַמאַטישע עפעקטן.

— מיט אַ שטולקאַץ! — האָט אים קאָרעגירט מר. ראַסלפּלייש, דער פּודל.

— יאָ, מיט אַ שטולקאַץ. דריי טויזנט דאָלאַר האָב איך באַצאָלט פאַר דעם מייסטערווערק.

די סיטואַציע איז געווען אויסערגעוויינלעך. אַלע אַקטיאָרן האָבן אים מקנא געווען און האָבן שוין אָנגעהויבן זיך צו שושקען, אַז דעם גענעראַל וועט ער שוין ספּאָילן (קאַליע מאַכן), אַז אַ קלאַג איז עס צום גענעראַל, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין זיינע מעלאָדראַמאַטישע הענט...

חיים יענקל האט אויך בייגעוואוינט די סצענע און דער מזיק אין אים האט אים געדייצט און געשטופט ארויפצוקלעטערן אויף א טישל און אויס־שרייען, אז ראבינאוויטש איז באנאבארעץ, אז זיינע פיעסן שפילט מען שוין פון לאנג אין עטלעכע שפראכן, אז קאמיסארזשעווסקי און סטאניס־לאווסקי האבן אים אנטדעקט פארן אידישן אקטיאר, אז סוואווארין האט אים פארגעטערט, אז סקאביטשעווסקי באטראכט אים אלס א נייעם גרויסן אויפגייענדן שטערן אין דער רוסישער ליטעראטור און אז יעקב גארדין דארף בײַ אים די שטיוול פוצן. וואס פאר א סענסאציע דאס וואלט געווען אין דער קאפע און אין דער פרעסע! צען טויזנט דאלאר וואלט מען אים געגעבן פאר א פיעסע.

יא, מיט גרוים כי האט ער זיך אפגעהאלטן פון דעם געטלעכן שפאס און האט קאלטבלוטיג צוגעגעבן, אז ס׳קאן זיין, אז דער ראבינאוויטש זאל אמאל זיין א צווייטער יעקב גארדין.

און אז דער צווייטער יעקב גארדין איז דעם זעקסטן טאג אריינגעגאנ־גען מיטן סטאר אין דערזעלבער קאפע צו באקענען זיך מיט דעם טעאטער־וועלטל, האבן אים אלע ארומגערינגלט, אזוי ווי ער וואלט געווען א ווילדער אינדיאנער.

באנאבארעץ האט זיך דערפילט שרעקלעך אומהיימלעך פון דער אויפ־מערקזאמקייט און קוריאזיטעט. ווייטער האט אים אנגעכאפט די אנגסט פאר זיין אינקאגניטא, וועלכן ער האט געוואלט באהאלטן אויף תמיד. וויינינגסטנס די ערשטע צייט ביז נאך דער אויפפירונג, ביז דעם גרויסן מאראלישן און מיסטישן אקט, אויף וועלכן ער האט געקוקט, ווי אויף אן אקט פון טויפונג און ווידערגעבורט.

דער געדאנק, אז מ׳קאן זיך דערוויסן, ווער ער איז, האט אים ארייג־געווארפן אין א פאניק און האט מיטאמאל געעפנט אלע אלטע וואונדן. וועלכע האבן זיך שוין אנגעהויבן ביסלעכווייז צו פארציען אונטער דעם אטעם פון נייעם לעבן. ער האט פלוצלינג דערפילט שלעכט, ווי אויף צו חלשן, האט פארלאזט מיט אן אויסרייד דעם סטאר און דאס קאפע און איז שוין מער ניט געקומען.

דיזעלבע געפילן נאך אין א שטארקערן גראד האבן אים ארומגעכאפט אויפן צווייטן טאג, ווען ער האט איבערגעלייענט אין די אידישע צייטונגען, אז דער גרויסער אידישער טראגיקער האט פון גרוים באגייסטערונג פאר א נייע פיעסע, וואס ער האט געקויפט בײַ א נייעם, פון אים אנטדעקטן יונגן זשעני פון רוסלאנד, פארלוירן אין סאבוועי געלט מיט טשעקן, גאנצע פינף טויזנט דאלאר.

צוערשט האט ער זיך איבערגעשראקן פארן פארלוסט, וואס ער האט פאראורזאכט מיט זיין טאלאנט.

דאן האט אים איבערגעשראקן דער בום. אינסטינקטיוו האט ער מורא געהאט פארן שרייענדן אמעריקאניזם, ווי פארן טויט. ער האט אין אים

געוועקט דעמזעלבן ווידערווילן און פחד, ווי די טראַסקענדע עלעוועיטערס, פון וועלכע ער פלעגט תמיד אַוועקלויפן אין אַ זייטיגער סטריט.

מאַרוסיאַ האָט פאַרצווייפלט געבראָכן די הענט, ווען דער מאַן האָט איר דערציילט פונם אומגליק. ווען זי אַליין פאַרלירט פינף טויזנט דאָלאַר, וואָלט זי זיך זיכער אַזוי ניט געערגערט.

באַגאַבאַרעץ האָט באַלד טעלעפאָנירט צום סטאַר. דער סטאַר האָט אים באַשטעטיגט וועגן אומגליק. ער האָט אים אָבער פאַרזיכערט, אַז ס'אַרט אים ניט, אַז ס'איז אַלץ כדאי און די פּיעסע איז ביי אים ווערט מער ווי פינף טויזנט דאָלאַר און ס'איז אַ סימן, אַז ער וועט מאַכן מיט איר אַ סך געלט, און דער גרויסער דערפאָלג וועט שוין אַלץ באַצאָלן.

באַגאַבאַרעץ האָט זיך אָבער ניט באַרואיגט און האָט באַלד אַרויסגע־רופן צו זיך חיים יענקלען און האָט זיך גענומען מיט אים עצהן, צי ס'וואָלט ניט געווען אַ יושר, אַז ער פון זיין זייט זאָל ליידן אַ טייל פון דעם פאַרלוסט און אומקערן די פינף הונדערט דאָלאַר.

און אַז דער קריטיקער האָט אים מיטגעטיילט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אַמעריקאַנער בלאָף, אַן אַדווערטייזמענט, אַ פּובליסיטי קונץ־שטיק, און אַז דער סטאַר האָט אפילו ניט פאַרלוירן קיין נאָזטיכל פון פּאַקעט, האָבן ביידע, ער און מאַרוסיאַ, אים אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם.

דאָס טעאַטער וועלטל

אַז די פּיעסע איז געוואָרן איבערגעזעצט, האָט דער סטאַר באַשטימט, אַז מען זאָל זי פאַרלעזן פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע.

צו דער פאַרלעזונג זיינען נאַטירלעך געווען איינגעלאַדן אויך באַגאַ־באַרעץ און מאַרוסיאַ.

די אַקטיאָרן האָבן אים באַגעגנט מיט רעספּעקט און מיט אַזוינע קאָמפּלימענטן, וועלכע ס'האָט דעם דיכטער אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלטן שווידער. איינינגע האָבן באַלד געפונען די געלעגנהייט אים צו דערציילן, ווי יעקב גאָרדין האָט פון זיי געהאַלטן, וואָס פאַר אַ ראָלן ער האָט פאַר זיי געשאַפן, און אַז ער האָט פון סטאַר אַליין ווייניג וואָס געהאַלטן...

דער קאָמיקער האָט אים אָפּגערופן אין אַ זייט און האָט אים געראָטן אויס פריינטשאַפט אויפן אויער:

— זייט מיט אים פאָרזיכטיג, איר פאַרשטייט?

— איר מוזט אים נעמען אין די הענט אַריין, ווי יעקב גאָרדין האָט אים געהאַלטן, אַז ניט וועט ער אייך קאַליע מאַכן די פּיעסע. אַ, יעקב גאָרדין האָט אים שוין גוט געקענט!

פאַרוואָס ער זאָל זיין מיט אים פאָרזיכטיג האָט דער קאָמיקער ניט געהאַט קיין צייט אים צו דערקלערן, ווייל אַן אַנדערער אַקטיאָר האָט אים אָפּגערופן אין אַן אַנדערער זייט און האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל איבער־הויפּט זיין פאָרזיכטיג מיט אַקטיאָרן און מיט זיי זיין אַ קליינער גוטער־

ברודער, ווייל יעקב גארדין פלעגט זיי שלאגן מיט זיין גראבן רוסישן שטעקן.

און איידער דער גוטער־פריינד האט געענדיגט זיינע פרייליכע עצות, איז שוין צוגעגאנגען די הויפט־אקטריסע, אן עלטערע אידענע מיט אנגע־פארבטע באקן און ליפן, האט זיך אויך גענומען אים דערציילן, ווי אזוי דערזעלבער גארדין האט פון איר געהאלטן, און האט אים געבעטן, אז ער זאל שרייבן עקסטרע א פיעסע מיט עפעס א ראל פאר איר בענעפיס.

— און איך קאן! איר פארשטייט? איר זעט מיין פיגור? מיט מיין שפילן וועט איר ניט פארשעמט ווערן, — און אטעמענדיג אים שווער אין פנים אריין, האט זי פאר אן עדות, „אז זי קאן... און אז ער וועט מיט איר ניט פארשעמט ווערן" — אנגעוויזן אויף איר הויכער ברוסט און אויפן זעלבן אקטיאר, וואס האט אים דערציילט וועגן גארדינס גראבן שטעקן. און אז די לידינג־דאמע איז אפגעגאנגען פון אים, האט דערזעל־ביגער אקטיאר אים געזאגט און ווידער בסוד סודות, אז זי איז שוין אן אלטע קליאטשע. האט קרומע פיס און אז זי שרייט אויף דער בינע... ווי א בת היענע.

באגאבארעץ האט ניט גאנץ גוט פארשטאנען אידיש, פון העברעאיש שוין אפגערעדט, און האט געפרעגט דעם אקטיאר, „וואס הייסט עס?"

— איר פארשטייט ניט, וואס הייסט א בת היענע?

דא איז אבער דער סטאר געווארן אייפערזיכטיג, אלמאי, ער פאר־ברענגט און שושקעט זיך מיט די אקטיארן, האט אים בייז, כמעט מיט א געשריי, אפגערופן צו זיך און האט געהייסן חיים יענקלען לעזן די פיעסע.

— איר זאלט מיט זיי ניט מאכן קיין פאני בראט! איר מיינט, אז דאס זיינען רוסישע אקטיארן? אזוינע, ווי איר באגעגנט אין מאסקווע אדער אין פעטערבורג? — האט ער פארגעווארפן דעם פארפאסער.

— וואס פאר א נאיווער מענש ער איז, אייער מאן! — האט ער אויסגערופן צו מארוסיאן.

און באגאבארעץ קוקט אומבאהאלפן אויפן סטאר, אויף מארוסיאן און ארום זיך, פארקרומט נאך פיינלעכער זיין פנים, ווי א קליין באליידיגט קינד, וואס קלייבט זיך צו וויינען. ער קוקט מיט גרויסע, זוכנדע אויגן, ווי א מאן, וואס איז פארבלאנדזשעט געווארן אין א פרעמד וועלטל און קאן זיך ניט אריענטירן. מארוסיא זיצט אויך פונוויטנס, לא עליכמדיג און אומע־טיג און לאזט ניט אראפ די אויגן פון מענעדזשער, וועלכער שפאנט אין א זייט איבער דער בינע, מיט שווערע טריט, בייז, ווי א צערייצטער הונט, וואס קלייבט זיך עמעצן צו באפאלן און איז גרייט אריינצוגראבן די ציין אין א ליטקע. זי קוקט אויף אים און טראכט דערביי, וואו האט זי געזען דעם בייזן מענש? און פלוצלינג האט זי זיך דערמאנט אין זייער גרויסן באר־באס, וואס פלעגט ליגן און היטן דעם גובערנאטארס טריט. שיער האט זי זיך ניט צעלאכט, הויך איבערן גאנצן טעאטער און האט עס געוואלט דער־ציילן דעם מאן און חיים יענקלען. אויך דער גרויסער בארבאס זייערער

פלעגט אזוי רייבן מיט דער לאפע די מארדע זיינע, ווען פליגן פלעגן אים בייסן אין די זומער־היצן.

און דא האט חיים יענקל אנגעהויבן צו לעזן איר מאנס ווערק אין אידיש, אין א שפראך, וואס זי האט ניט פארשטאנען און פארבארגן געהאסט ניט ווייניגער פון טאטן אירן, דעם כוליגאן. זי פלעגט הערן די שפראך נאר פון שמוציגע און גערגלענדע מארק־ווייבער אין דער שטאט, וואו איר פאטער איז געווען גובערנאטאר. און באלד האט זיך איר אויסגעוויזן, אז חיים יענקל, דער העסלעכער און געשטופלטער „זשידאק", שטייט שוין איבער איר און טרובעט איר אויך אין די אויערן . . .

און באלד האבן זיך זיינע גארגל־טענער צוזאמענגעגאסן מיט דעם גער . . . גער . . . גער . . . פון די מארק־ווייבער. שוין ניט חיים יענקל, נאר א מחנה אידן מיט ווייבער שטייען און גערגלען איר אין די אויערן, און זי ציטערט און שוידערט, אזוי ווי אייזערנע קאמען וואלטן געגאנגען איבער איר לייב . . .

זי דערמאנט זיך אן סטאניסלאווסקין, אן קאמיסארזשעווסקאיא, אן נעמיראוויטש־דאנטשענקא, אן דער שיינער, עלעגאנטער און גייסטרייכער געזעלשאפט, וועלכע האט תמיד גערודערט אין זייער הויז. און ווידער קוקט זי, ווי עס שפאנט בייז דער מענעדזשער איבער דער בינע. ווי א שווערער אקס שלעפט ער זיך הין און צוריק. פון אים פירט זי איבער אירע פייכטע, מיט טרערן אנגעגאסענע אויגן אויפן שיינעם סטאר . . .

און ער איז שוין מער ניט שיין אין אירע אויגן — א זשיד, מיט א זשידאווסקער נאז. די אקטיארן זיצן מיט טויטע און פארגליווערטע פנימער. די פיעסע אפעלירט ניט צו זיי . . . און ס'ווערט איר אזוי שווער, ווי הענט וואלטן געכאפט איר האַרץ און געקלעמט עס . . . א שמערצלעכער הייממווי, א שמערצלעכע בענקשאפט נאגן זי און ברענען. און זי שטייט אויף און וויל אויסשרייען, אז זי איז ניט מאדאם ראבינאוויטש, אז זי איז מאדאם באגאבארעץ, געבוירן סעדיעלניקאווא, אז איר פאטער איז א קאמערהער און גובערנאטאר, אז איר פעטער איז א סענאטאר און איר עלטערער ברודער איז שוין קאמער־יונקער און האלט וואך ביים צאר. וואס ווילן זיי, די אידן, פון איר לעבן ? זאלן זיי זיך אפטשעפען פון איר ! און זי דערזעט, אז זי האט זיי גארניט ליב, אז איר לעבן האט זיך פארפלאנטערט און די אנטדעקונג שרעקט זי איבער . . . און פייניגט זי . . . און איבערהויפט וויל זי וויינען און זיך קלאגן, אזוי ווי די אידן וואלטן זי באליידיגט . . .

און כדי צו דערשטיקן אירע טרערן, פארלאזט זי די בינע און פארשווינדט אומבאמערקט אין טונקעלן טעאטער . . . חיים יענקל אבער באמערקט ניט וואס עס טוט זיך ארום אים. ער טראגט זיך אין זיין באגייסטערונג, ווי מארוסיא יענעם אוונט ביים סטאר אין הויז.

אט האט ער שוין דורכגעלייענט דעם ערשטן אקט, דעם צווייטן. ער ווערט אבער מיד און דערשעפט און שטעלט זיך אפ צו כאפן דעם אטעם.

און אזוי ווי ער הייבט אויף דעם קאפ, דערזעט ער, אז אלע ארטיסטן זיצן מיט פארפרוירענע טויטע פנימער, ווי מאנעקינעס. אנדערע געגעצן ברייט און ספאזמאטיש, ווי פארן שלאף... די פיעסע אפעלירט צו קיינעם ניט!

וואס איז דאס?

פארשטייען זיי ניט קיין עברי־טייטש? אדער זיי טוען עס אומישנע? דעם סטאר אויף צו להכעיס? דערפאר, וואס ער איז אזוי באגייסטערט געווען.

א, ער קאן זיי שוין, די אקטיארן! און ער פירט איבער זיינע איבער־געשראקענע אויגן אויפן סטאר. אויף זיין פנים איז טויט און אפגעשטארבן. זיין גרויסע באגייסטערונג.

און דער פארפאסער זיצט מיט א געבויגענעם קאפ, אזוי ווי ער וואלט שוין געהאנגען אויף א ניט־דערשניטענעם האלז. ווען חיים יענקלס פיעסן פלעגן דורכפאלן ביי די ארטיסטן, האט אים קיינמאל אזוי ניט וויי געטאן, ווי איצט. ער האט זיך קיינמאל ניט געפילט אזוי באליידיגט פארן אידישן טעאטער, ווי איצט...

און ער וויל אויפשפרינגען און זיך שעלטן און זידלען מיט דער גאנצער ביטערער און ברויזנדער גאל זיינער. די עקלהאפטע קללות, וועלכע ער פארמאגט נאך פון דער רוסישער שפראך, טאנצן שוין אויף זיינע ליפן און זיינען גרייט צו שפרינגען אין פנים אריין דעם גרעסטן אידישן טראגיקער, די אידישע אקטיארן, דעם אידישן טעאטער!

דער סטאר אבער הייבט זיך אויף פון זיין ארט, מאכט עטלעכע טריט און זאגט מיט א ברום!

— צו מאנאטאן! מען דארף שניידן.

די ווערטער זיינען ווי א סיגנאל פאר דער גאנצער טרופע, און זיי שפרינגען לעבעדיגע אויף פון זייערע ערטער און שרייען, ווי זיי וואלטן זיך אנגערעדט:

— שניידן! שניידן! מען מוז שניידן! צו איינטאניג! דאס פובליקום וועט זיך לאנגווייל!

און איינער פארן אנדערן נעמען זיי חנפענען דעם סטאר, אז ער פאר־שטייט און קאן אויפפירן א פיעסע, אז מ'קאן זיך אויף אים פארלאזן און אז ער זאגט שניידן, דארף מען שניידן און ס'איז אלל־ראיט. אממיינסטן חנפעט אים דערזעלבער קאמיקער, וואס האט געראטן באגאבארעצן צו זיין פארזיכטיג מיטן טראגיקער און אים נעמען אין די הענט אריין, אז ניט, וועט ער קאליע מאכן די פיעסע. ווי א ווארם קריכט ער איצט און חנפעט דעם סטאר.

— איך געדענקט די „אמתע קראפט"? ווען ניט איר, ווען ניט זיי מיט זייערע שלום־אקטן, וואס זיי האבן צוגעשריבן, וואלטן די פיעסן דורכ־געפאלן. — אלע גארדינס פיעסן וואלטן דורכגעפאלן, ווען מען שפילט אזוי,

ווי ער האָט זיי געשריבן — קאָכט זיך שוין דערזעלבער אַקטיאָר פאַר באַגאַ־באַרעצעס פּנים.

— איר מעגט זיך שוין פאַרלאָזן... זיי קענען אויפפירן אַ פּיעסע... אַזאַ מזל, אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, רבונו של עולם! דער זעליגער יעקב גאָרדין... — אָטעמט אים ווידער גלייך אין געזיכט די גראָבע, געפאַרבטע לידינג־לעידי, און שטופּט אים אין פּנים אַריין אירע פּעטע, אין בריליאַנ־טענע רינגען איינגעטונקענע פינגער.

און דערמוטיגט פון די אַלע קאָמפּלימענטן און די לויבגעזאַנגען גייט צו דער סטאַר צום טיש, טוט אָן לאַנגזאַם די גאָלדענע פּענסנע, נעמט אַרויס אַ גרויסן רויטן בלייַשטיפט, נעמט דעם מאַנוסקריפּט אין דער האַנט און נעמט זיך צו דער אַרבעט.

— אָט דאָ־אָ וועל איך אויסשניידן... וואו איז דאָס ערגעץ? — זאָגט דער סטאַר מיט זיין כאַראַקטעריסטישער שטימע און בלעטערט דעם מאַנוסקריפּט. — ווייטער מוז מען אַריינשטעלן עפּעס אַ סאָנג (אַ לידל), אַ אידישע זאַך, צום ביישפּיל, אַ קידוש... דער אידישער עולם האָט עס ליב, אַז ניט ווערט עס איינטאָניג, צו איינטאָניג. ווייטער!... וואָס פאַר אַ וואָרט איז דאָס „קאָשמאַר“? פע, איר מוזט עס אַרויסוואַרפן! איך קאָן ניט אַרויסגיין צום פּובליקום מיט אַזוינע ווערטער! און אויך דאָס וואָרט „געקרייציגט“! וואָס פאַר אַ וואָרט איז דאָס? — קנייטשט שוין דער סטאַר אומגעדולדיג זיין פּנים און הייבט אויף דעם בלייַשטיפט זיינעם איבערן דיכטערס ווערק.

— וואָגט ניט! איר הערט, איר זאָלט ניט וואָגן, איר פּורים־שפּילער! איגנאָראַנט! וואַסערטרעגער! — שרייט דער געשטופּלטער קריטיקער אויסער זיך, אַזוי ווי ניט אַ בלייַשטיפט, נאָר אַ האַק וואָלט מען געהויבן איבערן דיכטערס קאָפּ... און רייסט אויס דעם מאַנוסקריפּט פונם טראַ־גיקערס הענט.

— וואָס מיינט איר עפּעס, אַ? — שרייט אויף אים דער סטאַר. — איר זאָלט זיך מיר דאָ ניט מישן, איר הערט? די פּיעסע איז מיינע. איך האָב באַצאָלט פאַר איר געלט. — און בײדע קוקן זיך אָן מיט אַזאַ האַס, מיט אַזאַ לאַנג־אָנגעזאַמלטן ווידערווילן.

חיים יענקל שטייט, בלייך, ווי דער טויט, ציטערט און קלאַפּט מיט די ציין, ווי אין קדחת. עמיצער פון די אַקטיאָרן לאַכט פּלוצים אויף...

חיים יענקל דרייט זיך אויס, ווי ער וואָלט געקריגן מיט אַ בייטש פון עמעצן. הינטער זיינע פּלייצעס שטייט דערזעלבער קאָמיקער, מאַכט גרי־מאַסן צו דער גראָבער לידינג־לעידי, וואָס איז באַהאָנגען מיט צירונג, ווי אַ באַלעבאָסטע פון אַ הייזל און שפּילט שוין מיט קאָמישע גרימאַסן, זיך בלומרשט פאַרהינקענדיג „גע — גע — גע — טע נשמות“!

די קאָלעגן דרייען זיך אויס און לאַכן אין די פויסטן...

דאַ האָט שוין דער קריטיקער אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס עס טוט זיך מיט אים און וואו ער איז אין דער וועלט...

— אויף די קני! אויף די קני, איר פּורים־שפּילער! — שרייט דער קריטיקער שוין ניט מיט זיינער, נאָר מיט אַ ווילדפרעמדער שטימע.

דאַ האָט דער מענעדזשער פאַרלוירן די פּאָזע פון אַ גערייצטן הונט. ער איז צוגעלאָפן צום קריטיקער, האָט געעפנט אַ ברייט מויל פון אַ ים־חזיר און האָט זיך אויף אים צעשריגן, שפּרינגענדיג אים אין פּנים אַריין:

— וואָס מיינט איר עפּעס, זשוליקעס, קאַרמאַנטשיקעס! איר וועט קומען פון רוסלאַנד און וועט ביי אונז אויסנאַרן הונדערטער דאָלאַרן? איר וועט מיר ברענגען אַ רוסישן גלח מיט לאַנגע צעפּ, אַט דעם ליץ, און וועט מיך אָפּקאַרמאַנעווען? טו העל (צום טייוול) מיט אייער ליטעראַטור און מיט אייערע נשמות! איך וועל אַפילו דעם סטיידזש־קאַרפּענטער (בינע־סטאָליאַר) מיט זיי ניט אָפּצאָלן.

— שווייג, לומפּ, אָדער איך וועל דיר דעם קאָפּ צעפּלעטן — און דער קליינער חיים יענקל האָט אויפגעהויבן זיין שטול אַזוי לייכט ווי אַ פּעדער.

— ווייסטו, ווער דער מאַן איז?

— גייט אין דר׳ערד מיט אים אינאיינעם! אַט היים איך אייך ביידע אַרויסוואַרפן פונדאַנען! — האָט געשריגן און געשפּריצט מיט שפּייעכץ דאָס ים־חזיר.

און אַלע קינסטלער שפּרינגען שוין, זשעסטיקולירן און לאַכן. ווי געווײנלעך שטייען זיי שוין אויפן מענעדזשערס זייט.

— נאַ דיר גאָר „געקרייציגטע נשמות". אַ נאָמען... געפעלט אייך דער נאָמען? — טראַגט זיך פונם רעדל אַקטיאָרן.

— ווייסט ער דען, וואָס ער לייענט? ס״ה איז ער שוין עובר בטל — רופט זיך אָן דערזעלבער קאָמיקער צום מענעדזשער הינטער חיים יענקלס פּלייצעס.

דער קונסט־קריטיקער קאָן שוין קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן. ער איז שוין פאַרכלינעט און דערשטיקט פון גאַל און פון בלוט, וואָס האָט אָנגע־גאָסן זיין האַלז, זיין פּנים.

דער סטאַר אָבער איז געקומען צו זיך און איז געוואָרן דער בעל הבית פון דער סיטואַציע.

צוערשט האָט ער גענומען דעם מענעדזשער זיינעם ביי דער האַנט און האָט אים אָפּגעפירט אָן אַ זייט.

— איר מישט זיך דאָ ניט. ס׳איז ניט אייער ביזנעס! (געשעפט).

— איר ווילט דאָך אויך ווײדזשעס (שכירות), איר וועט זיך ניט לאָזן באַצאָלן מיט נשמות. אַזוינע פּעיקערס! — האָט זיך אַלץ געקאָכט דער מענעדזשער.

— רואיג! — האָט אים באַפוילן דער סטאַר.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום דיכטער, וועלכער האָט בייגעוואוינט

די גאַנצע עקלהאַפטע סצענע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן, ווי אויף אַן אָפּגעשני־טענעם האַלז הענגענדן קאָפּ.

— הערט. איך בעט אייך, אַז דער איד זאָל זיך דאָ ניט מישן! ער איז אַ מנוּבּל און איך האָב אים פיינד. איך גלייב, אַז איר זענט אַזוי פאַר־אינטערעסירט אין דעם דערפאָלג פון דער פיעסע, ווי איך. איר דאַרפט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פּובּליקום מיר האָבן. איר שרייבט שיין, קיין צווייפל ניט.

— אַזאַ מזל אויף מיר, וואָס פאַר אַ זיסע פּראָזע איר האָט. אַזאַ מזל אויף מיר! — האָט פּאַטאַקעוועט די פעטע לידינג־לעידי.

— איר זענט אָבער אַ גרינער און קענט ניט די בינע — האָט ווייטער דער סטאַר געפרעדט. — יאָ, מיין יונגער פריינד, עס פעלט אייך נאָך די בינע־טעכניק. די פיעסע איז איינטאָניג, מען מוז אַריינגעבן אַביסל לעבן אין איר, מוזיק, אַ קידוש... לאָז זיין אַ רוסיש לידל, עס מאַכט ניט אויס אַ קאַמאַרינסקי...

— און ווי איז געווען ביים זעליגן יעקב גאָרדין? — האָט זיך ווידער אַריינגעמישט די לידינג־לעידי, האַלטנדיג די האַנט, וואָס איז געווען איינ־געטונקען אין דימענטענע רינגען אויף דער הויכער ברוסט.

דאָ איז שוין באַגאַבאַרעץ געקומען צו זיך.

דער סוטולעוואַטער מאַן האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגלייכט פון באַליי־דיגונג און צאָרן; צאָרן, אויף וועלכן ער איז גאָרניט פעאיג געווען, און וועלכער האָט באַלד אים אַליין איבערגעשראָקן.

— ווייסט איר, מיין הער, מיט וועמען איר רעדט? — האָט ער אויס־געשריגן אַ ציטערנדער, אַ בלייכער, ווי דער טויט. — ווייסט איר, ווער איך בין? איך בין... באָג... באָג...

— אַ גאָט? אַ גאָט? — האָט אים איבערגעפרעגט דער סטאַר מיט אַן איראָניש שמייכל.

מער האָט דער אומגליקלעכער דיכטער ניט געקענט אויסרעדן. דאָס וואָרט „באַגאַבאַרעץ״, וואָס ער האָט געוואָלט אויסשרייען אין זיין צאָרן, האָט אים אַליין איבערגעשראָקן, ווי אַ געשפּענסט פון אַן אַנדערער, שוין טויטער וועלט.

באַגאַבאַרעץ איז פאַר אים געווען אַ טויטע געשטאַלט, אַ שאָטן פון פאַרגאַנגנהייט. זיין אָרט האָט איצט פאַרנומען אַ ראַבּינאָוויטש. און דער טויטער באַגאַבאַרעץ, זיין געשפּענסט, האָט דעם ראַבּינאָוויטש מיטאַמאָל פאַרמאַכט דאָס מויל. אַ דערשעפּטער האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט צוריק אויפן שטול.

דער קונסט־קריטיקער האָט געוויינט אין אַ ווינקל, ווי אַ קליין, באַ־ליידיגט קינד.

די שטורם-נאכט

דער סטאר האט זיך געבאפט און אנגעווענדט אלע זיינע כחות, צו פארגלעטן דעם טרויעריגן אינצידענט. ער האט דעם באליידיגטן פארפאסער אפגעפירט אהיים אין זיין אייגענעם אויטאמאביל און האט פאר אים און מארוסיאן געבראכט אלע מעגלעכע אנטשולדיגונגען.

דער חוש פאר העכערע מענשן און זאכן האט דעם וויינינג-געבילדעטן אקטיאר דאך ניט געפעלט. אייגנטלעך האט ער אליין זיך גארניט באדארפט אנטשולדיגן. ער האט אלץ ארויפגעווארפן אויפן מענעדזשערס קאפ.

ביי דער געלעגנהייט האט ער שוין דערציילט זיין ביטער הארץ, וואס ער האט אויסצושטיין פון דעם כאם און אפאסטאל פון דער אידישער קונסט: ווי אזוי ער שפאנט אים איין צו שפילן שונד און שמוץ און לאזט אים ניט קומען צו דער אמתער קונסט.

מארוסיא האט זיך געוואונדערט, ווי קאן אזא מענש האלטן א טעאטער. אין רוסלאנד וואלט ער געווען אן איזוואשטשיק, א קאבאטשניק... און ווידער האט זי זיך דערמאנט אן סטאניסלאווסקין און באגראוון און סואווארינען...

אינצווישן האט זיי שוין דער סטאר דערציילט, אז ער האט קיצור ימים פון אים פאר די 500 דאלאר און פאר די „געקרייציגטע נשמות", וועלכע ער וויל ניט אויפפירן: אז די אקטיארן, וועלכע האבן ניט אזעלכע גוטע ראלן, זיינען קעגן אים און — מיטן מענעדזשער, און אז זיי זיינען איבער־הויפט באהעלפער און פארשטייען ניט דעם פירוש המילות פון דער פיעסע.

פון זיינע רייד האט זיך שוין באגאבארעץ געקענט שאפן דאס טרויע־ריגנסטע בילד פון אידישן טעאטער, פון וועלכן ער האט אזוי פיל געטרוימט.

פונדעסטוועגן האט דער סטאר געטרייסט דעם אויטאר, אז ער זאל ניט האבן קיין יסורים. סיידן ער וועט ניט לעבן: דאס שטיק וועט ער אויפפירן. דעם גענעראל מיט די שפארן וועט ער שפילן. אויב דער מענעדזשער וועט עס ניט לאזן אויפפירן, וועט ער פון טעאטער באדיי אוועק־גיין, און ער וועט אים, דעם יונגן טאלאנטפולן פארפאסער, ארויסברענגען אויף דער בינע און אים מאכן א נאמען. זאל ער זיך נאר צולערנען א ביסל טעאטער-טעכניק, גיין אלע נאכט אין אידישן טעאטער און זיך לערנען שרייבן פארן אידישן פאלק.

— נעווען מאינד! איך וועל שוין פון אים מאכן א צווייטן יעקב גארדין — האט ער פארשפראכן דעם אויטארס שיינער פרוי.

באגאבארעץ האט אויסגעהערט זיינע טיראדן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. מארוסיא איז געווארן בלייך און האט ווידער געוואלט אויסשרייען, אז ער איז באגאבארעץ, דער געקרוינטער רוסישער דיכטער און דראמאטורג, און דארף שוין ניט זיין קיין צווייטער זשידאווסקער יעקב גארדין. אז זי האט אבער דערזען דעם מאנס געבויגענעם קאפ, וואס איז געלעגן צווישן

זיינע הענט, ווי אַן אָפּגעהאַקטער, און זיין פּנים פון אַ געקרייציגטן, האָט זי אויף אים רחמנות געהאַט און האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

באַגאַבאַרעץ האָט זיך געלאָזט איינרעדן, אַז ער דאַרף זיך נאָך צולערנען די מלאכה, די טעכניק, ווי דער סטאַר האָט עס גערופן, און האָט אָנגעהויבן פאָרן יעדע נאַכט אין אַן אַנדער אידיש טעאַטער.

געדויערט האָט עס אָבער ניט לאַנג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אים זיין לערער געבראַכט צו אַ פּיעסע, וואו אַ גרויסע סטאַריכע (אַקטריסע), מיט אַ הייזעריגער שטימע האָט געשפּילט די לידינג־ראָל פון אַ בחור, און איר קונסט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זי האָט זיך גענומען אויסטאָן אויף דער בינע, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן שלעפּן כנים פון קאָפּ און זיי שיקן דעם ווערטן פּובליקום. דאָס האָט פאַרלאַנגט די ראָל פון דעם בחור. און דאָס ווערטע אידישע פּובליקום, פון וועלכן באַגאַבאַרעץ האָט געטרוימט ווי פון דעם עם הבחירה, ווי פון אַ הייליקייט, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרשוועכט און פאַרלאָזט, און צו וועלכן ער האָט זיך איצט געקליבן אומצוקערן נאָך אַ מיסטישן אַקט, ווי טבילה און אַן על חטא מיט געבויגענע קני — אָט דאָס אידישע פאָלק האָט אויפגענומען די קונסט פון דער באַרימטער אַקטריסע מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, מיט אַזאַ פערדיש הירזשען, ווי ניט מענשן וואָלטן זיי געווען, נאָר אַ טאַבון פון פערד וואָלט זיך צעהוליעט און צעבריקעוועט אין אַ שטאַל.

אַז באַגאַבאַרעץ האָט דערזען אָט די שיינע קונסט און דאָס הירזשענדיגע אידישע פּובליקום, האָט ער זיך געכאַפּט ביים קאָפּ און איז אַנטלאָפן פון טעאַטער, ווי פון אַ פייער, לאָזנדיג אַליין דעם פּאַטראָן זיינעם, דעם סטאַר, אין דער לאָזשע. מער איז שוין באַגאַבאַרעץ אין אידישן טעאַטער ניט געגאַנגען.

און מיטן טעאַטער צוזאַמען האָט זיך אָנגעהויבן אין זיינע געדאַנקען ווייט צו פאַררוקן דער מיליאָן אידן פון ניו־יאָרק, פון וועלכן ער האָט געטרוימט אויפן „געאָרג וואַשינגטאָן“ אין דער בלויער לבנה־נאַכט, זיך אַראָפּלאָזן פאַר אים אויף די קני און בעטן מחילה פאַרן שמד.

*   *   *

פונדעסטוועגן איז דער סטאַר געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית אין קאָטעדזש ביים ים.

אַז באַגאַבאַרעץ האָט זיך אַנטזאָגט צו שטודירן אידישע בינע־טעכניק, האָט דער סטאַר זיך גענומען צו מאַרוסיאַן. ער האָט זי גענומען אַרויספירן כמעט יעדן אָוונט, ווען ער האָט נאָר ניט געשפּילט, אין אָפּערע, אין ענגלישן טעאַטער, אין באַלעט.

באַגאַבאַרעץ האָט זיך דערפרייט מיט זיין ליבנסווירדיקייט.

מאַרוסיאַ האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט פון אַ מאַן, וואָס רעדט אין איר מוטער־שפּראַך און צעזייט אַביסל איר בענקעניש, איר נאָגנדן היים־ווייי. ביי מאַרוסיאַן איז ער געוואָרן דער

„מילי טשעלאָוועק" (דער ליבער מענש) און דאָס איז ניט געווען איבער־געטריבן.

ער איז אינדערהמתן געווען פאַר איר אַ ליבער מענש, וואָס האָט קאַפּירט יעדן מיט אַזאַ געטלעכן קאָמיזם און האָט געהאַט הינטער זיך אַן אינהאַלטסרייכע לעבנס־געשיכטע, מיט ווייבער און ליובאָווניצעס אָן אַ שיעור, ווי אַ סולטאַן: אַ געשיכטע, וועלכע האָט זיך געלעזן, ווי אַ בוך פון פּיקאַנטע אַנעקדאָטן, וואָס מען האָט זיך געקענט פון זיי קאַטשען אויף דער ערד פון געלעכטער. ס'איז קיין וואונדער, וואָס דער גרויסער טראַגיקער איז באַלד דאָרט געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית און זיין אויטאָמאָביל פלעגט אָפּשטיין שטונדנווייז פאַרן שיינעם קאָטעדזש ביים ים...

די ווייבער אַרום און אַרום האָבן שוין געקענט דעם אויטאָמאָביל און דעם באַלעבאָס פון אויטאָמאָביל, דעם באַרימטן אידישן אַקטיאָר, און פלעגן אים שוין באַגעגנען פון זייערע פענצטער מיט דעם צווייזייטיגן שמייכל, מיט וועלכן פרויען באַגעגנען תמיד דעם הויז־פריינד פון אַ שיינער דאַמע...

ער האָט צוויפללאָז געמיינט ערנסט מיטן טאַלאַנטפולן פּאַרפאַסער אויך.

ער איז געווען דער איינציגער אידישער אַקטיאָר, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן ערנסט צו זיין קונסט: ערנסטער ווייניגסטנס פון די איבעריגע און האָט ערנסט געשטרעבט צו מאַכן פון דעם סוטולעוואַטן, נאַיוון מאַן פון דער שיינער פרוי, אַ צווייטן יעקב גאָרדין.

די טראַגישע פאַרהעלטעניש צווישן דעם מאַן און ווייב האָט דער טראַ־גיקער ניט דערפילט.

דאָס, וואָס האָט זיך אים ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט געוואָרפן אין די אויגן און איז אים קשה געווען, האָט אים באַלד פאַרענטפערט דער־זעלבער חיים יענקל, וועלכן ער האָט אונטער די אויגן תמיד גערופן „דער פאַרשיווייעץ". דער קונסט־קריטיקער האָט אים געזאָגט, אַז ראַבינאָוויטש איז אַ באַרימטער אינזשיניער, אַז זי איז אַ פּראַוואָסלאַווגע, און אַזוי ווי זיי האָבן אין רוסלאַנד ניט געקענט חתונה האָבן, זיינען זיי געקומען קיין אַמעריקע און האָבן דאָ אַרויסגענומען אין סיטי־האָל מערידזש לייסענס (חתונה־מעטריקע).

די געשיכטע האָט זיך געלייגט אויפן שכל און האָט אים שוין מער ניט געקימערט.

באַלד האָט ער אָנגעהויבן רופן מאַרוסיאַן „מילאַיאַ דאָטשקאַ" (ליבע טאָכטער). די ליבע טאָכטער האָט אים גערופן „מילי פּאַפּאַשאַ". און דער מילי פּאַפּאַשאַ האָט אָנגעהויבן דאָרט אָפט בלייבן אויף אַ סאַפּער און כאַפּן אַ דרימל נאָך אַ גוטן מאָלצייט.

אין אַ טעאַטער־קאַפע און אין טעאַטער־קרייזן האָט מען שוין דערפון געוואוסט, און רכילות מיט רמזים, צווייזייטיגע און שמוציגע, זיינען שוין געקראָכן און געשווירבלט אַרום דעם מייסטער־ווערק „געקרייציגטע נשמות"

ווי עקלהאַפטע שרצים. אַקטיאָרן און סטאַרס האָבן אָפּגעשטעלט דעם קונסט־קריטיקער און אים פאַרגעוואָרפן, וואָרים ער האָט זיי ניט נאַראַיעט אַזאַ מייסטערווערק מיט אַזאַ שיינער קאַצאַפּקע...

חיים יענקל פלעגט ווערן גרין פון כעס און באַליידיגונג. טרערן פלעגן זיך אים שטעלן אין זיינע אויגן און איין סטאַר האָט ער אין טעאַטער־קאַפּע אַנגעשפּיגן מיט וואָוט גלייך אין פנים אריין בפני כל עם ועדה...

אַזוי האָט עס געדויערט ביז דער שטורם־נאַכט.

* * *

דער ווינטער־טאָג איז געווען אַזאַ וואַרימער, די זון האָט אַזוי מילד געשיינט און זיך געלאַשטשעט צו דער ערד און מענשן, ווי אין פרילינג, ווי אַ מוטער לאַשטשעט איר קינד און טוליעט זיך צו אים, ווען זי קומט צו אים צוריק, אַזוי האָט דאָס זונען־ליכט זיך געטוליעט צו די נאַקעטעביימער אין פּאַרק. פון דער ערד האָט זיך געצויגן אַ דינע בלויע פּאַרע, ווי אַ וואַרימער לייכטער אָטעם פון אַן אויפגעלעבטער ברוסט. אין דער העלער לופט האָט זיך געטראָגן אַ שטילער, פלאַטערנדער און וואַקסנדער גערויש, אַזאַ זים לאַסקענדער גערויש, ווי פרילינגס־פייגל וואָלטן שוין ערגעץ גע־פלאַטערט מיט זייערע פליגל. מערקווירדיגע, דערשטיקטע טענער האָבן ערגעץ־וואו שטיל געזיפצט, ווי טויבן און זיך געטראָגן אין דער בלויער ציטערנדער לופט. ס'איז געווען אַ מין שטילער, פאַרזיכטיגער קלאַנג, אַ הימן פון דערוועקטע האָפנונגען. ערגעץ־וואו טיף אין ערד־שוים האָט זיך שוין געוועבט און שטיל גערירט אַ נייַ לעבן. און די הייזער ביים ים זיינען געשטאַנען אין זונען־שיין אַזוי יום־טובדיג, פאַרחלומט און רואיג פאַרקלערט, אַזוי ווי זיי וואָלטן שטיל מיט אַ שמייכל זיך צוגעהערט צו דעם אומבאַ־שטימטן, פלאַטערנדן קלאַנג, אים אויפגעכאַפּט, שפּיאָנירט און נאָכגעקלערט, פונוואַנען ער קומט: פון דער לופט, אָדער פון די ערד־טיפעניש.

רואיג און פאַרקלערט איז אויך געלעגן דער ים און זיינע וואַסערן האָבן זיך געוואָרעמט אין די זונען־שטראַלן און זייער זילבערנער גלאַנץ האָט גע־לויכטן, ווי אַ גוטער שמייכל.

באַגאַבאַרעץ מיט מאַרוסיאַן זיינען אין דעם שיינעם ווינטער־טאָג ווידער אַרויסגעגאַנגען אויף זייער שפּאַציר. זייער אַלטער שטומער פריינד, דער פּאָליסמאַן האָט זיי באַגריסט נאָך פונווייטנס מיט אַ ברייטן, הערצלעכן שמייכל, און פון דעם שמייכל און פון דעם זונען־שיין און פון דער יום־טובדיגער רו אַרום איז ביים דיכטער אַזוי וואַרעם און ליכטיג געוואָרן אין דער נשמה, אַז ער האָט געוואָלט צוגיין צו דעם הויכן און ברייטן אייריש־מאַן, אים אַרומנעמען און זיך מיט אים צעקושן, ווען ער שעמט זיך נאָר ניט!

לאַנג האָט דאָס פּאָרל שפּאַצירט איבערן פייכטן זאַמד, דעם שטומען עדות פון גרויסע און גרויזאַמע ווינטער־שטורמס, וועלכע האָבן זיך אָפּגע־

שפיגלט דאָ אויף זיין געלעגער. און די שטורמס זיינען איצט געווען פאַריבער.

אַלץ אַרום, דעם ים און די ערד, זיינען געלעגן רואיג, אָבער אין אַ נאָגנדער און שטיל־צאַפּלענדער האָפנונג, וועלכע איז נאָך פאַרגיפטעט מיטן גיפט פון ספק און אומזיכערהייט. אַלץ האָט שוין געוואַרט אויפן פרילינג, אויף אַ נייער צוקונפט און די צוקונפט האָט זיך שוין געלויכטן און געאָטעמט פון דעם ווייטן און בלויען האָריזאָנט, וועלכער האָט זיך דאָרט ווייט געטר־ליעט און צוזאַמענגעגאָסן מיטן רואיגן ים. און די איבערלעבטע פאַרגאַנג־הייט מיט איר צער און ווייטאָג האָט זיך געשמאָלצן און איז צעגאַנגען געוואָרן אין זונען־ליכט, ווי שניי צעגייט אין פרילינג. און דער בלויער האָריזאָנט מיט די דערשטיקטע, ערגעץ־וואו שטיל צאַפּלענדע, נייע טענער אין דער לופט האָבן געוועקט אויך ביים דיכטער נייע האָפנונגען, נייעם גלויבן...

צום אָונט־ברויט האָבן זיי געהאַט געסט — דעם סטאַר און חיים יענקלען... דער סטאַר איז געקומען נעמען מאַרוסיאַן צו אַ קאָנצערט. מען האָט פאַרבראַכט געמיטלעך און פריילעך. דער אַקטיאָר האָט דערציילט אַנעקדאָטישע פּאַסירונגען פון זיין פריילעך לעבן, מען האָט געלאַכט, ווי זאָרגלאָזע קינדער לאַכן.

נאָכן אָונט־ברויט אָבער האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורם אויפן ים... שוואַרצע געדיכטע וואָלקנס האָבן ווי פיינטלעכע אַרמייען שנעל באַדעקט און פאַרכאַפּט דעם בלויען אויסגעשטערנטן הימל. דער געשטיקטער קלאַנג, וועלכער האָט זיך דעם גאַנצן טאָג געטראָגן ערגעץ אין דער ווייטנס, האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן און וואַקסן. וואַקסן און דראָען, ווי אַ דער־שטיקטער פאָלקס־ווילן און באַגער. און באַלד האָט אַ דונער צעשפּאָלטן די לופט. נאָך אים אַ צווייטער און אַ דריטער, איינער מעכטיגער פון אַנדערן. און אַ וואַרעמער שלאַגס־רעגן האָט אָנגעהויבן אין מיטן ווינטער צו גיסן ווי אַ מבול, שמייסן די אויפגעאָטעמטע ערד און די נאַקעטע ביימער אין פּאַרק, שמייסן פאַר זייערע פריצייטיגע האָפנונגען און באַגער...

אַן קאָנצערט האָט מען שוין פאַרגעסן. דער סטאַר און דער קונסט־קריטיקער זיינען געבליבן נעכטיגן אין קאַטעדזש. דער שטורם האָט מיט־אַמאָל אויסגעלאָשן די אויפגעלעבטע און פריילעכע שטימונג. די הערצער זיינען צוריק געוואָרן טרויעריג און הויפּטזעכלעך אומרואיג, אַזוי ווי זיי וואָלטן דערפילט אַ לויערנדע געפאַר. באַגאַבאַרעץ מיט חיים יענקלען זיינען אוועקגעגאַנגען אויפן צווייטן שטאָק און האָבן זיך גענומען פאַר זייער אַרבעט.

דער קריטיקער האָט איצט איבערגעזעצט אַ ניי ווערק. באַגאַבאַרעץ האָט געשריבן זיינע איבערלעבונגען אין דער ניערטשינסקער קאַטאָרגע, פון־וואַנען ער איז אַנטלאָפן כמעט מיטן וויסן פון דער רעגירונג. דאָס האָט פאַר אים אויסגעווירקט זיין שוואָגער, דער קאַמער־יונקער, אין פּעטערבורג.

מ׳האָט פון אויבן אַ וואונק געטאָן, אַז מ׳זאָל אים לאָזן לויפן און ער איז געלאָפן. מאַרוסיאַ האָט שוין אויך אים געוואַרט אין וולאַדיוואָסטאָק און פון דאָרט זיינען זיי צוזאַמען געפאָרן קיין פּאַלעסטינע.

דער סטאַר האָט אָנגעהויבן צו דרימלען. מאַרוסיאַ האָט געהייסן די דינסט אים בעטן און ער איז געגאַנגען שלאָפן. מאַרוסיאַ איז אויך אינגיכן געוואָרן שלעפעריג און געגאַנגען צו בעט.

נאָך איינס אַזייגער, ווען באַגאַבאַרעץ און חיים יענקל זיינען געווען פאַרטיפט, דער דיכטער אין זיין קראַנקער געוואוינהייט צו שפּאַנען הין און צוריק איבערן קאַבינעט, און דער קריטיקער אין זיין איבערזעצונג, האָבן זיי פּלוצים אונטער זיך דערהערט אַ געשריי און זיינען פאַרציטערט געוואָרן.

געשריגן האָט צווייפלאָז אונטן מאַרוסיאַ און דאָס געשריי איז געווען אַזאַ, ווי עמעצער וואָלט זי געוואָרגן. איבערגעשראָקענע אויף טויט זיינען זיי ביידע אַרונטער די שטיגן, און וואָס האָבן זיי דערזען!

אין העל־באַלויכטענעם שלאָף־צימער, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט אין נאַכט־קליידער, האַלטנדיג מיט די הענט די אונטערהויזן אויפן בויך, איז גע־שטאַנען דער סטאַר. און פאַר זיין פּנים, כמעט אַ נאַקעטע, אין טיף־אויס־געשניטענעם העמד — מאַרוסיאַ, מיט צעוואָרפענע האָר אויף די מאַרמאָר־ווייסע אַקסלען און ברוסט. זי איז געשטאַנען אַ ציטערנדע און ווילדע, האָט אים געקלאַפּט איבערן פּנים און געשריגן אויסער זיך פון ווילדן צאָרן, כמעט ניט מיט איר שטימע:

— ווי וואַגסטו? נאַכאַל! וואָן! וואָן!

דער מאַן און חיים יענקל זיינען געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערטע און פאַרטשמעלעטע.

אַז מאַרוסיאַ האָט זיי דערזען, איז זי געקומען צו זיך, — האָט ערשט אויסגעשריגן ווי אַ פאַרוואונדעטע, אַזוי ווי זי וואָלט ערשט דערפילט די ווייטאָג פון דער באַליידיגונג, איז אריין מיט אַ שפּרונג צו זיך אין בעט, האָט זיך דאָרט באַהאַלטן פון שאַנדע און האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטע־ריש געוויין.

איצט זיינען שוין אַלע דריי מענער געשטאַנען, טויט־בלייכע, מיט געזונקענע קעפּ, אָן ווערטער און אָן געדאַנקען.

דער ערשטער איז געקומען צו זיך דער סטאַר.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אויסגעגלייכט און צוהאַלטנדיג די אונטער־הויזן מיט די הענט, איז ער פאַרבייגעגאַנגען צווישן דעם מאַן און דעם פרעמדן עדות פונם סקאַנדאַל צו זיך אין צימער, וואו גאַסט־פריינטלעכע מענשן האָבן אים געגעבן אַ נאַכט־לעגער.

חיים יענקל איז אויך געקומען צו זיך, האָט אויפגעציטערט, האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז אים נאָכגעלאָפן. נאָך אים איז שוין אויטאָ־מאַטיש און אומבאַוואוסט נאָכגעלאָפן דער סוטולעוואַטער, צוזאַמענגעדריי־טער מאַן פון דער באַליידיגטער פרוי. און ווידער שטייען זיי אַלע דריי

מענער אַז ווערטער און אַז געדאַנקען, שוין אין צווייטן צימער, איינער אַ נאַקעטער און צוויי געקליידעטע. שווייגן לאַנג, ניט ווי לעבעדיגע מענשן, נאָר ווי מאַנעקינס.

— ביטע, דערקלערט אייער אויפפירונג — הייבט ענדלעך אַן ניט דער מאַן פון דער באַליידיגטער פרוי, נאָר דער פרעמדער עדות, חיים יענקל, אָבער שוין ניט מיט זיין שטימע, נאָר מיט אַ ווילדן, דערוואָרגענעם קוויטש.

— ביטע דערקלערט אייער אויפפירונג — זאָגט אים נאָך אויטאָמאַטיש דער מאַן, ווי אַ תפילה, מיט זיין געדעמפטן, געשטיקטן טענאָר און דער טענאָר קלינגט, ווי ביי אַ דיאַק, וועלכער נעמט זיך נאָכזינגען דעם גלח אין קלויסטער.

קיין ענטפער!

— ביטע, דערקלערט אייער אויפפירונג — חזרט איבער חיים יענקל שטייף, שוין אויך ווי אַ תפילה, און דער הויכער איינגעהויקערטער דיאַק מיט די לאַנגע האָר העלפט אים אַלץ אויטאָמאַטיש:

— ביטע, דערקלערט אייער אויפפירונג.

און עס קלינגט אַזוי פרעמד, ווי אַ „גאַספּאַדי פּאָמילוי“ אין אַ קלויסטער.

דער נאַקעטער סטאַר שווייגט און קוקט אין אַ זייט, אַזוי ווי ניט אים מיינט מען עס.

די נאַרישע, אומגעלומפּערטע ווערטער חזרן זיך איבער עטלעכע מאָל, אָבער אַזוי מאָנאָטאָן, אַז ענדלעך וואַרפן זיי אַריין דעם סטאַר אין אַ נער־ווען ציטער, און אַן אַבערגלויבישן פחד, אַזוי ווי ער וואָלט געלעגן אין אַ טרונע און זיי וואָלטן עס אים באַזינגען, אַזוי אומהיימלעך זיינען די צוויי מענשן מיט זייערע מאָנאָטאָנע פראַגן.

דער סטאַר פאַרלירט זיין געדולד און הייבט אָן אויף ביידע צו שרייען:

— וואָס פרעגט איר מיך? איר האָט דאָך געזען, ווי זי האָט מיך געפּאַטשט. נו, מסתמא האָב איך עס פאַרדינט — און נעמט מיט ציטערנדע, כמעט טאַנצנדע הענט זיך אָנטאָן.

דער קריטיקער קוקט אים אָן. אַזוי לעכערלעך זעט ער אים אויס, אַז ער צעלאַכט זיך פּלוצלינג, אָדער אַזוי משונה־ווילד, אַז אפילו אַ טייוול וואָלט אויפגעשוידערט פון דעם אומגעלומפּערטן געלעכטער.

— איר וועט אויפהערן צו לאַכן? פאַרשיוויצע איינער! אַט קריגט איר פון מיר אַזעלכע פּעטש — שרייט אויף אים דער סטאַר. און הייבט אויף אויפן קליינעם חיים יענקלען זיין האַנט.

חיים יענקל אָבער קאָן שוין ניט אויפהערן צו לאַכן. פאַרקערט, דאָס געלעכטער ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עס ווערגט אים און שטיקט אים, ווי אַן אָנפאַל פון אַ שלעכטן הוסט.

און דער באַליידיגטער מאַן שטייט, ווי אין אַ הינער־פּלעט. פונדעסט־וועגן באַמערקט ער, ווי דעם סטאַרס דינע און לאַנגע פיס ציטערן אין די

שמאָלע גאַטקעס, ציטערן און דריגען, ווי אין אַ גסיסה די פיס פון אַ פערד. און ער טראַכט שוין ניט פון זיין פרוי, וועלכע דערזעלבער מאַן האָט אַזוי באַליידיגט און וועלכע דרייט זיך און קאָרטשעט זיך איצט אין איר בעט פון באַליידיגונג, נאָר פון דעם באַליידיגער אַליין. אין זיינע קליידער איז ער געווען אַזוי שיין און שלאַנק, און איצט אַן אויסגעטוענער און ציטערנדער איז ער העסלעך, ביז צום עקל.

און דעם שרייבער און דיכטער קומט איצט אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז געוויסע מענשן מוזן דערשיינען נאָר אין קליידער. די קליידער מאַכן זיי עלעגאַנט און שיין, אָבער נאַקעט זיינען זיי אָפּשטויסלעך, ווי דער מאַן, וואָס האָט באַליידיגט זיין פרוי. און אַז דיזעלבע מענשן מוזן אויך זייערע נשמות תמיד קליידן אין אַ בגד, אין אַ קלייד פון קונסט, צדקה, אידעען.

און ווען זייערע נשמות וואַרפן אַראָפּ זייער בגד, זיינען זיי מסתּם אָפּשטויסנד־העסלעך, ווי דער קערפּער פון דעם נאַקעטן סטאַר.

און דער געדאַנק איבעראַשט אים אַליין, ווי אַ גרויסע אַנטדעקונג.

און אַזוי ווי די דערקלערונג וואָלט אים צופרידנגעשטעלט, לאָזט ער זיך מיד אַראָפּ אויף אַ שטול.

פונדעסטוועגן פרעגט ער מיט שטומער פאַרצווייפלונג:

— צו וואָס? צו וואָס האָט איר עס באַדאַרפט?

און ווידער איז שטיל... שטיל אויף דערוואַרגן צו ווערן. ביז עס דערשיינט ווידער די באַליידיגטע פרוי אין דער טיר, אָבער שוין אַ גע־קליידעטע.

זי האָט זיך דערמאַנט, אַז באַליידיגט האָט זי אַ זשיד און זי איז אַ רוסישע אַריסטאָקראַטקע, און דאָס האָט געמאַכט די באַליידיגונג איינפאַך אומדערטרעגלעך ביז צום וואַנזין. און ווי אַ וואַנזיניגע שרייט זי אויפן מאַן.

— דו זעסט, וואָס אַ זשיד קאָן זיך דערלויבן? און דו שווייגסט? אַרויס פון מיין הויז? וואַן, זשיד! — שרייט זי אויפן סטאַר און וואַרפט ווידער אין ווילדן וואוט מיט די הענט פאַר זיין פּנים. — אַ רוסישער מענש וואָלט אַזאַ חוצפּהדיגן זשיד דערשאָסן אויפן אָרט. וואַן! באַלד זאָלט איר פאַרלאָזן מיין הויז! איר הערט!?

און דאָס וואָרט „זשיד" אויף די ליפּן פון זיין אייגענער פרוי ווירקט, ווי אַ געשוואָונגענע בייטש. זי דערוועקט די פאַרגאַנגנהייט. אַזוינע שרעק־לעכע זכרונות, און די זכרונות מישן זיך אויס מיט דער געגנוואָרט אין אַזאַ פּיין און אומדערטרעגלעכן שמערץ, אַז ער שפּרינגט אויף און שרייט צו דער ווייב האַרצרייסנד:

— מאַרוסיאַ! אום גאָטעס ווילן!

און זיין געשריי גיט שוין קוראַזש דעם סטאַר. דאָ איז ער שוין אינ־גאַנצן צו זיך געקומען, ווי ער וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַן אויסגעשטרעקטע האַנט.

— אָ, איר זענט אַן אַנטיסעמיטקע? — שרייט שוין דער סטאַר אויף איר. — דער זשיד געפעלט אייך נים? שיין! שיין! און איר ווילט נאָך, אַז איך זאָל שפּילן אייערם אַ פּיעסע? אין אַ אידיש טעאַטער? פאַר אַ אידיש פּובליקום?

און ווענדנדיג זיך צום מאַן פון דער קאַצאַפּקע, האָט ער פאַרגעזעצט:

— פע, איר מעגט זיך שעמען! כלומרשט אַ נאַציאָנאַליסט און האָט אַזאַ יודאָפּאָבקע פאַר אַ ווייב. פּיעסן פון אַנטיסעמיטן שפּיל איך נים! איך האָב פּיינט אַנטיסעמיטן! איר הערט? ווען איך זאָל געוואוסט וויסן, אַז איר זענט אַזוינע אַנטיסעמיטן, וואָלט איך אייער פּנים נים געוואָלט אָנקוקן!

און ענדיגנדיג שנעל זיין טואַלעט, פאַרלאָזט ער בייז און באַליידיגט דעם קאַטעדזש, קלאַפּט מיט די טירן און פאַרשווינדט אין דער פינצטערער, שטורמישער נאַכט.

און ווידער איז ווינטער

די קעלט האָט צוריק צוזאַמענגעקלעמט מיט אירע ברוטאַלע הענט די אויפגעאָטעמטע ערד. נאָכן וואַרעמען רעגן איז מיטאַמאָל צוריק קאַלט געוואָרן. בלייערנע וואָלקנס האָבן פאַרדעקט דעם הימל. פאַרנאַכט איז אָנגעפאַלן אַ געדיכטער שניי, און אַ קאַלטער ים־ווינט האָט געבערענגט מיט זיך אַ פראָסט.

אַ קעלט האָט ווידער צוזאַמענגעקלעמט דאָס לעבן פון דער קליינער פאַמיליע אין קאַטעדזש ביים ים.

באַגאַבאָרעץ איז געלעגן נאָכן טרויעריגן און אומגעלומפּערטן אינצידענט אין בעט, אַ דערשיטערטער און צעבראָכענער. מאַרוסיאַ האָט גערופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געפונען, אַז דער קערפּער איז געזונט און האָט אַליין נים געוואוסט, וואָס צו זאָגן דער איבערגעשראָקענער פרוי. ער האָט איר נים געקענט דערקלערן, וואָס מיט איר מאַן איז...

און דער מאַן האָט זיך אויך נים געקלאָגט אויף קיין ווייטאָג. אייגנטלעך האָט אים גאָרנים וויי געטאָן, נאָר אַ מידקייט און אויסגעלאָשנקייט האָט איבערוועלטיגט זיין שוואַכן קערפּער און האָט אים צוגעקאָוועט צום בעט.

און אַזוי איז ער געלעגן אַ פּאָר טעג און האָט אויסגעמיטן צו קוקן דעם ווייב אין פּנים אַריין. מאַרוסיאַ האָט געמיינט, אַז ער שעמט זיך פאַרן אינצידענט. אים איז אָבער דער „זשיד“ שוין נים אַרויסגעגאַנגען פון געדאַנקען קיין מוח און האָט נים אויפגעהערט דאָרט צו בוירען און צו קלינגען אין די אויערן.

דער אַנטיסעמיטישער אויסברוך איז געווען פאַר אים אַן איבעראַשנדע נייעס אין איר נאַטור און כאַראַקטער, און האָט אים איבערגעשראָקן.

ער האָט עס געהערט פון מאַרוסיאַן צום ערשטן מאָל. און די ווערים

פון צווייפל האָבן שוין געטאַטשעט און געפּלאָגט זיין קראַנקן, מיסטרויאישן גייסט.

די פאַרגאַנגנהייט האָט זיך אויפגעדעקט, ווי אַ בלוטנדע מכה. „איז דאָס דער אָנפאַנג? וועט זיך דאָס איבערחזרן? איז דאָס עפּעלע ניט ווייט פון ביימעלע? די טאָכטער, ווי דער פאָטער?"

פון די געדאַנקען האָט אים געשווינדלט און זיי האָבן פאַרשטעלט דעם אומגעלומפּערטן אינצידענט און אויך דעם אַקטיאָר.

מאַרוסיאַ האָט אויך אויסגעמיטן אים צו קוקן אין פּנים אַריין. דער אינצידענט האָט זיי פּלוצים צעטיילט, ווי אַן אָפּגרונט, אַזוי ווי יעדער פון זיי וואָלט געהאַלטן דעם אַנדערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געשיכטע.

חיים יענקל האָט זיך שוין אויך ניט געוויזן. ער האָט זיך אויך גע־שעמט פאַר דער נאַכט.

מאַן און ווייב זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזיכטיג, שטיל איבערן הויז, אַזוי ווי אַ מת וואָלט דאָרט געלעגן. שטום איז געוואָרן דער קאָטעדזש, ווי אַ בית־עולם...

און אין דעם שטומען לעבן האָט זיך אָנגעהויבן די פרעמדקייט צווישן זיי, וועלכע איז געוואַקסן און האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּשטעלן...

די פּיעסע, וועלכע מען האָט שוין אַנאַנסירט און געבוכט אין די ציי־טונגען, האָט מען פּלוצים אַרויסגענומען פון די אַנאָנסן. דער בום אַרום איר איז מיטאַמאָל אָפּגעשטאָרבן און האָט זיך אָפּגעריסן, ווי אַ קול אין אַ וויסטעניש.

דאָן האָט באַנאַבאַרעץ דערפילט, ווי עפּעס וואָלט זיך אָפּגעריסן אין זיין נשמה, אַזוי ווי זי וואָלט געקריגן אַ נייעם און געפערלעכן שפּאַלט, וועלכער וועט זיך שוין אייביג ניט פאַרהיילן. דאָן איז געקומען צוריק חיים יענקל און האָט גענומען אים טרייסטן.

אין האַרץ אָבער האָט זיך דער קונסט־קריטיקער דערפרייט וואָס די זאַך האָט זיך אַזוי געענדיגט.

באַנאַבאַרעץ האָט אים געבעטן, מער ניט רעדן פון דער געשיכטע, און פון דאָן אָן האָט שוין קיינער אין קאָטעדזש ניט גערעדט פון די „געקריי־ציגטע נשמות". די פּיעסע האָט מען מער ניט דערמאָנט, ווי מ׳דערמאָנט ניט דעם נאָמען פון אַן אייגענעם וואָס שטאַרבט מיט אַ מיאוסן טויט...

* * *

ס׳זיינען אוועקגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכן. מאַרוסיאַ האָט ווידער אָנגע־הויבן שטאַרק צו בענקען. איז געוואָרן נערוועז און בייז. באַנאַבאַרעץ האָט אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר אַ נייעם אַנטיסעמיטישן אויסברוך, ווי פאַר אַן אָנפאַל פון משוגעת.

דאָס שטילע, אָבער פּוסטע לעבן אין קאָטעדזש ביי דער זייט פון אַ בענקענדער און היים־וויי־וועלקענדער פרוי, האָט אים אָנגעהויבן באַלד צו

שטיקן, און באַגאַבאַרעץ האָט אָנגעהויבן צו לויפֿן דערפֿון. ער האָט אָנגע־הויבן שטיל צו פֿאַרשווינדן פֿון הויז, זיך אַריינזעצן אין צוג און פֿאָרן, אַז אַ ציל און אָן אַ צוועק. פֿאָרן פֿאָרן ניקל, ביז דער צוג פֿלעגט זיך אָפּשטעלן ביי זיין גרעניץ־פּונקט. דאַן פֿלעגט ער פֿאָרן צוריק, אָדער נעמען אַן אַנדערן צוג און פֿאָרן, וואוהין דער צוג איז געגאַנגען, גאַנצע שטונדן. און ביסלעכ־ווייז איז ער געוואוינט געוואָרן צום קלאַפּ פֿון די רעדער, ווי צום אָפּיום...

דער ליאַרם פֿלעגט פֿאַרווינגן זיינע פּיינלעכע געדאַנקען. זיי איינגאַנצן איינשלעפֿן. דער טומל פֿון מענשן און שטאָל פֿלעגט פֿאַרטויבן און שטילן זיינע וואונדן, ווי טראָפּן שטילן און בארואיגן אויף אַ ווײלע אַ שמערצלעכע ציין־ווייטאָג. שטונדן־לאַנג פֿלעגט ער זיצן אין וואַגאָן מיט אויסגע־סטאַרטשעטע, פֿאַרגליווערטע אויגן און קוקן אויף די מענשן, וועלכע פֿלעגן איינשטייגן און אויסשטייגן, מעלה גרהן טשואינג־גאַם, אַזוי ווי די אָקסן און לעזן די צייטונגען. אָפּטמאָל פֿלעגן די מענשן, וואָס זיינען געזעסן אַנטקעגן אים, באַזונדערס פּרויען, ניט אויסהאַלטן זיינע פֿיקסירנדע פֿאַר־גליווערטע בליקן און זיך באַליידיגט און בייז אָפּווענדן פֿון זיי.

דאָס פֿלעגט אים ברענגען צו זיך. ער פֿלעגט אויפֿציטערן, בלייך ווערן, אַזוי ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ פֿאַרברעכן און ער פֿלעגט אויסשטייגן ביי דער נעכסטער סטאַנציע.

שפּעטער האָבן זיינע רייזעס געקריגן אַ ציל. ס׳האָט אים אָנגעהויבן צו ציען צו זיך די 36טע סטריט מיט איר בית־הקברות. די מעלאַנכאָלישע שיינע טויטע שטאָט פֿון ברוקלין, האָט אים געצווינגן צו זיך מיט אַ פּאַטאָלער און מאַגנעטישער קראַפֿט, אַז ער פֿלעגט פֿון פֿענצטער אין פֿאַרבייפֿאָרנדן צוג דערזען די שיינע געפּלאַסטערטע גאַסן פֿון בית־עולם מיט זיינע מצבות, צלמים און שניי, פֿון וועלכן עס האָט דאָ און דאָרט אַרויסגעשטעקט נאָך גרין גראָז, פֿלעגט ער לייכט און דערפֿרייט אויפֿאָטעמען, אַזוי ווי ער וואָלט פֿונוויטנס דערזען דעם ציל פֿון זיין לעבנס־וועג; זיין ריכטיגע היים...

די געשמאַקלאָזע גאַסן מיט זייער שטיינערנע קאַסטנס, פֿון וועלכע מענשן פֿלעגן אַרויסקוקן, ווי פֿאַרקערקערטע, לעבעדיגע סחורה, די אָרימע קאַזאַרמע־אַרכיטעקטור פֿון דער נאָכבאַרשאַפֿט פֿלעגט אויף אים אָניאָגן אַז אומעט, אַזאַ פּיינלעכן ווידערווילן, אַז ער פֿלעגט ביי דער נעכסטער סטאַנציע אויסשטייגן און נעמען צוריק אַ צוג צו דער 36טער סטריט, כדי ווידער צו כאַפּן אַ קוק אויף דער מעלאַנכאָלישער, שיינער און ווייט אויף אַ באַרג צוזאַמענגעפּענער, טויטער שטאָט.

* * *

איינמאָל האָט ער גענומען די פֿון חיים יענקלען שוין איבערגעזעצטע ערשטע טייל פֿון זיינע געפּלאַנטע סיבירישע סקיצן, איז דערמיט געפֿאָרן אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָציאַליסט״ און האָט זיך געמעלדן דעם רעדאַקטאָר.

דער דיכטער האָט זיך פאַרבענקט נאָכן לעזער. ער האָט אים באַדאַרפט, ווי די לופט צום אָטעמען.

דער רעדאַקטאָר האָט באַפוילן דורכן שיק־אינגל, אַז ער האָט פאַר מר. ראַבינאָוויטש קיין צייט ניט.

ניט האָבן קיין צייט פאַר אים, וועלכן די גרעסטע און באַרימטסטע פלעגן עמפאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו יעדער צייט!

פאַר זיינע אויגן איז ווידער אויסגעוואַקסן דער אַמאָליגער, טויטער באַגאַבאַרעץ. סטאַניסלאַווסקי, טשעכאָוו, ניעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ, אַ פלעדע פון גייסטרייכע און באַרימטע פריינד, וועלכע האָבן אים געליבט און פאַרערט, קורץ, די גאַנצע גלענצנדע, אָבער קורצע פאַרגאַנגענהייט זיינע...

און ווידער, ווי דאַן אין טעאַטער, האָט ער זיך דערפילט, ווי אַ מלך אין גלות, צעטרעטן און באַליידיגט. צאָרן און רחמנות צו זיך אַליין האָבן אויפגעברויזט אין זיין ברוסט און גרויסע צאַפּלדיגע טרערן זיינען געקומען צו זיינע אויגן...

ווייזט אויס, אַז אַ שרייבער פון דער רעדאַקציע האָט פון זיין ווייטן טיש דערזען זיין פּנים פון אַ געקרייציגטן מיט טרערן אין די אויגן, ווייל ער איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט.

— איך וויל זען דעם רעדאַקטאָר. איך האָב אַ ווערק צום דרוק, — האָט ער געענטפערט דעם שרייבער שוין מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ.

— וואָס איז? אַ ראָמאַן?

— ניין, סקיצן פון סיבירער לעבן.

— איר זענט געווען אין סיביר? — האָט אים געפרעגט דער שרייבער, באַטראַכטנדיג מיט גרויס נייגער זיין מערקווירדיגע און אומעטיגע געשטאַלט.

אַ פּחד פאַר עפנטלעכקייט האָט ווידער אַרומגעכאַפּט זיין נשמה, ווי דאַן, ווען דער סטאַר האָט זיך גענומען בומען אים און זיין ווערק.

— וואָס איז אייער עסק... צי איך בין יאָ געווען, צי ניט געווען — האָט ער ברוגזדיג באַמערקט צום שרייבער. — אַז ס'וועט אייך געפעלן, וועט איר זיי דרוקן.

— אָלל־ראַיט! — האָט אים געענטפערט דער שרייבער — איך וועל רעדן מיטן רעדאַקטאָר — און ער איז געגאַנגען רעדן וועגן אים מיטן באַלעבאָס, און באַלד איז ער אַרויסגעקומען צוריק און האָט אים אָנגעזאָגט די פרייילעכע בשורה:

— דער רעדאַקטאָר האָט דערלויבט, אַז איר זאָלט לעזן אייער מאַנוסקריפּט פאַר אונזער „רידער" (לעזער).

— ווער איז אייער „רידער"? — האָט אים געפרעגט באַגאַבאַרעץ.

— ער וועט באַלד אַריינקומען. זיצט אַ ווייל! — און ער האָט פאַר אים געעפנט דאָס טירל פון דער צוים און האָט אים איינגעלאַדן צום זיצן.

אין אַ 15 מינוט אַרום האָט אים דער שרייבער באַקאַנט מיטן „רידער", אַ קורץ באַשעפעניש מיט קרומע פיס, מיט אַ שמאָלן, נידעריגן שטערן פון

א קרעטין און מיט גראָבע ליפּן, ווי בײַ א נעגער. אַז דער „רידער" האָט אים דערלאַנגט זײַן גראָבע, שווייסיגע האַנט, האָט באַגאַבאַרעצן אָפּגעעקלט.

דער שרײַבער האָט באַמערקט זײַן באַוועגונג און האָט זיך געאײַלט אים צו דערקלערן מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— דאָס איז אונזער פאָלקס־רידער... לעזער, הייסט עס, אויף אים פּרובירן מיר אויס אונזער ליטעראַטור... אַז זי געפעלט אים, דרוקן מיר עס, ווײַל מיר זײַנען דאַן זיכער, אַז ס׳וועט דעם פאָלק אויך געפעלן...

באַגאַבאַרעץ האָט זיך אויסגעדרייט און איז שנעל, ווי א פאַרפאָלגטער, אַרויס פון דער מחוצה.

— שוין איינמאָל א ליץ! — האָט אים נאָכגעשריגן דער באַליידיגטער „רידער".

באַגאַבאַרעץ האָט עס געהערט, האָט אויפגעשווידערט און זיך אויסגעדרייט. מיטאַמאָל האָט בײַ אים אויפגעפלאַקערט דער צאָרנדיגער ווילן אויסצושרייען, אַז ער איז באַגאַבאַרעץ און ניט קיין ליץ. דעם רעדאַקטאָר אַליין אין פּנים האָט ער עס געוואָלט אויסשרייען.

וואָס פאַר א סענסאַציע וואָלט דאָס געווען! די סענסאַציע־יעגער וואָלטן זיך געטרייסלט פאַר אים, ווי אין א קדחת!

דאָס אַליין אָבער האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון, און דער „ליץ" איז אַרײַנגעגאַנגען אין נעבסטן פּאַרק און האָט זיך דאָרט ביטער אויסגעוויינט אויף זײַן פאַרפּלאָנטערטן שיקזאַל.

* * *

איינמאָל איז געקומען חיים יענקל און האָט זיי אָנגעזאָגט די טרויעריגע בשורה, אַז דער גענעראַל מיט די שפּאָרן, וועלכער וואַרפט דעם צאַר זײַנע מעדאַלן אין פּנים, האָט געזיגט איבער דער טעאַטער־פּאָליטיק און אַז די פּיעסע וועט מען דאָך שפּילן.

אויסגעהערט האָבן באַגאַבאַרעץ און מאַרוסיא די בשורה שוין מיט א קאַלטער גלייכגילטיקייט.

דער סטאַר האָט ווידער אָנגעהויבן באַגריסן באַגאַבאַרעצס פרײַנד, דעם קונסט־קריטיקער, מיט דעם פרײַנטלעכסטן: „העלאָ דיער" און האָט אים איינמאָל אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן אין דער רעדאַקציע און האָט אים געפרעגט, וואָס מאַכט דאָס פּאַרל און אויב דער טאַלאַנטפולער יונגערמאַן שרײַבט עפּעס א נײַע זאַך... ווייטער האָט ער אָנגעזאָגט, אַז ער גייט מאַכן פּראָבן און האָט אים געבעטן ברענגען צו די פּראָבן דעם פּראָפעסער. חיים יענקל האָט אים קיין וואָרט ניט געענטפערט און האָט גראָב איבערגעריסן דאָס געשפּרעך מיט אים.

די אַקטיאָרן האָבן ווידער אין טעאַטער־קאַפע אָנגעהויבן רימען און לויבן די „געקרייציגטע נשמות", באַזונדערס דער קאָמיקער...

די געפּאַרבטע לידינג־דאַמע מיט דער הויכער ברוסט און מיט די בריליאַנטן האָט זיך ווידער געקוויקט מיט דער פּראָזע, ווי מיט איינגעמאַכץ...

— אַי, אַ פּראָזע, אַ פּראָזע... אַזאַ מזל אויף מיר... אַזאַ יאָר אויף מיר!

דעם סטאַרס טרייער פּודל האָט ווידער געבומט איבעראַל.

— אַ גרעיט הים! אַ גרעיט ראַשען ראַיטער! 50 וואָכן... יו וויל סי... — אַ גרויסער סורפּרייז! (אַ גרויסער רוסישער שרייבער! 50 וואָכן... איר וועט זען) און פלעגט ארויסשטעלן דערביי די גראָבע ליפּ זיינע.

אַפילו דער טעאַטער־דירעקטאָר איז געוואָרן פריינטלעכער צו חיים יענקלען, וואָס האָט ביי אים אויסגענאַרט 500 דאָלאַר און האָט שוין אויף אים ניט געקוקט, ווי אַ בייזער הונט, וואָס גרייט זיך עמעצן אַ ביס צו טאָן...

קורץ, דער ווינט האָט זיך פולשטענדיג געביטן...

פונדעסטוועגן איז באַגאַבאַרעץ צו די פּראָבן ניט געגאַנגען, האָט אַ וואָרט ניט גערעדט מיטן קונסט־קריטיקער וועגן דער פּיעסע, און חיים יענקל האָט געגלייבט, אַז דער אינטערעס צום אידישן טעאַטער איז ביי זיין פריינד פולשטענדיג אָפּגעשטאָרבן און געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגנהייט, ווי אַ צעטרעטענע אילוזיע.

* * *

דער ווייט־זעענדער חיים יענקל האָט אָבער דאָס מאָל אַ גרויסן טעות געהאַט... און האָט ניט געוואוסט, אַז באַגאַבאַרעץ פלעגט אין די באַשטימטע שטונדן, ווען מ'פלעגט מאַכן פּראָבע, נעמען אַ צוג און ניט פאָרן אַנקוקן דעם בית הקברות פון דער 36טער סטריט, וואָס איז געוואָרן פאַר אים אַ געוואוינהייט, נאָר ער פלעגט פאָרן צו דעם אָרט, וואו דאָס טעאַטער איז געשטאַנען.

שטונדן־לאַנג פלעגט דער סוטולעוואַטער מאַן וואַנדערן איבערן טראָטואַר אַנטקעגן טעאַטער, הין און צוריק און קוקן אויפן אידישן קונסט־טעמפּל. ווי אַ פאַרצווייפלטער און פאַרטריבענער פויגל פאָדעט הויך איבער זיין נעסט, וואו שקצים באַלעבאַטעווען איבער זיינע פאַרלאָזטע עופהלעך. און אַז ער פלעגט פונדערווייטנס דערזען עמעצן פון טעאַטער־עולם, פלעגט ער שנעל אָפּגיין אין אַ זייטיגער סטריט.

דעם לעצטן טאָג פון דער פאָרשטעלונג האָט מען אים אָפּגערופן פון טעאַטער דורכן טעלעפאָן און מען האָט אים מודיע געווען, אַז היינט 3 בייטאָג איז די גענעראַל־פּראָבע. מער האָט מען אים קיין וואָרט ניט געזאָגט...

קיין דירעקטע איינלאַדונג צו דער פּראָבע האָט דער פּראָפעסער ניט באַקומען.

די בענקשאַפט נאָך דער פאַרלאָזטער נעסט זיינער, דער פּחד און די אַנגסט פאַר זיין קינד איז געוואָרן ביי אים אַזוי שטאַרק און אומאיבער־ווינדלעך, אַז ער איז אין פיבערהאַפטער איילעניש אַוועק אַהין, צום טעאַטער. דאָרט האָט ער אָבער ווידער פאַרלוירן זיין מוט און האָט ווייטער גענומען

זיך דרייען און פאַדען אַרום דעם טעאַטער. ער האָט געוואַנדערט הין און צוריק אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך אָנגענומען מיט האַרץ און שנעל אַריבער די גאַס און איז אַריין אין טעאַטער מיט די געפילן פון אַ מוטער, וואָס וואַרפט זיך פאַרצווייפלט אין אַ הויז, אַרומגערינגלט מיט פלאַמען, כדי צו ראַטעווען פון דאָרט איר פאַרגעסן קינד.

און פאַרן טעאַטער האָט ער קיינעם ניט באַגעגנט, און איז אומבאַמערקט אַריין אין פינצטערן טעאַטער, און האָט זיך דאָרט פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט, ווי ביי אַ גנב.

אויף דער בינע זיינען געווען נאָר צוויי בינע־סטאָליערס און האָבן צוזאַמענגעקלאַפּט די סצענע פאַר זיין ווערק.

די קלעפּ פון זייערע האַמערס האָבן דראָענד אָפּגעהילכט אין ליידיגן און טונקעלן טעאַטער און אין דיכטערס נשמה, אַזוי ווי די סטאָליערס וואָלטן דאָרט מיט זייערע האַמערס צונויפגעקלאַפּט זיין טרונע, אָדער אַ תליה פאַר אים.

ווי אַ ווינט איז אין זיין מוח דורכגעלאָפן דער שרעקלעכער חלום אין דער הייסער פאַרחלשטער נאַכט נאָך דער פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן, ווען דער רוסישער מענשיקאָוו מיטן אידישן זשורנאַליסט האָבן ביידע מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, מיט גרויסע האַמערס אין די הענט, ווי איצט די צוויי סטאָליערס, אים צוגענאַגלט צו אַ הויכן הילצערנעם צלם. ווי אַ ווינט האָט זיך דורכגעטראָגן נאָכאַמאָל דער קאָשמאַר און האָט פאַרגליווערט דאָס בלוט אין זיינע אָדערן און האָט אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ.

ווידער דער זעלבער נאַרישער און אַבערגלויבישער פּחד! און ער קעמפט מיט אים, מיט זיך אַליין. דאָס קלאַפּן אָבער האָט באַלד אויפגע־הערט. די צוויי סטאָליערס האָבן געענדיגט זייער אַרבעט, האָבן זיך אַרומ־גענומען, אָנגעהויבן זינגען: „אוי, חוה!... אוי, חוה!" און האָבן געטאַנצט.

דער דיכטער האָט באַפרייט אויפגעאָטעמט. די נאַרישע כמעט זאַאַ־לאָגישע שרעק איז פאַרשוואונדן, ווי אַ בייזער חלום. איין סטאָליער האָט געטאַנצט ווי אַ דאַמע, קאָקעטיש און גראַציעז, מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, ווי אין אַ מידער און זיסער ליידנשאַפט. דער דיכטער האָט זיך שטיל, אָבער הערצלעך צעלאַכט. אַ געשפּרעך הינטער זיינע פּלייצעס האָט אָפּ־געווענדט זיינע אויגן פון דער בינע, און ער האָט זיך אומגעדרייט. אין דער האַלב־טונקלקייט פון טעאַטער האָט ער באַמערקט צוויי פיגורן, איינע אַ גאַנץ קליינע, מיט אַ געזיכט פון אַ מאַלפּע. דאָס צווייטע פּנים איז געווען פאַרשוואַלן, ווי ביי אַ שיכור.

— ער וועט דורכפאַלן! — האָט געזאָגט די מאַלפּע.

— נאָך ווי! „געקרייציגטע נשמות"... אויף מיר אַ נאָמען — האָט געזאָגט מיט בייזע פרייד די צווייטע פיגור.

— ליטעראַטור! — האָט באַמערקט די מאַלפּע, און האָט זיך אויף

שפּאַטיש צעלאַכט. — נעווער מאַינד... ער וועט קומען קוילן די כּפּרות.

— נאָך ווי אַזוי... דאַן באַצאָלט ער מיר פאַר מיין מויד מיט די צוויי ממזרימלעך פינף הונדערט דאָלאַר... וויניגער אַ פּעני ניט — האָט געזאָגט די פיגור מיטן שיכורן פּנים.

— נעקסט סיזאָן וועלן גיין נאָר טשילדרען (קינדער). דער עולם האָט ליב קינדער אויף דער בינע — האָט באַמערקט די מאַלפּע שוין מיט אַ גענעץ.

— איך האָב שוין אַ פּיעסע מיט קינדער. אַ גרויסער סוקסעס*) — האָט האָפנונגספול פאַרזיכערט דער צווייטער.

באַגאַבאַרעץ האָט פאַרשטאַנען פון דעם געשפּרעך, אַז דאָס פּאָרל זיינען דראַמאַטורגן. דאָס געשפּרעך פון די קאָלעגן אָדער קאָנקורענטן האָט אים אָנגעהויבן צו שווידערן, אַזוי ווי עמעצער וואָלט מיט אייזערנע קאַמען דורכגעגאַנגען איבער זיין לייב...

באַלד איז אָנגעקומען די גאַנצע טרופּע מיט דער פעטער לידינג־לעידי, וועלכע האָט אויסגעזען, ווי אַ מאַדאַם פון אַ הייזל. פון דער בינע האָט זיך איר קול אָפּגערופן אין ליידיגן טעאַטער און אין דיכטערס אויערן, ווי אַ הייזעריגער און צעבראָכענער שפּיל־קאַסטן.

דאָס געשפּרעך פון די צוויי דראַמאַטורגן און די וואולגאַרע שטימע פון דער אַקטריסע האָבן אויסגעלאָשן די גוטע שטימונג, וואָס די טאַנצנדיגע סטאַליערס האָבן אַרויסגערופן. באַלד איז געקומען אויף דער בינע דער קאָמיקער, און האָט געפּאַקעט מיטן מאַנוסקריפּט אין דער לופטן, האָט אויסגעשריגן, נאָכמאַכנדיג דעם סטאַר:

— זשידעס! ס'גייען די „געקראַצטע נשמות", אַ געקראַצטע טראַגעדיע אין 4 אַקטן און זיבן לעבנס־בילדער.

ער האָט געמאַכט אַ פּנים פון אַ קלאָון און איז אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן. דער עפעקט איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער.

די טרופּע האָט זיך צעהירזשעט ווי פערד, באַזונדערס האָט געשמאַק געלאַכט די לידינג־לעידי, אַזוי, אַז דער גאַנצער פעטער קערפּער אירער האָט זיך אַזש געטרייסלט פון פאַרגעניגן.

און די זאַטע, גלאַט־געגאָלטע מאַרדעס פון די אַקטיאָרן האָבן ווידער אַרויסגערופן דאָס שרעקלעכע בילד פון דער קרייציגונג. אַזוי האָבן אויך געלאַכט דאַן די זאַטע, פעטע אַמעריקאַנער, וועלכע זיינען געלאָפן פון דעם צוג צו זען זיין טויט... באַלד איז אָנגעקומען דער גרויסער אידישער טראַגיקער אַליין מיט זיין טאַנצנדן גענגל, באַגלייט פון זיין טרייען הונט, מר. ראַספּלייש, און פון נאָך אַ פּאָר משרתים. ער איז אַרויף אויף דער בינע מיטן פּאַראַד פון אַ מלך.

— צו דער אַרבעט, חברה... ס'איז שפּעט! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן דער סטאַר. — און וואו איז די גראָבע פּאַסקודסטווע? — האָט ער

*) דערפאָלג.

זיך דערקונדיגט וועגן דער לידינג־לעידי. ער האט זי אבער באמערקט אין א ווינקל און האט זיך אן איבערגעשראקענער פארכאפט. אלע האבן זיך אומגעקוקט אין איר זייט, און די איבערגעשראקענע בליקן האבן שוין ניט געלאזט פארבייבן דעם סקאנדאל. די לידינג־דאמע אבער האט זיך גוט־מוטיג צעלאכט.

— אוי, א לעבן אויף אייך... בע, בע, בע... א געזונט אויף אייך...

האט זי געוואונשן דעם סטאר פארן שיינעם און איידעלן קאמפלימענט.

דער סטאר האט דאך געפרואווט עם פארדרייבן און האט געפרעגט:

— און דער גלח מיט די לאנגע צעפ איז טאקע ניט געקומען?

— איך האב אים אפ... אפ... טעלעפאנירט... — האט אפגע־געבן ראפארט דער פודל, דרייענדיג מיטן שטעקן, ווי א געלאשטשעטער הונט מיטן עק.

— און וואס האט ער דיר געזאגט? — האט זיך דערקונדיגט דער סטאר, אראפנעמענדיג פון זיך דעם מאנטל.

דער קאמיקער, דער פודל און נאך א פאר אקטיארן און משרתים האבן זיך איינער פארן צווייטן, ווי א מחנה לאקייען, א ווארף געטאן אים העלפן אראפנעמען דעם שווערן ווינטער־מאנטל.

— „נאטהינג"! גארניט געזאגט! — האט געענטפערט דער פודל.

— ווייזט אויס, אז ער וועט ניט קומען, — האט טרויעריג באמערקט דער סטאר און האט זיך געלאזט גיין אין דער גארדעראבע.

— וועלן מיר זיך באגיין אן דעם לץ. — האט באמערקט דער קאמיקער.

— שוין איינמאל א לץ, — האט זיך אנגערופן די לידינג־לעידי, פודירנ־דיג זיך די נאז פונם אפענעם רידיקול. דער סטאר האט זיך אויסגעדרייט:

— דער לץ האט אבער טאלאנט...

— גרויסן טאלאנט! — האט פאטאקעוועט דער פודל...

— א זיסע פראזע! — האט געזאגט די לידינג־לעידי, שוין ווישנדיג דעם פודער פון פנים מיטן טיכל.

— יא. קומען וועט ער שוין... אז... אז... — און דער קאמיקער האט געמאכט א סימבאלישע פאזע. די טרופע האט ווידער געהירזשעט.

— אוי, א קאצאפקע, א קאצאפקע, האט דער גלח, — האט אויסגע־שריגן דער דערמוטיגטער קאמיקער און האט טראגיש א זיפץ געטאן.

דער סופליאר האט גענומען די פיעסע, האט זיך אוועקגעזעצט ביים טישל און די פראבע פון די „געקרייציגטע נשמות" האט זיך אנגעהויבן.

צווערשט איז ארוים דיזעלבע לידינג־לעידי אין דער ראל פון א גרעפין, וועלכע איז פארליבט אין א איד.

א פארטרעט געשריבן פון מארוסיאן!

די „זיסע פראזע" האט די גראבע אידענע באלד באצויבערט און בא־טרונקען און זי האט גענומען שפילן אמת טעאטער מיט פולן דאמף פון איר דראמאטישן טאלאנט, ווי פאר א פול טעאטער און ניט אין א פראבע.

אַז באַגאַבאַרעץ האָט דערהערט דעם צעבראָכענעם און עקלהאַפטן שפּיל־קאַסטן, דערזען די מאַנירן און גרימאַסן פון דער העלדין, האָט ער זיך איבערגעשראָקן און צוזאַמענגעדרייט פון אינערלעכן פּיין אין דרייען. זיין אייגענע העלדין האָט ער נאַטירלעך ניט דערקענט. די ווערטער האָבן זיך געטראָגן פון איר מויל, ווי שאַרפע טשוועקעס, וועלכע האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין זיין לייב און האָבן אים געשטאָכן און צעפּלייעט. דער סטאַר אַליין איז אויך געבליבן אומצופרידן מיטן שפּיל פון דער געוועזענער קעכין, וועלכע האָט געשפּילט די גרעפין, האָט זיך גענומען זי קאָרעגירן פון זיין שטול, ווי אַ שמייסער טרייבט אונטער די אַלטע און פוילע קלאַטשע.

— לעבעדיגער! פרייליכער... ווי אַזוי מאַכט איר מיט די הענט? ווי אַזוי זי דרייט זיך!... אַ פיגורעלע! האַ? געפעלט אייך אַ פינגערלע מיט אַ דרייעניש? איר שפּילט אַ קעכין, ניט קיין גרעפין... — האָט ער שוין צאָרנדיג געשריגן.

די אַרטיסטין האָט זיך איצט שטאַרק באַליידיגט.

— ווי אַזוי זאָל איך מיך דרייען? איך געפעל דאָך אייך קיינמאָל ניט!

די אַקטיאָרן האָבן געקנייטשט מיט די פּלייצעס און געלאַכט אונטער איר אין די פויסטן. דעם סטאַר האָט ארומגעכאַפּט דער צאָרן פון אַ קינסטלער...

דערנאָך איז ער אַליין אויפגעטרעטן און האָט איר געגעבן רעפּליקעס. באַלד איז אויפגעטרעטן אַן אַנדערער אַקטיאָר... איינער נאָכן צווייטן. די פּראָבע איז געווען אין פולן גאַנג.

דער טעאַטער־דירעקטאָר האָט געקוקט פונדערווייטנס, ווי אַ בייזער, גערייצטער הונט... געקנייטשט מיט די פּלייצעס, געוואונקען צו די אַקטיאָרן... און דער פּראָפעסאָר איז געזעסן אין זיין טונקעלן ווינקל אומבאַמערקט, אָבער שוין צוגענאָגלט צו זיין אָרט.

און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ס'טוט אים וויי, וועלכעס אבר שמערצט און בלוטיגט...

פרעמדע ווערטער. קאַריקאַטור־געשטאַלטן, אַ פאַרקריפּלט און עקלהאַפט ווערק, אַ קערפּער וואָס איז איבערגעפאָרן און צעפּלייעט פון אַ צוג... אַן אַקט נאָך אַן אַקט...

און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זיצט שוין דאָ אַן אייביקייט, אַז אייביג וועט ער זיין צוגענאָגלט צום קרייץ, און פון זיינע ליידן וועט קיינמאָל קיין סוף ניט זיין...

און פּלוצלינג זיינען פון האַלב־טונקעלן אָרקעסטער אויסגעוואַקסן כּלי־זמר, ווי שדים פון דער ערד און האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן, ווי אַ בייזער טייוולשער שפּאַט איבער אים, דעם געקרייציגטן און געפּייניגטן, האָבן זיך געטראָגן די טענער פון דער ווילדער מוזיק, האָבן געטאַנצט פאַר אים אין ליידיגן טעאַטער, געלאַכט און געשפּיגן אין פּנים אַריין. און דערזעלבער קאָמיקער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן מיטן פון דער בינע און האָט

געמאכט קידוש. און צו גלייכער צייט האָבן אַנדערע צוויי אַקטיאָרן זיך געשטעלט אין אַ ווינקל טאַנצן אַ קאַמאַרינסקע און שפּילן אויף אַ האַרמאָ־ניקע. די צוויי נייע העלדן, אַ פּאָר שיכורע קאַצאַפּעס, האָבן באַדאַרפט בילדן אַ קאָנטראַסט צום אידן מיטן קידוש, פאַרשטעלן צוויי פאַרשידענע וועלטן... דאָס האָבן שוין פאַרפאַסט די קונסט־אַפּאָסטאָלן, וואָס האָבן געוואָלט אַריינטראָגן לעבן אין דער פּיעסע, באַוועגונג און האַרמאָניע.

דאָ האָט זיך דער געקרייציגטער דיכטער אַראָפּגעריסן פון זיין קרייץ... יעזוס וואָלט זיך אויך אַראָפּגעריסן, ווען ער זאָל דערזען זיין אייגן קינד, ווי עם בלוטיגט, און ער וואָלט אַ צעריסענער און צעפלייששטער אויך געווען געלאָפן און געשריגן, ווי דער וואַנזיניגער סוטולעוואַטער מאַן איז געלאָפן צווישן די שטולן און איז מיט אַ געשריי אַרויף אויף דער בינע.

— יאַ ניע פּאָזוואָלאַי! (איך וועל ניט דערלויבן!) ניט דערלויבן! — האָט ער געשריגן מיט אויסגעשטרעקטע און ציטערנדע הענט, ווי אַ מוטער שטרעקט אויס אירע הענט צו אַ תליון נאָך איר געמאַטערט און געפּייניגט קינד.

אַ טומל האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער בינע...

מיט אַ שפּרונג פון אַ פאַרצווייפלטער מוטער האָט באַגאַבאַרעץ אַרויס־געכאַפּט די פּיעסע ביים סופליאָר, האָט גענומען דריקן דעם מאַנוסקריפּט צו זיין ברוסט און ביטער וויינען איבער דעם, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטן אין זיין אָרעם, שוין אַ צעקאַליעטשעט און טויט קינד.

די גאַנצע טרופּע מיטן סטאַר זיינען געבליבן אומבאַוועגלעך און איבערגעשראָקן.

אפילו אַ טייוול וואָלט איבערגעשראָקן די וואַנזיניגע פאַרצווייפלונג און דאָס ביטערע געוויין פון דעם גרויסן מענש.

באַלד איז אָבער צוגעשפּרונגען צו אים דער געשעפטס־פירער מיט אַן אָפן מויל פון אַ ים־חזיר און האָט אָנגעהויבן שרייען:

— ס'איז מיין פּיעסע! מיינע 500 דאָלאַר! נעמט זי ביי אים צו! קאַרמאַנטשיקעס! זשוליקעס! — און האָט גענומען רייסן פון אים דעם מאַנוסקריפּט.

די אַקטיאָרן זיינען געקומען צו זיך. ווי תלינים האָבן זיך אַלע איניי־נעם אַ וואָרף געטאָן אויפן דראַמאַטורג און גענומען העלפן דעם בעל הבית.

באַגאַבאַרעץ אָבער האָט צוגעקלעמט דעם מאַנוסקריפּט צו דער ברוסט מיט אייזערנע הענט.

אַ געדראַנג, אַ קאַמף, אַ פאַרצווייפלטער קאַמף!

דער שוואַכער און שטילער מענש איז אָבער איצט שוין שטאַרקער פון זיי אַלע.

דער גוטער, שטילער מענש האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדער חיה, ער וויינט שוין ניט. מיט די ציין פאַרטיידיגט ער זיין ווערק, ווי אַ חיה דעם זויגלינג, בייסט און דראַפּעט זיך, ווי אַ ווילדע קאַץ.

דער סטאַר אַנטלויפט און באַהאַלט זיך אין גאַרדעראָבע און דער מענעדזשער שרייט נאָך ווילדער אויף די אַקטיאָרן, שימפט עקלהאַפט און אוממענשלעך און דראָט צו פאַרמאַכן דאָס טעאַטער, אויב מ׳וועט אין אָוונט ניט אויפפירן די פיעסע, און וועט זיי לאָזן פגרן פון הונגער.

די דראָאונג ווירקט, ווי אַ בייטש, און די תלינים וואַרפן זיך נאָכאַמאָל אויפן אומגליקלעכן פאַרפאַסער מיט גרעסערן וואוט ווי פריער און רייסן ביי אים ענדלעך אויס דעם מאַנוסקריפּט!

ער וואַרפט זיך אָבער באַלד אויפסניי אין קאַמף אַריין. דראַפּעט זיך און בייסט, ווי אַ ווילדער טיגער, און שלאָגט זיך פאַרן מאַנוסקריפּט איינער מיט אַ מנין מענשן.

— וואַרפט אים אַרויס! אַרויס פונדאַנען דעם משוגענעם לץ! דעם קאַרמאַנטשיק! — שרייט דער מענעדזשער, ווי אַ ווילדער, צעבושעוועטער אָקס.

און אַלע רינגלען אים אַרום, פעסטע הענט קלאַמערן זיך אַרום אים, ווי אייזערנע רייפן און מען שלעפּט אים פון דער בינע.

מיטאַמאָל ווערט זיין צאָרן, זיין פאַרטיידיגונגס־קראַפט אויסגעלאָשן... אַ פאַרמאַטערטער און שוואַר־סאָפּנדער לאָזט ער זיך שוין פירן.

ס׳פירן אים אַלע, — דער קאָמיקער, דער פודל, אַפילו די צוויי קאָלעגן־דראַמאַטורגן, וועלכע זיינען פריער געזעסן אונטער אים, אויפגערעגט פון בייזער נקמה, ווי די איבעריגע.

און דער מענעדזשער שרייט נאָך אַלץ און שליידערט אים נאָך די עקלהאַפטסטע זלזולים און באַליידיגונגען.

מ׳פירט אים, ווי אין אַ חלום.

ס׳איז אינגאַנצן אַ קאָשמאַר.

אין דעם פאַיע דערוואַכט אָבער אין אים צוריק דער דיכטער, די אַנגסט פאַרן ווערק, די מוטער־ליבע און מיט אַלעם צוריק זיין ווילדער צאָרן, די פאַרטיידיגונגס־מאַכט.

ער הייבט זיך ווידער אָן צו עקשנען, בייסן, דראַפּען... ער רייסט זיך צוריק אין טעאַטער, שרייט און פאַרלאַנגט די פיעסע.

און דיזעלבע הענט כאַפּן אים ווידער אַרום, קלעמען און שמידן אים נאָך פעסטער ווי פריער.

מען שלעפּט אים, מען עפנט ברייט די טיר און מען שליידערט אים אַרויס אויפן טראָטואַר, אונטערן טראַסק און ליאַרם פון דער הויכבאַן (על.)

און ער ליגט אָן אויסגעצויגענער און אַ בלוטנדער, ווי אַ צעשמע־טערטער.

* * *

דאָס עקלהאַפטסטע האָט פּאַסירט!

די תלינים שרעקן זיך אָבער איבער פאַרן בלוט און אַנטלויפן צוריק אין טעאַטער אַריין.

ווי פֿאַרברעכער צעלויפֿן זיי זיך...

מענשן קומען, מען הייבט אויף דעם מאַן מיט די לאַנגע האָר, א צע־בלוטיגטן און צעבײלטן... מען קוקט אויף אים, אויף די פֿאַרבלוטיגטע שטיינער אונטער אים, מ׳שרייט, מ׳טומלט אין צאָרן און רחמנות. ס׳קומט צו לויפֿן א פּאָליסמאַן.

ער לויפֿט אריין אין פּאַיע פֿון טעאַטער, די מענשן נאָך אים. דער פּאָליסמאַן קומט באַלד צוריק. ער פֿירט אים אריין אין א נאָענטן דראַג־סטאָר*), מ׳ווישט אים אָפּ דאָס בלוט.

פֿרעמדע, קאַלטע פֿינגער דרייען זיין קאָפּ און טאַפּן דאָס פּנים...

און אַלץ איז דאָך א חלום, א ווילדער קאָשמאַר! ער הערט ניט, פֿאַר־שטייט ניט, וואָס ארום אים טוט זיך. ער איז פֿאַרטומלט...

* * *

דערוואַכט האָט ער פֿון קאָשמאַר שוין אין גאַס, נאָך א לאַנגן, זינלאָזן וואַנדערן.

ווי א סאָמנאַמבוליסט האָט ער לאַנג געוואַנדערט אין מיטן דער רוישנ־דער ווירקלעכקייט פֿון דער גיהנום־שטאָט און האָט זי, די ווירקלעכקייט, ניט באַמערקט און ניט געפֿילט, ביז ער האָט ניט אָנגעטאַפּט דעם באַנדאַזש אויפֿן קאָפּ, די לאַנגע, מיט בלוט־צוזאַמענגעקלעבטע האָר, וועלכע האָבן זיך אויסגעטרוקנט און זיינען איצט געשטאַנען, ווי אָנגעקראַכמאַליעטע. ער האָט זיך דערמאָנט אָן גלח מיט די לאַנגע צעפּ, פֿון וועלכן מען האָט אין טעאַטער אַזוי חוזק געמאַכט, און די ווירקלעכקייט האָט אים גענומען שווידערן. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען אריינגיין אין א באַרבער־שאָפּ**) און זיך לאָזן אָפּשערן די לאַנגע האָר. ווי א שווערער לאַסט האָט ער זיי איצט פּלוצלינג דערפֿילט אויפֿן קאָפּ.

אַז ער איז שוין געזעסן אויף דער שטול און דער איטאַליענישער באַר־בער מיט צוויי גזלנישע אויגן האָט זיך צוגערירט צום שטערן מיט דעם קאַלטן שטאָל פֿון דער מאַשינקע, האָט ער ווידער אויפֿגעשוידערט מיטן גאַנצן קערפּער, אַזוי ווי מ׳וואָלט אים צוגעשמידט צום עלעקטריק־שטול, און אַן עלעקטרישער שטראָם איז דורך דורך זיין לייב... דער באַרבער האָט אויף אים אָנגעשטעלט די גזלנישע אויגן...

און באַלד זיינען שוין די בלאָנדע, זיידענע לאָקן געפֿאַלן אויף זיין שויס, ווי זאַנגען אונטער א שניידמעסער, אַזוינע ציטערנדע און צאַפּלענדע. ווי אָפּגעשניטענע און נאָך לעבעדיגע גלידער, און אַז עס איז געקומען צו דער אָנגעזייפטער באָרד און פּאָר זיינע אויגן האָט א בליאַסק געטאָן דער שטאָל פֿון גאָלמעסער אין דער האַנט פֿונם איטאַליענער מיטן פּנים פֿון א

*) אַפּטייק.
**) צירולניק.

תלין, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ טויט־שרעק, אַזוי ווי דער באַרבער וואָלט אים געוואָלט איבערשניידן דעם האַלז.

מיט אַ שפּרונג איז ער אַרונטער פון שטול.

און דער באַרבער שרייט אויף אים, גלאַנצט מיט די צוויי גזלנישע אויגן און מיטן קאַלטן שטאָל פון גאָלמעסער אין דער האַנט. דער באַלעבאָס לויפט צו צו אים. די איטאַליענער טאַראַטאָרן איבער אים אין זייער שפּראַך, מען זשעסטיקולירט...

און ער שטייט און קוקט אויף זיי, אויפן באַרבער מיטן מעסער אין דער האַנט, אַ טויט־איבערגעשראָקענער און אַ פאַרטומלטער... באַלד גלעט אים דער באַלעבאָס פון דער צורעלניע, לאַשטשעט און באַרואיגט אים, ווי אַן איבערגעשראָקן קינד, פירט אים צוריק צום שטול.

שוין ניט דער באַרבער, דער גזלן, נאָר דער באַלעבאָס אַליין זעצט אים אַריין אין שטול, גלעט אים ווידער און באַרואיגט אים, קלייבט אַ מעסער נאָך אַ מעסער, ציינט אים דאָס מעסער, לאַכט צו אים, ווי צו אַ קינד, און נעמט זיך אַליין אים גאָלן, זאַנפט און לייכט.

און מען גאָלט אים אָרום. אָבער פון שפּיגל קוקט שוין אויף אים ניט ער, נאָר זיין געשפּענסט. ער וואַרפט צו צו דעם באַרבער אַ דאָלאַר און אַנטלויפט.

און ווידער איז ער אויף דער גאַס אונטערן טראַסק און ליאַרם פון די עלעוועיטאָרס...

איבערגעשראָקן פון זיי, לויפט ער אָפּ אין אַ זייטיגער גאַס און גייט באַוואוסטלאָז, אָן געדאַנקען, מיט אַן אויסגעלאָשענעם פאַרטומלטן קאָפּ, ווידער ווי אין אַ חלום...

מענשן שטעלן זיך אָפּ און קוקן אים נאָך. אַ פּאָליסמאַן הייבט אָן אים נאָכגיין לאַנגזאַם און מאַיעסטעטיש, ווי אַ גרויסע סטאַטוע וואָלט זיך באַוועגט. ער ציטערט אויף פון זיינע פאַרפאָלגנדע בליקן און לויפט, און וואַנדערט ווייטער אין אַ זייטיג געסל, ווי אַ סאָמנאַבוליסט וואַנדערט ער...

די פאַרשטעלונג

אַז דער סטאַר האָט זיך גוט איבערגעלייגט, וואָס ס'האָט זיך ערשט אומדערוואַרטעט אָפּגעשפּילט אין זיין טעאַטער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ. די שענדלעכע געשיכטע האָט אים געפּאַטשט איבערן פּנים. אַן אויפגערעגטער איז ער אַרומגעלאָפן איבער דער גאַרדעראָבע, פאַרפאָלגט מיט אַנגסטלעכע בליקן פון זיינע משרתים און לייב־מענשן. פאַרריכטן אָבער האָט מען דאָס אָפּגעטוענע שוין ניט געקענט.

— מיין גאָט! וואָס וועט זיין, אַז די פּרעסע וועט זיך דערפון דערוויסן? — האָט ער געפרעגט די משרתים זיינע.

און באַלד האָט ער געכאַפּט אַ שטעקן און געלאָפן זיך שלאָגן מיטן דירעקטאָר.

פארשטייט זיך, אז מען האט אים אפגעהאלטן. ס'איז געווארן א נייע מהומה. דער סטאר האט זיך געשאלטן מיט אלע רוסישע קללות, וועלכע זיינען ביי אים פארבליבן פון דער רוסישער קולטור, האט געזידלט די גאנצע טרופע, געדראט אוועקצוגיין פון טעאטער. די אקטיארן האבן זיך פאר־ענטפערט און איינער האט ארויסגעווארפן די שולד אויפן צווייטן. הויפט־זאכלעך האט מען באשולדיגט דעם דירעקטאר.

— מיר ווייסן ניט, פארוואס... פון דעם ערשטן טאג אז האט דער כאם באקומען צו דעם מאן אן אנטיפאטיע, אן אומזיסטע שנאה, א שאד! א טאלאנטפולער מענש... אזא פראזע, אזא פראזע!

דעם דירעקטאר האבן זיי געזאגט אזוי:

— דער רוח ווייסט וואס... נאדיר גאר „קרעציגע נשמות". ווער האט עס געדארפט? ווייסט ער דען, וואס ער לייענט און וואס ער קויפט? אזא אלטער עובר־בטלניק!

דערמיט האבן זיי נאך צעבלאזן דאס פייער ביי ביידע צדדים. ס'איז געקומען באלד צו א צוזאמענשטויס צווישן סטאר און טעאטער־דירעקטאר מיט זלזולים און מיט שטולן.

מען האט זיך דערמאנט אן אלטע עולות, וואס ווער האט אמאל געטאן און מען האט דאס אלץ ארויסגעשליידערט איינער דעם צווייטן.

דער קונסט־טעמפל האט געהאלטן ביים אומפאלן. די טרופע האט זיך איבערגעשראקן פאר די שכירות. דאן האבן די ארטיסטן גענומען לויפן פון סטאר צום דירעקטאר און צוריק, האבן ביידע אפגעהאלטן פון עקסטרעמען, האבן זיי געלעקט און געחנפהט אויפן נידעריגסטן אופן.

דעם אומגליקלעכן אויטאר, דעם גלח מיט די צעפ, האבן זיי דערביי געוואונשן אלדאס־בייז.

מיט גרוים מי האט מען די צוויי באלעבאטים איינגעשטילט און מ'איז געגאנגען שפילן דיזעלבע פיעסע, ווייל ס'איז שוין קיין ברירה ניט געווען, ווייל זי איז דאך שוין געווען אנאנסירט און איז רעקלאמירט געווארן.

* * *

מארוסיא האט דערווייל זיך ניט געקענט דערווארטן אויפן מאן מיטן אוונט־ברויט און איז געווארן אומרואיג.

באלד איז געקומען חיים יענקל פאר דער געוויינלעכער צייט, אז אומרואיגער און פארזארגטער. די אפוועזנהייט פון זיין פריינד האט אים געמאכט נאך אומרואיגער. ער האט געוואלט גיין צום טעלעפאן, אפרופן דעם טעאטער־דירעקטאר און פרעגן, צי ער איז דארט ניט געווען. מארוסיא האט אים אבער דערפון אפגעהאלטן בייז און צארנדיג. זי האט ניט גע־וואלט, אז אפילו איר טעלעפאן זאל שטיין אין פארבינדונג „מיט יענע הערן".

די צייט איז אבער געלאפן און באגאבארעץ איז נאך אלץ ניט געווען.

זייער אומרואיקייט איז שנעל אויסגעוואַקסן. אַז אַנגסט פאַר זיין לעבן, אַז אַנגסט, וועלכע האָט זיך ווי אַ בלייערנער לאַסט געלייגט אויף די געמיטער פון ביידע, פון ווייב און פריינד. זיי האָבן אָבער ניט גערעדט וועגן דעם, אַזוי ווי זיי וואָלטן געציטערט פאַר זייערע אייגענע ווערטער און געדאַנקען. דאָס שווייגן האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זייער אומרואיקייט און די דריקנדע בלייערנע אַנגסט.

נאָך זיבן אַזייגער האָט זיך מאַרוסיאַ גענומען פיבערהאַפט אָנטאָן און געזאָגט צו חיים יענקלען:

— פירט מיך צו די זשידעס!

חיים יענקל האָט פאַרשטאַנען וועמען זי מיינט און האָט זי שווייגנד באַגלייט. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. יעדע־רער איז געזעסן שטום, געפאַנגען פון זיינע בייזע פאָרגעפילן און שרעקנדע געדאַנקען.

אַז זיי זיינען געקומען צום טעאַטער, איז דער העל־באַלויכטענער פאָיע שוין געווען אַזוי געפאַקט מיט מענטשן, אַז מ'האָט זיך ניט געקענט דורכ־שטופּן. די „געקרייציגטע נשמות" האָבן אַ ציִ געטאָן דעם עולם מיטאַמאָל, מיטן ערשטן שפּרונג, אַזוי צו זאָגן.

פונדעסטוועגן האָט איינער פון די טעאַטער־משרתים זיי באַלד דערזען, און אַזוי ווי ער וואָלט אויף זיי שוין אויסגעקוקט, איז ער צוגעלאָפן צו זיי און האָט זיי באַגריסט מיט אַן אונטערטעניגער העפלעכקייט פון אַ לאַקיי, פונקט ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט מיט פיר שטונדן צוריק.

חיים יענקלס ערשטע פראַגע איז געווען:

— מר. ראַבינאָוויטש איז דאָ געווען?

— יעס, סער! — האָט זיך אונטערטעניג פאַרבויגן דער לאַקיי.

חיים יענקל און מאַרוסיאַ האָבן זיך פאַרוואונדערט איבערגעקוקט.

— און וואו איז ער איצט?

— ער איז וואַרשיינלעך געפאָרן אַהיים זיך איבערטאָן.

— ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיין צו דער פאָרשטעלונג?

— איך האָף, סער, — האָט געזאָגט דער משרת אַביסל צוריקגעהאַלטן.

דער אונטערטעניגער „סער" און די קאַלטע העפלעכקייט פון דעם מאַכער, וואָס האָט אין דער יעראַרכיע פון די טעאַטער־משרתים פאַרנומען אַ וויכטיגן פּלאַץ, זיינען דעם קריטיקער ניט געפעלן געוואָרן. דער מאַן האָט געמאַכט אויפן קריטיקער דעם איינדרוק פון אַ קאַץ, נאָכדעם ווען זי האָט שוין אויפגעגעסן די סמעטענע. פונדעסטוועגן האָט ער איבערגעזעצט זיינע רייד מאַרוסיאַן און האָט געוואָרט אויף איר באַפעל.

— קויפט צוויי בילעטן אין אַ לאָזשע און מיר וועלן אַריינגיין — און זי האָט אים דערלאַנגט געלט.

אַז דער מאַכער האָט דערזען דאָס געלט, האָט ער פאַרשטעלט חיים יענקלען דעם וועג צו דער קאַסע.

— קיינע בילעטן פאַר אײַך! איר קריגט פּלעצער אַזוי, אַן געלט — און ער האָט זיך נאָך אַמאָל העפלעך פאַרבויגן.

מ'האָט זיך געאַמפּערט אַביסל. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן און מ'האָט געמוזט אָננעמען דעם פאָרשלאַג.

געפירט פון אים, זײַנען מאַרוסיאַ און חיים יענקל אַרײַן אין דער לאָזשע און האָבן פאַרנומען די פון אים אָנגעוויזענע פּלעצער.

חיים יענקל האָט זיך אַרומגעקוקט.

צו דער ערשטער פאָרשטעלונג איז געקומען די גאַנצע פּרעסע און אַ סך איסט־סיידער אינטעליגענטן, וועלכע האָבן שוין יאָרן־לאַנג ניט אַרײַנגעשמעקט אין אַ אידיש טעאַטער.

פאַר אים איז דאָס געווען אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. ס'האָט אים אָבער געמאַכט נאָך אומרואיגער און נערוועזער.

ס'האָט ניט געדויערט לאַנג און די פאָרהאַנג האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן.

מאַרוסיאַ האָט פאַרגעסן אַן איר אומרואיקייט, וועלכע האָט זי געבראַכט אין אידישן טעאַטער. איבעריגנס האָט זי פאַרשטאַנען וואָס מיט איר מאַן האָט געקענט פּאַסירן: זיך פאַרשפּעטיגט און איז געפאָרן זיך איבערטאָן. מסתמא וועט ער באַלד אָנקומען און מ'וועט אים שוין צו איר אין לאָזשע אַרײַנפירן. באַלד האָט זי אים אינגאַנצן פאַרגעסן.

די בינע האָט פאַרכאַפּט אירע געדאַנקען. זי האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן. אָבער באַלד האָט זי אָנגעכאַפּט דעם קריטיקער פאַר דער האַנט, אַן איבערגעשראָקענע דערפון, וואָס זי האָט דאָרט דערזען:

זי האָט דערזען פרעמדע און ווילדע געשטאַלטן, וועלכע זי האָט גאָרניט דערקענט. און פון די פרעמדע משונהדיגע העלדן און פון זייער שפּראַך, וועלכע זי האָט ניט פאַרשטאַנען און העוויות האָט זי פּלוצלינג דערפילט ווי בויך־קרעמפּן, ווי קינדער־ווייען, ווי אַמאָל ביים געבורט פון אירע קינדער. אויף דער בינע איז אויך פאָרגעקומען די געבורט פון אַ קינד, וואָס איז איר געווען אַזוי טייער. זי האָט אָבער דערזען אַ פאַרזעעניש און האָט אָנגעהויבן צו שוידערן מיט אַלע אברים, אַזוי האָבן געגרילצט און געריסן די אויערן די אידישע קינסטלער, וואָס האָבן געשפּילט געגנעראַלן און גראַפן. דער עסטעט איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ.

דער סטאַר האָט זיי אָבער דערזען און האָט אָנגעשטעלט זײַנע אויגן אויף זייער לאָזשע. מאַרוסיאַ האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט שוין מער ניט געקוקט אויף דער בינע...

און אין דערזעלבער צייט, ווען זי איז געזעסן אין טעאַטער, איז צו איר אַהיימגעקומען אַ גאַנצע דעפּוטאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון זייער פרײַנד גלעקעל און עטלעכע אַקטיאָרן, געשיקט פון סטאַר, מיט אַלע מעגלעכע אַנטשולדיגונגען פאַרן פאַרפּאַסער און מיט אַ באַפעל צו ברענגען אים אין טעאַטער אַרײַן.

אין קאַטערזש אַבער האָבן זיי דעם „גלח מיט די צעפּ" שוין ניט געטראָפן און זיינען אין זייער אויטאָמאָביל געלאָפן צוריק, ווי פאַרסמטע...

אינצווישן האָט מען אַרונטערגעלאָזט די פאָרהאַנג אונטער אַ שטורם פון גוואַלטיגע אַפּלאָדיסמענטן.

מאַרוסיאַ און חיים יענקל זיינען גלייך ביידע אויפגעשפּרונגען, אַזוי ווי זיי וואָלטן דערוואַכט פון הינער־פּלוט. זיי האָבן זיך אויף די אַפּלאָדיסמענטן ביידע ניט געריכט און האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען.

באַלד איז צו זיי אין לאָזשע אַריין גלעקעל אַ פאַרסאַפּעטער. זיין פּנים האָט זיי איבערגעשראָקן. מאַרוסיאַ האָט זיך דערמאָנט אָן איר מאַן און די אַנגסט האָט ווידער צוזאַמענגעקלעמט איר האַרץ און האָט פּלוצלינג פאַרדעקט דאָס פלאַמענדע פּנים מיט אַ טויטער בלייכקייט.

גלעקעל האָט עס באַמערקט און איידער זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָט ער איר געזאָגט, אַז באַלד וועט באַגאַבאַרעץ קומען און איז אַרויס פון דער לאָזשע.

מאַרוסיאַ האָט זיך באַרואיגט, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף איר שטול און האָט גענומען קוקן אַרום זיך, אויף דעם אויפגערודערטן און רוישנדן עולם אין טעאַטער.

און ניט ווייניגער האָט געראַשט און גערודערט אין דערזעלבער צייט הינטער די קוליסן.

מ'האָט זיך דאָרט געביסן די נעז, געקריגט מיט צייןֿ־קריצעניש און מען איז ווידער געלאָפן זוכן דעם פּראָפּאַסער.

ראשית האָט דער ערשטער אַקט זיך אַרויסגעוויזן, ניט קוקנדיג אויפן שלעכטן שפּילן, פאַר אַ גוואַלטיגן דערפאָלג.

דאָס טעאַטער האָט געדונערט פון אַפּלאָדיסמענטן און האָט אַרויסגערופן די אַקטיאָרן. און צו אַ דערפאָלג דאַרף מען ערשט האָבן דעם פּראָפּאַסער.

צווייטנס איז דאָס געוויסן פון דער גאַנצער באַנדע און איבערהויפּט פון סטאַר געווען אומרואיג ווי ביי פאַרברעכער...

דריטנס האָט מען מורא געהאַט פאַר דער פּרעסע, וועלכע איז, ווי אויף צו להכעיס, געקומען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג. זי האָט זיך לייכט געקענט דערוויסן פון דער גאַנצער מיאוסער געשיכטע און מאַכן אַ סקאַנדאַל...

ווייטער האָט דער סטאַר געדראָט, אַז ער וועט אַוועקגיין פון טעאַטער אין מיטן דער פאָרשטעלונג, אויב מ'וועט ניט ברענגען צוריק דעם פּראָפּאַסער און מ'וועט זיך ניט אַנטשולדיגן פאַר אים.

דעם דירעקטאָר האָט מען שוין אינגאַנצן ניט געזען. ער האָט זיך באַהאַלטן, ווי אַ געשלאָגענער הונט.

* * *

און אין דערזעלבער צייט, ווען גלעקעל און די טעאַטער־משרתים זיינען

אַרומגעלאָפן און געזוכט דעם פּראָפעסער, איז באַגאַבאַרעץ געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ סלופּ פון עלעווייטאָר, ניט ווייט פון טעאַטער.

ער איז שוין געשטאַנען דאָרט פון לאַנג, פון אַ פּאָר שטונדן. אַ קאַלטער ווינטער־רעגן האָט דורכגעווייקט אַלע זיינע אברים אין דער צייט. אַ פיבער האָט שוין גענאָגט אין אַלע זיינע קראַנקע און צעבראָכענע אברים...

אָנגעשפּאַרט אָן סלופּ, אונטער דעם טראַסק און ליאַרם פון די לויפנדע צוגן, האָט ער אָבער שוין ניט געפילט די פיזישע פּיין. די צעפליישטע און געגאָלטע אברים זיינען שוין געווען פאַרחלשט און פאַרטויבט, דאָס איז געווען אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט זיינע מאָראַלישע ליידן, מיט דער גסיסה פון זיין נשמה. איז ער דען ניט געווען פאַרשטויסן פון ביידע ברעגן, געטראָגן פון ברויזנדן שטראָם אָן אַ פאָטערלאַנד און אָן אַ פאָלק? איז דען ניט די לעצטע האָפנונג, אָן וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן, ווי אַ שיפסברוך־ליידנדער געלעגן צעשמעטערט פאַר אים? און ווי דער געקרייציגטער האָט ער שוין ניט געטראַכט פון זיך, פון דעם פאַרוואונדעטן און צעריסענעם קערפּער. זיינע אין פיבער־ברענענדע ליפּן האָבן ווידער געשעפּטשעט:

— איז דאָס דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד? איז עס דאָס גרויסע אין זיינע ליידן און אייביגע געקרייציגטע אידישע פאָלק? דאָס פאָלק פון די שיינע מאַרטירער־לעגענדן, פון משיחים, נביאים און שייטערהויפנס? און פאַר דידאָזיגע אידן איז ער, דער פאַרבלאָנדזשעטער זון, געקומען קניען, בעטן פאַרצייאונג?

ווי פייערצונגען פון אַ שייטערהויפן כאַפּן אַרום און ברענען, אַזוי האָבן די געדאַנקען אַרומגעכאַפּט און געברענט דעם מאַרך, דעם צום סלופּ צוגענאָגלטן און געקרייציקטן קערפּער. און דאָס פאָלק איז געלאָפן פאַרביי אים, דעם געקרייציגטן; געלאָפן פון די שעפער און פאַבריקן פאַרזאָרגטע און פאַרהאָרעוועטע. אייניגע האָבן זיך אינסטינקטיוו אָפּגעשטעלט און זיך איינגעקוקט אין פנים פון דעם לאַנגן מאַן, וועלכער איז אומבאַוועגלעך, ווי אַ צוגעשמידטער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אייזערנעם סלופּ פון עלעוועיטער. אָבער נאָר אויף אַ רגע און זיינען ווייטער געלאָפן... צו זיך אַהיים, צו זייערע ביליגע און קליינע פאַרגעניגנס און גרויסע זאָרגן...

און ווען די פּיין איז געוואָרן אומדערטרעגלעך און ער האָט געוואָלט אויסשרייען, אויסקרעכצן פאַר עמעצן זיינע ווייטאָגן, האָט ער אָפּגעריסן די גענאָגלטע אברים פון סלופּ און האָט זיך געלאָזט נאָכלויפן. אַלץ איינס, נאָך וועמען! וועט ער דען ניט אין דעם גרויסן גיהנום, צווישן די אַלע, טרעפן כאָטש איין נשמה, אייננאָונאייניציגע געפּלאָגטע, ווי ער, וועלכע וועט אים פאַרשטיין?

איצט האָט ער שוין קיינעם ניט געהאַט; אפילו ניט מאַרוסיאַן... אַ וואַנט איז אויסגעוואַקסן צווישן מאַן און ווייב.

קיינער אָבער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשטעלן... אַ פּאָר האָבן דער־

לאַנגט נדבות, ווער אַ פעני, ווער אַ ניקל און זיינען געלאָפן ווייטער, נאָך שנעלער ווי פריער, אַזוי ווי אין אַנגסט פאַר אַ פאַרפאַלגונג.

אַז ער האָט אָבער דערזען די ברעד־לאַין, די לאַנגע שורה פון פאַר־שטויסענע מענשן, היימלאָזע און ציטערנדע פון קעלט און הונגער, איז אים מיטאַמאָל גרינגער געוואָרן. דער ווייטאָג פון זיין אייגענער באַליידיגונג און פאַרשטויסונג האָט זיך אָנגעהויבן צעשמעלצן און צעגיין אין ברייטן און טיפן ים פון מענשנס־ליידן, אין דער טראַגעדיע פון זיין עקזיסטענץ אויף דער ערד.

דאָס רחמנות צו די פאַרשטויסענע און ציטערנדע באַסיאַקעס האָט אָנ־געהויבן צו קילן און לינדערן זיינע אייגענע וואונדן. וואַרעמע און שטילע טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו גיסן פון זיינע אויגן, טרערן פון רחמנות צו אַלע ליידנדע, צו דער גאַנצער געקרייציגטער מענשהייט... זיין צער איז אים מיטאַמאָל פאַרגעקומען אַזוי עגאָאיסטיש, זיין אייגן לעבן און ליידן קליינלעך און אומווירדיג. וואָרים זאָל ער זיין אַן אויסנאַם? פון דער רייכער לעבנס־סעודה נעמט ער דאָך נאָך אַלץ דעם גרעסטן און געשמאַקסטן ביסן... ניין, ער דאַרף ניט זיין קיין אויסנאַם! גלייך מיט אַלע פאַר־שטויסענע וועט ער טרינקען דעם בעכער פון עלנד און דערנידערונג ביזן דעק.

און אַז ער האָט זיך געשטעלט אין דער ברעד־לאַין, אין דער לאַנגער שורה פון די הונגעריגע און ציטערנדע פון קעלט און אומגעדולד, וואָס וואַרטן אויף אַ מאָלצייט, האָט זיך אַ פרייד צעגאָסן איבער זיין לייב... אַזוי ווי אַ היילנדער באַלזאַם וואָלט מיטאַמאָל קילענד פאַרדעקט און פאַר־טויבט די וואונדן...

* * *

פון טעאַטער האָט מען אים אינצווישן ניט אויפגעהערט צו זוכן. גלעקעל און צוויי מאַכערס. איינער איז געלאָפן צום פאָליסמאַן, צום זעלבן, וואָס האָט אים בייטאָג אויפגעהויבן פון טראָטואַר. ער האָט אים געפרעגט, צי האָט ער אים ניט אָפגעפירט אין פאָליס־סטעישאַן. דער פאָליסמאַן האָט געענטפערט, אַז ניין, האָט זיך אָבער דערמאַנט, אַז ער האָט אים ערשט ניט לאַנג געזען שטיין אָנגעשפאַרט אָן עלעוועיטער.

— ער מוז זיין אַ קראַנק! — האָט געזאָגט דערביי דער פאָליסמאַן.

גלעקעל האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ און מ'איז געלאָפן ווייטער, אין דער ריכטונג, וואו דער פאָליסמאַן האָט אָנגעוויזן, פון סטויפּ צו סטויפּ, פאַרצווייפלטע און זוכנדע.

אַז באַגאַבאַרעץ האָט דערהערט זיין פריינדס שטימע, האָט ער אים אָפגערופן פון דער ברעד־לאַין. ער האָט אים געוואָלט דערציילן פון זיין פרייד און דערלייזונג, ווי אַ מענש, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל באַפרייט פון זיין אומדערטרעגלעכן שמערץ.

גלעקעל האָט זיך אָפגעשטעלט אין גרויסער איבעראַשונג.

אַז ער האָט זיך אָבער גוט איינגעקוקט אין פּנים פון דעם, וואָס האָט אים גערופן, איז ער אָפּגעשפּרונגען פון אים, ווי פון אַ געהאָנגענעם.

אַזוי פאַרענדערט איז געווען איצט אין עלעקטרישן ליכט דער באַגאַ־באָרעץ, אַן זיינע לאַנגע האָר און אַן דער באָרד, אַ צעבייזלטער און צע־קלאַפּטער.

אַ ווייגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון גלעקעלס ברוסט.

ווי נאַכט־באַנדיטן האָבן זיך די טעאַטער־משרתים אַ וואָרף געטאָן אויף גלעקעלן, גרייט אים צו דערשטיקן:

— שאַט! מאַכט ניט קיין גוואַלט! — ווי אַ קינד האָבן זיי גענומען דעם פּראָפעסאָר פון די „געקרייציגטע נשמות" און האָבן אים אַוועקגעפירט פון דער ברעד־לאַין אין טעאַטער אַריין. די באַסיאַקעס, פאַר וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט די קורצע סצענע, האָבן אים און זיי באַגעגעשיקט זייער פלוך... און מיט אַ זייטיגן גאַנג האָבן זיי אים אַריינגעפירט וזינגטער די קוליסן אין סטאַרס גאַרדעראָבע, און ער האָט זיך געלאָזט פירן, אַז פראַ־טעסט און אַן ווילן, ווי אין חלום.

אַ פאַרטומלטער, ווי אין חלום, האָט ער זיך געלאָזט אַוועקלייגן אויפן דיוואַן און גלעקעל האָט זיך גענומען טומלען איבער אים, בעטן, אַז ער זאָל זיך באַרואיגן, טרייסטן, הגם ער איז געלעגן גאַנץ רואיג און אויסגעלאָשן.

און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון גלעקעלס אויגן, אַזוינע געזאַלצענע און ביטערע, אַז זיי האָבן געברענט דאָס פּנים...

אין דערזעלבער צייט האָט זיך דעם דיכטערס טראַגעדיע ווייטער און אומגעשטערט געשפּילט אויף דער בינע. דער דריטער אַקט האָט שוין געהאַלטן ביים סוף. דער וויי־געשריי און די פּיין פון די געקרייציגטע נשמות האָט זיך דאַך אַרויסגעריסן איבער די קעפּ פון די פּורים־שפּילער, און דער עולם איז געזעסן אַ צוזאַמענגעדרייטער און אַ פאַרציטערטער.

מאַרוסיאַ און חיים יענקל זיינען אויך געזעסן צוזאַמענגעדרייט מיט פאַרקילט בלוט אין די אָדערן. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז מען זוכט אים, דעם דיכטער, אַז אינדערהיים איז ער ניטאָ. די אַנגסט פאַר אים, בייזע און קלעמענדע פאַרגעפילן, צוזאַמען מיט דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער בינע, — ווירקלעכקייט און שפּיל האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און געהאַלטן זיי, ווי אין הינערפּלעט. ווי אין הינערפּלעט האָבן זיי ניט גע־וואוסט, וואָס טוט זיך מיט זיי, צי זיי זיצן אין טעאַטער, אָדער זיי לעבן איבער אַ בייזן חלום, און זיי האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט...

* * *

אָט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט די פאָרהאַנג, און דער עולם שפּרינגט אויף ווי משוגע פון די ערטער און שרייט:

— אויטאָר! אויטאָר! אויטאָר!

מאַרוסיאַ און חיים יענקל זיינען אויפגעשפּרונגען. די פאָרהאַנג הויבט

זיך אויף. אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן און אָוואַציעס טראָגט זיך און דונערט איבערן הויז...

אַז ראַבינאָוויטש האָט דערהערט אין דער גאַרדעראָבע די אָוואַציעס און זיין נאָמען, איז ער אויפגעשפּרונגען פון דער סאַטע, אַפּגעשטויסן פון זיך דעם איבער אים געבויגענעם גליקעלן און איז אַרויס אויף דער בינע. ווי פון דר'ערד איז ער אויס־געוואַקסן פאַרן סמאַר און דער ראַנצער קאָמ־פּאַניע. אַ גאַנץ פרעמדער מענש, און זיי האָבן אים ניט דערקענט... און איידער זיי זיינען געקומען צו זיך, איז דער פרעמדער שוין געשטאַנען, נאָענט צום אָרקעסטער אויף די קני פאַרן אידישן פאָלק, האָט געקוקט, ווי אַ וואַנ־זיניגער, און האָט געטרייסלט מיט די ליפּן און האָט געציטערט מיט אַלע אברים...

דאָס טעאַטער איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, אַזוי, אַז מ'האָט געקענט הערן, ווי דער וואַנזיניגער קנאַקט מיט זיינע ציין פון פיבער. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, האָט אָבער ניט געקענט און האָט זיך צעוויינט הויך, היסטעריש און האַרצרייסנד ביטער...

אַ שוידער איז דורכגעלאָפן איבערן עולם און האָט אים פאַרגליווערט. אַלע זיינען געבליבן שטיל, אויסגעשטאָרבן... די טויטע שטילקייט האָט אָבער באַלד צעריסן אַ ווילד געשריי, אַ געשריי, ווי פון אַ פאַרוואונדעטן.

דאָס האָט מאַרוסיאַ אויסגעשריגן פון איר לאָזשע.

זי האָט אים דערקענט.

ווי אַ שטורם־ווינט וואָלט זי אויפגעהויבן, אַוועקגעטראָגן און אַ שלייַ־דער געטאָן אויף דער בינע.

און באַלד האָט דער פאַרשטאַרבענער און פאַרגליווערטער עולם דער־זען, דאָרט לעבן דעם קניענדן און וויינענדן מאַן אַ פרוי.

מיט ביידע הענט האָט זי געכאַפּט דעם מאַנס גלאַט־אָפּגעשוירענעם קאָפּ, דאָס צעביילטע און פאַרענדערטע פּנים אָן דער זיידענער באָרד, האָט אים געדרייט מיט צאַרטע, ווייסע פינגער אין אַלע זייטן, געדריקט צו זיך און געשריגן אוממענשלעך און פאַרצווייפלט געשריגן, אַזוי ווי זי וואָלט געהאַלטן אין די הענט שוין אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון אַ גילאָטינירטן...

— וואָס האָט איר פון אים געמאַכט!

און אַ פלוך איז אַרויס פון מויל פון דער פאַרצווייפלטער פרוי:

— אַ פלוך אויף אייך, איר קרייַצער. איר האָט קריסטוסן געקרייַ־ציגט און געפּייניגט, אייערע נביאים פאַרשטיינערט און איצט אים! — האָט געשריגן אין איר ווילדן צאָרן די קאַצאַפּקע.

אויף דער בינע זיינען אַרויף חיים יעקל, גלעקעל, דער דירעקטאָר, אַלע, וועלכע זיינען געווען הינטער די קוליסן.

און זי דריקט אַלץ דעם קאָפּ צו איר ברוסט, קושט אים, שרייט, וויינט און פלוכט...

ווי אַ טיגער איז חיים יענקל אַרויף מיט איין ווילדן שפּרונג דעם דירעקטאָר אויפן האַלז און האָט אים גענומען בייסן און דראַפּען...

די אַקטיאָרן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן זיי צו צענעמען.

אַ קאַמף, אַ געשלעג...

דער עולם אָבער איז אַלץ פאַרגליווערט און געלעמט. אין ערשטן מאָמענט גלייבט ער, אַז דאָס איז אַלץ שפּיל, טעאַטער, אַז די מהומה אויף דער בינע געהערט צו דער פאָרשטעלונג.ווירקלעכקייט און שפּיל מישן זיך אויס צוזאַמען אין איין קאָשמאַר. באַלד אָבער קומען איינציגע צו זיך און הייבן אָן פּראָטעסטירן. דאָס טעאַטער דערוואַכט פון קאָשמאַר. דער עולם הייבט אָן צו שרייען און ליאַרמען. אַ שטורם טראָגט זיך און בושעוועט איבערן טעאַטער, אַ צעבושעוועטער משוגעים־הויז!...

און די פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער, און די פאָרשטעלונג איז צו ענדע. מער האָט מען אין יענער נאַכט ניט געשפּילט.

„אַ קריסטלעכע פּלעי פון אַ אידישן קרענק"

די פּרימיערע איז פאָרגעקומען פרייטאָג ביינאַכט, ווען אַלע שבתדיגע צייטונגען זיינען שוין געווען געדרוקט. זונטאָג פרי האָבן שוין אַלע אידישע צייטונגען געבראַכט באַריכטן איבער דער אומגליקלעכער פאָרשטעלונג און איבער אַלץ וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף אַ אידישער בינע אין דעם אָוונט.

אַ טעאַטער־קריטיקער פון די געוועזענע הויזן־נייערס האָט געווידמעט דער טרויעריגער געשיכטע גאַנצע צוויי קאָלומנס אונטער אַ גרויסן קאָפּ: „אַ קריסטלעכע פּיעסע פון אַ אידישן קרענק".

אין דעם שפּאָטנדן טאָן זיינען געווען פאַרפאַסט אַלע קריטיקן, געניוער געזאָגט, באַריכטן. קיין טאַלאַנט ביי דעם „אַזוי פיל געבומטן נייעם דראַמאַטורג" האָט קיינער פון די קריטיקער ניט געפונען; ווייניגסטנס אין די דריי אַקטן, וואָס מ'האָט געשפּילט. איינשטימיג אָבער האָבן די קריטיקער געפונען, אַז דער אויטאָר איז אַ קרענק, אַ משוגענער. מ'האָט אים דערפאַר אַביסל באַדויערט, אָבער אין דעם לייכטן, שפּאָטנדן טאָן, מיט וועלכן ס'איז אָנגענומען צו שרייבן קריטיקעס אין דער אידישער פּרעסע פון ניו־יאָרק.

מער אָבער ווי דעם אויטאָר האָט איין צייטונג באַדויערט דעם באַרימטן טעאַטער־דירעקטאָר, וועלכן זי האָט גערופן „די כשרע אַם פון אידישן טעאַטער". די אַם האָט נעבאַך אויסגעגעבן 500 דאָלאַר אויף עכטע ליטעראַטור און האָט געהאַט אַזאַ וויסטן סוף...

דער איינציגער מוסר השכל פון אַלע וויציגע קריטיקעס איז געווען דער, אַז מ'דאַרף ניט טאַקע קיין ליטעראַטור.

פון דעם וואולגאַרן טאָן, אין וועלכן דער אינצידענט איז באַהאַנדלט געווען פון דער פּרעסע, איז געווען שווער צו פאַרשטיין, צי מיינט מען עס

ערנסט, אָדער מען קיבעצט זיך. פון דעם אַלעם, וואָס האָט פּאַסירט מיטן משוגענעם אויטאָר, פאַר דער פאַרשטעלונג איז קיין וואָרט ניט געזאָגט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. מ׳האָט שוין דערפאַר געזאָרגט...

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער גאַנצער געשיכטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס די סענסאַציאָנעלסטע „נאַציאָן" האָט איגנאָנצן פאַרשוויגן דעם סענסאַציאָנעלן אינצידענט. קיינער האָט עס ניט געקענט פאַרשטיין...

די אורזאַך אָבער איז געווען די, וואָס איר טעאַטער־קריטיקער איז געווען חיים יענקל אַליין, וועלכער האָט דורכגעלעבט דעם גאַנצן טרויעריגן אינצידענט מיטן אויטאָר צוזאַמען...

דערפאַר טאַקע האָט די „נאַציאָן" פאַרזוימט די סענסאַציע און איז געבליבן ווי אין דרויסן...

ווען מילמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, וואָס חיים יענקל האָט אָפּגעטאָן, האָט פּאַסירט נאָך עפּעס ערגערס. מיטוואָך איז אין אַ געוויסן וואָכן־בלאַט אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ לאַנגער באַריכט איבער דער גאַנצער געשיכטע און פון חיים יענקלען אַליין.

דער באַריכט אָדער קריטיק האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער קריסט־לעכער איד און דער אידישער קריסט". אייגנטלעך איז דאָס געווען ניט קיין באַריכט און ניט קיין קריטיק.

מענשן, וועלכע געפינען זיך אין אַזאַ גייסטיגן צושטאַנד, ווי דער אַרימער קונסט־קריטיקער האָט זיך געפונען, זיינען ניט אימשטאַנד צו שרייבן ניט קיין באַריכטן און ניט קיין קריטיקן. עפּעס אַנדערש האָט געשריבן חיים יענקל.

מיט אַזאַ צאַרנדיג־ברענענדיגער צונג רעדן מענשן אין וואַנזיניגער אַנטריסטונג, אין פלאַמען פון עמפּערונג...

ס׳איז געווען אַ וויי־געשריי פון אַ אידישער נשמה אין פלאַמען פון שאַנד פאַרן אייגענעם פאָלק, פאַר דער אייגענער אידישער אָפּשטאַמונג...

אין אַזאַ צושטאַנד פון עמפּערונג זאָגן זיך מענשן אָפּ פון זייער פאָלק און זייער גלויבן. אין דעם צושטאַנד איז חיים יענקל געווען גרייט צו באַגיין דעם פעלער, וואָס באַגאַבאַרעץ איז אַמאָל באַגאַנגען.

צוערשט האָט ער דערציילט, ווער דער „קרענק" איז, אַז דער טאַלאַנט־לאָזער ראַבינאָוויטש איז דער באַרימטער רוסישער דיכטער באַגאַבאַרעץ, וועלכן דאָס רוסישע פאָלק האָט שוין לאַנג געקרוינט מיט דער שענסטער דיכטער־קרוין און האָט אים אָנגענומען אינם פּאַנטעאָן פון זיינע גרויסע שרייבער.

אַז באַטרינקען פון רום און כבוד האָט דער יונגער דיכטער פאַרלוירן זיין קאָפּ און האָט געטאָן אַ לייכטזיניגן שריט אין לעבן, וועלכער האָט אים געבראַכט צום אָפּגרונט, צו דער גרעסטער טראַגעדיע, און חיים יענקל האָט איבערגעגעבן אין קורצע ווערטער דידאָזיגע טראַגעדיע.

„געקומען איז דער „קרענק" אהער קניען פאַר אייך, אידן, פאַר דעם

עם הבחירה, בעטן פארצייאונג און אייך שענקען זיין מארך, זיין בלוט, זיין צאפלענדיג און גרויס הארץ. אייך דינען ביז דעם לעצטן אטעמצוג, דעם אטעמצוג פון א גרויסן און אומגליקלעכן דיכטער.

„און איר, אידן, האט זיין נשמה, ווי אמאל די רוימער דעם נוצרי, געקרייציגט און צעטרעטן!"

און חיים יענקל האט דערציילט די גאנצע כוליגאנסקע געשיכטע פון אלף ביז תיו. איינצלהייט פון דער טראגעדיע, אפילו פון די פעטש אין מארוסיאס בעד־רום... און האט געענדיגט זיין ארטיקל מיט א פלוך צו די אידישע כוליגאנעס, וועלכע האבן צעטרעטן א גרויסן איד, וואס איז ארויסגעגאנגען צווישן זיי, ווי אן אמתער קריסט, אזא זאנפטער און הייליגער אין זיין מענשלעכער ליבע.

ער האט זיי געפלוכט, ווי מארוסיא דאן אין טעאטער, ווי עס פלוכט א צארנדיגער נביא און שטראפט זיין אייגן פאלק. דערנאך האט ער געפלוכט די פרעסע, די אמעריקאנער מיסגעבורט פון אידישן גייסט, וועלכע האט מיט איר בום און מיט די רעקלאמעס, אומזיסטע און באצאלטע, אויפגעהאדעוועט און דערצויגן דעם טייערן תכשיט מיטן נאמען „אידיש טעאטער", האט מיט אירע הענט אליין אויסגעשמידט את די אלע געפעיקטע גרויסע רעפוטאציעס, געפעיקטע גרויסע קינסטלער און מלכים מיט פאפירענע קרוינען פון פורים־שפילער...

ער האט געפלוכט זיך אליין, ווי א וואנזיניגער פון צער, ווי קלאגווייבער רייסן זיך די אייגענע האר פון קאפ...

דיזעלבע פרעסע האט אבער אפגעווישט דעם שפיי פון פנים און איבערגעדרוקט חיים יענקלס היסטערישע ארטיקל מיט גרויסע און פעטע קעפלעך... ווייל דער היסטערישער חיים יענקל האט איר געבראכט א סענסאציע, די סענסאציע פון טאג...

„א גרויסע זעלן־טראגעדיע אין אידישן טעאטער".

„דער שרעקלעכער קרבן פון אסימילאציע" — האבן געבומט די גלעקער פון דער צירקולאציע און די ניו־יארקער אידן האבן געצויגן די פענים פון די קעשענעס, און דיזעלבע מאדאם צירקולאציע האט זיך דעם טאג געפרייט און געקוואלן...

* * *

און די גאנצע חתונה האט די „אידישע נאציאן", די גרעסטע סענסאציע־יעגערין פארקוקט און פארזוימט...

א וואונדער, אז איר רעדאקטאר, מר. מילמאן, איז ארומגעלאפן איבער זיין קאבינעט ווי א פאריקטער?

דעם זשורנאליסט, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך פון די אידישע פאלקס־אינטערעסן, איז באגאבארעץ אליין, אלס מענש און דיכטער מיט זיין טראגישן שיקזאל אין דער לינקער פאה ניט געלעגן, דער עיקר איז געווען, וואס ער האט געקענט האבן די סענסאציע מיט עטלעכע מאנאטן צוריק.

ער אַליין און קיין אַנדערער, און ער אַליין האָט געקענט שלאָגן פון איר צירקולאַציע.

איז דען חיים יענקל ניט זיין מענש ?

נעמט ער דען ניט ביי אים 20 דאָלאַר א וואָך ? און איצט האָט ער אַלץ אַרויסגעגעבן זיינע קאָנקורענטן ! וואו איז ער, דער לומפּ ? דער פאַרעטער ? זאָל ער נאָר אַריינגיין !

— ווי מאַן וועל איך צערייבן אָט די געשטופּלטע מאַלפּע ! — האָט געדראָט דער רעדאַקטאָר.

* * *

אַז דער רעדאַקטאָר האָט דערזען פאַר זיך די „געשטופּלטע מאַלפּע", האָט ער אַרונטערגעלאָזט זיינע געביילטע פויסטן.

חיים יענקל האָט באַגעגנט דעם דערצערנטן באַלעבאָס זיינעם רואיג און מוטיג, פּנים לפּנים...

דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען, זינט ער האָט אָנגענומען די שטעלע ביי מילמאַנען. תמיד פלעגט חיים יענקל אויסמיידן אים צו קוקן גלייך אין פּנים אַריין...

אַ זשורנאַליסט זענט איר ? אַ מלמד זענט איר ! אַ בעל תוקע ! אַ בטלן ! אַ פאַרך ! אַ גאַרניט ! — האָט אָנגעהויבן צו פייערן אויפן קריטיקער דער עמפּערטער רעדאַקטאָר.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן ? איר נעמט שכירות ביי מיר און טראָגט אַוועק אַזאַ סענסאַציע צו מיינע געגנער, צו מיין ערגסטן שונא ? אַזאַ סענסאַציע ! אַזאַ סענסאַציע ! ס'איז דאָך אַ באָמבע ! — האָט געשריגן מר. מילמאַן אין אַנטריסטונג און האָט זיך אַזש געכאַפּט ביים קאָפּ.

חיים יענקל אָבער איז שוין געווען מיט אים פאַרטיג !

דער קליינער, פון לעבן צעטרעטענער מאַן, וועלכער איז שוין געווען אַזוי קליינמוטיג, אַז נאָר דער געדאַנק אַליין — צו פאַרלירן זיינע 20 דאָלאַר אַ וואָך און ווידער הונגערן און נעכטיגן אין די פּאַרקן האָט אויף אים אָנגעיאָגט אַ זאַבלאַגישן פּחד, אַ טויט-אַנגסט — דער חיים יענקל איז איצט געשטאַנען אַן אַנדערער מענש...

די באַקאַנטשאַפט מיטן טראַגישן באַגאַבאַרעץ-ראַבינאָוויטש און מיט מאַרוסיאַן, די איבערלעבונגען פון דער לעצטער צייט, האָבן געשאַפן אַן איבערקערעניש אין זיין נשמה.

דער שוואַכלינג, וועלכער האָט זיך אַזוי ציטערנדיג און קליינמוטיג געקלעמט אין לעבן, איז געווען טויט אין אים...

פאַרן רעדאַקטאָר איז איצט געשטאַנען ניט דער געוויינלעכער חיים יענקל, עפּעס קיין מענש ניט...

אַ ווילדער, אַ בלוט-דורשטיגער שאַקאַל האָט פאַרפאָלגט מיט אַ פּאָר פלאַקערנדע אויגן דעם רעדאַקטאָר פון ווינקל, און די אויגן פון דער ווילדער

חיה האָבן געטאַפּט און געזוכט אַן אבר, אַ פּונקט פאַרן אַנגריף, וואוהין אַריינצושטעקן די בייסנדע ציין...

— זאָל ער אים כאַפּן ביי דער נאָז? ביים אויער? — איז געשפּרונגען אין חיים יענקלס ברענענדן מוח — אָדער גאָר אַריינרוקן די נעגל אין גאָרגל פון דעם פּעיקער?

אַ קאָנוואולסיווער ציטער האָט געשווידערט זיין לייב, די צונג האָט זיך שוין געריסן אין גומען און געלעקט די פייכטע ליפּן, ווי די צונג פון אַן אומגעדולדיקן שאַקאַל פאַרן זאַפאַגישן געניס, איידער ער גייט לעקן דאָס הייסע בלוט...

כמעט אַן עפּילעפּטישער שווידער!

און אַט אַטעמט אים זיין קרבן גלייך אין פּנים אַריין און שרייט איבער אים:

— איר האָט עס דאָך שוין לאַנג געוואוסט! איר האָט גוט געוואוסט, אַז איך אינטערעסיר זיך מיט דעם מאַן, אַז איך וויל אים צוציען אַלס מיטאַרבעטער... פאַרוואָס האָט איר עס מיר ניט געזאָגט? אַ שיינער פריינד זענט איר אים געווען! איך וואָלט דאָך אים 100 דאָלאַר אַ וואָך געצאָלט. איך וואָלט אים אַזוי געבומט, אַז די פאַרכעס וואָלטן געשטאַנען אויף די קני פאַר אים, געציטערט... 10,000 דאָלאַר פאַר אַ פּיעסע וואָלטן זיי אים געגעבן, און ס'וואָלט צו דער געשיכטע קיינמאָל ניט געקומען!

— היינט וואָס פאַר אַ צירקולאַציע וואָלטן מיר מיט אים געמאַכט. באַרעכנט זיך נאָר! זענט איר אַ מענש? דאָס הייסט, אַ זשורנאַליסט!

— אַ צייטונגס־מאַן?

אַט, אַט כאַפּט ער אים ביים גאָרגל. ער איז אָבער צו אויפגערעגט... די ציין קלאַפּן. און ווי אין פּיבער ווערט אים הייס און ווידער קאַלט... אַט ווערט ער אַליין דערוואָרגן פון צאָרן, פון האַס צו דעם צירקולאַציע־יעגער, וועלכער האָט אים געשענדט, געמאַכט פאַר אַ שונד־שרייבער, אַ מנובל, פאַר אַ מיאוסן וואָרעם. ער וועט זיך באַלד פאַרכלינען און דערשטיקן אין זיין אייגענער גאַל און וואוט.

און ער נעמט און ציט פון זיך אַרויס די גאַנצע ברענענדע גאַל זיינע... ער נעמט די גאַל און זיין עקל צו דעם זשורנאַליסט צונויף אין מויל... אַ פול מויל... ציט זיך אויס אויף די פינגער און שפּייט עס דעם פאַרפלאַמטן זשורנאַליסט און פאַלקס־פירער גלייך אין פּנים אַריין... שטיל און באַוועלטיגט... אַזוי ווי ער וואָלט אויסגעשפּיגן ניט אין אַ מענשנס פּנים, נאָר אויף אַ קריכנדן שרץ... אין אַ שפּיי־קעסטל...

אַ לאַנגע פּויזע!

פּלוצלינג ווערט שטיל. אַ שווערע שטילקייט, אַזאַ דריקנדע, אַז מ'קאָן פון איר אַליין דערוואָרגן ווערן... דער האַס האָט די צוויי אינטעליגענטע מענשן געבראַכט צום אָפּגרונט, ווי דאָס מענשלעכע הערט אויף און פאַרשווינדט. און דאָס, וואָס שטעקט אַרויס זיין קאָפּ פון אַט דעם אָפּגרונט,

האָט שוין קיין נאָמען אויף דער מענשלעכער צונג, אַזוי עקלהאַפט איז דאָס און צוגלייך שרעקלעך...

און פּלוצלינג ביידע, דער רעדאַקטאָר און קונסט־קריטיקער, שפּרינגען אָפּ פון אָפּגרונט, אַזוי ווי עמעצער וואָלט פון דאָרטן, פון דער טיפעניש, פאַרצווייפלט אויסגעשריגן:

— גאָט איז מיט אייך, מענשן! ווי קאָן מען זיך אַזוי האַסן? טייוואָלים האַסן זיך ניט אַזוי!

— אָ, חיים יענקל! — קרעכצט אַרויס מילמאַן אונטערן פאַרדעקטן פּנים — איך וואָלט ניט געגלייבט, אַז איר קענט אַזוי האַסן... אַזוי טייווליש האַסן!

און מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, ווי פון טיפן אָפּגרונט, קרעכצט אויס אין אַ ווײַלע אַרום דער קליינער, האַסנדער טייוול.

— איך האָב אָבער געקענט אַזוי שטאַרק ליבן, ביז צום וואַנזין האָב איך געקענט ליבן. — און גיט זיך אַ ריר פון זיין ווינקל און אַנטלויפט פון רעדאַקטאָרס קאַבינעט.

דער רעדאַקטאָר איז אָבער נאָך לאַנג געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער. ווי זיין פּנים האָט געברענט, אַזוי האָט געברענט אינווייניג אין אים דאָס בלוט, דער מאַרך...

דער מענש האָט דערוואַכט אין דעם רעדאַקטאָר און האָט זיך גענומען קאַרטשען פון ווייטאָג... שנעל איז פאַר אים דורכגעלאָפן זיין לעבן און האָט אים געבראַכט צוריק צו דער צייט, ווען ער אַליין איז געווען נאָך יונג, אַ באַגייסטערטער, זויבערער, ווי די גלויביגע און קרישטאָלענע יוגנט... געבראַכט צוריק צו די ערשטע עמיגראַנטן־יאָרן...

מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג האָט ער זיך גענומען אַרבעטן פאַר דער גליקלעכער צוקונפט פון דער מענשהייט, געהונגערט און געליטן מיט דער העלער פרייד פון גליקלעכע מאַרטירער!

און איז ער טאַקע אַזוי נידעריג געפאַלן, אַז מען מעג אים שפּייען אין פּנים אַריין? אוי, ער וועט פאַרברענט ווערן פון דעם שפּיי!... דער חיים יענקל האָט אים אָנגעצונדן און אַליין איז ער אַנטלאָפן... איז ער דען ניט גערעכט אין זיין האַס? אַלע באַליידיגונגען און דערנידערונגען האָבן אויפגעלעבט אין זיין זכרון, ווי בריענדע פלעקן אויף זיין געוויסן... ווי אַזוי האָט ער אים געקענט אַזוי שלעכט באַהאַנדלען, אַזוי טרעטן מיט די פיס? און אים אַזוי ווייניג צאָלן? ער האָט דאָך גוט געוואוסט זיין ווערט געשעצט זיין אינטעליגענץ און אָפט באַוואונדערט זיין בריייט און טיף וויסן. ס'איז עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש!... ער איז גאָרניט אַזאַ שלעכטער מענש. איז ער טאַקע אַזאַ עקלהאַפטע בריה, אַז דער חיים יענקל האָט אַ רעכט אים צו שפּייען אין פּנים אַריין? ווי האָט עס געקענט פּאַסירן? אים... אים, מילמאַנען, אַ שפּיי טאָן אין פּנים אַריין? ער מוז אים האָבן צוריק... צו באַווייזן אים, אַז ער האָט אים מיספאַרשטאַנען... ער

וועט נעמען אין אים נקמה פאַרן שפּיי דורך זיין גוטסקייט... ער וועט אים צאָלן 30 דאָלאַר אַ וואָך... אַבי ער זאָל בלייבן!

און ער האָט גענומען קלינגען, רופן די רעפּאָרטערס, און האָט זיי באַפוילן צו לויפן און ברענגען צוריק דעם קונסט־קריטיקער, און לאַנג האָט ער געוואַרט אויף אים, אַרומלויפנדיק איבערן קאַבינעט, ווי אַ מויז אין אַ ברענענדיק שטייגל... חיים יענקל איז אָבער שוין צוריק ניט געקומען...

באַגאַבאַרעץ קעמפט מיטן טויט

דער אַנאַרכיסטישער „פרייער גלאָק" האָט זיך דעם נעכסטן פרייטאָג אויך אָפּגערופן מיט אַ לאַנג אַרטיקל אויף דעם טרויעריקן אינצידענט. זיין רעדאַקטאָר, אַ גרויסער אַנאַרכיסט און אַ פאַרפינדעוועטער באַלעבאָס, האָט די גאַנצע געשיכטע באַצייכנט אַלס אַ שטורם אין אַ גלאָז וואַסער, פון וועלכן די פרעסע שלאָגט קאַפּיטאַל, און דאַטס אָל!*)

אַז חיים יענקל איז אַ קרענק, האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר, ווייסן מיר, זיינע פריינד, שוין פון לאַנג, אַז דער אויטאָר איז אַ משוגענער, האָט געזען יעדער, ווער ס'האָט אויסגעהערט די 3 אַקטן פון דער אומגעלומפּערטער מעלאָדראַמע און ווער ס'האָט בייגעוואוינט דעם עפּילאָג, געשפּילט פון דעם משוגענעם פאַרפאַסער אַליין.

ווייטער האָט דער ראַדיקאַלער זשורנאַליסט זיך געשטעלט אויפן צד פון טעאַטער־דירעקטאָר, האָט אים געגעבן פולשטענדיק רעכט: דער איד האָט באַצאָלט פאַר דער סחורה און זי איז זיינע!

— און ווער האָט נאָך אים געשיקט, נאָכן משוגענעם? — האָט געפרעגט דער אַנאַרכיסט. — ווער דאַרף אים? ער איז אַוועקגעגאַנגען צו די גוים, נו, האָט ער געזאָלט דאָרט בלייבן, מיר דאַרפן אים ניט. מיר וועלן זיך באַגיין אָן אים!

און ער האָט גענומען באַווייזן, אַז באַגאַבאַרעץ איז איבערהויפּט קיין טאַלאַנט ניט, און דאָס באַלעבעסל איז שוין ניט אַראָפּגעקראָכן אין זיין לאַנגן אַרטיקל פון אומגליקלעכן דיכטער, ביז ער האָט אים צעטרעטן אינגאַנצן.

דער רעזולטאַט איז געווען אַן עקלהאַפטער סקאַנדאַל.

דער סקאַנדאַל איז שוין פאַרגעקומען אין דער ליטעראַרישער קאַפע.

חיים יענקל, דער קרענק, איז אַריין אַהין ווידער, ווי אַ ווילדע און בייסנדע חיה און איז אַריין דעם אַנאַרכיסט מיט די נעגל אין פּנים אַריין.

ס'איז פאַרגעקומען אַן עקלהאַפטער צוזאַמענשטויס מיט מיאוסע זלזולים, צעבראָכענע גלעזער און צעבליטיקטע פּנימער. אַלע געסט און קעלנער האָבן זיך געמוזט אַריינמישן, ביז מען האָט די צוויי ליטעראַטן צעטיילט.

פון דעם טעאַטער־קאַפע איז שוין אָפּגערעדט.

*) דאַס אַלץ.

אין דעם טעאַטער־וועלטל איז חיים יענקלס אַנטפּלעקונג געפאַלן ווי אַ באָמבע...

ווער עס וואָלט דאַן געזען דאָס באַרימטע טעאַטער־קאַפע, וואָלט עס ניט דערקענט. דערזעלבער קאָמיקער, וועלכער פלעגט אַרויסרעדן די ווער־טער „געקרייציגטע נשמות" מיט סימבאָלישע גרימאַסן און קערפּער־באַ־וועגונגען — איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך צעקאָכט און האָט געשריגן, אַז ער האָט באַלד דערשמעקט דעם גרויסן טאַלאַנט, אַ מאַן, וואָס וואָלט געקענט איבערשטייגן יעקב גאָרדינען אַליין.

— ער קאָן דען אויפפירן אַ פּיעסע? — האָט ער געזאָגט וועגן סטאַר.
— ער איז דאָך אַ מעלאָדראַמאַטישער אַקטיאָר, וועלכער קאָן זיך אָן מוזיק און אָן אַ לידל קיין דריי ניט טאָן אויף דער בינע. נאַ דיר קידוש מיט אַ קאַמאַרינסקע אין אַ פּיעסע מיט אַזאַ גאָלדענער פּראָזע! ווען ניט דער קידוש מיט דעם קאַמאַרינסקע, וואָלט דאָך גאָרניט פּאַסירט און די פּיעסע וואָלט וויינינגסטנס 15 וואָכן געלאָפן.

— אַזאַ פּראָזע! אַזאַ פּראָזע! — סאָטש עי לאָוולי מען!*) — האָט באַדויערט מיט טרערן אין די אויגן די פעטע לידינג־לעידי — ער האָט מיר דאָך צוגעזאָגט אָנשרייבן אַ פּיעסע צו מיין בענעפיט.

די איבעריגע אַקטיאָרן האָבן גערעדט אין דעמזעלבן טאָן. איינער האָט אַרויפגעלייגט דעם קלאָץ אויפן צווייטן און יעדערער האָט געשאָלטן דעם דירעקטאָר מיט טויטע קללות. די איבעריגע טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן געזאָגט, אַז ער איז סתם אַ כאַם, וואָס פאַרשטייט ניט קיין געשעפט און האָבן מיט וואונקען געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי פאַרשטייען שוין געשעפט.

פון די וואונקען האָט מען געקענט מיינען, אַז יעדערער פון זיי האָט שוין מאָנאָפּאָליזירט דעם גרויסן דראַמאַטורג פאַר זיך אַליין און האָט שוין אַ קאָנטראַקט אין קעשענע.

אַן אַנדערער טעאַטער־דירעקטאָר, וועלכער פלעגט שפּרינגען בשעת דעם רעדן, ווי אַ קאַלב און אַזוי שנעל און שטאַרק קלאַפּן מיט דער צונג, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט אויפן האַלז אַ קאָלאַטעלע און וואָלט געלאָפן פון דער טשערעדע אַהיים, דערדאָזיגער מאַן האָט געכאַפּט אַן אויטאָמאָביל און איז אַוועק אַהין צום קאטעדזש ביים ים „טו מעיק עי פּאָרטשון מיט דעם גרעיט ראָשען ראַיטער" (צו מאַכן אַ פאַרמעגן מיטן גרויסן רוסישן שרייבער).

געווייגלעך איז ער געקומען צוריק אין קאַפע אַריין מיט אַ נאָז, ווייל די קאַצאַפּקע האָט פאַרמאַכט פאַר אים די טיר פאַר דער נאָז און האָט אים געזאָגט, אַז זי וויל קיין געשעפטן ניט האָבן מיט די זשידעס.

יאָ, דאָס טעאַטער־וועלטל האָט זיך געקאָכט. רעפּאָרטערס האָבן אין קאַפע אינטערוויואירט, געפאָרשט, ווי אַזוי איז דער סקאַנדאַל צוגעגאַנגען.
יעדערער פון די קינסטלער, וועלכע האָבן געשלעפּט דעם דיכטער און

*) אַזאַ ליבעסווירדיגער מענש.

אים ארויסגעשליידערט אויפן טראָטואַר, האָבן זיך גערן געלאָזט אונטער־וויואירן. לע״ע האָבן זיי געהאַט אומזיסטע פּובליציטעט און רעקלאַמע.

די לידינג־לעידי האָט געבעטן די רעפּאָרטערס, אַז מ׳זאָל איר סטעיט־מענט*) דרוקן באַזונדער.

* * *

דער דיכטער אָבער אַליין, דער קרבן פון דער טרויעריגער געשיכטע, אַרום וועמענס נאָמען ס׳האָט זיך געטראָגן אַזאַ טומל און ליאַרם, ער אַליין איז שוין געווען ווייט פון דעם טומל און פון אַט דעם גאַנצן קליינעם, מיאוסן וועלטל. זיין קערפּער איז געלעגן אין קאַטעדזש ביים ים שוין אין פלאַמען פון אַ פאַרצערנדן פיבער. זיין נשמה האָט שוין געבלאָנדזשעט ערגעץ ווייט אין אַן אַנדערער וועלט און האָט אין היץ גערעדט און דערציילט פון יענער וועלט אַזוינע זאַכן, אַז זיי האָבן געמאַכט פרירן דאָס בלוט אין די אָדערן פון זיין פרוי און זיינע פריינד, וועלכע זיינען שוין ניט אָפּגעגאַנגען פון זיין בעט.

די דערשיטערונג, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט ביי דער גענעראַל־פּראָבע אין טעאַטער און דערנאָך דער קאַלטער ווינטער־רעגן, וועלכער האָט עטלעכע שטונדן געווייקט זיין שוואַכן, שוין אין סיביר אָנגעגריפענעם קער־פּער, האָבן אים מיטאַמאָל צוזאַמענגעבראָכן.

נאָך ביינאַכט, אַז מ׳האָט אים געבראַכט אַהיים נאָך דער פאַרשטעלונג, האָט זיין טעמפּעראַטור באַלד געשטיגן ביז 105. מ׳האָט באַלד גערופן אַ דאָקטאָר. שבת בייטאָג האָבן שוין צוויי דאָקטוירים דערקלערט זיין לאַגע אַלס העכסט קריטיש. ערשט אין עטלעכע טעג האָבן זיי געקענט קאָנסטאַ־טירן אַ טיפוס און האָבן געזאָגט חיים יענקלען, אַז זיי צווייפלען, צי אַזאַ שוואַכער קערפּער מיט אַזוינע שוואַכע לונגען וועלן עס איבערטראָגן.

און פאַרן דיכטערס פריינד, פאַר חיים יענקלען און גלעקעלן, האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע און שוואַרצע טעג און נאָך שרעקלעכערע נעכט. אַ פאַר־צווייפלטער קאַמף מיטן טויט!

אין ערשטן מאָמענט, אַזוי ווי מ׳האָט דעם דיכטער געבראַכט פון טעאַ־טער אין אַן אויטאָמאָביל אַהיים, האָט דעם גובערנאַטאָרס טאָכטער אין איר פאַרצווייפלטן צאָרן אַרויסגעטריבן די צוויי אידן און איר מאַנס פריינד פון איר הויז...

— איך האָב אַלע מיינע באַציאונגען געבראָכן מיט אידן און בעט אייך, גאָספּאָדאַ, פאַרלאָזן מיין הויז — האָט זי זיי פאַרגעשלאָגן, באַלד נאָכדעם ווי גלעקעל און חיים יענקל האָבן איר געהאָלפן אים אויסטאָן און אַריינ־לייגן אין בעט אַריין.

געזאָגט האָט זי עס פראָסט און אין אַזאַ אומווידעררופלעכן טאָן, אַז די צוויי אידן האָבן שוין גאָרניט געקענט דערווידערן. זיי האָבן זיך נאָר

*) דערקלערונג.

איבערגעקוקט צווישן זיך, דערנאָך מיט דער קאַצאַפּקע און נאָך אַמאָל צווישן זיך... און דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע שטיל, אָן אַ וואָרט, אָנגעטאָן און פֿאַרלאָזט דאָס הויז... זיי האָבן אָבער געמאַכט עטלעכע שריט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי ווי פֿאַר אַ בלינדער וואַנט, און זיינען אַזוי געבליבן שטיין אין דער שטילער, פֿינצטערער נאַכט, אָנגעשפּאַרט אָן אייזערנעם צוים, וועלכער האָט זיך געצויגן ביים טראָטואַר, אָן ווערטער און אָן באַוועגונגען... ווייל זיי האָבן ניט געקענט אַוועקגיין פֿון קאַטעדזש, וואו דער מאַן איז געלעגן...

אַזוי זיינען געשטאַנען, די צוויי אַמאָליגע אוניווערזיטעטס-חברים אַ לאַנגע צייט און האָבן געשוויגן, אַזוי ווי דאָס לשון וואָלט ביי זיי אָפּגענרמען... און וואָס האָבן זיי געקענט זיך זאָגן איינער דעם צווייטן? האָבן זיי דען ניט געהאַט די גלייכע געדאַנקען אין קאָפּ? דעמזעלבן פֿאַרגליווערטן פּיין? דיזעלבע ברענענדע שאַנדע אין די הערצער?

דער דאָקטאָר איז צוגעפֿאָרן אין זיין אויטאָמאָביל, האָט זיך געזוימט אין הויז מער ווי אַ האַלבע שטונדע און איז צוריק אָפּגעפֿאָרן. דערנאָך איז די דינסט געלאָפֿן אין אַפּטייק און איז געקומען צוריק.

און חיים יענקל און גלעקעל זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען ביים פּלויט שטומע און אומבאַוועגלעכע, ווי צוויי נאַכט-שאָטנס... ביז מאַרוסיאַ איז ניט אַרויסגעגאַנגען צו זיי און האָט זיי באַפֿוילן צוריק אַריינגיין אין הויז, באַפֿוילן און ניט געבעטן... מיט דעמזעלבן טאָן, ווי זי האָט זיי באַפֿוילן פֿאַרלאָזן דאָס הויז.

און זיי האָבן זי געפֿאָלגט, ווי פֿריער, אַזוי ווי זיי האָבן שטיל און אונטערטעניג, אָן אָן איינציג וואָרט פֿון פּראָטעסט אָדער אַנטשולדיגונג, פֿאַרלאָזט דאָס הויז, אַזוי האָבן זיי עס צוריק באַטרעטן...

ערשט אַז מאַרוסיאַ האָט זיך הויך און פֿאַרצווייפֿלט צעוויינט און האָט אומבאַהאָלפֿן איינגעגראָבן איר שיינעם גאָלדענעם קאָפּ אין די הענט האָבן זיך ביידע שטיל און אויטאָמאַטיש צוריק אויסגעטאָן און זיינען שוין פֿאַרבליבן אין קאַטעדזש. מ'האָט שוין געקעמפּט און געליטן אין דרייען...

מאַרוסיאַ האָט פֿונם טויטס הענט געריסן דאָס לעבן פֿון איר מאַן, פֿון דעם פֿאָטער פֿון אירע קינדער, וואָס האָט איר דאָך געשענקט שיינע און גליקלעכע טעג אין איר לעבן. חיים יענקל און גלעקעל — עפּעס העכערס און גרעסערס...

פֿאַר די צוויי ראָמאַנטיקער איז באַגאַבאַרעץ געווען אַ מעטעאָר, וועלכער שניידט דורך דעם הימל אין אַ פֿינצטערער נאַכט, אַזאַ העלע און זעלטענע דערשיינונג, וואָס גיט דעם לעבן צוריק גלאַנץ און ווערט...

און אַזוי ווי דער טראַגישער שיקזאַל פֿון פֿאַלנדן מעטעאָר ציט צו זיך, קלעמט צונויף דאָס האַרץ און גיסט עס אָן מיט זיסן צער, אַזוי האָט צו זיך געצויגן דער הויכער סוטולעוואַטער באַגאַבאַרעץ יעדן, ווער ס'האָט

נאָר געקענט דורך זײַנע צוויי גרויסע טרויעריגע אויגן אַרײַנקוקן אין זײַן נשמה...

יאָ, שווערע טעג און נעכט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר זײַנע פרײַנד.

אָבער אויך שײַנע אין זייער טראַגיזם מאָמענטן זײַנען פאַר זיי אויסגעפאַלן אין די טעג, מינוטן פול פון מעלאַנכאָלישן גלאַנץ, באַזונדער פאַר חיים יענקלען...

דער צעטרעטענער מענש האָט געקענט ליבן און זיך צובינדן צו אַ פּערזענלעכקייט ווי אַ געטרייער הונט.

און איצט, ווען באַגאַבאַרעצס לעבן איז געווען אין געפאַר האָט חיים יענקל ערשט דערפילט, וואָס דער מאַן באַדייט פאַר אים און ווי אַזוי ער האָט אים ליב. ערשט איצט האָט ער דערפילט, ווי זיס ס'איז עמעצן צו ליבן און צו זײַן גרייט זיך פאַר אים מפקיר צו זײַן...

און אין דעם קאַמף פאַר זײַן לעבן האָבן אַלע דריי פאַרגעסן זיך אַליין און זייער אומגעבונג...

די שייד־וואַנט, וואָס איז אויסגעוואַקסן נאָכן אינצידענט צווישן דער גויע, דעם גובערנאַטאָרס טאָכטער, און צווישן די צוויי פרײַנד, אַלס אידן. אַלע פאַראורטיילטע, וועלכע האָבן געדרעמלט אין די טיפעניש פון איר נשמה, זײַנען מיטאָמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן.

די נשמות האָבן זיך דורכגעלייטערט אין דעם קאַמף ביים בעט פון קראַנקן און האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין וואונש און באַגער, אין איין געדאַנק און אין איין אָטעם... פון דעם שווערן, גליענדן קערפּער פון קראַנקן דיכטער...

און קיינער פון זיי פלעגט ניט וועלן אָפּטרעטן זײַן וואַך פון קראַנקן־בעט, ניט קוקנדיג דערויף וואָס צום קראַנקן האָט מען באַלד אײַנגעלאַדן אַ באַרמהאַרציגע שוועסטער. מיט טרערן אין די אויגן פלעגט זיך איינער ביים צווייטן בעטן, גיין עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, אָדער כאַפּן אַ קורצן דרעמל, אָן אָטעמצוג אויף דער פרישער און פרייער לופט.

און ווי גליקלעך ס'איז געווען דערזעלבער חיים יענקל, ווען די מידע און דערשעפּטע מאַרוסיאַ פלעגט שטאַרק אײַנשלאָפן, ווען ער האָט בײַ איר געפועלט, אַז זי זאָל נעמען מיט גלעקלען אַ שפּאַציר־גאַנג ביים ים, ווען אויף אירע בלייכע באַקן האָט צוריק אויפגעפלאַקערט איר פריערדיגע ראָזע־פאַרב. קיין גרעסער געשאַנק וואָלט אים די יונגע, שײַנע פרוי ניט געקענט מאַכן.

גאַנץ איזאָלירט אָבער פון דעם קאָכנדן סמבטיון, וואָס הייסט ניו־יאָרק, איז דער קאַטעדזש ביים ים ניט געבליבן. אויך דאָרט, אין דער רוישנדער שטאָט, האָבן זיך געפונען מענשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן אויף זײַנע ליידן און האָפנונגען.

די ערשטע טעג האָבן דערקוטשעט רעפּאָרטערס, האָבן פאַרלאַנגט פון

מארוסיאן פאטאגראפיעס און ידיעות. זיי האט זי געהייסן טרייבן „פא שעיאם".

ס'האבן זיך אויך געפונען א סך מענשן, צארטע אידישע נשמות, וואס דער סמבטיון האט ניט געקענט פארדייען אין זיין קאכנדן און מוטנעם לויף. צארטע אידישע נשמות, וואס האבן איר, דער קריסטין, געשריבן לאנגע טרייסט־בריף.

איינמאל האט מארוסיא דערזען דורכן פענצטער פאר איר הויז א דעפוטאציע פון יונגעלייט און מיידלעך, וועלכע האבן ארויפגעקוקט צו די פענצטער. די פנימער זיינען איר געווען גאר היימיש און באקאנט, אידישע פנימער, וועלכע זי פלעגט באגעגענען אין רוסלאנד אויף דעמאנסטראציעס.

איר ערשטע באוועגונג איז געווען ארויסצוגיין אויפן גאניק און צע־טרייבן די נייגעריגע זשידעס, ווי זי האט זיי גערופן אין אירע געדאנקען.

די זשידעס האבן אבער אלע מיטאמאל, ווי דורך א קאמאנדע, אראפ־גענומען פאר איר די הוטן מיט אזא ערפורכט, אז די צונג האט זיך ביי איר צוגעקלעפט צום גומען.

באלד האט זיך פון דער דעפוטאציע אפגעטיילט א יונגערמאן מיט א מיידל, א קליינע און שווארצע, ווי א יונגע וואראנע, און דאס קליין־וואוקסיגע מיידל האט מיט א גרויסן בוקעט פון רויזן און „פארגעס־מיך־ניט" באטרעטן דעם גאניק.

די דעפוטאציע האט מיט זיך פארגעשטעלט די גאנצע קערפערשאפט פון א דראמאטישן קלוב.

דאס מיידל האט איר דערלאנגט אין נאמען פון קלוב די בלומען און האט מיט טרערן פון אויפרעגונג און פארלעגנהייט געבעטן צו נעמען דעם בוקעט בלומען, אלס צייכן פון טיפער סימפאטיע און הויכאכטונג צו דער רוסישער פרוי, וועלכע האט פארלאזט אירע עלטערן און איז נאכגעגאנגען דעם אידישן דראמאטורג...

איצט האט זיך שוין די קאצאפקע ניט געפילט באליידיגט פון איר מאנס אידישקייט.

גערירט ביז טרערן, האט מארוסיא גענומען די בלומען פון דעם מיידלס הענט און האט ווארעם געדאנקט איר און אלע, וועלכע זיינען געשטאנען אויפן טראטואר.

אז מארוסיא איז אריינגעגאנגען אין הויז, זיינען אלע שטיל אפגע־גאנגען מיט געזונקענע קעפ.

מארוסיא האט זיי נאכגעקוקט פון פענצטער און האט געוויינט.

פיל איבערגעבנהייט און אפערוויליקייט האט איר ארויסגעוויזן אויך דער אידישער דאקטאר. און די טרייסט־בריף מיט דער ארויסגעוויזענער ליבע און אויפמערקזאמקייט האבן איר געמאכט פארגעסן אז איר עלנטקייט אין דער פרעמדער וועלט.

פונדעסטוועגן, אז די לאגע פון קראנקן איז געווארן זייער קריטיש

און האפנונגסלאז, ווען די פארצערנדע היץ האט אים שוין ניט געלאזט איינליגן און געטריבן פון בעט, האט זי טעלעגראפירט אהיים צו אירע עלטערן, אז עמעצער זאל קומען...

פרילינג

דער טויט האט דעם דיכטער ארויסגעלאזט פון זיינע לאפעס. אפילו דער מלאך המות האט זיך אין דער נאכט פון קריזיס איבערגעשראקן פאר די פארצוויפלטע פנימער פון זיינע פריינד, וועלכע זיינען געשטאנען איבער זיין בעט און ער איז אפגעטרעטן פון צוקאפנס.

איבעריגנס איז מארוסיא שוין געווען גרייט צום פארלוסט און איז געווען רואיג.

די פאטאלע סלאווישע נאטור אירע האט זיך אונטערגעגעבן און אנגעבויגן דעם קאפ פארן ווילן פון שיקזאל.

פארצווייפלטער פון איר איז געווען דער קונסט־קריטיקער.

ווי א קליין באליידיגט קינד האט ער געוויינט אין צווייטן צימער, ווען באגאבארעץ האט אנגעהויבן צאפלען, זיך ווארפן און ראנגלען אין די נעגל פון טויט...

דאסזעלבע איז געווען מיט גלעקעלן. די צוויי אידישע נשמות האבן זיך געפונען אין דערזעלבער גסיסה, ווי דער קערפער פון דיכטער, ווען מארוסיא איז שוין געווען גלייכגילטיג און אויסגעלאשן... האבן חיים יענקל און גלעקעל מער ליב געהאט דעם סוטולעוואטן מאז, ווי זיין פרוי האט אים ליב געהאט? האט זיך דאס אידישע געוויסן אין זיי געקארטשעט און געקרומט פון פיין און שאנדע? ס׳קאן זיין, אז דער פרוים קאטאסטראפע איז שוין געווען צו גרויס, די פארגאנגנהייט איז געווען שרעקלעכער, ווי די פינצטערע צוקונפט... און אן אים איז די פארגאנגנהייט געווארן א גרויסער און גרויזאמער טעות.

די איבערגעלעבטע לײדן האבן ניט געהאט קיין זין און קיין בארעכטיגונג.

דער געדאנק, אז מיטן טויט פון דיכטער וועט זיך מארוסיא פון זיי אפווענדן מיט צארן און האס און פילייכט ווידער מיטן שרעקלעכן פלוך; דער געדאנק, אז ער וועט מארוסיאן פארלירן אויף אייביג, אויף אזא אומגעלומפערטן אופן — דאס איז פאר חיים יענקלען געווען שוידערלעכער אפשר, ווי דער פארלוסט פון זיין טייערן פריינד און מענש...

געוויס האט ער זי ליב געהאט מיט עפעס א וואנזיניגער ליבע, כאטש דער העסלעכער און קעפערלעך־באליידיגטער וואלט ניט געוואגט זיך מודה צו זיין אין דעם, אפילו פארן אייגענעם געוויסן.

* * *

און אזוי ווי ער איז געלעגן אויפן דיוואן אין דיכטערס קאבינעט און

האָט זיך געקורטשעט אין גייסטיגער גסיסה, איז אַריינגעלאָפן מאַרוסיאַ און האָט אויסגעשריגן:

— חיים יענקל!

אָבער באַלד איז זי געפאַלן אין אַ שטול.

מער ניט, ווי זיין נאָמען האָט זי אויסגערופן...

און ער איז געבליבן ליגן, ווי מען וואָלט אים מיט אַ האַמער פריטשמע־ליעט דעם קאָפּ, דאָס באַוואוסטזיין...

אַלץ אַרום: די ווענט, דאָס מעבל מיט מאַרוסיאַן, האָבן אָנגעהויבן צו שווינדלען און טאַנצן אין די אויגן, ווי אַ תוהו ובהו, און דערנאָך פאַלן אין אַ טיפן אָפּגרונט...

אָבער באַלד איז אַריינגעפאַלן גלעקעל און האָט אויסגעשריגן אין דער טיר:

— קריזיס פּראָשאָל (דער קריזיס איז אַריבער)! באַגאַבאַרעץ וועט לעבן!

ער האָט אַזוי ווילד אויסגעשריגן, אַזוי ווי געוואָרגענע מענשן שרייען...

אַ העלע ליכט, ווי שטראַלן פון האָפנונג, האָט זיך צוריק אָנגעצונדן איבערן תוהו ובהו. און אַ נייע וועלט האָט זיך אָנגעהויבן צו וועבן פאַר חיים יענקלס אויגן, אָבער נאָך אַן אומזיכערע און שוועבנד־שוואַנקענדע...

ער האָט נאָך ניט געגלייבט, אַז אַלץ וועט צוריק זיין, ווי ס'איז געווען, אַז ער וועט ווייטער קענען זיין לעבן דער פרוי און ווי אַ טרייער הונט איר קענען קוקן אין די אויגן...

און אַלץ טאַנצט ווידער פאַר זיינע אויגן, שפּרינגט און שווינדלט אין דער נייער געבורט; גלעקעל, מאַרוסיאַ, דער דאָקטאָר.

פּלוצלינג אָבער האָט חיים יענקל דערפילט, אַז מאַרוסיאַ קלעמט אים מיט אירע אָרעמס, אַז די שיינע פרוי דריקט אים צו איר ברוסט אַזאַ מעכ־טיגע, און די ליפּן קושן זיין פּנים, דאָס מיאוסע, געשטופּלטע פּנים, וועלכעס קיין פרוי האָט נאָך ניט געקושט, אַפילו אַ גאַסן־פרוי פאַר געלט אויך ניט, און זי דרייט זיך מיט אים אין אַ ווינט פון ווילדער פרייד איבערן צימער.

אָבער ווען זי האָט זיך געוואָרפן אויף גלעקעלן אויפן האַלז און דערנאָך דעם דאָקטאָר, איז ער געקומען צו זיך, האָט אויסגעשריגן ווי אַ פאַר־וואונדעטער און איז אַנטלאָפן פון צימער...

* * *

ווען דער דאָקטאָר און די באַרמהאַרציגע שוועסטער האָבן דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעפירט דעם דיכטער אויפן גאַניק, האָט שוין דאָרט אויף אים געוואַרט און אים באַגריסט אַ יונגער און וואַרימער פרילינג־טאָג.

מ'האָט אים אַוועקגעזעצט אין אַ טיפער שטול אַנטקעגן דער זון און אירע שטראַלן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים אין זייער פרילינגס־פרייד, האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן און פלאַטערן אַרום אים, גלעטן די צוריק אָנגע־וואַקסענע בלאָנדע האָר זיינע, זיך טוליען און לאַשטשען צו זיין קערפּער, ווי

אַ מוטער לאַשטשעט זיך צו איר קינד, צו וועלכן זי איז געקומען נאָך אַ לאַנגן צעשיידן זיך.

מ'האָט אויפן גאַניק געדעקט דעם טיש פאַר מיטאָג, צו וועלכן עס זיינען געווען איינגעלאַדן: דער דאָקטאָר, די באַרמהאַרציגע שוועסטער, גלעקעל־עפּענדי און חיים יענקל. די גאַנצע קליינע און איצט פון פרייד נאָך שטאַרקער צוזאַמענגעשמידטע פאַמיליע.

חיים יענקל און גלעקעל־עפּענדי זיינען שוין געווען באַשעפטיגט אין שטאָט. דער קונסט־קריטיקער האָט געזוכט אַ שטעלע, אָבער שוין ניט קיין ליטעראַרישע. גלעקעל האָט געגרינדעט, אין זיין פאַנטאַזיע נאַטירלעך, די ערשטע אויפריכטיגע אידישע צייטונג אין אַמעריקע און האָט שוין ווידער קאָמבינירט און פאַראייניגט דעם איסלאַם מיטן אידנטום.

און באַלד זיינען די פריינד אָנגעקומען פון שטאָט.

ווען זיי האָבן דערזען דעם דיכטער אין שטול שוין אויף דער וואַרענדע, האָבן זיי אָנגעהויבן צו טאַנצן אַרום אים, ווי צוויי לוסטיגע קעלבער.

באַגאַבאַרעץ האָט זיי געדריקט די הענט און האָט געשמייכלט.

דער דאָקטאָר האָט אַ טאַפּ געטאָן זיין דופק, זיך צוגעלייגט צו זיין האַרץ, האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און האָט געזאָגט:

— יו אַר אָלל־ראַיט, מאַי דיר באָי*).

דער „דיער באָי" מיטן גלעט און דעם דיכטערס ליכטיגער אָבער נאָך אומבאַהאָלפענער שמייכל, האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן.

די נאַטור האָט אויך געשמייכלט אין איר ווידערגעבורט און מ'איז געגאַנגען צום טיש שטיל, פאַרקלערט, אָבער גליקלעכע.

און אַזוי ווי מ'איז געזעסן ביים טיש זיינען אָנגעקומען וואַסערשטראָם און מלכה.

— קוק אים נאָר אָן — האָט ער אָנגעוויזן מלכהן אויפן קראַנקן אין שטול.

— ער האָט זיך אויסגעדרייט. מאַלאַדיעץ, מאַלאַדיעץ! — האָט זיך דערפרייט דאָס אידל — אַ ברכה אויף אייער קאָפּ! וואָס דען גאָר, שטאַרבן? פּע, שטאַרבן! שטאַרבן איז אַ מיאוסע זאַך. דעם טויט וועט איר קיינמאָל ניט פאַרזוימען — און ער האָט זיך גענומען דאַנקבאַר און גליקלעך דריקן דעם פּאַציענט די האַנט און טאַנצן פאַר פרייד. — נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, מלכה? איך האָב ניט געזאָגט, אַז דער יונגערמאַן וועט זיך אויסדרייען? אַ? און ער האָט זיך אויסגעדרייט! אַ, אַ איד דרייט זיך כסדר אויס, אפילו פון מלאך המות. כע, כע, כע...

— גאָט צו דאַנקען! — האָט מלכה געזאָגט. — אַ דאַנק דיר רבונו של עולם. ווען איך פאַרדין אַ מיליאָן, וואָלט ביי מיר ניט געווען אַזוי אָנגעלייגט... וואָס דען? אַזאַ טייערער מענש.

*) איר זענט, גאָט צו דאַנקען, מיין טייערער בחור.

און מלכה האָט זיך פון פרייד געגומען ווישן די טרערן פון די אויגן.

מאַרוסיאַן האָט זייער פרייד אַזוי גערירט, אַז זי איז געוועזן גרייט אַרומצונעמען אָט די מלכהן מיטן גאַנצן פּאָרוק און דאָס אידל און זיך מיט זיי צעקושן.

זי האָט זיי איינגעלאַדן צום טיש.

די נייע געסט האָבן געדאַנקט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט...

מאַרוסיאַ האָט זיך געכאַפּט, אַז דער סאָרט אידן וועלן ניט עסן קיין טריפה און האָט זיך אַזוי ווי פאַרשעמט...

אָבער וואַסערשטראָם, דער יאַבעדניק האָט זיך שוין גענומען שרייען, סטראַשען:

— איצט וועלן מיר זיי אָנרייבן אַ מאָרדע, אַז דער רוח וועט זיי נעמען! זיי וועלן אונז באַצאָלן פאַר צער, רפו, שבת און בושת... אַזוינע פּאַסקודניאַקעס, סוואָלאָטשעס... איך זאָג אייך דעם אמת, אַז דאָס הפקרות פון דעם אמעריקע איז גאָרניט צו באַשרייבן...

באַגאַבאַרעצס פּנים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלקנט.

די געשיכטע איז שוין געוועזן אויסגעלאָשן אין זיין מוח און איז אָפּ־געשטאָרבן בשעת דער קראַנקהייט זיינער.

און איצט האָט זי אויף אים צוריק אַ בלאָז געטאָן מיט אַ שווידערנ־דער קעלט.

מאַרוסיאַ און דער דאָקטאָר האָבן באַמערקט די ענדערונג אין אים און האָבן געזוכט צו געבן דעם געשפּרעך אַן אַנדערע ווענדונג.

— נו, דערציילט, ווי גייט עס אייך? — האָט זיך געווענדט צו דער אידענע מאַרוסיאַ, דערלאַנגענדיג איר אַ שטול.

— ווי זאָל עס, באַרינאַ, גיין? גאָט צו דאַנקען.

— וואָס פאַר אַ באַרינאַ בין איך דאָ אין אמעריקע — האָט זיך באַ־ליידיגט מאַרוסיאַ, — דאָ בין איך מאַדאַם ראַבינאַוויטש — און זי האָט דערביי אַ שמייכל געטאָן פאַרשעמט און זיס צו איר מאַן. — מאַכט איר כאָטש אַ לעבן אין אמעריקע? חיים יענקל האָט מיר געזאָגט, אַז איר האַלט אַ רעסטאָראַן.

— גאָט צו דאַנקען. דאָס שטיקל ברויט פאַרדינט מען.

— סלאַווא באָגו (אַ דאַנק צו גאָט) — האָט זיך דערפרייט מאַרוסיאַ.

— קליינע הצלחות — האָט זיך אַנטווישט אַנגערופן וואַסערשטראָם און האָט געמאַכט אַן אומעטיג פּנים. — צוליב דעם שטיקל ברויט איז ניט כדאי געוועזן צו פאָרן קיין אמעריקע.

— וואַס־זשע, ס׳האָט זיך דיר ווידער אפשר פאַרגלוסט צו ווערן אַ מיליאָנטשיק?

— נעווער מאַינד! לאָז נאָר דער יונגערמאַן געזונט ווערן, וועלן מיר ווידער אַרבעטן געשעפט... די וועלט וועלן מיר איבערקערן. אַ יאַ. מר. גלעקעל? נאָך אַלעמען איז אמעריקע דאָך אַ מדינה.

גלעקעל האָט ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טעלער און אים גאָרניט געענטפערט. ער האָט איבערהויפּט באַגעגנט דאָס פּאָרל קאַלט, ס׳קאָן זיין דערפאַר, וואָס ער איז זיי נאָך שולדיג געוועזן געלט און האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן עס ביי אים איצט ניט מאָנען. אָדער ער האָט זיך געשעמט פאַר דער גרויסער הלואה, פאַרן האַלבן מיליאָן קורטאַזש, פון וועלכן ס׳איז גאָרניט געוואָרן...

— יאָ, איך זע שוין, אַז ס׳האָט זיך דיר ווידער פאַרגלוסט פייגעלעך. דו ווילסט שוין ווידער ברעכן דעם האַלז און נאַקן? — האָט בייז אַ גלאָץ געטאָן מיט די שוואַרצע אויגן די אידענע אויף איר מאַן.

— וואָס־זשע? מיט דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס וועל איך זיצן און זיך נודזשען אַ גאַנצן טאָג ביי דער סטאָיקע דיינער, טאָמער וועל איך לייזן 10 „דאָלאַרעס" אַ טאָג? טאָקע פאַר מיר אַ ביזנעס, זיך נודזשען אַ גאַנצן טאָג מיט בטלנים און נודניקעס.

— ווער זיינען עס די נודניקעס? — האָט אים נייגעריג געפרעגט באַנאַבאַרעץ.

— אונזערע שרייבער און ליטעראַטן. זיי עסן ביי מיר. עסן! אויף מיר עסן. מ׳קויפט אַ גלאָז טיי פאַר אַ ניקל און מ׳נודזשעט ביי דעם אַפּ אַ האַלבן טאָג — האָט געזאָגט דאָס אידל מיט אַ בייז און זויער פּנים. — איך האָב זיך תמיד פאַרגעשטעלט, אַז שרייבער זיינען עפּעס מי יודע... קאָפּ־מענטשן! אַ קליינקייט, שרייבער! נו, וואָלט איר זיי באַדאַרפט אַקאַרשט אָנקוקן. אַזוינע בטלנים האָב איך אין קיין חסידיש קלייזל ניט געזען. איך זאָל אַזוי לעבן. באַזונדערס איז דאָ איינער... ווי אַזוי הייסט ער? — האָט ער זיך געווענדט צו זיין ווייב.

— וועלכער?

— נו, דער צעטראָגענער, צעפּאַטלטער בחור.

— איין צעטראָגענער בחור קומט אַריין? זיי זיינען, דאַכט זיך, אַלע צעטראָגן — האָט געזאָגט מלכה, קנייטשנדיג מיט די פּלייצעס.

— נו, דער פּוילישער, וואָס האָט געשריבן „דאָס געפּגרטע פערד". נו, האָט ער מיך שוין קראַנק געמאַכט מיט זיין געפּגרט פערד. צוערשט מוז ער מיר איבערלייענען. איר פאַרשטייט? אַזאַ גראָב בוך... מילא איבערלייענען איז איבערלייענען. קיין געלט קאָסט עס מיך ניט. בין איך אָנומלט מיט אים אָפּגעזעסן ביז 3 ביינאַכט און האָב אויסגעהערט דאָס געפּגרטע פערד. האָב איך געמיינט, אַז שוין, פּטור געוואָרן... ס׳הייבט זיך גאָר ניט אָן! איצט נודזשעט ער מיך גאַנצע טעג, איך זאָל אים אַריינלייגן 300 דאָלאַר און ער וועט געבן 200 דאָלאַר, וועט מען, הייסט עס, בשותפות מאַכן אַ ניי געשעפט: מ׳וועט אָפּדרוקן „דאָס געפּגרטע פערד". וועלן מירביידע גליקלעך ווערן. איך וועל קריגן נדן פאַר מיינע טעכטער און אויף חתונה־הוצאות. געפעלט אייך אַזאַ נודניק? — האָט זיך געווענדט וואַסערשטראָם צום טיש, וואו די געסט זיינען געזעסן.

— לעת עתה קומט שוין פון אים 10 דאָלאַר — האָט בייז באַמערקט מלכה... הערסט? 10 דאָלאַר! און דו באַרגסט אים!

— א ברירה האָב איך? כ׳וועל ניט באָרגן, וועל איך ניט לייזן...

— א פּעני זאָלסטו אים מער ניט באָרגן! הערסט? לאָז ער גיין אין דער ערד אַריין מיט זיין געפּגרט פערד אינייִנעם! — האָט זיך שוין צעשריגן אויף וואַסערשטראָמען זיין ווייב — איך וויל ביי אים ניט לייזן.

— איך וועל אַמאָל קומען צו אייך. ס׳מוז זיין זייער אינטערעסאַנט — האָט זיך שמייכלענדיג אָנגערופן באָנאַבאַרעץ פון זיין שטול.

— געזונטערהייט. איר וועט ביי מיר זיין א טייערער גאַסט, אָבער איך בעט אייך, מיין פריינד, זיך ניט צו חברן מיט די נודניקעס, בטלנים. ניין, ס׳איז ניט קיין געשעפט פאַר מיר — האָט געזאָגט וואַסערשטראָם מיט אַן אומעטיג פּנים און האָט אויפגעציטערט, אַזוי ווי ער וואָלט פון זיך געוואָלט אַראָפּוואַרפן די נודניקעס און בטלנים מיטן געשעפט אינייִנעם. — ווערט מיר נאָר פולשטענדיג געזונט, דאַן וועלן מיר זיך צונויפנעמען „נאַש בראַט”, ווי מ׳זאָגט: איר, פאַניע גלעקעל, חיים יענקל און מיר וועלן פאַרקאַכן דאָ אין אַמעריקע אַזאַ קאַשע, אַז עס וועט אַזש א רויך גיין, ווי איך בין א איד.

— וואָס־זשע, מיר וועלן ווידער פאַכטן א בריק? — האָט זיך אָנגע־רופן דער שפּאָטנדער חיים יענקל.

וואַסערשטראָם האָט פאַרלעגן אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— נעווער מאַינד! — איך האָב זיך שוין אויסגעגרינט. איצט וועל איך שוין אייך אָפּנאַרן און אייך פאַררעכנטן די בריק, איר קענט זיך שוין אויף מיר פאַרלאָזן. זאָגט מיר נאָר, מר. גלעקעל, האָט איר עפּעס בריף פון אייער דזשאַוויד בעי, האַ? דאַפן זיי נאָך געלט, די יונג־טערקן אייערע?

— וואָס־זשע, איר האָט שוין איצט אפשר געלט פאַר זיי? — האָט זיך אַריינגעמישט חיים יענקל.

— וואָס אַרט אייך? איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איך האָב מיך שוין אויסגעגרינט און איך וועל איצט שוין אייך, אַמעריקאַנער, אָפּנאַרן.

— א שיינער בריה! — האָט געוואָרטשעט מלכה. — זיך אויסגע־גרינט! אָט וועל איך זיי באַלד דערציילן, ווי אַזוי דו האָסט זיך אויסגע־גרינט, גאָלדשפּינער מיינער!

דער עולם האָט זיך ווידער צוגעגרייט אויסהערן פון גאָלדשפּינערס ווייב עפּעס א נייע שפּעקולאַציע, ווי די בריק איז געווען, וואו ער האָט אָפּגע־דונגען פאַר 600 דאָלאַר דאָס ראַגאַטקע־געלט.

ס׳איז אָבער אָנגעקומען א מעסענדזשער־באַי*) מיט א טעלעגראַמע.

מאַרוסיאַ האָט געוואַרט אויף א טעלעגראַמע און דערפאַר האָט זי עס געעפנט מיט רואיגע הענט. זי האָט אָבער באַלד אויסגעשריגן ווי א פאַר־ריקטע:

*) שיפ־איינגל.

— באַגאַבאַרעץ איז אַלערהעכסט באַגנאַדיגט! פּאַפּאַשאַ פאַרט היינט קיין ברעמען...

אַ מינוט איז זי געבליבן שטיל און פאַרגליווערט, ווי אַלע ביים טיש. באַלד אָבער האָט זי אָנגעהויבן צו טאַנצן מיט דער טעלעגראַמע איבער דער וואַרענדע אין אַ וואַנזיניגער פרייד.

ווען זי האָט אָבער געכאַפּט אַ בליק אויפן באַגנאַדיגטנס פּנים, איז זי מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און האָט אַרויסגעלאָזט פון אירע הענט די טעלעגראַמע מיט דער גליקלעכער בשורה...

באַגאַבאַרעץ האָט אויסגעזען, אַזוי ווי מ׳וואָלט אים געבראַכט אַ טויט־אורטייל און ניט קיין באַגנאַדיגונג.

שטיל און טרויעריג זיינען געבליבן זיצן אַלע אידן אויפן גאַניק.

— ס׳איז מיר קאַלט... פירט מיך אָפּ אין בעט אַרין — האָט באַגאַבאַרעץ אין אַ ווײַלע אַרום זיך געווענדט צום דאָקטאָר, אַ ציטערנדער.

מ׳האָט אים אַרייַנגעפירט אין הויז אַריין.

דעם דינער האָט מען שוין געענדיגט שטום און טרויעריג.

וואַסערשטראָם און מלכה האָבן זיך אויך באַלד געזעגנט און האָבן פאַרלאָזט דעם קאַטעדזש ביים ים.

וואַסערשטראָם גייט אין „פּאָליטיקס"

זעקסטער קאַפּיטל

וואסערשטראם באקענט זיך מיט שיפן

מר. פרימאן, וואסערשטראמס באקאנטער פון „געארג וואשינגטאן", וועלכער האט אים אויף דער שיף געגעבן די אידעע צו ווערן אין אמעריקא א פאליטישן, איז דעם אידל די גאנצע צייט פון קאפ ניט ארויסגעגאנגען.

ער האט שוין ניט איינמאל געפרעגט גלעקלען און מעדוועדיעוון, צי זיי האבן אים ערגעץ ניט באגעגנט.

ער האט דעם מאן אפט געזוכט אין יעדן פארבייגייענדן, וועלכער האט נאר געהאט אן ענלעכקייט צו אים.

און דער געדאנק צו ווערן א פאליטישן, האט די גאנצע צייט זיך גע־בויערט אין זיין מוח, און איז געשטאנען אין צענטער פון אלע זיינע שטרע־בונגען און האפנונגען.

און דער געדאנק איז נאך שטארקער געווארן, ווען וואסערשטראם האט זיך שוין באקאנט אביסל מיט די איסט־סיידער כלל־אנגעלעגנהייטן: מיט דעם לעבן פון פארשידענע יוניאנס, לאדזשעס און סאסייעטים.

דער געדאנק צו ווערן א קהלישער מענש, ווי ער איז געווען אין ראכ־מיסטריווקע, האט אים געטריבן צו ווערן א מיטגליד פון איינציגע סאסייע־טים.

אינגיכן האט ער זיך דערהויבן צו כבוד געוויילט צו ווערן אלס דער סעקרעטאר פון זיין לאנדסמאנשאפט.

ער האט קיין איין מיטינג ניט דורכגעלאזט און קיינמאל ניט פארפעלט צו „נעמען דעם פלאר"*) צו טומלען און שרייען אזוי, אז ער איז געווארן א פלאג פאר יעדן מיטינג.

זיין רעסטאראן האבן באזוכט ליטעראטן און יוניאן־פירערס און דאס אידל איז געקומען אין בארירונג מיט „רעכטע מענשן", ווי מ'זאגט, און איז שנעל אויסגעוואקסן פון זיין ראכמיסטריווקער וועלט־אנשויאונג און קליין־שטעטלדיקייט. ביי די רעדלפירערס, וואס האבן ביי אים פארקערט, האט ער טאקע געהאט די געלעגנהייט צו באקענען זיך מיט איסט־סיידער פאליטיק, מיט פילע אנגעלעגנהייטן פון דער גרעסטער אידישער קהלה אין דער וועלט.

ווייטער האט דאס אידל איבערהויפט ניט אויסגעלאזט קיין איין גרויסן אידישן מאסן־מיטינג און פראטעסט־פארזאמלונג, וואו אידן האבן נאר פראטעסטירט, איז ער אויך געלאפן פראטעסטירן און קעמפן, קיין אונטער־שיד, פארוואס און פאר וועמען, אבי שרייען, ליארמען...

*) דאס ווארט.

אזוי איז שוין געווען דער טעמפעראַמענט פון דעם קליינשטעטלדיגן יאַבעדניק.

און ער פלעגט זיך ניט רעכענען, צי מ'גיט אים דאָס וואָרט, צי ניין. ווען מ'האָט אים אַרויסגעפירט, פלעגט ער מאַכן סקאַנדאַלן און נאָך מער שרייען און ליאַרמען.

האָט זיך אין אַ פּאַרק צוזאַמענגעקליבן אַ רעדל אידן, איז שוין וואַסער־שטראָם געווען צווישן זיי, און האָט עמעצן פון די גדולים קריטיקירט, געזידלט.

אינגיכן האָט אים די איסט־סייד געקענט, ווי אַ בייזן שילינג, ווי אַ קרענק.

און וואָס מער ער האָט זיך באַקענט מיטן געזעלשאַפטלעכן אידישן לעבן, וואָס מער ער האָט זיך צוגעקוקט צו די איסט־סיידער רעדלפירערס, אַלץ מער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז פרימאַנס עצה איז בכלל אַ גוטע, אַז צו ווערן אַ רעדלפירער איז גאָרניט אַזאַ שווערע זאַך און ניט אַזאַ גרויסע קונסט...

און זיין באַשלוס צו ווערן אַ קאַכלעפל, אַ פּאָליטישן, איז ביי אים געוואָרן דערפאַר אַלץ פעסטער און פעסטער, און דער דראַנג דערצו אַלץ שטאַרקער.

* * *

אויף איינעם פון אַזוינע מיטינגען האָט זיך וואַסערשטראָם באַקענט מיט שיפן. אַזוי האָט זיך וויינינגסטנס דעם אידל אויסגעוויזן...

געווען איז דאָס אין בראָנזוויל. עפּעס אויף אַ חנוכת הבית פון אַ נייער תלמוד תורה.

עמעצער האָט אים געזאָגט, אַז שיף וועט דאָרט רעדן און דאָס אידל האָט אינמיטן העלן טאָג אוועקגעוואָרפן זיין רעסטאָראַן אויף די הענט פון זיין פרוי און טעכטער, און אַליין איז ער אַוועק צום חנוכת הבית, אום צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם אידישן מיליאָנער, וועלכער האָט געצויבערט זיין לעבעדיגע־פאַנטאַזיע, ווי אַן אַלטע און שיינע לעגענדע, ניט קוקנדיג דערויף, וואָס ער האָט זיך אין הארץ געבייזערט אויפן באַנקיר דערפאַר, וואָס ער האָט אים ניט געענטפערט אויף זיינע ידידי־בריוולעך.

געקומען איז ער שוין אַביסל שפּעט. דער זאַל איז געווען געפּאַקט און דאָס אידל איז דערפאַר פאַרסטראַנעט געוואָרן ביי דער טיר.

אויף דער פּלאַטפאָרמע איז שוין געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ גראָב אַמערי־קאַנער בייכל, מיט אַ גלאַט־ראַזירטער, פעטער מאָרדע און האָט שוין הויך געשריגן אויפן עולם אין ענגליש און ענערגיש געמאַכט מיט די הענט.

— ווער איז דאָס פעמפּיקל? — האָט וואַסערשטראָם אַ שטורכע געטאָן זיין נעכסטן שכן, אַ הויכן, אָרימען איד, מיט אַ לאַנגער באָרד, ווי פון קלאַטשע.

— איר ווייסט ניט? ס׳איז דאך שיף. — האט אים דער איד צוגעווארפן אומגעדולדיג בייז, ניט אראפנעמענדיג די אויגן פונם פעמפיקל.

— שיף? — האט אנטוישט אויסגערופן וואסערשטראם.

די פעטע, גלאט־געגאלטע מארדע האט אים באדארפט אנטוישן, ווייל וואסערשטראם האט פון שיפס פנים געהאט א גאנץ אנדערן באגריף. דער אידישער מיליאנער און נדבן האט זיך געמאלן אין זיין פאנטאזיע מיט א הדרת פנים, ווי דאס פרצוף פון א משה מאנטיפיארע, עפעס א מין איידל און זיידן געזיכט פון א גדול בישראל. און אלנפאלס ניט אנדערש, ווי מיט א בארד, בשום אופן ניט מיט אזא פעטע, גלאט־געגאלטע מארדע, פון וועלכער ס׳האבן געבליאסקעט גאלדענע ציין און ניט מיט אזא גראב בייכל, ווי דער רעדנער האט געהאט.

און דער פארדרוס, מען קאן כמעט זאגן שנאה, וואס ער האט אין הארץ געטראגן צו שיפן דערפאר, וואס ער האט אים ניט געענטפערט אויף אלע זיינע בריף, איז איצט, ביים אנבליק פון דער „חזירישן פרצוף“, ווי וואסערשטראם האט אים באצייכנט אין זיין מחשבה, אויסגעוואקסן מיטאמאל אין א ווילדן צארן ... מיטאמאל איז ביי אים נולד געווארן א שטארקער באגער, א דראנג, צו נעמען און אנזידלען אט דעם דבר אחר, זאגן אים עפעס אזוינס, באליידיגנדעס, אז ער זאל אים שוין אין לעבן ניט פארגעסן. וואס האט ער מורא פאר אים? ער האט אים אין באד מיט זיינע מיליאנען אינייגעם! אין אמעריקע איז ער אזא פרייער מענש, אזא מיוחס, ווי שיף.

און די אויפגעפלאמטע שנאה צום מיליאנער האט שוין דאס אידל געשטופט צו דער פלאטפארמע, האט געגעבן ענערגיע צו זיינע עלנבויגנס און וואסערשטראם האט זיך, ווי כסדר, באלד צוגעשטופט צום אויבן־אן, צו דער מזרח־וואנט, וואו ער איז תמיד געוועזן געוואוינט צו שטיין אין ראב־מיסטריוזקער שול און איבעראל.

באלד האט דער פעמפיק געענדיגט זיין רעדע. מען האט אים זייער שטארק אפלאדירט, און דער רעדנער איז אפגעגאנגען אין דער זייט פון דער פלאטפארמע, וואו ס׳איז געזעסן א גאנץ ביגטל פון אזוינע גלאט־געגאלטע רעדל־פירערס, ווי ער אליין איז געוועזן, און א פאר אידן מיט בערד, ווייזט אויס, רבנים, אדער דיינים. דאן האט וואסערשטראם פארלאנגט בקול רם דעם פלאר, צו זאגן א פאר ווערטער וועגן דעם מצב פון די רוסישע אידן „פון אונזערע ברידער אין פאניעס מדינה“.

אויף דער טעמע האט ער שוין געהאט א גאנצע אויסגעלערנטע דרשה און פלעגט זי אפדרשנען אויף יעדן מיטינג. ביי יעדער געלעגנהייט, מיט פייער און מיט א ליארם ... און מ׳האט אים תמיד אפלאדירט, ניט קוקנדיג דערויף, וואס דער פארזיצנדער פלעגט אים תמיד רופן צו ארדנונג.

— וואט איז יור נעים, פליעז?*) — האט אים געפרעגט דער פארזיצנדער.

*) וואס איז אייער נאמען?

— וואַסערשטראָם! וואַסערשטראָם! — האָט זיך בייז און שטאַרק אָנגערופן דאָס אידל.

עמעצער האָט צווישן עולם אַ לאַך געטאָן, ווייזט אויס אַ מאַן, וואָס האָט שוין געקענט דעם נאָמען וואַסערשטראָם.

דער פּאַרזיצנדער האָט זיך אומגעקוקט אין דער זייט, וואו מ'האָט געלאַכט, האָט געכאַפּט נאָכאַמאָל אַ קוק אויפן אידל, האָט געמאַכט אַ זויערע מינע און האָט אים דאָך פאַרשפּראָכן צו געבן דאָס וואָרט נאָכן נעכסטן רעדנער.

וואַסערשטראָם האָט אויסגעהערט דעם רעדנער מיט דער גרעסטער אומגעדולד... דאָס אידל האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן. די גאַל און דאָס בייזע בלוט פון אַ יאַבעדניק האָבן שוין אין אים געקאָכט און געדאַמפט, ווי אין אַ הייסן לאָקאָמאָטיוו, וועלכער איז גרייט זיך אַ לאָז טאָן אין וועג אַריין. אין דער אמתן, אידן שטייען און רעדן און ער דאַרף שווייגן? דאָס איז געווען איבער זיינע כחות! און אַז דער פּאַרזיצנדער האָט ענדלעך אויסגערופן: „מר. וואַסערשטראָם געט דהי פלאָר"! האָט זיך דער דאַמפנדער לאָקאָמאָטיוו אַ ריס געטאָן פון זיין אָרט און איז מיט אימפּעט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם.

וואַסערשטראָם האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט אויפן עולם און אויפן בינטל רעדל־פירערס, וואו דער כלומרשטער שיף איז שוין געזעסן. דערנאָך האָט ער שוין אָנגעהויבן אויף זיין קוויטש, מיטן פולן דאַמף פון זיין הייסן טעמפּעראַמענט און כמעט געשריגן מיט מגידישן געזאַנג:

— אידן! אחינו בני ישראל! אין דער תורה שטייט: וישמן ישורין ויבעט... אַז דער איד עסט זיך אָן און ווערט פעט, דאָס הייסט, ווען ער ווערט אַ גביר, צעבריקעט ער זיך און פאַרגעסט באַלד אין גאָט און אין זיינע ברידער. דער פּסוק איז מקוים געוואָרן ביי אייך, אַמעריקאַנער אידן! — ער האָט שיער ניט אויסגעשריגן „חזירים", האָט זיך אָבער פאַרכאַפּט.

דאָ האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף פּסעוודאָ־שיפן, און האָט זיך אַ טראַכט געטאָן:

— איצט וועל איך אים אַנרייבן אַ מאַרדע, אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען.

— איר לעבט אייך אין אַ לאַנד פון זבת חלב ודבש. איר האָט אַלע רעכט, „ווילגאַטעס", אַז אַ איד קאָן דאָ זיין אַלץ, אפילו אַ מיניסטער. און אין רוסלאַנד קאָן אַ איד אפילו קיין גאָראָדאָוואָי ניט זיין. איר פאַרדינט מיליאָנען און ווערט מיליאָנטשיקעס און דערפאַר האָט איר זיך צעבריקעט און פאַרגעסן אין אייערע אָרימע ברידער.

דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט אַ האַלבער זייט צו שיפן, דאָס הייסט, צום ערשטן רעדנער, מיטן גראָבן בייכל און פעטן קאַרק און האָט שוין אָנגעהויבן היסטעריש צו פייערן גלייך אויף אים און שרייען:

— וואס שווייגט איר? ניקאלאי, ימח שמו וזכרו, פייניגט אייערע ברידער, אייער אייגן בלוט און פלייש, מאכט פאגראמען, שענדט אייערע אייגענע שוועסטער, שפאלט בייכער, און אייך ארט עס גארניט? פרעגט מיך, ווי אזוי אייערע ברידער לײדן אין רוסלאנד! — האט זיך געקלאפט דאס אידל אין ברוסט אריין — איך וועל אייך דערציילן, וואס זיי שטייען דארט אוים!... איך קום ערשט נים לאנג פון דעם ווימטן לאנד! איך האב איבערגעלעבט פאגראמען! מ'האט מיך, אן עושר, צעראבעוועט און געמאכט פאר אן עני! פרעגט מיך, וועל איך אייך דערציילן, וואס א פאגראם הייסט — האט ער זיך היסטעריש געקלאפט אין ברוסט — און איר קענט שוין נים פארטראגן אייערע פעטע בייכער מיט די אקסענע קערקעס! ווי אין פסוק שטייט: „לא ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו", דער פעטער אקס דערקענט שוין נים זיין באלעבאס, דעם קודשא ברוך הוא!

— און דאס אידל האט אנגעוויזן גלייך אויפן פעטן רעדנער, וועלכן ער האט אויפגענומען פאר שיפן, — וואו איז יושר, פרעג איך אייך?

דער עולם האט זיך שטארק צעלאכט, דער כלומרשטיגער שיף האט זיך נים באליידיגט. אומגעקערט! ער האט זיך אויפגעהויבן פון זיץ און האט זיך גענומען אפלאדירן דעם קרענק. וואסערשטראם איז דערפון אביסל מבולבל געווארן און האט געווארפן אויפן פעמפיק שטוינענדע און פארלעגענע בליקן.

דאס געלעכטער איז געווארן נאך גרעסער.

דער פארזיצנדער האט בארואיגט דעם עולם און האט געזאגט צום רערנער:

— גא אהעד!*) — און וואסערשטראם איז געגאנגען „אהעד" און האט געשריגן:

— וואו־זשע איז דאס אידישע הארץ, פרעג איך אייך? וואו זיינען עפעס די רחמנים בני רחמנים? וואס שווייגט איר, פרעג איך אייך? פארוואס זאלט איר נים לויפן צו אייער פרעזידענט און פון אים פארלאנגען, אז ער זאל ניקאלאיקען דערלאנגען אזא טראסק אין מארדע אריין, אז דאס בלוט זאל זיך גיסן פון דבר אחר.

— יא, יא! א טראסק אין מארדע אריין, במלא מובן המלה, — האט וואסערשטראם געזוכט צו איבערשרייען דאס געלעכטער, וואס דער עולם האט אויסגעשאסן ביי דעם „טראסק" — אמעריקע איז ביכולת אים צו דער־לאנגען אזא טראסק, אז פאניע חזיר זאל זיך אזש איבערקערן. ווארים אמעריקע האט א שטארקן פלאט... נעיוווי, מיין איך, זאל זי באמבארירן פעטערבורג, אדעס! — האט פארלאנגט וואסערשטראם — פאר נוים זאל זי זיך מיט ענגלאנד פארבינדן. איך האב אמאל שוין גערעדט וועגן דעם מיט אונזער גרויסן זאנגוויל אליין און ער האט געזאגט, אז ווען אמעריקע הייבט נאר אן, וועט ער שוין פועלן, אז ענגלאנד זאל אויך צושטיין. וואו־

*) רעדט ווייטער.

זשע איז אייער רחמנות, פרעג איך אייך? וואו איז דאָס גוטע אידישע הארץ? — האָט אַלץ געטענהט דאָס אידל צום פּעמפּיק, און ער האָט אָנגעהויבן צום סוף שרעקן אים און די אַמעריקאַנער אידן, אַז פאַר זייער גלייכגילטיקייט צו די אידישע צרות וועלן זיי ניט זוכה זיין דערזען דעם משיח בן דוד, דעם קיבוץ גליות, און האָט זיי געבראַכט אַלס אַ ראיה נאָך עטלעכע פּסוקים און גמרות.

דער עולם האָט ווייטער געלאַכט, נאָך שטאַרקער ווי פריער.

דאָס אידל איז שוין געווען דערשעפּט און האָט געענדיגט מיט דעם סטראַשונעק זיין „ספּיעטש"*).

מ'האָט אים אַלץ אַפּלאַדירט, און, צו זיין גרעסטער איבעראַשונג, איז שיף אַליין, וועלכן ער האָט אַנגעריבן אַזאַ מאַרדע, צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים לאַנג און שטאַרק געדריקט די האַנט. דאָס אידל איז שוין געשטאַנען, ווי אין חלום, און האָט אַליין שוין ניט געוואוסט, וואו ער איז און וואָס טוט זיך מיט אים.

דאַן האָט שיף גענומען נאָכאַמאָל דאָס וואָרט און האָט זיך געשטעלט פאַרן עולם און הויפּטזאַכלעך פאַרן אידל פאַרענטפערן זיך און דאָס אַמעריקאַנער אידנטום:

— דאָס איינציגע וואָס אַמעריקע קאָן טאָן — האָט געזאָגט דער פּעמפּיק — איז, צו ברעכן דעם האַנדלס-פאַרטראַג מיט רוסלאַנד — דו פאַרשטייסט? — דו פאַרשטייסט? צו ברעכן דעם האַנדל מיט רוסלאַנד — האָט ער אויסגעטייטשט צו וואַסערשטראָמען אין אַ געבראָכענעם אידיש, און האָט צעבראָכן דעם פאַרטראַג מיט די הענט, ווי מ'צעברעכט דעם אַפּיקומן. — ווייטער איז אַמעריקע אוממעכטיג זיך אַריינצומישן אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון אַ פרעמדער קאַנטרי**) און ענגלאַנד וועט עס אויך ניט טאָן... זאַנגוויל האָט אַ גרויסן מיסטעיק***) — האָט פאַרזיכערט דער רעדנער, זיך ווענדנדיג צו וואַסערשטראָמען.

— זאָל אַמעריקע ברעכן דעם פאַרטראַג! — האָט אַ געשריי געטאָן וואַסערשטראָם פון זיין אָרט.

— אָלל-ראַיט! דהיס איז עי גוד אַידיאַ (דאָס איז אַ גוטע אידעע)! אָבער מען מוז פריער שאַפן די נויטיגע שטימונג אין לאַנד. — האָט זיך געווענדט דער געמיינטער שיף צו וואַסערשטראָמען, אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט נאָר צו אים אַליין. — דו פאַרשטייסט? האָט ער אַלץ געפרעגט וואַסערשטראָמען — פּאַבליק אָפּיניאָן? די גרויסע מענער פון אַמעריקע מוזן עס פריער אינדאָרסן****)... דאַן קאָן מען גיין צום פּרעזידענט און עס פאַרלאַנגען... דו פאַרשטייסט? — זאָל די איסט-סייד אָנהייבן און

*) רעדע.
**) לאַנד.
***) טעות.
****) געבן זייער הסכמה.

אונזער אָרדן וועט עס שוין אונטערשטיצן. מאַכט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונ־גען... זאָל דאָס פאָלק אָנהייבן!

— איך וועל אָנהייבן — האָט מער געדראָט ווי פאַרשפּראָכן דאָס אידל.

— איך וועל צונויפנעמען אַ מיליאָן אידן און גיין מיט זיי צופוס קיין וואַשינגטאָן צום פּרעזידענט.

דער עולם האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— דאַטס ראַיט*)! דאַטס דהי ראַיט איידיע! — האָט פּאַטאַ־קעוועט דאָס פּעמפּיקל גאַנץ ערנסט און איבעראַשט פון דער „גוד איידיע“.

— אַז איר, רייכע, ווילט גאָרניט טאָן פאַר אייערע ברידער, וועלן מיר, די גרינע, עס טאָן — האָט געשריגן דאָס אידל.

דאָס גרינע פּובליקום האָט אים שטורמיש אַפּלאָדירט.

דער רעדנער האָט זיך גענומען נאָך לאַנג טענהן און ווייזן, וואָס מ׳דאַרף טאָן, אַז מ׳זאָל קענען ברענגען די רעגירונג, צו ברעכן דעם האַנדלס־פאַרטראָג מיט רוסלאַנד. נאָך דער רעדע איז ער ווייטער צוגעגאַנגען צו וואַסערשטראָמען און האָט אים געזאָגט אין אַ געבראָכענעם אידיש:

— דו פאַרשטייסט? דו נעם צונויף אידן „טו עי ביג פּראָטעסט־מיטינג, ענד אַי קאַם אָווער טו יו עז עי ספּיעקער. מען מוז האָבן פּאַבליק אָפּיניאָן... דו פאַרשטייסט?... אַי קענט ספּיק דזשואיש... באַט קאַם אָווער טו מאַי האַוז מאָרגן ענד אַיל עקספּלעין יו ווהאַט טו דו, די האָל ביזנעס. (דו נעם צונויף די אידן צו אַ גרויסער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, וועל איך קומען אַלס אַ רעדנער. מען מוז האָבן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג... איך קאָן ניט רעדן אידיש... קום צו מיין הויז מאָרגן און איך וועל דיר דערקלערן, וואָס צו טאָן.).

אויף אַזאַ איינלאַדונג האָט זיך וואַסערשטראָם שוין גאָר ניט גערעכט. די שנאה צו שיפן און דער גאַנצער בייזער אַפּלאָמב פונם קליינשטעטלדיגן יאַבעדניק איז מיטאָמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן.

— מיט פאַרגעניגן! מיט פאַרגעניגן! ווען זאָל איך צו אייך קומען?

— האָט ער שוין געטאַנצט אַרום „שיפן“ אַן איבעראַשטער פון גליק און מיט אַ חניפהדיג, פאַרלעגן שמייכל אויפן פּנים.

— טומאָראָו טהרי אָ׳קלאָק**) — האָט אים צוגעוואָרפן „שיף“ — וועיט עי סעקאָנד***) — און ער האָט אַרויסגענומען אַ ביכעלע פון דער וועסט־קעשענע מיט אַ פאָונטן־פען, האָט אַרויסגעריסן אַ בלעטל, האָט אָנגע־שריבן דערויף זיין אַדרעס, האָט עס אָפּגעגעבן דעם אידל און איז אָפּגע־גאַנגען צום רעדל, וועלכעס איז געווען פאַרטיפט אין אַ היציגן שמועס.

וואַסערשטראָם האָט אים געוואָלט פרעגן:

— מר. שיף, וואָס איז די מעשה?... וואָרים האָט איר מיר עס ניט

*) דאָס איז גוט.
**) מאָרגן דריי אַזייגער.
***) וואַרט אַ ווײַלע.

געענפערט אויף מיינע בריף? — האָט עס אָבער געלאָזט אויף מאָרגן. דער מיטינג האָט אים שוין מער ניט אינטערעסירט, האָט באַלד פאַרלאָזט דעם זאַל און איז אַוועק אהיים אָנזאָגן זיין ווייב די בשורה, אַז ער האָט זיך באַקאַנט מיט שיפן אַליין און האָט מיט אים אויף מאָרגן דריי אַ זייגער אַ ראַנדעוואו.

מלכה ווערט ניט נתפעל

צו וואָסערשטראָמס באַוואונדערונג האָט מלכה אויפגענומען די גרויסע בשורה מיט דעמזעלבן קאַלטבלוטיגן פעסימיזם, מיט וועלכן זי פלעגט תמיד באַגעגענען אַלע זיינע גליקן. זיינע אַמעריקאַנער גליקן האָבן שוין צום איבעריגן אונטערגעגראָבן דעם מאַנס פרעסטיזש אין אירע אויגן.

אַז ער איז אַ פאַרסאַפּעטער, מיט צוויי איבערגעקערטע אויגן, אַריין אין רעסטאָראַן און האָט איר שטיל איינגערוימט אויפן אויער: — מלכה! איך האָב זיך ערשט באַקענט מיט שיפן... ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אויף מאָרגן 3 אַ'קלאָק, האָט מלכה אויף אים צוערשט, ווי כסדר, ביז אַ גלאַנץ געטאָן מיט אירע שוואַרצע אויגן, האָט מיט דיזעלבע אויגן אים אויסגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט געזאָגט: — וואָס־זשע? שוין ווידער אַ קו געפלויגן איבערן דאַך, האַ?

קיין גרעסערע באַליידיגונג האָט עס פאַר אים ניט געקענט געבן. זיין ערשטע באַוועגונג איז געווען, אַריינפאָרן דער אידענע אין פּנים אַריין און איר אָפּציילן עטלעכע מאָל אין זיידנס טאַטן אַריין, ווי זי האָט עס כשר פאַרדינט, די בושה אָבער פאַר פרעמדע מענשן, פאַר די געסט, האָבן אים אָפּגעהאַלטן דערפון...

דאָן האָט ער געוואָלט איר ווייזן דאָס צעטעלע מיט שיפס אייגענער האַנטשריפט און דערנאָך איר שוין שטילערהייט אויפן אויער זאָגן, ווער זי איז, און וואָס פאַר אַ „פאַרשיווע אידענע״ זי איז, דער שטאָלץ פון באַליידיגטן מאַן האָט אים אָבער אויך דערפון אָפּגעהאַלטן. ער האָט זי נאָר אָפּגעגאָסן מיט אַ לאַנגן פאַראַכטענדן בליק, האָט געמאַכט אַן ענערגישן: „טפו זאָלסטו ווערן!״ און איז אַרויס פון רעסטאָראַן, קלאַפּנדיג אין כעס מיט דער טיר.

די מיידלעך, וועלכע האָבן באַדינט דעם עולם, זיינען צוגעלאָפן צו איר און זי געפרעגט: „וואָס איז שוין ווידער?״

— גייט אין דר'ערד אַריין מיטן טאַטן אינייינעם! — איז געווען איר תשובה און די טעכטער האָבן זיך פון איר סקאַנדאַליזירט און פאַרשעמט שנעל אָפּגעטראָגן.

אַ גאַנצע שטונדע איז דאָס אידל אַרומגעלאָפן אין די גאַסן, ווי אַן עלנדער מענש, וועלכער האָט אַ גרויסן, וועלט איבעראַשנדן סוד און האָט ניט קיין גוטן פריינד, וועמען צו פאַרטרויען זיינע געדאַנקען...

און די געדאַנקען האָבן געטאַנצט אין זיין קליין קעפּעלע, ווי אַ מחנה פון ווילד־הוליענדע שדים און האָבן עס שיער ניט צעטראָגן... צוערשט

האָבן דאָס קעפּל פאַרפּלייצט אידן, אַ גאַנצער מיליאָן אידן און ער האָט זיך שוין געלאָזט מיט זיי צופּיס קיין וואַשינגטאָן, פאַרלאַנגען פון פּרעזידענט, אַז ער זאָל ברעכן מיט רוסלאַנד יעדן משא ומתן... די טריטי, הייסט עס. דערנאָך האָט ער געטראַסקעט ניקאָלאַיען אין די באַקן, אַז ס'האָט געיושעט פון אים דאָס בלוט. דאָס בילד האָט אים אַזוי באַצויבערט, אַז ער האָט געוואָלט לויפן אין העסטער־פּאַרק, זיך אויפשטעלן אויף אַ באַנק און שרייען:

— אידן! נעמט זיך צונויף און קומט מיט מיר צופּיס קיין וואַשינג־טאָן! זאָל דער פּרעזידענט אונזערער ברעכן דעם האַנדל מיט פּאַניע חזיר!

— זיינען אים אָבער פאַרלאָפן די 100 מיליאָן, דער האַלבער מיליאָן קור־טאַזש, וואָס גלעקעל האָט אים צוגעזאָגט און טאַקע גלעקעל בכבודו אַליין.

אין אים האָט זיך דערוועקט דער פּראַקטישער אינסטינקט זיינער און האָט אים געזאָגט:

— וואָס דאַרפסטו זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ נייעם עסק, אַז דו קענסט איצט מאַכן די הלואה און ווערן אַ גביר אויף אייביג?... דו קענסט דאָך איצט נעמען גלעקעלן און מיט אים פאָרן טאַקע צוליב דעם צו שיפן! געוויינלעך טאַקע אָנהייבן פריער פון פּאָליטיק... לפנים... פאַר אַן אויסרייד... און באַלד טאַקע פאַרקירעווען צו יענער מעשה...

געווים האָט דער פּראַקטישער אינסטינקט געזיגט און וואַסערשטראָם איז אַוועק צום קאַטעדזש ביים ים, וואו ער האָט געקענט טרעפן זיין פריינד, גלעקעל־עפּענדי.

וואַסערשטראָם פאַרטרויט גלעקעלן זיין סוד

אריין איז ער אין הויז מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון אַ מאַן, וואָס טראָגט אַ גרויסן סוד אין בויך און באַוועלטיגט זיך, אַז קיין באַוועגונג, קיין איינציגער מוסקול אויפן פּנים זאָל אים ניט ארויסגעבן... אַזוי ווי ער זאָל זיך אַליין צוהאַלטן:

— משה! זיי אַ מענש!

אַז ער האָט ביים טיש פון עס־צימער דערזען דעם דאָקטאָר און חיים יענקלען, דעם ליץ, ווי ער האָט אים תמיד גערופן הינטער די אויגן, און פאַר וועמענס שפּאָט ער האָט אינסטינקטיוו געציטערט, ווי פאַר אַ בייזן הונט — האָט זיך דאָס אידל נאָך מער אָנגעשטרענגט, אַז מ'זאָל אויפן פּנים גאַרניט איבערלייענען...

ער האָט דערפאַר באַגריסט יעדן מיט אַ קאַלטער, אָבער העפלעכער פריינטלעכקייט.

אַז גלעקעל האָט אים דערזען, איז אים פינצטער און ווייסט געוואָרן אין די אויגן. ער האָט געמיינט, אַז דאָס אידל איז געקומען אים מאָנען די צוויי הונדערט דאָלאַר און די צייט איז נעבאָך ביי אים אַליין געווען אַ שלעכטע.

מאַרוסיאַ און באַגאַבאַרעץ האָבן אים אויפגענומען, ווי אַ טייערן גאַסט

און האָבן אים פאַרגעשטעלט פאַר זייער נייעם פריינד, דעם הויז־דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אים שוין איינמאָל געזען ביי זיי אויפן גאַניק מיט מלכהן, ווען זיי זיינען געקומען מבקר חולה זיין דעם קראַנקן, און ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן.

מאַרוסיאַ האָט אים געפרעגט, וואָס וועט ער טרינקען, טיי צי קאַווע. דאָס אידל האָט געדאַנקט און האָט זיך אָפּגעזאָגט: „איך האָב דעם גאַנצן טאָג צוטאָן מיט טיי און קאַווע... אַז ס'קריכט מיר שוין איינפאַך פון האַלז".

— איר מוזט אָבער עפּעס טרינקען! — האָט פאַרלאַנגט פון אים מאַרוסיאַ — און האָט אַליין באַשטעלט פאַר אים טיי מיט איינגעמאַכטס. באַנגאַבאַרעץ האָט אָנגעהויבן באַשיטן אים מיט פראַגן, וואָס מאַכן זיינע געסט, די ליטעראַטן, און הויפּטזאַכלעך דער פּראָפעסאָר פון „געפּגערטן פערד".

וואַסערשטראָם האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי צו ענטפערן קאַלטבלוטיג אויף יעדער פראַגע, כדי ער זאָל ניט אַרויסגעבן זיין אויפרעגונג און אַז ער זיצט אויף שפּילקעס.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער אַרויסגערופן גלעקעלן אין זאַל אויף אַ סוד.

ביי גלעקעלן איז די מאַמעס מילך פאַרקילט געוואָרן.

— איר ווילט אודאי געלט! — איז אים גלעקעל פאַרפאַרן פריער אין גרעסטער פאַרלעגנהייט — איך דאַרף די טעג קריגן פון דזשאַוויד בעי געלט, וועל איך אַליין אַריינטראָגן.

— זייט ניט קיין קינד! — האָט אויף אים כמעט אַ געשריי געטאָן וואַסערשטראָם — ס'ליגט מיר אַפילו ניט אין דער לינקער פּאה! איך בין זיכער מיט די 200 דאָלאַרעס... אויך מיר געלט! — און איז אַנטשוויגן געוואָרן אין אַ טיפער איבערלייגונג.

גלעקעלן איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ.

— זאָגט נאָר מיר... ווי שטייט עס איצט מיט אייערע טערקן? דאַרפן זיי נאָך געלט? צי ניין — האָט אים שטיל, אָבער אַנטשלאָסן געפרעגט וואַסערשטראָם.

גלעקעל האָט געהערט, ווי דער אָטעם האָט זיך איבערגעריסן ביי זיין פריינד און האָט געוואָרפן אויף אים אַ נייגעריגן בליק.

— וואָרים ניט? וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס? וואָס דען זיץ איך דאָ?

— איך ווייס?... אַ קשיה אויף אַ מעשה, — האָט געזאָגט דאָס אידל און האָט זיך ווידער טיף פאַרטראַכט.

— צי וואָס פרעגט איר? — האָט אים געפרעגט גלעקעל...

וואַסערשטראָם האָט שטאַרק אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן, האָט זיך

אויפגעהויבן אויף די שפיץ פינגער און האט אים געזאגט שטיל, מיט אן אומבאשרייבלעכן שמייכל און אזש מיט א טיפן זיפץ:

— איך האב זיך היינט באקענט מיט שיפן! — און איז אנטשוויגן געווארן אין דערווארטונג אויפן גרויסן עפעקט. און, מערקווירדיג, ס'האט אויף גלעקעלן קיין רושם ניט געמאכט...

— וואס־זשע איר גלייבט מיר אפשר ניט? א? ווי איז אבער דער דין, אז איך וועל עס אייך באווייזן שווארץ אויף ווייס, א? דאן וועט איר מיר שוין גלייבן? — האט דאס אידל געגלאצט אויף זיין פריינד מיט זיינע קעצישע אויגן, ארויסלייגנדיג דאס צעטעלע מיט שיפס אייגענער האנט־שריפט פון דער קעשענע — אט האט איר עס! מיט זיין הייליגער האנט געשריבן... ער האט מיך איינגעלאדן אויף מארגן אויף דריי א זייגער און איך האב אים געזאגט, אז איך פאר צו מיט אייך...

ווייזט אויס, אז גלעקעל האט נאך געקעמפט מיט זיין צווייפל...

— ווי אזוי האט איר זיך מיט אים באקאנט? — האט ער גלייכגיל־טיג געפרעגט.

גלעקעלס גלייכגילטיקייט האט אים געערגערט צום טויט...

— איר ווילט עס וויסן? א? אומבאדינגט? נו, וועל איך אייך דערציילן.

און וואסערשטראם האט זיך גענומען אים שטיל, זיך אומקוקנדיג אלע־מאל אויף דער טיר, מיט א פליסטערן, דערציילן די גאנצע מעשה פון אלף ביז תיו, ווי אזוי דער בראנזווילער רב, זיין גוטער פריינד, האט אים איינ־געלאדן אויפן חנוכת הבית פון דער תלמוד תורה, ווי אזוי ער האט זיך דארט באקאנט מיט שיפן... די מעשה מיטן „וישמן ישורין ויבעט..." מיט די פעטע אידן וואס בריקעווען און פארגעסן אין גאט, פונם געוואלט. וואס ער האט דארט געמאכט און ווי ער האט אים געריבן א מארדע פארן גרויסן עולם.

— יא, יא! איר מעגט מיר גלייבן... און וואס האב איך פאר אים מורא? און אז שיף, וואס איז? איר קענט דאך מיך, אז איך שרעק מיך פאר קיינעם ניט! איך האב געמאכט א געוואלט: ס'טייטש! הישמע כזאת?... מ'פייניגט אייערע אייגענע ברידער און איר, חזירים, שווייגט! יא, חזירים! חזירים! איר מעגט מיר גלייבן!... איר קענט דאך מיך, אז איך וועל פאר קיינעם ניט נתפעל, און וואס מיינט איר? אז דער אדון האט זיך באליידיגט? ברוגז געווארן? ס'הייבט זיך גארניט אן! כמדבר איש אל רעהו, איז ער צוגעגאנגען צו מיר און האט מיר געדריקט די האנט... אט דיזעלבע האנט וואס איר זעט! איך זאל אזוי פירן מיין לאהן צו דער חופה, איז ביי מיר א טייערע הייליגע שבועה! און האט זיך גענומען פאר־ענטפערן, אז ער קאן גארניט העלפן... אז אמעריקע קאן גארניט טאן... אז זי קאן זיך ניט מישן אין רוסישער פאליטיק... דאן האב איך אויס־געשריגן: „זאל אמעריקע ברעכן דעם משא־מתן מיט רוסלאנד!... די

טריטי, הייסט עס, פארלאנגט עס ביים פרעזידענט!" יאָ, ווי איר קוקט מיך אָן! וואָס־זשע מיינט איר? ער איז אַזש אונטערגעשפרונגען פון דעם געדאנק... אַזוי איז ער נתפעל געוואָרן פון אים. הכלל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג רעדן און ברייען? דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיר ווידער געדריקט די האַנט און האָט מיך געבעטן ניעפּרעמענע... בלי תירוץ... קומען צו אים מאָרגן דריי אַ זייגער... צו אים אַ היים, הייסט עס, שוין ניט אין באַנק און מיר וועלן זיך דאָרט אַן עצה האַלטן, וואָס צו טאָן, אַז דער פּרעזידענט זאָל ברעכן די טריטי... הייסט עס! — האָט געענדיגט וואַסערשטראָם מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיין פּליסטערן... האָט זיך פריער אומגעקוקט צי קיינער הערט אים ניט און דערנאָך שוין אַריינגעקוקט זיין פריינד אין פּנים אַריין...

און גלעקעלס פּנים איז איצט געווען בלייך, ווי ווייס לייַם, אָן אַ טראָפּן בלוט...

— עיקר שכחתי... דעם סאַמע צימעס האָב איך אייך אויסגעלאָזט — האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף דאָס אידל און האָט זיך שטיל, טריומפירנד און געהיימניספול צעלאַכט.

— אַז מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון חנוכת הבית, הייסט עס — האָט ער מיך גענומען אונטער דער האַנט — ווי איר קוקט מיך אָן!... פרעג איך אים: „מיסטער שיף! ווי קומט עס עפּעס, וואָס איר האָט מיר ניט געענטפערט אויף מיינע בריף? ווער ענטפערט עס ניט אויף קיין בריף? ובפרט, אַז מ׳רעדט פון געשעפט? מי גדול — זאָג איך אים — ווי ניקאָלאַי אַליין? איז דאָ עפּעס גרעסערס פון אים? נו, האָב איך געשיקט אַמאָל אַ פּראָשעניע*) אויף וויסטשאַישעיע אימיאַ, איז מיר אין צוויי חדשים אויך אָנגעקומען פון זיין קאַנצעלאַריע אַן ענטפער: „אָטקאַזאַט"**), צי איר גיט יאָ געלט, צי ניט, אָבער ענטפערן האָט איר דאָך געקענט! „אָטקאַזאַט", און פאַרטיג! וואָלט איך געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט." הייבט זיך אָן אַ מעשה... אַז ער ווייסט פון גאָרניט... אַז ער האָט די בריף מיינע גאָרניט באַקומען!... אָדער זיי זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם גרויסן טאַראַראַם. איין בריוו קריגט ער? טויזנטער אַ טאָג! ס׳איז דאָך אַ גרויסער יאַריד, די באַנק זיינע... הכלל... איך וועל עס אייך מאַכן בקיצור:

— ברענגט אים אַריבער צו מיר — זאָגט ער — דעם ווייסן חברהניק, און מיר וועלן טאָקן ביזנעס***) — הייסט פאַרשטייט איר שוין? האַ? — האָט געענדיגט וואַסערשטראָם שטיל און באַגייסטערט אונטערגעשפּרונגען צו זיין פריינד, ווי אין קדושה...

גלעקעל האָט קיין וואָרט אים ניט געענטפערט און האָט זיך געלאָזט

---

*) אַ ביטע.
**) אָפּגעזאָגט.
***) רעדן געשעפט.

שפּאַנען איבערן צימער, קענען זיין געוואוינהייט, לאַנגזאַם און פאַרקלערט. אָבער שוין אין פיבער פון אַן אויפפלאַקערנדן נייעם פּלאַן.

וואַסערשטראָם האָט אים פאַרפאַלגט אַנטוישט און אומגעדולדיג. אויף אַזאַ קאַלטבלוטיגער אויפנאַמע האָט ער זיך ניט געריכט.

— וואָס שווייגט איר? — האָט אים צוגערופן וואַסערשטראָם מיט אַ געפּאַלענער שטימע. — ווי איך זע, דאַרפט איר שוין קיין געלט ניט!

— זייט ניט קיין קינד! — האָט בייז געזאָגט גלעקעל פון ווינקל, איז אָבער באַלד צו אים צוגעגאַנגען, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער פּלייצע פונם קליינעם אידל און האָט געזאָגט שטיל, ווי אַ סוד, מיט דעמ־זעלבן געהיימניספולן, טריומפירנדן שמייכל פון זיין פריינד:

— מיר וועלן ברעכן די טריטי מיט רוסלאַנד!

וואַסערשטראָם האָט געמאַכט אַ זויער, אַנטוישט פּנים:

— וואָס וועלן מיר האָבן דערפון?

— וואָס? כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך שטיל צעלאַכט גלעקעל און האָט אים איינגערוימט אַ צווייטן סוד אויפן אויער — מיר וועלן בלייבן אומשטערבלעך אין דער אידישער געשיכטע... כאַ, כאַ, כאַ... איר פאַר־שטייט, צי ניין, וואָס דאָס באַטייט? איר גלייבט אין השארת הנפש! לאָזן אַ גרויסן נאָמען אין דער געשיכטע!

— השארת הנפש! — האָט אויסגערופן וואַסערשטראָם מיט ביטול. — איך דאַרף געלט... איך דאַרף חתונה מאַכן מיינע מיידלעך!... איר ווייסט דאָך, אַז די עטלעכע דאָלאַר, וואָס איך האָב געבראַכט, האָב איך שוין צעטרענצלט.

— אַלץ וועט זיין, איד איינער, וואָס איר זענט, געלט און אומשטערב־לעכקייט! פּירט מיך נאָר צו אים... און פאַרלאָזט זיך שוין אויף מיר... מיר וועלן פאַרקאָכן אַזאַ קאַשע, אַז די וועלט וועט מיט אונז, צוויי אידלעך, האָבן צו טאָן... מיר וועלן אַריינקריכן ניקאָלאַיען אין דער גרגרת אַריין.

אין דער טיר איז געשטאַנען חיים יענקל. זיינע גרויע, קעציגע אויגן האָבן געלויכטן, ווי ביי אַ טייוול אין אַ וואַלפּורגיס־נאַכט... גלעקעל האָט אַרויפגעלייגט די פינגער אויף די ליפּן, ווי איינער זאָגט: „שאַ!“

און ביידע זיינען אַרויסגעגאַנגען שטיל און באַוועלטיגט, אַז קיינער זאָל גאָרניט דערקענען, צוריק אין עס־צימער.

וואַסערשטראָם איז נאָך אַ ביסל געזעסן, פון דרך־ארץ וועגן, האָט גערעדט געלאַסן און פּאָליטיטשנע, האָט זיך באַלד געזעגנט און האָט פאַר־לאָזט דעם קאָטעדזש ביים ים...

אויפן צווייטן טאָג

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיך גלעקעל און וואַסערשטראָם צו אַ באַ־שטימטער שטונדע באַגעגנט אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, אַזוי ווי זיי האָבן

צווישן זיך אָפּגערעדט. גלעקעל האָט צוגערופן אַן אויטאָמאָביל. וואָסער־שטראָם האָט זיך גענומען פּראָטעסטירן:

— צו וואָס איבעריג געלט? לאָמיר, מר. גלעקעל, צופאָרן מיט דער סאָבוועי.

— זייט נישט קיין קליין־שטעטלדיגער יאָלד! — האָט אים אָפּגעהאַקט גלעקעל.

— ווייזט נאָר דעם אַדרעס!

וואָסערשטראָם האָט מיט ציטערנדע הענט דערלאַנגט דאָס צעטעלע, וואָס דער געמיינטער „שיף" האָט אים געלאָזט. ער האָט עס אָפּגעהיטן דעם מעת לעת, ווי אַ טייערן דימענט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג...

גלעקעל האָט איבערגעלייענט דעם אַדרעס. עס איז נישט געווען אין דער פינפטער עוועניו, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט שיפס רעזידענץ. עס איז אָבער געווען אין אַן אַנדערער, אויך רייכער נאָכבאַרשאַפט און דער אַדרעס האָט ביי אים נישט אַרויסגערופן קיין פאַרדאַכט. ער האָט זיך נישט געדינגען מיטן שאָפער, האָט געגעבן אים דעם אַדרעס, אוןביידע זיינען אָפּגעפאָרן...

ערשט, אַז דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ געוויינלעך, אפילו גאַנץ ניי פינף־שטאָקיג הויז, געבויט אין געוויינלעכן קאַזאַרמע־סטיל, ווי דער רוב הייזער פון אַפּטאַון, האָט זיך גלעקעל גענומען קוקן אויפן הויז מיט פאַרדאַכט:

— שיף וועט נישט וואוינען אין אַזאַ הויז...

פונדעסטוועגן האָט ער קיין וואָרט נישט געזאָגט זיין באַגלייטער, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין זיינע שבתדיגע בגדים און צילינדער־הוט, און ביידע זיינען אַריין אין וועסטיבול. אַז ער האָט אָבער דאָרט דערזען אין דער וואַנט אַ גאַנצע שורה פון בראָנזענע בריוו־קעסטלעך, איז ער שוין גע־בליבן שטיין מיט אַן אויסגעצויגן פּנים.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט זיין באַגלייטער.

— וואָס מיינט איר? — האָט וואָסערשטראָם פאַריסן זיין קעפּל אין צילינדער־הוט.

— וואָס האַקט איר אַ טשייניק? וואָס מיר שיף? וועמען בלאָפט איר?

דאָס אידל האָט אָנגעהויבן צו פינטלען שנעל מיט די אויגן:

— מסתמא האָט דער אויטאָמאָביל געהאַט אַ טעות... פּאַרפּירט, דער רוח ווייסט וואוהין...

גלעקעל האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און האָט אַרויסגענו־מען דאָס צעטעלע פון קעשענע.

מען איז אַרויסגעגאַנגען צוריק אין דרויסן צום שאָפער. וואָסערשטראָם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים, ווי אַ בייזער הונט. און אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט מיט אים זיך ריכטיג אויסטענהן, האָט ער גענומען שנעל

פאכען מיט די הענט, ווי אן אונטערגעשאסענער פויגל מיט די פליגל. אין צילינדער־הוט, וועלכער האט געטאנצט אויף זיין קעפל, האט דאס אידל איבערהויפט אויסגעזען, ווי א פויגל מיט א גרויסן טשוב.

דער שאפער האט זיך נאכאמאל איינגעקוקט אין צעטל און האט זיך גענומען שוין שרייען און פאכען אויף זיי. דאן האט מען זיך גענומען שרייען און זשעסטיקולירן שוין אין דרייען... אז דער שאפער האט זיך ענדלעך דערוואוסט, אז זיי דארפן צו שיפן, האט ער זיך הויך צעלאכט און האט שוין נים אויפגעהערט לאכן, זיך האלטנדיג ביי די זייטן. די סיטואציע איז באלד אלעמען קלאר געווארן: דער אדרעס איז „אלל־ראיט" און דער שאפער איז געווען „אלל־ראיט": דער אויטאמאביל האט זיי געבראכט אויפן ריכטיגן פלאץ... נאר „שיף" אליין איז נים „אלל־ראיט... דאן זיינען שוין אלע אנטשווינגן געווארן...

גלעקעל מיט וואסערשטראמען האבן זיך גענומען קוקן איינער אויפן צווייטן, אנגעכמורעט און אויסגעצויגן, ווי צוויי הענער פאר א קאמף, אן ווערטער און אן באוועגונגען.

צום גליק איז צוגעפארן א צווייטער אויטאמאביל, און פון אים איז ארויסגעשפרונגען דאס זעלבע פעמפיקל, וואס האט איינגעלאדן וואסער־שטראמען צו זיך אויף 3 א זייגער.

וואסערשטראם האט זיך א לאז געטאן צו אים, ווי צו א דערלייזער.

— וואס מאכט איר מיך משוגע? אט זיינען זיי דאך! — האט ער א געשריי געטאן צו זיין פריינד.

גלעקעל האט זיך שוין אבער נים גערירט פון ארט. ער האט גוט געקענט שיפס אויסזען.

דער „פעמפיק" איז צו אים צוגעגאנגען, האט אים דערלאנגט די האנט און האט אים צוגעווארפן א פריינטלעכן „האו דו יו דו".

— דאס איז מיין פריינד גלעקעל־עפענדי... מיין פריינד, משה גלעקעל־עפענדי, פון קאנסטאנטינאפאל. א גרויסער ציוניסט... געשיקט אהער פון דער טערקישער רעגירונג — האט אים פארגעשטעלט דער טאנצנדער און שמייכלענדער וואסערשטראם.

— גלעד טו מיט יו*), מר. גלעקעל־עפענדי — האט ער זיי ביידע, מיט דער האנט, נאכלעסיג איינגעלאדן צו זיך אין הויז אריין.

גלעקעל האט זיך געלאזט גיין נאך אים. דער שאפער האט אים אבער אפגערופן, ער זאל אים באצאלן. דאן האט ער אים צעטראגן באצאלט און איז אריין אין הויז, שוין געטריבן בלויז פון נייגעריקייט.

דארט האט זיך וואסערשטראם באלד איבערצייגט, אז דער לאנגער, ארימער איד מיט דער בארד פון קלאטשע האט אים אפגענארט, אדער ער האט זיך אליין פריער אפגענארט. עס איז געווען נים שיף, נאר דער גוט־

*) איך פריי מיך צו באקענען.

באקאנטער „דזשאדזש"*), דער וויים־פרעזידענט פון א גרויסן אידישן ארדן און א פאליטישן.

גלעקעל און דער דזשאדזש האבן לאנג און הערצלעך געלאכט איבער וואסערשטראמס טעות. פונם אידלס אנבליק אליין, האט מען געקענט געגוג לאכן. וואסערשטראם האט אויסגעזען, ווי אן אפגעשמיסענער... פונ־דעסטוועגן זיינען זיי דארט געבליבן לאנג, און גלעקעל האט פארלאזן דעם דזשאדזש א שטראלנדער פון גליק. גליקלעכער, ווי ער וואלט זיך באקאנט מיט שיפן אליין.

אין „דזשאדזשס" הויז איז געבוירן געווארן א נייע באוועגונג, א גרויסע היסטארישע באוועגונג: צו צעברעכן דעם האנדלס־פארטראג מיט רוס־לאנד!...

אונטערן רויש און ליארם פון עלעוועיטער

אונטערן רויש און ליארם פון עלעוועיטער, האט זיך גלעקעל, פארנדיג אהיים, געגומען טראכטן וועגן דער נייער גרויסער באוועגונג, באלד אבער האט זיין אומבאשרענקטע פאנטאזיע זיך אנגעשטויסן אויף דער ערשטער שוועריקייט. ער האט ניט געהאט קיין פרעסע הינטער זיך, וועלכע זאל אים „דעקן". מיט דער „נאציאן", און מיט איר רעדאקטאר האט ער אפ־געבראכן יעדן פארקער און יעדע באציאונג. ניט ער האט אפגעבראכן, נאר מילמאן האט אים ארויסגעשליידערט, ווי א נוצלאזן שטאף — אויסגענוצט, גיי צום טייוול.

אז גלעקעל האט זיך איצט דערמאנט אין דער סצענע, ווי אזוי ער האט אים דאן ארויסגעטריבן, האט אים אנגעכאפט א קאלטער שוידער.

ווענדן זיך צו איינער פון די איבעריגע צייטונגען, וועלכע האבן אים ארונטערגעריסן פון זיין פעדעסטאל און צעטרעטן מיט אזא בייזער פרייד און מיט אזא געמיינעם שפאט, וואלט געווען לעכערלעך.

ערשט איצט, מער ווי פריער, האט ער דערפילט, ווי נייטיג ס'איז צו שאפן א נייע ערלעכע צייטונג. ערשט מיט אזא באוועגונג וואלט אזא צייטונג געהאט אלע שאנסן אויף א שנעלן און גרויסן דערפאלג. ווי גרויס ס'איז אבער ניט געווען זיין אפטימיזם און ווי לייכט ס'איז ניט פארגעקומען אין זיין פאנטאזיע צו „לאנטשן"**) באוועגונגען און בויען עולמות — דאך האט ער געמוזט איינזען, אז די גרינדונג פון אזא צייטונג איז פארוקט אין דער ווייטער צוקונפט, אז צו קריגן 100 טויזנט דאלאר איז אפילו דא, אין לאנד פון מיליארדן, ניט קיין גרינגע זאך. פונדעסטוועגן איז ביי אים געבליבן נאך די נאכט אפצופארן קיין באסטאן צו זיין פריינד בוירד, וועלכן ער האט ערשט ניט לאנג באקערט צום ציוניזם און אים אנפארטרויען דעם נייעם גרויסן פלאן, פארשפרעכן אים אומשטערבלעכקייט אין דער אידישער

---

*) ריכטער.

**) שאפן.

געשיכטע און פאַרלאַנגען פון אים, אַז ער זאָל זיך איילן מיט דער גרינדונג פון דער ערלעכער צייטונג. דאָ האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז ווען ניט די באָגאָבאָרעצס, וועלכע האָבן אים אָנגעבאָטן זייער גאַסטפריינטשאַפט, וואָלט ער איצט שוין איבערהויפּט געהונגערט...

און טראַכטנדיג אין צוג פון די גוטע און איידעלע מענשן, האָט אַ נייער געדאַנק באַלויכטן זיין מוח, און באַלד פון דאָרט פאַרטריבן אַלע שוועריקייטן און מניעות:

— וואָרים זאָל באָגאָבאָרעץ ניט געבן דאָס נייטיגע געלט פאַר אַזאַ צייטונג? — דער מאַן, האָט ער געוואוסט, איז רייך... ווי גרויס ס'איז זיין פאַרמעגן, האָט ער ניט געקענט אָפּשאַצן... אָבער וועלכע 20 טויזנט דאָלאַר האָט ער געקענט אַריינלייגן און קיין ריזיקאַליש געשעפט איז דאָס אויך ניט געווען. און האָבנדיג אַ צייטונג מיט אַזאַ באַוועגונג — האָט געהייסן אַ זיכערער דערפאָלג.

— יאָ, בלי ספק — האָט זיך געטראַכט גלעקעל — ניט נאָר מ'וועט ניט דערלייגן, נאָר אומגעקערט, מ'וועט שנעל זיך אַרויפאַרבעטן, שלאָגן מיט דער „טריטי" די גרעסטע צירקולאַציע און די צייטונג וועט אינגיכן ווערט זיין אַ פאַרמעגן. ווייטער וועט דעם מאַנס פּוסטע לעבן קריגן אַן אינהאַלט, אַ ציל...

און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך באַלד גענומען פאַר באָגאָ־באָרעצן און מאַרוסיאַן, שפּאַנענדיג שנעל און פיבערהאַפט איבערן צימער, אויסלייגן דעם נייעם גרויסן היסטאָרישן פּלאַן און פאַרלאַנגען פון זיי דערויף 20 טויזנט דאָלאַר.

— איצט איז אַ מאָמענט, אַז מיר זאָלן בלייבן אומשטערבלעך אין דער אידישער געשיכטע! — האָט פאַטעטיש געענדיגט גלעקעל און איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט צו דער סטעליע.

אין מאַרוסיאַן פלאַקערט אויף אַ האַס צו אידן

באָגאָבאָרעץ האָט אויסגעהערט און האָט באַגייסטערט פּאַטאַקעוועט:

— דאָ. נאַדאָ... נאַדאָ... אַז מ'וועט ברעכן דעם פאַרטראָג מיט רוסלאַנד, וועט די רוסישע רעגירונג אויפהערן פייניגן און פאַרפאָלגן אונזערע ברידער.

מיט אים איז גלעקעל שנעל פאַרטיג געוואָרן.

דער באַגייסטערטער און אַרומלויפנדער גלעקעל האָט אָבער ניט באַ־מערקט, ווי אַזוי מאַרוסיאַ האָט אים אויסגעהערט די גאַנצע צייט. איר פּנים האָט זיך אַלעמאָל געביטן פון רויט אויף בלייך און צוריק רויט. דאָס בלוט האָט אַלעמאָל אָנגעיאָגט און פאַרפלייצט אירע באַקן און איז צוריק אַנטלאָפן, ווי אַ כוואַליע לויפט אָן אויף אַ ברעג און אַנטלויפט אין שרעק צוריק. און אַז איר מאַן האָט אים צוגעגעבן, און האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער „אונזערע ברידער", גרייט צו געבן די צוואַנציג טויזנט דאָלאַר,

איז זי מיטאמאָל אויפגעשפּרונגען פון אָרט, ווי א ווילדע, האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיש און שרייען:

— וואָס? געלט וועל איך אייך געבן? איר גייט שמוצן מיין פאָלק, זיך אונטערגראָבן אונטער מיין פאָטערלאַנד און פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אייך געבן געלט אויף אַזאַ געמיינהייט?

— איר, זשידעס, ווילט אונז, רוסן, דערטרונקען, און פאַרלאַנגט פון אונז געלט דערויף? אַ, נים אומזיסט שלאָגט מען אייך...

— איצט פאַרשטיי איך, אַז רוסלאַנד איז קעגן אייך גערעכט — האָט געשריגן דעם פּאָגראָמשטשיקס טאָכטער, מיט צוויי ווילד פלאַקערנדע אויגן און מיט נאָזלעכער, ציטערנדע פון וואוט און אויפרעגונג.

דער אַנטיסעמיטישער אויסברוך פון מאַרוסיאַן איז געווען אַזוי אומ־דערוואַרטעט פאַר ביידע, פאַר גלעקעלן און פאַר איר מאַן אַליין, אַז גלעקעל איז געוואָרן בלייך, ווי דער טויט... און דער קראַנקער באָגאָבאַרעץ איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול און האָט אויסגעשטרעקט צוויי ציטערנדע הענט, אַזוי ווי מאַרוסיאַ וואָלט אים געקנוטעוועט און ער וואָלט געוואָלט פון זיך אָפּווענדן די גרויזאַמע שמיץ.

— גאָט איז מיט דיר, מאַרוסיאַ! ווי קענסטו אַזוי רעדן? — האָט געציטערט דער בלייכער און נאָך קראַנקער מאַן...

און די קאַצאַפּקע אָבער האָט שוין נים געקענט באַוועלטיגן איר ווילדן צאָרן און די אויסגעבראָכענע, טיף פאַריאָגטע שנאה צו אידן.

— יאָ, שלאָגן דאַרף מען אייך... אַ פּאָגראָם איז ווייניג, הענגען דאַרף מען אייך... אַלע זשידעס אויסהענגען, ווי מיין פאָטער שרייט כסדר... אַי, דער פּאַפּאַשאַ קאָן אייך, זשידעס, גוט! נים אומזיסט שרייט ער כסדר, אַז איר וועט אונז, רוסן, אומברענגען... איר זענט רוסלאַנדס שונאים... טויט־פיינד! איר זענט די שונאים פון דער גאַנצער קריסטלעכער מענש־הייט! — האָט נים אויפגעהערט צו שרייען אויסער זיך און קלאַפּן אין טיש אין ווילדער אויפרעגונג דעם גובערנאַטאָרס טאָכטער.

— מאַרוסיאַ! מאַרוסיאַ! — האָט אויסגעשריגן נים מיט זיין כח און קול דער קראַנקער דיכטער, ווי אונטער אַ האַנט פון אַ גזלן.

איצט אָבער האָט אים מאַרוסיאַ געהאַסט גלייך מיט אַלע אידן.

— ערשט איצט האָב איך אייך דערקענט! איצט ווייס איך, וואָס פאַר אַ שלאַנגען איר, זשידעס זענט. רוסלאַנד וועט צו גרונט גיין דורך אייך!... דורך אייך! דער גרויסער דאָסטאָיעווסקי האָט עס נאָך געזאָגט!

און די ווינטנדע קאַצאַפּקע האָט נאָך לאַנג געשריגן, געטופּעט און געפלוכט, ווי אַן עכט־רוסישע נאַטור, וועלכע צעגייט זיך אין דער ברייט און קאָן זיך שוין נים אָפּשטעלן.

זי האָט אויסגעפלוכט איר טיפע היימווייי, וועלכע האָט, ווי אַ געפּער־לעכע זשאַבע, גענאָגט און געזויגן איר האַרץ, דאָס בענקעניש פון אַ מוטער נאָך די קינדער און איר גאַנץ צעבראָכן און צעטראָטן לעבן, אין וועלכן זי

האט טיף אין הארצן באשולדיגט נאר די אידן און האט תמיד אין מוח עס אליין באקעמפט.

זי האט אזוי לאנג געשריגן, ביז דער אומגליקלעכער מאן אירער האט זיך געכאפט ביים הארץ און איז געפאלן, ווי א פארוואונדעטער צוריק אין שטול און פארווארפן דעם קאפ. דאן איז דער טויט־בלייכער גלעקעל גע־קומען צו זיך און האט אויסגעשריגן מיט א ווילד און ניט אייגן קול, האט געכאפט א גלאז וואסער און האט זיך גענומען מונטערן דעם פארחלשטן פריינד זיינעם.

מארוסיא אבער איז אנטלאפן מיט א היסטעריש געוויין צו זיך אין שלאפצימער.

* * *

א שרעקלעכער און פיינלעכער אוונט!
דער פיינלעכסטער אוונט אין באגאבארעצס לעבן.
דער פיינלעכסטער אוונט אפילו אין גלעקעלס לעבן.

אין דעם אוונט האט באגאבארעץ ערשט דערפילט דעם שרעקלעכן אפ־גרונט, וועלכער צעטיילט אים אויף אייביג פון זיין פרוי.

אויך גלעקעל האט דערזען דעם אפגרונט און האט מיט א שוידער איבערן לייב דערפילט, אז דער אפגרונט וועט זיי ביידע פריער אדער שפע־טער איינשלינגען...

ער האט אויך איינגעזען, אז ער, דער איד, האט שוין מער ניט וואס צו טאן אין שיינעם קאטעדזש ביים ים, אז ער קאן די גאסטפריינטשאפט פון דער פרוי מער ניט געניסן, און ער האט אין דעם אוונט מיט א בלוטיג הארץ און מיט טרערן אין די אויגן, פארלאזן זיין טייערן און איידעלן פריינד און מארטירער, וועלכן מ'האט שוין געמוזט אפטראגן אין בעט אריין און רופן צו אים דעם דאקטאר.

דער דאקטאר איז שוין געבליבן נעכטיגן ביים קראנקן...

דא איז מארוסיא געקומען צו זיך... די שלאפלאזע נאכט איז אויך שוין געוועזן די שרעקלעכסטע אין איר לעבן! ביינאכט האט זיך ביים דיכטער געוויזן בלוט פון האלז. א שמאל רויט שנירל, ווי א שנירל קרעלן האט זיך אויסגעגאסן פון דער אנגעגריפענער ברוסט אויף דעם ווייסן קישן...

דער דאקטאר און מארוסיא האבן עס ערשט באמערקט אין דערפרי, און זיינען ביידע פארשטיינערט געווארן פון שרעק. אויך די טעמפעראטור האט אין דערפרי געשטיגן און באגאבארעץ איז שוין געבליבן אין בעט.

איבערן קאטעדזש ביים ים האבן זיך צוריק אנגעיאגט געדיכטע, פאר־זארגטע וואלקנס.

מארוסיא האט זיך ווידער דערזען ביים אפגרונט, געשמיסן און געיאגט אהין פון פלאגנדן געוויסן.

קיין שריט פארווערטס...

אָבער לויפן צוריק איז אויך אוממעגלעך!

אפילו די האָפנונגען, וועלכע זי האָט געלייגט אויפן פאַרנדן פּאָטער, זיינען מיטאמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן.

זי האָט דערזען, אַז די בריק, וועלכע זי האָט שטיל און פאַרזיכטיג געבויט איבערן אָפּגרונט און וועלכע האָט זיי געזאָלט פירן צוריק אַהיים צום אַלטן לעבן, איז מיטאמאָל אַריינגעפאַלן אין דעמזעלבן אָפּגרונט...

זי האָט די בריק אַליין אויפגעריסן...

מיט איר אומפאַרזיכטיגן אַנטיסעמיטישן אויסברוך.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז באַגאַבאַרעץ וועט איצט ווערן פאַרזיכטיג און וועט שוין ניט לאָזן בויען אויפסניי די בריק.

פונדעסטוועגן איז איר שנאה צו אידן נאָכן ווילדן אויסברוך נאָך שטאַרקער געוואָרן. איצט האָט זי שוין אין איר געברענט ווי די אויס־געבראָכענע פלאַמען פון אַ פאַרצערנדן בראַנד...

אַז חיים יענקל איז געקומען אַהין אויפן צווייטן טאָג און האָט דערזען איר פּנים, האָט ער זיך איבערגעשראָקן.

די שלאָפלאָזע נאַכט, דער קאַמף מיט איר פלאַגנדן געוויסן און מיט אירע ווילדע געפילן, מיטן גאַנצן פלאַנטער פון איר לעבן, דער שרעק פאַרן מאַן, וועלכן זי האָט דאָך אַזוי שטאַרק געליבט, האָט אויף איר געזיכט אַרויפגעלייגט אַ חתימה פון אַ ווילדער חיה, וואָס ווערט פאַרפאָלגט און אַרומגערינגלט פון יאַגד־הינט און זוכט מיט פאַרצווייפלטע אויגן, ווי אַזוי אַרויסשפרונגען פון דעם פיינטלעכן רינג.

פונדעסטוועגן האָט זי עמפּפאַנגען דעם קונסט־קריטיקער, ווי אַן אייגענעם.

חיים יענקל איז געווען דער איינציגער איד, צו וועלכן זי האָט ניט גע־פילט די פיינטשאַפט, וועלכע זי האָט געהאַט צו אידן און צו אַלעם אידישן. גלעקעל מיט אַלע זיינע פּראָיעקטן האָט אויסער דעם אידנטום און ציוניזם ניט געלעבט, קיין שום אינטערעסן ניט געהאַט.

דערפאַר האָט זי די לעצטע צייט פאַרלוירן יעדן באַרירונגס־פונקט מיט אים. פאַרקערט, ערשט ער, דער נאַציאָנאַליסט, האָט געוועקט דעם רוסישן האַס צו אידן.

ווייטער האָט זי דערפילט אין זיינע נאַציאָנאַליסטישע פאַנטאַזיעס אַ געפאַר פאַר איר מאַן און פאַר זייער צוקונפט. זי האָט זיך איבערצייגט אין דעם נאָך די 20,000 דאָלאַר, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פאַר זיין צייטונג.

אַנדערש איז געווען חיים יענקל! פריער פאַר אַלעמען אַ מענש מיט ברייטע, מענשלעכע געפילן. און אַז זי האָט אים דערזען, איז זי אים אַרויפ־געפאַלן אויפן האַלז און האָט זיך צעוויינט אַזוי פאַרצווייפלט און אַזוי אומבאַהאָלפן.

— צו וואָס? צו וואָס? ווער האָט עס אויסגעטראַכט: אידן און קריסטן, וואָרום זיינען מיר שונאים?

און וואס האט איר געקענט ענטפערן דער ארימער חיים יענקל?...
נאר איין זאך האט ער איר געקענט זאגן, אז ער, דער איד, וואלט אוועקגעגעבן זיין נשמה, זיין לעבן, אבי ער זאל זי, די שיינע קריסטין, ניט זען וויינען און אזוי אומגליקלעך און פארצווייפלט.

וואו נעמט מען אבער דעם מוט איר עס צו זאגן? און ער איז ארויסגעגאנגען אין צווייטן צימער, אז ער זאל זיך ניט צעוויינען גלייך מיט איר.

מילמאנס באזוך

אין א פאר טעג ארום, אז באנאבארעץ איז צוריק געקומען צו זיך און איז ווידער געזעסן אין זונענליכט אויפן גאניק, האט זיך ביים קאטעדזש אפגעשטעלט אן אויטאמאביל און פון אים איז ארויסגעשפרונגען מר. מילמאן, דער רעדאקטאר פון „נאציאן", און איינער פון זיין סטעף, וועלכן באנאבארעץ האט שוין אמאל געזען אויף דער „מרגלים־שיף".

דעם דיכטער האט אנגעכאפט א פאניק, דער אלטער אומבאגרייפלעכער, אבערגלויבישער שרעק, דער שרעקלעכער חלום נאכן מיטינג אין קופער־יוניאן איז ווידער דורכגעלאפן פאר זיינע גייסטיגע בליקן, זיין ערשטע באוועגונג איז געווען, אנטלויפן אין הויז אריין און זיך פארשליסן. ער האט זיך אבער דערפילט שוואך און איז געבליבן זיצן א צוגעגאגלטער צו דער שטול. דאס הארץ האט זיך ביי אים אזוי געווארפן, אזוי ווי די מענשן וואלטן געקומען נאך זיין לעבן, אים נעמען און שוין פירן אויף דער גאלגאטא צום קרייץ.

און באלד האבן אים די צוויי „זשורנאליסטן" ארומגערינגלט און האבן זיך אנגעהויבן פרייען מיט אים און פאדען ארום אים מיט חניפה און קאמפלימענטן, אז דער קאפ האט זיך ביי אים פארדרייט און דער גאניק מיט די שטולן מיט די צוויי זשורנאליסטן איינעם האבן אנגעהויבן צו טאנצן און שווינדלען פאר זיינע אויגן...

און אז מארוסיא האט זיך באוויזן אויפן גאניק, האבן זיי זיך אווארף געטאן צו איר און האבן אנגעהויבן זי צו חנפענען, צו גראטולירן... און צו פארזיכערן, אז קיין גרעסערע פרייד קאן עס פאר זיי ניט געבן, ווי צו זען דעם גרויסן דיכטער ווידער געזונט און פעאיג צו שאפן און צו באגליקן די מענשהייט און, הויפטזאכלעך, דאס אידישע פאלק מיט זיינע שאפונגען.

דערנאך האט דער רעדאקטאר זיך שוין אליין צוגעזעצט צו אים און האט אנגעהויבן זיך און דאס אידישע פאלק צו אנטשולדיגן פארן טרויעריגן אינצידענט מיט זיין פיעסע, האט פארגעשלאגן אויפצופירן דיזעלבע פיעסע נאך אמאל אונטער זיין אייגענער אויפזיכט...

ער האט מיט וואוט געדראט דעם גרויסן סטאר און דירעקטאר און האט אים פארשפראכן, ארויסצורופן אויף זיי א באיקאט און פארשאפן דעם באליידיגטן דיכטער די גרעסטע נקמה און האט זיך גענומען ווייטער חנפענען און אים גלעטן מיט זיסע, אונטערטעניגע רייד...

און וואָס מער דאָס אידל האָט אים געלאַשטשעט און געגלעט מיט זיין חניפה, אַלץ גרעסער און טיפער איז געלאָפן דער אומהיימלעכער שווידער איבער זיין לייב פון די חניפהדיג־גלעטנדע רייד...

קיינמאָל אין לעבן האָט ער ניט געזען, אַז אַ מענש, ובפרט אַן אינטעליגענטער מענש, זאָל אַזוי חנפענען דעם צווייטן...

די חניפה האָט אים ווייטער איבעראַשט, זי האָט זיך ניט געפּאַסט מיט דעם בילד, מיט דעם מאָראַלישן פּרצוף, וואָס ער האָט זיך געשאַפן פון דעם אידישן זשורנאַליסט... ער האָט אַלץ געקענט פון אים דערוואַרטן, אָבער ניט קיין קריכנדע חניפה...

און באַגאַבאַרעץ האָט דערפילט, אַז זיינע רייד וויקלען און שלענגלען זיך שוין אַרום זיין האַלז, ענגער און ענגער, און אַז באַלד וועלן זיי אים דערוואָרגן.

און ווי דאָן אויף דער שיף, האָט באַגאַבאַרעץ אַראָפּגעקוקט צו דעם קריכנדן מענשעלע מיט איבערגעשראָקענע אויסגעסטאַרטשעטע אויגן...

ווי פון אַ קאָשמאַר האָט ער געוואָלט זיך באַפרייען און אַנטלויפן פון די גלעטנדע און שטיקנדע רייד, איז ער אָבער געזעסן ווי אַ געליימטער און האָט ניט געקענט ניט זיך אַ ריר טאָן און ניט ענטפערן קיין וואָרט...

אַז מילמאַן האָט אים ענדלעך דערקלערט דעם צוועק פון זיין וויזיט, אַז ער אַנגאַזשירט אים אַלס אַ מיטאַרבעטער פון זיין גרויסער צייטונג און ניט אים פּאָר צוויי אַרטיקלען 50 דאָלאַר אַ וואָך און די פרייהייט צו שרייבן און צו זאָגן וואָס ער וויל, און דערצו נאָך אַזאַ „בום“, אַז די „יונייטעד סטייטס“ זאָל אויפציטערן, דאַן, דאַן האָט באַגאַבאַרעץ זיך אויפגעהויבן פון אָרט:

— איזווינִיטיע, פּאַזשאַלוסטאַ! איך קאָן אייער פאָרשלאָג ניט אָננעמען — האָט ער געזאָגט אַ טויט־בלייכער און אַ ציטערנדער, ווי פון דער גרעסטער באַליידיגונג.

מילמאַן האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן:

— וואָרים? וואָס איז די אורזאַך? מיך לייענען אַ האַלבער מיליאָן אידן, פריער האָט איר מורא געהאַט פאַר אייער אינקאָגניטאָ... איצט אָבער?

— איך בין ניט פאַרפּליכטעט צו געבן אייך דערקלערונגען — האָט אים אָפּגעהאַקט קורץ און שאַרף באַגאַבאַרעץ און האָט זיך פאַר אים פאַרבויגן, ווי אַ מאַן, וואָס ענדיגט די באַווילִיגטע אוידיענץ.

דאַן האָט זיך דאָס אידל שטאָלץ אויסגעגלייכט און האָט פאַרלאָזט מיט זיין באַגלייטער דעם גאַניק אָן אַ „גוד־באַי“*).

די באַליידיגונג האָט דעם זשורנאַליסט געבערענט, ווי אַ העליש פייער, און ער האָט זיך אַליין געגעבן די שבועה זיך מיט אים אָפּצורעכענען ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

*) זיי־געזונט.

מארוסיא האט קיין טעות ניט געהאט

מארוסיא האט קיין טעות ניט געהאט... דער אנטיסעמיטישער אויסברוך אירער, וועלכן גלעקעל האט ארויסגערופן און דער גאנצער אינצי־דענט פון דעם אוונט, וועלכער האט געקאסט דעם דיכטער דאס ערשטע שנירל בלוט, האט מיטאמאל אים געעפנט די אויגן, און אז די אויגן האבן זיך ביי אים געעפנט, האבן אנגעהויבן צו לויפן פאר זיי אלטע, שוין לאנג פארגעסענע, אבער ענלעכע אינצידענטן...

און איצט האט ער די פארגעסענע אינצידענטן דערזען שוין אין אן אנדערער, גאנץ נייער באלייכטונג.

אין א נייער באלייכטונג איז איצט אויסגעוואקסן פאר זיינע אויגן זיין גאנץ צוזאמענלעבן מיט מארוסיאן, איר ליבע און זייער גאנצע געמיינזאמע פארגאנגנהייט.

דאס, וואס איז, קאן זיין, שוין פון לאנג אן אומבאוואוסט געוואקסן אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, איז איצט מיטאמאל אין דעם נייעם ליכט געשטאנען פאר זיינע אויגן, ווי א גרויזאמער פאקט, אויף וועלכן מ'קאן שוין ניט פארמאכן די אויגן...

און ווי א מענש, וועלכער מאכט א נייע אומדערוואַרטעטע און איבער־ראשנדע אנטדעקונג, האט ער זיך צוגלייך איבערגעשראקן און דערפרייט.

געשראקן האבן אים די קאנסעקווענצן, וואוהין די אנטדעקונג האט דערפירט, צוגלייך אבער האט זי אים דערפרייט, ווי א שטראלנדע האפנונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבן דורכשלאגן דורך די געדיכטע וואלקנס פון דער פארנעפלטער צוקונפט...

און אזוי ווי פאר דער קראנקהייט איז אין צענטער פון אלע זיינע געדאנקען און געפילן געשטאנען די פארגאנגנהייט, פון וועלכער ער האט זיך ניט געקענט באפרייען, ווי פון א שווערער פאטאלאגישער ירושה, אזוי האט איצט, נאך דער קראנקהייט, איר פלאץ פארנומען די צוקונפט.

ווערנד דער קראנקהייט איז די פארגאנגנהייט אפגעשטארבן, וויינינגסטנס אין דעם זין, אז זי האט שוין מער ניט געברענט זיין געוויסן מיט אירע שמוציגע פלעקן...

זי איז יא געלעגן פאר זיינע אויגן, אבער ווי אן איבערגעלעבטער, אויס־געלאשענער קאשמאר נאך דער דערוואכונג... זי האט אים ניט געערגערט, מער שוין ניט געשראקן, ווי פריער, ווען ער האט געמוזט פון איר לויפן.

איצט איז די פארגאנגנהייט שוין באשטאנען פון צופעליגע, אויסער־לעבע אינצידענטן, פאר וועלכע זיין געוויסן האט ניט געטראגן קיין פאר־אנטווארטלעכקייט...

ציטערנד און אומזיכער איז נאך געווען די נייע האפנונג, ווי דאס פארטאגעדיגע ליכט פארן זונען־אויפגאנג...

ס'האט נאך דא און דארט געדעמערט. פיל ווינקלען פון דער נשמה זיינען נאך געלעגן איינגעהילט אין נאכט־שאטנס...

דער זונען־אויפגאַנג אָבער איז געווען זיכער און אומפּאַרמיידלעך, און האָט געגאָסן מוט אין די אָדערן און פאַרטױבט אַלע שרעקנדע געשפּענסטער...

יאָ, ביים ליכט פון האָפנונג האָט ער מיט שרעק דערזען, אַז מאַרוסיאַ און זיין ליבע צו איר איז ניט מער, ווי אַ געשפּענסט, אַ שאָטן פון דער ווירקלעכקייט...

באַלד אָבער האָט ער זיך דערפרייט, ווי דער איבערגעשראָקענער, אין וואַלד פאַרבלאָנדזשעטער וואַנדערער, ווען ער דערזעט ביים טאָג־ליכט, אַז דער גזלן, פאַר וועלכן ער איז געשטאַנען די גאַנצע נאַכט און זיך געבעטן ביי אים, איז בסך הכל אַ טרוקענער און פוילער שטאַם פון אַ פאַרוועלקטן און טויטן בוים...

די קאָנסעקווענצן האָבן אים דאָן שוין גאָרניט געשראָקן. פאַרקערט — זיי האָבן געלויכטן און געשמייכלט דעם דיכטער, ווי דערלייזונג, וועלכע וועט צעהאַקן דעם פּלאָנטער, ווי ס'לייכט דעם ים־פאָרער דער ווייטער לייכט־טורם...

— יאָ, ער וועט זיך צעגיין מיט איר!

מיט איר האָט זיך זיין לעבן פאַרוויקלט אין אַ פּלאָנטער, און אָן איר וועט ער דעם פּלאָנטער צעהאַקן.

זיין גייסט וועט זיך באַפרייען פון זיינע קייטן...

דאַן וועט זיך פאַר אים אָנהייבן דאָס נייע ליכטיגע לעבן! אָבער שוין אַ לעבן פאַר דער מענשהייט...

אַ, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט ער זיך מקריב געווען דערפאַר!...

און דאָס איז געווען דער ברעג, וואוהין ס'האָבן זיך אומדערוואַרטעט צוגעשלאָגן זיינע לאַנגע, מונטער־און־דרייסט־רודערנדע געדאַנקען אין די ערשטע וואָכן נאָך דער קראַנקהייט!

* * *

און ניט קוקנדיג דערויף, וואָס די געדאַנקען האָבן געטאָן זייער אַרבעט פאַרזיכטיג אין די שטילע נעכט און האָבן זיך געגראָבן אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, ווי די קראָטן אין דער טיפער ערד, האָט מאַרוסיאַ דערפילט און דערהערט זייער שטילע, געפערלעכע אַרבעט...

זי האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז אַ שיידונגס־וואַנט איז אויסגעוואַקסן צווישן איר און איר מאַנס נשמה.

דאַן האָט זי אַ פּאַניק אַרומגעכאַפּט...

און אין דער פּאַניק האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צעברעכן די וואַקסנדע שיידונגס־וואַנט מיט וואוט און צוגלייך מיט דער צערטלעכסטער ליבע.

מיט אַלערליי צערטלעכקייטן האָט זי זיך גענומען פאַרגלעטן דעם אינצידענט, פאַרענטפערן דעם אויסברוך פון איר נשמה צום פאָלק פון איר מאַן, מיט גלעקעלעם ענגן און זאָאָלאָגישן נאַציאָנאַליזם, מיט איר נערוון־צושטאַנד.

אין דערזעלבער צייט פון דער פּאַניק האָט זי געשיקט חיים יענקלען צו

גלעקעלן, האָט זיך פאַר אים אין אַ לאַנגן בריוו אַנטשולדיגט און איינגעלאַדן אים זיך אומצוקערן אין זייער הויז אַלס בעסטער פריינד...

דער באַליידיגטער איד האָט איר אָבער שטאָלץ געענטפערט, אַז זיין נאַציאָנאַלע וועלט־אַנשויאונג דערלויבט אים ניט צו געניםן די גאַסטפריינט־שאַפט פון אַ קריסטין מיט „פּאָגראָם־איבערצייגונגען“ און ד. גל.

מאַרוסיאַ האָט געוויזן דעם בריוו איר מאַן און האָט זיך צעוויינט און היסטעריש צעשריגן, ווי אַ טיף באַליידיגטע.

ער, דער זאַנפטער און גוטער מענש, וועלכער האָט ניט געקענט איבער־טראָגן קיין פרעמדע טרערן, איז אָבער צו אירע טרערן געבליבן גלייכגילטיג.

דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן!

און ער האָט געזאָגט מיט אַ קאַלטן, כמעט פאַרפרוירענעם שמייכל:

— צו וואָס, מאַרוסיאַ? וואָרים זאָלסטו זיך צעוויינען?... פאַר־גוואַלטיגן דיין נאַטור?... דו ערגערסט מיך נאָר דערמיט! אַ מענש דאַרף זיך אַליין טריי בלייבן און ניט פאַרגוואַלטיגן זיין נאַטור.

אַז זי האָט דערהערט די קאַלטע, מעטאַלענע ווערטער און האָט דערזען דעם פאַרפרוירענעם שמייכל אויפן מאַנס פּנים, איז זי בלייך געוואָרן ווי דער טויט...

זי האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך אַ נייעם מענש...

אָבער שוין אַ פרעמדן און פיינטלעכן מענש!

צוערשט האָט עס זי אויפגעשוידערט. זי האָט געקוקט אין דעם פרעמדן און פיינטלעכן פּנים מיט לאַנגע איבערגעשראָקענע בליקן...

באַלד אָבער האָט אין איר אויפגעפלאַקערט דער באַליידיגטער שטאָלץ פון אַ לאַטשעשענדער פרוי, וועלכע קריגט ניט קיין ענטפער אויף אירע לאַסקעס.

די שטאָלצע טאָכטער פון אַ רוסישן גובערנאַטאָר און קאַמערהער איז שטאָלץ און באַליידיגט אַרויסגעגאַנגען פון מאַנס צימער...

און ווען ביידע האָבן זיך פּלוצלינג געפונען צעטיילט מיט אַזאַ הויך־אויסגעוואַקסענער וואַנט, איז מיט דעמזעלבן „גאָרג וואַשינגטאָן“ אָנגע־קומען פון ברעמען צו זיין טאָכטער דער קאַמערהער סעדיעלניקאָוו.

וואַסערשטראָם באַשליסט צו צעברעכן דעם האַנדלס־פאַרטראַג מיט רוסלאַנד אָן גלעקעלן

די „האַנדלס־טריטי“ מיט רוסלאַנד האָט זיך אויך ווי אַ קראַט געגראָבן אין קליינעם קעפּל פונם קליינעם אידל, וועלכער האָט זיך מיט אַלע קרעפטן פון זיין יאַבעדנער נאַטור געריםן צו ווערן אַ פּאָליטישן.

אויף קיין אייגענע אידעען איז זיין שמאָל קעפּל ניט פעאיג געווען. ער האָט זיך נאָר געקענט אָנכאַפּן אָן פרעמדע געדאַנקען און זיי שוין אומ־געלומפּערט פאַרגרעסערן, קאַליעטשען און שאַפן קאַריקאַטורן, ווי ער אַליין איז געווען.

און אזוי ווי ער האט זיך אנגעבאפט אין גלעקעלס „צוריק צו נאטור"־באוועגונג, אזוי האט ער זיך מיטאמאל אנגעבאפט אן דעם ריכטערס אידעע, צו ברעכן דעם האנדלס־פארטראג מיט רוסלאנד.

און באלד האט ער זיך אזוי איינגעלעבט אין דער אידעע, אז ער האט פארגעסן, אז זי איז ניט זיינע, נאר דעם ריכטערס, וועלכן ער האט אנגענומען פאר יעקב שיפן.

ער האט דעם „דזשאדזש" שוין אויסגעמיטן ווי א גנב, האט שנעל פארגעסן אן אים און אן דער ביטערער און לעבערלעכער אנטוישונג, וואס דער מאן האט אים דאן פארשאפט.

די אידעע איז שוין געווען זיינע, זיין אייגנטום...

צוגלייך מיט דעם באוואוסטזיין פון אייגנטום איז געוואקסן די אייפערזוכט צו דעמזעלבן אייגנטום.

אין דער לאנגער שלאפלאזער נאכט, ווען ער האט זיך געדרייט אויף זיין געלעגער צום גרעסטן פארדרוס פון זיין פרוי, וועלכע האט זיך ניט איינמאל אויפגעכאפט און געשריגן אויף אים: „דו וועסט שוין אמאל אנטפאפן, צי ניין? באלד וועט זיך אנהייבן דער טאג מיט דער קאטארגע... אפילו שלאפן לאזט ער ניט!" אין אט דער שלאפלאזער נאכט האבן אים זיינע געדאנקען אויך געבראכט צו אן אנטדעקונג...

— צוליב וואס דארף ער גלעקעלן? אויף כפרות! וואס וועט אים געבן דער ליץ און בלאפער? ער קאן דען ניט אליין ברעכן די „האנדלס־טריטי" מיט רוסלאנד? כ'לעבן?

און אז די געדאנקען האבן אים געבראכט צו דעם ברעג, האט ער באשלאסן, אז די „טריטי" מיט רוסלאנד וועט ער שוין אליין ברעכן אן עמעצנס הילף און אז פאר דער ארבעט נעמט ער זיך גלייך מארגן!

און מיט דעם באשלוס איז ער איינגעשלאפן מיט א שווערן שלאף, פול מיט פאנטאסטישע חלומות און בילדער.

* * *

וואסערשטראם האט שוין נעהאט די דערפארונג פון דער „צוריק צו נאטור"־באוועגונג...

אזוי ווי מ'האט דאן צעשיקט בריף צו אלע גדולים פון לאנד און פארלאנגט ביי זיי א הסכמה, אזוי דארף מען טאן מיט דער „טריטי". דאס איז געווען זיין ערשטער געדאנק, אזוי ווי ער האט נאר אויפן צווייטן טאג געעפנט זיינע אויגן.

אזוי ווי ער האט מורא געהאט אנצופארטרויען זיינע געדאנקען דער יאכנע זיינער, און אפילו דער עלטערער טאכטער לאה, האט ער זיך פרי פון זיי אויסגעדרייט און איז אוועק פון דערהיים.

די ערשטע ארבעט זיינע איז געווען, אריינצוגיין אין דרוקעריי און זיך לאזן דארט אפדרוקן פאפיר מיט קאנווערטן.

דארט, ביים דרוקער טאקע, איז ביי אים נולד געווארן דער געדאנק.

זיך צו פאַרשאַפן עפּעס אַ סעקרעטאַר און דאָס פון די ליטעראַטן, וואָס האָבן פאַרקערט בײַ אים אין רעסטאָראַן. אַז ער האָט אָנגעהויבן צו קלויבן צווישן זיי דעם סעקרעטאַר, האָט ער שנעל באַשלאָסן, אַז די פּאַסנדסטע פּערזאָן פאַר אים און פאַר זײַן נײַער „באַוועגונג" וועט זײַן דער פּראָפעסאָר פון „געפּגרטן פערד" און ער איז באַלד אַוועק צוריק צו זיך אין רעסטאָראַן צו זען זיך מיט דעם ליטעראַט און שוין פאַרווירקלעכן זײַן פּלאַן און זיך באַלד נעמען פאַר דער באַוועגונג.

אַז דער ליטעראַט וועט אָננעמען דעם גרויסן אַמט — האָט וואַסער־שטראָם קיין מינוט ניט געצווייפלט... ווער זאָגט זיך אָפּ פון אַזאַ גליק? — אָי, ער וועט דעם בחור גליקלעך מאַכן — האָט בײַ זיך באַשלאָסן וואַסערשטראָם־שפּריצער אין מאָמענט פון גרויסמוט — ער וועט אים ניט נאָר מאַכן פאַר סעקרעטאַר פון אַ גרויסער באַוועגונג, נאָר אים אויך געבן זײַן לאָהן פאַר אַ ווײַב... יאָ, אי"ה וועט עס שוין זײַן אַ שידוך... אַזוי ווײַל גאָט אַליין...

* * *

דער פּדיון אין וואַסערשטראָמס רעסטאָראַן פלעגט זיך אָנהייבן לאַנג־זאַם און ביסלעכווײַז. אין די ערשטע שטונדן פלעגן זײַנע געסט זיצן בײַ די טישלעך שטיל און בייז, ווי פאַרפרוירענע, מיט זויערע פּנימער פון היפּאָכאָנדריקס, ניט קאָנסומירן, נאָר לעזן די פרישע אידישע צײַטונגען.

געוויינלעך פלעגט זיך יעדער ליטעראַט צוערשט וואַרפן אויף זײַן אייגענער „ליטעראַטור". אַז ער פלעגט זי איבערלייענען עטלעכע מאָל, פלעגט ער זיך פאַרזיכטיג אַרומקוקן, צי אַנדערע לעזן ניט אויך זײַן ווערק און געשפּאַנט אָפּוואַרטן אויף אַ מיינונג, אויף אַ גוט וואָרט פון אַ קאָלעגע. און פון דעם וואָרט איז שוין אָפּגעהאַנגען די שטימונג פון גאַנצן טאָג און דער אומזאַץ פון וואַסערשטראָמס ביזנעס. האָט דער פּראָפעסאָר באַקומען לויב, איז ער געווען גוט געשטימט, האָט פרייגיביגער באַשטעלט פאַר זיך און האָט שוין ניט געזשאַלעוועט קיין גלאָז טיי אפילו פאַרן קאָלעגע.

די נײַ אָנגעקומענע פלעגן ניט באַגריסן די זיצנדע קאָלעגן, אַזוי ווי מ'וואָלט געווען פרעמד און אומבאַקאַנט איינער דעם צווייטן. כאָטש איינער האָט געקענט דעם צווייטן, ווי אַ „בייזן שילינג" און געהאַלטן זײַן חבר פאַר אַ ווייסטער קאַליקע...

בייז און פאַרפרוירן פלעגט שטיין בײַ דער סטאָיקע, דאָס הייסט, בײַ דער קאַסע, די בייזע מלכה און קוקן פון דאָרטן אויף די ליטעראַטן, ווי אַ וואָלף, און זיך טראַכטן: "קאַסטימערס*)! שוין איינמאָל קאַסטימערס!"

אַז מ'פלעגט אָנהייבן לייזן, פלעגט דאָס אייז פון דער בייזער שטימונג צעגיין בײַ דער אידענע און בײַ די ליטעראַטן. זיי פלעגן אָנהייבן רעדן איינער מיטן אַנדערן, צוערשט פלעגט מען זיך ניט קענען איינהאַלטן און פרעגן אַ צווייטן: „ווי געפעלט דיר מײַן אַרטיקל?" אָדער: „ווי גע־

*) קונים.

פעלט דיר מיין סקיצע?" דאן פלעגט מען זיך שוין אנהייבן געגנזייטיג קיבעצן.

א סך פלעגן קיבעצן דעם באלעבאס פון רעסטאראן אליין. זיי האבן געוואוסט פון די 100 מיליאן, פון דעם האלבן מיליאן קורטאזש, וואס ער האט שיער ניט פארדינט, און זיי האבן אים געקענט פון דער „צוריק צו נאטור"-באוועגונג מיט גלעקעלן איניינעם.

פריער פלעגן זיי אנהייבן טאקע פון אים און שוין ענדיגן מיט זיין שותף... ניט איינמאל פלעגן זיי אים פרעגן, ווארים קומט ער ניט אריין אמאל, דער שותף זיינער. „וואס-זשע, ער שעמט זיך אפשר מיט אייך"?

די ערשטע צייט פלעגט דאס אידל זיך בייסן פאר זיך און פאר גלעקעלן און פלעגט ענטפערן, אז „גלעקעל האט זיי אלע אין דר'ערד... אז ווען ער קומט צוריק קיין קאנסטאנטינאפאל, גיט מען אים א שטעלע פאר תרפ"ט אלפים א יאר".

— א מכה א גרויסע! — פלעגט זיך אנרופן די בייזע מלכה.

מ'האט געלאכט און ווייטער געקיבעצט...

ענדלעך איז דעם אידל מיאוס געווארן און ער פלעגט שוין פארשווייגן די לצנות און אנבייגן דעם קאפ. און וואס טוט מען ניט צוליב פרנסה?

אז וואסערשטראם איז געקומען פונם דרוקער, איז שוין דער אויטאר פונם „געפגרטן פערד", דער איינציגער, וועלכער האט נאך זיין מיינונג געקענט גוט ענגליש, שוין געזעסן ביי א טישל און גערעדט מיט א צווייטן קאלעגע פון דער טיפער פסיכאלאגיע פון זיין „געפגרט פערד".

אז וואסערשטראם האט עס דערהערט, איז זיין חשק צו פארטרויען אים זיין סוד און נעמען אים פאר א סעקרעטאר און פאר אן איידעם מיטא־מאל אויסגעלאשן געווארן...

— פגר שוין מיטן פערד איניינעם — האט זיך א טראכט געטאן דאס אידל. — א מענש וועט שוין פון דיר קיינמאל ניט זיין.

באלד איז אריינגעגאנגען זרח.

דאס איז געווען א הויכער, געזונטער בחור, מיט א פאר ברייטע, פאר־גרעבטע לאפעס פון א האלצהעקער און מיט צוויי לאנגע פלאכע פיס, וועלכע ער פלעגט שטעלן זייטנווייז. גערעדט האט ער הויך מיט דעם פויליש־אידישן אקצענט, וועלכן וואסערשטראם האט געהאסט מער ווי אלץ אויף דער וועלט, און האט אפט געווישט די נאז מיט דער גאנצער גרויסער לאפע זיינער און מיט א הויכן שמאר.

ער איז געווען מיט אלע ליטעראטן און סתם מיט אלע גדולים מעשה גוט-ברודערשאפט. פלעגט קלאפן יעדן אין פלייצע, פלעגט זיך צוזעצן צו יעדן טישל און באלד זיך אריינמישן אין געשפרעך.

אז ער האט דערזען וואסערשטראמען, איז ער צוגעגאנגען צו אים, האט אים א קלאפ געטאן אין פלייצע און האט אויסגעשריגן:

— ר׳ מאישע גאיט דאך ברעכן די „טריטי“ מיט רוסלאנד, יאך זאל אזוי לעיבן!

דאס אידל איז פארציטערט געווארן.

— אט האסטו אים! א וויסטער, פינצטער חלום אויף זיין קאפ — האט זיך א טראכט געטאן דאס אידל.

— וואס־זשע אפשר נאין? הא? יאך האב דאך געהערט... יאך בין דאך אויך געוועזן אויפן חנוכת הבית. איך זאג אייך, חברה, האט דער איד פארטייטשט א פסוק! — און זרח האט אויך דערציילט אלץ, וואס ס׳איז דארט פארגעקומען מיטן „וישמן ישורין“, מיטן מיליאן אידן, וואס וואסערשטראם גייט צונויפנעמען און פירן קיין וואשינגטאן צופים.

— אויב עץ גאיט, ר׳ מאישע, — האט ער זיך ווידער געווענדט צו וואסערשטראמען — זאלט עץ מעך אויך נעמען. יאך קאן דאך שפאנען. א־יא, חברה, זרח קאן שפאנען? — האט געפרעגט זרח, אויסציענדיג זיינע צוויי לאנגע פיס. — מיט די פיס פלעגט דאך זרח שפאנען צו יעידן ציוניס־טישן קאנגרעס, יאך זאל אזוי לעיבן!

זרח האט ארויסגערופן דאס מאל א גרויסן עפעקט און געלעכטער. מ׳האט געלאכט און געקיבעצט וואסערשטראמען אן א סוף.

דאס אידל איז געשטאנען פריטשמעליעט און האט ניט געוואוסט, וואס צו טאן, ביז מלכה איז צו אים צוגעגאנגען.

— אי, שוין ווידער? דו ארבעטסט שוין ווידער א געשעפט? הא? ס׳האט זיך שוין דיר ווידער פארגלוסט פייגעלעך? טאמער ביסטו נאך אין אמעריקע אין טורמע ניט געזעסן? — האט אים אנגעהויבן צו נאגן די בייזע אידענע.

דא איז וואסערשטראם געקומען צו זיך, האט איר אנגעשפיגן בפני כל עם ועדה אין פנים אריין און איז מיט א בייזן „טפו זאלסטו ווערן!“ אנט־לאפן פון רעסטאראן און פון די לצים, ווי פון א גיהנום מיט שדים.

ער האט איינגעזען, אז מיט קיינעם פון די לצים טאר ער קיין ווארט ניט רעדן וועגן דער „טריטי“ און איז אוועק זיך זוכן א סעקרעטאר אין אן אנדערער ספערע.

געפונען האט ער אים אין אן אפיס פון טייפרייטינג אין אלע שפראכן, וואו מ׳האט אים פארפאסט פאלגנדן בריוו, וועלכן ער האט אין צוויי הונ־דערט עקזעמפלארן צעשיקט צו סענאטארן, קאנגרעסלייט, געוועזענע פרעז־זידענטן און מיניסטארן. קורץ, צו אלע גדולים, גוישע, ווי אידישע, פון די פאראייניגטע שטאטן.

„דיער סער“, האט זיך אנגעהויבן ווי געוויינלעך יעדער בריוו, „די לאגע פון די 6 מיליאן אידן אין רוסלאנד ווערט פון טאג צו טאג ערגער און אומדערטרעגלעכער. אז דער צאר און זיינע פינצטערע משרתים האבן דערזען, אז מ׳קאן זיי ניט פארניכטן מיט פאגראמען און הריגות, האט ער זיך גענומען פאר שטילע עקאנאמישע פאגראמען. מען האט זיך גענומען

ארויסשטופן די אידן פון האנדל און אינדוסטריע, צונעמען ביי זיי דעם לעצטן ביסן ברויט, צו טרייבן זיי פון דערפער און שטעט, און פון טאג צו טאג שאפן נייע גזירות. ווי פארצווייפלט ס'איז די לאגע פון די רוסישע אידן קאן מען זען פון דעם גרויסן עמיגראציאנס־שטראם, וועלכער דראט צו פארפלייצן גאנץ אמעריקע. אבער ניט אלע אידן האבן די נייטיגע מיטלען און מעגליכקייט צו אנטלויפן און זיך רעטן פון פינצטערן, בארבארישן לאנד אין דעם פרייען, געבענשטן אמעריקע. דאס לעבן פון די 6 מיליאן אידן הענגט דערפאר איבער א שארף פון א שווערד, און אייראפע, די ציווי־ליזירטע וועלט און אפילו די פרייהייטס־ליבנדע ענגלאנד שווייגט, ווייל אלע צייטונגען זיינען אונטערגעקויפט פון דעם צארס פינצטערער רעגירונג. דאס איינציגע לאנד, וועלכעס איז אומאפהענגיג פון רוסישן איינפלוס איז אמעריקע.

„אבער די גרויסע און פרייע מדינה, וועלכע האט פארווירקלעכט די גרויסע און ליכטיגע אידעאלן פון דער קריסטלעכער ציוויליזאציע און פון דעמאקראטיע שווייגט אויך און רופט זיך ניט אפ אויף די רוסישע בארבא־רישע גרויל־טאטן... איז דען דאס ניט קיין שאנד פאר דער גרויסער, פרייער רעפובליק? ווארים זאל זי די ערשטע ניט אויפהייבן איר פראטעסט־שטימע, דאס צארנדיגע ווארט פון פראטעסטירנדן מענשלעכן געוויסן. איז דען ניט א שאנדע פאר דעם ציוויליזירטן, הומאנעם אמעריקאנער פאלק צו האנדלען און האבן דיפלאמאטישע באציאונגען מיט דעם בארבארישן צאר? ווארים זאל אמעריקע ניט ברעכן, אלס פראטעסט קעגן זיין באבארישער רעגירונג, דעם האנדלס־פארטראג מיט רוסלאנד? ווער זאל שיצן דאס אומגליקלעכע און געפלאגטע אידישע פאלק, אז ניט די פרייע רעפובליק?

„אין נאמען פון די און די סאסייעטיס און קאנגרעגיישאנס (דא האט וואסערשטראם אויסגערעכנט א טוץ חברות און קאנגרעגיישאנס, ווי „קהל ישורון", „עדת ישראל", „בני יעקב", „אהבת אמת" און דאס גלייכן) בעט איך אייך, דיער סער, מיר מיטצוטיילן אייער מיינונג, וואס איר דענקט און ווי אזוי פארהאלט איר זיך צו אזא פראגע, און צי וואלט איר געהאלטן פאר נייטיג, אז די פרייע, איידעלע מדינה זאל ווירקלעך ברעכן, אלס פרא־טעסט, דעם האנדלס־פארטראג מיט רוסלאנד".

און וואסערשטראם האט זיך געחתמעט אויפן בריוו: „מיטן גרעסטן רעספעקט, רעווערענד משה וואסערשטראם" און האט אנגעגעבן זיין אדרעס.

* * *

די „נאציאן" האט ווידער געשלעפט איר פריערדיגע קלעגלעכע עקזיס־טענץ פון א געלער צייטונג, אן א מאראלישן פרעסטיזש. קיין סענסאציעס אויפן לעבנס־יאריד זיינען ניט געווען. אויסטראכטן האט מען אויך ניט געקענט.

באגאבארעץ אלס מיטארבעטער וואלט יא געווען אן אנציאונגס־קראפט. דער מאן האט זיך אבער ניט געלאזט איינבייסן.

צו די וואלן איז נאך געווען ווייט און ס'איז ניט געווען מיט וואס צו פאקן דעם לעזער ביים גארגל.

דאן האט מילמאן גענומען שטארקער ווי תמיד פייערן אויפן לעזער פון זיינע לייט־ארטיקלען, ווי פון האוויצערס.

ער האט זיך געטשעפעט צו יעדן, פשוט געקראכן אויף די גלייכע ווענט און האט ווי א בייזער הונט קיין מענש ניט דורכגעלאזט...

מיטאמאל איז אים אריין אין קאפ זיך נעמען פארן ארימען באגאַבארעץ. אבי צו קיצלען אביסל די אויפמערקזאמקייט פונם איינגעשלאפענעם לעזער.

דאס גוטע הארץ האט ער אויף אים געהאט און א סענסאציע איז דער נאמען אויך געווען... ווייניגסטנס האט מען פון אים געקענט מאכן א סענסאציע.

איין לייט־ארטיקל האט ער אים געווידמעט אונטערן נאמען „דעם פאגראמשטשיקס איידעם", דעם צווייטן — „דער קאצאפקעם מאן".

מילמאן האט זיך אנגענומען פאר דעם פארשוועכטן אידישן גלויבן און פאר אידישקייט און האט דעם ארימען דיכטער געשלעפט איבער די גאסן און געריסן פון אים אברים...

צו זיין גליק האט באגאבארעץ שוין מער ניט געלייענט קיין אידישע צייטונגען און האט זיך שוין געהאט לאנג אפגעווענדט פון דעם געלן לעז־שטאף מיט א גרויל.

פאר אים אבער האבן זיך אנגענומען די לעזער פון דער „נאציאן" אליין. די צייטונג האט אנגעהויבן קריגן בריף פול מיט צארנדיגן פראטעסט און אויסדרוקן פון עקל צום רעדאקטאר און צו זיין צייטונג.

דעם זשורנאליסט האט געפעלט דער חוש פאר מאס און פראפארציע און ער פלעגט תמיד איבערכאפן די מאס און אפנארן זיך ווען זיינע לעזער. אזוי איז געווען אין דעם פאל...

די צוויי לייט־ארטיקלען האבן געקאסט די צייטונג 3 טויזנט פארלוירענע צירקולאציע אין איין טאג.

מילמאן האט זיך איבערגעשראקן און שנעל ארויסגעלאזט דעם ביסן פון זיינע ציין.

דאן האט ער זיך אליין גענומען שרייבן א שונד־ראמאן אונטער דעם טאפלטן טיטל: „זעקס גרושות, אדער דער בלוטיגער פארפירער".

אבער ס'האט אויך ניט געהאלפן און דער רעדאקטאר איז מיט זיין צייטונג געווען אויף גרויסע צרות...

* * *

אין א שיינעם מארגן, ווען מילמאן איז געזעסן מיט פארקאטשעטע ארבל און איז געווען פארטיפט אין שרייבן, האט זיך די טיר פון זיין קאבינעט געעפנט און פאר זיינע אויגן איז דערשינען ניט מער און ניט ווייניגער, ווי וואסערשטראם אליין.

דאָס אידל האָט בײַ קײנעם ניט געפרעגט, צי קאָן ער אַרײַן, צי נײַן. ער האָט געעפנט די טיר און איז אַרײַן. ער איז געבליבן שטיל שטײן פאַרן רעדאַקטאָר און געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַזױ װי ער װאָלט באַדױערט אים מיטן לײט־אַרטיקל, װאָס ער האָט געשריבן.

אַז מילמאַן האָט אים דערזען, איז ער אױפגעשפּרונגען פון אָרט.

— װי דערלױבט איר זיך אַרײַנצוגײן, װען איך שרײַב? װאָס פאַר אַ חוצפּה איז דאָס? — האָט זיך צעשריגן אױף אים דער רעדאַקטאָר.

— שױן חוצפּה גאָר? האַ? — האָט זיך שטיל אָנגערופן װאַסער־שטראָם, גלאַנצנדיג אױפן רעדאַקטאָר מיט זײַנע גרינע, מיט טריומף־לײַכטנדע אױגן.

— װאָס דען איז דאָס? איך האָב פאַר אײַך קײן צײַט ניט און גײט אײַך געזונטערהײט פונדאַנען.

— שױן? — האָט איר שױן פאַר װאַסערשטראָמען, הײסט עס, קײן צײַט ניט? האַ? װי לאַנג איז דאָס, אַז מיר האָבן געאַרבעט געשעפט אײנײנעם, געקערט װעלטן, און איצט דערקענט איר מיך שױן ניט? האַ? פײַן! פײַן פון אײַער זײַט! ס'פּאַסט טאַקע פאַר אַ רעדאַקטאָר פון אַ אידישער צײַטונג! מילא, מיך דערקענט איר שױן ניט, איר האָט מיך לחלוטין פאַרגעסן, אַזױ װי איר װאָלט מיך קײנמאָל ניט געקענט און אין די אױגן ניט געזען, װאו איז אָבער כבוד הבריות? װער טרײַבט עס מענשן פון זיך? װי שטײט עס געשריבן, פרעג איך אײַך, צו טרײַבן אַ איד, װאָס איז ניט חלילה קײן גראָבער־יונג, װאָס קאָן פּירוש המלות און אַ שטיקעלע משניות מיט עין־יעקב אױך? יאָ, יאָ! שטעלט אײַך פאָר, פאַניע רעדאַק־טאָר! הײנט בין איך אַ בן טובים אױך, ניט קײן שנײַדערס אָדער בעדערס אַ זון חלילה! יאָ, יאָ! איר מעגט עס װיסן. איך האָב, דאַנקן דעם השם יתברך, ניט נאָר אַ רב און דײַן אין מײַן משפּחה, אפילו אַ פּאָר גוטע־אידן אױך. יאָ, יאָ! שטעלט אײַך פאָר, אַז מײַן מאַמע, זכרונה לברכה, איז געװען דעם אָפּטער רבס אַן אײניקל. יאָ, יאָ! הײנט בין איך אינ־דערהײם געװען עפּעס אַ איד אַ בעל הבית אױך, אפילו אַ שטיקל עושר. אַז איר װילט בין איך געװען 15 יאָר אַ זשאַנץ בײַם גראַף פּאָטאָצקי, האָב געגעבן צדקה און געפאָרן צום סאַדעגורער רבין, נאָך צום אַלטן, עליו השלום! יאָ, יאָ! װי אַזױ־זשע טרײַבט מען אַזאַ איד, פרעג איך אײַך, פון שטוב? װאו איז כבוד הבריות, װיל איך אײַך פרעגן, פאַניע רעדאַקטאָר? — האָט אױסגערעכנט זײַן יחוס דער יאַבעדניק און האָט שױן מיט גרױס מי באַ־װעלטיגט די קאַכנדע און זידנדע גאַל זײַנע.

מילמאַן האָט אים אַ װײַלע אָנגעקוקט מיט צװײ גרױסע אױגן און האָט זיך באַלד נאָכמער צעקאָכט.

— איר גײט אַרױס פונדאַנען, צי נײַן? אַרױס, זאָג איך אײַך! אַט הײס איך אײַך אַרױספירן פונדאַנען, אױב איר גײט אַלײן ניט באַלד אַרױס.

וואַסערשטראָם האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פריער באַוועלטיגן און באַרואיגן און האָט געענטפערט דעם רעדאַקטאָר שטיל און געלאַסן מיט דעמזעלבן טריומפירנדן געזיכט:

— עט! איר וועט מיך ניט אַרויספירן!

— וואָס מיינט איר? איך וועל לייגן אויף אײַך כבוד, ווײַל איר פלעגט פאָרן צום סאָדעגורער רבין און זענט געווען פּאָטאַצקיס זשאַנץ? טו העל*) מיטן רבין און פּאָטאַצקין אײנײנעם! איך האָב ניט קיין צײַט פאַר אַזוינע בטלנים!

— בטלנים? בין איך, וואַסערשטראָם, שוין אַ בטלן אין אײַערע אויגן? האָ? שיין געזאָגט!

— וואָס דען זענט איר, אַז ניט קיין בטלן? איר זענט אַ בטלן און אַ קרענק!

— אַ בטלן! אַ קרענק! פיין! זייער פיין! — האָט רואיג גערעדט דאָס אידל, ניט רירנדיג זיך פון אָרט. — פונדעסטוועגן וועט איר מיך ניט הייסן אַרויספירן. נאָך מער! איר וועט באַלד אַליין מיר דערלאַנגען אַ שטול און וועט זאָגן: „זיצט, מר. וואַסערשטראָם”! יאָ, יאָ! דעם פּאָקום וועל איך אײַך באַלד באַווײַזן.

און דאָס אידל האָט זיך שטיל און טריומפירנד צעלאַכט.

מילמאַן האָט אים שוין אָנגעקוקט ניט ווי קיין בטלן, נאָר ווי אַ פאַר־ריקטן: „יאָ, דאָס אידל איז פשוט משוגע און דאָס איז אַלץ”! האָט מיל־מאַן געטראַכט.

— איר קוקט אויף מיר? האָ? איך זע, אַז איר גלייבט מיר ניט? וואָס? אויב אַזוי, מוז איך אײַך זאָגן, אַז מר. וואַסערשטראָם, דערזעלבער בטלן און קרענק, ווי איר האָט אים אָנגערופן, גייט ברעכן די האנדלס־טריטי מיט רוסלאַנד. יאָ, יאָ! שטעלט אײַך פאָר, אַז דאָס קליינע אידל, אָט דער גאַלע גאַרניט, וועט דערלאַנגען ניקאָלאַיען אַזאַ טראַסק אין מאָרדע, אַז ער וועט זיך אַזש איבערקערן און עס וועט פון אים גיסן ווי פון אַ דבר אחר! יאָ, יאָ! און ניט נאָר איר, נאָר אַלע צײַטונגען וועלן מיר נאָכ־לויפן און איר וועט דאַנקען גאָט, אַז איך וועל וועלן צו איך אַ וואָרט רעדן. איר פאַרשטייט? — האָט געענדיגט דאָס אידל און האָט זיך גענומען באַ־טראַכטן דעם רעדאַקטאָר פון קאָפּ ביז די פיס און אַלץ מיט דעמזעלבן טריומפירנדן בליק, ווי אַ מאַן וואָס האָט געמאַכט די גרעסטע אַנטדעקונג.

און מילמאַן האָט אַ טראַכט געטאָן: „האָט מען דען באַדאַרפט האָבן אַ גרעסערן באַווײַז, אַז דאָס אידל איז פון זינען אַראָפּ?”

איצט האָט זיך מילמאַן דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך פריער געוויזן סימנים פון משוגעת.

— נו, איר הייסט זיך מיר זעצן, צי ניין? — האָט שוין אומגעדולדיג געפרעגט וואַסערשטראָם. — וואָרים קוים גיי איך אַוועק, וועל איך שוין

*) צום טײַוול.

מיט אייך קיינמאָל קיין וואָרט ניט וועלן רעדן און איר וועט אַזוינס אַרויס־לאָזן פון די הענט, אַז איר וועט זיך נאָכדעם די האָר פון קאָפּ רייסן און זיך די נאָז בייסן פון עגמת־נפש און פאַרדרוס. קוקט ניט אויף מיר אַזוי! וואָס מיינט איר, איך בין משוגע? פון זינען אַראָפּ?

— וואָס דען, קלאָר זענט איר? געווים זענט איר משוגע! — האָט געזאָגט מילמאַן און האָט זיך צעלאַכט.

— אַזוי? משוגע? נו, פאַרלאַנג איך, דאָס משוגענע אידל, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָ" זאָל זיך אַוועקזעצן, דאַן וועל איך זיך אויך אַוועקזעצן און וועל אייך עפּעס דערציילן. איר מעגט דעם משוגענעם נאָך גלייבן, אַז חרטה וועט איר דערויף ניט האָבן. נו, פּועל איז עס ביי אייך צי ניין?

— מילא — האָט זיך אָנגערופן מילמאַן, אַוועקלייגנדיג די פּען. — אָנגווערן וועל איך סיי ווי סיי גאָרניט! — און האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— אָנגווערן? איר וועט פּראָפּיטירן! — האָט אים בייז פאַרזיכערט וואַסערשטראָם.

ער האָט זיך אויך גענומען אַ שטול, האָט זיך צעזעצט ברייט, מיט אַ הרחבת הדעת, און זיך פּייערלעך פאַרקלערט, אַזוי ווי אין אַ לאַנגן ישוב הדעת מיט זיך אַליין...

— נו, וואָס וועט איר דערציילן? — האָט אים אומגעדולדיג געפרעגט מילמאַן.

— וואָס? איך גיי ברעכן די טריטי מיט רוסלאַנד און דאַטס אָל! (דאָס אַלץ).

— דאָס האָב איך שוין פון אייך געהערט.

— ס'מאַכט ניט אויס! איר קענט עס הערן נאָכאַמאָל! ס'איז וויכטיג גענוג... באַזונדערס פאַר אייך און פאַר אייער צייטונג.

— אַזוי? — האָט זיך איראָניש אָנגערופן דער רעדאַקטאָר.

— וואָס־זשע, איר זענט אפשר איבערנאַכט געוואָרן דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן? אַ חוץ אים קאָן עס דאָך קיינער ניט טאָן.

— ניין, פּרעזידענט בין איך נאָך ניט און וועל ניט זיין, איך בין ניט משוגע, פונדעסטוועגן וועל איך, משה וואַסערשטראָם, ברעכן די טריטי. ווייל איך וויל אַזוי און דאַטס אָל!

— אפשר וואָלט איר שוין בעסער משיחן געבראַכט? כ'לעבן. איר דאַרפט נאָר וועלן און דאַטס אָל!

— משיחן קאָן איך ניט ברענגען. צו דערצו וועל איך ניט זוכה זיין. נאָר די טריטי וועל איך ברעכן. טאַקע דורכן פּרעזידענט אַליין. איך וועל עס אים הייסן און ער וועט עס טאָן. יאָ, יאָ, ווי איר קוקט מיך אָן, און פאַרטיג!

מילמאַן האָט זיך אומגעדולדיג אויפגעהויבן פון אָרט.

— איר זענט אַ משוגענער, כאָטש אַ שטילער און נאָך, נאָט צו דאַנקען.

ניט קיין ווילדער. איך וואלט אייך אבער געראטן, גיין אהיים צו ווייב און קינדער און זיך ניט ארומדרייען אין די גאסן און אין רעדאקציעס. אז ניט, וועט מען אייך פארשפארן און דערנאך אלס גרינער שיקן צוריק צו ניקאלאיען. צו דעמזעלבן ניקאלאיען, וועלכן איר האט ערשט אזוי געשמאק געטראסקעט אין דער מארדע. טראסקעט אים ניט! ווארים איר וועט זיך נאך אפשר ביידע דארפן קוקן אין די אויגן.

און מילמאן האט זיך גוטמוטיג צעלאכט און אויפגעהויבן פון ארט.

וואסערשטראם האט אים רואיג, מיט א שמייכל אויסגעהערט און האט באפוילן מאיעסטעטיש דעם רעדאקטאר.

— זיצט, איך היים אייך זיך זעצן!

און דער רעדאקטאר האט געפאלגט דעם משוגענעמס באפעל און האט זיך צוריק שוין ווי א היפנאטיזירטער ארונטערגעלאזט אין שטול.

א לאנגע פויזע.

דערנאך האט וואסערשטראם פייערלעך ארויסגענומען פון בוזים-קעשענע א פעקל בריף, האט זיי דורכגעקוקט און האט ארויסגענומען איינעם פון זיי.

— לייענט נאר פאר א טשיקאוועס דורך דעם בריוו! דאס איז פון ספיקער פון קאנגרעס טו מר. וואסערשטראם!

מילמאן האט נייגעריג גענומען דעם בריוו, האט אים צעוויקלט און האט אנגעהויבן אינדערהויך:

— רעווערענד מאזעס וואסערשטראם, עסקוואיר: —

— מאי דיער סער!" און האט דאס איבעריגע שוין דורכגעלייענט מיט די אויגן.

דער ספיקער האט „אינדארסירט"*) דעם רעווערענדס אידעע, צו ברעכן די טריטי מיט רוסלאנד, האט פארשפראכן זיין מאראלישע שטיצע און האט אויסגעדריקט זיין ווארימסטע סימפאטיע און רעספעקט מיטן גרויסן און געפלאגטן פאלק ישראל, וועלכן די קריסטן האבן אזוי פיל צו פארדאנקען פאר זייער קריסטלעכער ציוויליזאציע.

אז מילמאן האט געענדיגט דעם בריוו, האט אים וואסערשטראם שטיל און ווערטער דערלאנגט א צווייטן, נאכן צווייטן א דריטן, א פערטן און צום סוף דאס גאנצע פעקל בריף.

אלע גדולים פון לאנד האבן אים אדרעסירט: „מאי דיער רעווערענד!" און האבן „אינדארסירט" זיין גרויסן און גליקלעכן פלאן.

דאס אידל איז געזעסן און האט געשוויגן. פאר אים האבן שוין גערעדט זיינע גרויסע, טריומפירנדע אויגן און מילמאן האט געלייענט די בריף איינעם נאכן אנדערן, געשפאנט און אויפגערעגט און וואסערשטראם האט נאר פארפאלגט פונוויטנס זיין פנים און זיך אלץ געשמייכלט אין זיין קליין ציגן בערדל.

*) גענעבן זיין הסכמה.

אַט האָט דער רעדאַקטאָר דורכגעלייענט דעם לעצטן בריוו. דער צירקולאַציע־יעגער איז געווען איבעראַשט, איינפאַך פריטשמעליעט.

און ס'איז ווידער שטיל.

— נו, בין איך אַ קרענק, אַ משוגענער? האַ? וואָס וועט איר איצט זאָגן, פאַניע רעדאַקטאָר, האַ? — האָט זיך אָנגערופן דאָס אידל.

מילמאַן אָבער האָט נאָך לאַנג געשוויגן, האָט גענומען לויפן הין און צוריק איבערן קאַבינעט, ווי אַ פאַריקטער פון איבעראַשונג.

דער סוף איז אָבער געווען, אַז ער איז צוגעגאַנגען צום אידל און האָט אים געדריקט די האַנט.

— מר. וואַסערשטראָם! אַי בעג יור פאַרדאָן! יו אַר עי גרעיט מען און גרעיט איידיעס. (איך בעט אייער אַנטשולדיגונג! איר זענט אַ גרויסער מענש מיט גרויסע אידעען). איר זענט פילייכט דער טשיקאַוועסטער, אויב ניט דער גרעסטער איד פון דער געגנוואַרט און אייער נאָמען וועט בלייבן אומשטערבלעך און פאַראייביגט אין דער אידישער געשיכטע.

— אַזוי? איך בין שוין ביי אייך מיטאַמאָל געוואָרן דער טשיקאַוועסטער און גרעסטער איד פון דער געגנוואַרט, האַ? און אַזאַ איד האָט איר געוואָלט אַרויסטרייבן?

— אַי בעג יור פאַרדאָן! האָט אויף מיר קיין פאַריבל ניט — האָט זיך געבעטן ביי אים מילמאַן. — איך בעט אייך איבער טויזנט מאָל. דער פאַר שטעל איך אייך מיין צייטונג און מיין פעדער צו דער פולער דינסט. ס'איז אַזאַ הייליגער און גרויסער צוועק, אַז איך בין גרייט צו טאָן פאַר אייך אַלץ, אַלץ.

— אַט אַזוי רעדט! איצט רעדט איר ווי אַ רעדאַקטאָר און איך האָב אייך ליב! אַזוי רעדט אַ איד מיט אַ כשרער אידישער נשמה!

— אויב איך בין אַ איד! אַך, מר. וואַסערשטראָם! — האָט טיף אַ זיפץ געטאָן דער רעדאַקטאָר — ווען איר וואָלט וויסן, וואָס מיין ליבע און איבערגעגעבנהייט צום אידישן פאָלק האָט מיך שוין געקאָסט! ניט אומזיסט פאַרפאָלגן זיי מיך, די אידישע אַנטיסעמיטן אונזערע!

— מיר וועלן זיי אָבער פאַרשטאָפּן די מיילער, אַט די ווייסע חברה־ניקעס. יאָ! לאָזט נאָר מיך צו זיי! איך וועל זיי ווייזן, ווער משה שפּריצער, איך מיין וואַסערשטראָם, איז! מיט דעם עסק, איך מיין מיט דער טריטי, הייסט עס, וועלן מיר דאָך די וועלט איבערקערן. אוי, וועלן מיר אָנרייבן פאַניען אַ מאָרדע! ווי איז מיר! די וועלט וועט דאָך גיין כאָראָדאָם פון אונז!

דאָ האָט שוין דאָס אידל פאַרלוירן זיין פייערלעכע און טריומפירנדע אויסגעהאַלטנקייט און געלאַסנקייט און האָט זיך גענומען פון פרייד ווייזן, ווי אַזוי ער וועט רייבן ניקאַלאַיען אַ מאָרדע און פירן די וועלט כאָראָדאָם, טאַנצנדיג איבערן רעדאַקטאָרס קאַבינעט, ווי אַ לוסטיג קאַלב.

— קיין סיביר! קיין סיביר וועל איך פאַרשיקן ניקאַלאַיען מיט זיינע

מיניסטאָרן, ימח שמם וזכרם! — האָט געדראָט דאָס קליינע אידל — איך וועל זיך אָן זיי נוקם ונוטר זיין, ווי אַן אמתער תלמיד חכם!

— הערט, מר. וואַסערשטראָם! — האָט דער רעדאַקטאָר איבערגעריסן דעם אידלס ווילדן עקסטאַז — איצט דאַרף מען גרינדן אַ קאָמיטעט פון פּראָמינענטע מענער פון לאַנד און דער קאָמיטעט וועט שוין פירן די אַגיטאַציע איבערן לאַנד.

— איך האָב שוין אַ קאָמיטעט! איך האָב עס שוין געגרינדעט פאַר אייך! וואָס מיינט איר עפּעס? — האָט זיך צעשריגן דאָס אידל — איר האָט עפּעס, מיינט איר, צו טאָן מיט אַ קליינשטעטלדיגן יאָלד, אָדער ווייס איך מיט וועמען? וואַרט! איר וועט נאָך זען, ווער שפּריצער, איך מיין וואַסערשטראָם, איז! איך וועל אייך ערשט ווייזן, וואָס אַ אידל טוט אויף! — האָט געשריגן וואַסערשטראָם.

— איך זע שוין — האָט ערנסט און רעספּעקטפול געזאָגט דער רעדאַקטאָר.

— הע! איר זעט נאָך גאָרניט! איר וועט ערשט זען!

— האָט איר אויך שיפן איינגעלאַדן אין דעם קאָמיטעט?

— איך האָב אים אין באָד — האָט מיט כעס געזאָגט דאָס אידל.

— זאָגט עס ניט! שיף איז דער גרעסטער איד און מאַן אין דעם לאַנד.

— איך האָב גרעסערע אידן, ווי ער! יאָ! איך נעם שטראַוסן, גוגענהיימען, אַ ליאָדע וועמען און זאָג אים: „ביט פּאַסיעמו! זיי אַ שיף! בוד פּראָפּאָרשטשיקאָם!" און ער איז ביי מיר „שיף"! אַ קלייניקייט, שיף! און אַז שיף, וואָס איז? ער האָט מיליאָנען? איך ווער ניט נתפּעל פאַר זיינע מיליאָנען.

אַזוי ווי ער האָט געהאַט דאָס גוטע האַרץ אויף שיפן פאַר די בריף, וואָס ער האָט ניט געענטפערט און פאַר די 100 מיליאָן דאָלאַר, וואָס ער האָט אים ניט געוואָלט לייען, האָט דאָס אידל זיך שוין ניט געקענט אַראָפּכאַפּן פון אים.

— אויף צו להכעיס וועל איך אים ניט נעמען! שטראַוסן יאָ, און אים ניט! זאָל אים פּאַרדריסן!

— דאַן וועלן מיר מיט אים ניט האָבן די „דזשואיש-קאָמיטע"*)! — האָט פּאַרזיכטיג באַמערקט דער רעדנער.

— ווער דאַרף זיי דען? אויף צו להכעיס וועל איך גרינדן אַ נייע „דזשואיש-קאָמיטע"! — האָט געדראָט דער אַלמעכטיגער וואַסערשטראָם.

אַז זיין גרויסער עקסטאַז האָט זיך אַביסל אָפּגעקילט, האָט מילמאַן ערשט פאַרשפּאַרט די טיר, האָט קודם כל געגעבן דעם אידל אַ טשעק אויף 100 דאָלאַר, אַזוי אויף הוצאות.

וואַסערשטראָם האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט און האָט דעם טשעק טיף, אָבער גלייכגילטיג אַריינגעלייגט אין קעשענע, און דערנאָך האָבן זיי זיך

*) אידישער קאָמיטעט, אַ אינסטיטוציע פון כלל-טוער.

ביידע גענומען שטיל, ווי קאָנספּיראַטאָרס, רעדן פון דעם „נייעם עסק", ווי דאָס אידל האָט גערופן די נייע באַוועגונג. מילמאַן האָט אים געלערנט, וואָס ער האָט צו טאָן. דאָס אידל האָט זיך איינגעהערט, ווי אַ גוטער תלמיד.

און אַזוי האָט דער צירקולאַציע־יעגער ווידער געפּאַקט אין זיינע הענט אַ סענסאַציע, פּיליכט איינע פון די גרעסטע, זינט ער איז געוואָרן זשורנאַליסט און אַ רעדאַקטאָר און ער האָט זיך איצט שוין מיט דער גרעסטער פּאַרזיכט און איבערלעגנהייט, אַז ער זאָל ניט דורכפאַלן און אַנדערע צייטונגען זאָלן אים ניט פאַרלויפן דעם וועג, גענומען „שלאָגן" פון איר צירקולאַציע און ער האָט איינגיכן ווידער געשלאָגן אַ גרויסע צירקולאַציע, נאָך אַ גרעסערע, ווי פון דער „צוריק צו דער נאַטור"־באַוועגונג.

דער קאַמערהער סעדיעלניקאָוו

דער קאַמערהער סעדיעלניקאָוו האָט שוין געלעבט ביי זיין טאָכטער צוויי וואָכן.

ביי זיין טאָכטער, אָבער ניט ביי זיין איידעם.

אַזוי האָט אויסדריקלעך דערקלערט דער עקס־גובערנאַטאָר, ווען די טאָכטער איז געקומען קיין האָבאָקען אים אַרונטערנעמען פון שיף.

— איך בין געקומען צו דיר און ניט צו אים. זאָלסט עס תמיד האָבן אין די געדאַנקען, — זיינען געווען דעם קאַמערהערס ערשטע, שטרענגע ווערטער, איידער ער האָט זיך נאָך צעקושט מיט מארוסיאַן.

און די קאַלטע, שטרענגע ווערטער האָבן אַ בלאָז געטאָן אויף דער טאָכטער מיט אַזאַ קעלט, אַז זיי האָבן מיטאַמאָל אויסגעלאָשן אין איר די אויפגערעגטע פרייד, דעם פיבערהאַפטן עקסטאַז, מיט וועלכן מארוסיאַ איז געפאָרן באַגעגענען איר פאָטער, וועלכן זי האָט ניט געזען גאַנצע 5 יאָר, זינט איר מאַן האָט אין אים געשאָסן.

מ'האָט זיך דערפאַר שוין באַגריסט און צעקושט קאַלט און צוריקגעהאַלטן.

מארוסיאַ האָט אַ קוש געטאָן דעם פאָטער אין דער האַנט, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרשטיפט און פאַרשולדיגט.

דער גובערנאַטאָר האָט צוגעליינט צו איר שטערן אַ פּאָר קאַלטע און נאַסע ליפּן, פון וועלכע זי האָט אויפגעשוידערט.

אָן ווערטער און אָן פראַגן האָט מען זיך אַריינגעזעצט אין וואַרטנדן אויטאָמאָביל און מ'איז אָפּגעפאָרן צום קאָטעדזש ביים ים.

געפאָרן איז די טאָכטער מיטן פאָטער די גאַנצע צייט אויף שטום, אַזוי ווי צוויי פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענשן וואָלטן צופעליג געזעסן איינער לעבן אַנדערן אין אַן אויטאָמאָביל, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך ניט געהאַט וואָס צו דערציילן און וואָס צו פרעגן.

פון צייט צו צייט האָט די טאָכטער אויפגעהויבן אירע אויגן פון די

ציטערנדע קני און געוואָרפן אויפן פֿאָטערס פּנים, וועלכעס זי האָט געקענט זען נאָר אין פּראָפיל, אומזיכערע, זוכנדע בליקן...

זי האָט געזוכט אין פֿאָטערס געזיכטס־ציגן די ענדערונג וועלכע איז אין אים פֿאָרגעקומען, דעם צוזאַמענגעבראָכענעם מענש, פֿון וועלכן די שוועסטער האָט איר די לעצטע צייט אַזוי פֿיל געשריבן, און וועלכע האָט אים איצט געקענט באַוועגן צו פֿאָרן צום פֿאַרבלאָנדזשעטן קינד, איר העלפֿן צו צעהאַקן דעם פּלאָנטער פֿון איר לעבן. זי האָט געזוכט די ענדערונג אין זיינע שטייפֿע און בייזע געזיכטס־ציגן און האָט אָבער דאָרט גאָרניט געפֿונען.

דאָס פּנים פֿון דעם קאַמערהער מיט די גרויסע, דראָענד־פֿאַרדרייטע און צוגעפֿאַרבטע וואָנסעס איז געווען בייז און גאָוהדיג פֿאַרגליווערט, ווי אַמאָל אין די אַלטע צייטן, ווען ער פֿלעגט עמפֿאַנגען מענשן מיט פּראָשע־ניעס אין לאַנגן גלעזערנעם קאָרידאָר פֿון דעם גובערנאַטאָרסקן הויז...

ס'איז דאָרט נאָר צוגעקומען דער קנייטש פֿון אַ באַליידיגטן שטאָלצן פֿאָטער.

ווייטער איז דאָס געווען דערזעלבער אַלטער קאַמערהער סעדיעלניקאָוו. עס האָט נאָר געפֿעלט דער גענעראַלסקע מונדיר מיט די ציטערנדע צלמים אויף דער ברוסט...

די ברוסט אָבער האָט ניט אויפֿגעהערט, אַפֿילו דאָ אין אויטאָמאָביל און שוין אין די ציוויל־קליידער, זיך צו הייבן און אַרויסצושטעלן, אַזוי ווי זי וואָלט שטום אָנגעוויזן אויף אירע אויסצייכענונגען און האָט פֿאַרלאַנגט רעספּעקט און ערפֿורכט פֿאַרן קאַמערהער און גענעראַל.

און וואָס מער מאַרוסיאַ האָט זיך איינגעקוקט אין דעם בייזן און דראָענדן פּראָפיל, אין דער שטאָלצער אויסגעשטאַרטשעטער ברוסט, אַלץ מער איז איר געוואָרן טרויעריגער און אומרואיגער אויפֿן האַרץ.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם מאַנס ווערטער, וואָס ער האָט איר ערשט ניט לאַנג געזאָגט מיט אַ גלייך פֿאַרפֿרוירענעם און בייזן פּנים:

— צוליב וואָס פֿאַרגוואַלטיגן די נאַטור? אַ מענש דאַרף זיך אַליין, זיין אייגענער נאַטור טריי בלייבן.

און זי האָט איינגעזען, אַז דער פֿאָטער אירער איז זיין נאַטור טריי געבליבן, זיך ניט געענדערט אויף אַ האָר... און דער געדאַנק האָט זי אַריינגעוואָרפֿן אין אַ קאַלטן פֿיבער. זי האָט זיך אַזש אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, אַזוי ווי זי וואָלט געמאַכט אַ באַוועגונג צו אַנטלויפֿן פֿון אים.

דער גובערנאַטאָר האָט אויסגעדרייט צו איר דאָס פּנים:

— טשטאָ טאַקאָיע? — האָט ער זי געפֿרעגט בייז און האָט אַ ציטער געטאָן מיטן גרויסן קאָפּ זיינעם, ווי אַ באַקדייזשע.

— ניטשעוואָ, פּאַפּאַ... ניטשעוואָ! — האָט זיך שנעל פֿאַרענט־פֿערט די טאָכטער, אַזוי ווי דער פֿאָטער וואָלט זי דערווישט ביי אַ שטי־פֿערײַ... און זי איז צוריק פֿאַרגליווערט געוואָרן אויף איר זיץ, אין אירע אומעטיגע געדאַנקען.

און אזוי איז מען געפאָרן ווייטער, ווי פרעמדע, אַן ווערטער, קאַלטע און אומפּריינטלעך שווייגנדע.

— וואָס־זשע? דו האָסט שוין ניט קיין פּאָר ווערטער פאַר דיין פּאָטער? — ס'אינטערעסירט דיך ניט צו וויסן, וואָס מאַכט דיין מוטער, שוועסטער, דיינע קינדער? — האָט זי ביז געפרעגט דער גובערנאַטאָר, גלאַנצנדיק אויף איר מיט זיינע גלעזערנע אויגן — האָסט שוין פאַרגעסן, ווייזט אויס, אין אונז אַלע! אַ?

— פּאַפּאַשאַ! — האָט שטיל אַ קרעכץ געטאָן, ווי אַ פאַרוואונדעטע טויב, די אומגליקלעכע טאָכטער, איז אים פּלוצלינג געפאַלן אויפן האַלז און האָט זיך געוומען אין גענעראַלס שטאַלצער און בייזער ברוסט אויס־וויינען דאָס ביטערע, צאַפּלענדע און בלוטנדע האַרץ...

און ער, דער קאַמערהער, איז געבליבן זיצן, אומבאַוועגלעך און פאַר־גליווערט. אין זיין באַליידיגטן שטאָלץ, האָט ער זי אומגעטרייסט געלאָזט וויינען און צאַפּלען, קוקנדיג פאַר זיך אויפן שאָפערס רוקן און אויפן קליינעם חיים יענקלען, וועלכער איז געזעסן מיטן שאָפער, און אזוי איז מען געקומען אַהיים, צום קאַטעדזש ביים ים...

ביז און שטאָלץ איז דער גובערנאַטאָר ארויסגעקראָכן נאָך מארוסיאַן פון אויטאָמאָביל און האָט אַנגעהויבן וואַרפן ארום זיך פרעגנדע און שטרענג זוכנדע בליקן, אזוי ווי ער וואָלט ניט געקומען צו זיין טאָכטער צו גאַסט, נאָר אויף אַ רעוויזיע, רעווידירן אַן „אויעזדנע פּריסוטסטוויע", אָדער אַן איספּראַווניק.

און די ציטערנדע, ארום אים פלאַטערנדע מארוסיאַ האָט אויך מער אויסגעזען, ווי אַן איבעראַשטער און צעשראָקענער איספּראַווניק, איידער אַ טאָכטער, וועלכע עמפּפאַנגט אַ טייערן און לאַנג דערוואַרטעטן גאַסט... און זי האָט געהאַט פאַרוואָס צו ציטערן...

דאָרט אין הויז האָט אויף זיי ביידע געוואַרט איר מאַן. דאָס ערשטע צוזאַמענטרעפן פון צוויי פאַרביטערטע שונאים, פון צוויי פיינטלעכע וועלטן. קיין גוטס האָט דאָס צוזאַמענטרעפן ניט פאַרשפּראָכן... און איר איבערגעשראָקן האַרץ האָט זיך געקלאַפּט אין איר ברוסט אין אַנגסטלעכער דערוואַרטונג, ווי אַ פויגל קלאַפּט זיך פאַרצווייפלט מיט די פליגל אין די ווענט פון אַן אייזערנער שטייג.

ערשט אַז דער גובערנאַטאָר האָט זיך גענומען שטייגן אויף די טרעפּ פונם פּאַרטש, האָט מארוסיאַ דערזען אין אים דעם ערשטן שינו...

ער האָט נאָכגעשלעפּט אַ לייכט געלעמטן פוס.

— פּאַפּאַשאַ! — האָט אויסגעשריגן די טאָכטער און האָט זיך פאַר־צווייפלט געכאַפּט ביים קאָפּ.

— נו, טשעוואָ טאַם! — האָט ער זיך בייז און קאַלט צו איר אומ־געדרייט — פיר מיך צו דיר אין צימער אריין — אָבער נאָר צו דיר... און ניט צו אים... פאַרגעס עס ניט!

און זי האָט אים שנעל געכאַפּט אונטערן אָרעם.

אין דער טיר האָט זי זיך אויסגעדרייט צום אויטאָמאָביל און האָט דערזען, ווי חיים יענקל דערווייטערט זיך פון קאַטעדזש צום פּאַרק, מיט לאַנגזאַמע, פאַרקלערטע טריט.

— חיים יענקל! — האָט זי אים אָפּגערופן פאַרצווייפלט, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך און זעט, ווי זיין לעצטער פריינד, די לעצטע רעטונגס־האָפנונג פאַרלאָזט אים און דערווייטערט זיך.

און דער מאָדנער אידישער נאָמען, „חיים יענקל", האָט זיך אַרויס־געריסן פון דער קאַצאַפּקעס ברוסט און האָט זיך אָפּגעריסן און געפּלאַצט אין דעם העלן זונען־שיין ווי אַ שרעקלעכער דיסאָנאַנס, ווי אַ פרעמדער און אומגעלומפּערטער אַקאָרד. דער דיסאָנאַנס האָט אויפגעשוידערט די ריינע פרישע פרילינגס־לופט, זי אַליין און הויפּטזאַכלעך דעם בייזן שטאָלצן קאַמערהער...

חיים יענקל איז געבליבן שטיין אויף אַ רגע, איז אָבער באַלד צו איר צוגעלאָפן איבער דער סטריט און איז צוריק פאַרגליווערט געוואָרן פאַרן פּאַרטש ווי אַ טרייער הונט, וועלכער וואַרט אויף דעם באַפעל פון זיין האַרין.

דעם גובערנאַטאָרס בליקן אונטער די געדיכטע, אָנגערוקטע ברעמען האָבן אָנגעהויבן שנעל און בייז צו לויפן פון דעם אידל מיטן נאָמען חיים יענקל צו זיין טאָכטער און צוריק...

זיין ברוסט האָט זיך דערביי נאָך העכער אויסגעסטאַרטשעט, אַזוי ווי עמעצער וואָלט אים באַליידיגט. און אַלע זיינען פאַרלעגן אַנטשוויגן געוואָרן.

פון דער גרויסער פאַרלעגנהייט האָט זיי אַרויסגעהאָלפן חיים יענקל אַליין...

ער האָט אָפּגעוואָויגן דעם גובערנאַטאָר אַ נידעריגע, אָבער ווירדיגע קאָפּ־פאַרבייגונג און האָט זיך נאָך ווירדיגער פאָרגעשטעלט אין רוסיש:

— איך האָב די ערע מיך פאָרצושטעלן, וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדי־טעלסטוואָ... הערצאָג פון פאַלערמאָ...

מאַרוסיאַ האָט זיך הויך צעלאַכט...

דער גובערנאַטאָר האָט זיך גענומען שנעל פינטלען מיט זיינע בייזע גלעזערנע אויגן... און וואַרפן מיט די געדיכטע ברעמען, אַזוי ווי די אויגן וואָלטן געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון זייער טיפן זיץ.

— הערצאָג? קאַקאָי הערצאָג? טשטאָ זאַ הערצאָג? — האָט ער צאָרנדיג געפרעגט ווי אויף אַ רעוויזיע, ביידע, דעם „הערצאָג" און די לאַכנדע טאָכטער.

— דאָס שפּאַסט ער! דאָס איז זיין פּסעוודאָנים... ער איז אַ פּיסאַטעל, פּאַפּאַ! אַ טאַלאַנטפולער געבילדעטער מענש, אַ פילאָזאָף... אַך, זענט איר אַ קאָמיקער, חיים יענקל!... נו, קומט מיט אונז אין הויז אַריין... דאָס איז אונזער בעסטער פריינד, פּאַפּאַשאַ!

— סלאווני פארען, — און זי האט געטלעך א שמייכל געטאן צום הערצאג — ער האט אונז אזוי געטריי געדינט די גאנצע צייט, אט דער הערצאג, כא, כא, כא! — האט אים שנעל און פלאפלענד, אזוי ווי פאר־ענטפערט און צוגלייך פארגעשטעלט די אויפגערעגט־לאכנדע מארוסיא.

— דו וועסט אים קענען, פאפאשא, וועסטו אים ליב האבן, ווי מיר ליבן אים...

— פיסאטעל? — טא... טא... א טא הערצאג! — האט בייז א מאך געטאן דער גובערנאטאר און האט נאכאמאל אויסגעמאסטן דעם קליינעם געשטופלטן „הערצאג" פון קאפ ביז די פיס און האט זיך אויסגע־דרייט צו אים מיט די פלייצעס.

חיים יענקל איז געבליבן שטיין... קיין חשק נאכצוגיין דעם בייזן קאמערהער האט ער ניט געהאט. מארוסיא האט אים אבער מיט א וואונק שטרענג באפוילן זיי צו פאלגן.

קענן איר באפעל האט זיך אין חיים יענקלען אלץ געבויגן!

אזוי זיינען אלע אריין אין הויז... אבער אין עס־צימער האט מארוסיא אויפן טיש געפונען א צעטל פון איר מאן, געשריבן אין פראנצויזיש:

— ביטע זיך ניט באאומרואיגן... דער דאקטאר האט מיך ארויס־גענומען אין זיין אויטאמאביל אויף א פראמאנאד... ס'קאן זיין, אז איך וועל ביי אים בלייבן צום אוונט־ברויט און אויך דארט נעכטיגן.

דאס „פראנצויזישע" און די „פראמענאד מיטן אוונט־ברויט" האבן שוין געזאגט מארוסיאן דאס איבעריגע, וואס איר מאן האט ניט דערשריבן אין זיין קורצן צעטל.

ער האט גערעדט מיט זיין פרוי פראנצויזיש נאר דאן, ווען דאס אידישע אין דעם מאן האט געבונטעוועט און פראטעסטירט קעגן דעם רוסישן, וואס די פרוי האט מיט זיך רעפרעזענטירט, ווען די צוויי פיינטלעכע עלעמענטן פלעגן קומען אין קאנפליקט.

אזוי האט באגעגנט דער איידעם, דער איד, דעם שווער, דעם פאניע.

מארוסיא האט זיך געכאפט ביים הארץ.

— אט איז דאס, דער פינצטערער אפגרונט. — האט זי געטראכט.

און עס שווינדלט איר אזוי אין די אויגן.

חיים יענקל איז שוין געשטאנען הינטער אירע פלייצעס און האט מיט די אויגן דורכגעלייענט דאס צעטעלע.

דאן האט דער טרייער הונט געכאפט א שנעלן בליק אויף זיין באפע־לערינס בלייכן פנים, און שטיל און פארזיכטיג, ווי א גנב, ארויס פון צימער און איז אוועק צו איר מאן און זיין פריינד, צום דאקטארס קאטעדזש. חיים יענקל האט אבער דעם אנטרונענעם צוריק ניט געבראכט.

* * *

אזוי זיינען פאריבער צוויי וואכן.

באַגאַבאַרעץ האָט נאָך אַלץ געוואוינט ביי זיין פריינד, דעם דאָקטאָר און איז שוין מער ניט געקומען צו זיך אַהיים.

ער איז אַנטלאָפן פון זיין שווער און צוליב אים שוין פון זיין לעבנס־באַגלייטערין.

און זי איז אים שוין מער ניט נאָכגעלאָפן און האָט זיך מיט אים די גאַנצע צוויי וואָכן ניט געזען.

איינזאַם און צוריקגעצויגן איז זי געבליבן אין קאַטעדזש ביים ים.

און אין איר שטאָלץ פון אַ באַליידיגטער פרוי און קריסטין איז זי געווען איינזאַם, ווייל אירע געפילן און געדאַנקען האָט זי ניט געקענט אַרויסגעבן און טיילן זיך מיט זיי ניט מיטן פאָטער און אַפילו ניט מיט איר פריינד חיים יענקלען, וועלכער איז ווי אַ שטומער שליח געלאָפן פון הויז צו הויז, פון דער פרוי צום מאַן...

אויס שטאָלץ האָט זי שוין מיט חיים יענקלען ניט גערעדט פון „אים" און דאַרום האָבן זיך אַפילו זייערע פּערזענלעכע פריינטלעכע באַציאונגען אָפּגעקילט.

דער גובערנאַטאָר האָט זיך אַפילו באַמיט צו וויסן זיין טאָכטערס געפילן און געדאַנקען, אָבער ער האָט פשוט ניט געוואוסט, ווי אַזוי צו נעמען זיך דערצו.

דער סאָלדאַט און ברוטאַלער מענש איז ניט געווען דערוואַקסן פאַר אַזאַ שווערער און דערצו אַזאַ איידעלער אויפגאַבע, און דערפאַר האָט ער אַליין אויסגעמידן צו רעדן פון „אים", און צו שטעלן דער טאָכטער פראַגן.

ער האָט „אים" ניט דערמאָנט, ניט צו גוטן און ניט צו בייזן, אַזוי ווי ער וואָלט ניט עקזיסטירט אויף דער וועלט.

ער האָט זיך אויך ניט געאיילט עפּעס צו טאָן צוליב דעם צוועק, וואָס האָט אים געבראַכט קיין אַמעריקע און האָט מיט אַ געדולד, וועלכע איז געווען פרעמד פאַר זיין וועזן, אָפּגעוואַרט ביז זי וועט אַליין אָנהייבן, אָדער דער פּלאַנטער וועט זיך שוין פון זיך אַליין, דורך אַן אינעווייניגסטער טרייבנדער קראַפט צעוויקלען אָדער צעהאַקן.

דערפאַר האָט ער זיך באַמיט צו זיין מיט דער טאָכטער מילדער און הערצלעכער, אויף וויפיל דער שטאָלצער און קאַלטער מענש האָט נאָר געקענט.

ער האָט מיט איר שפּאַצירט ביים ים, אָנגעקוקט די גרויסע וועלט־שטאָט און האָט איר אין די לאַנגע ליידיגע שטונדן דערציילט וועגן זיינע לעצטע דינסט־יאָרן און האָט זיך באַמיט צו וואַרפן אויף זיי פאַר דער טאָכטער אַ מילדערן שיין, כדי זיך צו אַנטשולדיגן און ריינוואַשן אין אירע אויגן.

ווייטער האָט ער ניט אויפגעהערט מיט איר צו רעדן וועגן אירע קינ־דער און אַרויסגעבן אַפילו אין זיין גראָבער סאָלדאַטסקער פאָרם זיין ליבע און פאַראורטייללאָזיקייט צו זיי; רעדן פון קרובים און פריינד און פון

הויכן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ביידע רוסישע הויפּטשטעט, כדי צו וועקן דערמיט אין איר אַ בענקעניש נאָך דער היים.

שטונדנלאַנג האָט זי אים שטום אויסגעהערט אָן באַמערקונגען און קאַלט, ווי אַ גלייכגילטיגע, צו אַלעם דעם, וואָס ער האָט איר דערציילט.

זי האָט זיך צוגעהערט צו אים און אין דערזעלבער צייט צו אירע געדאַנקען, וועלכע האָבן, ווי קראָטן, זיך ניט אויפגעהערט צו גראָבן און האָבן געטאָן זייער שטילע און פאַרזיכטיגע אַרבעט אין די טיפענישן פון איר נשמה און געפירט אין דער פינצטערניש זיכער און פּאַטאַליסטיש צום אויסגאַנג פון פאַרפּלאָנטערטן לעבן, און זי פאַרברייטעט צום אומפאַרמייד־לעכן ברוך.

פון דער צווייטער זייט, אין דאָקטאָרס הויז, איז די ליקווידאַציע אויך געווען אין פולן גאַנג.

דאָרטן, אין באַגאַבאַרעצס מוח, האָבן זיך די געדאַנקען שוין פאַרמולירט אין אַ פעסטן פּלאַן, פאַרקערפּערט אין ציפערן פון אַ פאַרטיגן קלאָרן באַלאַנס.

אַלץ איז געווען קלאָר און באַלויכטן אין די ציפערן און סומען, די פאַרגאַנגנהייט ווי די צוקונפט...

דער קלאָרער און דייטלעכער באַלאַנס האָט געגעבן דעם שוואַכן און זאַנפטן מאַן זעלנס־רו און הויפּטזאַכלעך אייזן־פעסטן מוט... אומגעשראָקן און רואיג, ווי אַ מאַן, וואָס גייט זיך בלויז צעטיילן מיט זיין לאַנגיאָריגן שותף, האָט ער אין אַ שיינעם אָוונט צוגעשיקט מיט חיים יענקלען צו זיין לעבנס־שותף ווידער אַ קורץ פראַנצויזיש צעטעלע און האָט איינגעלאָדן זיין פרוי צו זיך.

מארוסיא איז געווען גרייט דערצו, האָט מיט די אויגן דורכגעלייענט דאָס צעטעלע אויך רואיג און קאַלטבלוטיג, כמעט גלייכגילטיג, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען ניט מער ווי אַ „לאַנדרי־ביל"*) האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס בלויז אַ לייכטן שאַרף און איז אַוועקגעגאַנגען צום דאָקטאָרס הויז, וועלכעס האָט זיך געפונען נאָר מיט עטלעכע בלאָק ווייטער פון זייער קאַטעדזש.

חיים יענקל האָט זי ווי אַ טרייער אָבער אומעטיגער און נידערגע־שלאָגענער הונט געוואָלט באַגלייטן. מארוסיא האָט אים אָבער באַפוילן צו בלייבן אין הויז מיטן קאַמערהער.

דאָס וואָרט „קאַמערהער", האָט זי אויסגערעדט מיט אַזאַ צעברענדן, איראָנישן שמייכל, אַז חיים יענקלען איז פון דעם שמייכל צוריק פריילעך און ליכטיג געוואָרן אויפן האַרץ...

* * *

באַגעגנט האָבן זיך מאַן און פרוי אויך רואיג און פריילעך... ווי גוטע, אַלטע באַקאַנטע... אָבער אונטער דער רואיגער פריינטלעכקייט

*) אַ חשבון פון וועש.

האָט שוין געשטעקט און זיך דורכגעלויכטן אַ פאַרפרעמדקייט, אַ מיילן ווייט און לאַנגע פרעמדקייט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך ניט געזען ניט קיין צוויי וואָכן, נאָר יאָרן.

באַגאַבאַרעץ האָט איר העפלעך, ווי אַ גאַלאַנטער קאַוואַלער, אָבער שטום דערלאַנגט אַ בענקל...

וועלכע איראָניע!

ווען באַגאַבאַרעץ וואָלט געקענט דאַן זיך פונוויטנס אָנקוקן, ווי מאַרוסיאַ האָט אים אָנגעקוקט! ס'וואָלט אים אויפגעשווידערט... ער אַליין איז דאָך געווען אַזוי ווייט פון איראָניע!

אַ לייכטער, איראָנישער, אָבער גוטער און הערצלעכער שמייכל האָט אויסגעקרומט אירע ליפּן און זיך אָנגעצונדן אין אירע גרויסע, גרויע אויגן. אַ שמייכל איבער דער נאַיוויטעט פון אַ גרויס קינד... דאָס איז געווען איר אייגנטימלעכער, מאַרוסיאַס שמייכל, וועלכער פלעגט זי מאַכן אַזוי שיין, איר געבן אַזאַ פאַרפירערישן און באַפעלנדן רייץ איבער אַ מאַן.

באַגאַבאַרעץ האָט באַמערקט דעם שמייכל און די בלייכע און צאַרטע הויט פון זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרפלייצט מיט בלוט, ווי זאַנפטער רויטער זאַפט פילט אָן די צאַרטע, בלייכע הויט פון רייף־געוואָרענע וויינטרויבן. ער האָט טיף אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך אָפּגעווענדט פון אירע רואיג־שמייכלענדע און גוטע אויגן... דער שמייכל האָט מיטאַמאָל אַרויסגערופן פאַר אים די יונגע אַמאָליגע מאַרוסיאַ מיט איר גאַנצער צווייבערקראַפט, וועלכע זי האָט אַמאָל געהאַט איבער זיינע געפילן און געדאַנקען, די צוייבערקראַפט, וועלכע האָט באַדאַרפט נאָר באַפעלן און ער און יעדער אַנדערער האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט.

די אָפּגעשטאָרבענע פאַרגאַנגנהייט האָט מיטאַמאָל צוריק אויפגעלעבט און אים ווידער געאָטעמט אין פּנים אַריין, געוואונקען און פאַרשפּראָכן ליבע און ליבעס־גענוס...

די רו, וועלכע האָט געהערשט אין זיין נשמה, האָט אים מיטאַמאָל צוריק פאַרלאָזט... דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים מיטאַמאָל אַזוי צוזאַמענגעקלעמט, אַז ער האָט שיער ניט אויסגעשריגן פון ווייטאָג און איז געווען גרייט זיך צו וואַרפן איר אויפן האַלז און זיך צעוויינען, ווי אַ גרויס, צוזאַמענגעבראָכן קינד.

ער האָט זיך אָבער באַלד באַוועלטיגט מיט אַן אוממענשלעכער קראַפט, האָט צוזאַמענגעשלאָסן די ציין, אַזוי ווי ער זאָל דערשטיקן זיין ווייטאָג, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין שטול און פאַרדעקט דאָס פּנים.

אַ לאַנגע שווערע פּויזע.

שווער און ווערגנד פאַר ביידע...

און אין דער שטילקייט האָבן זיך די צוויי הערצער געוואָרפן און געצאַפּלט, ווי צוויי פייגל, וועלכע זיינען אונטערגעשאָסן פון אַ ברוטאַלער און בלינדער יעגער־האַנט, איינפאַך אויס מערדעריש־גרויזאַמער יאַגד־לוסט.

אין מאַרוסיאַס אויגן האָט זיך דער גוטער איראָנישער שמייכל אויך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן... אויף זיין אָרט האָבן זיך דאָרט שוין געפּערלט צוויי גרויסע, בריליאַנטענע טרערן, ווי צוויי גרויסע טוי־טראָפּן צאַפּלען אויף אַ פרישן, פון ווינט געשאָקלטן בלאַט.

און פון אונטער די פאַרדעקטע הענט האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ גע־דעמפּטער, פרעמד־דאַרטיגער, אַזוי ווי געליענער און ציטערנדער שטימע:

— הער מיך אויס, מאַרוסיאַ! איך האָב דיר פון לאַנג שוין געזאָגט וועגן דעם מענשנס נאַטור... אַז אַ מענש דאַרף זיך אַליין טריי בלייבן... זיך ניט פאַרגוואַלטיגן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זי האָט געוואָלט אויסשרייען:

— ווער האָט דאָס רעכט איבער אונז? פאַרוואָס זאָלן מיר, געביל־דעטע מענשן, ברענגען קרבנות, מקריב זיין אונזער לעבן אַן אַפּגאָט?... האָב איך דען ניט די ערשטע צעבראָכן אַלע אָפּגעטער, אָפּגעשליידערט פון זיך מיט פאַראַכטונג אַלע טראַדיציעס און פאָראורטיילן?

אָבער אַן אַנדערער אָפּגאָט, דער שטאָלץ פון אַ באַליידיגטער פרוי, האָט איר פאַרמאַכט דאָס מויל און איר אַריינגעלייגט אַנדערע, פרעמדע און פאַלשע ווערטער.

— ווער טרייבט מיך דען זיך צו פאַרגוואַלטיגן? — האָט זי זיך אָנגע־רופן, אויך געדעמפּט, אָבער שוין שטרענג, מיט אַ ציטער איבערן פּנים.

— דו האָסט זיך תמיד באַמיט צו פאַרגוואַלטיגן... צו צווינגען... און דערפון שטאַמט די גאַנצע אומקלאָרקייט און דער צוואַנג פון אונזער צוזאַמענלעבן.

די באַליידיגטע פרוי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט:

— ניטשעוואָ פּאַדאַבנאַוואָ! איך האָב זיך ניט געצוואונגען און וועל מיך ניט צווינגען... צוליב וואָס זאָל איך מיך צווינגען?... צוליב וועלכע גליקן? פּאַדומאַיעש? — האָט זי כמעט אַזוי ווי אויסגעשריגן די לעצטע ווערטער, אַ טיף פאַרוואונדעטע און אויפגערעגטע.

— ס'איז ניט ריכטיג! — האָט ער אויסגעשריגן פּראָטעסטירנדיג, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. — דו האָסט זיך תמיד געצוואונגען, געשפּילט אַ ראָל, וועלכע אַנטשפּרעכט ניט דיין וועזן... דיין דערציאונג, דיין פאַמיליען־טראַדיציעס און דיין כאַראַקטער איז תמיד געווען אין קאָנפליקט מיט דער אויפגעדרונגענער ראָל.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, ווי קעמפער.

— נאַפּרימיער? (למשל) — האָט בייז און שטרענג געפרעגט מאַרוסיאַ.

— נאַפּרימיער?

דאָ האָט ער אָפּגעווענדט פון איר זיין פּנים און האָט זיך פאַרזונקען, ווי אין אַ טיפער איבערלעבונג. ער האָט זיך אָבער באַלד אַנטשלאָסן, צוריק

צו איר אומגעדרייט און האָט שוין געענדיגט, קוקנדיג איר גלייך אין פּנים, רואיג און מוטיג, אַזוי ווי ער איז געווען פריער, איידער זי איז אַריין צו אים אין צימער.

— נאַפּרימיער, פרעגסטו? דו האָסט תמיד געשפּילט דעם אידנ־פריינד, ס'איז אָבער געווען ניט אויפריכטיג... איך וויל דעם אויסדרוק ניט ברויכן... ער איז באַליידיגענד... אין אומאויפריכטיקייט וועל איך דיך ניט פאַרקלאָגן... ס'איז געווען אַ צוואַנג, אַ לעבנס־טעות... איך ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי איך זאָל עס רופן. — און ער האָט זיך פאַרקרימט פון דעם, וואָס ער געפינט ניט קיין פּאַסנדן אויסדרוק פאַר זיין געדאַנק, אָדער פון לעבנס־טעות אַליין, און זי האָט פון אים ניט אַרונטערגעלאָזט אירע שאַרפע, צאָרנדיגע בליקן...

— יאָ, אַ לעבנס־טעות... — האָט אַ קרעכץ געטאָן באַגאַבאַרעץ און איז צוריקגעפאַלן אין שטול.

זי האָט געוואָלט אויסשרייען פון ווייטאָג און זיך וואַרפן אויף דעם צונויפגעבויגענעם קראַנקן מאַן מיט ווילדע פויסטן און נעמען פון אים נקמה פאַר דעם טעות, פאַר אַלע קרבנות, וואָס זי האָט געבראַכט פאַר דעם טעות... די שטאַלצע דוואָריאַנקע אָבער האָט זיך אין איר דערוועקט און האָט איר פאַרמאַכט דאָס מויל, און זי האָט אים רואיג, מיט אַן איראָנישן שמייכל ווייטער אויסגעהערט.

— און איך באַשולדיג דיך ניט... ווי קאָן דען אַנדערש זיין?... מיר זיינען צו שוואַך, אַז מיר זאָלן קענען אין איין דור צעברעכן די מויער פון די פאָראורטיילן, וואָס די געשיכטע האָט טויזנטער יאָרן געבויט צווישן פעלקער און נאַציעס... אונזער גאַנץ זעלן־לעבן איז אויסגעוועבט פון אַזעלכע פאָראורטיילן... אונזער נשמה איז געפאַנגען פון זיי און פאַרפּענטעט ווי אין אַ נעץ, און ס'איז איבער דער מענשלעכער קראַפט זיי צוצרייסן...

— ס'איז אַ ליגן! ס'איז אַ פאַרלוימדונג! — האָט אויסגעשריגן מיט אַ טופּ מאַרוסיאַ. — איך האָב זיי צעריסן... נאָר איר אידן זענט אַזעלכע קריסטן־פיינד!

באַגאַבאַרעץ האָט זיך שטיל צעלאַכט.

— דו האָסט אַ טעות, מאַרוסיאַ, אַ גרויסן טעות! דו האָסט זיי ניט צעריסן, און זיי לעבן אין דיר אַזוי שטאַרק, ווי אין דיין פאָטער דעם קאַמער־הער... אויך דיין ליבע צו מיר איז געווען נאָר אַ מין פאָראורטייל... ס'קאָן זיין — אַ פרויען־ערגייץ... די געשיכטע ווייסט פון אַ סך אַזוינע פאַלן, ווי אַריסטאָקראַטישע קריסטן האָבן געפירט ליבעס מיט טאַלאַנטפולע אידן... דער טעות האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן און די ליבעס האָבן זיך זייער טראַגיש געענדיגט... ס'איז געווען נאָר אַ פּוסטע באַגייסטערונג... נעם, צום ביישפּיל, לאַסאַלס ליבע, גלייב מיר, אַלס אַ באַלעזענער און דענקענדער מענש, אַלס אַ בעלעטריסט און שטיקל האַרצנקענער, האָב איך

אונזער פאַרהעלטעניש גוט און געוויסנהאַפט אַנאַליזירט... זייער געוויסנ־האַפט. איך האָב דערויף פאַרווענדט פיל שלאָפלאָזע נעכט און באַזיץ די ריכטיגע באַלויכטונג... מען קאָן זאָגן, די וואַרהייט אַליין... ס'איז געווען אַ לעבנס־טעות, ס'איז נאָך אָבער ניט שפּעט... דעם טעות צו פאַריכטן... אונזערע וועגן זיינען דאָך אַזוי פאַרשידן אין לעבן — האָט געענדיגט באַנגאַבאַרעץ מיט אַ פיינלעכן, רחמנות־בעטנדן אויסדרוק אויפן אויסגעקרימטן פּנים.

— קורצער געזאָגט, דו ווילסט, מיר זאָלן זיך צעפאָרן? — האָט זי אים געפרעגט רואיג און זיך צעלאַכט... פאַלש צעלאַכט!

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ:

— יאָ, מאַרוסיאַ! איך גלייב, אַז דאָס איז דאָס בעסטע פאַר אונז ביידע... באַזונדערס פאַר דיר — האָט זיך פאַריכט באַנגאַבאַרעץ.

— באַזונדערס פאַר מיר, בעט איך אייך, זיך ניט צו זאָרגן — האָט אויסגעשריגן די באַליידיגטע, שטאָלצע פרוי.

דאָס געשריי און דער „אייך“, פיליכט דער ערשטער „אייך“ אין זייער לאַנגן צוזאַמענלעבן, וואָס איז געווען פול מיט פיין, אָבער אויך מיט שיינע און גליקלעכע מינוטן, האָט אים דערשיטערט צום איבעריגן. ער האָט זיך ווידער אָפּגעשראָקן פאַר דעם, וואָס ער גייט טאָן... ער האָט דערפילט די שרעק פון פאַרלוסט, און זי איז אים צוריק אַזוי טייער געוואָרן. ער האָט זיך ווידער אַרונטערגעלאָזט אין שטול און צוריק פאַרדעקט זיין פיינלעך, אויסגעקרומט פּנים.

— רעד ניט אַזוי, מאַרוסיאַ! דיין גליק איז מיר תּמיד געווען און וועט בלייבן טייער... מיין ליד איז שוין געענדיגט. פאַר מיר זאָרג איך מיך ניט!

— און איך דערלויב אייך ניט צו זאָרגן זיך פאַר מיר און פאַר מיין גליק! איר הערט, מאַסיע? — זי האָט שיער ניט אויסגעשריגן: מאַסיע ראַבינאָוויטש, האָט זיך אָבער אין דער צייט פאַרכאַפּט — איך נייטיג זיך ניט אין אייער זאָרג און ניט אין אייער מיטלייד! איך וועל מיין שטעטל אַליין באַשטיין! — האָט געטופּעט מיט די פיס מאַרוסיאַ.

— ווי אַזוי דו ווילסט, מאַרוסיאַ! — האָט דער מאַן געקרעכצט אין זיין שטול.

— צעפאָרן זיך, איז צעפאָרן זיך...

די שטאָלצע דוואָריאַנקע האָט שוין געבושעוועט אין איר ברוסט און פאַרלאַנגט נקמה פון אים, דעם זשיד, פאַר דער באַליידיגונג.

— און איך וויל טאַקע ניט פאַרגוואַלטיגן מיין נאַטור... איך בין געבוירן געוואָרן סעדיעלניקאָווא... אַ רוסישע דוואָריאַנקע, מיט אַריסטאָ־קראַטיש בלוט אין די אָדערן, און איך וויל מער ניט שפּילן קיין זשידאָווקע, קיין מאַדאַם ראַבינאָוויטש!... איר הערט? די ראָל איז מיר שוין עקל־

האָפט און אומדערטערגלעך, ברר! — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ טיפן שוידער איבערן לייב.

געשריגן האָט זי אָבער מער פון באַליידיגטן פרויען־שטאָלץ, ווי פון שנאה צו דער עקלהאַפטער ראָל, צום ראַבינאָוויטש.

דאָ האָט ער אויפגעדעקט זיין פּנים און האָט איר צוריק גלייך און מוטיג אַ קוק געטאָן אין פּנים אַריין.

אַן אומבאַשרייבלעכער קוק!

אַלץ איז געווען אין דעם קוק: פייַן, בייזער טריומף, די עמפּערונג פון אַן אָפּגענאַרטן, עקל, און הויפּטזאַכלעך האָס! אַזאַ טיפער און אומ־באַשרייבלעכער האָס!

אָבער ניט באַגאַבאַרעצס האָס.

די זאַנפטע און גוטע נאַטור איז ניט געווען פעאיג צו האָסן.

אין דעם בליק האָט שוין געפלאַקערט דער אייביגער האָס פון זיין טיף באַליידיגטן און געפּלאָגטן פאָלק...

באַגאַבאַרעץ האָט זיך שטיל צעלאַכט...

— איצט האָבן מיר זיך צוזאַמענגערעדט! כאַ, כאַ, כאַ, אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין... וואָס דען? גענוג געשפּילט קאָמעדיע!... אַ דאַנק אייך פאַר דער אָפנהאַרציקייט!

— דאָ, סנאָוואַרילים (מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט). — האָט זיך מודה געווען מאַרוסיאַ און האָט שטאָלץ פאַרריסן דעם קאָפּ — געפעלט אייך ניט גאָספּאָדין ראַבינאָוויטש?

— אומגעקערט! „גאָספּאָדינו ראַבינאָוויטשו" געפעלט עס שוין זייער... און ער דאַנקט אייך זייער, „גאָספּאָזשאַ סעדיעלניקאָוואַ" — האָט איר געענטפערט באַגאַבאַרעץ און האָט זיך פאַר איר צערעמאָניש פאַרבויגן...

מאַרוסיאַ האָט אים געענטפערט מיט אַ גלייכער צערעמאָניאַלער קאָפּ־פאַרבייגונג און ביידע האָבן זיך אַ ווייַלע אָנגעקוקט, פרעמדע און פייַנטלעכע, ניט אַזוי ווי מאַן און ווייב, וועלכע האָבן אַזוי פיל יאָרן צוזאַמענגעלעבט און צוויי קינדער געהאַט. ווי צוויי פרעמדע, אייביג־פייַנטלעכע וועלטן, זיינען זיי געשטאַנען איינער פאַרן צווייטן און אין דער פייַנטשאַפט איז מיטאַמאָל אַלץ דערטרונקען און אויסגעלאָשן געוואָרן...

די נאָך טליענדע און נאָגנדע ליבע, די אַמאָליגע פאַרערונג פון גרויסן דיכטער, צוגעבונדנהייט און געוואוינהייט!

אַלץ, אַלץ וואָס האָט אָנגעפילט דאָס לאַנגע צוזאַמענלעבן, פון צוויי דאָך גוטע און ערלעכע נשמות.

און מאַרוסיאַ האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר מיט אַ שטאָלץ־פאַר־ריסענעם קאָפּ.

די שטאָלצע און באַליידיגטע דוואָריאַנקע האָט זיך אָבער אָפּגע־שטעלט...

זי האָט געמוזט זיך נוקם זיין אין זשיד, וועלכער האָט געוואַגט זי

אַפּצושליידערן פון זיך, אים זאָגן אַזוינס, אַז ער זאָל אויפשרייען פון ווייטאָג, ווי זי האָט שיער ניט געשריגן פון ווייטאָג און מאַכטלאָזן צאָרן, און האָט אים צוגעוואָרפן מיט צוויי פלאַקערנדע און האַסנדע אויגן:

— איר זאָלט אָבער וויסן, גאַספּאַדין ראַבינאָוויטש, אַז די קינדער מיינע וועלן קיין אידן שוין ניט זיין... זיי וועלן בלייבן סעדיעלניקאָווס און ניט ראַבינאָוויטשעס, זיי וועלן זיין רוסן און ניט קיין זשידעס!

און איז אַרויס פון צימער.

ווי אַ פאַרוואונדעטער האָט ער אויסגעשריגן און זיך געכאַפּט ביים האַרץ און האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר.

ער וואָלט אַליין ניט געקענט זאָגן, וואָס האָט אים אַזוי שטערבלעך פאַרוואונדעט... צי די געשליידערטע באַליידיגונג... צי דאָס, וואָס זי איז אַוועק פון אים אַזאַ האַסנדע און אויף אייביג...

זיין פריינד אָבער, דער דאָקטאָר, וועלכער האָט הינטער דער פּאָרטיערע איבערוואַכט דאָס פיינלעכע ראַנדעוואו צווישן מאַן און ווייב, הויפּטזאַכלעך זיין פריינדס שוואַכע געזונט, איז אַרויסגעלאָפן און האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג, און באַגאַבאַרעץ איז געפאַלן אין זיינע אויסגעשטרעקטע אָרעמס אַ פאַרחלשטער...

* * *

געקומען איז מארוסיא אַהיים שוין ניט אַלס שטאָלצע דוואָריאַנקע, נאָר ווי צוזאַמענגעבראָכענע, פאַרלאָזטע פרוי. און אַז זי איז אַריין אין הויז און האָט דערזען אין שטול דעם צוזאַמענגעדרייט־וואַרטנדן חיים יענקל און אַז דער איז אויפגעשפּרונגען און האָט אַנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אומעטיגע אויגן פון אַ געשלאָגן און פאַרלאָזט הינטל, האָט זי ערשט דער־פילט, ווי אַ מעסער וואָלט אַרויסגעפאַלן פון דעם שטאָלצן האַרץ... און די וואונד בלוטעט און שמערצט אַזוי אומדערטרעגלעך... ביז צום וואַנזין שמערצט זי...

און דעם קאַמערהערס שטאָלצע טאָכטער האָט מער ניט געקענט באַ־וועלטיגן דעם שמערץ און דעם באַליידיגטן שטאָלץ אירן און איז געפאַלן דעם געשטופלטן פריינד און פאַרערער אירן אויפן האַלז און האָט אויסגע־בראָכן אין אַ פאַרצווייפלט געוויין...

און באַלד האָבן זיי געוויינט ביידע, ביידע גלייך פאַרוואונדעטע און בלוטענדע, ביידע באַליידיגטע, ער פון דער נאַטור, זי, די שטאָלצע קריסטין, פון אַ איד.

אָבער ווי זיס ס'איז אים זיין פאַרצווייפלטער פיין. ...

ווי אַ באַלזאַם גיסן זיך אירע טרערן אויף זיינע וואונדן... ער ווייסט, אַז זי וועט אינגיכן אוועקפאָרן און ער וועט זי שוין אין לעבן מער ניט זען, ניט הערן דעם מעלאָדישן צויבער־קלאַנג פון איר וואָלגע־אַקצענט, ניט זען דעם זיסן איראָנישן שמייכל און אירע גוטע, גרויע אויגן...

אָבער איצט ליגן אויף אים אירע הענט און קלעמען זיין האַלז און איר

גאָלדענער קאָפּ ציטערט אויף זיין אַקסל... ער פילט אויף זיך איר אָטעם, דעם הויך פון איר דופטענדן און מיט לעבנס־זאַפט פּלאַטערנדן קערפּער...

זאָל די וועלט דערנאָך פינצטער ווערן פאַר זיינע אויגן, אַפילו אונטער־גיין מיט אים אינײנעם... אַ שיינע, גליקלעכע מינוט האָט זי אים אָבער געשענקט... און די מינוט וועט אים שוין דערנאָך לייכטן אין גאַנצן פינצטערן לעבן...

ביים ליכט פון דער דערינערונג וועט ער שפּעטער וואַרעמען זיינע פאַרגליווערטע אברים...

פּלוצלינג אָבער האָט זיך פון צווייטן צימער דערהערט דעם קאַמער־הערס שווערע און קלאַפּנדיגע טריט.

זי האָט אויפגעשווידערט און האָט דעם געשטופּלטן חיים יענקלען אָפּגעשטופּט פון זיך און איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער.

פון דאָרט איז זי שוין ניט אַרויסגעגאַנגען שיינע עטלעכע טעג און האָט קיינעם, אויסער די דינסט, ניט געוואָלט צו זיך צולאָזן.

* * *

דאַן האָט דער קאַמערהער פאַרלוירן זיין געדולדיגע און אָפּוואַרטנדע האַלטונג. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל אָנפאַנגען...

שוין ניט ווי אַ בייזער, דראָענדער גענעראַל, נאָר ווי אַ צוזאַמענגע־בראָכענער זקן, האָט ער געוואַנדערט גאַנצע טעג מיט זיינע שווערע, היל־כענדע טריט איבער די צימערן פון ברייטן קאַטעדזש, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אין אים קיין אָרט ניט געקענט געפינען...

ניט קיין ראַזירטער, מיט פאַרנאַכלעסיגטע שוין ניט דראָענד־פאַר־דרייטע און געפאַרבטע וואָנסעם, האָט זיך דעם גובערנאַטאָרס פּנים גע־עלטערט מיט גאַנצע 20 יאָר.

אַ צעבראָכענער און פאַרלוירענער, האָט ער ערשט באַמערקט חיים יענקלען און האָט דער ערשטער מיט אים אָנגעהויבן צו רעדן...

צוערשט פלעגט ער אים צורופן מיט אַ בייזן שטאָלצן: „איי... איי... הערצאָג איז פאַלערמאָ!” אָדער „הערצאָג אי טאָמו פּאַדאָב־נאָוואָ” (הערצאָג און דאָס גלייכן), קומט נאָר אַהער!” און אים שטעלן עטלעכע אומבאַדייטנדע פראַגן, פאַר וועלכע ער אַליין האָט קיין שום אינטע־רעס געהאַט... נאָר בלויז פאַר אַן אויסרייד...

באַלד אָבער האָט דער הערצאָג געמוזט גיין מיט אים צום טיש, פאַר קאָמפּאַניע, און דער הערצאָג האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן...

דער פאַרלאָזענער הערצאָג האָט זיך געגייטיגט אין געזעלשאַפט, פּונקט ווי דער בייזער קאַמערהער. ווייטער איז שוין דער קאַמערהער ניט געווען אַזוי בייז און שטאָלץ, און באַלד האָבן זיך דער פּאַגראַמשטשיק און

דאָס אידל באַפריינדעט און האָבן געפירט שטונדנלאַנגע, אינטימע גע־שפּרעכן...

געוויינלעך האָט מער גערעדט דער הערצאָג, ווי דער קאַמערהער. חיים יענקל, אַלס געזעלשאַפטס־מאַן, איז געווען אינטערעסאַנטער און אַמוזאַנטער פון גובערנאַטאָר... זיינע אַנזיכטן — ברייטער און רייכער... און באַלד איז דער הויכער ראַנג צווישן דעם פּאַניע אין גלות און דעם איד אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

חיים יענקל האָט גערעדט און האָט אים געזאָגט, וואָס עס האָט זיך אים געגלוסט און ס'איז אים אַריין אין קאָפּ; דעם ביטערסטן אמת וועגן רוסלאַנד, וועגן דער רוסישער רעגירונג און דעם רוסישן פאָלק.

דער עקס־גובערנאַטאָר פלעגט פון צייט צו צייט אויפברויזן, זיין פּנים און זיין האַלז פלעגן זיך באַדעקן מיט אַ רויט־בלויער פאַרב, ער פלעגט ווידער הייבן און דראָענדיג אַרויסשטעלן זיין ברוסט און אונטערברעכן דאָס פרעכע אידל מיט אַן ענערגישן און בייזן „פּאַזוואָלטיע! פּאַזוואָלטיע! קאַק ווי סמעיעטיע?" (ווי דערלויבט איר זיך?) חיים יענקל אָבער פלעגט זיך ניט איבערשרעקן, ניט פאַר זיין בייזער ברוסט און ניט פאַרן „פּאַזוואָל־טיע"... און רייבן דעם פּאַניע אַ „מאָרדע", ביז ער פלעגט ניט אָנהייבן שוויצן פון בייזן בלוט און אויפרעגונג, און שרייען: „דאַ, יאַ וואָס ניע פּאַזוואָליעיו ווי זאַביוואַיעטיעס, סודאַר!" (איך וועל ניט דערלויבן... איר פאַרגעסט זיך, מיין הער).

דאַן פלעגט זיך דער קונסט־קריטיקער, חיים יענקל, שוין טייוולִיש צעלאַכן און זאָגן:

— איר האָט זיך עס פאַרגעסן, סודאַר! מיר זיינען אין אַמעריקע, וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! מיר האָבן דאָ ניט קיין אוטשאַ־סטאָק און ניט קיין קאָזאַקן... כע, כע, כע! איר רוסלאַנד וואָלט איר געווים ניט פּאַזוואָליעט... דאָס ווייס איך גאַנץ גוט... אָבער דאָ, כע, כע, כע...

און דער אַרגומענט פלעגט ווירקן אויפן גובערנאַטאָר און ער פלעגט הילפלאָז פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין שטול און אַנטשוויגן ווערן.

און אַז חיים יענקל פלעגט אים וועלן פאַרלאָזן, פלעגט ער אים נאָכ־שרייען: „קודאַזש עטאָ ווי? קודאַ וואָס טשאָרט ניעסיאָט?" (וואוהין טראָגט אייך דער טייוול?) „בלייבט דאָ און פּלוידערט ווייטער!..." — און חיים יענקל פלעגט בלייבן און ווייטער פּלוידערן. און דער גובערנאַטאָר פלעגט אים ווייטער אויפמערקזאַם אויסהערן...

אָבער פון „אים", פון באַגאָבאָרעצן, האָבן זיי ביידע אַזוי ווי אויסגע־מידן צו רעדן.

* * *

אין אַ פרימאָרגן האָט דער גובערנאַטאָר באַפוילן דעם הערצאָג:

— וועדיטע מעניאַ ק'נעמו (פירט מיך צו „אים")!

חיים יענקל האָט פאַרשטאַנען וועמען ער מיינט, האָט צוגעוואָרפן דעם גובערנאַטאָר אַ נייגעריגן בליק און האָט אים געענטפערט:

— פּאָזשאַלויעטיע!

און באַלד זיינען זיי ביידע אַוועקגעגאַנגען צום דאָקטאָר, ביי וועלכן באַגאַבאָרעץ האָט גענאָסן גאַסטפריינדשאַפט.

אויף דעם וויזיט האָט זיך באַגאַבאָרעץ קיינמאָל ניט געריכט און איז פאַרציטערט און בלייך געוואָרן, ווי דער טויט, אַז ער האָט דערזען פאַר זיך זיין שווער.

איינגעמידט פון וועג און פון די שטיגן, האָט דער גובערנאַטאָר געסאַפּעט און בייז געבלאָזן פון זיך, ווי אַ דאַמפּענדער לאָקאָמאָטיוו.

אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט שטום און פּיינטלעך. דער גובער־נאַטאָר האָט ווידער געוואָרפן אַרום זיך שטרענגע, זוכנדע בליקן, אַזוי ווי ער וואָלט געקומען אויף אַ רעוויזיע צו אַן איספּראַווניק.

באַלד האָט ער זיך אומגעבעטן, אַליין אַרונטערגעלאָזט אין אַ שטול און האָט אַרויסגעלאָזט פון זיין ברוסט אַ טיפן, מידן „אוף!“ און מיט דעם „אוף“ איז פון זיין ברוסט אַרויס דער שטאָלצער און בייזער גובערנאַטאָר. אין שטול איז שוין געזעסן אַ צוזאַמענגעבראָכענער און הילפלאָזער אַלטער פאָטער, וועלכער איז געקומען בעטן צו רעטן זיין טייער קינד.

חיים יענקל האָט מיטאַמאָל באַקומען מיטלייד מיטן צוזאַמענגעבראָ־כענעם זקן, מיט דעם געוועזענעם פּאָגראָמשטשיק. אַ ווײַלע איז ער געזעסן מיט אַ טיף־געבויגענעם קאָפּ. באַגאַבאָרעץ איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַ ווינקל און ער האָט אויפגערעגט געצופּט זיין ציגן־בערדל, וועלכעס עס איז צוריק געוואַקסן, אָבער געדיכטער ווי פריער.

— פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך עס ניט — האָט געזאָגט שטיל סעדיעלניקאָוו — דו האָסט דאָך אין מיר געשאָסן... דו האָסט דאָך מיך געוואָלט טויטן און ניט איך דיך... וואָס־זשע לויפסטו פון מיר? לויפן דאַרפסטו דאָך ניט... ווייטער איז — ווי דיין פריינד דער הערצאָג האָט מיר אָנומלט פאָרגעוואָרפן — אַז דאָ אין אַמעריקע האָב איך ניט קיין אוטשאַסטאָק און ניט קיין קאָזאַקן אונטער די הענט...

— ריכטיג! זייער ריכטיג געזאָגט! — האָט ער צוגעוואָרפן חיים יענקלען — איך ליב דעם אמת!

— איך קאָן דיר גאָרניט טאָן? ניע פּאָנימאַיו! — האָט געזאָגט דער גובערנאַטאָר און האָט ענערגיש אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אָנגעשטעלט אויפן אײדעם אַ פּאָר פּינטלענדע, אויף אַן ענטפער וואַרטנדע אויגן.

ער האָט פון אים קיין ענטפער ניט באַקומען.

און וואָס האָט באַגאַבאָרעץ געקענט דערויף ענטפערן?

— טשטאָזש! וואו האָב איך עס ערגעץ געלייענט: „אַז דער באַרג איז ניט געקומען צו מאַכמעדן, איז מאַכמעד געגאַנגען צום באַרג“...

כע, כע! — האט געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס דער גובערנאַטאָר. ער האָט זיך אָבער פאַרכליניעט, אַזוי ווי שפּאַס וואָלט דעם סאָלדאַט און ברוטאַלן מענש ניט געפּאַסט צום פּנים.

דאַן האָט דער גובערנאַטאָר מיטאַמאָל זיך אויפגעהויבן פון שטול, האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרויסגעשטעלט זיין ברוסט ווי אַמאָל, ווען ער פלעגט אין מונדיר און צלמים עמפּאַנגען מענשן מיט פּראַשעניעס אין גובערנאַטאָרישן הויז, האָט פון בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר, האָט אים צעוויקלט, האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט פייערלעך דורכגעלייענט דאָרט פאַרן אײדעם:

„איך האָב די ערע מיטצוטיילן אייער עקסעלענץ, אַז די קייזערלעכע האָהייט, דער צאַר, נעמענדיג אין באַטראַכט די פאַרדינסטן פון קאַמערהער ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש סעדיעלניקאָוו פאַרן פאָטערלאַנד און פאַרן צאַר דורך זיין איבערגעבנהייט און טרייער דינסט דער שטאַט און געזעלשאַפטס־אָרדנונג און דורך דער אונטערדריקונג פון רעוואָלוציע און קראַמאָלע און די אים פאַרטרויטע גובערניעס, האָט אויף אייער פּראַשעניע פון 11טן מערץ 19... געלייגט פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„דעם שרייבער און דראַמאַטורג באַגאַבאַרעץ באַגנאַדיגן און אים דערלויבן אומגעשטערט צו וואוינען איבער גאַנץ רוסלאַנד אויסגענומען די צוויי קרוין־שטעט מאָסקווע און פּעטערבורג.

„געצייכנט פון הויף־מיניסטער, באַראָן פרעדעריקס".

אַז דער גובערנאַטאָר האָט איבערגעלייענט דעם הויכן, היילינגן דאָקומענט, האָט ער זיך אומגעקוקט צוערשט אויפן באַגנאַדיגטן אײדעם און דערנאָך אויפן „הערצאָג פון פּאַלערמאָ", און ווי גרויס אָבער איז געווען זיין איבעראַשונג, ווען ער האָט דערזען, אַז ביידע, באַזונדערס דער באַגנאַדיגטער אַליין, האָט עמפּאַנגען דעם צאַרס גנאָד קאַלט און גלייכגילטיג מיט אַן איראָנישן שמייכל.

דאָס האָט אים אויפגעריסן. זיינע גלעזערנע אויגן זיינען כמעט געשפּרונגען אונטער די געדיכטע אָנגערוקטע ברעמען.

— טשטאָ עטאָ טאַקאָיע? (וואָס איז דאָס?) — האָט געפרעגט דער גובערנאַטאָר, שליידערנדיג עמפּערטע פונקען פון די אויגן — איך גלייב, אַז אַזאַ חסד... פון צאַר אַליין... וואָלט באַדאַרפט דיך פרייען, דיך אָנפילן מיט דאַנק! יאָ, מיט דאַנק! — האָט אויסגעשריגן אויפגעבראַכט דעם צאַרס טרייער תליון און זיין גרויסער קערפּער האָט זיך כמעט געטרייסלט פון כעס און באַליידיגונג.

— הערט, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש! — האָט זיך אָנגערופן באַגאַבאַרעץ און איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין ווינקל און איז צוגעגאַנגען נאָענט צום אויפגערעגטן שווער, מיט אַ קוראַזש וועלכער איז געווען פרעמד זיין שוואַכן און זאַנפטן כאַראַקטער — איך דאַנק אייך פיל מאָל און הערצלעך... איך מיין עס אויפריכטיג — האָט אים פאַרזיכערט באַגאַבאַרעץ.

— טאַ... טאַ!... — האָט זיך אָנגערופן דער גובערנאַטאָר שוין אַזוי ווי אַ ביסל בארואיגט.

— פאַר מיר איז אייער באַזוך גאַנץ אומדערוואַרטעט... איך האָב זיך אין לעבן דערויף ניט גערעכט, אַז מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל זען נאָך אַלעם דעם, וואָס האָט פּאַסירט צווישן אונז און ביי אַזעלכע אומשטענדן.

דער גובערנאַטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

—איבעריגנס איז דאָס אַ גרויסע פרייד און נחמה פאַר מיר. ס'באַווייזט מיר, אַז אין אייך איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג, וועלכע איך באַגריס פון טיפן הארץ און וועלכע דערלויבט מיר פיל פון דער טרויעריגער פאַרגאַנגנהייט צו אַנטשולדיגן.

דער גובערנאַטאָר האָט אויפגעציטערט, אַזוי ווי מ'וואָלט זיך צו אים צוגערירט מיט אַ גליענד אייזן און האָט אויפגעהויבן אויפן איידעם זיינע שפּרינגענדע, בייזע אויגן.

— וואָס מיינסטו? וואָס האָסטו דערמיט געוואָלט זאָגן?

— איך וויל עס ניט דערמאָנען... איך וויל בעסער מיך באַמיען דאָס אַלץ צו פאַרגעסן... ווי געזאָגט, איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, מוז איך אייך אָבער איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָגן, אַז איר האָט אַ גרויסן טעות, ווען איר גלייבט, אַז איך וויל אויסנוצן אייער צאַרס גנאָד, וועלכע ער שענקט מיר פאַר אייערע פאַרדינסטן... דערפאַר, וואָס איר האָט געשטיקט און געהאָנגען רעוואָלוציאָנערן... וואָס פאַר אַ ביטערער שפּאַס דאָס וואָלט געווען. כאַ, כאַ, כאַ! ניין, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש! צוריק קיין רוסלאַנד וועל איך מיך שוין ניט אומקערן. מיינע באַציאונגען מיט דעם לאַנד זיינען געבראָכן אויף אייביג, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש! — האָט געענדיגט באַגאַבאַרעץ דערשעפּט, אַזוי ווי ער וואָלט מיט די ווערטער אַרויסגעלאָזט פון זיין ברוסט דעם לעצטן כח זיינעם.

דער גובערנאַטאָר איז געוואָרן בלוי ווי אַ מילץ פון באַליידיגונג און עמפּערונג, וועלכע האָט זיך געגרענעצט אין זיינע אויגן מיט חילול הקודש.

— קאַק? ווען דער צאַר מילאָוועט דיך?! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין רויט־בלויען, מיט רציחה אָנגעגאָסענעם האַלז, ווי אַ כריפּ, אַזוי ווי עמעצער וואָלט געוואָרגן דעם האַלז.

באַגאַבאַרעץ האָט זיך הויך און שפּאָטיש צעלאַכט.

— צאַר? כאַ, כאַ, כאַ!... איך בין דאָך ניט קיין קאַמערהער און ניט קיין גובערנאַטאָר... איך בין אַ איד און אַ סאָציאַליסט נאָך מיינע איבערצייגונגען... ביי מיר איז דער צאַר אייערער גאָר אַ קליינע צאַצקע... און איך שפּיי אויף זיין גנאָד! — און זיך אַליין איבערשרעקנדיג פון זיין ברוטאַליטעט, איז ער אָפּגעלאָפן שנעל צוריק צו דער טיר.

— ניע סמיעט אָסקאַרבליאַט יעוואָ וועליטשעסטוואָ! (זאָלסט זיך ניט דערלויבן צו באַליידיגן זיין מאַיעסטעט!) — האָט געשריגן אויסער זיך און ווילד געטופּעט דער גובערנאַטאָר און קאַמערהער.

די רציחה פון דעם פאָניע מיט זיין טריפה פאַרערונג פון צאַר, האָט ווילד געמאַכט דעם שוואַכן און זאַנפטן איד. ער איז צוריק צוגעלאָפן צום גובערנאַטאָר און האָט אים מיט דעמזעלבן שוידערנדן עקל, מיט וועלכן דער שווער האָט אים אַמאָל אָפּגעשליידערט פון זיך, אַזוי ווי אויסגעשפּיגן גלייך אין פּנים אריין:

— פאַר מענשן ווי באַגאַבאַרעץ איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין אַ לאַנד פון פּאָגראָמשטשיקעס, באַרבאַרן און פאַרגוואַלטיגער, וואו איר, דעם צאַרס משרתים און הענקער, זענט. דאָ סווידאַניאַ! — און איז אַנטלאָפן אין צווייטן צימער.

דער גובערנאַטאָר האָט אויפגעהויבן זיין שטעקן און האָט אים געוואָלט נאָכלויפן... ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט ביים האַרץ און איז מיט אַ שוים אויף די ליפּן געפאַלן אין דער שטול.

חיים יענקל האָט געמיינט, אַז ער האָט באַקומען אַ האַרצשלאַג און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען און רופן דעם דאָקטאָר.

אַז דער דאָקטאָר איז צוגעלאָפן און האָט געוואָלט אים כאַפּן ביים פּולס, איז דער גובערנאַטאָר אויפגעשפּרונגען פון שטול, האָט זיי ביידע, דעם דאָקטאָר און חיים יענקלען, אָפּגעשליידערט פון זיך:

— וואָן אָט מעניאַ! איך וויל אייך, זשידעס, מער ניט אָנקוקן — און האָט זיך מיט שפּרינגענדע, הילכנדע טריט אַליין געלאָזט צום אויסגאַנג, וויטנד קלאַפּנדיג מיטן שטעקן, אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט.

חיים יענקל איז אים נאָכגעלאָפן...

אַזוי האָט זיך געענדיגט דאָס צוזאַמענקומען פון שווער און איידעם...

* * *

אַז דער גובערנאַטאָר איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך אריינגעריסן אין מאַרוסיאַס שלאָפצימער און האָט שוין דאָרט אויסגעגאָסן זיין צאָרן און ניט אויסגעלאָשענער רציחה.

מאַרוסיאַ האָט אַלץ געדולדיג אויסגעהערט, אָן ווערטער און אָן אויפ־געררעגטע באַמערקונגען... זי איז אָבער באַלד אויפגעשטאַנען פון בעט און האָט זיך גענומען אַנטאָן.

די באַגעגעניש פון שווער און איידעם האָט מיטאַמאָל אויסגעהיילט אַלע אירע ווייטאָגן און זי, די צוזאַמענגעבראָכענע, צוריק אויסגעגלייכט.

אַלע בריקן זיינען געווען אויפגעריסן און פאַרברענט אונטער זייער צוזאַמענלעבן... פון דערפון האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין... געגוג זיינען קריסטן, די סעדיעלניקאָווס געגאַנגען אַנטקעגן דעם איד ראַבינאָוויטש... מיט פיבערהאַפטער שנעלקייט האָט זי זיך גענומען אויס־פירן איר פעסטן באַשלוס, אָבער שוין אַ רואיג־קאַלטע און גלייכגילטיגע...

אין וועג זיינען נאָר געשטאַנען איניגע מאַטעריעלע און אַנדערע

פראַגן... און זייער איינציגער פּאַרלאַמענטאַריער חיים יענקל האָט געפירט וועגן די פראַגן פאַרהאַנדלונגען און האָט אַלץ שנעל אַראַנזשירט...

און אין א שיינעם מאָרגן האָט דער „הערצאָג פון פאַלערמאָ" באַגלייט דעם קאַמערהער מיט זיין טאַכטער צו דער סטאַנציע.

ערשט אין דער לעצטער מינוט האָט זיך דער „טרייער הונט" דער־וואוסט, אז זיי פאָרן ניט צוריק קיין רוסלאַנד, נאָר פאַרלויפיג קיין וואשינג־טאָן, צום רוסישן אַמבאַסאַדאָר צו גאַסט. סעדיעלניקאָוו און ער זיינען געווען קרובים און שול־קאַלעגן... פון דאָרט האָבן זיי געזאָלט מאַכט א רייזע איבער אַמעריקע.

דער קונסט־קריטיקער האָט אויפגעשטראַלט, ווי א מאַן, וועלכן מען נעמט אַראָפּ א לעבעדיגן פון דער תליה... ס'האָט אויפגעשטראַלט די האָפנונג נאָך אַמאָל אין לעבן צו זען מאַרוסיאַן...

אויפן וואָקזאַל האָט זי אים אָפּגערופן אָן א זייט און האָט אים געזאָגט:

— גיט אויף אים דאָ אַכטונג... בלייבט מיט אים וואוינען צוזאַמען... איר ווייסט דאָך, אז ער איז א גרויס, נאַיוו קינד... א דיכטער און א קינד, אַן אומבאַהאָלפן קינד!

מער האָט די ביז אַהער רואיגע, קאַלטע און גלייכגילטיגע מאַרוסיאַ ניט געקענט זאָגן.

ס'האָבן זי שוין געוואָרגן טרערן.

טרערן האָבן געשטיקט אויך דאָס קליינע באַליידיגטע און קערפּערלעכע מיאוסע מענטשעלע, וועמענס שיינע און רייכע נשמה האָט געקענט אָפּשאַצן נאָר אַזאַ מאַרוסיאַ, זי ליב קריגן און לאַשטשען...

— נו, איצט ווען מיר זיך, מיין פריינד, צעקושן — האָט געזאָגט מאַרוסיאַ.

און ביידע האָבן זיך צעקושט, ווי ברודער און שוועסטער, ווי גוטע פריינד, און האָבן זיך צעשיידט מיט א מעלאַנכאָלישן, זיסן, אָבער נאָגנדן „גוד באַי!"*).

חיים יענקל ווערט א ניאַנקע

חיים יענקלס ערשטע אַרבעט איז געווען צו ברענגען באַנגאַבאַרעצן צוריק אין זיין היים.

ערשט פאַרנאַכט, אז ביידע האָבן זיך אָן איר געזעצט טרינקען טיי אויפן גאַניק און דער זונען־אונטערגאַנג האָט פאַרברענט און פאַרצערט זיינע לעצטע שטראַלן און פון אַלע זייטן זיינען שוין געקראָכן און זיך געדרוקט די נאַכט־שאָטנס אויפן קאָטעדזש ביים ים, ערשט דאַן האָבן די צוויי פאַרלאָזטע מענער דערפילט, ווי פינצטער און אומעטיג ס'איז דאָס לעבן אין קאָטעדזש און אַרום זיי, אָן דער פרוי, אָן דער מאַרוסיאַן, מיט דעם מעלאָדישן צויבער־קלאַנג פון איר וואַלגע־שפּראַך.

*) זיי־געזונט.

אין עטלעכע טעג ארום האָט חיים יענקל באַקומען פון מאַרוסיאַן דעם ערשטן בריוו:

„מיין קליינער און ליבער הערצאַג!

„אין איילעניש האָב איך אין אַ שופלאָד פון מיין טואַלעטן-טישל פאַר־געסן אַ פּעקל בריוו, איך בעט אייך, אויפרייסן דאָס שופלאָד און מיר צושיקן דאָס פּעקל.

„אַזוי ווי דאָס זיינען בריוו געשריבן צו מיר פון באָגאָבאָרעצן, בעט איך אייך, זיי ניט לייענען, כאָטש ס'איז ניט נייטיג אייך צו בעטן, ווייל איך בין פעסט איבערצייגט, אַז אייער דעליקאַטקייט וואָלט אייך דערפון סיי ווי סיי אָפּגעהאַלטן.

„איך בין אין וואַשינגטאָן. אונטן האָט איר מיין אַדרעס. ווי לאַנג מיר וועלן דאָ שטיין, ווייס איך ניט. איבעריגנס דענקען מיר ניט אַזוי גיך צו פאַרלאָזן אַמעריקע, ווייל איך מיטן פּאַפּאַ פּלאַנעווען אַ לאַנגע רייזע איבער אַמעריקע. פיליכט קיין סאַן-פראַנציסקאָ. איך וועל אייך וועגן דעם שרייבן.

„אונזער פריינד, דער געזאַנדטער און זיין פרוי, קוקן אויף מיר מיט מיטלייד און באַדויערן. איך לאַך אָבער פון די אידיאָטן... איך באַדויער ניט מיין פאַרגאַנגנהייט און געהער ניט צו די, וועלכע באַדויערן. די פאַר־גאַנגנהייט האָט מיר געשענקט אַזוינע הערלעכע מינוטן, אַז מען דאַרף זיי ניט באַדויערן. מ'דאַרף מיך מקנא זיין.

„שרייבט מיר, ווי פילט איר זיך, מיין ליבער הערצאַג, און ווי פילט זיך באָגאָבאָרעץ. איז ער געזונט און איז שוין צוריק אין זיין היים? וואָס טוט ער און וואָס דענקט ער צו טאָן? אַלץ וויל איך דורך אייך וויסן און מוז פון יעדן שריט זיינעם וויסן. ער איז דאָך דער פאָטער פון מיינע צוויי עופהלעך. גיט אויף אים אַכטונג און שרייבט אָפט פון אים און פון אייך.

„אייער גוטער פריינד,

מאַרוסיאַ.“

אַ שטילע אייפערזוכט, ווי אַ זיסער גיפט האָט מאַרוסיאַס בריוו אַריינ־געגאָסן אין חיים יענקלס האַרץ.

ער האָט פון אים געזען, אַז די רוסין האָט דעם איינגעהויקערטן אידן נאָך שטאַרק ליב און קאָן אָן אים ניט פאַרגעסן. דערפאַר האָט זי ניט געקענט פאַרלאָזן אַמעריקע. זי האָט אירע האָפנונגען ניט אויפגעגעבן און ניט געוואָלט אויפגעבן.

פונדעסטוועגן האָט עס אים דערפרייט און דערמונטערט. איר ליבע צו זיין פריינד האָט אים געגעבן די האָפנונג, אַז ער וועט זי נאָכאַמאָל זען, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי זיך נאָך באַגעגענען.

און ער האָט איר נאָך דעמזעלבן טאָג געשיקט אַ לאַנגן בריוו, מיט אַן אויספירלעכן ראַפּאָרט וועגן „אים“, נאַטירלעך, און ניט וועגן זיך, און מיט אַ הערצלעכן גרוס פאַרן קאַמערהער און עקס-גובערנאַטאָר.

דאס נייע לעבן

זיבעטער קאפיטל

דאָס נייע לעבן

און אַזוי זיינען זיי געבליבן אַליין אין קאַטעדזש ביים ים: באַנגאַ־באַרעץ און זיין שומר חיים יענקל.

דער קונסט־קריטיקער האָט שוין אויפגעהערט צו פאָרן אין שטאָט זוכן אַ דזשאָב*).

באַנגאַבאַרעץ האָט צוריק אויפגענומען זיינע אַמאָליגע שפּאַצירגענג ביים ים, אָבער שוין ניט אין געזעלשאַפט פון זיין שיינער פרוי, נאָר פון זיין געשטופּלטער ניאַנקע.

דער וואַכנדער פּאָליסמאַן האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים און האָט אים נאָך פונוויטנס באַגריסט מיט אַ פריינטלעכן „האַו דו יו דו, סער?" (וואָס מאַכט איר, מיין הער?).

אין די נעכסטע טעג האָט ער אָנגעהויבן צו באַגעגענען דעם דיכטער און זיין נייעם באַגלייטער מיט פרעגנדע, אַנטוישטע בליקן, אַזוי ווי ער וואָלט מיט די אויגן געפרעגט וואו איז זיין פריערדיגע באַגלייטערין.

אָבער אויך דער פּאָליסמאַן האָט זיך באַלד צוגעוואוינט צו דער אָפּ־וועזנהייט פון דער שיינער פרוי, ווי צו אַ טרויעריגן, אָבער אומפאַרמייד־לעכן פאַקט.

די ערשטע פּאָר טעג האָבן זיך ביי ביידע געצויגן לאַנגווייליג און אומעטיג, ווי אַ גרויסער, מידער יום כיפור תענית. ביידע האָבן ווייניג גערעדט צווישן זיך, האָבן גאָרניט געטאָן און ווי זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

ווען חיים יענקל האָט אָבער באַקומען מאַרוסיאַס ערשטן בריוו און האָט אים שטום געוויזן זיין פריינד און יענער האָט אים דורכגעלייענט, האָט באַנגאַבאַרעץ אים אויך שטום אָנגעוויזן דעם שופלאַד, וואו אירע בריף ליגן און איז אַליין אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט און זיך דאָרט פאַרשלאָסן אויף עטלעכע שטונדן ביז צום דינער.

חיים יענקל האָט זיך איבערגעשראָקן. ער איז עטלעכע מאָל צוגעגע־גאַנגען צו זיין טיר, האָט זיך צוגעהערט, אָבער ער האָט ניט געוואַגט אים צו באַאומרואיגן.

נאָכן וואַרעמס האָט ער געבעטן דעם שומר זיינעם, אַז ער זאָל מיט אים פאָרן אין שטאָט.

דאָס איז געווען זיין ערשטער אויספאָר נאָך דער לאַנגער קרענק.

דער רויש פון די עלעוועיטערס, דער ליאַרם פון דער קאָכנדער שטאָט האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ נערוועזן, פיבערהאַפטן ציטער, אַזוי ציטערן

*) אַרבעט.

נזירים און פּרושים, ווען זיי קערן זיך אום צוריק פון דער מדבר צום ישוב, פון איינזאַמען און אָפּגעשלאָסענעם קלויסטער־לעבן צו דער געזעלשאַפט.

באַגאַבאַרעצ'ס ערשטער באַזוך אין דעם ישוב איז געווען וואַסער־שטראָמס רעסטאָראַן.

ער איז געגאַנגען אָפּצוגעבן אַ וויזיט זיינע רייזע־גענאָסן פון „גענאַרג וואַשינגטאָן", אָבער הויפּטזאַכלעך אָנצוקוקן און זיך באַקענען מיט דער ליטעראַרישער וועלט, וועלכע האָט פאַרקערט אין דעם רעסטאָראַן.

* * *

צו דער צייט פלעגט שוין דאָס קליינע קינסטלער רעסטאָראַן אויף דער איסט־סייד זשומען ווי אַ בינשטאָק.

ווען באַגאַבאַרעץ האָט עס באַטראָטן האָט אים אַרומגעכאַפּט דער זעלבער זיסער און נאָגנדער שווידער, וועלכן ער האָט אַמאָל שוין איבער־געלעבט אין קופּער־יוניאָן ווען ער, דער משומד, האָט זיך ווידער אומגעקערט צו זיין פאַרלאָזן פאָלק. און ווי דאַן איז דער פאַרבלאָנדזשעטער זון אַריינ־געגאַנגען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט אַ האַרץ, וועלכע איז אָפן און דורשטיג פאַר אַ וואָרט פון ליבע און טרייסט. דאַן אין קופּער־יוניאָן איז די פאַרגאַנגנהייט אין דער פּערזאָן פון אַ שיינער פרוי נאָך געווען מיט אים; ער האָט נאָך מיט איין פוס געשטעקט אין יענער וועלט. איצט אָבער איז ער שוין געשטאַנען אַליין, אַן עלנדער מיט אויסגעשטרעקטע און בעטלענדע אָרעמס.

דעם בעל־הבית, מר. וואַסערשטראָם אַליין, האָבן זיי ניט געטראָפן.

דאָס אידל איז שוין דאַן געווען פאַרטאָן אין פּאָליטיקס און האָט שוין „געשפּיגן" אויף זיין ביזנעס.

עמפּאַנגען האָט זיי מלכה און האָט זיך דערפרייט מיטן גאַסט ווי מיט אַן אייגענעם טאַטן.

אַז די ליטעראַטן האָבן דערזען זייער קאָלעגע דעם קונסט־קריטיקער און זיין הויכן, סוטולעוואַטן באַגלייטער זיינעם און האָבן זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז דער באַרימטער באַגאַבאַרעץ, זיינען אַלע מיטאַמאָל, ווי אויף אַ באַפעל, שטיל געוואָרן און אַזוי ווי פאַרפרוירן געוואָרן ביי זייערע טישלעך.

באַגאַבאַרעצן האָט די פיינטלעכע, שווייגנדע אויפנאַמע איבערגע־שראָקן און דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט.

באַלד אָבער האָבן זיך אַלע גענומען מיטאַמאָל, ווי אויף אַ באַפעל, רעדן און נאָך רוישיגער ווי פריער און האָבן אַבזיכטלעך שוין ניט געקוקט צום טישל, וואו די צוויי נייע געסט זיינען געזעסן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אָנגערעדט דעמאָנסטראַטיוו אים צו איגנאָרירן און דעם, ביי די גוים באַ־רימטן דיכטער, ניט צו אָנערקענען.

חיים יענקל האָט עס באַלד דערפילט און האָט זיך שוין געקאָכט אין זיין ביטערער גאַל און האָט געוואָרפן אַרום זיך בייזע בליקן.

— איר זעט, אַז דאָ האַלט זיך יעדערער גרעסער פון שעקספּיר און איבסען — האָט ער בייז באַמערקט צו זיין פריינד, און דער קריטיקער האָט אָנגעהויבן פאַר אים יעדן צו כאַראַקטעריזירן און אויסצושפּאָטן.

באַגאַבאַרעץ האָט אים שוין ניט געהערט.

מיטאַמאָל איז פאַר אים אויסגעוואַקסן זיין פאַרגאַנגנהייט. די ליטע־ראַרישע רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער פון מאָסקווע און פּעטערבורג, די וואַרעמע און פריינטלעכע אויפמערקזאַמקייט, וואָס זיין דערשיינען פלעגט דאָרט אַרויסרופן, די פרייליכע און ליכטיקע פּנימער, וועלכע פלעגן אים דאָרט אַנטקעגן גיין. און אַ טיף בענקעניש נאָך די פּנימער, נאָך דער פאַר־לוירענער פאַרגאַנגנהייט האָט פאַרקלעמט זיין האַרץ דאָס ערשטע מאָל זינט ער איז אַוועק פון יענער וועלט.

רעדן פון דער פאַרגאַנגנהייט מיטן קריטיקער איז אים געווען שווער און ער האָט טיף אַרונטערגעלאָזט זיין קאָפּ. און אום צו פאַרשלאָגן די טרויעריגע געדאַנקען האָט ער געפרעגט דעם קריטיקער שטיל מיט אַ טרויע־ריגן שמייכל:

— וועלכער פון זיי איז דער פּראָפעסאָר פון „געפגרטן פערד״?

חיים יענקל איז אָפּגעשפּרונגען פון זיין אָרט.

— ווער האָט אייך געהייסן קומען אַהער? וואָס האָט איר דאָ צו טאָן?

— האָט זיך צעשריגן אויף אים דער קונסט־קריטיקער, ווי אַ בייזע ניאַנקע אויף אַ פאַרשטיפּט קינד.

— וואָרים ניט? — האָט אים שטיל און פאַרשעמט מיט דעם זעלבן טרויעריגן שמייכל געפרעגט באַגאַבאַרעץ.

— איר האָט דאָך שוין געזען, ווי אַזוי דאָס טעאַטער־וועלטל האָט אייך עמפּפאַנגען. איר געדענקט אייערע ערשטע טויפער? כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך צעלאַכט חיים יענקל מיט אַ בייזער פרייד, כמעט מיט אַ נקמה.

— דאָס זעלבע וועט זיין דאָ, אין דעם ליטעראַרישן־וועלטל.

באַגאַבאַרעצס פּנים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלקנט. די איבער־לעבונגען פאַר דער קורצער צייט זינט ער איז געקומען אין דעם נייעם כנען, אַלץ וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי האָפנונגסרייך און זיך געענדיגט אַזוי טרויעריג, אַז די אַלע פאַרהיילטע וואונדן האָבן זיך מיטאַמאָל צוריק גע־עפנט און האָבן אָנגעהויבן פריש צו בלוטן און צו שמערצן.

אַזוי ווי אויף צו להכעיס איז אין רעסטאָראַן אַריינגעגאַנגען דער באַרימטער זרח.

— אָה, איר זענט אויך געקומען צו אונז קיבעצן? ברוך הבא! וואָס מאַכט אַ איד? — האָט ער זיך געווענדט צו באַגאַבאַרעצן און האָט אים פּאַני־בראַטסקע דערלאַנגט זיין גראָבע, שווייסיגע לאַפּע, אַזוי ווי באַגאַ־באַרעץ וואָלט געווען זיין אַלטער גוטער־ברודער.

זרחס „ברוך הבא״ און די „פּאַני־בראַטסקע״ אויסגעשטרעקטע לאַפּע פון אַ האַלצהעקער האָבן דעם אַריסטאָקראַט, באַגאַבאַרעצן, אויפגעשווידערט

ווי א באַליידיגונג. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער בחור איראָני־זירט און שפּאָט פון אים, און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— פּאַזוואָלטיע! מיר דאַכט זיך, אַז מיר זיינען גאָרניט באַקאַנט!

— איר קענט מיך ניט? איך בין דאָך זרח. איר קענט ניט זרחן? חיים יענקל קאָן מיך גוט. פרעגט ביי אים אויף מיר. — און זרח האָט צו־גענומען די אויסגעשטרעקטע לאַפּע און האָט מיט איר רוישיג אָפּגעווישט די נאָז. — וואָרים האָט איר מיך ניט מיטגענומען מיט זיך? אַז מען גייט מאַכן פּראָבע מיט אַקטיאָרן נעמט מען מיט זרחן. איך וואָלט דאָך די חברה געווען געפּאַטשט, אַז דאָס בלוט וואָלט פון זיי גערונען. יאָך זאָל אַזוי לעיבן! חיים יענקל ווייסט, אַז יאָך קאָן פּאַטשן — און האָט אַלס באַוויז, אַז ער קאָן פּאַטשן גלייך געוויזן ביידע לאַפּעס זיינע. — מיך וואָלטן זיי פון טעאַטער ניט אַרויסגעוואָרפן. איר קענט זיך שוין אויף מיר פאַרלאָזן! יאָך נעם זיך אונטער צו פּאַטשן די גאַנצע אַקטיאָרן יוניאָן מיטאַמאָל — האָט זיך באַרימט זרח, שטשירנדיג זיינע גרויסע און געלע ציין.

באַגאַבאַרעץ האָט אויף אים געקוקט אַזוי ווי דער הויכער האָלצהעקער וואָלט געעפנט פאַר אים אַ קלאָאַקע און זי וואָלט אויף אים געאָטעמט און אים אָנגעפילט מיט עקל און גרויל.

— קומט פונדאַנען! — האָט ער געזאָגט צום קונסט־קריטיקער.

און ביידע האָבן פאַרלאָזט דאָס ליטעראַרישע קאַפע, באַגלייט פון זרחס געלעכטער און זיינען אָפּגעפאָרן גלייך צום קאַטעדזש ביים ים און דאָרט האָבן זיך פאַר ביידע ווידער אָנגעהויבן לאַנגע, שוין הייסע און אַפּאַטישע טעג אָן פאַרלאַנגען און אָן האָפנונגען.

באַגאַבאַרעץ שיקט נאָך גלעקעלן

דער נידערגעשלאָגענער, אַפּאַטישער זעלן־צושטאַנד האָט אָבער לאַנג ניט געקענט געדויערן...

באַגאַבאַרעץ האָט דערפילט, אַז ער קאָן ניט בלייבן ליגן אַ פאַרוואונ־דעטער אויפן שלאַכטפעלד, אַז ער וועט אָפּגיין מיט בלוט און דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער און זיכערער טויט, אַז ער מוז צונויפנעמען אַלע זיינע גייסטיגע קרעפטן און צוקריכן אויף אַלע פיר צו אַן אָרט, וואו ער זאָל קענען פאַרבינדן די בלוטנדע וואונדן, אַז ער מוז אָנהייבן אַ ניי לעבן.

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן גלעקעלן, אָן דעם אייביג פרישן אָפּטי־מיסט, מיט זיינע אומדערשעפּלעכע נייע פּלענער און בנגבה פון זיין שומר זיך גענומען אים אָפּזוכן.

אַזוי ווי גלעקעל האָט זיך דערוואוסט, אַז די קאַצאַפּקע איז זיך צע־גאַנגען מיטן אידן, איז ער באַלד אליין געקומען צולויפן צום קאַטעדזש ביים ים.

ער איז אהין אריין און האָט באַלד אַנגעפילט דאָס הויז מיט רויש פון זיין באַוועגלעכן וועזן.

ער האָט זיך גענומען גראַטולירן דעם דיכטער און אים פאַרזיכערן, אַז ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער איז זיך מיט איר צעגאַנגען און אַז ער האָט אייגנטלעך דאָס דערוואַרטעט. ווי האָט דאָס געקענט אַנדערש זיין? די אייביק פיינטלעכע וועלטן וועלן קיינמאָל קיין שלום ניט מאַכן.

— איצט דאַרפסט איר זיך נעמען צו דער אַרבעט, דינען אייער פאָלק, דאָס פאָלק וואָס האָט אייך געגעבן דעם טאַלאַנט אייערן און די נשמה! — האָט פאַטעטיש געענדיגט גלעקעל און האָט זיך גענומען צו וויקלען פּלענער ווי אַזוי ער זאָל דינען זיין פאָלק.

באַגאַבאַרעץ האָט אים שווייגנד אויסגעהערט און האָט שוין ניט גע־טראַכט וועגן די פּלענער, ווי אַזוי צו דינען דאָס אידישע פאָלק, נאָר פון דעם טאַקטלאָזן און מיט די הענט רעדענדן גלעקעלן אַליין.

חיים יענקל האָט אַלץ אויך שטום אויסגעהערט פונוויטנס און די פיינטלעכע און אייפערזוכטיגע געפילן, וועלכע מאַרוסיא האָט געהאַט קעגן דעם „זשיד”, האָבן איצט שוין געברויזט אין דער ברוסט פון איר פאַרליבטן פריינד.

ער האָט איצט געקוקט אויף זיין אַמאָליגן אוניווערזיטעטס חבר, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסן אין פאַרשלאָפענעם הויז, ווי אַ ווינט, און האָט זיך גענומען ברוטאַל טרייבן דעם הייליגן שאָטן, די דערינערונג און דעם נאָך שוועבענדן גייסט פון זיין קעניגין, ווי אויף אַ ברוטאַלן פאַר־שוועכטער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין הייליגן טעמפּל.

און אַז גלעקעל איז ווידער געקומען צו דער ערלעכער ציימונג, צו דעם גייסטיגן צענטער, אַרום וועלכן ער האָט געוואָלט גרופּירן באַגאַבאַרעצן, חיים יענקל און נאָך אַזוינע ערלעכע טאַלאַנטן, און דעפּאַרמירן מיט זיי אַמעריקע און האָט צום סוף פאַרלאַנגט פאַר דעם גייסטיגן צענטער 30 טויזנט דאָלאַר פון באַגאַבאַרעצן, האָט חיים יענקל זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און איז אַריינגעשפּרונגען צווישן זיי, ווי אַ ווילדע קאַץ.

— וואָס מיך אַנבאַלאַנגט, האָב איך דיך אין דר׳ערד מיטן גייסטיגן צענטער איינײנעם. איך גלייב אין דיר און אין אַלע דיינע פּראָיעקטן ווי איך גלייב אין גוישן גאָט.

— אָט דער גאַיוועד מענש קאָן דיך ניט... אָבער איך קאָן דיך דאָך, גלעקעלע, טאַטעלע, מיט מיר ביסטו פאַרטיג!... וואָס אָבער דעם גוטן מענשן אַנבאַלאַנגט בין איך דיר מתרה איינמאָל פאַר אַלעמאָל: כל זמן איך וועל לעבן און די שאַרפע נעגל מיינע וועלן מיר דינען, קריגסטו ניט קיין דאָלאַר פון באַגאַבאַרעצן... דעם פּנים וועל איך דיר און אים אויס־דראַפּען... זעסטו, סיידן, אַז איך וועל שוין ליגן טויט, דאַן איז עפּעס אַנדערש... דאַן קענסטו מיט אים טאָן וואָס דו ווילסט! — האָט געענדיגט חיים יענקל און דער טאָן זיינער, ווי די פּאָזע פון אַ ווילדער קאַץ בשעת

זי גרייט זיך צום שפרונג, עמעצן צו דראפען און בייסן, האט געקענט יעדן פעסט איבערצייגן, אז די קאץ וועט זיך דראפען ביז צום טויט...

פאר גלעקעלן און פאר באגאבארעצן איז די שפראך געווען אומדער־ווארטעט...ביידע זיינען געווען בלייך ווי דער טויט און האבן מיט די אויגן געזוכט שטיצע איינער ביים צווייטן.

— פאזוואלטיע! — האט אנגעהויבן א ציטערנדער באגאבארעץ מיט זיין געדעמפטן טענאר — ווער זענט איר מיר? א פאטער מיינער? אן אפעקון?

— איך בין אן ערלעכער מענש, וועלכער לאזט ניט ראבעווען זיין פריינד! — האט אויסגעשריגן חיים יענקל, ניט מיט זיין קול, און אזוי ווי מ׳וואלט אים געווארגן.

דא איז גלעקעל געקומען צו זיך.

— ראבעווען? איך וועל אים ראבעווען?... אה, דו פארד! — און ער איז מיט א געביילטן פויסט, ווי א ווילדער, אריין דעם קריטיקער אין פנים אריין און באלד האבן זיך די אמאליגע אוניווערזיטעטס חברים גע־דרייט און געוואלגערט ווי א קנויל אויף דר׳ערד, זיך געדראפעט און גע־ביסן ניט ווי קיין מענשן און אינטעליגענטן, נאר ווי ווילדע חיות...

א ווילדע, עקלהאפטע סצענע!

און דער לאנגער סוטולעוואטער מאן איז געשפרונגען איבער די צוויי, זיך ראנגלענדע קערפער און האט געשריגן ניט מיט זיין שטימע און ניט מיט זיינע כחות ביז די דינסט איז אריינגעלאפן און האט זיי ביידע פאר־שוויצטע און ווילד־צעפאטלטע, מיט בלוט אנגעגאסענע און פון האס אויס־געקרימטע אוממענשלעכע פנימער פונאנדערגענומען.

דאן איז באגאבארעץ מיט א פאטאלאגישן עקל אנטלאפן פון זיי ביידע און האט זיך פארשלאסן ביי זיך אין קאבינעט.

נאך דעם אינצידענט איז אים די אומגעבעטענע ניאנקע געווארן אן אומדערטרעגלעכע לאסט... און באגאבארעץ האט זיך אנגעהויבן צו טראכטן ווי אזוי זיך צו באפרייען פון דעם חיים יענקל.

ער האט געפילט, אז דער קליינער, בייזער מעפיסטאפעל איז אנגע־שטעלט פון מארוסיאן ווי א וואך איבער אים, אז אין אים אטעמט איר ווילן און איר אמאליגע בייזע מאכט איבער זיין גייסט און אז ער מוז זיך פון דער מאכט איינמאל פאר אלעמאל באפרייען. אויב ער בא־פרייט זיך ניט, איז דאס נייע לעבן פאר אים פארשלאסן אויף אייביג.

בעטן אים, אז ער זאל פארלאזן זיין הויז האט דער זאנפטער מענש ניט געקענט.

חוץ דעם האט ער געוואוסט, אז דער ארעמער קונסט־קריטיקער האט ניט קיין פעני אין קעשענע און איז אן א שטעלע און אים אנווייזן אויף דער טיר אין דעם צושטאנד וואלט געווען ברוטאל און אוממענשלעך.

אומגעקערט, דער געדאנק האט אים ערשט באוועגט צו ווערן מיט אים

פרייַנטלעכער און אינטימער, כדי ער זאָל ניט פילן די ביטערקייט פון זיין אָפּהענגיקייט פון אים... ער האָט זיך אָבער גענומען באַפרייען פון זיין אָפּעקון אויף אַן איידעלן אופן...

אַזוי ווי ער איז אַנטלאָפן פון הויז ווען דער גובערנאַטאָר האָט זיך דאָרטן באַזעצט, האָט ער זיך איצט גענומען ווייכן דאָס הויז און דעם שומר פון דעם הויז און האָט פאַרבראַכט גאַנצע טעג אין שטאָט.

באַגאַבאַרעץ האָט אָבער געלעבט אין טעות.

דער שומר האָט אים פון די אויגן ניט אַפּגעלאָזט... ער פלעגט אָפט נעמען די צווייטע קאַר פון דעמזעלבן צוג, מיט וועלכן באַגאַבאַרעץ פלעגט אָפּפאָרן אין שטאָט און אים אומגעשטערט, ווי אַ פּעאיגער דעטעקטיוו, שפּיאָנירן פונוווייטנס און פון יעדן שריט, פון זיין יעדן צוזאַמענטרעפן מיט מענשן אָפּגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט זיין באַפעלערין אין וואַשינגטאָן.

ס'האָט אים אָבער ניט געהאָלפן...

באַגאַבאַרעץ איז איצט געווען זיין אייגענער בעל הבית און האָט געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט חיים יענקל איבערגעלייענט אַן אַדווערטייזמענט אין אַן אידישער צייטונג, אַז גלעקעל־עפּענדי און באַגאַבאַרעץ־ראַבינאָוויטש הייבן אָן אין גיכן אַרויסגעבן אַ וואָכנשריפט מיטן נאָמען „דער אמת", אַז „דער אמת" וועט זיין די ערשטע אויפריכטיגע אידישע צייטונג אין אַמעריקע, וועלכע וועט פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן און וועט זוכן אמת און פאַרביידיגן „אמת".

ווי אַ וואַנזיניגער האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. דערנאָך האָט ער אין ווילדן, מאַכטלאָזן כעס צעריסן דעם צייטונג מיט דער אַדווערטייזמענט.

ער האָט אָבער נאָך אין דעמזעלבן טאָג גענומען אַ צוג און איז אַוועק מיט דעם אַדווערטייזמענט קיין וואַשינגטאָן צו מאַרוסיאַן.

* * *

מאַרוסיאַ אָבער האָט אים אויסגעהערט קאַלטבלוטיג און האָט אים באַרואיגט, אַז זי האָט געלאָזט באַגאַבאַרעצן אין באַנק נאָר 3,000 דאָלאַר און אויב באַגאַבאַרעץ רעכנט צו קריגן געלט פון רוסלאַנד האָט ער אַ גרויסן טעות... זי האָט שוין געזאָרגט דאַפיר, אַז מ'זאָל אים קיין קאָפּיקע פון דאָרט ניט שיקן. אויף זיין פאַרמעגן ליגט שוין אַן „אַפּיעקע", ווי אויף אַ פאַרמעגן פון אַ שוואַכזיניגן. וועגן דעם האָבן שוין געזאָרגט אירע אייגלוסרייכע קרובים און אירע פאַרבינדונגען אין די הויכע פענצטער.

— פאַרקערט — די גאַנצע געשיכטע פרייט מיך אומענדלעך — האָט געזאָגט מאַרוסיאַ צום פאַרליבטן פריינד אירן מיט איר געוויינלעכן צויבערשמייכל אין די גרויסע אויגן — וואָס שנעלער ער וועט פטור ווערן פון זיינע עטלעכע דאָלאַר אַלץ שנעלער וועלן זיך ענדיגן זיינע „טשודאַטשעסטוועס" און דער סוף וועט זיין, אַז ער וועט פאָרן מיט מיר אַהיים צו זיינע קינדער, צום רוסישן פאָלק און צו דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע וואַרט אויף

אים. ער וועט ווערן צוריק א רוסישער שרייבער, דער רוסישער, אבער טויזנט מאל גרעסערער באַגאַבאַרעץ!

— איך באַטראַכט אַלע „טשודאטשעסטוועס“ זיינע אַלס וואַנדער־פונקען אויף דעם לאַנגן און מידן וועגן פון יעדן דיכטער, ביז ער קומט צו זיך און געפינט זיך... אַזאַ וועג האָט דורכגעמאַכט טאָלסטאָי און אַלע גרויסע שרייבער, ביז זיי האָבן זיך אַליין געפונען. באַגאַבאַרעץ וואַנדערט אויך און זוכט זיין לעבנס־אמת... און ער וועט אים סוף כל סוף געפינען. און דאַן וועט ערשט זיין טאַלאַנט אויפבליאַסקען און וועט באַלייכטן ניט נאָר רוסלאַנד, נאָר די גאַנצע וועלט, און דאָס גיט מיר טרייסט און קראַפט צו איבערטראָגן אַלע מיינע צרות און קרבנות וואָס איך האָב געבראַכט צוליב דעם מאַן און וועל זיי נאָך מוזן ברענגען — האָט געענדיגט מאַרוסיאַ און האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף איר פריינד, וועלכער איז געשטאַנען פאַר איר מיט אַ געבויגטן קאָפּ.

אין די אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך געלויכטן אַ וועלט פון באַגייסטע־רונג און ליבע, האָט חיים יענקל געקענט זען, אַז די קאַצאַפּקע וועט דעם אידן ניט אַרויסלאָזן פון אירע נעגל און אַז זייער לעבנס־טראַגעדיע הייבט זיך ערשט אָן.

און ער האָט די העלדין פון דער טראַגעדיע ניט באַדויערט, נאָר באַ־וואונדערט מיט ליידנשאַפטלעכן באַגער פון אַ פאַרהונגערטער נשמה. אַזוי ליבן! אַזוי זיך מקרב זיין! וואָס וואָלט ער ניט געגעבן, ניט געטאָן פאַר אַזעלכע צוויי באַגייסטערטע אויגן פון אַזאַ ליבנדער פרוי! ווי שיין און זיס ס'איז מיט איר דער שייטערהויפן און דער עשאַפאָט!

און באַלד האָט זי אים געכאַפּט ביים קנאָפּ פון ראָק, און האָט אים צוגעצויגן צו זיך און בליאַסקענדיג אים אין פּנים אַריין מיט די צוויי שטאָל־גרויע אויגן האָט זי אים שטיל איינגערוימט איר לעבנס־סוד:

— אָ, איך קאָן אים גוט! ער איז דאָך אויף מיינע הענט געוואַקסן... און וועט ווייטער וואַקסן... ער וועט אָן מיר ניט לעבן און וועט זיך צו מיר אומקערן! און ווי קאָן עס אַנדערש זיין! יעדער מאַן איז דער פּראָ־דוקט פון דער פרוי, וועלכע ליבט אים, און באַגאַבאַרעץ איז מיין שעפונג, דער פּראָדוקט פון אַ רוסישער פרוי — האָט אויסגעשריגן מאַרוסיאַ און אַ שטילער, געהיימניספולער שטאָלץ האָט, ווי דער ערשטער שטערן אויפן הימל אין בין השמשות, זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן.

באַלד אָבער האָט זיך איר פּנים פאַרוואָלקנט מיט אַ פּיינטלעכן געדאַנק און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך אָנגעכמורעט, אָבער ניט אויף לאַנג.

די אויגן אירע האָבן אויפגעלויכטן, אָבער שוין מיט אַ פרעמדן פלאַם.

— וואָרים דאָס וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ איד, אַ ראַבינאָוויטש, איז נאָר אַ צופאַל, און ניט מער! נאָך זיין דערציאונג, נאָכן כאַראַקטער איז ער אַ רוס! אים האָט דערצויגן טורגעניעוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי

און ניט דער תלמוד אייערער! — האָט אויסגעשריגן פּאַטעטיש און שוין עמפּערט דעם גובערנאַטאָרס טאַכטער. — אַפּילו זיינע עלטערן זיינען שוין געווען רוסיפיצירטע אידן, מער רוסן ווי אידן. באַגאַבאַרעץ דערמאַנט מער דעם רוסישן סעקטאַנט, דעם ראַסקאָלניק און אמת־זוכער, ווי דעם אידן. אדרבה געפינט מיר אין אים איין אידישן כאַראַקטער־שטריך! — האָט בייז געפּאָדערט פון קונסט־קריטיקער מאַרוסיאַ און האָט באַלד אויסגעשריגן מיט אַ פּאַטעטישן שטאָלץ: — גאַרניט איז אין אים אידיש! איך האָב מיך אין דעם איבערצייגט ערשט דאָ אין אַמעריקע, אַז איך האָב זיך מיט אייך, אידן, מיט אייער שרייענדן רעקלאַמיזמוס, מיט אייער עכטן פּאָלקס־כאַראַקטער נענטער באַקענט! אין רוסלאַנד זענט איר פאַרפאָלגט און אייער גייסט קאָן זיך ניט פריי ענטוויקלען. אָבער אין דעם פרייען לאַנד האָט זיך דער אידישער גייסט פאָלשטענדיג ענטוויקלט מיט אַלע זיינע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן. איבעריגנס מער נעגאַטיוו ווי פּאָזיטיוו. ווער ס'וויל שטודירן דעם כאַראַקטער פון אייער ראַסע — זאָל קומען קיין אַמעריקע! און דאָ האָב איך איינגעזען, אַז באַגאַבאַרעץ איז אַזוי פיל איד ווי יאַפּאַנעזער אָדער כינעזער. כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך מיט בייזער פרייד צעלאַכט מאַרוסיאַ — און איך וועל אייך, זשידעס, באַגאַבאַרעצן ניט אָוועקגעבן! איר הערט?! ער איז מיינער! ער איז אַ רוסישער! — האָט געטופּעט מיט די פיס די קאַצאַפּקע מיט צוויי גרויסע ווילדע אויגן, וועלכע האָבן אָנגעיאָגט אַ קאַלטן שוידער אויפן אָרעמען חיים יענקלען.

אָזאַ טיפער אידן האַס האָט איצט שוין געפלאַקערט אין די תמיד גוטע אויגן! און ווי אויף אַן עקראַן איז פאַר זיינע אויגן דורכגעלאָפן די אַמאָליגע מאַרוסיאַ, וועלכע האָט געקענט אַמאָל אין סענטראַל־פּאַרק אין דער נאַכט ווען זיי זיינען געגאַנגען פון אידישן סטאַר*), שפּרינגען און שרייען: „ליובליו זשידאָוו! מיין לעבן וועל איך אָוועקגעבן פאַר אידן!" די אַמאָליגע מאַרוסיאַ, וועלכע האָט אים, דאָס צעטרעטען און באַליידיגט אידל, צוגעלאַשטשעט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט, אָרעמען הינטל און באַלויכטן אויף אַ ווייַלע מיט איר גוטן שמייכל זיין פינצטער לעבן, האָט שוין מער ניט עקזיסטירט. מיט אים האָט שוין גערעדט אַ ליידנשאַפטלעך איבערצייגטע אַנטיסעמיטקע.

דאָס וואָס זי האָט ניט דערערעדט האָט ער דורכגעלייענט אין דעם בייזן שטאָלענעם גלאַנץ פון אירע גרויסע, גרויע אויגן.

די טעמפּעראַמענטאַלע קאַצאַפּקע האָט געקענט ליידנשאַפטלעך און וואַנזיניג־טיף ליבן — אָבער אויך אין דערזעלבער מאָס האַסן.

און זי האָט שוין געהאַסט די אידן מיט אַלע פיבערן פון איר פאַרגיפטעטער נשמה.

ער האָט עס שוין דערפילט אויף זיך אַליין, אויף זייער פּערזענלעכער

*) גרויסער אַקטיאָר.

פריינטשאפט. זי האט אים דאס מאל שוין עמפאנגען קאלט און זיך געזעגנט מיט אים קאלט.

און ער האט זיך אומגעקערט אהיים אן אויסגעלאשענער און חרובער, ווי א מאן וואס קומט פון א בית־עולם, ווען ער האט באגראבן דאס טייער־סטע און ליבסטע אויף דער וועלט.

פונדעסטוועגן האט ער אויסגעפירט איר באפעל און האט געבעטן ביי באגאבארעצן, אז ער זאל אים געבן א שטעלע אין דער נייער צייטונג.

באגאבארעץ איז אבער געקומען אין א גרויסער פארלעגנהייט: אפ־זאגן האט ער אים ניט געקענט, אבער אויך ניט צונעמען. זיין זוכנדער און צום גלויבן זיך ציענדער גייסט האט מורא געהאט פאר דעם חיים יענקלען ווי א מאנאך פארן טייוול.

מיט אזא מעפיסטאפעל איז ניט געווען מעגלעך צו ארבעטן. זיין בארוף אין לעבן איז געווען אלעס צו פארסמען ארום זיך, אי דעם גלויבן און אי די האפנונגען. און די צייטונג איז ביי אים געווען איצט אזוי טייער! ער האט זיך איצט אן איר געקלעמט, ווי א שיפסברוך־ליידנדער אן א שטיק האלץ אדער ברעט צווישן די שטורמישע כוואליעס.

א חוץ דעם זיינען זיין שותף, גלעקעל, און חיים יענקל געווען איצט טויט־שונאים נאך דעם, ווען זיי האבן זיך אזוי מיאוס און אוממענשלעך צעדראפעט אין זיין הויז. און ער איז געווען איבערצייגט, אז גלעקעל וועט בשום אופן ניט איינשטימען, אז ער זאל ווערן זייער מיטארבעטער.

פונדעסטוועגן האט ער עס פארגעשלאגן זיין שותף.

און ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג, ווען דערזעלבער גלעקעל האט ווי א גרויסמוטיגער זיגער דער ערשטער אויסגעצויגן א פריינטלעכע האנט צו זיין געוועזענעם אוניווערזיטעטס חבר און האט זיך מיט אים דער ערשטער איבערגעבעטן.

די סצענע פון איבערבעטן זיך האט דעם דיכטער גערירט צו טרערן און גלעקעל איז ביי אים מיטאמאל טייערער און העכער געווארן אין זיינע אויגן אויף הונדערט פראצענט.

ער האט דעם דאן קיבאט מיט טרערן אין די אויגן לאנג געדריקט די האנט און אים געדאנקט.

מיטאמאל זיינען שוין אלע זיינע פאראורטיילן קעגן חיים יענקלען אויך פארשוואונדן און דער קונסט־קריטיקער איז געווארן דער „טשיף־עדיטאר"*) פון „אמת".

זינט דאן האבן זיך שוין אלע דריי באזעצט אין קאטעדזש ביים ים ווי דריי סטודענטן און ס'האט זיך פאר די דריי חברים אנגעהויבן א ניי לעבן פול מיט שיינע חלומות און גרויסע האפנונגען, ווי אין די סטודענטן־יארן.

* * *

*) הויפט־רעדאקטאר.

גלעקעלס „אמת״ האָט אויפגערודערט די ליטעראַרישע וועלט און איר הויפּט־קוואַרטיר, וואַסערשטראָמס רעסטאָראַנטל, אויף דער איסט־סייד.

אין דעם טאָג, ווען ס׳איז דאָרט באַקאַנט געוואָרן, אַז דער משומד מיטן „טערקישן פעיקער״, ווי זיי האָבן גערופן גלעקעלן, גייען אַרויסגעבן אַן אידישע וואָכנשריפט און נאָך מיטן נאָמען „אמת״ האָט אין דעם קינסט־לער־רעסטאָראַן געווימלט און געזשומעט, ווי אַן אויפגערודערטער בינשטאָק, אָדער אַ קופּע מוראַשקעס אין אַ וואַלד.

צוערשט האָבן זיך אַלע באַליידיגט. ניין, עמפּערט!

— וואָס הייסט, אַ משומד, אַ רענעגאַט, אַ פּאַניע און דערצו נאָך אַ גרינער גייט זיי לערנען „אמת״? ווער איז ער? וואָס איז ער? ווער האָט אים געגעבן דאָס רעכט?

אממיינסטן האָבן זיך געערגערט און געקאָכט די גאַליציאַנער שרייבער.

און איינער פאַרן אַנדערן האָבן די גאַליציאַנער גענומען באַווייזן, אַז באַגאַבאָרעץ איז בסך הכל קיין טאַלאַנט ניט.

— מ׳האָט דאָך דאָס געזען פון די „געקרייציגטע נשמות״. וואָס פאַר־שטייט אַזאַ פּאַניע אין ליטעראַטור און קונסט? פּאַניע פאַרשטייט זיך נאָר אויף וואָדקע! — האָט געפּסקנט אַ גאַליציאַנער קינסטלער.

— נו, און טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי? — האָט געפרעגט מיט אַ באַליידיגטן טאָן אַן אַנדער שרייבער, שוין אַ רוסישער איד.

— אין מיין „געפּגרט פערד״ האָט איר מער פּסיכאָלאָגיע ווי אין גאַנצן דאָסטאָיעווסקין מיט טאָלסטאָין אינאיינעם! — האָט זיך אָנגערופן פון אַ ווינקל דער פאַרפאַסער פון „געפּגרטן פערד״.

דאַן האָט מען שוין אָפּגעלאָזט דעם אָרעמען באַגאַבאָרעצן און מ׳האָט זיך גענומען קיבעצן דעם „געפּגרטן פערד״ און זיין מחבר.

מ׳האָט דעם בחור שוין געקיבעצט ביז צו טרערן.

אַנדערע האָבן געהאַט מער פאַרדרוס אויפן „טערקישן פעיקער״ ווי אויפן רוסישן דיכטער.

זיי האָבן גלעקעלן ניט געקענט פאַרגינען דעם „בום״ מיט דעם פּאָפּו־לאַריטעט, וואָס די „נאַציאָן״ האָט אים געשאַפן און הויפּטזאַכליך, דאָס וואָס ער איז געקומען קיין אַמעריקע אַן אַ פּעני און האָט געלעבט שוין באַלד אַ יאָר אין די בעסטע האָטעלן, עסט אין די בעסטע רעסטאָראַנען און פאָרט אַרום אין אויטאָמאָבילן ווי אַ לאָרד; דאַן ווען זיי, די מער באַרעכטיגטע, פון גאָט׳ס גנאַדן טאַלאַנטירטע, מוזן אָפּזיצן גאַנצע שטונדן ביי אַ גלאָז טיי פאַר אַ ניקל.

— נאָר אין אַמעריקע קאָן אַזאַ פעיקער האָבן דערפאָלג! — האָט זיך געקאָכט אַ לאַנגער סקיצן־שרייבער און האָט געוואָרפן מיט די הענט אין אַלע זייטן, ווי אין אַן עפּילעפּטישן אָנפאַל.

און אַזוי האָבן זיך אַלע קינסטלער אינאיינעם געקאָכט און געשפּריצט מיט גאַל און קיבעצן, ווי בייזע מאַרק־ווייבער, ביי וועלכע מ׳האָט אַרויס־

געשלעפּט אַ קונה פון די הענט, ביז די טיר האָט זיך ניט געעפנט און ס'האָט זיך אין איר באַוויזן די גרויסע און ברייטע פיגור פון זרחן.

שוין פון דעם, ווי ער איז שטיין געבליבן אין דער טיר און פון זיינע לאַכנדע און אויסגעסטאַרטשעטע ציין האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז מיט אים האָט פּאַסירט עפּעס אומגעוויינלעכעס.

און באַלד האָט זרח אויסגעשריגן:

— חברה! קויפט מיר טיי מיט קעיק*)! איך בין דער „סוירקולעי־שאָן מענעדזשער**) פון „אמת".

די גרויסע פיגור פונם האַלצהעקער איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן נאָך גרעסער.

— און איצט ווע‍לן מיר מיט אייך אַלעמען לערנען בלק... מיר וועלן אייך ווייזן ווער מיר זיינען — האָט געסטראַשעט מיט אַ גראָבן קולאַק זרח — גלעקעל־עפּענדי האָט שוין אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר אויף אַ טעגלעכע צייטונג. באַגאַבאַרעץ אַליין גיט אים 100 טויזנט דאָלאַר. יאָך זאָל אַזוי לעיבן! ער איז דאָך אַ מיליאָנער! װאַרט, דער „אמת" וועט באַלד אָנ־הייבן ארויסגיין יעדן טאָג. איך זאָג אייך, אַז ער איז שוין איינמאָל אַ חברהניק! ער וועט זיך שוין מיט אייך אַלעמען אָפּרעכענען! וואַרט, מיר וועלן נאָך ברעכן די טריטי מיט רוסלאַנד אויך! — האָט זיך באַרימט זרח, לאַכנדיג מיט זיינע פערדישע ציין.

זרח האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן עפעקט.

מיטאַמאָל האָבן אַלע אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז באַגאַבאַרעץ איז טאַקע אַ מיליאָנער, אַז גלעקעל איז טאַקע אַ וויסער־חברהניק, אַז ער האָט טאַקע אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר און וועט אָנהייבן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג, מ'זעט דאָך, אַז ער פאָרט אַרום כסדר אין אויטאָמאָבילן.

זרח האָט געבראַכט רייכע פּערספּעקטיוון אויף שטעלעס. דער וואונש צו קריגן אַ שטעלע איז געוואָרן ביי יעדן דער פאָטער פון געדאַנק...

מ'האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און מ'האָט אים אָנגעהויבן באַשיטן מיט פראַגן וועגן דער ריכטונג פון „אמת"; וועט עס זיין אַ ציוי־ניסטישע אָדער פּועלי־ציוניסטישע צייטונג, אָדער גאָר אַן אומפּאַרטייאישע, און געטראַכט האָט יעדערער מער פון דעם דזשאָב ווי פון דער ריכטונג.

— געוויס אַ פּועלי־ציוניסטישע! וואָס דען? — האָט געשריגן זרח שוין זעצנדיג זיך און צעלייגנדיג זיך ביי אַ טישל ווי אַ לאָרד — איך בין דאָך אַ פּועלי־ציוניסט און באַגאַבאַרעץ איז אַ סאָציאַליסט און גלעקעל האָט אים שוין געמאַכט פאַר אַ ציוניסט אויך.

פּלוצים איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט מיט אַ ברייט און פון גליק שטראַלנדן פּנים אָנגעזאָגט דעם גאַנצן עולם אַ נייע בשורה.

— קינדער! באַגאַבאַרעץ האָט זיך שוין צעשיידט מיט דער גויע.

*) קוכן.
**) דער צירקולאַציע פאַרוואַלטער.

איצט איז ער אַן אמתער כשרער איד. יאָך זאָל אַזוי לעבן! און אַלע גלעקעל! אַ, איז ער אַ חברהמאַן, זאָג איך אייך!

אָבער דאָ האָט זיין באַגייסטערונג צערייצט זיין אייגענער נאָז, און זרח האָט פאַרדריסלעך זי אַ שמיר געטאָן מיט דער דאַלאָניע. די נאָז האָט אַ כראָפּע געטאָן ווי אַן איבערגעשראָקן פערד. דאַן האָט ער אָפּגעווישט איין דאַלאָניע מיט דער צווייטער און האָט זיך ווייטער גענומען באַגייסטערט דערציילן פון באַגאַבאַרעצן און דעם ווייסן־חברהניק גלעקעלן.

און דאָס רעסטאָראַנטשיקל האָט זיך געקאָכט און איז געגאַנגען כאָראָדאָס.

באַלד אָבער איז דער אויפגערודערטער בינשטאָק מיטאָמאָל, ווי אויף אַ באַפעל, אַנטשוויגן געוואָרן.

אין רעסטאָראַן איז אַריינגעגאַנגען גלעקעל־עפּענדי אַליין און נאָך אים באַגאַבאַרעץ און חיים יענקל.

דאָס איז געווען גלעקעלס ערשטער באַזוך אין דער קינסטלער־קוואַרטיר.

ער איז אַריינגעגאַנגען און האָט זיך אַרומגעקוקט ווי אַ זיגער, וועלכער באַטרעט צום ערשטן מאָל דאָס באַזיגטע לאַנד.

זיין סוויטע, באַגאַבאַרעץ און חיים יענקל, זיינען אָבער געבליבן שטיין הינטער אים מיט געזונקענע קעפּ, לאַ עליכמדיג...

גלעקעל האָט רוישיג פאַרנומען אַ טישל.

זרח האָט זיך באַלד צו זיי צוגעזעצט און האָט זיך צעלייגט אויפן טיש מיט די עלנבויגנס, ווי אַ „סוירקולעישאָן מענעדזשער"*).

דער אַריסטאָקראַט באַגאַבאַרעץ האָט זיך ווידער דערפילט באַליידיגט פון דעם בחורס „פּאַני־בראַטסקע" מאַניערן און האָט זיך באַלד גענומען ערגערן פון זיך אַליין, איבער זיינע אַריסטאָקראַטישע געפילן.

גלעקעל־עפּענדי האָט גענומען רעדן אין דער הויך, אַז אַלע זאָלן הערן.

שוין אַ יאָר, אַז אַלע חברה־לייט קיבעצן און שפּאָטן פון אים אין אַלע צייטונגען און וויץ־בלעטער און טרעטן אים מיט די פיס, איצט האָט ער זיי געוואָלט געבן צו דערפילן זיין מאַכט...

אַלע אָבער האָבן זיך געמאַכט כלא ידע, האָבן איינער מיטן צווייטן גערעדט ביי זייערע טישלעך שוין פון אַנדערע זאַכן און האָבן זיך באַמיט אפילו ניט צו קוקן אין זיין זייט, ווי איינער זאָגט: „מיר איגנאָרירן דיך און באַמערקן דיך גאָרניט!"

דאַן האָט זיך גלעקעל גענומען אויף זיי וואַרפן בליקן פון אַ שקלאַפן־הענדלער, וועלכער קומט אויף אַ שקלאַפן־מאַרק האַנדלען לעבעדיגע סחורה.

— איך קויף זיי אַלע פאַר 20 דאָלאַר אַ וואָך... יעדן קינסטלער מיט זיין קונסט און איבערצייגונגען אויינעם — האָט זיך באַרימט פאַר זיין סוויטע גלעקעל מיט בייזער פרייד.

באַגאַבאַרעץ און חיים יענקל האָבן זיך איבערגעקוקט.

---

*) אַ פאַרוואַלטער פון דער צירקולאַציע.

דער טריומפירנדער גלעקעל איז זיי בײדע אין דעם מאָמענט שוין פאַרגעקומען אַזוי אַנטיפּאַטיש און אָפּשטויסנד... מער פאַר באַנאַבאַרעצן ווי פאַר חיים יענקלען. באַנאַבאַרעץ האָט איבערהויפּט ניט פאַרטראָגן קיין טריומפירנדע פּנימער, און פאַר אים איז שוין געזעסן אַן אַנדערער, גאַנץ פרעמדער מענש, און ניט דער גלעקעל, וועלכן ער האָט ביז איצט געקענט. און די גאַנצע אונטערנעמונג מיטן „אמת" וועלכער האָט געזאָלט רעפּאַרמירן גאַנץ אַמעריקע, און פאַר וועלכער ער האָט זיך אַזוי באַגייסטערט, איז אים מיטאַמאָל דערשײנען אין אַן אַנדער, גאַנץ אומגינסטיגע ליכט, אַ מין אַוואַנטורע אין אַמעריקאַנעם סטיל, און דער געדאַנק האָט אים איבערגעשראָקן און האָט אין אים אַרײנגעגאָסן אַ נאָגנדע אַנגסט אין ברוסט.

דאַן האָט ער זיך גענומען באַקעמפן די אַנגסט און זײַן שלעכט געפיל אַנטקעגן זײַן פרײַנד און ער איז געוואָרן נאָך אומרואיגער און טרויעריגער.

באַלד אָבער האָט אין דעם קינסטלער־רעסטאָראַן געפּלאַצט אַ באָמבע, וועלכע האָט צעריסן זײַנע טרויעריגע געדאַנקען און געפילן און האָט איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַרונטער, די ליטעראַטן און הויפּטזאַכלעך, דעם זעלבסטצופרידענעם גלעקעל־עפּענדי אַליין מיט זײַנע גרויסע פּלענער. געווען איז דאָס ניט קיין באָמבע, נאָר אַן עקסטרא אַרויסגעלאָזט פון דער „נאַציאָן" וועלכע איז פאַרלאָפן דעם נײַעם קאָנקורענט, גלעקעלס „אמת" וואָס האָט געזאָלט אינגיכן דערשײַנען.

אַרײַנגעוואָרפן האָבן די באָמבע אין רעסטאָראַן אַ פּאָר קלײנע צײַטונגס פאַרקויפער. ווי קראָיען האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן און געשריגן: „עקסטרא! עקסטרא! וואַסערשטראָם, אַ קלײן רוסיש אידל גייט ברעכן אַ טריטי צווישן די גרעסטע צוויי לענדער!"

מער האָט מען ניט באַדאַרפט. פּונקט ווי אַ שטורמווינד וואָלט זיך אַרײַנגעריסן אין רעסטאָראַן. מען האָט צעכאַפּט די עקסטרא מיט ציטערנדע הענט, און באַלד האָבן גלעקעל, זרח, דער לאַנגער סקיצן־שרײַבער, אַלע קינסטלער מיט מלכהן און אירע טעכטער אינײנעם זיך געדרייט און געטאַנצט אין דעם שטורמווינד, זשעסטיקולירט און געשריגן און הויפּטזאַכלעך געשפּיגן קלעק אויפן קלײן רוסיש אידל, וועמעס פּאָטאָגראַפיע האָט שוין בייז און שטאָלץ אויף זיי אַלע אַראָפּגעקוקט פון מילמאַנס עקסטרא, געשפּיגן אויף אַמעריקע, וואו אַזוינס קאָן פּאַרקומען.

די שײדע־וואַנט וועלכע האָט עקזיסטירט צווישן די שרײַבער און דעם טישל, וואו גלעקעל מיט זײַנע פרײַנד זײַנען געזעסן, איז מיטאַמאָל אײַנגעפאַלן. זיי האָבן אַרומגערינגלט גלעקעלן און גערווישט און געערגערט זיך מיט אים אינײנעם, ווי אַלטע און גוטע באַקאַנטע.

נאָר צוויי מענשן זײַנען געבליבן זיצן רואיג און טרויעריג אין דעם גרויסן גערודער: באַנאַבאַרעץ און חיים יענקל.

באַלד אָבער איז דאָס קלײנע רוסישע אידל אַליין געשטאַנען אין טיר פון רעסטאָראַן און האָט אין „נאַטורא" געקוקט אויף דער מהומה, וואָס ער

האָט אָנגעמאַכט, ווי אַ נאַפּאָלעאָן אויף אַן אויפגעריסענער און צעשמע־טערטער פעסטונג.

דער ערשטער איז געקומען צו זיך גלעקעל. ווי פון אַ פייער האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם קליינעם נאַפּאָלעאָן און איז מיט אים ערגעץ אַוועק אין אַן אויטאָמאָביל. נאָך אים זיינען אַרויסגעגאַנגען באַגאַבאַרעץ און חיים יענקל. ביידנס הערצער האָט גענאָגט אַ גלייכער און באַגרייפלעכער טיפער אומעט.

האָט וואַסערשטראָמס דערפאָלג אין אַמעריקע אויף זיי אַנגעטריבן אַזאַ אומעט? זיי וואָלטן זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבן קיין רעכנונג. זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין העסטער־פּאַרק און האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק און יעדערער איז שטום פאַרזונקען געוואָרן אין זיינע אייגענע טרויע־ריגע געדאַנקען . . .

* * *

דער פּאַרק איז געווען פול מיט לײדיג־גייער און פרויען מיט בעיבי־קערידזשעס*). די אָרימע באַפעלקערונג פון דער נאָכבאַרשאַפט האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון די שטיינערנע קאַלטע קאַסטנס און האָט פאַר־קלערט און האָפענונגספול געוואָרעמט און געצויגן די פאַרגליווערטע גלידער ביי די ערשטע פרילינגס־שטראַלן.

דער יונגער דור האָט געשפּילט אין פּילקע, געטאַנצט און געשפּרונגען אַרום אים און אָנגעפילט די וואַרעמע און בלויאַסקנדע פרילינגס־לופט מיט דעם הילך פון דער פרעמדער ענגלישער שפּראַך, ווי אַ מחנה פון מונטער־שרייענדיגע יונגע פייגלען, וועלכע זיינען ערשט געקומען פון די ווייטע, וואַרעמע לענדער.

און די ענגלישע שפּראַך פון יונגן דור האָט זיך געטראָגן און געראַנגלט אין דער לופט מיטן אידיש פון אַלטן דור, ווי צוויי פאַרשידענע און פיינט־לעכע שטראָמען, וועלכע קעמפן אין איין „געלעגער” און קענען זיך ניט צוזאַמענגיסן און אויסמישן זייערע וואַסערן. פונדעסטוועגן האָבן די פאַר־הארעוועטע פּנימער פון די אַרבעטסלײַזע אין דעם פרילינגס־ליכט געקוקט אויפן יונגען דור אַזוי האָפענונגספול און אַזוי גוטמוטיג, אַז באַגאַבאַרעץ האָט זיך פאַרקוקט אויף זיי מיט פרייד, מיט אַ באַפרייטער ברוסט. און ער האָט זיך גענומען שטודירן די אידישע פּנימער מיט די אויגן פון אַ קינסטלער, וועלכער קומט אין אַ קונסט־קאַלעריע. און וואָס מער ער האָט געקוקט אין די לעבעדיגע פּאָרטרעטן וועלכע ער האָט געזען אַרום זיך, אַלץ גרינגער און ליכטיגער איז אים אַליין געוואָרן אויפן האַרץ. און ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע, וואָרים טראָגט אַריין דאָס קינסטלער־רעסטאָראַן מיט די איינגעבילדעטע טאַלאַנטן און בייזע טאַלאַנטלאָזיקייטן אַזאַ אומעט און קעלט אין זיין נשמה, אַז ער אַנטלויפט פון דאָרט דאָס צווייטע מאָל, און איצט דאָ, צווישן אָרעמען און פאַרהאָרעוועטן פאָלק ווערט אים צוריק

*) קינדער וועגעלעך.

ליכטיג און ווארעם. און ער האט מיטן פליים און פיין פון א גריבלער זיך שוין אנגעכאפט פאר דעם געדאנק און האט אנגעהויבן אים צו וויקלען און זוכן קאנסעקווענצן.

ער האט גענומען די בייזע פנימער פון די שרייבער און דיכטער, וועלכע ער האט באמערקט אין רעסטאראן און האט זיי אנגעהויבן פאר־גלייכן מיט די גוטע פנימער פון די לידיינג־גייער, וועלכע האבן זיך געוואַ־רעמט ארום אים אין זונשיין.

דעם לאנגן, מיט די הענט־ווארפנדן סקיצן־שרייבער מיטן פנים פון דעם עלטערן אידן, וועלכער איז געזעסן אנטקעגן מיטן געצייגט פון א סטאליער ביי דער זייט.

— אט זיצט ער אויך און ווארט אויף א דזשאב — האט זיך גע־טראכט באנאבארעץ — ווי יענער בייזער טאלאנט מיטן געלבן פנים פון אן אויסגעקוועטשטע לימענע. ער האט פרעטענזיעס צו דער גאנצער וועלט און איז אזוי שטאלץ און דערביטערט... רעדט מיט אזא בייזער גאל. און דער אלטער סטאליער וואס, ס'קאן זיין הונגערט, שמייכלט אזוי גוט־מוטיג און אזוי הערצלעך דאנקבאר פארן מילדן זונשיין... — מיטאמאל איז ביי אים נולד געווארן א וואונש צו גיין צו אט דעם סטאליער, זיך מיט אים נענטער באקענען און אים זאגן א פאר גוטע ווערטער, פילייכט ארויס־העלפן אין נויט... אין סלעקטאים*). ס'קאן זיין אז דער אלטער, פראס־טער מענש פון פאלק באזיצט דעם לעבנס־אמת... טראגט טיף אין הארצן הייליגע פונקען, ביי וועלכע ער וועט קענען אנצינדן זיין אייגענע אויסגעלאַ־שענע נשמה...

— ווער ווייסט? ס'קאן זיין, אז דער איד איז גאר ניט קיין סטאליער נאר א נביא, א הייליגער זקן און וועגווייזער, געשיקט צו אים פון דער השגחה אליין אין געשטאלט פון א סטאליער, אים ארויסצופירן פון דעם מיאוסן לעבנס־יאריד, וואו ער פלאנטערט זיך אומזיסט און פיינלעך... יא, דער איד וועט אים ווייזן דעם וועג צום אמת... ער זעט עס אין זיין פנים.

ניט קיין געוויינלעך פנים...

און אזוי ווי ער האט זיך אויפגעהויבן פון ארט מיט דער כונה צו גיין צום סטאליער, איז דער קונסט־קריטיקער, וועלכער איז געזעסן ביי זיין זייט און אין וועלכן ער האט אינגאנצן פארגעסן, אויך אויפגעשפרונגען פון דער באנק, ווי א קליינער שד און האט אים פארשטעלט דעם וועג צום „נביא".

ער האט זיך גענומען פאכן פאר באנאבארעצס פנים מיט דער עקסטרא, וועלכע ער האט געלייענט די גאנצע צייט, זיך קארטשען און שפרינגען, אזוי ווי אומזיכטבארע בייטשן וואלטן אים, דעם קליינעם טייוול, געשמיסן און ער וואלט זיך פארטיידיגט קעגן זיי מיט דער צייטונג.

*) די צייט ווען ס'איז דא ווייניג ארבעט.

באָגאָבאָרעץ האָט אויף אים געקוקט מיט ברייטע אויסגעשטאַרטשעטע אויגן און האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון אים אייגנטלעך.

— זעט! זעט! — האָט אויף אים בייז געשריגן חיים יענקל — הערט וואָס אַמעריקע איז!

און ער האָט זיך גענומען פאַר אים אין דער הויך פון דער עקסטרע לייענען די בריף פון די סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט, פון דזשאַדזשעס*) צום „דיער מר. וואָסערשטראָם". די „אינדאָרסמענטס**) און גליק־ווינשע צום גליקלעכן „סקיעם"***) צו רייסן די טריטי מיט רוסלאַנד, וואָס דער קליין־שטעטלדיגער יאַבעדניק האָט באַקומען און וועלכע מילמאַן האָט איצט געבומט אין עקסטראַס.

— אָ, דו אומגעלומפּערט לאַנד! — האָט געקריצט מיט די ציין דער קליינער טייוול און האָט מיט וואוט צעריסן דאָס בלאַט. — וואָלט איר זיך געגלייבט? האַ? נו, איצט דעפינירט מיר דאָס לאַנד! דערקלערט עס מיר! וואָס מער איך לעב דאָ, וואָס מער איך באַטראַכט עס, אַלץ ווייניגער קאָן איך עס באַגרייפן. איך, אַ דאָקטאָר דער פילאָזאָפיע, אַ געבילדעטער און יעדנפאַלס טאַלאַנטפולער מענש מיט די אַלע הויכע שטרעבונגען און ערהאַבענע אַמביציעס, וועלכע איך האָב מיט זיך אַהער געבראַכט — איך בין געוואָרן אַ חיים יענקל, אַ צעטרעטענער, עקלהאַפטער נפש. און אַ קליין־שטעטלדיגער יאַבעדניק, אַ מוסר, אַ מאַן וועלכער איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע פון טורמע, אָדער קאַטאָרגע, ווער ווייסט, וואָס ער האָט דאָרט אָפּגעטאָן? אַן איגנאָראַמוס, אַן אומגעלומפּערטע קאַריקאַטור... ער ברעכט אַ טריטי מיט רוסלאַנד. סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט שרייבן צו אים בריף: „דיער סער! דיער רעוורענד"! כאַ, כאַ, כאַ! און מאַטעלע, דער זעלבער מאַטעלע, וועלכער האָט אַלץ געטאָן מיך צו צעטרעטן, וועלכער פלעגט שרייען, טופּען אויף מיר ווי אויף אַ דינסט זיינע, ער בומט דאָס אידל... מאַכט אים פאַרן גרעסטן אידן פון דער געגנוואַרט... זעט! לייענט! דער גרעסטער איד פון דער געגנוואַרט! אָט האָט איר עס! מיט גרויסע אותיות...

— גאָט מיינער! קאָן מען דען ניט משוגע ווערן פון דער אומגעלומפּערטער אַמעריקע? — האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ חיים יענקל. — און ער וועט ברעכן די טריטי מיט רוסלאַנד! איר וועט זען! איר וועט זען! אַזוי איז שוין אַמעריקע... אַן אומגעלומפּערט־שרייענדע מעלאָדראַמע... פול מיט קאַריקאַטורן און מעלאָדראַמאַטישע העלדן! כאַ, כאַ, כאַ! — האָט געלאַכט און צוגלייך געדראָט זיין פריינד דער קונסט־קריטיקער.

באָגאָבאָרעץ איז אָבער געשטאַנען, האָט געקוקט אויף אים שטום, מיט

*) ריכטער.
**) גוטהייסונגען.
***) פּראָיעקט.

א פיינטלעכן אויסדרוק פון א מענשן, וועלכער ווייסט ניט, וואָס מען וויל פון אים אייגנטלעך.

ער האָט מיטאמאָל דערפילט, אַז דאָס וואַרימע ליכט, וואָס עס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אָט דאָ אין פּאַרק, איז צוריק אויסגעלאָשן געוואָרן.

עס איז צוריק אומעטיג און קאַלט געוואָרן אויפן האַרצן, ווי אין רעסטאָראַן צווישן די אידישע קינסטלער.

ער איז שוין צום סטאָליער ניט געגאַנגען. די גערדאַנקען, וועלכע דער איד מיטן אומגעווייינלעכן פּנים האָבן ביי אים אַרויסגערופן, זיינען שוין אים אַליין געווען איצט לעכערלעך און נאַריש, און דער פּנים זיינער שוין ניט אָנגענעם.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום קונסט־קריטיקער מיט די פּלייצעס און האָט זיך געלאָזט גיין פון דעם רווישענדן „סמבטיון" צוריק צום איינזאַמען קאָטעדזש ביים ים...

חיים יענקל איז אים נאָכגעלאָפן, האָט געטאַנצט אַרום אים און נאָך אַלץ אויפגערעגט גערעדט. און האָט אויסגעזען ביי דער זייט פון הויכן, סוטולעוואַטן מאַן מיטן פּנים פון א הייליגן, ווי א קליינער אשמדאי און פּאַרפירער.

* * *

באַלד אָבער האָט דער רווישנדער „סמבטיון" מיט דעם ברודנעם און קאָכענדן שוים פון קליינע מענשעלעך מיט ביליגע ליידנשאַפטן דערגרייכט און פאַרכאַפּט אויך דעם קאָטעדזש ביים ים. און באַגאַבאָרעץ האָט שוין ניט געהאַט וואוהין פון אים צו אַנטלויפן.

גלעקעל האָט דאָס הויז באַלד פאַרוואַנדלט אין דעם גייסטיגן צענטער, פון וועלכן ער האָט אַזוי פיל געטרוימט און וועלכער האָט געזאָלט רעפּאָר־מירן גאַנץ אַמעריקע.

דאָס איינזאַמע און ביז איצט שטילע הויז, האָבן אָנגעהויבן באַזוכן פּאָעטן און שרייבער, און איבערהויפּט דזשאַב־זוכערס*), באַוואוסטע און נאָך אומבאַקאַנטע טאַלאַנטן און טאַלאַנטלאָזיקייטן האָבן אָנגעהויבן פירן אַהין די פירות פון זייערע גייסטער, קורצע און לאַנגע מאַנוסקריפּטן, אַר־טיקלען און דיקע ראָמאַנען, זעצערס, מענעדזשערס און סתם דזשאַב־לאָזע מענשן האָבן זיך געמאָלדן, און האָבן אָנגעבאָטן זייער דינסט.

באַגאַבאָרעץ האָט יעדן געוואָלט העלפן, האָט קיינעם ניט געקאָנט אָפּזאָגן. יעדער דזשאַב־זוכער פלעגט אים ברענגען אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען א בעל־חוב זיינער און ער וואָלט ניט געהאַט צו באַצאָלן.

אָפּגעזאָגט האָט ער יעדנפאַלס קיינעם ניט, אָבוואָל ער האָט קיין באַגריף ניט געהאַט, וואָס און וועמען ער וועט דאַרפן. מיט א גוטמוטיגן

*) זוכערס פון שטעלעס.

שמייכל פון פאַרלעגנהייט פלעגט ער זיך הייסן געבן דעם אַדרעס און פאַר־שפּרעכן באַלד מודיע צו זיין ביי דער ערשטער האָפנונג אויף באַדאַרף...
דער דזשאַב־זוכער פלעגט אָבער נים וואַרטן ביז מען וועט מודיע זיין, און און ער פלעגט אין אַ פּאָר טעג אַרום ווייטער קומען.

אַזאַ באַקאַנטן דזשאַב־זוכער פלעגט שוין באַגאַבּאַרעץ באַגעגענען מיט אַ גרעסערער פאַרלעגנהייט ווי אַ נייעם, און זיך אים הייסן זעצן. און דער אַפּליקאַנט פלעגט זיך זעצן, שטום אָפּזיצן אַ לאַנגע צייט און אויף מאָרגן ווידער זיצן.

געפלאָגט האָבן אים מער די לאַנגע מאַנוסקריפּטן, ווי די דזשאַב־זוכערס. פון דעם לעצטן האָט מען געקענט פּטור ווערן מיט עטלעכע פריינטלעכע און פאַרשפּראָכענע ווערטער. די אויטאָרן אָבער האָבן באַלד געעפנט די מאַנוסקריפּטן און האָבן זיך אויפן אָרט גענומען לייענען.

דער ערשטער איז געווען דער פּוילישער בחור מיט זיין „געפּאיגרטן פערד".

פון דעם „געפּאיגערטן פערד" האָט באַגאַבּאַרעץ געמוזט אַראָפּשלינגען גאַנצע דריי־פערטל אויף איין מאָל. פון דעם איבעריקן האָט ער זיך אָפּ־געבעטן אויף אַ צווייטן מאָל, מיט אַ טויט־שווייס אויפן שטערן.

ווייטער פלעגן סתם קומען פרויען און מענער, אַלטע און יונגע, ברענגען מיט זיך דראַמען און קאָמעדיען מיט פּראָלאָגן און עפּילאָגן און פאַרלאַנגען, אַז דער באַרימטער דיכטער און דראַמאַטורג זאָל זיי זאָגן זיין מיינונג, צי האָבן זיי טאַלאַנט און צי זאָלן זיי ווייטער שרייבן.

דער סוף איז געווען, אַז דער סטעף פון דער וואָכנטלעכער צייטונג, וועלכע זיי זיינען געגאַנגען אַרויסגעבן איז באַלד געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געקענט מיט אים אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג.

גלעקעלס גייסטיגער צענטער, דער „מרכז רוחני", ווי ער פלעגט אים רופן און וועלכן באַגאַבּאַרעץ, דער קנאַפּער למדן, פלעגט תמיד פאַרבייטן אויף אַ „מרחץ רוחני", איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אייניגע האָט גלעקעל שוין געהייסן צאָלן שכירות און געבן „אַוואַנס־לעך". און באַגאַבּאַרעץ פלעגט חתמענען די טשעקלעך ברייטוויליג און צופרידן, מיט אַ ברייטן „ס' אודאַוואַלסטוויעם! ס' אודאַוואַלסטוויעם! אַ טאָ קאַק זשע?" (ווי דען?)

די מענשן פון סטעף זיינען באַלד געוואָרן זיינע געוועגלעכע געסט צו יעדן דינער און סאַפּער, און מען פלעגט גרייטן צום טיש פאַר אַ היבשן עולם.

דער ראש־המדברים ביים טיש איז געווען גלעקעל, און ניט דער בעל־הבית פון הויז...

מען פלעגט דעבאַטירן איבער פאַרשידענע פראַגן נאָך יעדער וועטשערע ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אייניגע פלעגן שוין מוזן דערפאַר איבער־נעכטיגן אין קאָטעדזש ביים ים. און דיזעלבע שרייבער, וועלכע האָבן זיך

אממייסטן עמפערט, הלמאי דער משומד און דער טערקישער פעיקער גייען זיי לערנען „אמת", האָבן שוין איצט געזאָגט:

— אַ וואוילער מענשל, דער באַגאַבאַרעץ! גאָר אַ וואוילער.

אינגיכן האָט דאָס שיינע הויז, גלעקעלם גייסטיגער צענטער, אויס־געזען ווי אַן איינפאָר. מענשן פלעגן זיך אָפּשטעלן און איבערנעכטיגן, ווען זיי האָבן באַדאַרפט. דער סופּעראינטענדענט*) פון דער אכסניא און איבער דער קיך איז געווען זרח אַליין, מיט פאַרקאַטשערטע אַרבל פלעגט ער איבעראַל באַלעבאַטעווען, קערן דעם פאַרטש, שרייען אויף דער דינסט און אויפן בוטשער**) פאַר די ביינער. די אורחים האָבן געגעסן, דעבאַטירט און זיך געקיבעצט ווי ביי וואַסערשטראָמען און געגרויכערט ווי אין אַ קרעטשמע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס באַגאַבאַרעץ האָט עס ניט געקענט פאַרטראָגן, און פלעגט זיך מיט זיין ענגער און אָנגעגריפּענער ברוסט לאַנג פאַרהוסטן.

אמפּיינלעכסטן איז אָבער געווען פאַר אים, ווען אַ זשורנאַליסט פלעגט אים אָפּרופן אָן אַ זייט און אָנהייבן טשאַדן אויפן צווייטן, אַז ער האָט ניט קיין טאַלאַנט און איז אַ פעיקער, אַ בלאָפער. פונם טשאַד פלעגט דער הילפלאָזער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ווי פון דעם רויך פון די שלעכטע און שטינקענדע ציגאַרן און פּאַפּיראָסן און צופּן דאָס בערדל מיט אַזאַ פאַרלעגנהייט און וואוט, אַז עס האָט באַדאַרפט זיין אַ צער־בעלי־חיים אים נאָר אָנצוקוקן.

און חיים יענקל האָט אַלעס געמוזט צוקוקן און שווייגן. ווי אַ בייזער הונט פלעגט ער זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל, שטשירען מיט די ציין און שטונדנווייז שווייגן... מ'פלעגט אים שוין אַפילו ניט באַמערקן, אַזוי ווי ער, דער שומר פון דעם הויז, וואָלט שוין גאָר קיין דעה ניט געהאַט.

ענדלעך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן, די גאַל האָט ביי אים געפּלאַצט און ער האָט מיטגעטיילט און אַלעס הומאָריסטיש באַשריבן מאַרוסיאַן.

און אין אַן אָוונט, ווען דער גייסטיגער צענטער איז געזעסן נאָך אַ זאַטן סאַפּער אין דיינינג־רום (עס־צימער), אָן רעק און אָן קאָלנערס, פאַר־שוויצט און צעבראַסטעט, געטרונקען טיי, געגרויכערט און דעבאַטירט, ווי אידן דעבאַטירן, רווישיג, מיט די הענט און אַלע אינייינעם, איז אין דער טיר דערשינען אַ שיינע דאַמע...

דאָס איז געווען מאַרוסיאַ.

באַגאַבאַרעץ איז דאַן געלעגן אין בעט מיט אַ שטאַרקן קאַפּווייטאָג, און דעם בעל־הבית האָט געשפּילט גלעקעל־עפּענדי. זרח האָט זיך אויס־געצויגן מיט זיינע לאַנגע פיס אויף צוויי בענקלעך און האָט הויך און מיד געגענעצט.

צוערשט האָט זיך מאַרוסיאַ אַרומגעקוקט אויפן עולם מיט דעם עקל

*) אויפזעער.
**) קצב.

פון אַ באַליידיגטער אַריסטאָקראַטקע, וועלכע האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ קרעטשמע אָדער אין אַ הויפּט־קוואַרטיר פון גנבים און נאַכט־באַנדיטן. זי האָט גלעקעלן, דעם אויסגעצויגענעם זרחן און די גאַנצע קאָמפּאַניע אָפּ־געמאָסטן מיט אַ פּאָר שטומע בליקן, פון וועלכע עס האָט געמוזט ביי אַלע־מען, און באַזונדערס גלעקעלן, פאַרקילט ווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. שטום איז זי אַפּגעגאַנגען צו זיך אין בעדרום, אָבער ניט אויף לאַנג.

באַלד איז זי דערשינען צוריק אין דער טיר, מיט ברייטע און ציטערנ־דע נאָזלעכער פון אַן איבערגעשראָקן, ווילד אַראַבּיש פערד, און האָט דאָך שטיל און רוהיג פאַרלאַנגט פון עולם, ער זאָל באַלד פאַרלאָזן איר הויז...

— מיין הויז, גאָספּאָדאָ, איז ניט קיין קרעטשמע, און ניט קיין זשי־דאָווסקע סינאַגאָגע — האָט זי געזאָגט רואיג אָבער פעסט, מיט אַ טאָן וועלכער האָט שוין ניט דערלויבט קיין ווידערשפּרוך.

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט אומבאַהאָלפן און פאַרוואונדערט צווישן זיך, מיט גלעקעלן און מיט דער זעלבער שיינער דאַמע. אויך זרח האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און האָט פאַרלוירן זיין פלעגמאַטישקייט. און אַזוי ווי די שיינע דאַמע איז געשטאַנען אין טיר און האָט געדולדיג געוואַרט, אַז די חברה זאָל זיך פאַנאַנדערגיין, האָט דער עולם מיט גלעקעלן איניינעם זיך גענומען פּאַוואָלינקע אַנטאָן די רעקלעך, פאַרשפּילען די קאָל־נערס און זיך שטיל פאַנאַנדערגיין.

מיטן עולם אָבער איז אויך באַגאַנגען אַוועק אין דער נאַכט פון זיין אייגן הויז, ווי דאָן ווען דער גובערנאַטאָר האָט זיך דאָרט באַזעצט, ער האָט עס שוין אָבער פאַרלאָזן אויף אייביג.

פון דער צייט אָן איז ער שוין געוואָרן גלעקעלס באַרדער און קעסט־קינד.

ביידע האָבן זיך באַזעצט אויף דער איסט־סייד, ניט ווייט פון דעם הויז וואו עס האָט זיך באַלד געעפנט די רעדאַקציע פון „אמת".

* * *

און אין גיכן האָט דער „אמת" די ליכטיגע וועלט דערזען.

דער ערשטער נומער איז געווען אַן אמתער אוצר פון ליטעראַטור, פּאָעזיע און זשורנאַליסטיק. אינטערעסאַנטער אָבער פון אַלעם איז געווען דער „אני מאמין" פון דער נייער צייטונג, איר פּראָגראַם.

אין אַ לאַנגן עדיטאָריעל אונטערן גרויסן קאָפּ: „מיר וועלן קעמפן", האָט גלעקעל־עפּענדי אַליין אין אַ העכסט קריגערישן טאָן אויסגערעכנט פאַרוואָס ער וועט קעמפן:

צוערשט פאַר אַן אַלוועלטלעכן נאַציאָנאַלן אידישן קאָנגרעס, וועלכן ער וועט פאַררופן קיין וואַשינגטאָן און וועלכער וועט אויפנעמען דעם קאַמף פאַר די גלייכבאַרעכטיגונג פון דעם אידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט.

ווארים קיין וואשינגטאן? גלעקעל האט געגעבן אנצוהערן, אז ער האט דאפיר זיינע דיפלאמאטיש־פאליטישע אורזאכן...

דער צווייטער פונקט פון זיין פראגראם איז געווען צו שאפן פרישע לופט פאר פושקארד פעדלערס און בכלל פאר אלע סארטן פעדלערס. גלעקעל האט דעם קלאס אידן איבערהויפט זייער געהאסט און האט געוואלט זיי פארוואנדלען אין פארמערס און ערד־ארבעטער.

דער בעסטער וועג איז געווען די „בעק טו נעיטשור"־באוועגונג און ער האט פארשפראכן זי צוריק אויפצונעמען, אבער מיט גרעסערער ענערגיע ווי פריער.

דער דריטער פונקט פונם פראגראם איז געווען דער קאמף מיט דער געשלעכטס־מעקלעריי פון דער אידישער פרעסע און פון אידישן טעאטער, וועלכע פארגיפטעט טאג איין טאג אוים די צנועותדיגע נשמה פון אידישן פאלק, אונזער זויבער פאמיליען־לעבן, וואס איז דער סוד פון אייביגן אידישן קיום.

איבעריגנס האט דעם פונקט ארייגעטראגן אין פראגראם באגאבארעץ אליין.

ווייטער האט ער פארשפראכן צו ברעכן דעם האנדלס־פארטראג מיט רוסלאנד און צו גרינדן א נאציאנאלן קונסט־טעמפל, אויסרייניגן די „אוגע־אישע" שטאלן פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג און ארפטרייבן פון מארק אלע אירע דערלפירער און פיאווקעס, וועלכע טארגעווען מיט די „הייליגע פרינציפן פון סאציאליזם".

צום סוף זיינען געקומען רעפארמען אויפן געביט פון אידישן חנוך, וועלכן גלעקעל־עפענדי האט פארשפראכן פולשטענדיג צו נאציאנאליזירן. ער האט פארשפראכן צו שיקן אין קאנגרעס, סענאט און אלע אסעמבלים אויפריכטיגע און אמתע אידן, וועלכע זיינען שטאלץ אויפן נאמען און וועלכע ווייסן, אז צו זיין אן אמתער אמעריקאנער פאטריאט הייסט צוערשט זיין א גוטער, נאציאנאל־געזאנגענער איד...

אזעלכע שטאלצע אידן וועלן אומבאדינגט אויפהייבן דעם כבוד פון אידישן נאמען ניט נאר אין אמעריקע, וואו גלעקעל האט צו זיין גרוים באדויערן שוין באמערקט א געפערלעכן וואוקס פון אנטיסעמיטיזם, זאנדערן איבער די גאנצע וועלט...

און נאך א לאנגן צעטל פון אנדערע, לאקאלע רעפארמען האט גלעקעל געענדיגט זיין „אני מאמין" מיט א דריי־נארנדיגן „מיר וועלן קעמפן! מיר וועלן קעמפן! מיר וועלן קעמפן!"

* * *

גלעקעל איז געווען פעסט איבערצייגט, אז די פרעסע וועט אים סיסטע־מאטיש טויט־שווייגן.

אבער קעגן זיין דערווארטונג האט דער ערשטער נומער פון „אמת" ארויסגערופן א שטורם. און א מיאוסע מהומה.

גלעקעלן אַליין וואָלט די פּרעסע טאַקע פולשטענדיג איגנאָרירט, און ניט אַדוועטייזט, ווייל די רעדלפירער האָבן זיך מיט אים לחלוטין ניט גערעכנט און אים מבטל געמאַכט. מ׳האָט אָבער געמיינט, אַז הינטער זיינע פּלייצעס שטייט טאַקע באַגאַבאַרעץ מיט אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר, אַ טאַלאַנט און אַ ראָמאַנטישע פּערזענלעכקייט אין וועמענס ערנסט און גוטן ווילן קיינער פון די פאָלקס־פירער האָט ניט געקענט צווייפלען. ווייטער איז ער געקומען פון זיי, פון די גוים, וועלכע האָבן אים שטאַרק פּאַרערט. אַזוינע פּערזענלעכקייטן אימפּאָנירן תמיד דעם אידישן עולם, און האָבן אַ גרויסע אַנציאונגס־קראַפט.

אַ טעגלעכע ערנסטע צייטונג אונטער דער לייטונג פון אַזאַ מאַן — איז געווען אַ געפאַר און סטראַשונאַק פאַר די אידישע פאָלקס־פירער.

באַגאַבאַרעץ מיט זיין „אמת״ האָט זיי, די זעלן־פאַרזאָרגער, געקאָנט אַראָפּטרייבן פון יאַריד, וואו יעדער האָט גוט געטאַרגעוועט מיט פאַרשידענע אידעען און געמאַכט אַ פיין לעבן.

און דערפאַר האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן „משומד״, אויפן „פּאַגראָמשטשיקס איידעם״, אויף דער „קאַצאַפּסקעס ליובאַווניק״ זיך גענומען רייסן פון אים אברים, שלעפּן און טרעטן זיין נאָמען אין בלאָטע.

צוערשט האָט דוקא אָנגעהויבן דער קלענסטער צווישן די פאָלקס־פירער, דער ראַדיקאַלער אַנאַרכיסטישער „פרייער גלאָק״, אויף וועלכן מ׳האָט זיך געקענט ריכטן אַמווייניגסטן... דערזעלבער וועלכער האָט שוין איינמאָל באַוויזן, אַז באַגאַבאַרעץ איז קיין טאַלאַנט ניט. נאָך אים זיינען שוין אַלע אַראָפּ פון די קייטן, מיט אַ הוק און פייף פון הינט־שלעגער. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָלעמיקע אויף דער איסט־סייד...

באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט דער אַלטער קינסטלער אין איסט־סיידער פּאָלעמיקע — מר. מילמאַן.

— וואָס פאַר אַן אמת קאָן אונז לערנען דער פאַרעטער פון אידישן פאָלק, דער איידעם פון אַ פּאָגראָמשטשיק? אַוועק מיט דיינע פּאַרבלוטיגטע הענט פון אידישן פאָלק? — האָט היסטעריש געשריגן און זיך געקלאַפּט אין ברוסט דער רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָן״.

גלעקעל האָט די אַלע אַרטיקלען אונטערגעטראָגן זיין פּאַרטנער (שותף) מיט אַזאַ שטאָלצער פּרייד, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען די גרעסטע שבחים פאַר זיי ביידע, דער שענסטער פּרעזענט, און האָט געענטפערט באַלד אין צווייטן נומער פון „אמת״ מיט נאָך אַ שאַרפערן אַרטיקל אונטער נאָך אַ גרעסערן קאָפּ ווי דער ערשטער:

„כלבים צועקים — מלאך המות בעיר!״

און האָט מודיע געווען, אַז ער און באַגאַבאַרעץ זיינען דער „מלאך המות״, וועלכער וועט אויסראַמען דעם שמוץ פון דער אידישער גאַס, אַז ער וועט ביי די „כלבים״ צונעמען די נבלה און זיי וועלן זי שוין מער ניט צמאַקען...

קורץ, דער אַמאָל אַרונטערגעשליידערטער און צעטרעטענער גלעקעל־עפענדי איז ווידער געזעסן אויפֿן פֿערד און האָט, ווי אַ נאַפּאָלעאָן געפּאַכעט מיטן שווערד אויף זיינע פֿיינד און פּאָלעמיזירט ניט ערגער פֿון זיין געוועזענעם פֿריינד, דעם רעדאַקטאָר פֿון „נאַציאָן", וועלכער האָט אים ניט לאַנג אַזוי געבומט.

און די איסט־סייד האָט זיך געקאָכט ווי אַ סמבטיון. דער שוים זיינער האָט זיך געטראָגן אויף די אויפֿגערעגטע כוואַליעס, געברויזט און זיך געקאָכט שטאַרקער און ברודיגער ווי תמיד.

דאָס באַרימטע קינסטלער־קאַפֿע אויף דער איסט־סייד האָט זיך געקאָרטשעט אין אומבאַגרייפֿלעכער אַנגסט און אויפֿרעגונג, ווי אַ קנויל ווערים, פֿון וועלכע מ'וואָלט אַרויסגעריסן זייער רויב, אַ נבלה...

און אינמיטן דער מיאוסער מהומה און דעם עקלהאַפֿטן יאַריד פֿון האַס און ליידנשאַפֿטן איז ער, דער דיכטער, געשטאַנען אַליין, ווידער אַ געגאַנגלטער צו זיין קרייץ ווי דאָן אין דער נאַכט ווען מ'האָט געשפּילט זיינע „געקרייציגטע נשמות", און האָט געקוקט אַרום זיך מיט אַזאַ שטוינענדן און טיפֿן צער אין זיינע גרויסע אויגן... און האָט צום צווייטן מאָל אין זיין לעבן געקוקט אַרום זיך און זיינע ליפּן האָבן ווידער געשעפּטשעט:

„איז דאָס דאָס גרויסע אידישע פֿאָלק? דאָס פֿאָלק פֿון מאַרטירער און נביאים?"

געקומען איז ער צו דעם פֿאָלק און האָט אים אויסגעשטרעקט אַ בלוטנדעם און צאַפּלענדעם האַרץ, אַזאַ ליבנדעס און אָפּער־ווילינגס... מיט אַזאַ גוטן און הייליגן ווילן איז ער געקומען... און ווי אַזוי האָט אים עמפּפֿאַנגען דאָס פֿאָלק? מיט שטיינער, ווי אַמאָל זיינע נביאים...

* * *

געזעסן איז אויך ווי אַ נאַפּאָלעאָן אויפֿן פֿערד דער אידישער סבאַרשטשיק און יאַבעדניק מיט די פֿאַלשע פּאַספּאָרטלעך פֿון ראַכמיסטריווקע. אין דעם זעלבן אָפּיס, וואו ס'האָט פֿריער זיך געפֿונען די „בעק טו נעיטשור"־באַוועגונג, האָט איצט געהאַט איר זיץ און הויפּט־קוואַרטיר אַן אַנדערע באַוועגונג, „געלאַנטשט" פֿון רעווערענד וואַסערשטראָם, וועלכע האָט באַצוועקט צו ברעכן די האַנדלס־טריטי מיט רוסלאַנד. דער מענעדזשער און קאָפּ פֿון דער גאַנצער באַוועגונג איז טאַקע געווען וואַסערשטראָם אַליין. נאַטירלעך נאָר לפֿנים. אַלע פּאַרשלעגע זיינען געקומען פֿון דער רעדאַקציע פֿון דער „נאַציאָן" און די ספּרונזשינעס זיינען געלעגן דאָרט אין מילמאַנס הענט. וואַסערשטראָם איז געווען נאָר אַ שירם, אַ ליאַלקע אויף ספּראַנזשינעס. ווייטער האָט שוין דאָס אידל געהאַט אַרום זיך אַ גאַנצע כאַפּטע פֿון מיטאַרבעטער, טייפּרייטערס, פּרעס־לייט, שרייבער, כלל־טוער און סתם אידעאַליסטן, וועלכע ווערן ווי פֿליגן באַלד געבוירן אַרום יעדער גרויסער „אידעע".

צווישן דעם געבילדעטן, אַמעריקאַניזירטן עולם האָט דאָס אומוויסנדע

גרינגע אידל געשפּילט די ראָל פון א וואונדער־קינד, וועלכעס איז שוין פון דער נאַטור אַזוי באַגאַבט צו שאַפן וואונדער. און אַזוי ווי מ׳איז מוחל דעם וואונדער־קינד זיינע קינדערשע נאַרישקייטן, אַזוי האָט מען פאַרקוקט אויפן אידלס קליינשטעטלדיגע גרינגע שטיק און מען האָט געהאַט פאַר אים דעם רעספּעקט, וועלכן מען האָט פאַרן וואונדער־קינד און זשעניע.

איבעריגנס איז שוין דאָס אידל אויך אויסגעוואַקסן פון זיין ראַכמיס־טריוווקער שפּראַך און סיי פון זיין קליינשטעטלדיגער וועלטאַנשויאונג. ער האָט שוין גערעדט מיט סענטענצן: „מ׳דאַרף האָבן די אַפּאָרטיוניטי (גע־לעגנהייט)... אַמעריקע איז עי ביג קאַונטרי (גרויס לאַנד)... די צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק ליגט דאָ אין אַמעריקע...״

אומשטענדן מאַכן און שאַפן דעם מענשן. און די נייע אומשטענדן האָבן געשאַפן א נייעם וואַסערשטראָם. אַפילו זיינע נערוועזע, טאַנצנדע באַוועגונגען האָט ער פאַרלוירן. ער פלעגט אַפילו נאָך אַלץ רעדן מיט זיין אַמאָליגן בייזן שטאָלץ אָבער מער געלאַסן, אָן דער שרייענדער פרעכהייט פון א קליינשטעטלדיגן יאַבעדניק, מיט מער ווירדע, און הויפּטזאַכלעך מיט גרויסן געוויכט און זעלבסטרעספּעקט.

ווען א ראַכמיסטריוווקער איד וואָלט באַגעגנט זיין אַמאָליגן סטאַ־ראָסטאַ, וועלכער פלעגט אויף אים שרייבן דאָנאָסן און אַרויפלייגן שווערע מסים, ווי סוויטשנע סבאָר און דערגלייכן, וואָלט ער זיכער ניט דערקענט דעם אַמאָליגן משה שפּריצער. און משה שפּריצער וואָלט זיך איצט אַפילו ניט אָפּגעשטעלט מיט אים רעדן און וואָלט אים אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין. אוים זעלבסטרעספּעקט איז ער אַפילו אַרויסגעטרעטן פון זיין לאַנדס־מאַנשאַפט.

מיט וועמען האָט ער זיך באַגעגנט?

מיט שרייבער און עדיטאָרס, מיט כלל־טוער און רעדלפירער.

ער האָט געשריבן בריף צו די גדולים פון לאַנד, און די גדולים האָבן צו אים געשריבן... אידישע מאַגנאַטן האָבן אים געשריבן בריף און האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי אַרייננעמען אין זיין קאָמיטע צו ברעכן די האַנדלס־טריטי מיט רוסלאַנד. פון אייניגע פון די מאַגנאַטן האָט ער שוין געהאַט „קאָלס״ און ער איז שוין געווען ביי זיי צוהויז. מען האָט אים דאָרט מיט זיין ראַכמיסטריוווקער שפּראַך עמפּאַנגען מיט דעמזעלבן קוריאָזן רע־ספּעקט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען א געניאַלער פידל־שפּילער אָדער א גרוי־סער קינסטלער, נאָר געבוירן אין ראַכמיסטריווקע. איבעריגנס פלעגט ער קיינמאָל ניט גיין אין אַזוינע הויכע ערטער אַליין: ער האָט שוין געהאַט א סוויטע, וועלכע פלעגט אים איבערזעצן אין א גוטן ענגליש און זען, אַז זיין אויפטרעטן זאָל האָבן די נויטיגע ווירדע, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן זיין לאַגע...

אויך צו אינטערוויוס איז געקומען.

אזוינע אינטערוויום האט ער געהאט עטלעכע אין די גרעסטע צייטונ־גען פון לאנד און האט אויך זוכה געווען, אז מען זאל דארט דרוקן זיין פאטאגראפיע.

פאר די ענגלישע רעפארטערס האט דאס אידל פארשטאנען זיך ארויס־צוגעבן פאר א ספעציעלן שליח געשיקט קיין אמעריקע פון 6 מיליאן פון צאר פארפאלגטע און געפלאגטע רוסישע אידן — אזוי איז געווען בפירוש אפגעדרוקט אין דער אמעריקאנער פרעסע. און אז איין רעפארטער האט אים נאך א לאנגן אינטערוויו געשטעלט די פראגע: וואס דענקט ער פון אמעריקע, פון שעקספירן און שיילאקן? האט וואסערשטראם אים געענט־פערט, אז „אמעריקע איז עי ביג קאונטרי". דעם פאטריאטישן יענקי האט דער קאמפלימענט זייער געשמיילט און ער האט געשענקט דעם אידל א שטראלנדן און דאנקבארן קוק, און האט דעם ענטפער שנעל פארשריבן אין זיין נאטיץ־ביכל. וועגן שעקספירן און שיילאקן האט זיך וואסערשטראם אביסל פארטראכט און האט איבערגעפרעגט זיין דאלמעטשער אין אידיש:
— וועמען מיינט ער, דער ערל? — ער האט אבער ניט געווארט אויפן „דראגאמאנס" אונטערזאגן און האט אליין שנעל געענטפערט, און שוין גלייך אין ענגליש: — שעקספיר ענד שיילאק אר אל־ראיט!

און שפריצער־וואסערשטראם איז אויך געווען אל־ראיט! דעם צאר מיט זיינע מיניסטארן האט דאס אידל זיך פארקליבן פארשיקן אין סיביר.

די „חזירישע ביזנעס", דעם רעסטאראן מיט די שרייבערס און נוד־ניקעס אינייגעם, האט ער באלד פארקויפט אויפן צווייטן טאג, ווי ס'האט דארט געפלאצט די באמבע, מילמאנס עקסטרא מיט זיין פיקטשור.

די „נאציאן" האט ניט אויפגעהערט צו בומען דאס קליינע אידל אלס דעם גרעסטן אידן פון דער געגנווארט, אלס דעם מאן, וועלכער קומט דירעקט פון פאלק, ווי לינקאלן, און באזיצט דערפאר די געזונטע ווייטזעענדע אינסטינקטן פון פאלק, וועלכע פעלן יעדן אינטעליגענט. און וואסערשטראם האט נאטירלעך געגלויבט אין מילמאנס שבחים ווי אין תורת משה.

די שבחים האבן אים אליין אויפגעקלערט זיין גדולה, ווי אזוי ער האט געקענט דערגרייכן אזא שטופע דורכן אינסטינקט פון א פאלקס־מענש...

פון גלעקעלן און פון זיין „אמת" האט ער זיך געהאלטן ווייט ווי פון פייער. ער האט שוין אבער געטרוימט פון אן אייגענעם „פעיפער".

איבעריגנס איז די אידעע, ווי אלע אנדערע, אויך ניט געווען זיין אייגענע.

דעם געדאנק האט אים געגעבן איינער פון די „אידעאליסטן", וועלכע האבן אים געהאלפן אין זיין גרויסער באוועגונג. דער געדאנק איז געווען צו גרינדן וויינינגסטנס א קאמפיין צייטונג און פארקויפן איר איינפלוס פאר די וואלן צו טאמאני־האל.

און צוליב דעם צוועק האט דער רעווערענד וואסערשטראם באלד אנגעהויבן צו פירן געהיימע אונטערהאנדלונגען מיט טאמאני, און די

טאַמאַני האָט זיך געלאָזט רעדן וועגן דעם מיט „דעם סקיעם מאַכער" און איינפלוסרייכן מיטאַרבעטער פון דער איסט-סייד, ווי וואַסערשטראָם איז געווען.

יאָ, דעם אידלס טרוימען האָבן זיך מער ווי פאַרווירקלעכט.

דער שנעלער סוף פון „אמת"

לאַנג האָט גלעקעל־עפּענדי ניט געקעמפּט.

נאָכן פערטן נומער פון „אמת" האָבן באַגאַבאַרעצס טשעקס, וועלכע ער פלעגט אונטערשרייבן מיט אַ ברייטן „פּאַזשאַלוסטאַ!" און „ס' אודאַ־וואָלסטיעם!" (מיט פאַרגעניגן) די הערצנס־גוטע און ליבעראַלע טשעקס האָבן אָנגעהויבן זיך אומקערן צוריק פאַרשעמטע און בייזע מיט סקאַנדאַלן.

דאָס איז געווען פאַר באַגאַבאַרעצן אַליין ניט קיין קלענערע איבער־ראַשונג ווי פאַר גלעקעל־עפּענדין.

ערשט דאַן האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט קיין געלט ניט און צווישן אים און גלעקעלן איז געקומען צו אַ שטורמישן געשפּרעך.

געשטורמט האָט אייגנטלעך גלעקעל־עפּענדי אַליין. געשטורמט און געשריגן אויף זיין גוטן און זאַנפטן פריינד, אַז ער האָט פאַראַטן אים און אַ הייליגע זאַך, און אַז ער איז מחויב באַלד צו שאַפן אַ מיטל פאַר דער ווייטערער עקזיסטענץ פון „אמת" און פאַרן הייליגן קאַמף.

באַגאַבאַרעץ האָט אויסגעהערט גלעקעלס שטורמישע רייד, אַ בלייכער, שוין מיט אַ געבויגענעם , אַזוי ווי אָפּגעשניטענעם קאָפּ.

באַלד האָט מען דעם „טשיף־עדיטאָר", חיים יענקלען אַריינגערופן אין קאַבינעט פון די עדיטאָרס און מ'האָט אים געגעבן אַן אָרדער גיין צו מאָרו־סיאַן און פאַרלאַנגען פון איר איר מאַנס געלט.

דעם אָרדער האָט נאַטירלעך געגעבן ניט דער מאַן אַליין, נאָר זיין פריינד, מיט זיין שווייגנדער צושטימונג.

חיים יענקל אָבער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ בייזער און עקלהאַפטער פרייד, מיט אַ געלעכטערל, וועלכעס דער קליינער טייוול האָט פאַרמאָגט נאָר פאַר געוויסע טראַגי־קאָמישע פעלן אין לעבן און האָט געזאָגט:

— געלט וועט זי אייך געבן? כאַ, כאַ, כאַ! די קעלט קריגסטו, גלעקעל טאַטעלע, און ניט קיין געלט, כאַ, כאַ, כאַ!

גלעקעל האָט דעם שפּאָטנדן טייוול געוואָרפן אַ טינטער אין פּנים אַריין און ס'איז געקומען צו אַ סצענע, וועלכע איז געווען ניט שענער ווי די, ווען זיי האָבן זיך ביידע געדראַפּעט און געוואַלגערט אויף דר'ערד אין קאַטעדזש ביים ים.

דערנאָך האָט גלעקעל שוין אַטאַקירט די אַנטיסעמיטקע, באַגאַבאַרעצס ווייב, און געזידלט באַגאַבאַרעצן, אַז ער איז אַ לעמעשקע, אַ מענש אָן כאַראַקטער, און האָט ווידער געשריגן וועגן פאַראַט און אומערלעכקייט.

דער סוף איז געווען, אַז נאָך דעמזעלבן טאָג האָט באַגאַבאַרעץ פאַר־

לאָז זיין סטאַנציע ביי גלעקעלן און איז געוואָרן שוין פון דאַן אָן חיים יענקלס באַרדער און קעסט־קינד.

און גלעקעל־עפּענדי האָט פאַרעפנטלעכט אַ סטעיטמענט אין „אמת", אַז אַזוי ווי ס'מוז געמאַכט ווערן פאַרבעריטונגען, אַז דער „אמת" זאָל ווערן אַ טעגלעכע צייטונג, הערט דאָס וואָכנבלאַט „דער אמת" אויף צו דערשיינען.

— זאָלן אונזערע פריינד זיך אָבער ניט פרייען — האָט מתרה געווען גלעקעל — ס'איז נאָר אַ נויטיגער און קורצער וואַקנשטילשטאַנד פאַר אַ שטאַרקערער און העפטיגערער אָפענסיווע. אין גיכן וועלן מיר דעם קאַמף ווידער אויפנעמען, אָבער מיט גרעסערער קראַפט און וואוט ווי פריער. מיר וועלן ווייטער קעמפן, קעמפן און קעמפן! — האָט געדראָט גלעקעל־עפּענדי אין זיין סטעיטמענט און איז נאָך אין דעמזעלבן טאָג אַוועק צו זיין פריינד. אַ געוויסן און באַרימטן לאַיער בוירד אין באָסטאָן צו פאַרלאַנגען פון אים 100 טויזנט דאָלאַר אויף אַן אויפריכטיגער טעגלעכער אידישער צייטונג.

די פרעסע אָבער האָט שוין דערשמעקט דעם ריכטיגן זין פון דעם סטעיטמענט און האָט גלעקעל־עפּענדין מיט באַגאַבאַרעצן, מיטן „אמת" איינעם געמאַכט אַזאַ קבורה, אויף וועלכער די איסט־סיידער קונדסים און קיביצער האָבן לאַנג געהוליעט און געטאַנצט, געמאַכט קאַריקאַטורן און געשריבן וויציגע פעליעטאָנען און עפּיגראַמען.

גלעקעל האָט אַלעם געלייענט ביי זיין פריינד אין באָסטאָן און דאָס האַרץ פון קעמפער האָט געבלוטעט.

אַזוי ווי אָבער זיין פריינד בוירד האָט אים דאָך ניט געקענט שאַפן קיין 100 טויזנט דאָלאַר פאַרן ערלעכן קאַמף מיט דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, האָט ער גענומען ביי זיין פריינד אויף הוצאות און איז אַוועק פון באָסטאָן קיין קלאָנדייק מיט אַ נייעם פּראָיעקט, וועלכער איז שוין העכסט וואַרשיינלעך געווען פאַרבונדן מיט גאָלד־מינען און ניט מיט די געשעפטן פון צייטונגס־פאַרלאַג.

מער האָט מען פון אים אין ניו־יאָרק לאַנג ניט געהערט.

באַגאַבאַרעץ און חיים יענקל

נאָכן טויט פון „אמת" האָט זיך די קליינע געשטופּלטע ניאַנקע ווידער אָרומגעפירט מיטן גרויסן קינד און האָט עס ווידער געניאַנטשעט, אָבער מיט מער צערטלעכקייט און ליבע ווי פריער.

די געשיכטע מיט דער צייטונג האָט אים ערשט איבערצייגט ווי אומ־באַהאָלפן עס איז דער גרויסער מענש אויף דער וועלט.

חיים יענקל האָט געדונגען פאַר זיי ביידן צוויי גרויסע מעבלירטע צימערן אויף דער איסט־סייד, און אין אַ נאָכבאַרשאַפט, וואו ס'האָט גע־וואוינט די אָרעמסטע אידישע באַפעלקערונג.

אַזוי האָט געוואָלט באַגאַבאַרעץ און חיים יענקל האָט געמוזט נאָכגעבן.

מיט אַ פּאַטאַלער, עכט־אידישער האַרטנעקיקייט, אויף וועלכער דער זאַנפטער און נאָכגיביגער מענש איז דאַכט זיך גאָר ניט פעאיג געווען, האָט ער שוין ניט געלאָזט זיך אַרויספירן פון דער איסט־סייד, אפילו אויף אַ שפּאַציר־גאַנג, פאַר אַ פרישן און פרייען אָטעמצוג ביים ים.

די היצן זיינען שוין געווען גרויס. יעדער אָטעמצוג פון דער פאַר־פעסטעטער און אָנגעגליטער איסט־סיידער לופט איז געווען ווי אַ גיפט פאַר זיין ענגער און אָנגעגריפענער ברוסט, פאַר זיינע לונגען.

אַלע רייד זיינען אָבער געווען אומזיסט און זיין אומבאַגרייפלעכע עקשנות פלעגט חיים יענקלען איינפאַך אַריינברענגען אין אַ וואוט.

דער טאָג פלעגט זיך אָנהייבן ביי זיי שפּעט מיטן אָנבייסן אין דער ליטעראַרישער קאַפע.

אויך איבער דעם פלעגן זיך די פריינד פיל רייסן. חיים יענקל האָט געהאַסט דאָס קאַפע און זיינע געסט און איז געווען מיט אַלעמען צעקריגט. באַגאַבאַרעצן פלעגט עס שוין אָבער ציען אַהין ווי דעם שכורן אין קרעטשמע אַריין און ער פלעגט זיך מיט דער זעלבער פאַטאַלער האַרטנעקיקייט אָפּזאָגן צו גיין אין אַן אַנדערן רעסטאָראַן.

און צו דעם דערשיינען פון דעם הויכן סוטולעוואַטן מאַן מיט די לאַנגע פלאַקסענע האָר איז מען דאָרט באַלד געוואוינט געוואָרן.

דער באַרימטער רוסישער דיכטער מיט דער גרויסער און שטילער טראַ־געדיע, וועלכע האָט ווי אַ לאַנגזאַמע אָבער געפערלעכע קראַנקהייט זיך אַנטוויקלט און גענאָגט זיין נשמה; דער מאַן מיטן מערקווירדיגן שיקזאַל, פלעגט שוין דאָרט ניט אַרויסרופן ניט קיין סענסאַציע און ניט קיין אינטערעס.

פאַר די שרייבער איז ער שוין ניט געווען קיין גויאישער באַגאַבאַרעץ, פאַר וועלכן אַ איד קאָן האָבן רעספּעקט און כבוד.

ער איז שוין אויך ניט געווען קיין מיליאָנער און רעדאַקטאָר, ביי וועמען מ'האָט געקענט קריגן אַ דזשאָב.

דער באַגאַבאַרעץ איז שוין ביי אַלעמען געווען אַ ראַבינאָוויטש, אַ מעטעאָר וועלכער האָט געהאַט דעם אומגליק אַריינצופאַלן אין דער איסט־סייד און וועלכער וואַלגערט זיך אין די גאַסן אַן ווערט, געטרעטן ווי אַ פּראָסטער שטיין.

און די הומאָריסטן און פעליעטאָניסטן האָבן אים שוין געטרעטן מיט די פיס, געמאַכט פון אים אַ לץ און אַ קאַריקאַטור, און דער נאָמען „באַגאַבאַרעץ־ראַבינאָוויטש", ער מיטן „אמת", וועלכן ער האָט אַרויס־געגעבן, איז לאַנג ניט אַראָפּגעגאַנגען פון די וויץ־בלעטער.

אפילו זיין אינטים לעבן האָט מען ניט געשאָנעוועט און עס געשלעפּט איבער דער אידישער גאַס.

אַזאַ מאַן האָט שוין ניט געקענט אַרויסרופן קיין סענסאַציאָנעלן אינ־טערעס.

באדויערן אזא מאן, פארשטיין זיין טראגעדיע, האט מען ניט פאר־שטאנען אין דער קינסטלער־קאפע אדער קיין צייט ניט געהאט צו פאר־שטיין.

יעדער טאלאנט האט געהאט זיך אליין צו באדויערן; זיין אייגענע, פון דער וועלט ניט אנערקענטע גרויסקייט.

און גרויס האט זיך יעדערער געהאלטן אין דער קאפע.

דער קערפערלעך־גרויסער זרח פלעגט שוין צוגיין צו זיין געוועזענעם בעל־הבית, ווי צו אלע שרייבער, אים „פאני־בראטסקע" אנקלאפן אין די פלייצעס מיט דער גראבער שמוציגער לאפע זיינער און אויסשרייען איבער דער גאנצער קאפע:

— וועיטער! א גלעזעלע טאי אויפן אידנס חשבון... נישקשה, דער איד וועט באצאלן... קעיק אויך. דער איד איז ניט קיין שלעכטער. חברה! איר וועט זען, אז יאך וועל פון דעם אידן נאך מאכן א פועלי־ציוניסט. יאך זאל אזוי לעיבן! — און פלעגט שטשירען מיט די געלבע פערדישע ציין און רוישיג ווישן די נאז מיט דער ברייטער דאלאניע זיינער.

און דער אריסטאקראט באגאבארעץ, וועלכער פלעגט פריער שאקירט ווערן פון אזוינע אידיש־דעמאקראטישע מאניערן, פלעגט שוין איצט ניט באליידיגט ווערן פון דעם בחורס פאמיליאריטעט.

און זרחס ווערטער פלעגן ארויסרופן א שטילן חוזק איבער אלע טיש־לעך, א חוזק און א שמוציגן קיבעץ פול מיט בייזער שפאטישער פרייד פון דערביטערטע מענשן, ביי וועלכע די אמביציעס זיינען גרעסער פון זייערע טאלאנטן.

איז אבער חיים יענקל, די ניאנקע זיינע, געזעסן מיט אים, האבן זיך די אלע קינסטלער געהיט.

פאר אים, פאר זיין בייזער און שארפער צונג און פאר זיינע נעגל האבן זיי געציטערט אימת־מות.

מ'האט געוואוסט, אז פאר באגאבארעצן וועט ער זיך דראפען ווי א ווילדע, משוגענע קאץ. ער האט זיך שוין א פאר מאל געדראפעט פאר זיין נאמען אין דער קאפע, וואנזיניג געדראפעט.

אפילו זרח אליין, דער גרויסער בחור, פאר וועלכן ס'איז ניט געווען קיין גרויסעם אויף דער וועלט, וועלכעם ער זאל ניט קלאפן „פאני־בראטסקע" מיט דער לאפע, אפילו ער פלעגט ניט וואגן זיך צו זעצן צום טישל, ווען חיים יענקל איז דארט געזעסן. און דער קוק אליין פונם קונסט־קריטיקער פלעגט אים האלטן פונדערווייטנס.

און אזוי פלעגט דאס פארל שטונדנלאנג אפזיצן אין קאפע.

חיים יענקל פלעגט שלינגען צייטונגען, א צייטונג נאך א צייטונג.

באגאבארעץ פלעגט קוקן פאר זיך מיט צוויי אויסגעסטארטשעטע אויגן, קוקן איבער די קעפ פון די קינסטלער און קיביצער, אזוי ווי זיי וואלטן גאר ניט עקזיסטירט פאר אים.

זיי האָבן אים שוין ניט אינטערעסירט.

אים האָט אינטערעסירט איצט דער פאַרפינצטערטער האָריזאָנט פון זיין אייגן לעבן, וועלכער האָט זיך מיטאַמאָל פאַר אים פאַרשלאָסן מיט די מויערן פון דער איסט־סייד.

איבער די הויכע און שטיינערנע קאַסטנס האָט ער געזוכט מיט די גרויסע געשפּאַנטע אויגן אַ ליכט, געוואַרט אין אַ גייסטיגער נסיסה אויף דער געבורט פון אַ וועגווייזנדן שטערן.

און ניט איינער אין דער קאָפּע, וועלכער פלעגט איבערכאַפּן דעם ווייטן, געשפּאַנט־וואַרטענדן קוק פון די צוויי גרויסע אויסגעסטאַרטשעטע שוואַרצע אויגן, פלעגט שטיל אָנווייזן זיין קאָלעגע מיטן האַנט אויפן שטערן...

און חיים יענקל פלעגט ניט איינמאָל אויפהייבן די אויגן פון זיין ציימונג און לאַנג פאַרפאַלגן יעדן מוסקול־ציטער אויפן טראַגיש־געשטעמפּלטן פּנים מיטן אויסדרוק פון בענקענדער און געשפּאַנטער וואַרטונג, דאַרט שפּיאַנירן דעם אומדערמידלעכן גאַנג פון זיינע געדאַנקען און טרויעריג שאָקלען מיטן קאָפּ, ווי אַ ליבנדע און איבערגעגעבענע ניאַנקע איבערן וויגל פון איר קראַנקן ווייגלינג.

אָפט פלעגט מען חיים יענקלען צורופן צום טעלעפאָן.

דאָס איז געווען מאַרוסיאַ, וועלכע האָט שוין געהאַט דעם נומער פון דעם טעלעפאָן.

און חיים יענקל פלעגט איר אָפּגעבן אַ רעפּאָרט פון אַלעם.

אַמאָל פלעגט זי אים הייסן קומען צו איר אַהיים, צום קאַטעדזש ביים ים, וואו מאַרוסיאַ האָט שוין צוריק געוואוינט מיט איר פאָטער אין דער־וואַרטונג פון „ווייטערע פּאַסירונגען".

אָן מאַרוסיאַס באַפעל פלעגט די ניאַנקע ניט וואַגן פאַרלאָזן דאָס גרויסע קינד.

זי האָט עס אים פאַרבאָטן און דער פאַרבאָט און באַפעל פון דער שיינער פרוי איז געווען פאַר אים הייליג.

זי האָט מורא געהאַט, אַז מיט איר מאַן זאָל עפּעס ניט פּאַסירן.

הויפּטזאַכלעך האָט זי געציטערט, אַז די קאַרס מיט די אויטאָמאָבילס זאָלן אים ניט איבערפאָרן...

עפּעס ווי אַ בייזער פאַרגעפיל איז דער פחד תמיד געהאַנגען איבער איר געמיט, געקלעמט און ניט אָפּגעלאָזט אויף אַ רגע.

דער פאַרנודיעטער און פון היימוויי געפּלאָגטער קאַמערהער פלעגט זיך שטאַרק דערפרייען מיטן „הערצאָג פון פּאַלערמאָ", אים באַפעלן בלייבן אויף סאָפער און פלוידערן.

דער מאַן האָט נאָר געקענט באַפעלן און האָט זיך פון דער רוסישער געוואוינהייט ניט געקענט באַפרייען.

מאַרוסיאַ אָבער פלעגט צוואַרפן דעם פאָטער בייזע, אומגעדולדיגע

בליקן און זוכן ארויסצופטרן די ניאנקע וואָס פריער מיט אַ פּעקעלע וועש, עסנוואַרג פאַר „אים” און געלט פאַר זייערע הוצאות.

און חיים יענקל פלעגט אָנבייגן דאָס קעפל און גיין צו דער טיר מיטן געפיל פון אַ געטריי הינטל, וועלכעס מען טרייבט אַרויס, אין אַ זאַווייערוכנ־דיגער ווינטער נאַכט, פון אַ וואַרעמע און ליכטיגע שטוב אינדרויסן.

אָפטמאָל פלעגט זי רחמנות האָבן אויפן אָרעמען הינטל, פלעגט אים נאָכלויפן און אים אָניאָגן.

זי פלעגט אים שטיל נעמען אונטער דער האַנט, אים טוליען צו איר וואַרעמען און דופטענדן קערפּער און אים באַגלייטן עטלעכע בלאָק צום צוג און וואַרטן ביז ער פלעגט זיך אויפזעצן.

דאָן פלעגט זי אים שיקן אַ לופט־קוש מיט אַ שמייכל: איר בעסטן, הערצלעכסטן שמייכל.

און דער שמייכל פלעגט אָפּשטעלן זיין האַרץ, דאָס בלוט אין די אָדערן און פאַרכאַפּן זיין אָטעם.

דער צוג פלעגט שוין לויפן און זי פלעגט נאָך אַלץ שטיין פאַר זיינע אויגן. ער פלעגט זען די ווייסע האַנט מיטן קוש און דאָס פּנים מיטן שמייכל און פלעגט פאַרן אַהיים ווי אין אַ הינער־פּלעט.

* * *

איינמאָל האָט חיים יענקל געטראָפן אַ פּעקעלע אין זייער היים מיט אַ צעטעלע פון מאַרוסיאַן.

דאָס האָט זי עס אַליין געבראַכט אין זייער אָפּוועזנהייט.

די באַלעבאָסטע האָט עס אים דערציילט.

מאַרוסיאַ האָט לאַנג גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע, אַ רוסישע אידענע, אין אַ פאַרוק, און האָט פון אַלעם אויסגעפרעגט און געלאָזט אַ צעטעלע מיט פילע קושן פאַרביידע מאַנסבילן און אין שטוב — דעם דופט פון איר פאַרפיומירטן קערפּער. אַ דופט, וועלכער האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ פיבערהאַפטן שווינדער.

די געשיכטע האָט אים איבעראַשט און דערשיטערט.

די שטילע ווי אַ ליכט צאַנקענדע און טרויעריגע ליבע פון דער שיינער קאַצאַפּקע צו דעם אידן האָט דאָס מאָל אָנגעצונדן אין זיין ברוסט אַ בראַנד פון אייפערזוכט און נאַגענדן פּיין.

זיין האַרץ האָט געבלוטעט, געשריגן און געוויינט פון דער אומגע־רעכטיקייט, וועלכע די נאַטור איז קעגן אים באַגאַנגען...

דער שטערבלעך־פאַרליבטער קונסט־קריטיקער איז געווען דיזן אָוונט גרייט זיך דעם קאָפּ צו צעשמעטערן פאַר ווייטאָג, פון ברענענדער אייפער־זוכט.

אָבער אַזוינע פּעקלעך מיט צעטעלעך פלעגט ער דערנאָך טרעפן אָפט.

מאַרוסיאַ פלעגט זיי אַליין טראָגן, כדי די ניאַנקע זאָל ניט דאַרפן

פאַרן נאָך זיי און לאָזן דאָס קינד אַליין, און ער איז באַלד צו זיי צוגע־וואוינט געוואָרן.

זיי פּלעגן שוין אין אים ניט אָנצינדן קיין אייפערזוכטיגן בראַנד, נאָר אים רירן ביז טרערן.

דער סמבטיון

אַממייסטנס פּלעגט באָגאָבאָרעץ און חיים יענקל פאַרברענגען אין די פאַרשיידענע פּאַרקס אויף דער איסט־סייד.

אויך דאָרט פּלעגן זיי שטונדנלאַנג זיצן שטום, ניט ריידן איינער מיטן אַנדערן.

זיי האָבן ניט געהאַט פון וואָס צו רעדן. זיי האָבן זיך שטומערהייט גוט פאַרשטאַנען.

די ניאַנקע פּלעגט לעזן אַ בוך, אָדער אַ צייטונג.

און באָגאָבאָרעץ פּלעגט קוקן פאַר זיך ווי אין קאַפּע מיט דיזעלבע אויסגעסטאַרטשעטע זוכנדע אויגן.

חיים יענקל האָט גוט געוואוסט וואָס זיי זוכן; ער האָט געוואוסט זיין גאַנצן גייסטיגן צושטאַנד.

דער וואָרט־קאַרגער און כמעט שטומער מענש האָט אים געגעבן דעם שליסל פון דעם פּיינלעכן און קראַנקן פּראָצעס פון זיין נשמה, מיט אַ פּאָר ווערטער און פראַזן, וועלכע האָבן זיך אומווילינג אַרויסגעריסן פון זיין מויל.

דאָס גרויסע, נאַיווע קינד איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרטומלטער פאַר דעם סמבטיון, פאַר דער איסט־סייד.

ווי אַ האַרטן נוס האָט ער זי נאָך אַלץ ניט געקענט צעקנאַקן און זי פאַרשטיין, באַגרייפן דעם באַפּרייטן גייסט פון אידישן פאָלק און זיין שעפונג, די גאַנצע איסט־סיידער שרייענדע און וואולגאַרע גאַסן־קולטור.

צוליב דעם ביליגן און וואולגאַרן גייסט האָט ער ניט געדאַרפט ברענגען אַזוינע קרבנות, רואינירן זיין לעבן און דאָס גליק פון זיין פאַמיליע...

פאַר אים איז דאָס געווען ניט נאָר אַן אַנטוישונג, זאָנדערן אַ נייע און לעצטע קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט געדראָאַט אים איינצושלינגען אויף אייביג, ווי אַ טיפער און פינצטערער אָפּגרונט.

און אַזוי איז ער געשטאַנען אַ שטוינענדער פאַרן קאָכנדן סמבטיון מיטן ברויזנדן און ברודיגן שוים פון די פאָלקס־פירער און זעלן־פאַרזאָרגער, וועלכע האָבן זיך געטראָגן און געליאַרעמט אויף זיינע כוואַליעס און האָבן מיט אַ טייוולישן שפּאַט און חוזק געוואָרפן אין דעם הויכן, סוטולעוואַטן מאָן שטיינער, געמאַכט טיפע בלוטנדע און אומפאַרהיילבאַרע וואונדן אין זיין נשמה, זי געריסן און געטראָטן מיט די פיס און אים געשפּיגן אין פּנים אַריין. אָבער ווי אַן עכטער אידישער קשי־עורף האָט ער ניט געוואָלט אוועקגיין פון דעם קויטיגן שטראָם.

פאַר אים איז דאָס געווען אַן איבעראַשנדער רעטעניש און ער האָט זיך נעגעבן דאָס וואָרט עס צו צעקייען.

דאָס אידישע פאָלק איז דאָך אין זיינע טרוימען געווען דאָס גרעסטע און בעסטע פאָלק פון אַלע פעלקער, דאָס אויסדערוויילטע...

דעם הארטן נוס האָט ער אָבער געמוזט צעקנאַקן אום יעדן פּרייז. און דערפאַר איז ער געבליבן אויף דער איסט־סייד. און ס'איז ניט געווען קיין קאַפּריז, קיין פּשוטע עקשנות. דאָס רעטעניש האָט דאָך פאַר אים פאַר־געשטעלט זיין אייגן לעבן, זיין אייגענע טראַגעדיע.

ער האָט צוערשט געמוזט מיט דעם פּאַרטיג ווערן, איינמאָל פאַר אַלע־מאָל דערקלערן זיינע באַציאונגען צום אידישן פאָלק. אין די באַציאונגען איז דאָך באַשטאַנען זיין גאַנצער פּלאַנעטער. זיי האָבן עס אים געבראַכט קיין אַמעריקע. און דאָס פאָלק האָט אים איצט געבראַכט אַזוינע אַנטוי־שונגען, וועלכע האָבן נאָך פאַרגרעסערט דעם פּלאַנעטער. פון די באַציאונגען האָט שוין אָפּגעהאַנגען אַלעס איבעריגע, זיינע באַציאונגען צו מאַרוסיאַן, צו זיינע קינדער, די צוקונפט פון נאָך פאַרבליבענעם לעבן.

מיט די שווערע בלייערנע געדאַנקען פלעגט ער שטונדנווייז זיצן אין דעם הייסן העסטער פּאַרק.

און אַזוי ווי זיך רייצנדיג מיט אים, מיט זיינע פּלאָגנדע און קראַנקע געדאַנקען, פלעגט דער סמבטיון פון צייט צו צייט אויפהייבן אַ גרעסערן ליאַרם און שפּאָט איבער דער בלאָנדזשנדער נשמה... איבער זיין שטונדן־לאַנגן זיצן אין העסטער פּאַרק צווישן די „סלעקערס"*) אָדער אין דעם קליינעם פיר־איילענדיגן רעסטאָראַן מיט זרחן...

ווי מחנות פון צעשראָקענע ראָבן פלעגן די ציימונגס־אינגלעך זיך צעפליען פון די אידישע רעדאַקציעס אַרום העסטער פּאַרק. ווי ראָבן פלעגן זיי קראַקן איבער זיין קאָפּ, צעטראָגן און צעפּויקן ווייט אין דער לופט די עקסטראַס מיט די געבלאָפטע נייעס פאַר אַ פּעני.

די שרייענדע ציימונגס־אינגלעך פלעגן אים אויפוועקן פון זיינע גע־דאַנקען. ווי אַ וואַנזיניגער פלעגט ער אויפשפּרינגען פון זיין באַנק און זיך ווילד אַרומקוקן...

אָפט פלעגט ער פיבערהאַפט קויפן אַן עקסטראַ, איבערלייענען די גע־בלאָפטע נייעס, געדרוקט מיט די גרעסטע אותיות, זיך צוערשט אַליין אויפ־רעגן און דערנאָך זי ווייזן זיין פריינד מיט אַ פרעגנדן, פיינלעכן בליק.

— צו וואָס פאַר אַ רוח זיצט איר דאָ גאַנצע טעג, אין דעם הייסן אָנ־געגליטן פּאַרק און גראָבט זיך אין דעם מיסט — פלעגט זיך אויף אים צע־שרייען די ניאַנקע — אין דער צייט ווען איר האָט אַ שיינעם קאַטעדזש ביים ים, די שענסטע און גייסטרייכסטע פרוי אין דער וועלט, וועלכע ליבט אייך אַזוי וואַנזיניג און גייט דאָרט אוים ווי אַ צאַנקנדיג ליכט? פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד וואו איר זענט געווען אַ באַגאַבאַרעץ, אַ באַליבטער און געשעצטער קינסטלער, וואו איר האָט געשאַפן און גענאָסן דערפאַר רום און כבוד. איר דאַרפט דאָך נאָר אויסשטרעקן די האַנט און דאָס רוסישע

*) ליידיג גייערס.

פאלק גיט אייך דאס אלעס צוריק, א רייכן און זארגלאזן לעבן פול מיט פיינסטן און איידלסטן גענוס. זעט וואס ס'איז דא פון אייך געווארן! א ראבינאוויטש... א קאריקאטור פון א מענשן. בלייבט א באגאבארעץ, וועלן די זעלבע אידן אליין אייך אפגעבן כבוד, מיט אייך שטאלצירן... קיין ראבינאוויטש אבער דארפן זיי ניט!... זיי האבן גענוג אזוינע! זיי דארפן אים נאר אויף חוזק — האט געשריגן און געטופעט מיט די פיס דער אויפגערעגטער קונסט-קריטיקער.

דער ראבינאוויטש אבער פלעגט אים דערויף ענטפערן מיט אזוינע בליקן, אז דער קליינער מעפיסטאפעל פלעגט באלד פארשטומען.

שפעטער האט באגאבארעץ אנגעהויבן זאמלען די נייעס, ווי א מאניאק א קאלעקציאנער האט ער אנגעהויבן צונויפקלייבן אלע עקסטראס, זיי זארג־פעלטיג זאמלען איבערן טאג אין זיינע קעשענעס און זיי פארנאכט ברענגען אהיים.

ער האט זיך אנגעקויפט „פאפקעס", פלעגט יעדן אוונט זיך זעצן מיט א שער און זארגפעלטיג אויסשניידן פון די צייטונגען די פארן טאג מארקירטע שטעלן און זיי דערנאך סארטירן, ווי מען סארטירט סטאטיס־טישע מאטעריאל.

און באלד האט ער געהאט א „פאפקע" פון אויסשניטן מיט א נאמען „אבזיכלעכער ליגן", א צווייטע מיט אן איבערשריפט „אומפארשעמטער ליגן, וועלכער איז אויסגערעכנט אויף די בעסטיאלישן אינסטינקט פון מענשן" און א דריטע מיט דעם אויפשריפט „געשלעכטס-מעקלעריי", א פערטע מיט „פארנאגראפיע" און דאס גלייכן. קאלעקציעס און סטאטיס־טיקס, וועלכע האבן באלויכטן און שטום דערציילט, וואס עס אינטערעסירט און פלאגט דעם מאניאק און קאלעקציאנער.

און חיים יענקל פלעגט יעדן אוונט שטום צוקוקן די מערקווירדיגע ארבעט, מיט א בלוטנדעס הארץ און האט באלד געמעלדעט פון דער נייער מאניע מארוסיאן.

מארוסיא האט עס אויסגעהערט און האט זיך געלאזט מיט פארריסענע הענט אויפן קאפ שפאנען איבערן צימער און טראכטן, ווי א דאקטאר וועלכער האט צו מאכן א שווערן דיאגנאז.

— באלד, באלד וועלן זיך זיינע טשודאטשעסטוועס ענדיגן — האט זי געזאגט צום פארליבטן פריינד אירן מיט א מעלאנכאלישן שמייכל.

מארוסיא האט אבער געשטעלט א פאלשן דיאגנאז. די טשודא־טשעסטוועס פון איר מאן האבן זיך ערשט אנגעהויבן.

די נאכט

די נעכט אין די שטיינערנע, איבערן טאג אנגעגליטע קאסטנס זיינען געווען אומדערטרעגלעך הייס און שטיקנד.

די נאכט האבן ביידע פריינד ניט געקענט איינשלאפן און האבן זיך

לאנג געוואָרפן אויף זייערע געלעגערס. יעדערער שטיל פאַרטיפט און געפלאָגט פון זיינע אייגענע געדאַנקען און געפילן. חיים יענקלס האַרץ איז געווען גענאַגלט אַן זיין האַפנונגסלאָזער און פאַרצווייפלטער ליבע, און פון זיינע גייסטיגע אויגן אין דער הייסער און פינצטערער נאַכט איז ניט אַפּגעטרעטן מאַרוסיאַ, די לעצטע צייט אַזאַ בלייכע, מיט אַזאַ טרויעריגן שמייכל אויף די ליפּן, מיט אַ מעלאַנכאָלישן און פיבערהאַפטן שימער אין אירע גרויסע, גרויע אויגן, וועלכע זיינען געוואָרן גרעסער און טיפער.

די חן־גריבלעך אירע פלעגן שוין ניט אַזוי פאַרשייט טאַנצן אויף אירע רויטע באַקן, ווי אין די ערשטע צייטן.

אירע געזיכטסציגע האָבן זיך אַזוי פאַרשאַרפט און אויסגעצויגן ווי פון אַ לאַנגן דורשטיגן באַגער, ווי ביי אַ פאַרהונגערטן...

און איצט, אין דער דושנער, פינצטערער נאַכט, איז איר שמייכל אים פאַרגעקומען נאָך טרויעריגער ווי תמיד, אַזוי ווי זי וואָלט באַדויערט זיי ביידן, איר פאַרצווייפלטע ליבע צו זיין חבר און די האַפנונגסלאָזע ליבע פון אים, דעם קליינעם, פון דער נאַטור באַליידיגטן מאַנסביל צו איר.

און דער מאַן פון דער ליבנדער און פאַרוואונדעטער פרוי האָט אויפן צווייטן געלעגער געטראַכט, ווי געווײנלעך פון זיין ליבע צום אידישן פאָלק, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט ערשט דאָרט אין סיביר. די אידישע אידעאַליסטן און מאַרטירער, וועלכע ער האָט באַגעגנט דאָרט אויף קאַטאָרגע, האָבן אים אָנגעפילט מיט אַזאַ נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אים צוריקגעגעבן לעבנס־דורשט, מוט און אַ צוועק אין לעבן. און דאָ, אין אַמעריקע, האָט דאָס זעלבע פאָלק אַלעם צוריק אויסגעלאָשן. און די צוקונפט ליגט פאַר אים פינצטער ווי די נאַכט.

און אַזוי האָבן זיך זיינע געדאַנקען געדרייט אין אַ פאַרשלאָסענעם צירקל, ווי אַ בלינד פערד אין דער ראָד, ביז ער איז ניט געקומען צום באַשלוס, אַז ס'איז דאָ צוויי מינים אידן: די געפייניגטע און פאַרפאָלגטע, וועלכע ליגן תמיד צווישן האַמער און קאַוואַדלע. די נשמה פון דעם טייל אידן לייכט העל מיטן הייליגן און ריינעם פלאַם, ווי דאָס אָנגעגליטע אייזן, און יעדער קלאַפּ אין האַמער פון זיין שיקזאַל שלאָגט אַרויס פון דער נשמה גרויסע העלע פונקען, וועלכע באַלויכטן די וועלט. אַט די האָט ער געזען אין סיביר. געאַרבעט מיט זיי צוזאַמען די קאַטאָרזשנע אַרבעט אין דר'ערד. דאָס זיינען אַלע געווען ריינע אידישע נשמות, מאַרטירער פאַר אידעאַלן און פאַרן גליק פון דער מענשהייט.

דאָ אין אַמעריקע האָט ער באַגעגנט אַ ניי פאָלק. באַפרייטע און גלייכבאַרעכטיגטע אידן, אַזוינע זאַטע און צופרידענע מיט זייער זאַטקייט אָבער מיט אויסגעלאָשענע נשמות, קאַלטע און צו אַלעם גלייכגילטיגע, אַ חוץ צו זייער זאַטקייט.

און זיין לעבן אין סיביר צווישן די יונגע אידישע אידעאַליסטן איז

אים איצט פאַרגעקומען ווי אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט דורכגעלעבט דאָס יאָר אין דעם פרייען לאַנד.

יאָ, ווי צוויי גרונט־פאַרשידענע פעלקער זיינען אים איצט פאַרגעקומען די רוסישע און די אַמעריקאַנער אידן, און אויף דעם געלעגער אין דער בריענדער שלאָפלאָזער נאַכט איז פאַר זיין גייסט אויסגעוואַקסן אַ נייער צווייפל.

ער האָט ניט געוואוסט וואָס זאָל ער ווינשן זיין פאָלק, פרייהייט און זאַטקייט, ווי די אַמעריקאַנער אידן באַזיצן, אָדער קנעכטשאַפט און פאַרפאָלגונג, ווי די רוסישע אידן שטייען אויס, און וואָס מאַכט זייערע נשמות, זייער אינער־לעבן, די גייסטיגע וועלט זייערע אַזוי רייך, פריי און שיין.

אַזוי איז ער געלעגן, ביז די שווער־אָטעמענדע נאַכט האָט רחמנות געהאַט מיטן געפּלאָגטן מוח זיינעם און האָט אויף אים אַנגעשיקט אַ מידן אָבער דויערענדן שלאָף...

די געדאַנקען אָבער האָבן אין דעם שלאָף ניט פאַרלאָזן זיין נשמה... ווי קראָטן אין דער פינצטערער ערד האָבן זיי זיך דאָרט געגראָבן ווייטער און געטאָן זייער אַרבעט, שטיל און פאַרזיכטיג אָן אים.

ווען די זון האָט אָנגעצונדן אירע ערשטע שטראַלן האָבן זיך די געדאַנקען אָנגעצונדן ווי ליכט אין זיין נשמה און האָבן אים אויפגעוועקט...

* * *

באַגאַבאַרעץ איז אויפגעשפּרונגען פון בעט.

אַזוי אומדערוואַרטעט און איבעראַשענד איז געווען דאָס, וואָס האָט אים אויפגעוועקט, דאָס וואָס ער האָט דערפילט. זיין שיקזאַל האָט דאָך מיט אים רחמנות געהאַט און אַ גוטע ליבנדע האַנט האָט ווערנד זיין קורצן און וואַכענדן שלאָף אָנגעצונדן דאָס ליכט אין זיין פאַרנעפּלטן מוח און צעטריבן פון דאָרט די פּלאָגנדע געשפּענסטער.

און ווידער איז אַלץ ליכטיג אין אים און אַרום אים... און אין דעם העלן ליכט איז אַלץ קלאָר און לייכט, אַלע פּלאָגנדע פראַגן זיינען פאַרשוואונדן ווי די נאַכט־שאָטנס פאַרן זונען־אויפגאַנג, וועמענס ערשטע שטראַלן האָבן שוין מונטער און האָפנונגספול געטאַנצט אויף די ווענט פון זייער שלאָפצימער און אים פרייליך און גוטהאַרציג באַגריסט...

מיט אַ שפּרונג איז ער צו צו זיין קאַמעראַדס בעט און האָט זיך גענומען אים טרייסלען און האַסטיג וועקן פון שלאָף.

איבער חיים יענקלס ליים־געלן פּנים, וועלכער האָט אין מאָרגן־ליכט אויסגעקוקט ווי אַ טויטע, פאַרגליווערטע מאַסקע, איז דורכגעלאָפן אַן אומגעדולדיגער נערוועזער ציטער.

די נאַכט האָט אויך מיט אים רחמנות געהאַט און האָט אים געשענקט אַ מידן שלאָף מיט אַ שיינעם חלום...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַנגעשטעלט אויף באַגאַבאַרעצן אַ פּאָר נאָך צוזאַמענגעקלעפּטע אויגן, אַז ער האָט דערזען פאַר זיך דעם

מאַן פון דער פרוי, וועלכע איז געווען זיין שיינער טרוים, האָט זיך זיין קערפּער דערשראָקן אַ וואָרף געטאָן אין בעט...

— שטייט אויף, מיין פריינד! איך האָב אייך עפּעס וויכטיגעס צו דערציילן — האָט אים געוועקט דער מאַן, אָבער מיט אַ ציטערנדער, אים אומבאַקאַנטער שטימע.

חיים יענקל האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, האָט צעריסן די פאַר־קלעפּטע אויגן און האָט זיך אַרומגעקוקט.

— אַלץ איז געווען נאָר אַ חלום! — ער האָט דערפילט אַ בלייערנע שווערקייט אין קאָפּ און אין אַלע אבֿרים, און די אויגן האָבן געשטרעבט צו פאַרמאַכן זיך.

— וואָס פאַר אַ רוח האָט אייך אויפגעוועקט אַזוי פרי? — האָט ער אים געפרעגט בייז און גראָב.

— טוט זיך אָן! — האָט אים געאײַלט דער איבער זיין בעט געבוי־גענער מאַן מיט אַ פאַרכאַפּטן, שווערן אָטעם.

דער קונסט־קריטיקער האָט אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און האָט זיי ברייט געעפנט.

און דער, וועמען ער האָט פאַר זיך דערזען, האָט אים נאָך מער איבער־געשראָקן.

ער האָט פאַר זיך דערזען אַן אַנדערן מענש מיט אַ פרעמדן און אים אומבאַקאַנטן אויסדרוק אויפן פּנים.

דער פאַרגליווערטער צער פון אַ געקרייצטן נוצרי איז פאַרשוואונדן.

איצט האָט זיך אין דעם פּנים געלויכטן דער שטילער און גליקלעכער עקסטאַז פון אַ געזעגנטן, די שטראַלן פון אַ רוח הקודש.

ער איז געשטאַנען איבער אים און האָט צו אים געשמייכלט מיט אַ שטיל פלאַטערנדער פרייד פון אַ געהייליגטן און דערלייזטן אויף די ליפּן און אין זיינע צוויי גרויסע, שוואַרצע אידישע אויגן.

און הינטער אים אויף דער וואַנט האָבן שטיל געפלאַטערט די ערשטע זונען־שטראַלן.

— וו' טשאַם דיעלאָ? (וואָס איז?) — האָט אים דער איבערגע־שראָקענער חיים יענקל געפרעגט.

— שטייט נאָר גיכער אויף, מיין טייערער פריינד! — האָט זיך שוין ביי אים געבעטן באַגאַבאַרעץ מיט אַ לאַסקענדער ווייכער שטימע פון אַ פידל, וועלכער ווערט אָנגעצויגן און פאַרשפּרעכט צו דערציילן אין מוזיק אַ האַרץ, אַ נשמה... — זייער אַ וויכטיגע זאַך.

חיים יענקל האָט דערזען, אַז אַ פיבער שוידערט דעם קערפּער פון דעם מאַן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס פון בעט און זיך געכאַפּט אָנטאָן. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט און זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט אין דעם פּנים און אין דער גאַנצער ציטערנדער און געבויגענער געשטאַלט.

— איר קענט דאָך מיר זאָגן!

באַגאַבאַרעץ האָט געכאַפּט אַ קוק אויף די צעוואָרפענע און צעקנייטשטע געלעגערס... דער ליכטנדער פּנים האָט זיך אויף אַ רגע פאַרוואָלקנט.

— דאָ קאָן איך ניט. טוט זיך אָן און קומט מיט מיר אין צווייטן צימער. איך וועל דאָרט אויף אייך וואַרטן.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף אים וואַרטן מיט צעשרויפּטע, ציטערנדע טריט.

חיים יענקל האָט שנעל, מיט ציטערנדע הענט אַרויפגעצויגן אויף זיך די הויזן און האָט אָנגעטאָן איין שוך.

אַן אומהיימלעך קלעמנדעס געפיל האָט אים אָבער ניט געלאָזט אַנטאָן דעם צווייטן שיך און האַלטנדיג אים אין דער האַנט איז ער אַרויסגעשפּרונגען צו זיין פריינד אין צווייטן צימער.

דאָס צימער איז מיט אַלע זיינע פענצטער געווען געווענדט צו מזרח זייט און איז שוין איינגאַנצן געלעגן אין ליכט פון אַ העלן זונען־אויפגאַנג און אין מיטן פון דעם העלן ליכט איז געשטאַנען באַגאַבאַרעץ, אַן אויס־געגלייכטער און אויך אַ לייכטנדער.

— זאָגט מיר, איר ווייסט וואָרים שוים טראָגט זיך אויפן וואַסער, האַ? — האָט אים געפרעגט באַגאַבאַרעץ מיט אַ שטילן, גליקלעכן שמייכל פון אַ וואַנזיניגן.

די אומגעוויינלעכע פראַגע און דער שטילער וואַנזיניגער שמייכל האָט חיים יענקלען אויפגעשווידערט.

פון שרעק האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם שוך פון דער האַנט און ער איז אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד מיט אַ שווערן, הילכענדן קלאַפּ.

דאָס וואָס ער האָט דערוואַרטעט, פאַר וואָס ער און מאַרוסיאַ האָבן די גאַנצע צייט אָנגסטלעך געציטערט — איז געשען!...

דער פרעמדער, אים אומבאַקאַנטער אויסדרוק פון אַ שטילן און גליק־לעכן עקסטאַז, דער פיבערהאַפטער ציטער פון אַלע זיינע אברים, די מאָדנע פראַגע; אַלעס אין דעם מאַן זיינען געווען סמנים פון אַ שטילן וואַנזין.

חיים יענקלס איבערגעשראָקענע אויגן האָבן, ווייזט אויס, אים מיטאַ־מאָל אויך איבערגעשראָקן.

דער גליקלעכער שמייכל האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן. דער שטראַלנדער פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט מיט אַן אַנגעלאָפענער זאָרג.

אינסטינקטיוו האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע.

אַזוי ווי ער וואָלט מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט אין קאָפּ דעם נייעם אמת, וואָס האָט זיך דאָרט געלויכטן און האָט אים אַזוי פרי אויפגעוועקט פון שלאָף.

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פריינד, האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט

אויפן אקסל און האט זיך גענומען מיט א פיבערהאפטער אומגעדולט און מיט דעמזעלבן גוטן הייליגן שמייכעלע אים איבערגעבן דעם אמת.

— הערט! א מערקווירדיגע זאך דאס איז... אזוי ווי אן אינטואיציע פון אויבן וואלט געקומען איבער מיר אין שלאף און האט באלויכטן מיין מוח. די זאך איז דאך אזוי קלאר און פשוט. דאס אלעס איז דאך שוים... ברודיגער שוים... וועלכער טראגט זיך אויף דער אויבערפלאך פון א גרויסן לעבנסשטראם... איר פארשטייט? — האט ער געפרעגט חיים יענקלען אריינקוקנדיג אים טיף אין פנים אריין. — איך שטיי שוין א יאר פאר דעם שוים. איך פלאג מיך און קאן עס ניט באגרייפן. איצט אין שלאף האב איך עס מיטאמאל פארשטאנען... אזוי ווי א רוח הקודש וואלט עס מיר דערקלערט. שוים! בלויז שוים! און אונטערן שוים לויפט דאך דאס ריינע וואסער. איר פארשטייט, מיין פריינד? ריין, זויבער וואסער! — האט ער אים שטיל איינגערוימט אין אויער און האט זיך אליין אנטציקט צעלאכט פון דעם גרויסן סוד, פון דער גרויסער און גליקלעכער אנטדעקונג וואס ער האט געמאכט.

— גאט איז מיט אייך, באנאבארעץ! — האט אויסגעשריגן ניט מיט זיין שטימע דער אויף טויט איבערגעשראקענער שומר זיינער.

די שטימע און דער אויסדרוק פון זיין פריינד האבן אים נאכאמאל איבערגעשראקן, נאך מער ווי פריער.

דער שטילער וואנזיניגער עקסטאז האט זיך ווידער אויסגעלאשן אויף זיין פנים. ער איז מיטאמאל געווארן בלייכער ווי תמיד, אזוי ווי דאס גאנצע בלוט וואלט פארשוואונדן. די האנט זיינע האט זיך נאכאמאל אינסטינקטיוו און אנגסטלעך געכאפט ביים קאפ.

אנגעטריבן פון דעמזעלבן פחד, וועלכער האט פארכאפט און געשווידערט זיין פריינד, האט ער זיך גענומען שפאנען איבערן צימער.

דער פחד איז אבער באלד ביי אים פארשוואונדן.

דער אמת, וועלכן ער האט אנטדעקט און וועלכער האט איצט באלויכטן זיין נשמה, דאס לעבן ארום אים און די צוקונפט איז געווען אזוי האנדגרייפיג און וויכטיג פאר אים, האט אים אנגעפילט מיט אזא זיכערהייט און מוט, אז ס׳איז אין דער נשמה שוין ניט געווען קיין פלאץ פאר פחד און אנדערע קליינע געפילן...

— מיינט ניט, אז איך בין משוגע, אדער וואס — האט ער זיך ווידער געווענדט צו חיים יענקלען. — מיין מוח פונקציאנירט געזונט און נארמאל און אז איר ווילט איז דאס סך הכל א לאגישער פראצעס. דער שוים איז דאך תמיד גרינגער פון וואסער דערפאר טראגט ער זיך פון אויבן און וואס דער שטראם איז שנעלער און מעכטיגער, איז דער זידיגער שוים אלץ קויטיגער.

ביי די ווערטער האט ער געכאפט א טיפן אטעמצוג און פארטגעזעצט:

— נעמט צום ביישפיל דעם שטראם פון דער פראנצויזישער רעוואָ-

לוציאָן. אויף זיין אויבערפלאַך האָט זיך געטראָגן אַזאַ קויטיגער שוים ווי מאַראַט, ראָבעספיער און דאַנטאָן, דער קויט פון דער מענשהייט, עגאָאיסטן אָן ליבע און מיטלייד פאַר זייערע מיטמענשן, גרויזאַמע און בלוטיגע אומ־מענשן, צו וועלכע עס באַלאַנגט הויפּטזאַכלעך נאַפּאָלעאָן. מענשן מיט געוויסן, ליבע און מיטלייד מיט זייערע מיטמענשן טראָגן זיך ניט אויף דער אויבערפלאַך פון דער געשיכטע. זיי טוען זייער פליכט אין דער שטי־לער טונקלקייט און שטרעבן ניט צו הערשן איבער אַנדערע... אויף דער אויבערפלאַך קומען נאָר די, וועלכע זיינען די לייכטסטע אין געוויסן, מאָראַ־ליש אינהאַלטסלאָזע און פאַרדאָרבענע; קורץ, דער שוים, דער פּסולת פון דער מענשהייט זיינען עס די הערשער און טיראַנען פון לעבן. דאָס זעלבע איז דאָ. דאָס אַלעס, וואָס קאָכט זיך און ליאַרעמט, אַ מילמאַן, אַ וואַסער־שטראָם, דער סטאַר און אַלע פאָלקס־פירער און מאַכער זיינען אויך ניט מער ווי דער בורדיגער און קויטיגער שוים. דאָס פּסולת פון אידישן פאָלק. און איך האָב זיי אָנגענומען פאַרן אידישן פאָלק אַליין. וואָס פאַר אַ טעות דאָס איז געווען! כאַ, כאַ, כאַ! — און באַגאַבאַרעץ האָט זיך גליק־לעך מיט אַ גרויסער קינדערשער פרייד צעלאַכט איבער זיין אייגענעם טעות און האָט באַלד מיט פאַרגלאָצטע, וואַנזיניגע אויגן איינגערוימט זיין פריינד אַ צוויטן סוד:

— איצט וועל איך גיין צום פאָלק אַליין! איר פאַרשטייט? איך האָב עס ביז איצט ניט געזען, דאָס פאָלק. דער בורדיגער שוים האָט עס פאַרדעקט, פאַרשטעלט פון מיינע אויגן. איצט, אַז איך פיל אַזאַ העל־ליכט אין מיין נשמה. אַ, ווען איר זעט, מיין פריינד, וואָס דאָרט קומט פאָר! איך ווייס נאָך אַליין ניט וואָס דאָס ליכט איז... איך פיל עס אָבער אין אַלע אברים, אָבער מיטן שכל פאַרשטיי איך עס ניט. ווער ס'האָט אָבער ליכט אין דער נשמה, דער דאַרף זיך מיט דעם טיילן מיט זיין פאָלק, מיט זיינע ברידער, ניט אַזוי, מיין פריינד? — האָט ער געענדיגט שטיל, כמעט מיט אַ שעפּטשען און איז פאַרגליווערט געוואָרן מיטן שמייכל אויף די ליפּן און מיט דער גרויסער און שטילער פרייד אין די אויגן, באַ־לויכטן פון העלן זונען־אויפגאַנג און פון ליכט פון אַ שטילן עקסטאַז און אמת, וועלכן ער האָט אַנטדעקט און וועלכער האָט אין אים געשפּרודלט ווי אַ טיפער און מעכטיגער וואַסערקוואַל און האָט זיך געריסן צו דער אויבערפלאַך.

און דער קונסט־קריטיקער האָט שוין איצט ניט געקלערט וועגן זיין פריינדס גייסטיגן צושטאַנד.

דער שרעק וואָס האָט אים צוגעקאָוועט צו זיין אָרט איז אויך מיטאַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן.

ער איז געשטאַנען ווי אין אַ חלום און האָט אַרויפגעקוקט צו דעם שטראַלנדן פּנים מיט דעם קינדיש־גליקלעכן און נאַיוון שמייכל אויף זיינע בלייכע ליפּן און האָט זיך געטראַכט:

— וואו און אין וועלכן מוזעאום האט ער געזען א קריסטוס געמאלן מיט אזא הייליג פנים, מיט אזא נאיוון שמייכל אויף די ליפן ? וועלכער מאלער האט עס אים אזוי אויפגעפאסט ?

מיטאמאל האט ער פארשטאנען די וואנזיניגע ליבע פון דער שיינער און אידנהאסנדער קריסטין צו דעם לאנגן, סוטולעוואטן אידן : דעם גאנצן טראגישן צויבער זיינעם איבער איר נשמה.

מענשן מיט אזא צויבער שאפן רעליגיאנען און לאזן אויף אייביג הינטער זיך לעגענדן.

און וואס מער ער האט געקוקט אויף אים, אלץ מער איז די ווירקלעב־קייט איבערגעגאנגען אין לעגענדע ; אלץ מער האט באנאבארעץ זיך פאר־וואנדלט אין זיינע אויגן אין א הייליגן.

און אין זיין ברוסט אליין האט מיטאמאל אויפגעפלאקערט א באגער צו דעם מאן, כמעט דערזעלבער לייבלעכער באגער, וואס ער האט געהאט צו זיין שיינער פרוי.

ווי צו איר האט אים דער באגער איצט געטריבן אים ארומנעמען, דריקן צו זיין ברוסט און באדעקן דעם שיינעם, שטראלנדן און צארטן פנים מיט באנערנדע קושן.

די קאטוילישע פרוי

א בריוו פון א קאטוילישע פרוי, וועלכער האט זיך גלייכצייטיג אפ־געדרוקט אין עטלעכע ענגלישע צייטונגען האט אויפגערודערט דאס קריסט־לעכע פובליקום פון דער ריזנשטאט.

די פרוי האט געשוואוירן ביי דער דריי־אייניקייט און ביי אלעם היי־ליגן אויף דער וועלט, אז יעזוס קריסטוס איז דערשינען צוריק אויף דער זינדיגער ערד. מיט אירע אייגענע אויגן האט זי אים נעכטן געזען פרעדיגן צום פאלק איזראעל שטייענדיג אויף א באנק אין העטמער פארק.

— דער הייליגער גייסט — האט געשריבן די פרוי, — וועלכער האט געשטראלט פון זיין פנים האט מיך ארייינגעווארפן אין א הייליגן שווידער. מיינע קני האבן זיך ארונטערגעלאזט פארן דערלייזער. איך האב אויס־געשטרעקט מיינע הענט צו אים צו קריגן א ברכה. פלוצלינג אבער האבן די אידן געמאכט א ליארם. זיי האבן אים אראפגעווארפן פון דער באנק און זיינען געווען גרייט אים צו פארשטיינערן . זיינע נאכפאלגער האבן זיך געווארפן צו זיין שוץ און זיך פאר אים אנגענומען. דער סוף איז געווען, אז ס'איז געקומען צו א געשלעג. ס'איז אנגעלאפן די פאליציי און מ'האט אים, דעם דערלייזער, ארעסטירט און ברוטאל אפגעפירט אין פאלים סטעישאן.

מיט אן אויפגערעגטן און עמפערטן קאטוילישן געוויסן האט זי זיך געווענדט צום רעדאקטאר און צו אלע גלויבנדע קריסטן, אז מ'זאל זען, אז די פאליציי זאל אים באלד באפרייען און מ'זאל קענן אים ניט באגיין די גרויסע

זינד, וואָס די זינדיגע מענשהייט און דאָס פאָלק איזראַעל איז שוין איינ־מאָל אנטקעגן אים באַגאַנגען.

די צייטונגען האָבן אָפּגעדרוקט דעם בריוו ווי אַ סענסאַציאָנעלן קוריאָז און ווי זיי דרוקן יעדן בריוו.

דער וואָנזיניגער בריוו אָבער פון דער קאַטוילישער פרוי האָט אַזוי אויפגערודערט זייערע לעזער, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן טעלעפאָנירן אין די רעדאַקציעס און פאַרלאַנגען אינפאָרמאַציע, צי די געשיכטע איז ריכטיג, צי ס׳האָט עפּעס ענלעכס איבערהויפּט פּאַסירט, אָדער די פרוי ליידט פון רעליגיעזן וואַנזין.

נאַטירלעך האָבן די צייטונגען זיך באַלד אינפאָרמירט איבער דעם ביי דער פּאָליציי און אויפן נעכסטן טאָג האָבן זיי אָפּגעדרוקט אַ סטעיט־מענט פון פּאָלים קאָמישאָנער פון ניו יאָרק, אַז אַזאַ אַרעסט איז יאָ פאָר־געקומען אויף דער איסט־סייד, אָבער דער באַטרעפנדער מאַן, וועלכן די קאַטוילישע פרוי האָט אויפגענומען אַלס דעם אויפגעשטאַנענעם דערלייזער, איז דער באַרימטער רוסישער פּאָעט באַגאַבאַרעו, מיט וועלכן די פּאָליציי האָט שוין פון לאַנג אָן אומאויפהערלעכן טראַבל*). אָן לייסענס**) פּרעדיגט ער אין די גאַסן און אין די פּאַרקס פון דער איסט־סייד. זיין דערשיינען דאָרט זאַמלט באַלד אַרום זיך אַ גרויסן עולם. זיינע פלאַמנדע רעדעס באַליידיגן די רעליגיעזע געפילן פון די אידישע בירגער און רופן אַרויס פּראָטעסטן, אַ גאַסנפּאָלעמיק און שטערן די געזעלשאַפטלעכע אָרד־נונג. נעכטן האָט ער אַרויסגערופן אין העסטער פּאַרק אַ געשלעג און די פּאָליסלייט זיינען ענדלעך געווען געצוואונגען אים צו אַרעסטירן. אין איינינע שטונדן אַרום איז אָנגעלאָפן זיין פרוי און איר פאָטער, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אַ רוסישער גענעראַל און גובערנאַטאָר. אַזוי ווי דער מאַן וועט זיך פאַרפליכטן, אַז ער וועט מער ניט שטערן די געזעלשאַפט־לעכע אָרדנונג און ניט פּרעדיגן אין די גאַסן, וועט אים די פּאָליציי אַרויס־לאָזן. די באַהויפּטונג פון דער קאַטוילישער פרוי, אַז די פּאָליציי האָט אים באַהאַנדלט ברוטאַל, איז לויט דעם קאָמישאָנערס אויספאָרשונג אַ פאַלשער סטעיטמענט.

דער סטעיטמענט האָט די קוריאָזיטעט און די סענסאַציע ניט אָפּ־געקילט.

די לעזער האָבן אָנגעהויבן שרייבן בריף און פאַרשיטן די רעדאַקציעס מיט פראַגן וועגן דעם באַרימטן רוסישן פּאָעט, ווי לאַנג און וואָס האָט ער געשריבן און צי זיינע ווערק זיינען איבערזעצט אין ענגליש.

באַלד האָבן רעפּאָרטערס אָנגעהויבן צו קלינגען אין קאָטעדזש ביים ים. מאַרוסיאַ איז אינדערהיים ניט געווען.

דער פּחד פאַר אַ קאַטאַסטראָפע איז שוין אין איר אויסגעוואַקסן אין

*) צרות.
**) דערלויבעניש.

א פלאַגענדן געשפּענסט, וועלכעס האָט דער אומגליקלעכער פרוי אויפגע־הויבן פון קראַנקן־בעט און געטריבן צו אים, אום צו זען, אַז מ׳זאָל אים באַפרייען.

די רעפּאָרטערס האָט עמפּאַנגען דער קאַמערהער, וועלכער האָט געמוזט רופן צוהילף די רוסישע דינסט, וואָס איז שוין געווען צען יאָר אין לאַנד, ווייל ער האָט אַליין קיין ענגליש ניט פאַרשטאַנען.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס בילד פון דעם מאַן, וועלכער איז פאַר דער קאַטוילישער פרוי דערשינען אַלס דער אויפגעשטאַנענער קריסטוס. געווען אָפּגעדרוקט אין די גרעסטע ענגלישע צייטונגען מיט קורצע אייַנצל־הייטן פון זיין ביאָגראַפיע.

צי ס׳איז געווען די פאָלגע פון שלעכטן ענגליש, אין וועלכן די דינסט האָט איבערגעגעבן די רייד פון קאַמערהער, אָדער די טייוולשע כונה פון דעם שווער אַליין, וועלכער וואָלט זיך געפרייט ווען די פאַראייניגטע שטאַטן וואָלטן אַרויסגעשיקט דעם פאַריקטן איידעם זיינעם פון אַמעריקע אַלס אַ משוגענעם און וואָלט געמאַכט אַ סוף צו זיינע פאַמיליען־צרות — דער רעזולטאַט איז געווען דער, אַז זיין סטעיטמענט האָט געוואָרפן אויפן רוסישן דיכטער אַ שיין פון צווייפלהאַזן וואַנזין.

אַז מאַרוסיאַ האָט זיך באַקענט מיט זיין סטעיטמענט איז צווישן איר און דעם פאָטער געקומען צו אַ שטורמישן געשפּרעך: צום שטורמישסטן אין זייער לעבן.

דער קאַמערהער איז געוואָרן בלוי פון ענטריסטונג איבער די ביטערע ווערטער, וואָס די טאָכטער האָט אים געשליידערט אין פּנים אַריין. ער האָט מיט כעס געקלאַפּט מיטן שטעקן אין דיל און האָט זיך אַזוי פאַרבלי־נעט מיט זיין כעס, אַז ער האָט שיער ניט באַקומען אַן אַפּאָפּלעקסיע.

אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער באַפוילן דער דינסט צוזאַמענ־פּאַקן זיינע זאַכן און האָט פּאַטעטיש דערקלערט, אַז ער פאָרט אַהיים מיטן נעכסטן שיף.

מאַרוסיאַ האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן, פאַרקערט, האָט אים געהייסן פאָרן.

דאַן איז ער מיטאַמאָל געוואָרן ווייך און אונטערטעניג ווי אַ געשלאָ־גענער הונט.

מאַרוסיאַ האָט זיך דערביי ניט אָפּגעשטעלט און האָט אין אַ לאַנגן בריוו, פאַרפאַסט פון חיים יענקלען, פּראָטעסטירט קעגן איר פאָטערס סטעיטמענט און האָט געגעבן איר אייגענע באַלויכטונג פון דעם דיכטערס לעבן און טראַגעדיע.

די צייטונגען האָבן עס באַלד געדרוקט, איינע פון זיי האָט באַגלייט מאַרוסיאַס בריוו מיט אַן עדיטאָריעל און דער אַמעריקאַנער לעזער האָט עס אויפגעכאַפּט ווי אַ סענסאַציע.

איינינע פראָווינציעלע צייטונגען האָבן די סענסאַציע מיטן בילד פונם דיקטאָר איבערגעדרוקט.

אין פאַרלויף פון א וואָך איז דער נאָמען באַגאַבאַרעץ געווען באַקאַנט דעם גרעסטן טייל פון לעזענדן אַמעריקאַנישן פּובליקום און מאַרוסיאַ האָט אָנגעהויבן באַקומען פאַרשלעגע פון פאַרלעגערס, אַז זי זאָל זיי פאַרקויפן דאָס רעכט צו איבערזעצן און צו דרוקן איר מאַנס ווערק.

און אין דער צייט, ווען די ענגלישע פּרעסע און אירע לעזער האָבן זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט אים און מיט זיין טראַגעדיע, האָבן די אידישע צייטונגען זיך דערויף מיט קיין נאָטיץ ניט אָפּגערופן.

באַגאַבאַרעץ איז געווען א נאָמען, פון וועלכן דער אידישער לעזער האָט מער ניט באַדאַרפט הערן.

מ'האָט זיך אָפּגערעדט, אַז מ'זאָל דעם נאָמען מער ניט רעקלאַמירן.

און נאָך א מענש האָט ניט געהאַט קיין אַנונג פון דער סענסאַציע, וועלכע עס האָט זיך אויפגעהויבן אַרום דעם נאָמען.

דער מענש איז געווען באַגאַבאַרעץ אַליין.

דער מגיד פון העסטער פּאַרק

דער אַרעסט איז געווען פאַר באַגאַבאַרעצן דער ערשטער שטויס, וועלכער האָט אים אָנגעוויזן אויפן וועג פון זיין צוקונפט. דאָס איז געווען דער וועג פון א פאַרפאָלגטן און א מאַרטירער. ער האָט דעם וועג דערזען פאַר זיך פּלוצים, אַזוי ווי א רוח הקודש וואָלט אים געעפנט די גייסטיגע אויגן אויף דעם וועג, ווי דערזעלבער רוח הקודש האָט אים אין שלאָף אַנט־פּלעקט דעם אמת וועגן דעם שוים פון לעבן...

דעם ערשטן זיסן טעם האָט ער דערפילט ווען דער „בעל דרשן" איז אים פאַרן אַרעסט באַפאַלן אין העסטער פּאַרק מיט זלזולים און געבייליטע פויסטן און האָט צעריסן אויף אים די קליידער. און אַז א מאַן האָט אים פאַרשטעלט פון זיינע קלעפּ, האָט ער אים אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין.

דאָס איז געווען א טרעמפּ מיט א מויל פוילע און שוואַרצע ציין און איינער פון די שטענדיגע באַזוכער פון העסטער פּאַרק. ער פּלעגט קומען תמיד א שכורער, מיטן געצייג פון א סטאָליער אונטער דער האַנט.

זיין דערשיינען פּלעגט באַלד זאַמלען אַרום זיך א נייגעריגן עולם פון „סלעקערס"*) און ווייבער און דאַן פּלעגט ער אָנהייבן זיינע דרשות מיט א ניגון און אויסשפּראַך פון א ליטווישן בעל־דרשן.

מיט מיאוסע און עפּילעפּטישע גרימאַסן אויפן געגאָלטן, און געשוואָ־לענעם פון שכרות פּנים, פּלעגט דער נפש אָנהייבן שיטן מיט פּסוקים און גמרות, וועלכע פּלעגן זיך ניט קלעפּן א וואָרט צו א וואָרט. זיין ליבלינגס־טעמע איז געווען הלכות נשים און דאָס מויל מיט די פוילע ציין פּלעגט זיך ווענדן צו די ווייבער מיט די שמוציגסטע רייד, און אָטעמען מיט אַן עקל־

*) ליידיג גייערס.

האפטן ריח פון א קלאאקע. די מענער פלעגן שמוציג און צופרידן הירזשען פון די קויטיגע דרשות פון דעם טרעמפּ און גאפן פון זיין למדות.

און אז דער ליטוואק פלעגט אויסציען די האנט און מיטן זעלבן ניגון און עפּילעפּטישע גרימאסן בעטן, אז מ׳זאָל אים עפּעס שענקען, פלעגן די פּנימער פון די אַלע פּראָסטע און גוטע עמי הארצים אין העסטער פּאַרק ווערן מיטאמאָל רחמנותדיג ערנסט, די הענט זייערע פלעגן זיך פּיבערדיג ציען צו די קעשענעס און א רעגן פון פּענים און ניקלס איז געווען דער שכר פאַרן ליטוואקס דרשה.

די פּענים פלעגט ער פאַרטרינקען אין ערשטן שיינק אויף זיין וועג און אין א פּאָר שטונדן ארום פלעגט ער קומען צוריק, נאָך מער באַטרונקען און שוין דרשנען פאַר נייע סלעקערס.

אז באַנאַבאַרעץ אָבער האָט אַנגעהויבן אין העסטער פּאַרק רעדן מיטן פאָלק, האָבן זיי דעם ליטוואק באַלד אוועקגעשטעלט אין א זייט.

דער בעל דרשן האָט דערפילט אין דעם הויכן סוטולעוואַטן מאַן א געפערלעכן קאָנקורענט און האָט זיך גענומען אונטערבּרעכן זיינע רעדעס, אים אטאַקירן צוערשט מיט פּסוקים און גמרות און דערנאָך מיט זלזולים. דאָס האָט דאַן געבראַכט צום געשלעג אין וועלכן באַנאַבאַרעץ איז שיער ניט צעטרעטן געוואָרן, און צו זיין אַרעסט.

א מערקווירדיג געפיל האָט דאַן אין אים ארויסגערופן דער שפּיי פון דער מיאוסער, קויטיגער בריאה, א געפיל פון הימלישער פרייד און גליק־זעליקייט...

ער האָט דעם שפּיי ניט געוואָלט אָפּווישן פון פּנים, אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען ניט קיין קויטיגע פייכטקייט פון א מיאוס און פויל מויל, נאָר דער הייליגער זאַלב פון מלכים און נביאים ארויפגעלייגט פון א כהן גדול האַנט.

און אז די שווערע האַנט פון גרויסן פּאָליסמאַן האָט זיך ארונטער־געלאָזט אויפן אַקסל פון שוואַכן און זאַנפטן מאַן און האָט אים ברוטאַל א שלעפּ געטאָן מיט זיך אין פּאָלים־סטעישאָן אונטער דעם ליארם און ווילדן חוזק פון די לויפערס, האָט די ברוטאַלע האַנט מיטאַמאָל אים אַנגעוויזן אויף זיין שיקזאַל און זיין וועג... און ער האָט אים באַטרעטן מיט דער טרויעריגער פרייד פון א געזאַלבטן... מאַרטירער...

און אויפן וועג צום פּאָלים־סטעישאָן און דאָרט אַליין האָט ער שוין ניט געטראַכט ניט פון זיך און ניט פון זיין דערנידערונג.

ער האָט זיך געזאָרגט פאַרן בעל דרשן, וועלכן מען האָט צעבלוטיגט און צעטרעטן אין געשלעג גלייך מיט אים.

פון פּאָלים־סטעישאָן

פון פּאָלים־סטעישאָן זיינען זיי ארויסגעגאַנגען אין פירן: באַנאַבאַרעץ און מאַרוסיא, חיים יענקל און דער עקס־גובערנאַטאָר און האָבן זיך געלאָזט

גיין איבער די ברויזנדע גאסן פון דער ריזנשטאט, וועלכע האט זיך שוין געבאדן אין עלעקטרישן ליכט.

באלד האט חיים יענקל גענומען דעם עקס־גובערנאטאר אונטער ארעם:

— קומט, לאמיר זיי לאזן אליין.

דער גובערנאטאר האט אויפגעציטערט, האט אים צוגעווארפן א דאנק־בארן בליק און ביידע זיינען באלד פארשוואונדן אין א זייטגאס.

באגאבארעץ און מארוסיא זיינען געבליבן אליין.

פאר דער גאנצער צייט זינט זיי האבן זיך צעשיידט האט זי אים געזען א פאר מאל אבער נאר פונווייטן. דאס האט איר גוטער פריינד חיים יענקל אראנזשירט. ער האט אים געבראכט צו א באשטימטער שטונדע אין א פארק אויף דער צווייטער עוועניו און מארוסיא האט אויף אים אומ־באמערקט געקענט קוקן פון א ווינקל.

א מעלאנכאלישער לופט־קוש מיט א טרויעריגן שמייכל איז געווען זיין שכר פאר יעדן ראנדעוואו.

איצט איז זי ווידער געגאנגען נעבן אים, אבער א שטומע, מיט אן ארונטערגעלאזטן קאפ פון א פארשעמטער און פארלאזענער.

א שימערנדע און ציטערנדע האפנונג האט זיך געראנגלט אין איר ברוסט, מיט א טיפער פארצווייפלונג... ווי דאס עלעקטרישע ליכט פון די רעקלאמעס איז די האפנונג אויפגעפלאקערט און אויסגעלאשן געווארן...

ביי דער דורכקרייצונג פון א סטריט האט זי געמאכט אן אינסטינקטיווע באוועגונג אים צו כאפן אונטער דעם ארעם. דער נאך נאגנדער און גע־קרענקטער שטאלץ פון דער באליידיגטער פרוי האט זי אבער דערפון מיטאמאל אפגעהאלטן און זי האט זיך מיט א שווידער פארכאפט...

פון אלע זייטן זיינען געלאפן קלינגענדע טראמווייען, רוישנדע אויטא־מאבילן ווי מארנע, ווילדע און פארשאלטענע באשעפענישן.

נאך א טריט און א קאר וואלט אויף אים ארויף, אים אפגעריסן פון איר אויף אייביג און אים צעריבן...

זי האט אויסגעשריגן און אים ביי דער האנט אנגעכאפט אן איבער־געשראקענע אויף טויט, און מיט אן אפגעשטעלט הארץ.

ער האט זיך אפגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן פנים און איר געדאנקט מיט א גוטן, זיסן שמייכל...

איצט האט זי ווידער געקענט נאענט אים קוקן גלייך אין פנים אריין, וועלכער האט אין עלעקטרישן ליכט געשטראלט אויף דער זינדיגער ערד, ווי א גוטער וואנדערנדער מלאך, ווי א הייליגער...

א גרויסע, העלע פרייד האט זי ארומגעכאפט, א פרייד וואס מ'איז אים ניט איבערגעפארן, א פרייד מיט דעם ליבן, שמייכלענדן פנים. די האפנונג האט אויפגעשטראלט און באלויכטן איר צוקונפט... זי האט מיטאמאל פארגעסן אין איר נאגענדן, געקרענקטן שטאלץ, אז דער איד האט זי, די רוסישע אריסטאקראטקע, פארלאזן און אפגעשליידערט איר ליבע.

זי האָט פּעסט גענומען זײַן האַנט אין אירער, ווי מ'נעמט אַ קינד און איז מיט אים אַריבערגעלאָפן דעם ברייטן וועג, וועלכער איז געווען פול מיט געפּאַרן פאַר זײַן לעבן...

אַז זי האָט אים געבראַכט אויף אַ זיכערן אָרט, און זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרסאַפּעטע מיט אַ הויך־באַוועגטער און פלאַטערנדער ברוסט, האָט זי זיך הויך צעלאַכט אַרײַנקוקנדיק אים אַזוי נאָענט אין פּנים אַרײַן, צו וועלכן אירע דורשטיקע ליפּן האָבן זיך געצויגן ווי צו אַ פרישן קוואַל.

לויפנדיק האָבן זיך צעוואָרפן אירע האָר און זי האָט געמוזט דאָ אין גאַס זיי צוזאַמענעמען.

זי האָט אַרונטערגענומען דעם הוט פון קאָפּ, האָט אים דערלאַנגט ער זאָל אים האַלטן, האָט אַרויסגענומען די האָר־נאָדלען און האַלטנדיק זיי אין מויל, האָט זי פאַריסן אירע ווייסע קליינע הענט איבערן קאָפּ און זיך גענומען מיט אַ שטיפעריש קלינגענדן געלעכטער באַפעסטיקן דאָרט דעם שווערן גאָלדענעם צאָפּ אירן.

דער געלעכטער האָט אַרויסגעוואָרפן די האָר־נאָדלען פון איר מויל. באַגאַבאַרעץ האָט זיך אָנגעבויגן און האָט זיך גענומען זיי צוזאַמענקלייבן אויף דעם באַלויכטענעם טראָטואַר.

מאַרוסיאַ האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט.

אַזאַ שיינע און פאַרצווייפלטע אומבאַהאָלפנקייט איז געווען אין דעם, ווי ער האָט זיך געבויגן און געקליבן די ביליגע האָר־נאָדלען...

פאַרבײַגייענדע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך גענומען נײַגעריק קוקן אויף דער לאַכנדער שיינהייט מיטן קאָפּ גאָלדענע האָר, וועלכער האָט אין עלעקטרישן ליכט געלויכטן, ווי אַ קרוין פון גאָלד.

די צינישע וואונקען און צווייִ־דײַטיקע שמייכלען פון די מענער האָבן זי אָבער מיטאַמאָל איבערגעשראָקן, זי האָט אַרויסגעכאַפּט דעם הוט פון זײַנע הענט און איז מיט אים שנעל אָפּגעגאַנגען.

* * *

באַלד זײַנען זיי געשטאַנען אויף איינע פון די רוישיגסטע ניו־יאָרקער גאַסן, וועלכע האָט זיך געצויגן אין העלן ליכט צווישן צוויי עלעוועיטערס.

פון ביידע זײַטן זײַנען געלאָפן די באַלויכטענע צוגן הין און צוריק און האָבן מיט זייערע בלאַסקענדע עלעקטרישע ליכטער אויסגעזען ווי הויך־פליענדע דראַקאָנען מיט אומצעליגע פײַערדיקע אויגן...

מאַרוסיאַ האָט זיך אַרומגעקוקט מיט באַוואונדערונג אויף דער פּאַנאָ־ראַמע, אויף דעם לוסטיגן בבל, וועלכער איז געלעגן ווייט צעוואָרפן אין אַ ים פון עלעקטרישן ליכט, האָט מוטיג און אויסגעלאַסן זיך געטומלט און געפרייט מיטן אָנגעפּאַנגענעם נאַכט־לעבן.

די אומצעליגע לאָמפּן האָבן ווי תּאוהדיגע אויגן געוואונקען און גע־טאַנצט אין דער וואַרעמער נאַכטלופט אין אַ ווילדן, פאַרשייטן טאַנץ פון זינדיגן באַגער און הייסער, שווידערנדער אויסגעלאַסנקייט.

א לוסטיגער באַגער האָט פּלוצים אַרומגעכאַפּט און גענומען שווידערן מאַרוסיאַס פאַרהונגערטן קערפּער.

מיט אַ ליידנשאַפטלעכן ריס האָט זי אים אין מיטן גאַס צוגעצויגן צו זיך, צום גליענדן און פלאַטערנדן קערפּער און האָט אים געקוקט אין פּנים מיט בעטנדע און דופנדע אויגן.

— קום אַהיים, מיין טייערער! — האָבן שטיל געשעפּטשעט אירע ליפּן אום גנאַד און רחמנות.

דער הייסער, דופנדער אָטעם אירער האָט אים איבערגעשראָקן און אויפגעשווידערט.

דער שמייכל אויפן פּנים האָט זיך אויסגעלאָשן און ער האָט באַפרייט זיין האַנט.

א ווײַלע איז ער געשטאַנען שטיל מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, ווי אין אַ שווערן אינערלעכן קאַמף מיט זיך אַליין. אָבער נאָר אַ ווײַלע! באַלד האָט ער געוואונען דעם זיג איבער זיך, איבער זיין תּאוהדיגן קערפּער און האָט זיך גענומען פון איר לאַנגזאַם דערווייטערן.

און זי איז געבליבן שטיין אַליין. ווידער אַן אָפּגעשליידערטע און אַ ציטערנדע פון אויפגעפלאַקערטן צאַרן, פון ווייטענדן און באַליידיגט־גע־קרענקטן פרויען־שטאָלץ.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן געלאָזט גיין צום עלעוועיטער אַהיים. אַ צוזאַמענגעבראָכענע, אַן עלנדע און אויף אייביג פאַרשטויסענע...

זי האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן דעם בריוו וואָס זי האָט געקריגן פון זייערע קינדער, געשריבן מיט זייערע קליינע אומבאַהאָלפענע הענטלעך.

א בריענדע בענקעניש און אַ פּחד האָט איר אַרומגעכאַפּט פאַר אים, פאַר דעם גרויסן אומבאַהאָלפענעם קינד, וועלכער איז אַוועקגעגאַנגען אַליין אין דעם קאָכענדן גיהנום; אַ פּחד, אַז דער גיהנום זאָל אים ניט איבערפּאָרן און איינשלינגען.

די מוטער האָט באַזיגט די שטאָלצע, באַליידיגטע פרוי.

מאַרוסיאַ האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי אַ פאַרוואונדעטע, וועלכע וויל און מוז באַוועלטיגן דעם שמערץ און איז אים נאָכגעלאָפן...

דעם גרוס פון די קינדער, וועלכן זי האָט אים איבערגעגעבן מיט אַ שטימע, וועלכע האָט געקלונגען און זיך געצאַפּלט מיט פאַרשטיקטע טרערן, מיט דערוואָרגענע ליידנשאַפט, האָט אים אויפגערודערט, פאַרקלעמט דאָס האַרץ און אַרויסגערופן טרערן אין זיינע אויגן.

דער זיג איבער זיך איז פאַרלוירן געגאַנגען...

ער האָט זי געכאַפּט אונטערן אָרעם און זי גענומען טוליען צו זיך, גרייט זי צו לאַסטשען, טרייסטן און בעטן ביי איר פאַרצייאונג.

דער ליאַרם פון דער סטריט האָט אָבער פאַרטומלט זיין שטימע. די

גוטע ווערטער זיינע. ער האָט זיך געקאָרטשעט ווי אַן איבערגעפּאַרענער און צעשניטענער.

ער האָט מיט איר פאַרקירעוועט אין אַ שטילערן זייטן־גאַס און נע־אַרעמט האָבן זיי זיך גענומען לאַנג וואַנדערן איבער די באַלויכטענע גאַסן פון דער ריזנשטאָט.

און באַלד האָט מאַרוסיאַס ציטערנדע שטימע איינגעשלונגען אין זיך דעם רויש און ליאַרם פון די גאַסן.

אין זיינע אויערן האָט זיך אַלעס צונויפגעגאָסן מיט איר ציטערענדן קלאַנג אין איין שרייענדן פּראָטעסט, אין איין ביטערן וויי־געשריי פון אַ ליבנדער און פאַרמוטשעטער פרוי און מוטער.

אַ דערשיטערטער און בלוטנדער איז ער געגאַנגען לעבן איר מיטן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ ווי אַ פאַרברעכער און פאַראורטיילטער.

זיי זיינען געגאַנגען צו אַ קליינעם פּאַרק, וועלכער האָט זיך אין דער האַלב־טונקלקייט געטוליעט צו אַ גאַטישער תפלה. די תפלה האָט אים אָפּגעשטעלט ווי אַ סלופּ אויף אַ שייד־וועג, ווי אַ וואָרנונג...

אַ ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען ווי דערשיטערט פון דער זעלבער וואָר־נונג און זיינען דאַן אַריין אין טונקעלן פּאַרק.

די נאַכבאַרשאַפט אַרום אים איז געוועזן אַ שטילע. דער טומל פון דער ריזנשטאָט פלעגט שוין דאָ אָפּשטאַרבן, ווי אַ ווייטער דערשטיקטער קרעכץ פון אַ פאַרמוטשעטן.

מיט אַ דערשטיקטן, פאַרמוטשעטן קרעכץ האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ באַנק און האָט זי צערטלעך צוגעצויגן צו זיין ברוסט.

פאַרשיידענע געפילן האָבן דאָרט געקעמפט, אַ גיהנום פון פּיין האָט געפלאַקערט אין דער ברוסט...

און זי האָט זיך גענומען דאַנקבאַר טוליען צו אים, לאַסקען אין דער האַלב־טונקלקייט זיין פּנים, די הענט, וועלכע האָבן זי ווידער פעסט געהאַלטן ווי אַמאָל, לאַסקען מיט געכאַפּטע און ליידנשאַפטלעכע קושן, אָטעמען אויף אים און אים בריען מיט אַ באַגערענדן און צאַפּלענדן אָטעם און שטיל וויינען און שלוכצן אויף זיין ברוסט פון דאַנקבאַרער פרייד און גליק...

און ווי אַ נעץ האָבן זיך אירע הייסע לאַסקעס געשפּונען און געפלאָכטן אַרום אים, איר הייסער אָטעם און שטילעס, באַגערנדעס פליסטערן האָבן אים באַרוישט און באַטרונקען דעם מוח ווי אַ שטאַרקער, אַלטער וויין. ער האָט ווידער פאַרלוירן דעם ווילן און מאַכט איבער זיך. דער קאַמף מיט זיינע שרעקלעכע ווייען האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי...

אָבער ניט אויף לאַנג!...

דער געדאַנק, אַז ער איז ווידער אין פלען פון איר ליבע, אַז דער שוין איינמאָל אויסגעפאָכטענער און געוואונענער קאַמף פון זיין גייסט מיט דער ערד און אירע קייטן, וועלכע די שיינע פרוי האָט ווידער געהאַלטן פאַר אים אָנגעגרייט אין אירע שיינע און צאַרטע לאַסקענדע הענט, אַז דער

קאַמף און מיט אים דער אַלטער לעבנס-פּלאַנטער וועט זיך אַנהייבן אויפסניי — דער געדאַנק האָט אים אויפגעשווידערט און אויסגעניכטערט.

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אויף זיין פּנים דעם שפּיי פון דעם „בעל דרשן" און האָט זיך דערמאַנט אין זיין באַרוף און אין זיין וועג...

ער איז אויפגעשפּרונגען פון באַנק און האָט זי פון זיך אָפּגעשטויסן ווייט און גראָב, אויף וואָס דער זאַנפטער מענש איז קיינמאָל ניט פעאיג געווען, מיט בייזע, כמעט צאָרנדיגע, ווערטער:

— פאַרשטעל מיר ניט מיין וועג, מאַרוסיאַ!

זי האָט אויסגעשריגן ווי אַ פאַרוואונדעטע פון דער אומדערוואַרטעטער באַליידיגונג און האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, ווי אַן אויסגעפּאַטשטע.

— אַ, אַ פלוך אויף דיין קאָפּ, דו זשיד! אויף דיר און אויף דיין פאַרפלוכטע אמונה... ווי מיין לעבן איז דורך אייך פאַרשאַלטן און צעבראָכן — האָט מער געקרעכצט ווי געפלוכט די אומגליקלעכע פרוי און מוטער.

און דער פאַרצווייפלטער געשריי מיט דעם שרעקלעכן פלוך האָבן אים צעריסן דאָס האַרץ אויף צווייען... ווי אַ מערדער, צוגעקאַוועט צו זיין קרבן האָט ער זיך שוין ניט געקענט רירן פון אָרט, גיין דעם וועג, וועלכן ער האָט זיך אויסגעקליבן.

און דער וועג איז אויך מיטאַמאָל פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן...

און אַז זי איז צו אים צוגעשפּרונגען ווי אַ ווילד-צערייצטער פּאַנטער און האָט אים מיט געביילטע פויסטן און קריצנדע ציין געפּרעגט: — זאָג מיר, וואוהין פירט דיין וועג? — האָט ער שוין ניט געהאַט קיין ענטפער!... ער האָט שוין אַליין ניט געוואוסט און ניט געהאַט וואוהין צו גיין.

איז ער דען ניט געשטאַנען ביים סוף און גרעניץ פון זיין לעבנס-וואַנדערונג? דאָס ליכט און דער אמת, וועלכער האָט זיך געלויכטן אין זיין נשמה, האָבן דער צווייפל און דער רחמנות צו דער שיינער און עלנדער פרוי און אירע קינדער צוריק אויסגעלאָשן. די צוקונפט איז געלעגן פינצטער פאַר אים, דאָס געבליבענע לעבן, אומנוטיג און איבעריג, דער לעבנס-פּלאַנטער ווי אַ שטיין-האַרטער קניפּ, וועלכן מ'האָט שוין ניט געקענט צעהאַקן.

אייניגע מינוטן זיינען זיי אַזוי געשטאַנען איינער פאַרן צווייטן אין האַלב טונקעלן און איינזאַמען פּאַרק ווי צוויי שטומע נאַכט-געשטאַלטן.

און מיטאַמאָל האָט ער צוגעטוליעט דעם קאָפּ צו דערזועלבער ברוסט, פון וועלכער ס'האָט זיך ערשט אַרויסגעריסן און זיך נאָך געוויכערט דער שרעקלעכער פלוך, וואו ס'האָבן נאָך געפלאַקערט דער האַס און צאָרן פון דער באַליידיגטער ליבע און האָט זיך צעוויינט, אומבאַהאָלפן און פאַרצווייפלט, ווי אַ קליין פאַרבלאָנדזשעט קינד צעוויינט זיך אין גאַס.

— אַ, מאַרוסיאַ, וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין לעבן? פאַרשטייסטו דען ניט, אַז איך קאָן אַזוי ניט לעבן? אַז איך מוז זיך אויספּלאָנטערן און

ארויסגיין אויף א נייעם וועג? און דער וועג האט זיך שוין געלויכטן פאר מיר... און איצט ביסטו ווידער געקומען און אלעס איז צוריק אויסגעלאשן. פינצטער ווי דער טיפער אפגרונט! וואס וועל איך טאן מיטן געבליבענעם לעבן אינם אפגרונט? — האט זיך געקלאגט אין שלוכצן דער פארבלאנדזשעטער מענש — לאז מיך אפ און איך וועל גיין אים ווידער זוכן... דעם וועג... איך וועל זוכן דעם נסיון און ער וועט מיר שוין ווייזן די צוקונפט...

— נעם מיך מיט! — האט זי געענטפערט דערויף מיט געשלאסענע ציין. מיט די ציין האט זי געוואלט פארשליסן דאס נייע, ווארימע און צאפלענדע, וואס דער ווייגענדער און טייערער האט צוריק אנגעצונדן אין דער חרובער און אויסגעברענטער נשמה... א שווערע לאנגע פויזע... לאנג ווי די אייביקייט... וועלכע האט געווארט אויף דער געבורט פון וועלט און לעבן... אין דער אייביקייט האבן זיי שוין ביידע געווארט אויפן נס פון ווידערגעבורט... אז א גוטע און רחמנותדיגע האנט זאל אנצינדן א שטראל און זיי באלייכטן דאס פינצטער לעבן...

און דער נס האט פאסירט! דער זייגער אויפן קלויסטער־טורם האט אנגעהויבן אויסצושלאגן שטונדן, לאנגזאם, מיט פויזן, מיט געדעמפטן און ווארנענדן קלאנג פון מעטאל... ווי א בת־קול האט דער קלאנג געווארנט.

ווי א באפעל האט זיי דער קלאנג ביידע אויפגעשווידערט, אנגעצונדן מיט גלויבן און הייליגן, שווידערענדן באגער און האט זיי ביידע מיטאמאל א שליידער געטאן צו דר'ערד אויף די קני פארן קלויסטער.

— פאמאלימסיא, מארוסיאנקא! פאמאלימסיא. (לאמיר בעטן) — האט איר שטיל ווי א סוד א שעפטשע געטאן באנאבארעץ — און ביידע האבן אנגעהויבן צו בעטן אין האלב־טונקעלן פארק, מארוסיא מיט א שנעלן און ברייטן צלמען מיט פיבערהאפטע געכאפטע און טיפע פארבויגונגען, וועלכע האבן דערלאנגט די שוין אפגעקילטע ערד, — ער מיט פאריסענע אויגן צום הימל, בעטנדיג אים שטיל מיט א פליסטערן פון אן אומווירדיגן, אז ער זאל טאן מיט אים דעם חסד און אים שענקען דעם גרויסן נסיון, וועלכער לייטערט און פירט דעם מענטשלעכן ווילן צום אפער. זיין קראנקער שוין צעשפאלטענער גייסט האט אנגעבאטן דאס אומגעלונגענע און אומ־נייטיגע לעבן וואס איז אים געווארן צו לאסט. און ער האט נאר געבעטן, אז מ'זאל אים ווייזן דעם אמתן וועג און בארוף, דעם מזבח, וואוהין ער זאל טראגן זיין לעבן פאר א קרבן...

צוריק אין דער היים

אהיים זיינען זיי שוין געגאנגען שטילע און בארואיגטע ווי געזעגנטע און געאייניגטע הערצער, וועלכע נעמען זיך וואנדערן א נייעם לעבנס־וועג.

אין דער תפילה האבן זיך זייערע הערצער צוזאמענגעגאסן אין איין באגער און צאפלענדן וואונש. די שטאט איז שוין געלעגן איינגעשלאפן

אין אַ מידן און אומרואיגן שלאָף. נאָר די טראַמווייען און די עלעוועיטערס האָבן זיך נאָך געטומלט ווי אייביג פאַרשאָלטענע. דעם לאַנגן וועג צום קאַטעדזש ביים ים זיינען זיי געגאַנגען צופוס.

זיך האַלטנדיג ביי די הענט, האָבן זיי ווי צוויי גליקלעכע און זאָרג־לאָזע קינדער געוואַנדערט די איבעריגע נאַכט און אַז זיי זיינען געקומען אַהיים האָט זיך צו זייער הויז שוין געגנבעט און געציטערט אין אַן אומגע־דולדיגער וואַרטונג דאָס ערשטע גרוי און אומזיכערע מאָרגן־ליכט. דער ים אָבער איז נאָך געלעגן רואיג און די שיפלעך פון יאַכט קלוב האָבן זיך געוויגט אין אַ שטילן מאָרגן־שלאָף. מידע פון לאַנגן וועג, זיינען זיי באַלד איינגעשלאָפן איינער לעבן אַנדערן ווי שוועסטער און ברודער... אין חלום אָבער האָט ער צוריק באַלאַנגט צו איר אַליין. ער איז אינגאַנצן געווען אירער און זי האָט אים שוין געהאַלטן אין אירע הייסע באַגערנדע אומ־אַרמונגען, ווי אין דער ערשטער נאַכט פון זייער צוזאַמענלעבן.

דאָס פאָלק פון זיינע טרוימען

דאָס פאָלק פון זיינע טרוימען האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעווענדט פון אים, פון צאַפּלענדן ליכט, וואָס ער האָט אים געטראָגן און האָט באַלד פאַר־שלאָסן פאַר זיינע פרעדיגן אַלע בתי מדרשים, שולן און טעמפּלען. דאָס פאָלק פון נביאים און אמת זוכער איז געווען אין אַמעריקע באַפּרייט, זאַט און זיין נשמה מיד ווי נאָך אַ פעטן מאָלציים. דער פלאַם פון זיין קראַנקן און זוכענדן גייסט האָט ניט געקענט אָנצינדן זייערע אויסגעלאָשענע נשמות, דער פלאַקערנדער רוף פון דעם מאַן האָט ביי זיי ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג. זיינע פלאַמענדע רעדעס, דער שטראָפנדער און ברענענדער צונג זיינער איז ביי זיי באַלד געוואָרן לעסטיג, זיינע כהנים זיינען געוואָרן אומרואיג און האָבן שנעל פאַרשלאָסן די טירן פון זייערע טעמפּלען.

דער הויפּט גורם איז ווידער געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָן", וועלכער האָט אים פאַרפאָלגט ווי אַ בייזער גייסט. ער האָט ווידער גע־ווידמעט דעם משומד אַ פאַטעטישן לייט־אַרטיקל. האָט אים דערקלערט אַלס מיסיאָנער און פאַרפירער פון אידישע נשמות און האָט געהייסן שליסן פאַר אים יעדן מקום קדוש.

— אידן! היט אייער הייליגע תורה און אייערע אידישע נשמות פון נייעם ירבעם בן נבט! — האָט פאַטעטיש געשריגן און געוואָרנט דער זשורנאַליסט און מ'האָט אים געפאָלגט! דעם נייעם נביא, דעם אומרואיגן און פלאַקערענדן אידן, וועלכער האָט מיט זיך גערופן זיין פאָלק צו פאַר־ווירקלעכן אין דער פרייער מדינה די צוואה פון זיינע נביאים און הייליגע, האָט דאָס פאָלק אויסגעלאַכט, אויסגעשפּאַט מיט די נביאים אינייִנעם און פון זיך פאַרשטויסן...

אין גאַס האָט דעם נייעם פרעדיגער פאַרפאָלגט די פאָליציי. נאָך דעם ערשטן אַרעסט האָט געפאָלגט אַ צווייטער מיט נייע טראָבל. דער נייער

וועג איז ווידער געווען פאַרשפאַרט פאַר אים פון אַלע זייטן, דער גייסט און קערפּער האָבן ווידער געזאָלט פאַרצערט און פאַרברענט ווערן אין אייגענעם פיבער פון אַ פּוסטן און נוצלאָזן לעבן. דאַן האָט מאַרוסיאַ אין אַ בריוו צו דער אַמעריקאַנער פּרעסע פאַרקלאָגט די אידן און האָט דערציילט פון אַלע מיסהאַנדלונגען, וואָס איר מאַן און דער נייער נביא איז שוין אויסגעשטאַנען פון דעם פאָלק, וואָס האָט פאַרשטיינערט זיינע נביאים און געקרייציגט יעזוס קריסטוס.

דער בייזער אַנטיסעמיטישער גיפט פון דעם גובערנאַטאָרס טאָכטער האָט ווידער געשפּריצט פון יעדן וואָרט פון דעם בריוו.

דאַן האָט די אידישע פּרעסע אויפגעגעבן איר פאַרשווייגנדע טאַקטיק און האָט איר געענטפערט אין אַ גאַנץ ווירדיגן טאָן, וואָס זי דענקט פון איר און פון איר מאַן, דעם משומד וועלכער האָט געקענט פאַרלאָזן זיין פאָלק און איבערגיין אין לאַגער פון זיינע פאַרפאָלגער, ווערן אַ מיטאַרבעטער פון „נאָוואָיע ווּרעמיאַ".

און דער נאָמען „באַגאַבאַרעץ" האָט זיך ווידער אַרומגעטראָגן איז דער עפנטלעכקייט איבערן גאַנצן לאַנד.

דער רעזולטאַט איז געווען דער, אַז מאַרוסיאַ האָט באַקומען צוויי נייע פאַרשלאָגן.

איין אימפּרעסאַריאָ האָט איר פאָרגעשלאָגן אַ היבשע סומע געלט פאַר באַגאַבאַרעצס פּרעדיג־און־לעקטשור־טור*) איבערן לאַנד. אַ פּאַסטאָר פון אַ פּראָמינענטער און אַריסטאָקראַטישער קירכע האָט איר פאָרגעשלאָגן זיין קאַטעדרע פאַר איר מאַנס פּרעדיגן.

און מאַרוסיאַ האָט דערזען אין צווייטן פאַרשלאָג אַ וואונק פון שיקזאַל, פון הימל, און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאַרשלאָג מיטביידע הענט.

זי האָט גוט געקענט דעם מאַנס גייסטיגן צושטאַנד און איז געווען זיכער, אַז אין דער קירכע וועט זי זיין געפּלאָגטן גייסט פאַרנאַרן צוריק אין נעץ פון קריסטנטום און וועט אים שוין פאַנגען פאַר זיך אויף אייביג.

די קירך

די געהיימניספולע אַטמאָספערע פון האַלב־טונקעלן גאָטישן קלויסטער מיט זיינע הויכע פון אַלע פאַרבן געשטיקעוועטע פענצטער, וועלכע האָבן געבראָכן די זונען־שטראַלן אין אַ מיסטיש ליכט, איז געווען פול מיט שעפּטשענדע סודות און וואונקען פון אַן אַנדערער, שוין ניט ערדישער וועלט, נאָך וועלכער זיין קראַנקער, זוכנדער גייסט האָט שוין לאַנג געבענקט און זיך דורשטיג געצויגן, סודות וועלכע נאָר זיין קראַנקע נשמה האָט געלייענט און גוט פאַרשטאַנען.

און אַזוי ווי ער האָט באַטרעטן די קאַטעדרע איז דער גייסט, וועלכער

*) צו האַלטן לעקציעס.

האָט זיך צעשפּאָלטן אין דער נאַכט, אין דער תּפילה בּיים קלויסטער, אינ־גאַנצן באַטרונקען און פאַרנעפּלט געוואָרן.

דאָס מיסטישע ליכט אַרום אים האָט אין אים אָנגעצונדן דעם עקסטאַז, וועלכער עפנט פאַר די אויגן די ווייטע האָריזאָנטן פון נבואה, און ווישט אָפּ די גרעניצן פון אַלטעגלעכן און מעגלעכן... אויפן קאַטעדרע האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דער גלויבן אין דער מסיע פון אידישן פאָלק אויף דער ערד און אין זיך, אַלס דעם געזאַלבטן זון פון זיין פאָלק. איז ער דען ניט געווען אַ זון פון אויסגעוויילטן פאָלק? אויסגעוויילט פאַר דער מסיע פון משיחים?

ער האָט עס איצט געפילט הייסער און שווידערנדער ווי תּמיד... דערויף האָט אָנגעוויזן זיין טראַגישער שיקזאַל, די טראַגעדיע פון זיין אייגן לעבן און אַז זיין געדעמפּטער טענאָר האָט זיך אָנגעהויבן צו טראָגן איבער די קעפּ פון גרויסן עולם, קלינגען און זיך צערייסן אונטער די הויכע, הילכנדע סקלעפּעס פון קלויסטער, ווי קרעכצן פון געפּלאַצטע סטרונעס, האָט אים דאָס ווידערקול געבראַכט צוריק די קרעכצן פון דער גאַנצער פאַרמוטשעטער מענשהייט. און דער צער פון די פאַרמוטשעטע, דער רחמנות מיט זיי האָט זיך ווי אַ בריענדע ביטערקייט, ווי אַ צעשמאָלצענער און זידיגער בליי געגאָסן איבער זיינע אָדערן און ברענען זיין צונג.

דאַן האָט דער צונג פון אידן אָנגעהויבן שמידן אַ שפּראַך פון פייער, האַמערנדיג צאָרנדיגע ווערטער פון אַ קלאָגענדן און שטראָפענדן נביא, און דער עולם האָט פאַרשטאַנען דעם צונג, די פרעמדע, עקזאָטישע ווערטער. ס'האָבן זיי פאַרטייטשט דער צאָרנדיגער קלאַנג פון זיין שטימע, איר פלאַטערנדער דורשט נאָכן הייליגן.

די מוזיק פון זיינע האַנט־באַוועגונגען, דאָס הייסע, פלאַטערנדע האַרץ, וואָס האָט גערעדט צום עולם אין דער פרעמדער שפּראַך, די פרעמדע טענער און ווערטער האָבן נאָך פאַרשטאַרקט איר האַמערנדע קראַפט, דאָס עקזאָ־טישע לשון האָט מיטן האַלב־טונקעלן מיסטישן ליכט געשאַפן די אילוזיע פון אַ נביא, דער וועלט־שמערץ פון זיין פּנים — די אילוזיע פון געקרייציגטן, וועלכער איז צוריק אויפגעשטאַנען.

און אַ פּחד מיט אַ פיבערנדער עקסטאַז האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם אין דער קירך.

ווי אַ בראַנד איז דער עקסטאַז געשפּרונגען פון עולם צוריק צום רעדנער. די קראַנקע רעליגיעזע נאַטור זיינע האָט זיך נאָך מער אָנגע־שפּאָלטן און זיין טענאָר האָט באַלד אָנגעהויבן צו קלינגען אין די הויכן פון דער קירך און פאַרצווייפלט רופן ווי אַ צעבראָכענער און וויינענדער גלאָק קלינגט און רופט מיט זיין פאַרצווייפלטער שטימע.

און מיטן גלאָק צוזאַמען האָבן באַלד שטיל געכליפּעט און געוויינט אַלע פאַרקלעמטע און צעבראָכענע הערצער און אַז די פאַרמאַטערטע ברוסט פון פרעדיגער האָט פון זיך אַרויסגעשטויסן דעם לעצטן אַקאָרד, ווי דעם

לעצטן קרעכץ און ווײ־געשרײ, איז דער גרויסער, פארכשופטער עולם שוין געשטאנען אויף די קני פאר אים, א בעטנדער און הילפלאזער, מיט א באַרויבטן ווילן, מיט אפגעשטעלטע בלוט אין די אדערן און מיט קלאפנדע הערצער.

א דערשעפטער און פארצערטער פון זײן אײגענעם פײער, קוקט ער שוין ארונטער פון דער הויך אויף די געפאנגענע און געבויגענע קעפ, ווי אין א חלום.

ווי אין א חלום זעט ער פאר זיך דעם פנים פונם עקס־גובערנאטאר, א באלויכטענעם מיטן פײן פון חרטה און מיט גרויסע צאפלענדע טרערן אין זײנע אויגן, ווי אין א חלום פילט ער די בריענדע קושן פון זײן טויט פײנד אויף זײנע הענט, מארוסיאס געהײליגט און פארווײנט פנים, ווי אין א חלום פילט ער ווי זי ווישט אים צערטלעך מיט איר פארפיומירט טיכעלע דעם שוויים פון זײן שטערן.

די גאנצע ווירקלעכקײט גײט איבער און פארשווינדט אין חלום. צווישן די שאטנס פון א נײער האלב־טונקעלער און מיסטישער וועלט. וועלכע וועבן און פארוואנדלען זיך אין א לעגענדע...

די שײנע פרויען

און ווידער האט די פרעסע גערעדט פון רוסישן דיכטער באגאבארעץ. איצט שוין די אידישע פרעסע אויך.

מיט בײזער פרײד האט זי איצט געקענט באווײזן ווער דער באגא־בארעץ איז, וואס דער משומד האט פארפאלגט אויף דער איסט־סײד.

און דער רעדאקטאר פון דער „נאציאן" האט געדאנקט דעם הימל, וואס ער האט געראטעוועט די איסט־סײד פון דעם בײזן, פארפירערישן גײסט, וועלכער פרעדיגט שוין אין די קלויסטערס און קעגן וועלכן ער האט גע־ווארנט דעם אידישן עולם.

די אמעריקאנער פרעסע האט אנדערש גערעדט פון נײעם פרעדיגער און פראפעט, וועלכער האט מיט זײנע „עקזאטישע פרעדיגן" דערשיטערט הערצער. זי האט אין זײ דערהערט דאס אויפגעוואכטע, קראנקע געוויסן פון דער מענשהײט, דאס טיפע בענקעניש נאכן פארלוירענעם גלויבן און גליק. און די באזוכער פון די פרעדיגן האבן ניט אויפגעהערט אין בריף צו רעדן פון זײער באגײסטערונג, פונם הײליגן, גליקלעכן שוידער, אין וועלכן ס'ווארפט זײ דער ברענענדער און פרעמדער צונג פון פרעמדן מאן.

דער רוב פון די בריף־שרײבער אבער האט געהערט צום פרויען־גע־שלעכט, ווײל דאס געשלעכט איז געווען דער רוב פון די באזוכער און פאַר־ערער פון נײעם פראפעט. די לעגענדע פון אויפגעשטאנענעם נוצרי איז צווישן זײ צוריק לעבעדיג געווארן. דער עולם, וואס פלעגט גײן צו די פרעדיגן איז געוואקסן אזוי שנעל, אז דער גרעסטער טײל פלעגט שוין בלײבן שטײן דרויסן און ניט געפונען קײן פלאץ אין קירך.

און ווי תמיד האָט ביי די פרויען אין זייער רעליגיעזן עקסטאַז באַלד אויפגעפלאַקערט און געציטערט דער באַגער... גייסט און קערפּער האָבן זיך געצויגן צום שיינעם, שטראַלנדן פּנים אין איין וואונש, אין איין הונגעריגן ציטער, ווי דורשטיגע ליפּן צום באַקל פול מיט קאַלטן, פאַרשפּרעכענדן, פונקלענדן וויין. און באַלד האָבן אין דער טונקעלער מיסטישער וועלט, געשלעכט און גלויבן געפלאָכטן דאָס נעץ פון רעליגיע און היסטערישער פאַרגעטערונג. ווי אין אַ חלום זיינען פּלוצים אַרום אים אויסגעוואַקסן אַריסטאָקראַטישע פרויען, צויבער־געשטאַלטן מיט אַ שלאַנגען־גערויש פון זיידענע קליידער און מיטן שווידערנדן און בריענדן דופט פון גיפטיגע בשמים, וועלכע האָבן באַטויבט דעם מוח און דאָס געוויסן.

זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אָפּשטעלן ביים קאַטעדזש ביים ים אין רייכע אויטאָמאָבילן מיט שוואַרצע שאָפערס און לאַקייען, אַריינלויפן אין הויז מיט לייכטע, לופטיגע טריט און אים דריקן די הענט מיט אויגן, אין וועלכע ס'האָט געפלאַקערט באַגער און באַגייסטערונג און אָנפילן די צימערן מיט אַ פאַרפירערישן און באַטרונקענדן רייץ פון זייערע דופטנדע קערפּערס, מיטן דופטענדן און פליסטערענדן קלאַנג פון זייערע שטימען.

און אויך מאַרוסיאַ האָט זיך געענדערט. זי איז ניט געווען אייפערזוכטיג אויף די נייע פאַרערערינס נאָר שטאָלץ... מיט שטאָלץ האָט זי געפירט די פרעמדע פרויען און ווי אַ וועסטאַלקע זיי געוויזן איר טעמפּל און דעם גאָט פון איר טעמפּל, וואו פאַרגעטערונג און באַגער האָבן זיך אויך ביי איר איצט צוזאַמענגעגאָסן אין איין רעליגיע. באַלד זיינען אויסגעוואַקסן נייע באַקאַנטשאַפטן מיט דער רייכער וועלט, מיט די דאַמען וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט רעליגיעזע רעפאָרמען און ווידערגעבורט פון גלויבן. ווי אין אַ חלום האָט אים מאַרוסיאַ אַרומגעפירט אין די זעלבע אויטאָמאָבילן אויף פאַרשיידענע איינלאַדונגען, וועלכע זיינען געקומען פון די רייכע פּאַלאַצן, וואו ס'האָבן געלעבט די פרויען און ליידנשאַפטלעכע פאַרערערינס... מ'האָט אים געזעצט ביי בליאַסקענדע טישן מיט רייכע שפּייזן און וויינען און די זאַטע מאַלצייטן מיט די באַגערנדע בליקן און פאַרפירערישע שמייכלען האָבן געצונדן דאָס בלוט ווי אַ פיבער און פאַרנעפּלט דעם מוח. און די מיסטישע וועלט אַרום אים איז אַלץ געוואָרן טונקעלער און אין דער טונקלקייט איז די גרעניץ צווישן קערפּער און גייסט פאַרשוואונדן, אַלעס איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין טומאַן פון אַ רעליגיעזער היסטעריע און קראַנקער תאוה...

ס'האָט ניט געפעלט קיין סצענען און עפּיזאָדן פון פאַרפירונג. איין רייכע און שיינע אלמנה, וועלכע האָט אים פאַרגעשלאָגן אירע מיליאָנען פאַר סאָציאַלע און רעליגיעזע רעפאָרמען, האָט אים איינמאָל געטראָפן אַליין אויף אַ שפּאַצירגאַנג ביים ים, האָט אים פאַרנאַרט אין איר אויטאָמאָביל, און אים דאָרט ווי אַ שלאַנג גענומען וואַרגן אין אירע הייסע און באַגערנדע אומאַרמונגען.

די פֿאַרערונג און דער באַגער פֿון די פֿרעמדע פֿרויען זיינען געווען ווי בוימל אויפֿן פֿלאַם פֿון מאַרוסיאַס ליידנשאַפֿט. די פֿאַרערונגען פֿון איר קערפּער זיינען געוואָרן קראַנקהאַפֿט אומרואיק. דער הונגער פֿון איר לייב אומדערזעטלעך. דער דורשט פֿון דער אומרואיקער און זוכנדער סלאַווישער נשמה האָט זיך מיטן הונגער פֿון איר הייסן טעמפּעראַמענט צוזאַמענגעגאָסן אין איין קראַנקער ליידנשאַפֿט און זייער צוזאַמענלעבן איז געוואָרן אַ וואַקכאַנאַליע פֿון געשלעכט און תאווה...

און אין העלן ליכט פֿון אַ שיינער שפּעטער מאָרגנשטונדע האָט ער דערוואַכט אין אירע הייסע אָרעמס ווי שמשון הגבור אויף דער ברוסט פֿון דער שיינער דלילה.

ווי יענער גבור האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפֿילט אָן מאַכט, אָן פֿייער אין האַרצן, מיטן שווידער פֿון אַן אויסגעלאָשענער פּוסטער נשמה, אָן אַ גלויבן.

דער איד און אַסקעט איז אָבער מיטאַמאָל אין אים ווידער געווען צוריק אויפֿגעוועקט.

די נאַקעטע, ווי אַלבאַסטער־ווייסע און ווי פֿון אַ מוטיגער און געניאַלער קינסטלער־האַנט געשניצטע ליניען־גלידער פֿון פֿאַרפֿירערישן קערפּער, וועלכער איז געלעגן פֿאַרשייט צעוואָרפֿן אויפֿן צעקנייטשטן געלעגער, האָבן געבריט זיינע אויגן, זיין געוויסן, ווי אַ פֿלאַקערנדע שאַנד.

מיט ציטערנדע הענט ווי אין אַ פֿיבער האָט ער זיך שנעל גענומען אָנטאָן און האָט ווידער פֿאַרלאָזט דעם קאָטעדזש ביים ים, ווי אַ הויז פֿון זינד און שאַנד און איז פֿאַרשוואונדן אויף אייביק, לאָזנדיק אַ צעטעלע, אַז מ׳זאָל אים ניט זוכן, ווייל ס׳וועט זיין אומזיסט.

און ניט די פֿאַרצווייפֿלטע מאַרוסיאַ און ניט איר פֿריינד חיים יענקל האָבן אים שוין געקענט געפֿינען.

דער נייער וועג

דער וועג האָט שוין באַגאַבאַרעצן ניט געפֿירט צו דער איסט־סייד.

דאָס מאָל האָט ער זיך געלאָזט גיין אין דער ווייטער און ברייטער וועלט.

צו ווייט און ברייט איז אויסגעוואַקסן זיין נשמה און האָט שוין ניט געפֿונען קיין אָרט אין דער קליינער און ענגער וועלט פֿון דער איסט־סייד.

און אַז די ריזנשטאָט איז שוין געווען הינטער אים און איר ווייטער געדעמפּטער רויש האָט אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן אין זיינע אויערן, ווי אַ פֿאַרטויבטער ווייטער דונער, האָט זיך דער הויכער סוטולעוואַטער מאַן מיטן פּנים פֿון אַ געקרייציטן נוצרי דערמאָנט, אַז ער האָט ניט קיין סענט אין קעשענע.

דער געדאַנק האָט אים אָנגעפֿילט מיט אַזאַ מונטערער פֿרייד, אַזוי ווי ער וואָלט אים ערשט געבראַכט דאָס באַוואוסטזיין פֿון זיין אַבסאָלוטער פֿרייהייט.

און די מונטערע פרייד האָט זיך אָנגעהויבן צעגיסן איבער אַלע זיינע גלידער, ווי אַ באַלעבנדער געטראַנק אין אַ פאַרפרוירענעם קערפּער, ווי די פרישע אַרומיגע פעלד־לופט האָט זיך לייכט געגאָסן דורך די לונגען און דער ברוסט.

אַן געלט און אָן זאַכן האָט דער לאַנגער און אומבאַקאַנטער וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך געלאָזט גיין, ערשט באַקומען זיין ריכטיגע באַדייטונג, דעם לאַקענדן סימבאַלישן רייץ.

ווי אַ ניי־געבוירענער האָט ער איצט אָנגעהויבן זיין הייליגן און שווערן לעבנסוועג.

— דיינע לעבנס־מיטלען וועסטו פאַרדינען מיט דיינע אייגענע הענט, אין שוויים פון דיין געזיכט! — האָט אים אַן אינווייניגסטע שטימע געזאָגט, וועלכע האָט אים אַליין איבעראַשט, אַזוי ניי און אָריגינעל איז אים פאָרגעקומען דער פּשוטער געדאַנק.

ווי אַ נבואה האָט אים די שטימע צוריק אָנגעצונדן מיט אַ העלן און הייליגן פלאַם; דעמזעלבן פלאַם, וועלכער איז דאַן אַראָפּגעקומען ווי פון הימל אויפן מזבח אין קירך.

ווי אַ בליץ האָט די שטימע אויפסניי באַלויכטן זיין צוקונפט, און האָט אים געבראַכט אַ הימלישע פרייד און גליק.

דער לעבנס־פּלאַנטער איז געווען מיטאַמאָל צעהאַקט; אַלע פראַגן געלייזט און אַלע פּלאַגן צערונען און פאַרשוואונדן ווי בייזע חלומות.

דער גאַנצער פּלאָנטער פון זיין לעבן איז געקומען דערפון, וואָס ער האָט ניט געאַרבעט, געלעבט אין די שטעט אַ לעבן פון אַ פּאַראַזיט.

און דער באַשלוס צו אַרבעטן איז אים פאָרגעקומען אַזוי פריש און לייכט ווי די ליניען דאָרט, וואו דער שוואַרצער וואַלד האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן בלויען און לופטיגן האָריזאָנט.

איבעראַשט פון דער אַנטדעקונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ווי אַ מאַן, וועלכער האָט אַ נאַכט געבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטן וואַלד און האָט פּלוצים ביים מאָרגנשטערן דערזען פאַר זיך דאָס ברייטע און גרינע פעלד מיט אַ גלייך פירענדן וועג.

ער איז שוין געווען עטלעכע שטונדן אין וועג און איז געווען מיד.

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט ביים וועג אויפן גראָז און האָט אויסגעצויגן זיינע מידע גלידער מיט אַ זיסן און אָנגענעמען ציטער, ווי ער פלעגט זיך אין די קינדער־יאָרן אָן אָנגעלאָפענער און אָנגעשטיפטער אויסציען אין אַ זיסער מידקייט אויף זיין קינדיש בעטעלע.

ווי אין די קינדער־יאָרן האָט ער, אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס, זיך גענומען קוקן אַרום זיך און אַלעס איז אים פאָרגעקומען אַזוי ניי און מערקווירדיג אינטערעסאַנט.

די אויטאָמאָבילן, וועלכע זיינען געלאָפן הין און צוריק און געלאָזט הינטער זיך לייכטע וואָלקנס פון שטויב און אַ טשאַד פון בענזין; די

פאַרמערס וועלכע האָבן געפירט אין שטאָט אריין אין וואָגנס זייערע פּראָ־
דוקטן — אַלעס האָט ער מיטאָמאָל דערזען אין אַ נייעם ליכט, אין ליכט
פון זיין געהייליגטן און פעסטן ווילן.

אייניגע פון די פאַרמערס זיינען שוין געפאָרן צוריק מיט אויסגע־
ליידיגטע וואָגנס.

און באַגאַבאַרעץ האָט זיך גענומען מיט אַ קינדיש־נאַיוון ערנסט אויס־
רעכענען מיט וויפיל איז דער טעמפּ פון די ליידיגע וואָגנס שנעלער פון די
פולע.

איצט, ווען ער האָט מיטאָמאָל אָראָפּגעוואָרפן דאָרט אין שטאָט די
גאַנצע לאַסט פון זיין פאַרגאַנגנהייט און האָט זיך פון איר אָפּגעריסן אויף
אייביג, וועט ער לויפן לייכט און גרינג ווי די ליידיגע וואָגנס.

און ווען איין באַגאַבאַרעץ איז אַזוי געלעגן און האָט ווי אַ קינד
באַוואונדערט און געקוקט אַרום זיך אויף דער נייער וועלט, האָט אַ צווייטער
באַגאַבאַרעץ אין אים געוואונדערט און פאַרפאָלגט די נייע געדאַנקען און
געפילן און אויך די נייע כחות, וועלכע האָבן זיך געגאָסן איבער זיינע אָדערן,
ווי מונטערע, קלינגענדע וואַסערן גיסן זיך אין פרילינג אין די נאָך פאַר־
באָרגענע טיפן.

און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די כחות קומען צו, ווי דער לעבנס־
זאַפט אין די אָדערן פון דעם גרינעם בוים, פון דעם ערד־שוים, אויף וועלכער
ער איז געלעגן.

און ער האָט זיך גענומען שטאַרקער און פעסטער דריקן צום גרינעם
גראָז, מיט דער דאַנקבאַרקייט און פלאַטערנדער פרייד פון אַ זויגלינג, וואָס
טוליען זיך צו דער ברוסט פון דער מוטער.

איצט איז ער געווען צו דער מוטער־נאַטור אַזוי נאָענט, אַז ער האָט
געפילט אויף זיך איר דערפרישענדן אָטעם און אירע לאָסקעס. . .

און ס'איז אים געוואָרן אַזוי גרינג און פריש דאָס לעבן; אַזוי לייכט
זיין לעבנס־וועג און די צוקונפט.

פּלוצים אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אָן מאַרוסיאַן און אָן זיינע צוויי
קליינע קינדער. זייערע פּנימער זיינען אַרויסגעשוואומען פון ערגעץ אַזוי
טרויעריגע און פאַרצוויפלטע, און געקוקט אויף אים מיט אַזאַ שטומען
און קלעמענדן פאַרוואורף.

די שטילע פרייד מיט דער זעלנרו זיינען צוריק פאַרשוואונדן. אויף
אַ הונגער האָט אים נאָגענד פאַרקלעמט ביים האַרץ.

אָבער דאָס הונגער געפיל איז ניט געווען דאָס, וואָס ער פלעגט ניט
פילן דאָרט אין שטאָט.

אויך דאָס געפיל איז דאָ איצט געווען פריש און ניי, ווי דאָס פעלד
און דער האָריזאָנט אַרום אים.

דאָרט האָט ער דעם הונגער געקענט לייכט שטילן; דאָ ניט.

און דערפאַר טאַקע האָט ער דערפילט אין דעם הונגער אַ באַזונדער

זיסן רייץ. ער האָט עס דאָך געזוכט, געשטרעבט צום נסיון, וועלכער וועט לייטערן זיין ווילן און אים ברענגען אין דער נייער און העכער וועלט, צו וועלכער ער האָט זיך געצויגן אַ בענקנדער און דורשטיגער.

אַ וואָגן איז געפאָרן פון שטאָט, געטריבן פון אַ אידן, אַ פּראָסטן אידן מיט אַ ברייט־צעוואַקסענער און ווילד־פאַרנאַכלעסיגטער גרויער באָרד, וועלכע האָט זיך געטרייסלט און געטאַנצט פאַר זיין אַלטן און געקנייטשטן פּנים, ווי די לייצעס אין זיינע הענט.

הינטער זיינע פּלייצעס איז געשטאַנען אין וואָגן אַ מאַן אויף די קני האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים איבערן קאָפּ און האָט צו אים הויך גערעדט מיט ענערגישע און שנעלע האַנט־באַוועגונגען, אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיי געוואָלט איבערשרייען און פאַרטויבן דעם רויש פון די רעדער אין דעם האַרטן שטיינערנעם וועג.

דאָס באַוועגטע געזיכט פון דעם מאַן איז אויך געווען אַזוי היימיש באַקאַנט — דער פּנים פון אַ רוסישן פּויער.

באַגאַבאַרעץ איז אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג.

ווען ער האָט דערהערט דעם היימישן קלאַנג פון דער קליין־רוסישער שפּראַך, האָט זיך די אויסגעלאָשענע פרייד צוריק אָנגעצונדן אין זיין נשמה.

ער האָט אָנגעהויבן מאַכן צו זיי מיט דער האַנט און דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער איד און דער כאַכאָל האָבן אויסגעדרייט צו אים פרעגנדע פּנימער.

— איך בין הונגעריג. קענט איר מיר ניט שענקען אַ שטיקל ברויט אָדער עפּעס איבערצוקייען?

די ווערטער האָבן אים אַליין אַרומגעכאַפּט ווי דאָס קילנדע וואַסער פון אַ בורשטינענעם טייך און אים אָנגעפילט מיט אַ נייער פלאַטערנדער פרייד.

און ער האָט ווי אַ בעטלער אויסגעשטרעקט צו זיי אַ בעטנדע האַנט — אָבער מיט אַ שמייכל און פראָסט, אָן אַ מינדסטער פאַרלעגנהייט, ווי ער פלעגט זיך ווענדן אין דער היים צו דער דינסט, צום ווייב, אָדער צו אַ לאַקיי אין אַ רעסטאָראַן.

דער איד האָט אויפגעציטערט און האָט אַרויסגעלאָזט די לייצעס פון די הענט.

אַ בלייכער און איבערגעשראָקענער האָט זיך דער כאַכאָל געכאַפּט אינסטינקטיוו צלמען...

ערשט אַז ער האָט באַמערקט די איבערגעשראָקענע פאַרלעגנהייט פון די צוויי מענשן, איז ער אַליין רויט געוואָרן און האָט דערפילט, ווי אַ געפיל פון בושה האָט אָנגעהויבן קלעמען און שנעל וואַרפן דאָס האַרץ, אָבער נאָר אַ קורצע ווייַלע.

דער נסיון, וועלכן ער האָט געזוכט איז שוין געשטאַנען פאַר אים און האָט אים שוין געאָטעמט אין פּנים אַריין. די נייע וועלט האָט אים ברייט

געעפנט די טירן... ער גייט אריין א בעטלער און וועט ארויסגיין א הייליגער, א געזאלבטער פאר א הייליגער מיסיע...

אך, ווען ער זאל קענען מיט זיין לייכטנדער פרייד באלייכטן די פנימער פון די צוויי גוטע מענשן. און עס טוט אים אזוי באנג וואס זייערע פנימער זיינען אזוי פארלענן באטריבט און געערגערט.

— זעצט זיך ארויף און פארט מיט מיר, מיין פארם איז דא ניט ווייט — זאגט צו אים דער איד און הייבט אויף די ארויסגעלאזטע לייצעם און מאכט אן ארט לעבן זיך.

אויף דער גוי מאכט אים מיט ערפורכט א פלאץ לעבן זיך.

אזוי ווי ביידע וואלטן קאנקורירט איינער מיטן צווייטן פארן מערק־ווירדיגן בעטלער.

באגאבארעץ איז ארויפגעקראכן אויף דעם וואגן און דער פארמער האט מיט די לייצעם א טרייב געטאן דאס פערד. און דאס פערד האט אנגעהויבן שנעל לויפן אהיים, אזוי ווי געטריבן פון גאסטס הונגער.

דעם וועג אהיים זיינען אלע געפארן שטום און פארטראכט.

אויף דער פארם

אויף דער אידישער פארם האט באגאבארעץ געלעבט זעקס וואכן, אבער שוין אלס ארבעטער.

געארבעט האבן אויף דער פארם אלע: דער פארמער אליין, זיין פרוי און די קינדער. געארבעט שווער, פון פרי ביז אין דער טיפער נאכט.

דערפאר איז דאס פארהעלטניש פון בעל הבית און ארבעטער געווען אומבאמערקבאר און האט אזוי ווי ניט עקזיסטירט.

און ביידע ארבעטער, אפילו דער כאכאל, וועלכער איז געווען דעם פארמערס א לאנדסמאן, האבן אויסגעמאכט נאר מיטגלידער פון איין ארבעטנדער פאמיליע.

און אין דריי וואכן ארום האט די פאמיליע אזוי גוט געקענט דעם מערקווירדיגן און שווייגענדן מאן, ווי אין די ערשטע טעג פון זיין אנקומען.

די נייגעריגע אויספרעגן פון דער איינפאכער און גוטער אידישער־פאמיליע האבן זיך באלד אנגעשטויסן אויף א שטומען שמייכל. מיט דעם שמייכל האט דער לאנדסמאן הארטנעקיג פארשטעלט פאר זיי זיין נשמה און די געשיכטע פון זיין לעבן. און זיי האבן גארניט געקענט פון אים ארויסקריגן, ניט ווער ער איז און ניט פון וואנען ער קומט.

אבער אפילו די פראסטע מענשן האבן באלד דערזען פון זיינע איידעלע, ווייסע הענט, פון זיין עסן ביים טיש און דעם גאנצן אויפפירונג זיינעם, קורץ, פון דער גאנצער נאטור פון דעם שווייגענדן און מערקווירדיגן שמייכ־לענדן מאן, אז דער נייער ארבעטער איז ניט קיין פשוטער בשר ודם, אז ער האט אויף זיין לעבן ניט געארבעט און קאן ניט ארבעטן.

די נייגער ווענן אים איז פון טאג צו טאג געוואקסן ביי דער פאמיליע.

זי האָט ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אים צווישן זיך אין זיין אָפּוועזנ־הייט און יעדערער האָט אים אויסגעטייטשט אויף זיין אופן.

א באַזונדערע אנזיכט האָט געהאַט קעגן אים דער כאַכאַל, וועלכן אַלע האָבן גערופן איינפאַך מיכאַלקע. די אַנזיכט אָבער האָט דער גוי ניט גע־קענט פאָרמולירן. דער צונג זיינער פלעגט זי ניט קענען אַרויסגעבן און ער פלעגט זיך פאַרפּלאָנטערן און זיך אויסדרוקפּול קראַצן די פּאַטילניצע.

דער לוין פאַרן נייעם אַרבעטער האָט געמוזט באַשטימען דער פאַרמער אַליין, ווייל דער מאַן האָט ניט געוואוסט וויפיל ער זאָל פאַרלאַנגען. פאַר די ערשטע שכירות האָט ער געבעטן דעם פאַרמער אים ברענגען אַביסל וועש פון שטאָט.

און דער זעלבער באַגאַבאַרעץ, וועלכער האָט ניט געוואוסט דעם ווערט פון געלט, האָט אָנגעהויבן פון די ווייטערע וואָכן קלייבן די שכירות מיט א גייץ פון אַ בעטלער און ליידנשאַפטלעכן קמצן.

פון שווערער אַרבעט האָט אים דער פאַרמער און זיין פאַמיליע אָפּ־געהיט, באַזונדערס דער מאַלאַ־רוס, מיכאַלקע.

דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דעם גוי צו דעם זאַנפטן און שוואַכן מאַן איז געווען ווי צו אַ דאַמע פון העפלעכן קאַוואַליער און ריטער.

ניט איינמאָל פלעגט ער ביי אים איידל צונעמען פון דער האַנט דעם עמער וואַסער אָדער אַן אַנדערע ניט קיין שווערע לאַסט און אים לאָזן שטיין אינמיטן הויף אַ פאַרשעמטן און אין אַ פאַרלעגנהייט.

און אַז דער כאַכאַל איז געפאָרן אין שטאָט אַריין, פלעגט ער זיך ווענדן צום „גאָספּאָדין", ווי ער האָט גערופן זיין קאָלעגע, און אים פרעגן צי דאַרף ער עפּעס ניט אין שטאָט און צי פאַרלאַנגט ער ניט, אַז ער זאָל אים עפּעס קויפן.

דער „גאָספּאָדין" פלעגט דערויף כסדר ענטפערן מיט אַ פאַרנייענדן אָבער דאַנקבאַרן שמייכל.

נאָר איינמאָל האָט ער זיך געהייסן ברענגען אַ העפט מיט שרייבגעצייג און האָט פון דאַן אָן גענומען שרייבן אין די אָוונטן און אין די פרייע שטונדן.

און באַלד איז די פאַמיליע געוואוינט געוואָרן צו דעם פרעמדן מאַן, ווי צו אַן אייגענעם. די פאַרמערקע פלעגט ביים טיש אים אונטערטראָגן דעם בעסטן און גרעסטן ביסן, ניט ווי אַן אַרבעטער, נאָר ווי אַ זיידענעם איידעם אויף קעסט. און ווען דאָס קעסט־קינד פלעגט ווייניג עסן, פלעגט זיך די פּראָסטע אידענע ערגערן און זאָגן:

— כ'וויים? דאַכט זיך מיר, אַז איך קאָן קאָכן! ס'קאָן זיין אַז איר זענט ניט געוואוינט צו אונזער עסן, טאָ זאָגט וואָס איר גלייכט, איך וועל אייך ניט זשאַלעווען.

— איר דאַרפט זיך ניט שעמען! — פלעגט איר אונטערהעלפן דער פאַרמער — איר זענט גאָט צו דאַנקען ביי אונז ניט קיין פרעמדער... —

ער פלעגט וועלן נאָך עפּעס זאָגן, עפּעס גוטעס און הערצלעכעס, אַזוי ווי דער אַרבעטער וואָלט געווען אַ קליין אומבאַהאָלפן יתומל און ער וואָלט אים געוואָלט טרייסטן. די טרייסט־רייד פלעגן אָבער אים אַנהייבן ווי טרערן קיצלען אין גאָרגל און ער האָט זיי תמיד ניט געקענט אַרויסברענגען. באַנאָבאָרעץ פלעגט פון די גוטע ווערטער ווערן פאַרשעמט־רויט און שמייכלען, נאָך פאַרלעגענער און ברייטער ווי תמיד.

* * *

איין פרימאָרגן, ווען דער פאַרמער איז נאָך געשטאַנען אין טלית און תפילין, איז אַריינגעקומען מיכאַלקע און האָט אים געמעלדעט מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

— נימאַ יעהאָ! (ער איז ניטאָ!).

— ווער? — האָט אים געפרעגט דער פאַרמער.

— טשאָלאָוויקאַ! ער איז ניט געבליבן.

— דער איד איז געבליבן שטיין אַ בלייכער, ווי מיכאַלקע איז געשטאַנען ביי דער טיר.

— ס'קאָן ניט זיין! — האָט אויסגעשריגן דער פאַרמער. מיכאַלקע איז געוואָרן אויף אים בייז. ס'איז געווען אַן אמת. דער מערקווירדיגער באַטראַק איז ביינאַכט, אָדער פאַרטאָג, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן, אומבאַמערקט פאַרשוואונדן אַן אַ זיי־געזונט, מיטן באַגאַזש, וועלכער איז באַשטאַנען פון וועש און קלייניקייטן. דער פאַרמער האָט שנעל זיך גענומען אָפּוויקלען די רצועה פון דער האַנט.

דער ערשטער געפיל פון דער גאַנצער פאַמיליע איז געווען אַ טיפע באַליידיגונג. דעם מענשן האָבן אַלע באַהאַנדלט און געליבט ווי אַן אייגן קינד. יעדערער האָט זיך גענומען בלעטערן אין זכרון צי האָט ער אים ניט באַליידיגט מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ טאַט און קיינער האָט זיך ניט געפילט שולדיג. אדרבה, יעדערער האָט זיך באַמיט אים צו דערלייכטערן זיין אַרבעט, אים אַרויסווייזן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און אַכטונג. וואָרים איז ער אַוועק אָן אַ זיי־געזונט? און אַז מ'האָט זיך גענומען דורכלויפן די קורצע צייט, וואָס ער האָט געלעבט ביי זיי, איז אויף דער פיגור פון הויכן און תמיד שמייכלענדן מאַן געפאַלן אַ נייער שיין, זיין גוטער פּנים האָט זיך געלויכטן מיט אַ נייעם ליכט... דעם פאַרמערס פאַמיליע האָט פּלוצים צו אים דערפילט דאָס זעלבע, וואָס מיכאַלקע האָט צו אים געפילט און וואָס ער האָט געקענט אויסדריקן נאָר מיטן ענערגישן און געערגערטן קראַצן פון זיין פּאַטילניצע. באַטריבענע און געערגערטע האָבן זיך אַלע גענומען פאַר דער אַרבעט. דער פאַרשוואונדענער אַרבעטער האָט געלאָזט אין די הערצער אַ נאָגנדע בענקעניש און אַ טיפן פאַרדרוס. לאַנג האָט מיכאַלקע ניט געאַרבעט, ער איז באַלד געקומען צולויפן צום בעל הבית אַן אויפגערעגטער און בלייכער און האָט געבעטן, אַז ער זאָל אים געבן דאָס פערד.

— יאַ יעהאַ סדיביו! — (איך וועל אים נאָך טרעפן) — האָט דער־קלערט דער גוי זיין ציל. דער זעלבער געדאַנק האָט זיך געפּלאָנטערט אויף אין פאַרמערס קאָפּ. ער האָט זיך נאָר עפּעס געשעמט אים אַרויסצוזאָגן.

דער איד האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז דער מאַן האָט ניט אָפּגענומען זיינע לעצטע שכירות און אַ פיבער האָט אָנגעהויבן צו שוידערן זיין לייב. מ'האָט שנעל איינגעשפּאַנט דאָס פערד און ביידע, מיכאַלקע און דער פּאַר־מער, זיינען געפאָרן זוכן דעם פאַרשוואונדענעם אין דער האָפנונג, אַז זיי וועלן אים נאָך ערגעץ אָניאָגן. געקומען זיינען זיי צוריק שוין פאַרנאַכט, אָבער אָן דעם מאַן. זיי האָבן אים געזוכט ווייט אויף אַלע וועגן, נאָכ־געפרעגט זיך און קיין שפּור פון אים שוין ניט געטראָפן.

ווי אַבלים זיינען זיי געקומען, אַזוי ווי זיי וואָלטן ערשט באַגראָבן אַ טייערן און ליבן מענטשן. ווי אַבלים זיינען אַלע שטום געגאַנגען צום טיש. דער פאַרשוואונדענער האָט געלאָזט הינטער זיך אין הויז זיין שמייכל, און דעם מעלאַנכאָלישן שימער פון זיין לויכטנדער הערצלעכקייט, וועלכע האָט געשוועבט און גענאָגט אין די הערצער, ווי די נאָך שוועבנדע נשמה פון אַן איינגענעם און טייערן, וועלכן דער טויט רייסט אַרויס פון אַ פאַמיליעס שויס.

ביינאַכט האָט דער פאַרמער דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין פענצטער. אַן איבערגעשראָקענער איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

— וסטאַוואַי, בערקאַ — האָט אים געוועקט זיין לאַנדסמאַן, מיכאַלקע.

דער איד האָט געעפנט דאָס פענצטער. אין לבנה־ליכט איז דעם גויס פּנים געווען בלייך ווי אַ מת. זיינע צוויי שוואַרצע אויגן האָבן זיך אין דער נאַכט געפינקלט ווי ביי אַ נאַכט־וואַנדערענדן, אָדער מענטשן פון יענער וועלט...

— ווין ני טשעלאָוויק... טאַ סאַם קריסטאָס בואוו (דאָס איז ניט געווען קיין מענטש, נאָר קריסטוס אַליין) — האָט מיכאַלקע שטיל, ווי אַ סוד איינגערוימט זיין בעל הבית, און האָט זיך שנעל איבערגעצלמט. און אין דער שטומער נאַכט האָבן זיי זיך ביידע לאַנג געקוקט ביים פענצטער אין די פנימער ווי צוויי פון שרעק פאַרגליווערטע נאַכט־געשטאַלטן.

אין אַ יאָר אַרום

אַ יאָר איז פאַריבער זינט באַנאַבאַרעץ האָט פאַרלאָזט זיין הויז און די פאַרגאַנגנהייט. פאַר דער צייט האָט ער געלעבט אַלס אַרבעטער אויף אַ פאַרם, געאַרבעט אין קוילן־מינען און אין הייסן גיהנום פון די אייזן־פאַבריקן און פאַרזוכט דעם טעם פון אַלע שווערע אַרבעטן.

און צו דער שווערער אַרבעט איז ער באַלד געוואוינט געוואָרן. זי האָט געהאַרטעוועט זיין שוואַכן און איידעלן קערפּער און ווי פייער דאָס אייזן, געגליט און געשמידט זיין נשמה. גייסט און קערפּער האָבן גלייכ־צייטיג דורכגעמאַכט איין נסיון, דעם לאַנגזאַמען, אָבער זיכערן וועג פון ווידערגעבורט.

די פאַרגאַנגנהייט איז שוין געלעגן הינטער אים, ווי אַ דורכגעלייענטע אָבער פּרעמדע געשיכטע.

די זכרונות, וועלכע פלעגן פריער בריען דעם מאַרך מיט פּיין און אָפּשטעלן דאָס בלוט אין די אָדערן, האָבן אָנגעהויבן זיך איינציקווייז אויס־צולעשן, ווי די גאַסן־לאַמטערנס אין דעם נעבל פון מאָרגנליכט. אין נעבל האָט זיך אָנגעהויבן צו הילן די גאַנצע איבערגעלעבטע פאַרגאַנגנהייט און דער העלד פון איר, פאַרשטעלט פון דער געגנוואַרט, וועלכע איז געווען אַזוי רייך מיט איבערלעבונגען און באַגעגנישן אויף דעם ברייטן לעבנסוועג, אויף וועלכן ער האָט איצט געוואַנדערט.

יעדער טאָג פלעגט אים ברענגען עפּעס נייעס, נייע מענשן, איינדריקן, געדאַנקען און געפילן. און דער דורשטיגער דיכטער־גייסט פלעגט עס אויפ־נעמען און זאַמלען אין זיך מיט דער ליידנשאַפט און גייץ פון אַ קמצן און עס איבערוועבן אין זיין דיכטער־פאַנטאַזיע.

ווי אַ בוים זאַמלט ווינטער זיינע כחות פאַרן נייעם לעבן, פאַר די פרילינגס־בליטן, אַזוי האָט ער געזאַמלט אַלעס וואָס ער האָט באַגעגנט און געזען אַרום זיך און די רעפלעקטן פון דעם „אין זיך" פאַרן פרילינג פון זיין אייגענער צוקונפט.

און די צוקונפט איז געלעגן פאַר אים אַזאַ רואיג־זיכערע און זאָרגלאָזע, ווי די געגנוואַרט. אַזוי אַז ער האָט אין איר שוין ניט געצווייפלט, כמעט זיך ניט געקימערט וועגן איר. זי האָט דאָך געמוזט אויסוואַקסן פון דער געגנוואַרט, ווי די גרינע בלעטער און בליטן אויפן בוים אין פרילינג.

פון די נייע כחות און זאַפטן, וועלכע האָבן זיך איצט געזאַמלט און געגאָסן איבער די אָדערן, האָט ער געפילט, אַז די בליטן וועלן זיין רייך און געבענטשט מיט פרוכט; אַז די צוקונפט וועבט זיך שוין אין אים פון זונשיין און אָטעמט מיט דער דופטנדער פרילינגס־פּראַכט.

פון דעם אַלעם האָט ער ניט אויפגעהערט צו דערציילן מאַרוסיאַן. ער האָט מיט איר די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו קאָרעספּאָנדירן.

סעדיעלניקאָוו איז אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד און זי, דער אַלטער און ליבער פריינד זיינער, ווי באַגאַבאַרעץ האָט זי גערופן אין זיינע בריף, איז געבליבן און ווייטער געוואַרט און געהאָפט... זי האָט אויפגענומען אירע אַמאָליגע מעדיצינישע שטודיען אין „קאָלאָמביאַ", אַ צעבראָכענע, טיף און בלוטנד פאַרוואונדעטע האָט זי געזוכט צו פאַרטויבן דעם ווייטאָג און האָט זיך אויך גענומען פיבערהאַפט אַרבעטן און זיך גרייטן פאַר אַ ניי לעבן, פאַר אַ נייער צוקונפט.

די צוקונפט האָט אָבער אַלץ געפירט צו אים, צום זון פון דעם פאָלק, וועלכעס זי האָט געהאַסט ניט ווייניגער ווי אַלע סעדיעלניקאָווס. זי האָט זיך ניט געקענט העלפן. אין דיזן מאָן האָבן זיך ווי אין אַ פאָקוס געבראָכן און געשפּליטערט די שטראַלן פון אַלע אירע האָפנונגען.

זי האָט אויך געזוכט דעם נייעם וועג, דעם אמת, וועלכער זאָל זי ברענ־

גען צוריק צו אים, צו זיין נשמה און זי פאַרשמעלצן מיט איר שיין אויף אייביג.

שווער איז איר, דער פרוי, געווען, צו וואַנדערן דעם וועג אַליין: איינזאַם, אומעטיג און קאַלט.

מינוטנווייז פלעגט זי פאַרלירן דעם מוט, די כחות. זיך אָפּשטעלן און קוקן אַרום זיך, אויף איר איינציגן פריינד, חיים יענקלען, מיט אַזוינע פאַר־צווייפלטע און מידע אויגן.

דאַן פלעגט זי קריגן זיין בריוו מיטן צאַפּלענדן דופק פון זיין נשמה און זי האָט שוין געהאַט כח צו גיין ווייטער, צו לעבן און ווייטער צו האָפן.

אין די וואַסערן פון הייליגן ירדן

טיף אין דער סאַוט ליגט אויף אַ באַרג אַ קליין אַמעריקאַניש שטעטל מיט צעוואָרפענע לייכטע און ווייסע הייזלעך, וועלכע זען אויס פון אונטן, פון טאָל, ווי אַ מחנה פון ווייסע פויגלען, וועלכע זיינען מיד געוואָרן אין זייער פלי און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן באַרג נאָר אויף אַ ווײַלע זיך אויסרוען.

פון דעם מיסיסיפּי טאָל איז דאָס שטעטל אָפּגעטיילט מיט אַ שמאָל טייכל וואָס לויפט ביי די פיס פון באַרג, דרייט זיך און ווענקלט זיך ווי אַ לאַנגער און טונקל־גרינער שלאַנג. זיינע וואַסערן טראָגט דאָס טייכל שטיל און פאַרזיכטיג, פאַרשטעקט זיי ערטערווייז, ווי אַ גנבה, צווישן די הויכע און פעטע גראָזן און גיסט זיי איבער אין ברייטן מיסיסיפּי שטראָם מיטן ברויזענדן רויש פון אַ באַפרייטער לײַדנשאַפט, ווי אַ וואַסערפאַל.

איבערן רוקן פון דער שלאַנג איז איבערגעוואָרפן אַ הויך, אָבער שמאָל שטיינערנער בריקל, וואָס כאַפּט אים אַרום ווי אַ שטאַרקע פויסט פון גראַניט און אייזן. און דאָס דרייען און שלענגלען פון טייכל זעט אויס ווי אַ באַ־פרייאונגס־קאַמף, אַזוי ווי די שלאַנג וואָלט זיך אויסרייסן פון דער שטיינער־נער פויסט און אַנטלויפן.

ס'איז שוין געווען אַ שפּעטער הארבסט טאָג, דאָך האָט די זון געבראָטן און דער וועג באַרג אַרויף האָט זיך געשלענגלט אַ צעגליטער פון איר, און אַ ברוין פאַרברענטער. אַ הייסער דאַמף האָט געשטראָמט הויך איבערן וועג, ווי אַ שווערער אָטעם פון אַ פאַרחלשטן. אָפּגעשטאָרבן און איינזאַם איז געלעגן דער וועג ווי אין אַ הייסער, צעגליטער מדבר. ס'האָבן זיך ניט געזען ניט קיין מענשן און ניט קיין פורן. פון טאָל האָט זיך באַוויזן אַ פיגור, וועלכע האָט מיד געוואָרפן מיט די הענט און מיטן וואַנדערשטאַק און האָט אין בלענדענדן זונענשיין אויסגעזען ווי אַ שפּרינגענדער גרויסער פויגל מיט אונטערגעשאָסענע און צעבראָכענע פליגל.

דער וואַנדערער איז געווען באַגאַבאַרעט.

ער האָט געהייסן מאַרוסיאַן אים שרייבן אין דער שטעטל און ער איז איצט אַהין געגאַנגען אָפּנעמען די בריף אירע. ער האָט דיזן טאָג געמאַכט

נאָר צען מייל פון דעם לעצטן פּלאַץ, וועלכן ער האָט פאַרלאָזן. ער איז שוין געווען געוואוינט צו לענגערע שטרעקן. די היץ האָט אים אָבער פאַר־מאַטערט און ער האָט שוין ניט געהאַט קיין כח פאַרן באַרג.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטיינערנעם בריקל און האָט זיך איינגעקוקט אויפן טייכל אונטער אים.

דער טונקל־גרינער שטראָם האָט שטיל געמורמלט, כמעט געשעפּטשעט ווי אַ שלאַנג, אַ פאַרפירערישער און לאַשטשענדער. דאָס קילע און פרישע גראָז פון זיין משופּעדיגן ברעג האָט איינגעלאַדן און גערופן ווי דאָס בעט פון אַ געליבטער.

לאַנגזאַם, ווי אין אַ מיסטעריאַישער און וואַקלענדער איבערלייגונג האָט דער מידער וואַנדערער אָנגענומען די איינלאַדונג און האָט זיך פון בריקל אַרונטערגעלאָזט צום ברעג. דער קילער שאָטן פון בריקל, דער פייכטער און זאַפטיגער אָטעם פון דער פאַרפירעריש־מורמלענדן וואַסער האָבן זיך צוגעטוליעט צו זיין מידן קערפּער ווי די צאַרטע און רופנדע לאַסקעס פון אַ היים.

ער האָט אַרונטערגענומען פון די פּלייצעס דעם וואַנדער־זאַק און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז.

די מידע גלידער האָבן זיך אויסגעצויגן און זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ זיסער און גלעטנדער רו.

דער שלאַנג האָט זיך אָבער געדרייט אין זיין פאַרפירערישער גראַציע, געמורמלט און פאַרשפּרעכנדיג גערופן. די טונקל־גרינע אויבערפלאַך האָט געלאָקט און אויסגעשטרעקט קילע און זיסע אומאַרמונגען, דעם תאוהשן רייץ פון אַ פרישער און גרינער אַטלאַסענער ברוסט.

באַגאַבאַרעץ איז שנעל צוריק אויפגעשפּרונגען אויף זיינע פיס און האָט זיך גענומען מיט פיבערהאַפטע באַוועגונגען אַראָפּוואַרפן פון זיך זיינע אָרעמע וואַנדער־קליידער. אַ זיסער באַגער האָט געשווינדערט זיין קערפּער ווי פאַרן בעט פון אַ נאַקעטער, רופנדער געליבטע.

מיט אַ שפּרונג איז ער אַריין אין וואַסער און האָט זיך אונטערגעטונקט. דאָס קאַלטע וואַסער האָט געקיצלט און זים גערייצט ווי קושנדע ליפּן, גע־וואַשן און געגלעט דעם מידן קערפּער זיינעם, ווי די מוטער פלעגט אים וואַשן אין די קינדער־יאָרן. דער געדאַנק אָבער, אַז עמעצער קאָן אָנקומען האָט אים ניט געלאָזט זיך לאַנג באָדן.

ער האָט זיך אַזוי אַליין פאַרשעמט פון דער נאַקעטקייט פון זיין אייגע־נעם קערפּער און פון זיין אייגענער תאוהדיגער לוסט, מיט וועלכער ער און דאָס וואַסער האָבן זיך געאָרעמט און געטוליעט איינס צום אַנדערן.

אַזוי קערפּערליך און פאַרפירעריש איז געווען די לוסט, און די פייכטע לאַסקעס פון וואַסער האָבן געאָטעמט מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכער פרייד, כמעט מיט אַ באַגער נאָך געשלעכט און ליבעס גענוס, אַז דער אַסקעט און צנוע אין אים האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן און שוידערן.

ער האט זיך אויפגעריסן, ווי פון זינד און איז אנטלאפן, ווי אמאל פון מארוסיאס ארעמס. זי איז אבער באלד אויסגעוואקסן פאר זיינע אויגן. ווי א נימף האט זי זיך אויפגעהויבן פון אונטערן וואסער, א נאקעטע און געטלעכע אין דער פארפירערישער פראכט פון איר נאקעטער און זאפטיגער שיינקייט. ער האט זיך אנגעטאן שוין ווי אין פיבער, אן אויפגערודערטער און דערשיטערטער פון קלעמענדן בענקעניש נאך איר. נאך איר ליבע און רייץ. מיט אומגעדולדיגע און ציטערנדע הענט האט ער שנעל אויפגעבונדן דעם זאק און ארויסגענומען פון דארט א בינטל בריף פון מארוסיאן און האט זיך גענומען איבערלייענען די אלטע, דופטנדע בריף... די פרוי און קינדער האבן באלד ארומגערינגלט דאס גרינע בעט, אויף וועלכן ער האט זיך אויסגעצויגן נאכן באדן, א געוואשענער און באנייטער, און אלע אינייִנעם, ווי איין גאנצע און הייליגע פאמיליע האבן געלייענט די בריף, ווי מ׳לייענט א טייערע און הייליגע בשורה אדער מגלה. און אין דעם לייענען האבן זיך די אויגן אנגעהויבן צו קלעפן אזוי ווי זיס־דופטנדע און לאסקענד־גלעטנדע פינגער וואלטן זיך צוגערירט צו די וויען און זיי שטיל פארמאכט. די ווירקלעכקייט האט אנגעהויבן צו שוועבן און צו פארשווינדן, שטיל און פארזיכטיג ווי א מוטער פארשווינדט אויף די שפיץ־פינגער פון בעטעלע, וואו דאס קינד איז איינגעשלאפן. אירע לייכטע זיך דערווייטערנדע טריט הערן זיך נאך ווי א שעפטשענדער סוד. דער שלאף אבער שטייט שוין געבויגן איבערן קינד, שווינגט און פלאטערט מיט זיינע פליגל פארן פנים, שעפטשעט אין די אויערן אזוי שווינדלענד זיס און פארוויגנד. און דער חלום, וועלכער שטייט געבויגן איבער אים, איז די נימף, וועלכע איז געבוירן געווארן פון די גרינע וואסערן, די שיינע און טרויערנדע מארוסיא, אבער שוין מיט פליגל ווי א מלאך, וועלכער איז געבויגן איבער אים און לוישט זיין הייסן אטעם. אויף דער ברוסט האבן אנגעבויגן זייערע בלאנדע, ווי גאלד שטראלנדע קעפלעך צוויי קינדער, אזוינע צוויי זיסע פנימלעך... און באלד וואקסן ביי זיי אויך אויס פליגלען און אט זעען זיי שוין אויס ווי צוויי טייבעלעך, וועלכע האבן זיך איינגעמידט אין זייער פלי און זיך אפגעשטעלט אפרוען אויף זיין ברוסט, באלד נעמען זיי א די געשטאלטן פון צוויי קליינע, אויף זיין ברוסט־איינגעשלאפענע מלאכימלעך און באגאבארעץ איז שטארק איינגעשלאפן.

יוחנן דער טויפער

און דאן איז געקומען יוחנן דער טויפער. די טרוימגעשטאלט פון זיין גאנץ לעבן... פון דער ווייטער מדבר איז ער געקומען און האט געבראכט מיט זיך איר הייסן אטעם. און ווי דערפרייט האט ער זיך מיט אים! ווי מיטן דערלייזער, וועלכער איז געקומען אים באפרייען פון דער לעבנס־תפיסה, באפרייען דעם גייסט פון די קייטן פון זיין קערפער. און זיי האבן זיך ארומגענומען און צעקושט, און דער הייסער אטעם פון דער מדבר, וועלכן

ס'האט געבראכט מיט זיך דער טויפער, האט אין אים אנגעצונדן דאס ליכט און די הייליגע פרייד, וועלכע ער האט שוין לאנג געאנט און געווארט, ווי אויפן ערשטן קוש פון דער געליבטער, ווי אויף א פארשפראכענער זעג־נונג. דאן האט ער אים אריינגעפירט אין דעם טונקל־גרינעם שטראם און האט אים געטובלט און דערנאך געזאלבט... און האט אים אנגעוויזן מיט דער האנט אויפן שטעטל אויפן בארג:

— גיי אהין און גיב זיי אוועק דיין לעבן, דיין בלוט, און דו וועסט זיי רעטן, זייערע נשמות און די יונגע ציוויליזאציע פון דער גרויסער, נייער וועלט וועלכע ליגט צווישן פיר ימים. גיי און רעטע די לעצטע האפנונג פון דער מענשהייט! דיין בלוט וועט זיך אויסוועבן אין זונענשיין, וועלכעס וועט פונדאנען לייכטן דער אלטער וועלט און זי וועט זיך ווארעמען ביי דעם שיין און געהיילט ווערן.

און מיט דער פייערדיגער גלוט פון דער מדבר האט ער אנגעגליט זיין צונג און האט אים געגעבן פאר א שטימע איר ווידער־קול, איר עכא, דעם קלאנג און די שטימען פון אלע נביאים ביז אים, וועלכע די מדבר האט מגדל געווען... און דאן האט ער דערפילט די גרויסע און ברויזנדע פרייד פון קיום, איר צאפלענדע אומגעדולט, אזוי ווי ער וואלט ערשט געבוירן געווארן פונקט ווי דאס ניט זיין וואלט זיך מיטאמאל פארוואנדלט אין זיין, אין שעפונג ,אין לעבן און אטעם...

אבער דא איז דער שיינער חלום פארשוואונדן געווארן און ער האט דערוואכט...

די דערוואכונג

אויפגעוועקט האט אים א ווילדער געפילדער. עפעס באקאנטעס איז געווען אין דעם געפילדער, שוין כמעט פארגעסענעס און ווידער שרעק־לעכעס. אז ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין געלעגער אויף די פיס און ער האט זיך ווילד ארומגעקוקט און ער האט דערזען דאס באקאנטע און שרעק־לעכע... צום צווייטן מאל אין זיין לעבן! פון בארג, וואו דאס קליינע שטעטל האט זיך צעווארפן, איז געלאפן א המון, מענער, פרויען און קינדער האלב־געקליידעטע און ווילד צעפאטלטע, ווי א מחנה שדים, אוממענשן, באוואפנט מיט אלעם וואס זיי האבן געכאפט אויפן וועג פון זייערער אומ־געדולדיגער בלוט־דורשט, און אין פופציג שריט פון זיי איז געלאפן א גרויסער נעגער, ווי א גרויסער, שווארצער משוגענער און פארפאלגטער הונט לויפט, מיט אן ארויסגעלאזטן רויטן צונג צווישן צוויי גראבע און רויטע ליפן, פארפאלגט פון א מחנה הינט־שלעגער.

אין זונען־אונטערגאנג האבן די ווייסע הייזלעך אויפן בארג ארונטער־געקוקט אויף דער בהלה ווי א מחנה פון פייערדיגע טויבן מיט גאלדענע פליגלען. ווי א בליץ איז דורכגעלאפן פאר זיינע אויגן אן אנדער בילד, אבער א גלייך שרעקלעכעס: די פנימער פון דעם המון זעען אוים ווי ביי

די פּאָגראָמשטשיקעס דאָרט אין דער שטאָט, וואו זיין שווער איז געווען גובערנאַטאָר.

דיזעלבע שפּרינגענדע בלוט־דורשט, דיזעלבע ווילדע רציחה אין די אויגן. דאָס אַלטע פּיינלעכע בילד וואָס ברענט תמיד דעם מוח! נאָר דאָ איז אַ נעגער און דאָרט איז געווען אַן אַלטער איד.

דער אויסדרוק איז אָבער אַפילו ביי ביידע דערזעלבער, דערזעלבער טיערישער פּחד פון לעבן וועלכער לויפט פון גרויזאַמען טויט! און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער שטייט ניט דאָ אין דעם פרעמדן לאַנד, נאָר אין דער היים ביים פענצטער אין שווערס הויז, אין הויז פון גובערנאַטאָר, וועלכער האָט געהייסן מאַכן דעם פּאָגראָם.

דער נעגער איז פאַרשוואונדן און עס לויפט דער איד אין טויט־שרעק...

עס בליאַסקעט שוין איבער זיין קאָפּ דער שטאָל פון שטאַנג... ער לאָזט זיך אַרונטער אויפן אידנס שאַרבן און דער שאַרבן טראַסקעט און צעשפּאַלט זיך. און דער פּיין איז גרויס, אַזוי ווי מ׳וואָלט זיין אייגענעם שאַרבן צעשפּאַלטן. מאַרך און בלוט שפּריצן פונם צעשמעטערטן לעבן... און ער שטייט אַ צוגעקאָוועטער צום פענצטער, וויל לויפן, פאַרשטעלן דאָס לעבן פון טויט, שרייען, און ער קאָן ניט. פון ווייטאָג און שרעק, ווי אין פלאַמען שטייט ער אַליין און קוקט עס צו, און עס דויערט לאַנג, אַן אייביקייט...

אַט האָט דער המון שוין אַנגעיאָגט דעם נעגער. דער פירער פון זיי שווינגט שוין, ווי דאַן איבערן אידנס קאָפּ זיין מאָרד־געצייג... דאָס בלוט ווערט אויך איצט ביי אים פאַרגליווערט אין די אָדערן, ווי דאַן... דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ אין גאַנג און שטאַרבט...

אַזוי ווי דאָס מאָרד־געצייג וואָלט שוין געהאַנגען איבער זיין אייגענעם קאָפּ... דאָס לעבן נעמט אָבער צונויף אַלע כחות און דער פאַרפאָלגטער אַנטלויפט און לאָזט די פאַרפאָלגער ווידער ווייט הינטער זיך. נאָר זייער געשריי און געפילדער ווערט ווילדער און בלוט־דורשטיגער. און באַלד פאַר־שווינדן אַלע, דער פאַרפאָלגטער מיט די פאַרפאָלגטע אין טאָל, אַזוי ווי אין אָפּגרונט...

באַגאַבאַרעץ איז אַרויפגעלאָפן אויפן בריקל... דער נעגער לויפט גלייך אויף אים און בליאַסקעט אויף אים מיט צוויי שוואַרצע אויגן, ווי אַ פאַר־פאָלגטער וואָלף... אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער, דער ווייסער טייוול זאָל אים ניט פאַרהאַלטן און ניט אויסליפערן צו די פאַרפאָלגער...

באַגאַבאַרעץ איז אָפּגעשפּרונגען אַן אַ זייט...

און דער המון שרייט שוין אויף אים פונוויטנס און דראָט אים, אַזאַ ווילדער און וויטנדער...

ווי אַ בליץ איז דורכגעלאָפן אין זיין מוח זיין פרישער חלום...

אַט איז דער ערשטער נסיון, וועלכן ער האָט לאַנג געזוכט און דער־

ווארטעט... פאַר דעם נסיון האָט מען אים ערשט געטובלט און געזאַלבט, געגעבן די צונג און די שטימע פון „נביא״!

און ווידער האָט זיך אין אים אָנגעצונדן די זיסע און רוישיגע פרייד פון קיום, דיזעלבע צאַפּלענדע אומגעדולט, ווי אין חלום, אָט וועט ער אויס־קויפן זיין זינד פאַרן אידן, פאַר זיין ברודער, וועלכן ער האָט ניט פאַר־שטעלט, ניט געדרעטעט... ער וועט אויסוואַשן דעם ברענענדן פלעק פון זיין געוויסן און וועט זיך רייניגן אויף אייביג, רייניגן און הייליגן...

און מיט אַ צאָרניגן געשריי שפּרינגט ער צו זיין וואַך, אויף וועלכער עס ווייזט אים מיט דער האַנט די פאַר זיינע אויגן ווידער שוועבנדע יוחנן־געשטאַלט און פאַרשטעלט מיט ביידע הענט די אָנגעלאָפענע לינטשער דעם שמאָלן וועגן פון בריקל.

זיין דונערנדע שטימע האָט דעם ערשטן לינטשער איבערגעשראָקן און אָפּגעשטעלט. אָבער אין איין אויגנבליק זיינען אָנגעלאָפן די איבעריגע, נאָך מער וויטנדע אין זייער פאַרהאַלטענער בלוט־דורשט. ווי אַ מחנה טיגערן זיינען זיי אָנגעלאָפן.

ער שרייט אויף אַלע אין זיין גרויסן צאָרן, כאַפּט אָבער פּלוצים אַ קלאַפּ איבערן שאַרבן, וועלכער וואַרפט אים אום פון די פיס... אַזאַ האַרטן און אַזאַ פיינלעכן קלאַפּ, אַזוי ווי דאָס מאָרד־געצייג וואָלט דערלאַנגט איבער דער נשמה אליין...

דער שמערץ האָט געדויערט אָבער איין אויגנבליק... ער איז באַלד דערטרונקען געוואָרן אין דעם וואַרעמען בלוט, וואָס ער האָט דערפילט אויף זיך, און אין דער גרויסער און הייליגער פרייד מיטן געבראַכטן קרבן, מיט זיין אייגענער דערלייזונג, וועלכע האָט שוין געצאַפּלט אין דעם הייסן, פרישן בלוט, אין דער פרייד פון אַ געקרייציגטן...

— דעם נעגער וועלן זיי שוין נאָך אים ניט פאַרפאַלגן... און ניט לינטשן — לויפט ווי אַ בליץ דורכן מוח דער לעצטער און פאַרשפּעטיגטער געדאַנק.

דאָס בלוט אָבער, דאָס רויטע און צאַפּלענדע בלוט זיינס מאַכט דעם המון וואַנזיניג אין איר קאָכנדער רציחה און בלוט־דורשט... אַ קלאַפּ, נאָך אַ קלאַפּ... יעדערער האָט געמוזט אויסלעשן דעם בראַנד פון זיין רציחה...

און זיי האָבן אים געלינטשט...

* * *

אַז דער קערפּער זיינער האָט זיך אָבער אויסגעצויגן אין לעצטן לעבנס־ציטער, האָבן זיי זיך איבערגעשראָקן פאַרן פאַרברעכן און זיינען אַנטלאָפן צוריק אויפן באַרג... ווילדע און וואַנזיניגע זיינען זיי ווידער געלאָפן, ווי זיי זיינען געלאָפן פון באַרג.

און ווען די נאַכט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט מיט אירע שוואַרצע פליגל אויף דער ערד איז דער געלינטשטער אין טאָל צוריק לעבעדיג געוואָרן, איז

אויפגעשטאַנען פון דער ערד און האָט זיך אַ בלוטנדער און קרעכצנדער געלאָזט גיין אויפן באַרג צום שטעטל.

פון הויז צו הויז איז ער געגאַנגען, וואו עס האָט נאָר געלעבט אַ לינטשער, און ער האָט אים אַנגעקלאַפּט אין פענצטער און אויפגעוועקט...

און אַז דער אויפגעוועקטער פאַרברעכער האָט דערזען אין פענצטער זיין צעבלוטיגט פּנים, דעם פאַרגליווערטן צער פון זיין קרבן, איז ער אָפּגעשפּרונגען פון אים און מיטן ווילדן געשריי פון ערשטן וואַנזין, ווען דער מוח און די נשמה צעשפּאַלט זיך אויף צווייען.

פון הויז־צו־הויז, פון פענצטער־צו־פענצטער איז געגאַנגען דער געלינטשטער און מיט זיין קוק געוואָרפן אין די הייזער דעם שרעק פון אַן אויפגעשטאַנענעם פון קבר, געצונדן די הערצער און זיי געשליידערט אין אַ פּאַניק פון פאַרברעכערישן געוויסן.

מיט אַ בראַנד פון חרטה האָט ער אָנגעצונדן די נשמות, דאָס גאַנצע שטעטל און דער שלאָף איז אַוועק פון דעם שטעטל ווי פון סדום.

ווי וואַנזיניגע זיינען זיי אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע געלעגערס און זיינען געלאָפן פון די הייזער ווי פון פלאַמען, געטריבן פון איין שרעק און פון איין בייטש צו איין אָרט, צום בריקל אין טאָל, וואו דער געהרגעטער איז געלעגן.

ווי הינט זאַמלען זיך צונויף ביינאַכט אויף אַ בית עולם און נעמען זיך שפּאַלטן די לופט מיט זייער בילן, מיט די קלאָגן פון הינטיש געוויסן, אַזוי האָבן זיך די לינטשערס פאַרזאַמלט צוריק אַרום דעם הרוג און זיך גענומען קריגן און רייסן אין וואַנזין פון פאַרצווייפלונג, און פלאַמען פון חרטה. איינער האָט באַשולדיגט דעם צווייטן, איינער האָט געשליידערט דעם צווייטן דעם שרעקלעכן פאַרוואורף, און דעם ווייט און שרעקלעך־הילכענדן נאָמען: „מערדער"!

ביז אין זונען־אויפגאַנג האָבן זיך די וואַנזיניגע און פאַרשאַלטענע הינט געטומלט איבערן קערפּער פון געהרגעטן מאַן. אין ליכט פון טאָג איז אָבער דער מאָרד פאַר די פאַרברעכער, דער טויטער אויסגעוואַקסן אין אַ גרעסערער שרעק ווי אין דער שוואַרצער נאַכט.

באַגאַבאָרעצס אייביגע רו

אין טיף רוסלאַנד, אין איינער פון די גרויס־רוסישע גובערניעס, איז דאָ אַן אַלט דאָרף „סעדיעלניקאָווא", אַ ירושה־גוט פון דער משפּחה סעדיעלניקאָווס. דער גרינדער פון דער משפּחה און פון דאָרף איז געווען נאָך איינער פון יאַהאַן גראָזנים תּלינים, וועלכע האָבן אין דער רוסישער געשיכטע דעם שרעקלעכן און טרויעריגן נאָמען „אָפּריטשניקי" און „שוואַרצע מאה".

אין דעם דאָרף, אויפן קליינעם הויף פון אַן אַלטן פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער איז דאָ אַ גרויסע און טיפע שטיינערנע הייל, וואו עס געפינען

זיין אייביגער רו דער איידעלער גרינדער פון דער דינאַסטיע און דער גאַנצער דור זיינער ביז דעם נאָך לעבעדן עקס־גובערנאַטאָר און קאַמערהער סעדיעלניקאָוו. און צווישן די רוסישע דוואָריאַנינס אויפן הייליגן בית הקברות פון דער משפחה, וועלכער האָט ביז איצט געהאַט אַ קבר נאָר פאַר די ביינער פון אירע מיטגלידער אין דער טויטער קייט פון פאַרגליווערטע אַלטע עכט־רוסישע דוואָריאַנסקי און פּראַוואָסלאַוונע טראַדיציעס, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן פון יאָהאַן דעם גרויזאַמען און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי ניקאָלאַי דעם צווייטן, איז איינגעשמידט געוואָרן אַ נייער רינג...

דאָס איז דער קבר פונם איד ראַבינאָוויטש!
אָבער ווי אין לעבן טראָגט דער איד אַ פרעמדן נאָמען.
אויפן קבר אין קאַלטן שטיין איז אויסגעקריצט די ווערטער:

„דאָ האָט געפונען זיין אייביגע רו דער רוסישער דיכטער און דראַמאַטורג אַלעקסאַנדער גריגאָראָוויטש באַנאַבּאַרעז. געבוירן אין רוסלאַנד אין יאָר 1878, געפונען דעם טויט פון אַ מאַרטירער אין אַמעריקע אין יאָר—191.

די פאַמיליע סעדיעלניקאָוו האָט געגלויבט, אַז קיין גרעסערע ליבע און כבוד האָט זי דעם פאַרשטאָרבענעם מיטגליד אירן ניט געקענט אַרויסווייזן.

(ענדע)